STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08959

A ZEKSTER VELT-TEYL

Mosheh Efrati

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א זעקסטער וועלט-טייל

DONATED BY

HYMAN KRESNER

מ. סטבטיון

אַ זעקסטער וועלט-טייל

ראָמאַן

פאריז
1951

M. SAMBATYON: A ZEKSTER WELT-TEYL-ROMAN
UN SIXIÈME CONTINENT - A SIXTH CONTINENT
AVEC LE PORTRAIT DE L'AUTEUR
VI

*

נאָכדרוק אפילו טיילווייז פאַרווערט

*

הילע און שער-בלאַט געצייכנט פון אַ. קאַלניק

*

50 עקזעמפּלאַרן זענען געוואָרן געדרוקט
אויף פּאַפּיר HÉLIO געבונדן אין לייוונט
און געחתמעט פונעם מחבר

PRINTED IN FRANCE

IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS-X^e

דער מחבר ביי צוואַנציק יאָר

ווײַנענדיק אין פּאַריז, האָב איך געהאַט דאָס גליק זיך צו באַקענען מיט אײנעם פֿון די סאַמע נאָבלסטע פּערזענלעכקײטן, וואָס אַמעריקע האָט געשענקט דעם ייִדישן פֿאָלק. דאָס איז דער בעל נפש רחבה ויד פּתוחה, דער איבעראַל באַליבטער און געשעצטער ד״ר י. שאַפּיראָ, דירעקטאָר פֿאַר קולטור ענינים בײַם דזשוינט אין אײראָפּע און ישראל. אין די יאָרן, וואָס איך האָב געדרוקט מײַן ווערק, האָב איך געהאַט די געלעגנהײט פֿיל מאָל צו באַזוכן זײַן באַשײדענעם אַרבעטס-קאַבינעט אין דער דזשוינט אָפֿיצע און האָב יעדעס מאָל אויף דאָס נײַ באַוווּנדערט אַט די גרויסע קולטור-דיספּעטשערסקע און איר מוטיקן רב-החובל. יעדעס ספֿר, וואָס פֿלעגט אָפּגעדרוקט ווערן אין אײראָפּע און אין ישראל באותיות מרובעות, האָט געמוזט דורכגײן דורך זײַן טיש און דורך זײַנע שאַפֿעס, און כבקרת רועה עדרו, אַזוי פֿלעגט ער אַלץ קאָנטראָלירן און אַלץ טראָגן אויפֿן קאָפּ.

און טאַקע אים, מײַן בעסטן פֿרײַנד, דעם גרויסן ידען און חובב פֿונעם ייִדישן וואָרט, ד״ר י ה ו ד ה בן ר׳ שלמה ש אַ פּ י ר אָ, ווידמע איך דעם זעקסטן באַנד פֿון מײַן צענבענדיקן ראָמאַן.

א. סאַקטול

זעקסטער באַנד:

א פּארגעסענע טובה

ערשטער טייל

קאפיטל I

די ערב־פסחדיקע זון האָט זיך נישט געקענט צו זעט אָנקוקן אין דעם לאַנג דערוואַרטן יוצא מבית־האסורים. זי האָט געבלענדעט שלמהן די אויגן און אים נישט געלאָזט מאַכן קיין איין שפּאַן ווייטער פון דער מאַסיווער תפיסה־וואַנט.

ווען דאָס טירל פונעם לעצטן טויער האָט זיך פאַרקלאַפּט הינטער אים און די ערשטע צעמישונג איז איבערגעגאַנגען האָט שלמה געזען פאַר זיך אַ כמעט נאַקעט גערטנדל מיט אַ הילצערנעם פּלויט. פון יענער זייט פּלויט, אויפן טראָטואַר, גייען מענטשן, נאָר זייער ווייניק. דאָס שטיקל פּלאַץ פון לוקיאַנאָווקער געגנט איז אַ פאַרוואָרפן ווינקל. מענטשן מיידן אוים דאָ אַרומער דורכצוגיין, נאָך מער, איידער פאַרביי אַ בית־עלמין. די זון איז געשטאַנען אין זעניט, עס האָט ערשט געקערט זיין אַרום צוועלף אַ זייגער. אויפן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר, זעט ער, שטייט עפּעס אַ פרוי און האַלט אין איין קוקן אין טירל אַריין. ער קוקט זיך אום, צי מען רופט אים נישט צוריק, און לאָזט זיך לאַנגזאַם גיין. אַ ביסל דרייט זיך אים דער קאָפּ, די פיס זענען ווי גומענע, טרעטן נישט פעסט. ער פילט זיך עפּעס מאָדנע: אפשר ווייל ער איז אָפּגעוווינט צו גיין אָן אַ וועכטער, און אפשר פון שוואַכקייט... אָבער ווי מעג ער דאָס גיין אַזוי פאַמעלעך, אַז אין דער היים ווייסט מען נאָך פון גאָרנישט? ווי אַזוי זאָגט ער דאָרט אין „מלכים": „היום הזה, יום בשורה הוא, ואנחנו מחשים. וחכינו... ומצאנו עוון"... ניין, אַזוי טויג נישט! ער מוז אָנשטרענגען אַלע כוחות און זיך צואײַלן. שאַ, וואָס לויפט אַזוי די פרוי? וועמען האָט זי דאָ דערזען? ער קוקט זיך אום אויף צוריק און זעט נישט קיינעם. אוי, וויי! זי איז שיר נישט אַרונטער אונטער קיין אויטאָ! אַך, אָט די גרויסשטעטישע שפּרינגערינס, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן! עס האָט געפעלט נאָך איין אויגנבליק, און זי האָט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גל של עצמות. אָבער ווער שרייט עס דאָ? דאַכט זיך ווידער די זעלבע פרוי?

— גאָט מיינער!... דאַכט זיך, מיין זון!... שלמהלע, טייערער!...

שלמה קוקט זיך גוט איין און דערקענט אין יענער פרוי זיין מוטער. ער לויפט, זי לויפט, זיי פאַלן אַרויף איינער אויפן צווייטן. נישטאָ קיין ווערטער, נישטאָ קיין טרערן, נישטאָ קיין אָטעם! ס'איז גאָרנישט דאָ. זיי ליגן פאַרשטאַרבענע איינער אין דעם צווייטנס אָרעמס, פאַרגעסן דעם עולם ומלואו און דאָס דויערט אָן אַ שיעור צייט. ענדלעך רייסן זיי אָפּ מיט גוואַלד די זיך קלאַמערנדיקע פינגער, לאָזן זיך אָפּ, נישט גלייבנדיק די אייגענע אויגן באַטראַכטן זיי איינס דאָס אַנדערע און ווידער געקושט זיך, געוויינט, געדריקט צום האַרצן. נאָך אַ מאָל אַ קוק און ווידער זיך אַרומגעכאַפּט...

די מוטער רייסט זיך אַנטשלאָגן אָפּ פון אים, באַטאַפּט אים מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס און קרעכצט אַרויס:

— פּאָטער אין הימל, וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דיר?

שלמה ווישט אָפּ מיט די פינגער דער מוטערס באַקן:

— נישט געזאָרגט, מאַמע, אַ גרויסן דאַנק גאָט דערפאַר. ווי זאָגט מען דאָס? אַבי ביינער, פלייש וועט זיין... אַנדערע וואָלטן זיך געווונטשן אפילו אויף אַ טראַגבעטל —

— עס זאָל זיי נאָר נישט געשענקט ווערן, האַרציקער פּאָטער, דיין בלוט און מיינע טרערן. מען האָט דיך שטאַרק געשלאָגן? וואָס ביסטו געלעגן אין שפּיטאָל, נאָר דעם אמת זאָג...

— איי, מאַמע, לאָמיר איצט דערפון נישט רעדן. אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט. די אַלע שמועסן זענען איצט מוקצה, איצט דאַרפן מיר אַלע וויסן נאָר איין זאַך: דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין...

— מיר זאָל זיין פאַר דיין קאָפּ. דו רעדסט שוין אמת קלוג...

— מאַמעטשקע, טייערע, ווי קומסטו גראָד אַהער? אַזוי ווי מיין באַפרייאונג איז געקומען אומגעריכט און פּלוצלינג ביסטו נאָר אויך דאָ, דעריבער האָב איך דעם איינדרוק ווי דו וואָלסט אַלע זעקס חדשים געשטאַנען הינטער די טויערן פון מיינע טורמעס. פריער אויף יעליזאַוועטינסקע און דערנאָך אויף לוקיאַנאָווקע.

— דאָס איז נישט קיין גרויסע גוזמא, מיין זון. איצט זאָג מיר, פאַר וואָס מיינסטו עפּעס, אַז דאָס באַפרייען דיך איז אַ פּלוצעמדיקע זאַך?

— איך ווייס, פאַר וואָס? אַזוי ווייזט זיך מיר אויס...

— אַ שיינע מעשה, פּלוצעם גאָר... נאָך אייערנעכטן האָט דער אָבלפּראָקוראָר צוגעשיקט אַ באַפעל אין טורמע אַריין וועגן דיין באַפרייאונג. האָט מיר דיין אויספאָרשער באַלד געזאָגט: „לויפט צו דער טורמע, וועט איר אים באַגעגענען". בין איך אַוועק אַהין גלייך פון דער פּראָקוראַטור, אפילו אין דער היים נישט געזאָגט. געקומען אַהין, זאָגן זיי, אַז עס איז שוין שפּעט. אין קאַנצעלאַריע גרייט מען צו אַן עטאַפּ פון צוועלף הונדערט מענטשן, קען מען זיך מיט מיר נישט פאַרנעמען. איך זאָל קומען אויף מאָרגן ניין אין דער פרי — אויף נעכטן הייסט עס — דאַן וועט מען דיך באַפרייען, נאָך איידער מען וועט זיך נעמען פאַרן עטאַפּ. איך האָב דווקא געשריגן, געגוואַלדעוועט: „סטייטש, וואָס הייסט אַ באַפרייטער מענטש זאָל נעכטיקן אַן איבעריקע נאַכט אין טורמע?" נאָר מיט די רוצחים רעדט מען? זיי האָבן מיך פּשוט אָנגענומען פאַר די אַקסלען און אַרויסגעשטופּט פון דעם אויפנאַם־צימער. נעכטן, לכבוד אַזאַ גרויסן יום־טוב, איז דינה נישט געגאַנגען אין אינסטיטוט אַריין און אַוראַם אויך נישט. עס זענען דאָ געווען אַלע קינדער און דער טאַטע און דער זיידע — און ווער נישט? אַלע זענען מיר געקומען דיך באַגעגענען און אַזוי זענען מיר אָפּגעשטאַנען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, און — איין מאָל ניין! גאָט האָט געהאָלפן אַן עטאַפּ, ווילן זיי אפילו נישט רעדן מיט קיינעם. וואָס האָסטו צו קלערן? אויף אַריין איז די טיר ברייט, און אויף אַרויס — שמאָל. פאַר פאַרדרוס האָט דער טאַטע נעכטן אויף דער נאַכט אַזש געוויינט ווי אַ קליין קינד. דו

פאַרשטייסט אַ מעשה? ביי אונדז אין שטוב מאַכט זיך די טיר נישט צו, די גאַנצע וועלט האַלט אין איין גיין אָפּגעבן מזל־טוב מיטן גאַסט און דער גאַסט אַליין זיצט נאָך דערוויל אין טורמע און ווייסט גאָר נישט פון דער גאַנצער גדולה...

שלמה באַטראַכט די מוטער פון דער זייט: זיך שטאַרק געעלטערט פאַר דעם האַלבן יאָר... העכער אַ האַלבער קאָפּ האָר איז גרוי. דאָס פּנים — ווי איבערגעאַקערט. עס ווייזט אויס, אַז נישט נאָר ער איז געזעסן אין טורמע...

— מאַמע, ווען איז פּסח?

— אַה, דו ווייסט נישט? איבעראַכטאָג מיטוואָך אויף דער נאַכט איז דער ערשטער סדר. עס איז שוין ברוך־השם דאָ: אי מצות, אי וויין, אי אייער, אי עופות... מילא, אַ גאַנצן ווינטער, ווי אַזוי מען האָט נישט געשטי־קעוועט די פּרנסה, אָבער אויף יום־טוב האָט מען, ברוך השם, צוגעגרייט פון כל טוב, כיד המלך. נאָר דער עיקר איז, וואָס מיר האָבן דיך לעבן זיך, וועט שוין במילא מיט גאָטס הילף זיין אַ פרייליכער יום־טוב. אַך, ווען זיי ווייסן אין דער היים וועמען איך פיר מיט זיך...

— עס איז טאַקע אַ חידוש, וואָס זיי האָבן מיך אפילו היינט אַרויסגע־לאָזט. ווייל איך ווייס, אַז דער עטאַפּ איז נאָך אַלץ נישט אוועקגעגאַנגען.

— ער וועט נאָך איבערמאָרגן אויך נישט אַוועקגיין! ס'איז עפּעס אַ שפּילעכל צוגרייטן צוועלף הונדערט מענטשן? נאָר דו מיינסט, אַז זיי האָבן זיך אַליין דערמאָנט אין דיר? ווי דען? געטראָפן דאָס אָרט! דאָס זענען דאָך מענטשן אָן הערצער! וועד גייט דען אַרבעטן אין אַ טורמע? אַ רוצח, אַ גזלן. קיין לייטישער מענטש וועט נישט גיין, צוליב זיין שטיקל ברויט, אַרבעטן אין אַן אָרט, וווּ עס גיסן זיך טייכן טרערן און ריטשקעס בלוט... איך בין היינט אין דער פרי אַוועק אין דער פּראָקוראַטור, צעשטופּט אַלע וועכטערס און זיך אַריינגעריסן צום אָבל־פּראָקוראָר אין קאַבינעט אַריין מיט אַזאַ גוואַלד, אַז מען איז זיך צונויפגעלאָפן. איך האָב אים שוין דאָרט אָפּ־געגעבן, וואָס מיר איז געווען אויפן האַרצן... איך בין נישט אָפּגעטראָטן פון אים, ביז ער האָט פאַר מיר אין די אויגן נישט אָנגעקלונגען אין טורמע־קאַנצעלאַריע, און געזאָגט דעם נאַטשאַלניק, אַז אויב פּיאַטיגאָרסקי וועט ביז צוועלף ביי טאָג נישט זיין באַפרייט, ציט ער אים צו צו פאַראַנטוואָרט־לעכקייט. פון קיינע עטאַפּן זאָל ער אים נישט דערציילן, דאָס אינטערעסירט אים נישט. וואָס דען מיינסטו? ביי די הינט, וואָס מען רייסט נישט אַרויס מיט גוואַלד, האָט מען נישט... נאָר אַלץ איז כדאי, אַבי איך האָב דיך!... יאָ, זאָג מיר, צו וואָס האָט דיר געטויגט שלעפּן מיט זיך דעם קלומעק אַהיים? ס'איז דאָרט נישט געווען וועמען אים איבערצולאָזן?

— מאַמע, כ'האָב דען געוווסט וווהין מען נעמט מיך? איך האָב גיכער געגלייבט, אַז צו קירסטן איידער אַהיים...

— אַ מכה דער מאַמען זיינער, אין בויך און אין אַלע געדערים. נאָך ווייניק זיך געגנוקמט? נאָך ווייניק בלוט אָפּגעצאַפּט?

— איי, כאַפּט אים דער רוח, עס זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ. מעגסט אים

אויך מקנא זיין, ער האָט ביי מיר קיין האָניק נישט געלעקט, נישט ער, נישט זיינע באַהעלפערס...

— ימח שמו וזכרו! זאָל ער זיין די כפרה פאַר דיין מינדסטן נאָגל...

זיי זעצן זיך איבער פון איין טראַמוויי אויפן צווייטן. באַלד איז שוין סאָלאָמינקע. שלמהן ווילט זיך אַזוי פרעגן ביי איר, ווען האָט זי צום לעצטן מאָל געזען פּאָלין, נאָר ער האָט מורא, אַז אַזאַ פראַגע צום ערשטן ארויספּאַר קען די מוטער באַליידיקן, און ער איז גובר דעם חשק, פרעגט טאַקע נישט.

אַראָפּגעגאַנגען פונעם טראַמוויי נומער 8, לאָזט זיך די מוטער לויפן ווי אַ קליין מיידעלע כדי די ערשטע אָנזאָגן די בשורה אין שטוב. צווישן די קלייטלעך באַמערקט מען אים אויך. שכנים לויפן אַקעגן, כאַפּן אויס ביי אים דעם קלומעק. מען דריקט אים די הענט, אַנדערע וואָס שעמען זיך נישט — קושן זיי. די כוואַליע טראָגט אים אריין אין שטוב אריין... פאַר זיינע אויגן איז ווידער זיין היים. דער הייליקער סקווירער רבי פונעם פּאָרטרעט גיט אים אָפּ דעם ערשטן „שלום־עליכם". דער פּאָרטרעט שמייכלט צו אים מיט אַ ליטוזעליק בנעימותדיק שמייכעלע:

— קום, קום, אריין, עס זענען דאָ בלויז היימישע מענטשן, שרעק זיך נישט!...

זיינע אויגן זענען פול מיט טרערן. ער גיט אַ קוש די מזוזה און רייסט זיך אָפּ פון דער שוועל. אין איין הרף־עין ווערט ער ארומגעכאַפּט פון דעם טאַטן, פון די קינדער. טרערן, קושערייען און נאָך אַ מאָל טרערן. שיינדעלע, יונהלע, האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין זיינע קני און טרעטן נישט אָפּ אויף קיין שריט. די טיר איז ברייט צעעפנט ווי נאָכן אריינפירן די חתן־כלה פון דער חופה. עס איז אַ צונויפלויף פון גאַנץ סאָלאָמינקע. אַלע נעמען אים ארום, אַלע קושן אים. ווי אַ ספר־תורה, צו „הקפות", אין דער ווייבערשער שול, אַזוי ווערט ער איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט און פון מויל צו מויל. שלמה רעאַגירט אויף גאָרנישט, אין זיין מח זיך נאָר אַ שפּלי־טער פון אַ האַלב־פאַרגעסענעם מאמר חז"ל: „מאי תלפיות? — תל שכל הפיות פונים אליו"... אָבער אויך דער געדאַנק ווערט צעשוווימען ווי אַ נעפּל: פאַר אים שוועבט אַן אומענדלעכער מישמאַש פון פנימער, צעשמייכלטע, פאַרטרערטע. ווען דער אָנגריף ווערט אויף אַ ווייַלע שוואַכער, קוקט זיך שלמה ארום. ערשט איצט באַמערקט ער, אַז דער פאָטער האָט זיך אויך היפּשלעך געענדערט: דאָס פנים אויסגעמוטשעט, מאָגער. שלמה רייסט זיך אויס פונעם רעדל ידידים, וואָס האָבן אים ארומגעשטעלט, לויפט צו צו אים, האַלדזט אים, קושט אים און ביידע וויינען פאַר פרייד.

— אוי, שלמה, איז אויף דיין פנים אויסגעקריצט, אַז דו האָסט געהאַט פיל־פיל אויסצושטיין.

— טאַטע, אל תקרי חרות, אלא — חירות*...

און גלעטנדיק אים:

* נישט אויסגעקריצט, נאָר באַפרייט. אַ ווערטערשפּיל. פון דער גמרא.

— וואָס זשע, זים טאַטעלע מיינס, אַזוי שלעכט זע איך דען אוים?

— אויף קירסטן געזאָגט געוואָרן און אויף זיינע קינדס-קינדער. דו ביסט גל אַזוי ווי וואקס.

— עס איז פון ווייניק זיין אויף דער פרישער לופט. נישקשה, ס׳וועט איבערגיין. עט, נאַרישקייטן. דער עיקר איז, אבי: „וגבר ישראל״!

— אודאי דאַנקען גאָט דערפאַר, איך זינדיק דען חלילה? איך האָב נישט די ווערט די חסדים וואָס השם-יתברך טוט מיט מיר. איך זאָג נאָר, אַז קודם כל ועסטו זיך דאַרפן גרונטלעך פאַרריכטן. נישט אַזוי גרינג וועסטו אויסקאָרטשעווען די טורמע פון דיינע ביינער... די נאַלווייענישן קע־נען אַ מאָל זיין ערגער פון דער קרענק אַליין... שמשא בתר מיטרא, כתרי מיטרא דמיא*. דו מוזסט זיך גוט, גוט פּאָפּראַווען...

— כ׳העד שוין היינט די דאָזיקע עצה צום צווייטן מאָל.

— ווער נאָך האָט דאָס דיר געזאָגט?

— איינער אַ מענטש... דו קענסט אים נישט... אַ קריסט...

— אַ קריסט גאָר? אַ דאָרטיקער, הייסט עס?

— יאָ... אַ דאָרטיקער...

די מוטער קערט איבער די קיך. זי וויל, אַז אין איין אויגנבליק זאָל אַלץ מיט אַ מאָל אויפקאָכן.

שלמה מאַכט חוזק פון איר:

— צו וואָס דאַרף מען דאָס? ער איז דען הונגעריק?

פּלוצלינג דערמאַנט ער זיך אין עפּעס, פון זיין ברוסט רייסט זיך אַרוים אַ ווילדער געשריי:

— גוואַלד, מיינע תפילין גיט מיר!...

ער פאַרשפּאַרט זיך אין אַלקער, נעמט אַרוים זיינע תפילין פון זעקעלע, זיי זענען פריש אָפּגעשוואַרצט, געקריגן נייע רצועות. ווייזט אוים, אַז דער פאָטער האָט דאָס געלאָזט מאַכן ספּעציעל צו זיין קומען. דער לאַק האָט נאָך נישט רעכט אויסגעטריקנט. ער דריקט זיי צו צום האַרצן, קושט זיי, וויינט און קושט זיי ווידער. ער טוט זיי אָן און פאַרגייט זיך פאַר געוויין. אין שטוב, הערט ער: דער עולם וואַקסט. מען גייט אויף די טרעפּ אָן און אויפהער, נאָר מען שטערט אים נישט דאָס דאַווענען. ער לייענט אָפּ קריאת־שמע אין די תפילין, זאָגט אָפּ „תמניא־אפּי״ און טוט זיי אוים. ערשטנס, געדאַווענט האָט ער אין קאַמער באַלד נאָכן אויפשטיין. צווייטנס, מענטשן וואַרטן אויף אים, גדול כבוד הבריות...

אויפגעעפנט די טיר, ווערט ער אונטערגעכאַפּט פון אַ פרישער כוואַ־ליע: ס׳איז געקומען דער זיידע, מנשה איז געקומען. דינה פונעם אינסטי־טוט, זי איז אַוועק אין מיטן דער לעקציע, דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דער גאַסט איז שוין אין דער היים. עס זענען געקומען חברים: גאָרדאָן,

---

* אַ זון נאָך אַ רעגן, באַשטייט פאַר צוויי רעגנס. פון מסכת תענית.

ניסן פייגנבוים מיט טאָניען, קלאָדניצקי, סעגאַל און אַדלער. אַלעמענס אויגן רעדן מיט פרייד, מיט גליק, מיט אומבאַגרענעצטער ליבע.

שלמה נעמט אַרום זיין זיידן און גייט מיט אים אָפּ אין אַ ווינקל:

— וואָס מאַכט איר גוטס, מיין טייערער זיידע?

— עט, אַזוי זיך. איצט בין איך אַ בעל־שמחה... כ׳האָב שוין גלייב מיר, קוים דערצויגן מיט דער נשמה...

— איר האָט זיך שטאַרק געעלטערט פאַר היינטיקן ווינטער, זיידע, וואָס איז די מעשה?

— דו ווייסט נישט, וואָס איז די מעשה? אַז מען איז אַלט אַריבער די שבעים און מען האָט נאָך דערצו אַן אייניקל אין „זייערע" הענט און נאָך מיט אַזאַ פּעקל, איז גאַנץ פּשוט, אַז מען קען פון אַזעלכע תענוגים יינגער נישט ווערן...

— ווי אַזוי איז מיט פּרנסה?

— נישט צו פאַרזינדיקן... ברוך ד׳ יום יום... כאָטש ס׳איז היינט שטאַרק שפּלדיק ביים גאַנצן עולם, שטאַרק, שטאַרק פּלאַטשיק און במילא אויך ביי מיר... אָבער וויפל דאַרף דען האָבן אַן אַלטער ייד, איין מענטש? די לו בקב חרובין...

— פאַר וואָס זאָגט איר, איז ביים עולם שפּלדיק?

— שטאַרק „שבשפלנו"! וואָס ווילסטו? ס׳איז דאָך עפּעס אַ הונגער אויף דער וועלט, אַ שנת בצורת...

— טאַקע — אַ הונגער?

— אַלץ הייסט אַ הונגער? מיום בריאת שמים וארץ איז נאָך, דאַכט זיך, אַזאַ הונגער נישט געווען... צו דיר אַהינצו איז ער נישט דערגאַנגען... די טורמע האָט גראָבע ווענט... און בדיעבד איז זייער גליך, וואָס וואָלט עס געגעבן?

— יאָ, זיידע. דער הונגער הענגט ביי אייך אויפן פּנים...

— ניין, קינד מיינס, ס׳איז נישט דערפאַר. פּשוט איבער דיין „ישיבה של מעלה" איז אויף מיר מקוים געוואָרן: „קפצה עליו זקנה". און אָט דאָס בעטן מיר טאַקע אַזוי פיל מאָל אין יאָר: „אל תשליכני לעת זקנה"... „גיב מיך נישט קיין וואָרף צו דער עלטער מיט אַ מאָל, זאָל דאָס קומען בהדרגה־דיק, אַזוי ווי דער סדר העולם איז"...

— נישט געזאָרגט, זיידע. אַזוי ווי אייער „זקנה שקפצה" איז געווען אַ „תלויה בדבר", איז דערפאַר איצט, „בטל דבר בטלה זקנה"... איר מעגט זיין פריילעך, איר האָט אַ געשענקט אייניקל...

שלמה לאָזט אַרויס פון די אָרעמס דעם זיידן און שלעפּט אַוועק פונעם עולם מאיר סעגאַל.

— נו, יורש־עצר מיינער, וואָס הערט זיך עפּעס אין דער תלמוד תורה? וועגן דיינע פּריוואַטע עסקים פרעג איך אפילו נישט, ווייל איך ווייס, אַז דאָס איז ביי דיר שטענדיק אַ סוד...

— פאַר וואָס עפּעס איז ביי מיר אַ סוד?

— פאַר וואָס, ווייס איך נישט... דאָס דאַרפסטו פרעגן ביי זיך... בקיצור, ס'איז נישט קיין סוד? איז דאָך אודאי גוט... איז וואָס זשע הערט זיך אין תלמוד־תורה? איר האָט צוגענומען נייע מלמדים?

— נאָך נייע וואָלסטו געוואָלט זאָל מען צונעמען? על הראשונים אנו מצטערים *...

שלמה, פאַרווונדערט:

— טאַקע מצטערים ממש?

— עס רעדט זיך אַזוי... אָבער גלייב מיר, יעדער גראָשן קומט אָן מיט גרינע ווערעם, ממש — קריעת ים־סוף...

— וואָס זשע, איבערן הונגער איז די לאַגע שמאָל?

— דו שטעלסט זיך דען פאַר? שמעלער קען נישט זיין!

— הייסט עס, נאָך שמעלער ווי דאַמאָלסט, ווען איך בין געשטאַנען ביים רודער?

— איי, רעד נישט, דו ביסט אַ לועג לרש... דו ווייסט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, ווייסטו?

— נו און ביי גאַרדאַנען פון דער מקוה, בלייבט גאַרנישט קיין מותרות?

— מותרות ווילסטו נאָך? די לו להפקיע את עצמו **...

— נו און וואָס איז מיט ר' עזריאל־בנימין פערלמוטער? ער איז דאָך אַליין אַ גביר־אדיר און איז אויסגעקאָכט מיט די אַלע בעלי־תריסן... *** מיט די אַלע וועלכע מיר טיטולירן כסדר: עבברא דשכבי אדינרא... ****

— איי, לאָז מיך צו רו מיט דיין עזריאלקען... לכתחילה האָבן מיר אַלע געמיינט, אַז מען וועט זיך קענען אויף אים אָנשפּאַרן, צום סוף — לא היו דברים מעולם... שוין איין מאָל אַ תכשיט, אַ חזירענע אַ גוטער...

— ש־ש־ש!... אויף אַ ייִדן אַ בעל־שיבה זאָגט מען אַזוי? און אויב ער גיט ווייניקער וויפל איר האָט געהאָט אַ השגה? צי אויב ס'איז אים שווער אַרומצוגיין פון אייערט וועגן, רופט מען שוין יענעם אָן מיט אַזאַ מיאוסן —

— דו האָסט אַ שטיקל טעות... נישט ער גיט ווייניקער פון אונדזער השגה, נאָר ער גיט קיין גרייצער נישט, און וויל זיך נישט מטריח זיין לטובת־העניין אפילו קיין פסיעה קטנה, און ווי באַלד אַזוי, איז דאָך דאָס אַ בפירושער דין אין דער תורה: פרסה לא יפרים וגרה לא יגר ***** — טמא הוא לכם!

שלמה בייזערט זיך כלומרשט און שמייכלט:

---

* די ערשטע טוען אונדז באַנג.

** געמיינט — געגנוג, פאַר אים אויב ער שלאָגט זיך אויס די אייגענע הוצאות.

*** דאָ געמיינט: די יידן מיט די גרויסע אפותיקעס.

**** אַ מויז וואָס ליגט אויף רענדלעך. געמיינט: אַ קמצן וואָס האָט אַליין קיין הנאה נישט פון זיין געלט, און לאָזט יענעם אויך קיין הנאה נישט האָבן.

***** אַ ווערטערשפּיל. בדרך הלצה געמיינט: „ער מאַכט נישט קיין שפּאַן ביי עמעצן צו נעמען און אַליין גיט ער אויך נישט קיין גראָשן.

— נו, און ווו זענען עפּעס די סקאָרבאָווע עוסקים בצרכי צבור ? פאַר מיין אָוועקפאָרן קיין מאָסקווע האָבן דאָך אַזוי פיל מענטשן צוגעזאָגט צו שטיצן —

— דו ביסט ערשט געוואָר געוואָרן דעם פּרייז פון ענלעכע צוזאָגעכצן ? אַזוי איז דאָך שוין די וועלט אָוועקגעשטעלט געוואָרן : אַז מען האַלט ביי „ברוך שאמר" — איז : „והיה העולם", איז דאָ דער גאַנצער עולם. אָבער ווי עס קומט נאָר צו „ברוך משלם", איז... איך דאַרף דיר דערציילן ? און אַליין, הייסט עס, ווייסטו נישט ?

— אָבער אַז מען גייט שוין אַריין צום בעל־הבית, גיט ער יאָ די עט־לעכע רובל ?

— ווער גיט ? וואָס גיט ? עס קריכן אַרויס די אויגן פונעם קאָפּ, ביז מען דערלעבט זען, אַז ער לייגט שוין אַריין די האַנט אין קעשענע... אַז איך זאָג דיר, עס קומט אָן מיט געברענטע ליידן יעדער גראָשן, מעגסטו מיר הייליק גלייבן... איך בין פון דער טבע נישט קיין בעל־מגזם...

— וואָס זשע זאָגן זיי ? אַלץ דער הונגער ?

— פאַרקערט, נישט ביי יעדן פילט זיך דער הונגער. אָבער דו ווייסט נישט ? אַז ס'איז דאָ אַזאַ גאָלדענער תירוץ, נוצט זיך מיט אים יעדער...

— ביי אונדזערע זיידעס, אַז זיי פלעגן אַריינקומען צו אַ בעל־הבית נאָך מעות־חטים און יענער האָט זיך אָנגעהויבן קרומען : „ער האָט נישט", „ער פאַרדינט נישט", פלעגן זיי אים זאָגן מיטן האַרבן וואָרט : אײנס פון די ביידע, אָדער נעם, אָדער גיב...

— וואָס גלייבסטו אַמאָליקע דורות צו היינטיקע ? דאַמאָלסט זענען געווען אַנדערע געבערדס און אַנדערע געמערס...

— נו, און באַלצער האָט דאָך עפּעס צוגעזאָגט קורחס אוצרות... ער וועט נעמען ביי די דאָקטוירים... קאָנספּיראַטיוו...

— איי, ס'איז מיר אַ בזיון צו הערן פון דיר אַזעלכע רייד... באַלצער האָט מיט זיין פּה־קדוש צוגעזאָגט... ביסט נישט קליין געווען אויפן אָרט צו פאַרשטייען, אַז : „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה"... ביסט עפּעס געוואָרן אַזוי נאַאיוו... באַלצער האָט געזאָגט... אַז יענץ איז גאָר בכלל אַ מענטש שכל דבריו שקר וכזב...

— אָבער דער דאָזיקער בעל־הבית, וואָס גיט שוין יאָ די עטלעכע גראָשן, מעג דאָך זיך מטריח זיין און נעמען ביי זיינע קרובים אָדער באַ־קאַנטע אויך וויפל עס איז מעגלעך...

— מעגן אפשר מעגן זיי, אָבער זיי ווילן נישט... עס טוט זיך זיי נישט נייטיק אַרומגיין מיט דער פּאַטשיילע צוליב אַזאַ „נאַרישקייט"... דו קענסט נישט דעם מין בעלי־בתים ? דאָס זענען פון די וואָס : „מיהיב יהבי, מישקל לא שקילי" *. אַזעלכע זענען זיי און טו זיי עפּעס...

---

* גיבן גיט ער, נעמען נעמט ער נישט.

— נו, און די גבאים פון קופּעטשעסקע־שול האָבן דאָך פייערלעך צוגע־זאָגט: אָפּשפּאָרן, איינשפּאָרן...

— אָט זעסטו, דאָ האָסטו דווקא געטראָפן דאָס אָרט! די גבאים האָבן צוגעזאָגט! דאָס זענען עפּעס מענטשן בעלי אחריות? זיי קענען דיר צוזאָגן גאָלדענע בערג און אַז עס קומט צום ציילן... וויים איך, ס'איז דאָ פון וועמען צו רעדן... קיי און שפּיי...

— בארעכן נאָר, הייסט עס, פון אַלע „אייזערנע ווענט" האָבן זיך אויס־געלאָזט חלומות... טאַקע ווי דאָס ווערטל זאָגט: פון „וכך היה אומר", ביז „וכך היה מונה" פאַלט מען זיבן מאָל כורעים... אָבער ווי אַזוי זשע פאַרט דרייט איר דאָס רעדל?

— אָט אַזוי־אָ... מ'איז טאַקע אין דער ערד מיט די זאַכן... כ'האָב מיך פאַרשוולדיקט, אַז די האַר זענען נישט מיינע... דו פרעגסט — ווי אַזוי? אונדזערע אייגענע חברה־לייט לויפן אַרום איבער די הייזער ווי די פאַר־סמטע מייז. ווער עס גיט — מה טוב, ווער נישט — איז אויך פאַרפאַלן! מיר „סיסן" נישט פאַר אַזעלכע זאַכן... איי, כ'בעט דיך, דערפרעג זיך בע־סער ווייניקער. וואָס האָסטו צו קלערן? ס'איז אַ מחיה־בזויה און שוין... מיר זענען שוין אונדזערע „תומכים" אַזוי נמאס געוואָרן, אַז ס'איז מיט ניסים, וואָס מען לאָזט אונדז נאָך אַריבערטרעטן די שוועל. האָסט נישט געהערט דעם טייטש: „חכמת המסכן בזויה", טייטשט מען: המסכן, מלשון „ההסכן הסכנתי", כלומר: דער וואָס מען איז מיט אים שוין שטאַרק גע־ווינט, האַלט מען נישט פון אים און נישט פון זיינע חכמות...

— נו, און הקומץ משביע את הארי*? אַז מען שוואַרצט זיך שוין אַזוי דאָס פּנים —

— ווי אַזוי קען ער משביע זיין? און אין די גוטע יאָרן האָט דען יאָ געקלעקט? דו האָסט שוין פאַרגעסן ווי דו פלעגסט זיך קלאָגן פאַר אונדז, אַז דיין סוכהלע איז „חמתה מרובה מצלתה"**?

— ווי אַזוי זשע דען? איכה תרעה, איכה תרביץ?

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? איך בין אַריינגעקראָכן אין פּראָצענט צאָלן... די עיסקא עסט אונדז אויף מיט די ביינער...

— פּראָצענט? פאַר אויסהאַלטן אַ תלמוד־תורה — פּראָצענט? סטייטש, ס'איז דאָך אַ בפירושער דין: ריבית ואונאה להדיוט, ואין ריבית ואונאה להקדש?

— כ'פאַרשטיי נישט, וואָס דו חידושסט זיך אַזוי... פּראָצענט, פּראָ־צענט! ריבית און ריבית דריבית...

— שיין זיך אויסגעהאַנדלט, מען קען נישט זאָגן... אָבער זיי פּילן כאַטש, די דברים־אחרים, די בלוט־זויגערס, אַז זיי באַגייען אַ פאַרברעכן...

---

* „די זשמעניע זעט אָן דעם לייב". פון דער גמרא.

** „מער זון ווי שאָטן". אין הלכות סוכה ווערט געפּסקנט: אַ סוכה וואָס איר סכך איז אַזוי שיטער, אַז ס'איז דאָ מער זון ווי שאָטן, איז זי פּסול.

— א שאלה צי זיי פילן? מען מוז זיי נאך טראגן אקעגן דעם „גוט־מארגן" פאר א מייל... און נישט נאר זיי, נאר אויך זייערע ווייבער, זייערע איידעמס, זייערע שנורן וכל צבאם...

— א רוח אין זייער הארץ אריין, פיאווקעס! מען מוז, זאגסטו — און אז נישט?

— און אז נישט? וועלן זיי דאס צווייטע מאל געבן א פייג, נישט קיין געלט... און אז נישט, פרעגט ער... ס'איז ביי דיר א נייעס, אז: „עבד לוה לאיש מלוה"?

— נו, און דו האסט נישט געפרווט בעסער קריגן קיין גמילות־חסדים, ביי דעם א ביסל, ביי יענעם א ביסל... איידער צאלן עיסקא איז דאך ליימישער —

— ווער וועט מיר לייען? שוטה דו! וואס איז, מען ווייסט נישט, מיינסטו, אז ביי נאש־בראט איז דאס א גמילות־חסד של אמת, אזוי ווי ביי א בר מינן להבדיל?... און כאטש דאס קען האבן דעם דין פון א מת־מצוה, דאך וויל קיינער נישט אנטלייען אזעלכן, וואס וועט מיט גאטס הילף זיכער נישט האבן פון וואנען אפצוגעבן...

שלמה גיט סעגאלן א קלאפ אין פלייצע:

— נישקשה, נישט געזארגט, עס וועט נאך אלץ זיין גוט. עפעס האט זיך דאך אומגעקערט פון אורלויב דער גענעראל פונעם ארדן — מיט אט דעם טיטל האבן מיך דארט געקרוינט די שדים מיט די רויט־בלאע פעט־ליצעס... אפשר נישט בכבודיק, הא?

פארביי זייער ווינקל איז דורכגעגאנגען יוסף גארדאן. שלמה האט אים צוגערופן מיטן ווונק:

— וואס הערט זיך עפעס, יאסעלע?

— וואס זאל זיך הערן? מען ארבעט, מען ווערט פארשווארצט...

— אט דער מענטש האט דיר א טבע, אייביק נאר ער קלאגט זיך... מה יתן לך ומה יוסיף לך? שבת ארבעטסטו דאך נישט?

— איך ארבעט זונטיק אויך נישט, נישט נאר שבת...

— פאר וואס עפעס? וואס איז זונטיק פאר א יום־טוב פורים אויף דיר?

— איך פארשטיי נישט דיין ווילדע קשיא! זונטיק איז דער אלגעמיינער אפרו־טאג! יום־טוב שני של גליות...

אלע דריי האבן זיך צעלאכט פון גארדאנס געלונגענער מליצה און זע־נען צוגעגאנגען צום גרעסערן רעדל מיט געסט, וו אלע חברים זענען גע־שטאנען. שלמה לייגט ארויף זיינע הענט אויף אדלערס מיט קלאדניצקיס אקסלען און דריקט זיי צו צו זיך:

— טייערע ברידערלעך, אונדזער דאמאלסטדיקער אויפטו מיט די קור־סאנטן האט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו שטיין איצט מיט אייך...

— זאג נישט אונדזער אויפטו, ווייל ער איז געווען נאר דיינער, נישט קיינעמס, מיר זענען נאר געווען דיינע שליחים.

— יוסף, און ווו איז ערגעץ משה פרידמאַן? נישט אָנגעשטאַנען צו קומען?

— משה איז עפּעס נישט געזונט, אודאי געפּאַקט ערגעץ אַ גריפּע אָדער סתם זיך צוגעקילט, דערצו נאָך וווינט ער ווייט, מן־הסתם ווייסט ער נאָך נישט.

— וואָס הייסט, ער וווינט ווייט? ער וווינט שוין נישט אויף סטאָלי־פּינסקע־גאַס?

— ער האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה! שאַ, דו ווייסט דאָך נאָך אפילו נישט, אַז ער האָט חתונה געהאַט?

— ווער? משה פרידמאַן האָט חתונה געהאַט? וואָס זשע שווייגט איר?

— ווען זשע האָבן מיר שוין געהאַט צייט צו שרייען?

— פאַר וועמען זשע האָט ער חתונה געהאַט?

— פאַר אַ כאַרקאָווער מיידל, דו קענסט זי נישט.

— וואָס זשע רעדסטו עפּעס דערפון מיט אַ ניגון פון קינות?

— ביסט ערשט אַריינגעקומען נאָך אַזאַ וועג און הייבסט זיך שוין אָן צו טשעפּען? מיט וואָס פאַר אַ ניגון ווילסטו זאָל איך רעדן?

— יוסף, משה פרידמאַן איז דאָך דיינער אַ לאַנדסמאַן און אַ גוטער חבר. און עס איז דאָך חוץ אַלעמען עפּעס פרידמאַן און דו רעדסט פון זיין חתונה האָבן מיט אַ טרויעריקער שטימע, מיך וועסטו נישט אָפּנאַרן, איך בין אַ מבין אויף אַ טשאַד. זאָג, וואָס איז די מעשה?

— קיין שום מעשה נישט. קיין קאַמערטאָן טראָג איך ביי זיך נישט.

— סעגאַל, זאָג דו, וואָס איז געשען מיט פרידמאַנען?

— גאָרנישט. ער איז עפּעס צוגעקילט. מאָרגן, אַז מיר וועלן דערלעבן, וועט ער זיכער צו דיר קומען.

— נישט דאָס פרעג איך. כ'וויל וויסן: וואָס איז מיט זיין שידוך?

— מיטן שידוך? גאָרנישט. וואָס דאַרף זיין? נישט מער, ער האָט עפּעס נישט אַזוי וואַזשנע געטראָפן מיט איר... ווערדליק משה, איז אים גע־קומען עפּעס אַ פיינערס... כ'וויים? וועסט אַליין זען...

— וואָס זשע פעלט איר?

— וואָס איר פעלט? עס פעלט איר דאַכט זיך גאָרנישט. פאַרקערט, זי האָט נאָך איבעריקס...

— וואָס הייסט איבעריקס?

— ווען זי זאָל זיין אַ ביסל וויניקער קלוג און אַ ביסל אַ קלענערער עקשן, וואָלט שוין געווען אַלץ גוט... און אַזוי מאַטערט ער זיך נעבעך...

— שוין לאַנג, אַז ער האָט געכאַפּט דאָס גליק?

— שוין אודאי אַ חדשים דריי, אפשר עפּעס וויניקער.

— ווו זשע וווינט ער היינט?

— אַזש אויף שטשעקאָוויצקע־גאַס...

— אַ־אַ! אין צווייטן עק שטאָט. פאַר וואָס האָט ער זיך פאַרקליבן אַזוי ווייט?

— זיין שוועד האָט אים דאָרט געקויפט א צימער.
— נישט געקענט קריגן נעענטער אין שטאָט אריין?
— ווייזט אויס, אז ניין, אויב מען האָט נישט געקריגן.
— און ווי אזוי איז זיין גענויער אַדרעס?
— שטשעקאָוויצקע 95, וווינונג 13. אין פליגל, אויפן דריטן שטאָק.
שלמה האָט פארנעמען קלאַדניצקען אויף א זייט און א צערודערטער געזאָגט:
— הערסטו שמעון, איך בין אזוי צעקאָכט... איך קען גאָר נישט משיג זיין: משה שפקח היה, מה ראה לשטות זה?
שמעונס אויגן גיבן אומפריינטלעך א פינקל:
— יונגערמאַן, מען וואָלט דאַכט זיך ביי דיר אליין געקענט מאָנען אן ענטפער אויף אזא פראגע, הא?
שלמה דערלאַנגט אים א לייכט פעטשל איבער די ליפּן:
— שווייג, דו עזות מחוצף־פנים! איצט טאָר מען נאָך צו מיר אזוי נישט רעדן... עוד המלך במסבו... ניין, כ׳מיין אָן געלעכטער, וואָס זאָגסטו? ווי קומט ער —
— ווער ווייסט אים? פשוט נכנסה בו רוח שטות...
— אומגלויבלעך, אומגלויבלעך... נישט מיר, נישט דיר, הייסט עס, נאָר סתם: ראה מציאה ונפל עליה, הא?
— וואָלט עס כאָטש געווען א מציאה, וואָלט שוין דער פארדרוס נישט געווען אזוי גרויס, אָבער אז ער פּאַסט איר — כנזם זהב באף חזיר... דו זאָגסט: נפל", ווער ווייסט ביי זיי, ווער עס איז דער נופל — ער, צי זי... לפי עניית דעתי זענען זיי ביידע ארייננעפאַלן, ווייל ס׳איז לא ראוי זה בראוי זה...
— איי, א וועלט מיט וועלטעלעך... הם! א שאָד, א שאָד... מ־נע!...

קאפיטל II

אין שטוב זענען אלע צוגעקומען פרישע געסט. די טיר האָט זיך גע־האַלטן אין איין עפענען און פאַרמאַכן, ווי אויף אַ וואָקזאַל. יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר אַ חוב זיך צו צעקושן מיט שלמהן. עס זענען געווען אַפילו אומבאַקאַנטע, וואָס שלמה האָט זיי געזען צום ערשטן מאָל, אַ פּנים, פרישע צוגעקומענע פריינד, פאַרן לעצטן האַלבן יאָר. שלמהן האָט גאָרנישט גע־האָלפן, ער האָט געמוזט אונטער דער השגחה פון אפשר הונדערט אויגן זיך זעצן עסן זיין סעודת יום־טוב, פאַרזוכן אַ וואַרימען תבשיל נאָך אַזאַ גרויסן הפסק. די מאַמע האָט אים דערלאַנגט צום טיש אַ טעלער גאָלדענע יויך מיט מאַנדלען. שלמהן איז דורך אַ גערדאַנק: אַזוי ווי נאָך אַ חופּה... דערנאָך איז אונטערגעטראָגן געוואָרן אַ פּערטל קאַטשקע מיט גוט איינגע־פּרעגלטע „שמירהדיקע" קאַרטאָפל־לאַטקעס. נאָך דעם אַ קאָמפּאָט פון פּע־רעשקעס מיט ראָזשינקעס. שפּעטער, טיי מיט לימענע, מאַראַנצן. שטייענדיק האָט דער עולם געטרונקען מיט שלמהן „לחיים". די עלטערן, דער זיידע האָבן זיך אויף דאָס ניי געקושט מיט אים. ס'איז אַריינגעקומען נחמן דעם פּעטער גרשונס מיטן ווייב און מיט רחלען, עס זענען אַריינגעקומען אַבֿרהם שאַרפּשטיין מיטן ווייב און מיט אַלע קינדער, גאָלדע מיט דינהן, מנשה דעם רבס שוועסטערלעך, און נאָך פיל אַנדערע געסט. מען האָט אַלעמען דער־לאַנגט כוסות, און יעדער באַזונדער האָט געטרונקען „לחיים" צו שלמהן און האַרציק אָנגעוווּנטשן. נחמן גיט אַ געשריי:

— זאָג דעם אמת, שלמה, וועלכע טורמע איז געווען ערגער, ביי מיר, צי אויף לוקיאַנאָווקע?

— ביי דיר איז געווען ערגער.

— אַזוי גאָר? פאַר וואָס?

— די גמרא זאָגט: הרהור עבירה קשה מעבירה*. קומט אויס, לויט דעם חשבון, אַז דאָס קלערן פון דער טורמע איז געווען פיל שווערער פון דער טורמע גופא.

— אָבער אין דער אמתן האָסטו דאָרטן געקערט אַ שיין ביסל איבער־לעבן?

— נישקשה, נישט צו פאַרזינדיקן. מען האָט מיך דאָרט נישט געלאָזט זיך לאַנגווייליקן...

— אוי, גאָט זאָל שוין אויסהיטן יעדן יידן פון אַזאַ אַנשיקעניש און אונדז אויך...

— טרעפט, וואָס מיר איז היינט איינגעפאַלן? מען זאָגט אַ ווערטל: ווו מען איז איין מאָל, מוז מען זיין נאָך אַ מאָל. קומט דאָך אויס, אַז אויף מיר הענגט נאָך אַ חוב...

---

* האַלטן אין איין קלערן פון דער עבירה, איז אַ מאָל ערגער ווי אָפּטון זי און פאַרגעסן.

די מוטער גיט אזש א געשריי פאר ווייטיק:

— זאָל שוין גאָט אָפּהיטן, דו נאַרישער בחור! האָט א צונג און רעדט...

— וואָרט, דו ווייסט דאָך נישט, וואָס איך וויל זאָגן. איך בין שוין היינט געווען אין טורמע דאָס צווייטע מאָל אויך. אז מען האָט מיר שוין אַלץ אומגעקערט, האָב איך מיר גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס און גיי... דורכגעגאַנגען איין טויער, דעם צווייטן — אַלץ בשלום. כ'בין געקומען צום דריטן, צום לעצטן טויער — סטאָפּ! מען פירט צונויף אַן עטאַפּ און מען קען אצינד נישט עפענען דאָס טירל. בקיצור, עס האָט גאַרנישט גע־האָלפן, איך האָב זיך געמוזט אויסדרייען „בואי בשלום", מען האָט מיך ערשט אויף דאָס ניי אַרויפגעפירט אויפן דריטן שטאָק, פאַרשלאָסן אין א ליידיקן קאָרידאָר און איך האָב אָפּגעוואַרט געשוואָלענע עטלעכע שעה. אזוי, אז איך בין שוין יוצא לכל הדעות: צוויי מאָל געזעסן...

נחמן טרינקט אָפּ א ביסל פונעם כוס, גייט צו נאָענט צו שלמהן:

— נו, לחיים ברודערקע, אַלע קיעווער יידן האָבן פאַר דיר די אויגן אויסגעוויינט. איצט קענסטו זיך נאָר צעצאָלן מיטן עולם אויף גרויסע שמחות... ביי זיך, ביי די שוועסטער... דו זעסט, וואָס פאַר א שיינע באַריש־ניעס* זיי זענען קיין עין־הרע געוואָרן? ערשטער סאָרט!...

— אודאי קען גאָט העלפן, וואָס פאַר א פראַגע? לחיים טובים ולשלום! אזעלכע שמחות זאָל מען שוין נישט דאַרפן פּראַוועו. יידן זאָלן בעסער נישט זיצן, וועט מען פאַרשפּאָרן באַפרייט צו ווערן...

פּלוצלינג איז שלמה אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, ווי מען וואָלט אים אַרונטערגערוקט אַן אָנגעגליטע נאָדל אונטערן נאָגל און האָט נישט מיט זיין קול א געשריי געטון:

— שטיי נאָר! נחמן, קום נאָר אהער... וואָס איז דאָס?

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין צימער איז געווען פול מיט מענטשן, האָט זיך מאָמענטאַל צעהערשט א טויטע שטילקייט. שלמה האָט געהאַלטן אין דער האַנט נחמנס איינגעשניטענע לאַץ און דורכדרינגענדיק געקוקט אויף אים. שלמהס אויגן האָבן פיבערדיק געפלאַקערט, די פינגער — גע־ציטערט. נחמן האָט פאַרלוירן זיין קוראַזש, ער איז געווען ווייס ווי די וואַנט. רחלע האָט זיך ראַש אויסגעדרייט צו דער וואַנט, און מיטן קולאַק זיך פאַר־שטאָפּט דאָס מויל. אָבער שלמה האָט מער גאָרנישט געזען פאַר די אויגן, נאָר דעם טיפן שניט אויף נחמנס פּידזשאַקל.

— וואָס איז דאָס?

קיינער האָט גאָרנישט געענטפערט. שלמה האָט פרעגנדיק געזוכט דעם זיידנס אויגן, מנשהס, זיין טאַטנס, אברהם שאַרפשטיינס. אומזיסט! קיינער וויל איצט אויף אים נישט קוקן. א צערייצטער פון דעם סודותפולן שטיל־שווייגן האָט ער אָנגעכאַפּט נחמנען ביים קאָלנער און גענומען טרייסלען מיט אים, ווי מיט א יונג ביימעלע:

* געמיינט: כלה-מיידלעך.

— דו וועסט ענטפערן, אַז מען פרעגט דיך, צי ניין?

— גוואַלד, וואָס האָסטו צו מיר? די מאַמע —

ווי אַן עכאָ אויף זיינע רייד האָט אויפגעטרעסלט דעם צימער איין און איינציקער ווײ־געשריי:

— אַ־אַ־אַי!...

איניקע געסט זענען אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק, נישט געקענט פאַרטראָגן שלמהס האַרצרייסנדיקע געשרייען. דורכגייער האָבן זיך איבער די גוואַלדן אָפּגעשטעלט, געוואָלט לויפן צו הילף, נאָר פונעם גאַניק האָט מען זיי אומגעקערט. מיט אַ מאָל איז ער ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט: ווער האָט עס דאָ געשריגן? אַ היפּשע ווײַלע איז שלמה געשטאַנען ווי געפּלעפט, די אויגן — גלעזערנע, די אויערן — אָנגעשפּיצטע, לאָקערנדיקע. זיין גאַנצער מהות האָט זיך איינגעהערט אין די פאַרלוירענע קלאַנגען:

— ווער האָט עס דאָ געזאָגט — די מאַמע? שוין זשע נחמן? איז דאָס נישט קיין בייזער שפּאַס?

ס'איז פאַריבער נאָך אַ מינוט, דער גליוועך איז פאַרביי, רחלעס קאָנוולסיוו־אונטערטאַנצנדיקע אַקסלען האָבן אים איבערצייגט, אַז ער האָט קיין טעות נישט געהאַט — אוים מומע טייבל! אויף אייביק, אוים! זיין גאַנצע מונטערקייט איז מיט אַ מאָל אויסגעשעפּט געוואָרן. די פרייהייט — פאַרלוירן דעם גאַנצן חן. מיט אַ מאָל איז אים אַ שאָד געוואָרן די קאַמער, וווּ די מומע טייבל האָט פאַר אים געלעבט און אויסגעזען ווי אין אַנאַניעוו בימים ההם... ווי אַן אַלטער, איבערגעפוילטער בוים איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער באַנק און זיך יאָמערלעך צעוויינט. עס זענען צוגעגאַנגען די עלטערן, דער זיידע, עפּעס גערעדט צו אים, געהאַלטן אין איין איבערחזרן די ווערטער: „מען דאַרף נישט פאַרשטערן", אָבער וואָס מער יענע האָבן גערעדט, אַלץ מעכטיקער האָט אים אָנגעכאַפּט דער קראַמף פון געוויין. פאַר אים איז געשטאַנען זיין ליבע, האַרציקע מומע, צו איר האָט ער גערעדט, פאַר איר האָט ער געטענהט. מען האָט אים גענומען אונטער די אָרעמס, אָפּגעפירט אין שלאָפצימער און אים מיט כח אַוועקגעלייגט אויף דעם פּאָטערס בעט. ער האָט זיך געריסן פון די הענט און געהאַלטן אין איין יאָמערן:

— מומע, מומע טייבל! הייליקער מלאך, מומע טייבל! ווו ביסטו? גיט מיר אָפּ מיין טייערע מומע. גוואַלד, וואָס הייסט געשטאָרבן? ווער האָט דען דאָס רעכט צו לעבן, אויב זי איז געשטאָרבן? גאָט מיינער, אַזאַ מענטש, אַזאַ געטלעכע פרוי, מו—מע!...

די שמחה אין שטוב איז געווען פאַרשטערט. די געסט זענען געשטאַנען פאַרשעמט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. איניקע זענען אין גאַנצן אוועקגעגאַנגען. עס איז פאַריבער אַ האַלבע שעה, שלמה האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט. ער האָט געבעטן אַלעמען אַרויסגיין פון צימער, נאָר איין נחמן זאָל בלייבן. ווען ער האָט הינטער זיי פאַרשלאָסן די טיר, איז ער צוגעגאַנגען האַרט

צו נחמנען, ווידער אַ טרייסל געטון מיט דעם נאָכהענגענדיקן שטיקל לאַץ, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לעבעדיקער אבר פון דער געשטאָרבענער מומען און ער האָט שטיל געפרעגט:

— שוין לאַנג?

— יענעם דינסטיק האָבן זיך געענדיקט די „שלושים".

— פון וואָס איז זי געשטאָרבן?

— אויב דו געדענקסט, איז זי נאָך געווען קראַנק פאַר דיין אַרעסט. מען האָט זי געהיילט, געהיילט און עס איז איר געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. לעצטנס, שוין נאָך דיין אַרעסט, איז אויף איר אָנגעפאַלן עפּעס אַזאַ פינצטערע מרה־שחורה. קיין שום זאַך האָט איר נישט אויסגעפעלט. צו קיינעם האָט זי נישט גערעדט. בכלל האָט זי באַהערשט אַ שרעקלעכע אַפּאַטיע צו אַלץ און צו אַלעמען, נאָר בנוגע צום זיידן פלעגט זי נאָך אַרויסווייזן אַ שפּור פון לעבן. אויך פון דיר פלעגט זי אָפט רעדן: אַז דיין נסיעה קיין ארץ־ישראל איז אָפּגעלייגט געוואָרן; אַז זי האָט נישט זוכה געווען דיך זען דאַווענען אין אַ טלית. זי פלעגט אָפט דערמאָנען אומאַן, אַנאַניעוו. זייער פיל וויינען. זי האָט אפילו פאַרלוירן דעם חשק צו גיין אין שול אַריין. געדענקסט, ווי אַזוי זי האָט אַ מאָל אָן דעם נישט געקענט לעבן? און די לעצטע צייט האָט איר שוין דאָס אויך נישט אויסגעפעלט. באַלד נאָך חנוכה האָט די קראַנקייט זי אָוועקגעלייגט. מיר האָבן געבראַכט די בעסטע דאָקטוירים, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. עפּעס אַ פאַרבאָרגענער וואָרעם האָט זי געגעסן. זי איז געוואָרן אַזוי מאָגער, אַזוי געל, אַז דו וואָלסט זי זיכער נישט דערקענט. די לעצטע טעג האָט זי שוין גאָרנישט געוווסט, וווּ זי איז אין דער וועלט... אַלץ גערעדט עפּעס אַזעלכע מאָדנע דיבורים. קיין גרויסע היץ האָט זי דווקא נישט געהאַט, נאָר גערעדט האָט זי ווי פון היץ: געבעטן, מען זאָל זי אָפּפירן עפּעס אין אַ ישיבה, דאָרט שפּילט מען פאַר איר «Плач Израеля» , געווונטשן אַלע קרובים אַ גוט לעבן און באַזונדערס דיין מומע יוכבדן, ווייל איר מאַן הייסט „לייבל"; פאַר וואָס דער דאָזיקער נאָמען איז מער מיוחס פון אַ צווייטן, ווייס איך נישט, און קיינער ווייסט מסתמא נישט. איך גלייב, אַז זי אַליין האָט אויך נישט געוווסט. דעסט גלייכן האָט זי געשריגן, אַז חודש אב איז דער סאַמע הייליקסטער חודש; ווייל „אב" איז מזל „אריה" — אַ לייב; און נאָך אַזעלכע רייד, וואָס קלעפּן זיך נישט איינס צום אַנדערן... און צום סוף האָט זי אין גאַנצן דאָס לשון פאַרלוירן. געברומט, געמרוקעט, אָבער מען האָט שוין גאָרנישט געקענט פונאַנדערקלייבן... דאַן האָט שוין אָנגעהויבן זעצן די פינף פונעם מויל... אָט אַזוי האָט זי געצאַנקט ביז צוריק מיט פינף וואָכן... טאַקע נישט דערלעבט פירן רחלען צו דער חופּה... עס האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט קיין גלייכער שידוך. דער טאַטע, זאָל לעבן איז פאַרבליבן אַ יתום אויף דער עלטער, בלאָנקעט זיך נעבעך אַרום אָן עלנטער. רחלע איז גאַנצע טעג אויף דער אַרבעט. אַז די מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָט זי כאָטש געוווסט, אַז פון דער אַרבעט דאַרף מען גיין גלייך אַהיים, היינט אָבער זוכן

זיך ביי איר אַפּ הונדערטער גענג. אַז עסן עסט זי אַפּ אין סטאָלאָווע, וואָס האָט זי שוין צו לויפן אַהיים? די שמחה, וואָס וואַרט דאָרט אויף איר? און דער טאַטע? — אָט אַזוי־אָ! אַ וואָך איז ער ביי מיר, אַ וואָך ביי דער שוועסטער און אַ וואָך ביי יענער. אַזוי איז דאָס, אַז מען בלייבט איבער אַליין אויף דער עלטער...

שלמה איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן. ס'איז שווער געווען צו טרעפן, צי ער האָט געהערט וואָס נחמן האָט גערעדט, צי ער האָט זיך גע־טראַכט זיינס. ווען נחמן איז אַנטשוויגן געוואָרן האָט ער נאָר אַרויסגע־זיפצט:

— דערשטיקט האָט זי די ראַטן־מאַכט! פריער אַדעם און נאָך דעם קיעוו האָבן איר פאַרקירצט אירע יאָרן. אין אַנאַניעוו וואָלט זי געווען גע־קענט לעבן אפשר אַכציק יאָר. דאָרט איז געווען איר נשמה אויפן אָרט. נאָר אָט דער ביטערער גלות מיט די פרעמדע איינגעבעטענע הייזער, מיט די ווייטע שולן, מיט דעם וואַרטעניש ביי די שפּיטאָלן, אָט דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זי אויפגעפרעסן מיט די ביינער. אוי, נחמן, איז מיר אַ ווייטיק... וואָלט איך כאָטש געווען באַוויזן זיך מיט איר צו געזעגענען... דו ווייסט גאָר־נישט, וואָס פאַר אַ מאַמע דו האָסט געהאַט... דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכער מענטש. אַזעלכע נשמות באַזוכן זעלטן די זינדיקע ערד... אוי, מומע טייבל, מומע טייבל... איר אַלולדיקע אימה, איר ערב יום־כפּורדיקער טאָג, אירע באַהאַלטענע צדקות, איר נשמה־ריינקייט. אַך, אַך, אַך, האָבן מיר אַ שאָדן! די שענסטע פון אַלע יידישע טעכטער!

און דערמאָנענדיק זיך אין עפּעס:

— יאָ, נחמן, דו געדענקסט נישט צופעליק דאָס אָרט פון איר קבר?

— לוקיאַנאָווקע, פאַרשטייט זיך...

— ניין, כ'מיין די גאַס, דעם נומער פון דעם קבר?

— דו ווילסט גיין אַהין? וואָס גלוסט זיך דיר?

— דאָס בין איך נישט מחויב דיר צו דערציילן. דו געדענקסט, צי ניין?

— איך געדענק, פאַר וואָס זאָל איך נישט געדענקען? די ערד איז נאָך נישט פאַרקילט געוואָרן און איך זאָל שוין פאַרגעסן איר אַדרעס? איר קבר געפינט זיך אין זיבעטן קוואַרטאַל, צוויי און צוואַנציקסטע ריי, דער קבר נומער: פיר און זיבעציק. דאָרט שטעקט אַ ברעטל.

שלמה האָט פאַרמאַכט די אויגן און פאַרקריצט אין זכרון די סימנים, ווי אַזוי צו געפינען דאָס אָרט פון איר אייביקער רו. דאַן האָט ער געעפנט די טיר, אַרויסגעלאָזט נחמנען און געבעטן, מען זאָל אים ברענגען אין צי־מער אַריין אַ שיסל וואַסער. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן און אָנגעטון זיין יום־טובדיקן אַנצוג.

שוין צייט געווען אַראָפּצוּוואַרפן די טורמעדיקע הלבשה. לכל עת...

קאפיטל III

ארויסגייענדיק אין זאַל אַריין האָבן אים באַגעגנט פרישע גוטע־ברידער. בליץ־שנעל איז זיך צעלאָפן איבער דער שטאָט די ידיעה, אַז שלמה אפרים־אהרונס איז שוין אין דער היים. פון יעדן אָנקומענדיקן טראַמוויי־וואַגאָן זענען אַראָפּגעגאַנגען גרויסע גרופּעס, אַלערליי מינים מענטשן. יעדן האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַ בליק טון אויף שלמהן, ווי אַזוי ער זעט אויס נאָך אַזאַ צייט, נאָך אַזעלכע טורמעס. עס זענען געווען צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אים שוין כמעט אַ יאָר נישט געזען, דאָס הייסט: פון דאַמאָלסט אָן, זינט מען האָט פאַרנומען זיינע עלטערן. אַלע דריי צימערן און די קיך זענען געווען איבערפולט מיט רוישנדיקע געסט, די טישן — פאַרשפּרייט מיט ווייסע טישטעכער, לעקעך און בראָנפן — לרוב. עס האָט אויסגעזען ווי ביי אַ רייכן קבלת־פּנים פון אַ חתן.

ווי פון אַ דונער האָט זיך אויפגעריסן די טיר, עס איז אַריינגעלאָפן יאַני מיט אַ געוויין:

— קינד מיינס! שלמהלע, לעבן מיינס! לאָזט מיך, לאָזט מיך צו...

שלמה איז אים געלאָפן אַקעגן, איינגעשלאָסן אים אין זיינע אָרעמס און היים געקושט. יאַני האָט אים גאָרנישט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך, געקושט אין די אויגן, אין האַלדז, אין די ליפּן. ס'איז געווען קענטיק: ער גלייבט זיך נאָך אַליין נישט, אַז דאָס האַלט ער שלמהן מיט די הענט. ער האָט פאַר פרייד געוויינט ווי אַ קליין קינד. מיט אים צוזאַמען זענען געקומען ניומאַ מיט סאָנקען. שלמה האָט זיך מיט זיי האַרציק צעקושט. יאַני, שוין באַרו־איקט אַ ביסל, רופט זיך אָן:

— איך האָב אַ ביסל אויף דיר פאַראיבל, שלמה.

— אויב נאָר אַ ביסל, איז נאָך נישט געפערלעך. וואָס איז אַזוינס?

— איך האָב אַנדערש נישט געטראַכט, נאָר אַז פון דער טורמע וועסטו פאַרפאָרן גלייך צו מיר. דו פאָרסט דאָך דורך כמעט לעבן מיין שטוב.

— און אַז איך פאָר דורך, איז וואָס? זאָל איך פאַרפאָרן צו אייך, פאַרשטייט איר, נישט אַהיים צו טאַטע־מאַמע?

— וואָס איז דען די נפקא־מינה? ס'איז דען נישט די זעלבע היים אויך ביי אונדז? מיר זענען דיר נישט קיין טאַטע־מאַמע?

שלמה איז געווען גאָר צעמישט. צו אַזאַ תביעה איז ער נישט געווען צוגעגרייט. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אַזוי ווייט איז עס שוין דאָ דערגאַנגען, אַז יאַני זאָגט אַזוי פאַר פרעמדע מענטשן? פאַר זיין טאַטע־מאַמע? שלמה האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָנגעקוקט יאַנין: דער זעל־בער יאַני וואָס אין כמעלניק. אַזעלכע ביטערע זעקס, זיבן יאָר און האָבן אויף זיין פּנים קיין מינדסטן שפּור נישט איבערגעלאָזט. אָט שטייט ער, אַ הויכער, אַ שיינער, מיט קינדערשע חן־גריבעלעך אין די באַקן. זיינע אויגן גליען שלמהן דאָס לייב. קיין שום מענטש אויף דער וועלט האָט אים,

דאַכט זיך, נישט אַזוי ליב, ווי־אַט דער יאַני טולטשינסקי... מיט וואָס פֿאַר אַ שטאָלץ מעלדעט ער זיך פֿאַר דער וועלט אַלס שלמהס אַ צווייטער פֿאָטער, אַ גלייכבאַרעכטיקטער דעה־זאָגער מיט אפֿרים־אהרונען! און סאָנקע איז אויך געוואָרן אַ קראַסאַוויצע... נישט קוקנדיק אויף אירע נישט־פֿולע פֿופֿצן יאָר האָט זי איצט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ שיין, אַנטוויקלט מיידל. שלמה האָט געפֿילט, אַז דאָס חיות גייט אים אויס, אַזוי וויל ער שוין זען פֿאַלין. ס'איז דאָך אַ שרעק אַ טראַכט צו טון: שוין העכער אַכט חדשים, אַז ער האָט זי נישט געזען! פֿאַר די לעצטע צען יאָר, זינט ער קען זי, איז נאָך נישט געווען אַזאַ פֿאַל, ער זאָל זי אַזוי לאַנג נישט האָבן געזען. ווי זעט זי אויס? איז זי נאָך שענער געוואָרן? האָט זי טאַקע באמת אַזוי געבענקט נאָך אים, ווי זי האָט געשריבן? איז שוין ביי איר אין האַרצן פֿון מאָס־קווער אינצידענט קיין זכר נישט געבליבן? האַלט זי אויך, אַז עס איז קיין שום נפֿקא־מינה נישט פֿון זיין היים ביז איר היים? פֿון זיינע עלטערן ביז אירע? זי וועט זיך נישט שעמען אים אַ קוש טון פֿאַר אַלעמען אין די אויגן? מיט „קאָנטינענטאַל" האָט זי שוין אין גאַנצן איבערגעריסן?

יאַני לאָזט נישט שלמהן לאַנג טראַכטן, ער איילט זיך נאָך אויף דער אַרבעט און פֿאַרן אַוועקגיין פֿרעגט ער אים:

— שלמה, איך מעג איבערגעבן פֿאַלין, אַז דו וועסט זיך מאָרגן אַראָפּ־כאַפּן צו אונדז?

— ניין.

— פֿאַר וואָס זשע?

— ווייל איך וועל נאָך היינט זיין ביי איר.

*

ווען אין שטאָט האָבן זיך געצונדן לאָמפּן און יונגע אַרבעטער, סטו־דענטן און בכלל ווער ס'איז נאָר געווען פֿריי, האָבן אויסגעשאָטן אויף די גאַסן צו געניסן אַ ביסל פֿון דעם אָנקומענדיקן פֿרילינג, האָט שלמה מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די אַזוי גוט באַקאַנטע טרעפּ אין יאַניס האַלבן פּאַדוואַל אַריין.

ער האָט לייכט אָנגעקלאַפּט. אסתּר האָט געעפֿנט די טיר און דערזעענ־דיק, ווער עס שטייט אויף דער שוועל, איז זי אָפּגעשפּרונגען מיט אַ ווילדן געשריי:

— שלמה, שלמה גייט!...

פֿאַלי גיט אַ פֿלי אַרויס פֿון הינטערן טיש מיט ביכער. אַ רגע קוקן זיי זיך אין די אויגן אַריין. דאָס שטילקייט שרייט אויף קולי־קולות. שלמה מאַכט אַ טריט נעענטער צו איר. פֿאַלי לויפֿט צו, כאַפּט זיין האַנט אין ביידע אירע און דריקט זי שטאַרק:

— אַך, שלמה! ווי לאַנג איר האָט זיך געזאַמט... גאָט מיינער, ווי לאַנג!

עס גיט זיך אַ שפּאַר אַרויס אַ שטראָם טרערן פון אירע אויגן. זי קערט זיך ראַש אָפּ אין אַ זייט.

שלמה גריסט זיך פריינטלעך מיט אסתרן, צעקושט זיך מיט אוורואמען. יאַני איז נאָך אין דער היים נישטאָ, אַ פאַרקויפטער מענטש. ניומאַ פירט צו צו אים עפּעס אַ פּרישטשעוואַטע בחור, מיט אַ נאַרישן, ליידנשאַפטלעכן פּנים און שטעלט אים פאָר אַלס פאַליס אַ קאָלעגע פון אינסטיטוט. שלמה דערלאַנגט אים אַ פּאָר פינגער:

— פּיאַטיגאָרסקי.

— וואָלאָדיאַ. איך האָב נישט ליב, אַז מען רופט מיך ביי דעם פאַמי־ליע־נאָמען. מיך רופן אַלע פּראָסט: וואָלאָדיאַ אָדער וואָלאָדקע.

מיט אַ ווינקל אויג באַמערקט שלמה, אַז פאַלי ערגערט זיך פון וואָלאָ־דיעס אויפגעבונדענער צונג. זי האָט גלייך פונעם ערשטן קוק תופס געווען, מיט וואָס פאַר אַ אויגן שלמה קוקט אויף זיין צעפּאַרעטער צורה און האָט אָן אויפגערעגטע, זיך פלוצלינג געווענדעט צו אים:

— וואָלאָדיאַ, היינט וועל איך זיך שוין נישט לערנען, מיר האָבן אַ גאַסט.

— פאָלקאַ, דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? מיר האָבן נאָך צוצוגרייטן דריי לימודים. דו האָסט שוין אַ פּנים פאַרגעסן, ווי מיר זענען נעכטן גע־זעסן אין קלאַס*...

— וואָלאָדיאַ, דו וועסט זיך אַ מאָל אויסלערנען צו פאַרשטיין יענעם פון איין וואָרט, אָן קשיות?

שלמהס מה האָט פּיקסירט: מיך אַ קוש טון פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט איר נישט געקלעקט קיין מוט, און מיט אָט דעם „פרישטש" איז זי אויף „דו".

ווען יענער האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך, איז פאַלי מיט אַ מאָל פריילעכער געוואָרן. ס'איז געווען לייכט צו באַמערקן, אַז אין דער אָנוועזנ־הייט פון יענעם בחור האָט זי זיך געפילט ווי געפּענטעט. פאַרלירנדיק די פּענטעס, האָט זי זיך דערפילט ווי ניי געבוירן. זי האָט צוגערוקט איר בענקל האַרט צו שלמהס און גענומען זיין האַנט:

— שלמה, וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי־אַ?

— ווי אַזוי דען דאַרף איך זיצן?

— דערצייל, אַלץ דערצייל.

— איך האָב גאָרנישט וואָס צו דערציילן.

— וואָס הייסט, דו האָסט נישט?

— גאַנץ פּשוט, איך האָב נישט. קיין שלעכטס ווילט זיך נישט דער־מאָנען, קיין גוטס איז נישט געווען. גאָרנישט: אוועקגעגאַנגען, געקומען און דאָס איז אַלץ...

---

* אויפן סטודענטישן זשאַרגאָן: נישט קענען ענטפערן אויפן פּראָפעסאָרס פראַגן.

— גיך גיסטו דאָס אַ זאָג־אָפּ: געגאַנגען, געקומען. אונדז דאָ איז נישט אַזוי לייכט געווען די זעקס חדשים... אָ, שווערע זעקס חדשים!...

— אַזוי? עס טוט מיר זייער לייד. און ביי מיר זענען זיי גיך פאַריבער: פּי־פּו־פּאַ — און איבערגעפלויגן...

— אַזוי גוט איז דיר דאָרט געווען?

— וואָס דען מיינסטו, שלעכט? עס איז נאָר שווער ביז מען געוווינט זיך צו.

— ביסט עפּעס אַזוי ווי נישט צופרידן מיט דער פרייהייט?

— כאַ־כאַ־כאַ! נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן... מיט וואָס דען בין איך געווען צופרידן — מיט דער טורמע?

— שלמה, וואָס זיצסטו עפּעס ווי אַ פרעמדער? טו אויס דעם פּאַלטאָ, ווער אַ היימישער, באַלד וועט אודאי דער טאַטע אַריינקומען. ער וועט דיך היינט אין ערגעץ נישט אָפּלאָזן. ער האָט גאָר געמיינט, אַז דו וועסט גלייך צו אונדז פאָרפאָרן.

שלמה טראַכט: דאַכט זיך, דער אַלטער נוסח — „ער וועט נישט אָפּ־לאָזן"... „ער האָט געמיינט", אָבער ענטפערן ענטפערט ער בתמימות:

— יאָ... ער האָט דאָס מיר אויך געזאָגט. אָבער איך גיי שוין. פאַר־שטייסט דאָך אַליין, וויפל מענטשן עס וועלן איצט וואַרטן אויף מיר אין דער היים. עס האָט זיך היינט אַזוינס געטון ביי אונדז, אַז מען האָט מיך שיר נישט צעקוועטשט פאַר גרויס גדולה!

— כ'האָב געהערט, די קינדער האָבן דאָ דערציילט... אָבער דו ביסט דאָך נאָר וואָס אַריינגעקומען. נו, זיץ כאָטש איין שעה... כאָטש אַ האַלבע... וואָס דען, אַריין און אַרויס — וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס?

— ניין, פּאַליאַ, איך דאַרף נאָך אַצינד צופאָרן אין איין אָרט.

— דו דערלויבסט מיר צו פאָרן מיט דיר? עס ווילט זיך מיר היינט נישט זיך צעשיידן מיט דיר.

— עס גייט נישט אין דערלויבן. דו פאַרשטייסט אַליין, ווי מיר איז דאָס אָנגענעם, נאָר עס איז זייער ווייט אַהין, וווהין איך דאַרף פאָרן.

— נאָך ווייטער ווי דו ביסט געווען פון אונדז אַ גאַנצן ווינטער? —

אין קאָרידאָר, אויפהויבנדיק זיך אויף די טרעפּ, האָט פּאָלי אַרומגע־כאַפּט שלמהן אַרום האַלדז און זיך איינגעזויגן מיט אירע ליפּן אין זיינע. שלמה האָט זי נאָר פּאַטערלעך אַ גלעט געטון איבערן היטעלע, און איז אַ קאַלט־בלוטיקער שטיין געבליבן. זי האָט באַליידיקט אויף אים אַ קוק געטון:

— דיר גלוסט זיך אפילו נישט מיך אַ קוש טון?

— איך האָב אַ גאַנצן וועג פון סאָלאָמינקע אָן נאָר געטראַכט וועגן דעם. מיר האָט זיך דאָס שטאַרק געגלוסט, נאָר איין שטוב, פאַר אַלע אין די אויגן! אָבער אויף די טרעפּ אַריינכאַפּן אַ קוש בגנבה, דאָס פּאַסט פאַר אַ שגץ אָן אָנטרייבער, מיט אַ שיקסע, אַ דינסט־מיידל, נישט פאַר אַזעלכע ווי איך מיט דיר, וואָס די וועלט רעכנט אונדז פאַר —

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ און זיך געלאָזט גיין צום

טראַמווײ נומער זעכצן. פֿאָלי האָט פֿאַרשעמט געשוויגן. זי האָט עטלעכע מאָל געוואָלט עפּעס זאָגן און זיך אַלץ געוואָרגן מיט די ווערטער. שלמה מצדו, האָט אפֿילו נישט געקלערט איבערצורייסן דאָס שווייגעניש. ער האָט מיט אינטערעס באַטראַכט דאָס רוישיקע קיעווער לעבן, דעם פֿרילינגסאָונט. די גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן בשפֿעדיק באַגאָסן די גרויסאַרטיק דעקאָרירטע גאַסן מיט בלענדנדיקן, בלוילעכן ליכט. ווו נישט ווו האָבן שוין געהאַנגען טראַנספּאַראַנטן מיט גרויסע בילדער פֿון די מיטגלידער פֿון פּאָליט־ביוראָ לכבוד דעם קומענדיקן ערשטן מאַי. דער הימל איז געווען וואַסערדיק־בלוי. אַ שמאָלער לבנה־סערפּ איז דאָרט געהאַנגען פֿאַרשעמט, אַזוי ווי עמעצער וואָלט אויף זויבער־ריין אויסגעקערט דעם הימל און האָט נישט איינגעזען אָט דאָס רעפּטעלע קעז. אויטאָס האָבן זיך געיאָגט איינער נאָך דעם אַנדערן, גליקלעכע פֿאָרלעך פֿעסט־אַרומגענומענע, האָבן פֿאַרפֿליצט אַלע גאַסן. שלמה איז מיט אַלע חושים געווען אַריינגעטון אין דעם בילד, וואָס האָט זיך אַלץ מער אַנטהילט פֿאַר זיינע אויגן. ער האָט געזען די יומטובדיקייט, וואָס הענגט ביי דער יוגנט אויף די פּנימער, די ערב־שבתדיקייט, וואָס רוט אויף דעם גאַנצן אַרומיקן חלל, און האָט געשטוינט:

— רזי לי, רזי לי *! וואָס פֿאַר אַ סוד שטעקט אין אָט דעם גרויסן, סבלנותדיקן רוסישן פֿאָלק?! וואָס פֿאַר אַ כח באַוועגט זיי, אַז זיי זאָלן אָפּנאַרן אי זיך, אי יענעם? פּונקט ווי אַ געטריי ווייבעלע, וועלנדיק אויסמיידן לייטיש געלעכטער, פֿאַרבט זיך גוט אָן די לינקע באַק, כדי מען זאָל נישט דערקענען, אַז אין דער רעכטער האָט זי געכאַפּט אַ פּליאַסק פֿונעם מאַן; פּונקט ווי אַ טשאַכאָטעטשנע ווייבעלע, וואָס וויל נישט דעם מאַנס עגמת־נפש, קנייפּט זיך אָן די בעקלעך, אַז די פֿאַרב זאָל שטיין; אַקוראַט אַזוי האָט שלמהן אויסגעזען דאָס גרויסע הסכמיות, וואָס איז אָנגענומען ביי אָט דעם גרויסן עולם: אויסבאַהאַלטן פֿון דער גאַס דעם שרעקלעכן הונגער, וואָס באַלעבאַטעוועט אין שטוב! מאַכן אַ פּנים, גלייך ווי אין מאָגן איז נישט תוהו ובוהו; גלייך ווי אין שאַפֿע איז נישט ערב־פּסחדיק; גלייך ווי אַלע טונקעלע געסלעך זענען נישט פֿול מיט לעבעדיקע מתים; מיט שרעקאַניאַגנדיקע סקעלעטן... אָט דאָס מאַכן צופֿרידענע פּנימער, אַז דער „פֿרעמדער", דער לאָקערנדיקער אויסשפּירער, זאָל האָבן אַן איינדרוק, אַז אַלץ איז אין דער פֿולסטער אָרדענונג: די סקלאַדן פּלאַצן פֿון תבואות, די אָנגעשטעלטע פֿון די ברויט־מאַגאַזינען חלשן פֿאַר די קונים: „קויף ביי מיר", „קויף ביי מיר"... גוואַלד! ווו זענען נאָך דאָ אַזעלכע געהאָרכזאַמע שעפּסן, וואָס לאָזן זיך שערן און טאַנצן נאָך דערביי?

ביי די ווערטער: „לאָזן זיך שערן", שניידט זיך אַריין אין שלמהס מח אַ פֿייערדיקער בליץ און זיינע געדאַנקען נעמען זיך אין אַן אַנדער ריכטונג:

— אין יענעם אונטערערדישן קעניגרייך, וואָס אויף פּעטשערסק, האָט זיך עפּעס איבערגעביטן פֿון זינט ער איז פֿון דאָרט אַוועק, צי ניין? ווער

* אַ סוד פֿאַר מיר, אַ סוד פֿאַר מיר!

שטייט דאָרט אַצינד אויף דער לייטער? ווער פֿליט דאָרט איצט פֿון די טרעפּ? ווער באַקענט זיך איצט מיטן קעמל? וועמען איז מען איצט מחיה מיט „לעקעך און בראָנפֿן" אין דער אַכצנטער קאַמער? ווער געזעגנט זיך איצט דאָרטן מיטן לעבן, פֿליענדיק ביי יענע „חיות", פֿון איין עק קאַמער ביז דעם צווייטן?...

מיט ביז גאָר פֿאַרחידושטע אויגן קוקט ער זיך אום אויף זיין צויבערנדיקער באַגלייטערין; ער פֿירט איבער זיין בליק פֿון איר אויף די גרויסע מחנות מיט שפּאַצירנדיקע, וואָס שמאַיען דאָ אַרום אויף און אָפּ; הערט זיך איין אין דעם הו־האַ, אין דעם אומדייטלעכן זשומען, וואָס דערמאַנט אַ בינשטאָק, ווען עמעצער דערנעענטערט זיך צו אים, און ער טראַכט שווער:

— אַשטייגער, ווען ער שטעלט אָפּ עמעצן פֿון אָט דעם געווירבל מיט מענטשן און ער דערציילט אים, אַז אָט דאָ נישט ווייט אויף יעליזאַוועטינסקע־גאַס איז דאָ אַ „דרייצנטע" קאַמער און אַן „אַכצנטע" און אין טורמע אויף לוקיאַנאָווקע, אַ „פֿינפֿטע" קאַמער אויפֿן נײַנטן קאָרידאָר מיט אַ „טעלעפֿאָן", מיט „בלענדזעניש" — וואָלט ער אים דען געגלייבט? יעדער איינער וואָלט אים זיכער אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם... גאָט מיינער, ווי ווייט דאָס אַלץ איז אַצינד! ווי אויף יענער וועלט!

די גרויסע ראַדיאָ־הילכערס, וואָס זענען צעהאַנגען אויף די ראָגן, האָבן גראָד איבערגעגעבן אַ יידיש לידל. אַ סאָפּראַנאָ האָט זיך אויף דער העכסטער אָקטאַווע צעגאָסן:

און אַז דו פֿאָרסט אַוועק פֿון מיר, טייער לעבן מאַ־אַ־אַינס
קיין איין מינוט קען איך נישט זיין אָן די־י־י־יר.
און אַז דו פֿאַ־אָ־אָרסט אַוועק, אוי, אוי, פֿון מי־י־י־יר
אוּ־ו־וי, בע־ע־ענקען וועל איך האַ־אַ־אַרצע־ע־ניו נאָך דיר...

קאפיטל VI

פּאָלי האָט גענומען שלמהן אונטערן אָרעם:

— שלמהלע, ליבינקער, פאַרשטער מיר נישט דעם היינטיקן אויפ־דערנאַכט. איך האָב אויף אים אזוי אַרויסגעקוקט... אזוי אַרויסגעקוקט...

— ווער ווייסט? עס קען זיין, אַז איך האָב אפשר אויף אים אויך אַרויסגעקוקט...

— נאָר וואָס דען?

— פּאָלי, ווי דו ווייסט, האָב איך דיר נאָך אויף מיין לעבן נישט געזאָגט קיין ליגן. נישט אזוי?

— אמת.

— איז אויב איך וועל דיך עפּעס פרעגן, וועסטו מיר אויך ענטפערן אויפריכטיק?

— דאַרפסט נאָך פרעגן?

— זאָג מיר, דו האָסט זיך געשעמט מיך אַ קוש טון פאַר אָט דעם —

— שלמה, וואָס פעלט דיר איין? פאַר וואָלאָדיען וועל איך זיך שעמען?

— פאַר וואָס נישט? וואָס איז, וואָלאָדיאַ איז נישט קיין יינגל? זיין נשמה איז פון קלאָטשע? נישט עס פעלט מיר איין, נאָר איך בין זיכער, אַז עס איז אזוי. איך קען דיר אפילו אונטערזאָגן די סיבה, פאַר וואָס דו האָסט זיך געשעמט.

פּאָלי האָט אַ פאַרלוירענע שווער געאָטעמט און געשוויגן.

— געבנדיק מיך אַ קוש פאַר אים אין די אויגן, וואָלסטו אים נאָך דעם געמוזט דערציילן, אַז איך בין דיין חתן, און דאָס האָט זיך דיר נישט געגלוסט...

— פאַר וואָס עפּעס וואָלט איך געמוזט?

— ווייל אויב דו וועסט אים דאָס נישט דערציילן, וועט ער דערנאָך אויך אָנהייבן צושטיין... דאָס איז נישט שווער איבערצולייענען אין זיינע אויגן און אויף זיינע ווייסקעפּלדיקע טשיריקעס...

— אַך, שלמה, עס איז שרעקלעך דיך צו הערן... די טורמע האָט דיך פיל געענדערט... איך הער און שטוין... אזעלכע דיבורים...

— וואָס זשע, פּאָלי, איך האָב באַקומען אַ קראַנקייט אָנצורופן זאַכן מיט זייערע אמתע נעמען? האַ? דו האָסט פאַרגעסן, אַז כאָטש מיין בוך איז פאַרברענט, אָבער דער שרייבער לעבט אין מיר, און פאַר אַ האַלב יאָר טורמע האָט ער זיך נאָך מער אויסגעפורעמט, אויסגעשליפן. איך דאַרף דען לאַנג קוקן? איך האָב נאָר אַ בליק געטון אים אין די אויגן און האָב גלייך געזען, אַז עס איז נישט שיין געוועז פון דיין זייט צו נעמען זיך אזאַ פּאַרטנער אויף צוגרייטן די לימודים... האָסט נישט געקענט זיך צוקלייבן עפּעס אַ מיידל?...

— מען קלייבט זיך נישט צו ווי דו מיינסט, נאָר וועמען דער „קאָמ־

סאָרג"*, ווייזט אָן, דעם נעמט מען, און ער זיצט מיט מיר אין אינסטי־טוט אויף איין באַנק...

— אַ־האַ! אויף איין באַנק? ! אַ! דאַן אַנטשולדיק מיר... דאַן איז גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש. י־י־י־יאָ... יאָ, איצט זאָג מיר נאָר, וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט צו דיר דער קאָמסאָרג? דו ביסט דען אין קאָמסאָמאָל?

— ערשט דאָ אין אינסטיטוט, האָב איך געמוזט אַריינטרעטן אין קאָמ... אַנדערש איז היינט אוממעגלעך...

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך שלמה ביטער צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? וואָס האָב איך דען אַזוינס —

— נישט פֿון דיר, טייבעלע מיינס, האָב קיין מורא נישט. נישט פֿון דיר לאַך איך. דו ביסט אַ מאַלאַדיעץ! פֿון זיך אַליין לאַך איך! פֿון מיין נאַרישן, נאַרישן קאָפּ... איז זאָגסטו, אויף איין באַנק? כאַ־כאַ־כאַ... דאָס איז גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש... נאָר מיין נישט חלילה, אַז איך אייפֿער דיך צו אים, עס איז פֿאַר אים צו אַ גרויסע ערע, אַז איך זאָל האָבן צו אים װעלכן עס איז געפֿיל. נאָר פּשוט, דו ווייסט וואָס איך האָב יאָ אַ טראַכט געטון? אפשר געדענקסטו, בשעת דער רעוואָלוציע איז געווען אַ לאָזונג: „וואָס עס איז געווען גוט פֿאַרן צאַר, איז שלעכט פֿאַר אונדז און וואָס עס איז געווען שלעכט פֿאַר אים, איז גוט פֿאַר אונדז"! ווען איך האָב דער־הערט, אַז דו ביסט מיט אים אויף „דו", האָט זיך מיר בשעת־מעשה פֿאַר־וואָלט, אַז מיט מיר זאָלסטו איבערגיין צוריק אויף „איר"...

פֿאַליע האָט זיך אָפּגעשטעלט. פֿאַר דער שיין פֿון דעם נאָענטן לאַמטערן האָט שלמה גוט געזען, ווי בלאַס זי איז. מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטימע האָט זי קוים אַרויסגעבראַכט:

— שלמה, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אוועקפֿאָרנדיק פֿון מאָסקווע האָב איך נישט געגלייבט, אַז מיר וועלן נאָך ווען עס איז אויסרעדן צווישן זיך צוויי ווערטער. נאָר גאָט האָט אַזוי געפֿירט, אַז מיר גייען איצט ווידער צו־זאַמען, און איך שווער דיר ביי אונדזער גליק, אַז דו ביסט ביי מיר טייערער פֿון מיין לעבן... איצט זאָג, דו ווילסט גלייך פֿון דער ערשטער מינוט דער־לאַנגען אַ טויטקלאַפּ דעם אַלעמען? זאָג!

— פֿאַליא, נשמה מיינע... „איך וויל" זאָגסטו? און ווער איז מיר גע־שטאַנען פֿאַר די אויגן די גאַנצע צייט, בעת מען האָט געצויגן די אָדערן פֿון מיין לייב — נישט דו? און בעת איך בין ביי די באַנדיטן אין דער פֿינצטער געפֿלויגן אין דער לופֿטן ווי אַ סנאָפּ? מיט וועמענס נאָמען אויף די ליפּן האָב איך זיך געזעגנט מיטן לעבן? נישט מיט דיינעם? נאָר לאָ־מיר אוועקוואַרפֿן אָט דעם שמועס, צו פֿרי האָבן מיר אים **אָנגעהויבן. מיר** האָבן זיך נאָך אַפֿילו רעכט נישט אָנגעקוקט... און דערצו זענען מיר שוין באַלד געקומען אַהין וווּהין מיר גייען.

---

* אַ קיצור פֿון קאָמסאָמאָלישער אָרגאַניזאַטאָר.

פאַלי האָט נאָכגיביק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: מסכים, לאָמיר אויפֿערן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי, אַרומקוקנדיק זיך, געפֿרעגט:

— ווו געפֿינען מיר זיך איצט?

— אויף שטשעקאָוויצקע־גאַס.

— וועלכן הויז־נומער דאַרפֿן מיר?

— הויז נומער 59.

— דאָ האָבן מיר 47, הייסט עס דאָס זעקסטע הויז פֿון דאַנען. ווער וווינט דאָרט?

— דו קענסט אים נישט. איינער אַ יונגערמאַן.

אין פֿאַראַדנע, אויפֿהייבנדיק זיך אויפֿן דריטן שטאָק האָט פֿאַלי טאַקע אויסגעפֿירט אירס. שלמה האָט זי אַ קוש געטון אין די ליפּן, מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זײַן יונגער, אַנגעווייטיקטער נשמה. ביידע גליקלעכע, ענג צוגעפּרעסט איינער צום אַנדערן האָבן זיי אויפֿגעזוכט די טיר נומער דרײַצן און האָבן אָנגעקלאַפּט.

געעפֿנט האָט זיי אַ יונגע פֿרוי:

— צו וועמען דאַרפֿט איר?

— אַ פּנים צו אײַך, אויב איר הייסט פֿרידמאַן.

— ניין, איך היים שוסטערמאַן, מײַן מאַן הייסט פֿרידמאַן. קומט אַרײַן.

שלמה האָט דערפֿילט, ווי מען וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ קינזשאַל אין דער זײַט. אין יענער סביבה, צו וועלכער משה פֿרידמאַן געהערט, זאָל אַ ווײַבל פֿאַרבלײַבן אויף איר מיידלשן פֿאַמיליע־נאָמען?... נישט אומזיסט, הייסט עס, האָט די חברה אַזוי תשעה־באַבדיק גערעדט וועגן זײַן „גליק“...

זי האָט זיי אַרײַנגעפֿירט אין אַ שיין צימערל און אַרויסגערוקט בענקלעך.

— זיצט, מײַן מאַן וועט באַלד אַרײַנקומען.

— ער גייט שוין דען אַרום אין גאַס?

— ניין, ער איז טאַקע דאָ נישט ווײַט, אויפֿן קאָרידאָר, אָדער אפֿשר איז ער צו אַ שכן אַרײַנגעגאַנגען. אַלנפֿאַלס, איין מינוטקעלע, ער קומט גלײַך.

שלמה האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון פֿרידמאַנס ווײַבל. זי איז געווען אַ פֿרוי פֿון מיטעלער וווקס, אַ גאַנץ סימפּאַטישע שאַטינקע, מיט ריכטיקע געזיכטס־שטריכן, נאָר מיט אַן עקשנותדיקן גליווער אין די פֿאַרזשמורעטע אייגעלעך. זי איז געווען זייער עלעגאַנט געקליידעט, יעדעס פּיצעלע פֿון איר הלבשה האָט פֿון איר ממש אַראָפּגעשײַנט, נאָר שוין מיט אַ ביסל צו קורצע אַרבל און מיט אַ צו פֿיל דעקאָלטירטן האַלדז — ווערדליק פֿאַר אַ פֿרידמאַנשע... אויפֿן טיש איז געלעגן אַן אָפֿן בוך. שלמה האָט געבעטן אַ דערלויבעניש און אַ קוק געטון אויפֿן שער־בלעטל: „דער נייער טיפּ סאָוויעטישע פֿרוי און איר אַנטשיידנדיקע ראָל אין אויפֿבוי פֿון דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפֿט“. שלמהן האָט פֿון דעם „וחלקלקותדיקן“ נאָמען אָנגע־

הויבן צו קיצלען אין דער נאָז ווי פון א שטאַרקן שמעק טאַבאַק. ער האָט זיך שטום באַגעגנט מיט פּאָלים אויגן און זיך געווענדעט צו דער פרוי פרידמאַן:

— אַנטשולדיקט מיר ביטע פאַר מיין דרייסטקייט, חברטע פרידמאַן, צי שוסטערמאַן, נאָר אויב איר וועט מיר דערלויבן, וואָלט איך עפּעס געוואָלט אייך פרעגן.

— איר קענט פרעגן, עס געווענדט זיך נאָר, וואָס?

— זאָגט נאָר, פון וועלכן שטאַנדפּונקט אינטערעסירן אייך אַזעלכע ביכער?

— כדי איך זאָל אייך קענען ריכטיקער ענטפערן, וואָלט פאַר מיר נישט געשאַדט פריער צו וויסן, מיט וועמען איך האָב די ערע צו פירן א גע־שפּרעך...

— די ערע איז גאָר א קליינע, בסך־הכל בין איך די לעצטע צייט פון דער פּראָפעסיע: אַן אַרעסטאַנט. נעכטן אין דער צייט האָט זיך מיר נאָך אפילו נישט געחלומט, אַז היינט וועל איך שוין פריי אַרומשפּאַצירן איבער קיעוו.

— איז אייער נאָמען צופּעליק נישט — שלמה?

— צופּעליק, יאָ שלמה.

— אָ! מישאַ וועט זיך שטאַרק דערפרייען מיט אייך.

— ווער איז דאָס, מישאַ?

— נו, מיין מאַן, פרידמאַן.

— א־האַ!...

— ער רעדט פון אייך זייער פיל און זייער אָפט...

— דאָס איז א כראָנישע קרענק ביי אונדז ביידן. מיר זענען שוין פון גאַנץ לאַנג זייער נאָענטע חברים. יאָ, אָבער איר האָט מיר נאָך אַלץ אויף מיין פראַגע נישט געענטפערט.

— א־האַ, איר האָט געפרעגט, פאַר וואָס איך פאַרנעם זיך מיט אַזאַ ליטעראַטור?

— יאָ, יאָ...

— איך אינטערעסיר זיך מיט איר אַלס א סאָוויעטישע פרוי, אַלס א בירגערין פון ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז דען נישט געננוג?

שלמה האָט פאַרביסן געשוויגן.

— איך זע, אַז מיין ענטפער איז אייך נישט צום האַרצן, נאָר מיר איז דאָס נישט קיין חידוש.

— פאַר וואָס אַזוי?

— ווייל אַלע אייערע לייט באַציען זיך פיינטלעך צו דעם פּראָגרעס פון דער פרוי, אין אייך לעבט נאָך דער פאַרשקלאַפער... דער פעאָדאַל...

— ע, בירגערין שוסטערמאַן, דאָס איז דאָך שוין גאָרנישט העפלעך. מיר קענען זיך נאָך אפילו נישט ווי עס געהער צו זיין און איר קריגט זיך שוין מיט מיר. דאָס טויג דאָך אויף כפּרות...

— איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, נאָר אויפֿן זאַוואָד, — איך האָב די לעצטע פֿאַר יאָר געאַרבעט אויף „כ. ט. ז.״* — דאָרט האָב איך מיך אָפּגעוווינט פֿון דעליקאַט צו רעדן...

— הייסט עס, איר האָט פֿריער יאָ געקענט, נאָר דער זאַוואָד האָט אייך אָפּגעוווינט... מהם... אויב אַזוי, איז אין צווייען אַ שאָדן. ערשטנס, איז דאָס פּשוט נישט העפֿלעך, צווייטנס, איז לחלוטין אומזיסט אייער עמאַנציפּאַציע.

— איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דאָס צו מיין לייענען ?

— עס האָט אַ שייכות דערפֿאַר, ווייל אויף דעם הונדערט צוויי און זיבעציקסטן זייטל פֿון אייער בוך הייבט זיך אָן דאָס אַכטע קאַפּיטל, ספּעציעל געווידמעט דער אינטעלעקטועלער אויספֿורעמונג פֿון דער פֿרוי. דאָרט ווערט בלויז גערעדט וועגן איר סאָוויעטישער איידלקייט, דעליקאַטקייט און צאַרטקייט. היינט, אַז איר זענט נישט מקיים דאָס, וואָס דאָרט אין אייער שלחן־ערוכל שטייט געשריבן, צו וואָס זשע נוצט אייער לייענען ?

יענע האָט פֿאַרוווּנדערט אויפֿגעהויבן אויף אים די אויגן :

— איך פֿאַרשטיי נישט, פֿון וואַנען קענט איר וויסן וועגן וואָס עס רעדט זיך אין דעם בוך ? און דערצו נאָך געגעבן אָנווייזן אין וועלכן קאַפּיטל ?

שלמה האָט מיט אַ שלעפּעריקלעך קול כלאחר־יד אָנגעוויזן אויפֿן בוך :

— מילא, גיט אַ קוק אויפֿן זייטל 172, וואָס קענט איר דאָ אָנווערן ? אפֿשר האָב איך טאַקע אַ טעות ?...

יענע האָט אַ פֿאַרלוירענע אויפֿגעמישט דאָס נויטיקע זייטל און האָט פֿאַר זיך איבערגעלייענט דאָס קעפּל פֿונעם אַכטן קאַפּיטל. רויט ווערנדיק איבער די אויערן, האָט זי שטיל געזאָגט :

— איך האָב מיך נישט געריכט, אַז צווישן מישעם חברים זאָל זיך געפֿינען אַזאַ איינער, וואָס זאָל גאָר האָבן אַ ידיעה אין אַזעלכע ביכער.

— און איך האָב זיך אויך נישט געריכט —

— אַז וואָס ?

— אַז משה פֿרידמאַנס פֿרוי, דעם לעבעדינער רבס שנור, זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע פּוסטע נאַרישקייטן, וואָס דער אויטאָר אַליין האָט זיך נישט געריכט, אַז עמעצער זאָל דאָס ערנסט לייענען.

די יונגע פֿרוי שוסטערמאַן ווערט בלייך פֿאַר כעס, נאָר זי האַלט זיך איין און פֿרעגט כלומרשט רואיק :

— אָט האָט איר דאָך אויך געלייענט אָט די „פּוסטע נאַרישקייטן״ ?...

— ערשטנס חברטע, דאַרפֿט איר וויסן, אַז אין טורמע לייענט מען נישט וואָס עס ווילט זיך, נאָר דאָס וואָס ס׳איז דאָ. און צווייטנס קען איך

---

* ראשי תיבות פֿון : כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד.

אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז איך בין דאָס גאַנצע בוך דורכגעלאָפן פאַר עט־לעכע שעה, נישט אַזוי רעגלמעסיק און בכובד־ראש ווי איר לייענט עס.

— פון וואַנען ווייסט איר דען, ווי אַזוי איך לייען עס?

— זעט איר דאָך, אַז איך ווייס.

— וואָס זע איך? איך זע נאָך גאָרנישט. איר באַרימט זיך נאָר...

— חס וחלילה, איך בין נישט קיין באַרימער. איך וועל אייך שוין זאָגן פון וואַנען איך ווייס, ווי אויפמערקזאַם איר לייענט דאָס בוך. בעת איך האָב אויפן שער־בלעטל געלייענט דעם נאָמען פון בוך, האָב איך באַ־מערקט אויף דעם ביבליאָטעק־קאַרטעלע, אַז דאָס בוך איז גענומען געוואָרן דעם זיבעטן אַפּריל. היינט איז שוין דער ניינצנטער, אויפגעמישט איז ביי אייך אויף דער 84טער זייט, הייסט עס, אַז פאַר צוועלף טעג האָט איר קוים באַוויזן „אָפּצולערנען" פיר און אַכציק זייטלעך, דאָס הייסט, צו זיבן זייטלעך אַ טאָג, ביי אייער פריי זיין... דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַוויז?

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין פריי? אפשר אַרבעט איך גאָר?

— איך פאַרשטיי, אַז ניין.

— פון וואַנען קענט איר דאָס פאַרשטיין?

— דערפון, וואָס משה, גלייב איך, איז נאָך אַזוי נידעריק נישט גע־פאַלן, ער זאָל אייך לאָזן אַרבעטן אום שבת, און אויף נישט צו אַרבעטן אום שבת זענען נאָר דאָ פּיזישע אַרבעטן, און דערצו — שווערע. אויף אייערע פינגער זע איך נישט קיין שפּור פון קיין שווערער אַרבעט. איר האָט געמוזט אויף „כ.ט.ז." אויך זיין אַ קולט־אַרבעטערין אָדער אַ רע־דאַקטאָרשע פון אַ וואַנטצייטונג.

— צופעליק האָט איר געטראָפן. איך בין געווען אַ קולט־מאַסאָווע אַר־בעטערין. אָבער דאָך האָט איר נאָך נישט קיין באַוויז, אַז איך אַרבעט נישט.

— עס איז גענוג אַ בליק צו טון מיט אַ גענויט אויג, ווי יעדע מינדסטע זאַך פינקלט ביי אייך און שעמערירט פון ריינקייט און פון פרישקייט, — אָנהייבנדיק פון משהס ווייסן קאָלנער אין אָט יענער שראַנק אויף דער פּאָ־ליצע ביז דעם ביינערנעם העלפאַנד וואָס שטייט ביי אייך אויפן טואַלעט־טישל, — מען זאָל קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָ אין צימער באַלע־באַטעוועט אַ פרוי, וואָס איז נישט באַגרענעצט אין קיין צייט.

— אָבער טאָמער האָב איך גאָר אָט די פיר און אַכציק זייטלעך איבער־געלייענט אין צוויי טעג און די איבעריקע טעג האָב איך דאָס בוך אין דער האַנט נישט גענומען? אַן אַנדער בוך געלייענט? עס קען גאָר אַזוינס נישט זיין?

— אַנטשולדיקט. קענען, פאַרשטייט זיך, קען אַזוינס זיין, אָבער דאָס מאָל איז עס נישט ווי איר זאָגט, איך האָב אַ באַוויז...

— זאָגט אומיסטן, וואָס פאַר אַ באַוויז האָט איר?

פרוי פרידמאַן און פּאָלי זענען שרעקלעך פאַראינטריגירט פון דעם

שמועס.ביידנס אויגן ברענען פיבערדיק און זענען שאַרף אָנגעצילט אין שלמהס פּנים.

— ביטע, איך קען אייך באַווייזן, אַז איר האָט דאָס בוך געלייענט אַלע טאָג, און נאָך עטלעכע מאָל אין טאָג.

אַ קורצע ווײַלע הערשט אַ שטילקייט אין צימער, דאַן הייבט שלמה אָן מיט אַ מאָנאָטאָן קול:

— אָט נעם איך דאָס בוך אין דער האַנט און עס דערציילט מיר, אַז גערעכט בין איך, נישט איר... נאָר הערט מיט קאָפּ: אַלע אייבערשטע עקן פון די בלעטלעך זענען פאַרבויגן, דאָס איז אייער געוווינהייט אַזוי צו טון. מיר קענען נישט זאָגן, אַז דאָס האָט פאַרבויגן עמעצער אַנדערש, וועלכער האָט געלייענט דאָס בוך פאַר אייך, ווײַל דאָס בוך האָט איר באַקומען פון דער ביבליאָטעק אַ נישט אויפגעשניטנס. אַ סימן איז, אַז פון דער 113טער זייט און ווײַטער איז עס נאָך איצט אויך נישט אויפגעשניטן. און איך בין אייך מבטיח, אַז די איבעריקע עקזעמפּלאַרן פון אָט דעם העכסט נודנעם בוך וועלן נאָך לאַנג פאַרבלייבן נישט אויפגעשניטן, סיידן מען וועט אָנהייבן אין זיי צו פּאַקן הערינג. נאָר לאָמיר זיך נישט אָפּנויגן פון אונדזער גענעראַלער ליניע. הייסט עס, דאָס בוך לייענט איר די ערשטע, — און אפשר אויך די לעצטע? — און איר האָט אַ געוווינהייט צו פאַרבייגן די אייבערשטע עקן פון די בלעטלעך. ווײַטער: פאַרבייגנדיק, בייגט איר נאָר איין צוויי בלעטלעך און אַ מאָל אפילו נאָר איינס. דאָס איז גלייך צו באַמערקן נאָך די קנייטשן: נאָך יעדע פּאָר בלעטלעך, אָדער צומאָל אפילו נאָר איינס, איז דער קנייטש אָדער העכער אָדער נידעריקער, דאָס הייסט פון אַ באַזונדער מאָל פאַרבייגן. ווען איר זאָלט האָבן כאָטש איין מאָל איבערגעלייענט פופצן, צוואַנציק, אָדער אפילו נאָר צען זייטלעך נאָך אַנאַנד, וואָלטן געדאַרפט זיין כאָטש פינף בלעטלעך מיט נישט קיין איינגעבויגענע עקן. און מיר זען, אַז אַלע בלעטלעך ביז איינעם זענען אין זייער צייט געווען איינגעקנייטשט, דאָס איז אַ סימן, אַז מער פון צוויי, דריי אָדער העכסטנס פינף זייטלעך אויף אַ מאָל האָט איר נאָך נישט געפּרוווט איבערצולייענען. און איך זאָג אייך דעם אמת, אַז דאָס איז אויך אַ גרויסער קונץ פון אייער זייט, פּונקט ווי איר זאָלט אויסטרינקען פאַר איין מאָל... כ'ווײַס? אַ ליטער ריצנאַייל!... איצט ווען מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז דורכשניטלעך קענט איר איבערלייענען דריי זייטלעך אויף איין מאָל און איר האָט שוין גאָט צו דאַנקען, אויסגעמוטשעט פיר און אַכציק זייטלעך, הייסט עס, אַז איר האָט שוין אַכט און צוואַנציק מאָל זיך גענומען פאַרן בוך. היינט, אַז אין גאַנצן איז עס ביי אייך ערשט צוועלף טעג, באַווייזט דאָס, אַז צוויי, דריי מאָל אין טאָג נעמט איר אייך פאַר אָט דער ערשט־קלאַסיקער שמאָטע —

עטלעכע מינוט האָט אין צימער געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מיט אַ מאָל האָט די „עמאַנציפּאַטקע" געגעבן אַ שפּרונג אויף און אַ צעמישטע אויסגערופן:

— איר זענט אַ דעטעקטיוו! אַ טשעקיסט! ערנוואָרט איך וואָלט מורא געהאַט מיט אייך צו בלייבן אַליין, אויג אויף אויג...

— כאַ־כאַ־כאַ!... פרוי פרידמאַן, איר קענט זיין גאַנץ זיכער, אַז איך וועל אייך מיט גאָטס הילף צו אַזאַ גרויסן נסיון נישט ברענגען.

שלמה גייט צו צום בעט און קוקט זיך איין מיט אויסגעהונגערטע אויגן אין דעם הייליקן פנים פון ר׳ יעקב פרידמאַן, וואָס קוקט פריינדלעך אַראָפּ פון דעם פּאָרטרעט.

קאפיטל V

פּאַלי קוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף שלמהס איינגעפאַלענע באַקן און גרויסן שטערן. זי איז אין דער מינוט גרייט זיך וואַרפן צו זיינע פיס, אָפּזאָגן זיך פון אַלץ וואָס זי האָט אויף דער וועלט און אָנהייבן לעבן נאָר מיט זיין פאַרשטאַנד, מיט זיינע געפילן...

מיט אַ מאָל גיט שלמה אַ שפּרינג אָפּ פונעם בעט און טוט אַ געשריי:

— דאָס גייט משה, לאָזט, איך וועל מיך באַהאַלטן...

פון צווייטן עק קאָרידאָר דערטראָגט זיך דער היימישער שאָרך פון שליאַנדרען קאַלאָשן אויפן באָרוועסן פוס און אַ פאַנפאַטע שנייצעניש. שלמה באַהאַלט זיך הינטער דעם פאָרהאַנג, מיט וועלכן ס'איז פאַרהאַנגען די שאַפּע מיט קיכגעשיר. פּאַלי גייט אויך אָפּ אין אַ זייט, כדי מען זאָל זי נישט באַמערקן באַלד ביים אַריינקומען. עס עפנט זיך די טיר, משה פרידמאַן, אַן אויסגעבלייכטער און שטאַרק געעלטערט, שלייכט אַריין אין צימער, ווישט זיך די הענט אין האַנטעך און מיט אַ שוואַך, קרענקלעך קול פרעגט ער זיין פרוי:

— גענימשקאַ, פאַר וואָס עפּעס האָסטו אויסגעשלאָסן דעם ראַדיאָ? איך האָב דאָך געהערט, אַז דער ראַדיאָ האָט ביי דיר גערעדט?

„גענימשקאַ" באַוויזט נאָך נישט צו ענטפערן, ווי עמעצער כאַפּט אים הינטן אַרומער אַריין אין די אָרעמס און פאַרשטעלט אים די אויגן. פאַר דערשרעק און אומגעריכטקייט גיט זיך פרידמאַן אַ וואָרף מיטן גאַנצן קערפּער, פּרוּווט צונעמען יענעמס הענט פון די אויגן און קען נישט. דאַן הייבט ער אָן צו טרעפן:

— קלאַדניצקי. גאָרדאָן. יוסף, נעם צו די הענט! איך דערקען דיינע ידים. וואָס, אַלץ נישט געטראָפן? נו, סעגאַל, דאָס זענט איר? שמעריל, מאַך זיך נישט געפנרט, דיינע בערישע לאַפּעס וואָלט איך דערקענט פאַר אַ מייל... וואָס, אַלץ נישט געטראָפן? נו, זאָל זיין ניסן! נחום! נו זאָל זיין ווער עס וויל זיך, אָבער, אַן עק, נעמט צו די הענט, דער קאָפּ דרייט זיך מיר שוין...

מיט אַ מאָל גיט עמעצער אַ שפּרינג אָפּ אויף עטלעכע טריט און בלייבט שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט. אַ סעקונדע באַטראַכט איינער דעם צווייטן:

— שלמה... טייערער!...

— משה!... האַרץ־פריינט!...

זיי פאַלן איינער דעם צווייטן אויפן האַלדז. אויף עטלעכע מינוט בלייבן זיי אַזוי פאַרשטאַרבן. נאָך דעם צענעמט מען די אָרעמס, — די אויגן זענען ביי ביידן פייכט — נאָך אַמאָל זיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און נאָך אַ מאָל כאַפּן זיי זיך אַרום...

— שלמה, ווען?

— מיט א שעה אַכט, ניין צוריק.
— און שוין צו מיר?
— עס איז דיר א חידוש? איך האָב דען צוויי משה פרידמאַנס? און דערצו האָב איך זייער פיינט צו טראָגן אויפן קאָפּ חובות.
— וואָס פאַר א חובות?
— איך בין דיר שולדיק א מזל־טוב און וויל דיר אים אָפּגעבן.
— אַ־האַ... אַ דאַנק... וואַרט, לאָמיך דיך פריער פאָרשטעלן. גענעטש־קע, זײַ באַקאַנט: מײַן בעסטער חבר שלמה פּיאַטיגאָרסקי.

זיי דערלאַנגען זיך די הענט. אויף איין אויגנבליק קרימען זיך זייערע ליפּן פון באַהאַלטענע שמייכעלעך, אָבער גלייך ווערן זייערע בליקן ערנ־סטער און שטרענגער. זיי קוקן א ווײַלע שטאַר איינער דעם צווייטן אין די אויגן, און שלמה פאַרנויגט זיך מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט:
— זייער אָנגענעם זיך צו באַקענען מיט אייך —
און באַטאָנענדיק יעדעס אות:
— חברטע פרידמאַן.

שלמה דערמאָנט זיך אין עפּעס און רופט זיך אָן:
— איצט, זײַט איר באַקאַנט מיט מײַן כלה: משה פרידמאַן מיט זײַן פרוי, און דאָס איז מײַן פאַליאַ טולטשינסקאַ.

פרידמאַן נעמט פאַלים האַנט אין זײַנער, אויף א סעקונדע באַגעגענען זיך זייערע אויגן. א לייכט שמייכעלע גיט אין זיי א פינקל און גאַניע נעמט איבער פאַלים האַנט.
— נו, שלמה, דו ביסט ביי מיר אַזאַ טייערער גאַסט, אַזאַ טייערער, אַז איך ווייס דיך גאָרנישט וווהין אַוועקצוזעצן...
— מילא, עד לחשבנן, ביז דו וועסט צוטראַכטן אַן אָרט לאָמיר זיך דערווייל צוזעצן אויף בענקלעך. דערציי׳ל, וואָס האָסטו זיך עפּעס פלוצלינג צעלייגט אין קימפּעט? וואָס פעלט דיר?
— ביז איצט האָסט דו מיר געפעלט, איצט בין איך שוין געזונט.
— אָן שום תירוץ! געדענק זשע, איבערמאָרגן איז שבת. ביי דער גאַנצער וועלט, איז שבת־הגדול, און ביי מיר איז ער — הגדול שבגדולים. אַלע חברים וועלן זײַן און דו מיט גאַניען דאַרפט קומען פון די ערשטע.
— וואָס פרעגסטו? און ווען די בעטסט מיך נישט? און ווען דו פאַרשפּאַרסט די טיר, קריך איך דען נישט אַריין דורך דעם פענצטער? גאָר א קלייניקייט, העכער א האַלב יאָר אין דער אינקוויזיציע אָפּזיצן... זיך גוט אָנגעליטן, האַ?
— איך האָב צו גאָט קיין טענות נישט. ער האָט נישט געקאַרגט פאַר מיר גאָרנישט. מען האָט מיך דאָרט אין זינען געהאַט ווי א געפּעסטעט קינד.
— אָבער אַן עק? ריין?
— ווי אַן אָפּגעשיילט אייעלע.
— און אַצינד, וואָס קלייבסטו זיך צו טון?

— אז איך וועל קומען אהיים — אויב מען וועט מיך נאָר לאָזן — פאַרזוכן דעם טעם פון מיין אייגן געלעגער, איך האָב אים שוין באַלד פאַרגעסן.

— גענעשקע, מיר גייען אוועק אויף גאַנץ שבת צו די פיאַטיגאַרסקים, האַ? דאָס איז דאָך נישט צו די פייגנבוימס...

שלמה שלאָגט אים איבער:

— וואָס פרעגסטו עפּעס אַזעלכע קשיות? וואָס דען, זי וועט נישט גיין? כאָטש מיר האָבן זיך דאָ אַ ביסל צעוועריטלט, אָבער ביי לשון אַ שמחה, ווער רעכנט זיך עם מיט אַזעלכע זאַכן?

— צעוועריטלט, זאָגסטו? ווען האָט איר שוין געהאַט צייט זיך צו צעוועריטלען?

— אויך אַ פראַגע. אַז מען האָט זיך שטאַרק ליב, געפינט מען צייט אויף אַלצדינג.

— פּאַרט, וועגן וואָס האָט זיך דאָ געשמועסט?

— אַ דאגה דיר, אַבי מיר זענען שלום געבליבן... איאָ, חברטע גענעשע?

זי גיט פאַרשעמט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ און גייט אַרויס אין קיך אַריין מאַכן טיי. פּאָלי הייבט זיך אויף און מאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי באַטראַכט הינטער שלמהס פּלייצעס עפּעס אַ בילד. אָפּוואַרטנדיק אַ מאָ־מענט, ווען די חברים זענען פאַרטיפט אין אַ שמועס, נעמט זי אַרויס פון איר טעשעלע אַ פינפערל און כאַפּנדיק אויף זיך פרידמאַנס בליק, לייגט זי דאָס אַרונטער אונטער דעם טישטעכל וואָס אויפן קאָמאָד, דראָענדיק אים בשעת־מעשה מיטן פינגער ביי דער נאָז. פרידמאַן שמייכלט גוטמו־טיק, אים אַרט כלל נישט, וואָס זי קערט אים אום די פינף רובל, דער עיקר — אַבי זיי האָבן זייערס מתקן געווען...

ווען פּאָלי גייט אַרויס אַ קוק טון, פאַר וואָס גענעשע זאַמט זיך אַזוי לאַנג אין קיך, פרעגט ער ביי שלמהן:

— נו, ווי געפעלט דיר עפּעס מיין גורל?

— מיר זענען צוויי יוסף בן שמעונס, מיינע איז דאָ דערווייל אַריין אין קאָמסאָמאָל...

— אַ! עס איז נאָך אַ גרויסער חילוק. ביי דיר איז זי אַריין אין קאָמ־סאָמאָל, און ביי מיר איז דער קאָמסאָמאָל אַריין אין איר! דאָס, ברודערקע, איז פיל, פיל ערגער...

— הייסט עס, אַזאַ מאָדערנער דיבוק?

— פון וואַנען נעמסטו עס, אַז אַ מאָדערנער?

ביידע צעלאַכן זיך. פּאָלי קומט אַריין און שלמה הייבט זיך ראָש אויף:

— משה, דיין גענעשע, איז דאַכט זיך אַוועק מאַכן טיי, אַנטשולדיק מיך פאַר איר, נאָר מיר גייען שוין אַוועק. דו פאַרשטייסט אַליין, וויפל מענטשן עס וואַרטן דאָרט אויף מיר. כ׳וואָלט געזעסן מיט פאַרגעניגן...

— איך בין נישט אַזאַ נאַר, אַז איך זאָל דיך איצט צוריקהאַלטן, כ׳וואָלט נאָר אויך אַ בעלן געווען זיין אַצינד ביי אייך אין שטוב. גאָט

מיינער! אזא שמחה... אזא שמחה... דאָס איז דאָך פיל גרעסער פון א חתונה, פון שמחת־תורה, פון פורים.

— נו, משה, אפשר נעמען מיר אַן אויטאָ און פאָרן ארויף?

— ניין, איך טאָר דאָס נישט טון. איך האָב נאָך ביי טאָג געהאַט 37,8. ביי מיין לאַ־יצלחדיקן אָרגאַניזם הייסט דאָס א הויכע טעמפּעראַטור. נאָר אויף שבת אם ירצה השם, וועל איך קומען בלי נדר פּרייטיק ביי טאָג און שוין בלייבן ביז זונטיק...

— אומבאַדינגט אַזוי... דאָס איז דאָך מיין פּריוועבער שבת... נו, טייערער, זיי מיר געזונט, אַנטשולדיק מיך פאַר געניען. נישקשה, דו וועסט א ביסל מוזן צוהאָרעווען, אָבער וועסט זי מגייר זיין...

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, פרעגט פאַלי ביי שלמהן:

— שלמה, טייערער, נשמה מיינע, זאָג מיר, דו האָסט מיך נאָך היינט אויך אַזוי ליב ווי אין מאָסקווע, איידער דער דיבוק איז אין מיר אריין?

דער ענטפער איז געווען א שטילשווייגן.

פאַלי האָט אויגנבליקלעך פאַרלוירן דעם קוראַזש און פרעגט מיט א פאַרשטיקט קול:

— פאַר וואָס זשע נישט, שלמהלע?

— ווייל איצט — פיל, פיל שטאַרקער...

— אוי, ליבער! היינט, דאַכט זיך, דערשטיק איך דיך אין מיינע אָרעמס. איך בין טאַקע א סוואָלאָטש, מיינסט ניין? געשעמט זיך דיך א קוש טון. ווי קען שוין, דאַכט זיך, זיין נאָך א גרעסערער תענוג פון דעם? וואָס דען, אַזוי באַגעגנט מען א חתן נאָך א האַלב יאָר שפּיטאָלן און טורמעס? אַך, שלמה, ווו נעמט מען אצינד אזא אָפּגעזונדערט צימער ווי אין „צינימאַש"? איך וואָלט דיר געוואַשן די פיס און געטרונקען דאָס וואַסער; איך וואָלט מיט מיין צונג ארומגעלעקט יעדן ראַן, יעדע וווּנד אויף דיין ליבן, ליבן קערפּער. שלמהלע, ליכטיקער אָדלער מיינער, זשעני מיינער, טרייסט מיינע, איך האָב דאָך אַזוי פיל פּעטש די וועדט פאַרן הייגטיקן אויפדערנאַכט, פאַר די מאָסקווער קאַפּריזן, פאַר אַלע קיעווער בלוט־צאַפּעניש, פאַר שטענדיק, פאַר אייביק זינט מיר קענען זיך. אוי, ווו נעמט מען אַזעלכן וואָס זאָל וועלן מיך ווי עס געהער צו זיין אויספּאַטשן?... שלמהלע, נאָך א ביסעלע, נאָך א קאַפּעטשקעלע...

זיי זענען געשטאַנען אין פינצטערן קאָרידאָר אויף שטשעקאַוויצקע 59, פאַלי איז מיטן גאַנצן קערפּער געהאַנגען אויף שלמהס ברוסט. אירע גליענדיקע פינגער האָבן געסמאַליעט זיין פּנים, זיין האַלדז... אירע ליפּן האָבן אַן אויפהער געפּליסטערט א ליבע־געזאַנג צו שלמהן, איר אָטעם האָט געברית דאָס פּנים, אירע ליפּן האָבן פאַרשיכורט זיך איינגעזויגן אין שלמהס, אויסשעפּנדיק ביזן דנאָ זיין פלאַמענדיקע ליבע צו איר.

שלמה האָט געפילט, אַז דאָס לעבן קערט זיך ביסלעכווייז אום צו אים. די היימישע סביבה, די רווישנדיקע גאַסן, די אומבאַגרענעצטע פרייהייט און מער פון אַלץ — פאַלים שיינע, צאַרטע הענט, איר שיינענדיק, צעפלאַמט

פנימל, אירע זאפטיקע, פוכקע ליפעלעך, וואס זענען, ווייזט אויס, באשאפן געוואָרן בלויז צוליב דעם, אַז זיי זאָלן רייצן די בלוטן, — אַט די אַלע זאַכן האָבן אים מיט אַ מעכטיקער קראַפט געצויגן צוריק צום לעבן, צום אַזוי לאַנג פאַרגעסענעם גרויסשטאָטישן געווירבל. פון דער מינדסטער באַרירונג מיט איינע פון די דאָזיקע זאַכן, האָט ער געפילט, ווי אַ באַלזאַם צעגיסט זיך איבער זיין לייב. די טורמע מיט אַלע אירע שווידערלעכקייטן האָט ביי אים שוין אויסגעזען, ווי אַ ווייטער, בייזער חלום אין וועלכן עס ווילט זיך נישט דערמאָנען.

פון פאַדאַל איז פאָלי נישט געפאָרן אהיים, נאָר מיט שלמהן אויף סאָלאָמינקע. דאָרטן האָבן זיי געטראָפן אַ פולע שטוב מיט געסט, וועלכע האָבן שלמהן געמאַכט אַזאַ אָוואַציע, אַז דורכגייער אויפן צווייטן טראָטואַר האָבן זיך אָפּגעשטעלט הערן: וואָס שרייט מען אַזוי? צווישן די געסט איז געווען אויך יאַני, אסתר און אַווראַם. די שמחה איז געווען אַזוי גרויס, די פראַגן אַזוי פיל, אַז די נאַכט איז אומבאַמערקט איבערגעפלויגן.

פאַר טאָג, פאַרן צעפאָרן זיך האָט אפרים־אהרון פאַרבעטן דעם גאַנצן עולם אויף דעם שבתדיקן מעת־לעת:

— איר דאַרפט גאָרנישט ברענגען מיט זיך, אַלץ וועט זיין לרוב. אכסניות, ווו איינצושטיין אויף סאָלאָמינקע, זענען דאָ קיין עין־הרע אָן אַ שיעור. קיין גרעסערע שמחה ביי מיר, ווי שלמהס קומען געזונט, קען גאָרנישט זיין. ווער עס איז מיר נאָר אַן אמתער גוטער פריינט, דער וועט פרייטיק ביי טאָג קומען גלייך צו מיר אין שטוב אריין און מיר וועלן אם ירצה השם פראַווען אַ פריילעכן שבת...

קאַפּיטל VI

מיטן ערשטן טראַמוויי זענען זיך אַלע געסט צעפּאָרן. שלמה, זעענדיק, אַז דינה גייט אים אויסבעטן אין זיין קאַבינעט, האָט ער זי אַ בעט געטון, זי זאָל אים ליבערשט צורעכטמאַכן אַ געלעגער און זאָל ביים פענצטער; ער וויל נישט, אין דער ערשטער נאַכט פון זיין צוריקקערן זיך אַהיים, זיך שוין אָפּשפּאַרן פון אַלע שטוב־מענטשן. אין אמת גערעדט, איז די מעשה מיטן „אָפּשפּאַרן זיך” געווען נישט מער ווי אַן אויסרעד פאַר די בני־בית. די אמתדיקע סיבה איז געווען אַן אַנדערע: פאַר אים איז געווען אומדערטרעגלעך שווער צו בלייבן אויג אויף אויג מיט זיין צימער, וווּ יעדע קלייניקייט האָט אים דערמאָנט אין זיין אומגליקלעך ווערק. דאָרט אין קאַבינעט האָט נאָך געטליעט זיין, אַזוי זאָרגעוודיק באַשאַפן וועלטל, דאָרטן האָבן נאָך אַרומגעבלאָנקעט די יונג אומגעבראַכטע נשמות פון זיינע העלדן און העלדינס, ווי די נשמות פון די נפטרים, אין די ערשטע אַכט טעג, אין די הייזער וווּ זיי האָבן געלעבט. צורירנדיק זיך צום שרייבטיש, צום שרייבגעצייג, איז פאַר שלמהן אויפגעשטאַנען יענץ בלוטיקע בילד ביי דעם שרייבער מאַרגאָלים אין שטוב און גראָד דאָס האָט ער מיט אַלע כוחות זיך באַמיט אויסצומיידן. צפורה האָט אָבער זיין פּלאַן אָפּגעוואָרפן. זי האָט שלמהן אויסגעבעט אויפן פאָטערס בעט, כדי ער זאָל קענען אַ ביסל שפּעטער שלאָפן. נאָר שלמה האָט זיך ערגעץ אַרויסגעכאַפּט און קיינער האָט נישט באַמערקט וווהין. שוין זשע האָט זיך אים פאַרגלוסט עמעצן באַגלייטן? געשיקט זיך אַזאַ זאַך? —

נאָר שלמה האָט דווקא דאָס מאָל קיינעם נישט באַגלייט. איינער אַליין, איז ער געשטאַנען ביי אַ פענצטער פון אַ כמעט ליידיקן טראַמוויי־וואַגאָן. דער קוראַזש פון דער גאַנצער נאַכט איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן דין וחשבון צו וועמען ער פאָרט. דורך די שויבן האָט אַרייַנגעקוקט אַ העלער, מילדער פרימאָרגן. קיעוו איז נאָך געשלאָפן. אויף די גאַסן איז געווען זעלטן צו זען אַ דורכגייער, נאָר דוואָרניקעס אין ווייסע פאַרטעכער האָבן צוגעקערט פאַר זייערע הייזער. אין דער איצטיקער מינוט האָט שלמה נישט געדענקט נישט פאָלין, נישט פרידמאַנען, נישט מאַרי, נישט פאָלטאַווע, נישט קלאַוועז, נישט לאָבאָוון. שלמה האָט זיך איצט געפונען אין אַנאַניעוו... אַנאַניעוו איז אים נאָכגעפאָרן אין טראַמוויי; געשטאַנען פאַר די אויגן; דורכגעפירט פאַר אים איין בילד נאָכן צווייטן פון יענעם גליקלעכן, רואיקן לעבן; פון יענער פאַנטאַסטישער אידיליע, אין וועלכער די ערשטע פערזאָן איז תמיד געווען די מומע טייבל.

פונעם טראַמוויי נומער אַכט, האָט זיך שלמה איבערגעזעצט אויפן נומער פיר. אויף עטלעכע מינוט האָבן זיך באַוויזן די טורעמלעך פון לוקיאַנאָווקער טורמע, אין וועלכער שלמה איז נאָך נעכטן אין דער צייט אַזוי רואיק געשלאָפן. עס איז דורכגעשווומען לוקיאַנאָווקע און עס האָט

זיך אָנגעהויבן די רואיקערע העלפט פון דער לאַנגער לוואָווסקע־גאַס. אין צוואַנציק מינוט אַרום האָט שלמה איינזאַם, מיט אַ שווערן טרויער אין האַרצן, געשפּאַנט אויף די געפּלאַסטערטע אַלייען פון קיעווער אור־אַלטן בית־עלמין. אין וועכטערהייזל איז מען געשמאַק געשלאָפן און שלמה איז אומבאַמערקט דורכגעגאַנגען אין צענטער פון בית־עולם. קיין איין לעבע־דיק באַשעפעניש איז אין גאַנצן אַרום נישט געווען. שלמה האָט אַליין אויפגעזוכט דעם קוואַרטאַל, די ריי און דעם קבר. אויפן ברעטעלע זענען געווען אָנגעשריבן מיט שוואַרצן לאַק, געצייל טע ווערטער:

פ״נ האשה טייבל בת ר׳ משולם יוחנן. נפטרה כ״ח שבט תרצ״ג. תנצב״ה.

דאָס בערגל ערד איז פון די צעגאַנגענע שנייען געווען פלאַך און צעשוומען. אַרום איר קבר און אויף רעכטס ווייטער פון אירן, האָבן זיך שוין געצויגן עטלעכע שערענגעס פרישע קברים. שלמה איז געשטאַנען ביים בערגל ערד מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ. עס איז אַזוי שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אונטער אָט דעם ביסל קויטיקן ליים ליגט אַזאַ אוצר ווי זיין הייליקע מומע טייבל, וועלכע האָט אים נאָך אין יענעם ווינטער פריִיטיק נאָכגעשריגן: „שלמה, פאָר געזונט און קום געזונט״... פאַר זיינע אויגן איז אַרויסגעשוומען איר אויסזען, ווי בשעת ער האָט זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט. אַ הויכע, אַ שטאַלטנע און אַ שיינע ביז גאָר. איר טיפן שטערן האָט אַ ביסל פאַרשטעלט דער פּאַריק. די אויגן האָבן פריילעך און האַרציק־געטריי געקוקט אויף גאָטס וועלטל. איר נשמה איז געווען ריין ווי קרישטאָל. קיין סימן פון קיין טרויער האָט זיך צו איר קיין מאָל נישט געקלעפּט. און ווי אַזוי האָט זי געפירט אַ שטוב, קינדער, ביי אַ מאַן אַן אכזר?... שלמה דערמאָנט זיך איר ערב־יום־כפורדיק אַרומלויפן בעטן מחילה ביי די יעניקע, וואָס האָבן אין משך פונעם יאָר געזינדיקט קעגן איר... אים דערמאָנט זיך, ווי זי האָט אים מיט יחיאלן געצווונגען איבער־כאַפּן עפּעס אין אַ פאַרלאָזט געדעכטענדל ערגעץ אין אַן עק שטאָט. אירע סליחות, איר ליכט־בענטשן פאַר כל־נדרי, איר בענטשן די קינדער און זיי אָפּשיקן אין שול אַריין אויסצובעטן אַ גוט קוויטל. שלמה דערמאָנט זיך, ווי זי פלעגט בסוד־סודות צעטראָגן די קאָשיקעס מיט כל טוב אין אַזוינע ערטער און צו אַזעלכע נויטבאַדערפטיקע, וואָס קיינעם וואָלט גאָרנישט איינגעפאַלן. אָט זעט ער באַשיינפּערלעך זיינע שכנים אין קליי־נעם הייזל אויף איר הויף, די וואָלאָכאָנסקער משפחה מיט די מיידעלעך, וועלכע זי האָט געראַטעוועט פונעם טויט. אָט זעט ער די „גרויסע שול״ און הערט דייטלעך דער מומעס תהילים זאָגן... איי, האָט זי דאַמאָלסט געשיינט! ממש ווי די לבנה אין מאַרי, ווען זי איז במלואה... אָבער אין קיעוו איז זי שוין געווען פאַרלאָשן... זי איז פון אָדעס געקומען מיט אַן אויסזען פון אַ מת... „ארץ־ישראל — האָט זי אים געזאָגט — דאָס איז פאַר דיר, שלמה, אַ יונגער, אַ געזונטער, אָבער איך וועל שוין נישט דער־ציען. מיך ציט שוין אַראָפּ״...

מיט אַן אינערלעכן ציטער דערמאָנט ער זיך אין יענעם זומער־אָוונט, ווען די מומע טייבל האָט אומגערן זיך אַראָפּגערעדט פונעם האַרצן און אויפגעעפנט פאַר אים איר יוגנט־וווּנד, אין וועלכער זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן אפילו אויפן טויטן בעט... דער פאָטער און דער זיידע, מנשה און די חברים, האָבן פאַרן אָרעסט פון אים געשניטן שטיקער: סטייטש, פאַר וואָס לאָזט ער זיך אַזוי פירן פון פאָלין... זיי האָבן גאָר נישט געקענט באַגרייפן דעם אין־סוף פון די ווערטער „עזה כמות אהבה”... גיי דערציייל זיי, אַז אפילו די מומע טייבל, אָט די הייליקע צדיקת, איז אויך געווען פון די געטראָפענע און כמעט פערציק יאָר נאָך איר חתונה — נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איר געליבטער איז שוין פון צענדליקער יאָרן אַ שוכן־עפר — איז זי אויסגעגאַנגען מיטן נאָמען „לייבל” אויף די ליפּן... קען ער, שלמה, זיך דען באַרימען, אַז ער איז גייסטיק שטאַרקער פון זיין אויסערגעוויינלעכער מומע טייבלען? קען דאָס דען בכלל עמעצער אויף זיך זאָגן? עס זענען דען נאָך געבליבן אַזעלכע מומע טייבלס?...

שלמה פילט אפילו נישט, ווי פון זיינע אויגן פליסן צוויי שנירלעך טרערן אין דער שטומער ערד אַריין... אים פליט גאָר דורך אַזאַ געדאַנק: עס קען זיין, ווען ער צעגראַבלט מיט די נעגל אָט דאָס בערגל, וואָלט זיך אפשר די מומע, זיין ליבע מומע אויפגעכאַפּט. ער וואָלט זיך מיט איר, אָט דאָ טאַקע דורכגעשמועסט און נאָך דעם זי מיטגענומען מיט זיך אויף זיין פריילעכן שבת. אָך, ווי אים ווילט זיך אַצינד פרעגן ביי זיין מומען אַן עצה, פון וואָס דאַרף ער אַצינד אָנהייבן? צי פון געלט־ענינים, פון דאָס ניי פאַרפירן מסחרים, אָדער צוערשט חתונה האָבן? — פאָלי, זעט ער, איז אויף אַלץ גרייט, כאָטש מאָרגן אונטער דער חופה גיין! אָבער דערווייל, ביז עפּעס וואָס, איז זי אַריין אין קאָמסאָמאָל. עס איז איר נישט מיאוס אָפּצוזיצן דריי, פיר שעה מיט אָט דעם מנוול... שלמה פילט, אַז כאָטש בנוגע זיין שידוך גייט דאַכט זיך אַלץ, ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר דאָך דאַרף ער נאָך האָבן פיל טובות פונעם הימל, אַז עס זאָל טאַקע קומען לידי־גמר אָן איבערשלאָגן. אין אַזאַ פיינטלעכער סביבה ווי די, וווּ זיין באַשערטע געפינט זיך איז פאַר אים שכיח הזיקא... פאַר אַזעלכן ווי ער זענען דאָרט כל הדרכים בחזקת סכנה...

ער בייגט זיך אָן נידעריק צום קבר, און ווי אַן באַוווּסטזיין שעפּטשעט ער:

— מומעטשקע, קיין נעענטערע פון דיר אויף יענעם עולם האָב איך נישט. פאַר דיר זענען דאָרט זיכער אָפן אַלע טויערן, פאַר אַזאַ צדיקת ווי דו איז געווים בנקל אָנצוקומען צום כסא הכבוד, בעט איך דיך: שענק דאָרט אַ תפילה פאַר אָט די מענטשן, וואָס איך דערמאָן דיר איצט:

— רייזל ליבערמאַן, דעם פאָלטאַווער רבס מיידל, דאַרף זיין גליקלעך, שטאַרק גליקלעך! אַזוי גליקלעך, אַז זי זאָל זיך קיין מאָל נישט דערמאָנען אין מיר. זי איז אַ טייערע נשמה, זי האָט מיך שטאַרק ליב,

און איך זי — אויך, נאָר זי איז נישט מיין זיווג... איך וויל זי זען אזא גליקלעכע, אַז זי זאָל לאַבן פון מיר דאָס גרעסטע געלעכטער, דאַן וועט מיר זיין גרינגער אויפן הארצן...

מומעטשקע, זבולן, חזקיהס זון פון מאַרי, דאַרף אויסגעלייזט ווערן. זיין אומגליק ליגט מיר ווי אַ שטיין אויפן הארצן, יענער מאַטערט זיך פאַר מיר. זאָל מען אַראָפּשרייבן פון מיין לעבן פינף יאָר, נאָר אים אומקערן צו זיינע עלטערן.

גוואַלד, מומע טייבל, מרים יאַגודאַיעווו טוט מיר אַזוי וויי, זי איז אַ וויסטע יתומה, האָט נאָך קיין איין ליכטיקע שעה אויף איר לעבן נישט געהאַט. זאָלן דאָרט אָפּדאַרן גבריאלן די פאַררעטערישע הענטעלעך זיינע, איידער ער רירט זיך גאָר צו צו איר, צו אָט דער הייליקער יידישער טאָכטער. מומע, זי דאַרף זיין גליקלעך... אַלע זכותים, וואָס איך האָב אפשר פאַר מיין גאַנץ לעבן, גיב איך אָפּ פאַר איר גליק...

נאָך דעם גייט אבא־חלקיה יאַגודאַיעוו, איר זיידע. רבש"ע! באַשיץ אָט דעם אַלטיטשקן, דאָס איז דאָך אַ ייד פון אברהם אבינוס שניט. ער האָט טאָג־טעגלעך מקריב געווען זיין אייניקל, צוליב ראַטעווען יידישע נפשות, נישט נהנה זייענדיק דערביי אפילו קיין איין פרוטה. מומע טייבל, איר זאָלט נישט אָפּטרעטן פון דעם וואָס לעבט אייביק, ביז ער וועט נישט קיין גוטן קוק טון אויף יאַגודאַיעווס הייזל, דאָרט אין מאַרי הינטער די סאַמע בערג, צווישן די קאַראַ־קומער סטעפּעס...

מומעטשקע, בייזערט זיך נישט אויף מיר, וואָס איך שיק אייך בעטן פאַר אַ גלח. נישקשה, דאָס איז אַזאַ גלח, וואָס מען מעג פאַר אים בעטן. וואַסילי לאַבאָוו, וואָס געפינט זיך אַצינד אין ספּעץ־קאַרפּוס פון לוקיאַנאָווקער טורמע, איז אַ מענטש, וואָס איז ווייט פון רעליגיעזן האָס. זיינע אופנים פון העלפן דעם ליידנדיקן פאַרמאָגן נישט צו זיך קיין גלייכן. איך וויל זיך מיט אים נאָך באַגעגענען אויף דער פרייהייט.

מומע טייבל, משה פרידמאַן, אַ ריזשינער אייניקל, איז חוץ אַלעמען אַן אויסגעצייכנטער יונגערמאַן, אַן עולה־תמימה. איך ווייס נישט, ווי עס קומט גאָר צו אים אַ קליפּה פון אַ זאַוואָד, נאָר עס איז דאָך שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך. בעט אויס פאַר איר אַ ניי הארץ, זי זאָל אָנהייבן פאַרשטיין, וועמען זי האָט פאַר אַ מאַן און ווערן למזל אַ פרידמאַנשע...

מומע, מנשהן אונדזערן איז שוין אויך צייט אויפגעריכט צו ווערן. גוואַלד, אַזאַ מנשה, אַזאַ מנשה!... און וויפל איז דער שיעור? זיבן און דרייסיק יאָר איז נאָך קאַרג? בעט אויס ביים אייבערשטן, ער זאָל אים שוין צושיקן זיין רעכטן זיווג, זאָל ער שוין אויך וויסן פון אַ לעבן צו זאָגן. און צום לעצט טאַקע, שלמה אפרים־אהרונס, זאָל ער שוין אויך אַ מאָל געניסן אַ שטיקעלע גליק... כאָטש אַ ברעקעלע... אַ שטויבעלע...

שלמהן וועקט אויף פון זיין „מיען זיך" אַ באַקאַנטער ניגון מיט באַקאַנטע ווערטער:

— צדקה תציל ממות... צדק לפניו יהלך, וישם לדרך פעמיו...

ער קוקט זיך אום: הינטער זיינע פּליִיצעס טראָגט מען א מטה. ער גיט א פרעג ביי איינעם פון די שמשים און ווערט געוווּיר, אַז דאָס איז אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט א יונגע מוטער. עס גייען נאָך עטלעכע מנינים באַגלייטערס, דער געשטאָרבענערס אַן אַלטע מוטער און צוויי קליינע קינדערלעך: א מיידעלע פון א יאָר צוועלף און א ייִנגעלע פון א יאָר אכט. שלמה שטייט ביי דער פרעמדער לויה, הערט דאָס כליפּען פון דער אַלטיטשקער, זעט די נעבעכדיקייט פון די יתומימלעך און אין גע־דאַנק רעדט ער נאָך אַלץ מיט דער מומע טייבלען. ער שטייט און טראַכט: פּונקט אזוי האָט מען אויך זי אַראָפּגעלאָזט און אַט אזוי האָט מען זי פאַרשיט. דאָס ייִנגעלע זאָגט נאָך „קדיש" דעם שמש פון דער חברה־קדישא און דער קברות־גוי פאַרענדיקט דאָס פאַרשיטן. שלמה קערט זיך אום צו זיין ליבן קבר, לייענט נאָך א מאָל איבער: „טייבל בת ר' משולם־יוחנן", געזעגנט זיך מיט זיין מומען אויף אייביק און שלייכט אוועק צום טראַמוויי.

ווען ער איז אַרום האַלב עלף אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, איז דאָרט געוואָרן אַזאַ שמחה, אַזאַ פרייד: שלמה איז דאָ! שלמה איז דאָ! די מוטער האָט אַזש געוויינט פאַר עגמת נפש:

— ווייזט אויס, אַז די מאָס פון אונדזערע יסורים איז נאָך נישט געווען פול. וווּהין ביסטו עס נעלם געוואָרן און נישט געזאָגט קיינעם קיין וואָרט?

— וואָס זשע האָט איר געדאַרפט איבערטראַכטן? איך בין עפּעס א פרעמדער אין קיעוו? צי א קלייניקער, וואָס איך קען נאָך פאַר־בלאָנדזשען?

— דו זאָגסט גאָר — איבערטראַכטן? מען איז שוין די גאַנצע שטאָט אויסגעפאָרן דיך צו זוכן. וווּ נישט? ווילסטו, ביי יאַנין, ווילסטו, ביי די פייגנבוימס, איצט איז דער טאַטע אַראָפּגעפאָרן אויף פּאָדאָל, אפשר ביסטו גאָר דאָרטן ביי פרידמאַנען, א קשיא אויף דיר? אַנדערע האָבן אונדז געזאָגט, אַז אפשר האָט מען דיך חלילה ווידער אַרעסטירט, אַז אפשר איז די גאַנצע באַפרייאונג גאָר געווען אַן ערמה, כדי אזוי אַרומער געוווּיר צו ווערן, ווער עס זענען די מחותנים, וואָס פרייען זיך מיט דיר שטאַרק... מען האָט אָנגעמאַכט אַזאַ פּאַניק... וואָס ווייסטו, וואָס מיר האָבן שוין דאָ איבערגעקלערט? איך האָב גאָר נישט אַזאַ שונא, איך זאָל אים ווינטשן אַזאַ זיסן פרימאָרגן...

— נו איך פרעג דיך נישט מער, האָט עס יאָ א פּנים?

— שווייג כאָטש, כ'בעט דיך, דו ביסט נאָך געערגער? דיר איז גרינג צו רעדן, אַז דו האָסט געוווּסט וווּ דו ביסט, אָבער מיר דאָ? זאָג אַליין, איז עס יאָ א דרך הטבע? א מענטש קומט פון אַזאַ אומגליקלעכן וועג, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, און פּלוצלינג ווערט ער נעלם! עס איז נאָך נישט רעכט טאָג און ער איז שוין נישטאָ. וווּ זשע ביסטו טאַקע געווען, וויל איך וויסן?...

— איך האָב געהאַט אַ שליחות פון אַן ארעסטאַנט, זייער אַ נייטיקע...

— וואָלט עס שפּעטער אַ ביסל געווען פּאַרקילט געוואָרן, דאָס שליחות? ווער לויפט עס אָפּגעבן אַ גרוס גאַנץ פרי מיט דער ראָשטשינע? כ׳וואָלט נאָר אַ בעלן געווען וויסן: יענער וואָלט פון דיינעט וועגן אויך אזוי געלאָפן?

— אפשר, יאָ...

— און מאָרגן וואָלסטו אָנגעוווירן עס אויסצופירן?

— מען טוט נישט אזוי. און ווידער, מאָרגן איז ערב שבת, עס וועט אויספעלן ארבעט?... מילא, בקיצור, עס איז עפּעס דאָ וואָס איבערצור־בייסן? עס חלשט מיר דאָס הארץ, איך וועל עפּעס נעמען אין מויל אריין פאַרן דאַווענען.

— ווי געפעלט דיר זיין פאַרענטפערן זיך? גיי וואַש זיך, גיי! דיין איבערבייסן איז שוין זיבן מאָל פאַרקילט געוואָרן... איך האָב אַלץ גע־רעכנט: אַט, אַט —

קאפיטל VII

פרייטיק נאָך האַלבן טאָג האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען די געסט, פאַר וועלכע עס איז שבת וווייט צו גיין און דעריבער בלייבן זיי ווינען איבערן מעת־לעת אויף סאַלאַמינקע. צווישן זיי זענען אויך געווען: דער קיעווער גאון הרב ביאַליק מיט דער משפחה און משה פרידמאַן מיטן ווייב. אַ שעה פאַר ליכט־בענטשן איז אויך אָנגעקומען יאַני און אסתר מיט די קינדער. פאַלי האָט דערלאַנגט שלמהן דעם שליסל פון זייער וווי־נונג מיט די ווערטער:

— באַהאַלט ביי זיך, ביז זונטיק אין דער פרי.

— און ווי אַזוי וועט זיין מיטן אינסטיטוט?

— דער רוח וועט אים נישט צונעמען אָן אונדז אויך. מאָרגן גיי איך מיט אַוראַמען נישט אַרויס פון אייער שטוב. און דינה גייט דען יאָ?

— פון דינהן איז אָפּגערעדט, אַז זי גייט מאָרגן נישט אין ערגעץ. אָך, פאַליא, לעבן מיינס, איך קען דיר נישט אויסמאָלן, ווי גליקלעך דו מאַכסט מיך מיט דיין האַרציקייט. גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ טעם וואָלט איך געפילט אין מיין באַפרייאונג, ווען דו טיילסט נישט מיט מיר חלק כחלק מיין שמחה?

— חבר פּיאַטיגאָרסקי, איר דריקט זיך אויס אַ ביסל נישט פּינקט־לעך. מיר צאָלן זיך אָפּ גלייך אויף גלייך. איך נעם אָנטייל אין אייער שמחה פונקט אַזוי גוט, ווי איר נעמט אָנטייל אין מיין שמחה. קוויט! צי איר מיינט אפשר, אַז מיין שמחה איז קלענער פון אייערער?

שלמה פאַרוואַרפט דאָס קיטל אויף דער טיר פון זיין צימער און פאַלי פאַרשווינדט אין זיינע אָרעמס. ליידנשאַפטלעך, דאַרשטיק און צע־רייצט האָט ער באַשאָטן איר פנים מיט פלאַמענדיקע קושן. ער האָט נישט געקענט אָפּרייסן זיינע בליקן פון איר:

— גוואַלד, וואָס טוט מען מיט דיר, פאַלי, וואָס דו ווערסט פון טאָג צו טאָג אַלץ שענער און שענער?

— שלמהלע, נשמה מיינע, גלייב מיר אויף מיין ערנוואָרט, אַז פון יענעם טאָג אָן, וואָס איך בין געקומען פון מאָסקווע, איז נעכטן געווען דער ערשטער גליקלעכער טאָג ביי מיר. מיין לעבן איז געווען פאַרוואָלקנט. איך האָב געוווסט, אַז איך טראָג אויף זיך אַ גרויסע שולד, אַז נישט ווילנ־דיק בין איך כמעט דער גאַנצער גורם פון דיין אַרעסט, און אָט דער דאָ־זיקער געדאַנק האָט מיך שיר פון זינען נישט אַראָפּגעפירט. ווען איך שעם מיך נישט, וואָלט איך געגאַנגען אַ טאַנץ אין מיטן גאַס, אַזוי פריילעך בין איך אַצינד...

— פאַליא, ליבע מיינע, איינציקע מיינע, נו און דער „קאָנטינענ־טאַל" וואָס זאָגט?

— עס איז שוין נישט דער „קאָנטינענטאַל" וואָס געווען. מאַרוסיא האָט שוין חתונה געהאַט...

— וואָס רעדסטו? מען האָט געקערט קלינגען אין אַלע קלויסטערס... עס זענען דאָ אין קיעוו, הייסט עס, בעלנים אויך אויף אַזאַ קראַם?

— זעסט דאָך.

— וואָס פאַר אַ מין מאַן האָט זי גענומען?

— אויך אַזאַ אַנטיק ווי זי, מיינסט אַ גרעסערן? אַ שערער איז ער...

— און אַז אַ שערער איז וואָס? האָט ער דען קיין אויגן נישט?

— דו ווייסט נישט? * Як бог зліпить, так чорт очи засліпить...

— איך זאָג דיר: טאַקע מעשה־ניסים... אַזאַ אומווירדיקע באַשע־פעניש... דאַכט זיך — כ׳וויים? אויף ראַבינזאָנס אינדזל ווען איך בין איינער און זי די צווייטע, שטראָף מיך גאָט, אויב... כ׳וואָלט זיך גאָר געמיאוסט... נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז קיין ידישער מאָנאַסטיר איז נישטאָ...

— וואָס דען מיינסטו? יעדן שיקט גאָט צו זיינס... נאָר פאַר מיר איינער האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם...

— ?...

— נו, אודאי אַן אויסנאַם, וואָס קוקסטו אויף מיר? וואָס דען, נישט קיין אויסנאַם? מיט וואָס האָב איך פאַרדינט אַזאַ חתן ווי דו, אַזאַ שיינעם, אַזאַ קלוגן, אַזאַ געלערנטן, אַזאַ העלדישן, אַזאַ —
שלמה פאַרמאַכט איר דאָס מויל מיט אַ קוש:

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, קעצעלע מיינס... נישט אַלע, וועמען עס געלונגט באַפרייט צו ווערן, זענען העלדן און נישט אַלע, וועלכע ווערן נישט באַפרייט זענען נישט קיין העלדן... דו ביסט זייער ווייניק באַקאַנט מיט דעם ענין... דערציייל בעסער עפּעס נאָך וועגן דיינע „קרובימלעך"...

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? איך ווייס נישט וואָס...

— נו, און ווי אַזוי רעאַגירן זיי אויף דיינע דרכים?

— לכתחילה, אַז איך בין נאָר געקומען פון מאָסקווע, האָבן זיי מיך אויפגענומען אַזוי ווי אַן איינגן קינד, זיי זענען געווען אַנטציקט פון מיין שריט, פון מיין אַנטשלאָסנקייט. שפּעטער זענען זיי ערגעץ געוווירר געוואָרן, אַז איך שרייב זיך מיט דיר דורך אין טורמע אַריין... נו, נו, פרעג שוין גאָרנישט... עס האָט געדונערט און געבליצט... און פון דאַמאָלסט אָן איז צווישן אונדז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ. ווען מען באַגעגנט זיך, איז „אַ גוט־מאָרגן — אַ גוט־יאָר", און מער נישט. איך גיי נישט צו זיי, טאַקע אויך דערפאַר, ווייל איך האָב נישט קיין צייט, און זיי צו אונדז גייען אויך זייער זעלטן. נאָר פאַר וואָס האָסטו עפּעס אַצינד אויפגעמישט אַ

---

* „אַז גאָט קלעפּט צונויף, פאַרבלענדעט שוין דער רוח די אויגן". אַן אוקראַאיניש פאָלקסווערטל.

שמועס וועגן שונאים? איצט פֿייערן מיר אונדזער נצחון, און איך פֿאַר־טראַג נישט קיינע אומאָנגענעמע שמועסן.

— עד, פֿאַליא, מיר האָבן נאָך פֿון גאָרנישט גערעדט. איך וועל דיר דערציילן וועגן מיטל־אזיע, וועגן מיין טורמע, און דו וועסט מיר דער־ציילן —

— שלמהלע, אויב דו וועסט מיר פֿאַרפֿעלן צו דערציילן אפֿילו איין וואָרט פֿון דעם וואָס האָט מיט דיר געטראָפֿן, וועל איך דיר דאָס אייביק נישט מוחל זיין. נאָר דאָס אַלץ איז נישט אויף איצטער. אפֿשר איז גאָר נישט שיין פֿון אונדזער זייט, זיך צו פֿאַרשפּאַרן, בעת עס זענען דאָ פֿרעמדע מענטשן אין שטוב?

ווידער שענקט איר שלמה אַ לאַנג־דויערנדיקן קוש און ער שליסט אויף די טיר אין זאַל אריין.

אין זאַל, זעען זיי, שטייען אויף אַ רייך געדעקטן טיש זיבן פּאָר לייכטער. צו ליכט־בענטשן זענען בסך־הכל געבליבן געציילטע מינוטן. די מענער פֿון די פֿרויען, וועלכע דאַרפֿן באַלד אָנצינדן די שבת־ליכט, דרייען זיך אַרום פֿון איין ווינקל אין צווייטן, אָנגעטוענע אין די קאַפּאָטעס און אַרומגעגאַרטלט מיט די זיידענע גאַרטלען. זיי וואַרטן מיט אומגעדולד, די ווייבער זאָלן שוין אָפּבענטשן, זיי זאָלן זיי אָפּגעבן דעם „גוט־שבת" און לויפֿן אין מנין אַריין, ווו מען קער שוין זאָגן „הודו". שלמה מיט פֿאַלין, האַלטנדיק זיך ביי די הענט, בלייבן שטיין ביי דער טיר פֿאַרזונקען אין זכרונות. דער נאָענטער „עבר" וואַרפֿט זיך אויף זיי אַרויף מיט דער גאַנצער לאַסט פֿון זיינע דאַמאָלסטדיקע אַנגסטן און טראָגט זיי אָפּ „אהין", אין זייער אומגליקלעכער „האָניק־וואָך". שלמה דערמאָנט זיך דאָס ליכט־צינדן אין „צינימאַש". נישט ווילנדיק טרעטן אַרויס ביי אים טרערן, פֿאַר די דאַמאָלסטדיקע יסורים. פֿאַלי דערפֿילט, וועגן וואָס שלמה טראַכט איצינד, און פֿאַרשטייט די סיבה פֿון זיינע טרערן. זי נעמט אים בעטן שטילערהייט:

— שלמהלע, הער אויף, נו, מען דאַרף נישט. זיי מיר מוחל...

אסתר מיט צפורהן גייען אַרויף אויבן־אָן, דאָרטן שטייען זייערע לייכטער. שלמה מיט פֿאַלין דערנענטערן זיך צו די בענטשנדיקע. שלמהס מוטער בענטשט לאַנג. אָפּגעבענטשט — לויפֿט זי צו צו שלמהן מיט אַ פֿאַרוויינט פּנים, גלייך ווי זי וואָלט אים ערשט איצט דערזען צום ערשטן מאָל, פֿאַלט אים אַרויף אויפֿן האַלדז און וויינט מיט טרערן פֿון גליק. זי וויינט און באַשיט זיין פּנים מיט קושן. אים אָפּגעלאָזט, נעמט זי שטאַרק אַרום פֿאַלין, קושט זי און שעפּטשעט:

— קינד מיינס, זאָלסט אים שאַנעווען. ער אַליין וועט קיין מאָל נישט זאָגן, אַז עס פֿעלט אים עפּעס. דו ווייסט גאָר נישט וועמען דו נעמסט...

— גלייבט מיר, צפורה טייערע, איך ווייס שוין דווקא יאָ...

און צו איר מוטער ווענדעט זי זיך:

— מאַמע, פֿאַר וואָס גיסטו דו נישט שלמהן קיין קוש? וואָס איז דען דער חילוק פֿון אוואַרעמען ביז אים, ער איז דאָך דיין צוקונפֿטיקער זון, דער עלטסטער זון!

אסתּר שטייט אין פֿאַרלעגנהייט, וואָגט דאָס נישט צו טון. ביי פֿאַלין גיבן פֿאַרשייט אַ פֿינקל די אויגן:

— נו, מאַמע, אויב דו ביסט אַזוי נישט דרייסט, וועל איך דאָס פֿאַר דיר טון...

און נאָך איידער עמעצער כאַפּט זיך דערויף, וואָס זי האָט דאָ געזאָגט, דערהערט זיך אין צימער אַ קלינגענדיקער קוש.

שלמה שטייט אַ ביסל פֿאַרלוירן. דאָס פּנים פֿלאַמט אים מיט סכּנת־נפֿשות. ער קלערט: אפֿשר איז נישט שיין זיך אַזוי נוהג זיין פֿאַר אַלעמען אין די אויגן? דערצו נאָך פֿאַר אַ קנס־מאָל, און אין דער קעגנוואַרט פֿון אַ רבֿ, פֿון דעם זיידן... ער וואַרפֿט אויף פֿאַלין אַן אומבאַהאָלפֿן־פֿאַרשעמטן בליק. פֿאַלי כאַפּט דינהן אונטערן אָרעם און ביידע אַנטלויפֿן אין שלמהס צימער.

געקומען פֿונעם דאַווענען, אָפּגעזאָגט „שלום עליכם”, הייבט זיך אָן אַ דינגעניש פֿאַרן קידוש: דער זיידע זאָגט, אַז הרבֿ ביאַליק דאַרף דער ערשטער מאַכן קידוש. וואָס הייסט? כּבֿוד התּורה! דער רבֿ ווידער זאָגט, אַז ניין, דער זיידע איז בילעכער, ווייל ער איז דער עלטסטער אין שטוב. וואָס הייסט? והדרת פּני זקן! מען שפּאַרט זיך אַזוי לאַנג, ביז מנשה דער רבֿ מאַכט אַ פּשרה, אַז קידוש זאָל מאַכן נישט הרבֿ ביאַליק און נישט דער זיידע שלום, נאָר דער שולדיקער אין דער גאַנצער שׂמחה — שלמה אַליין. אַלע האַלטן אים אונטער און מען גיסט אָן שלמהן אַ כּוס. שלמה נעמט דעם כּוס און דערלאַנגט אים דעם פֿאָטער:

— אַזוי ווי דער ערשטער קידוש איז מיינער, בין איך דיך מכבד, טאַטע.

— ניין, אין דער קעגנוואַרט פֿון מיין פֿאָטער, וועל איך פֿריער קיין קידוש נישט מאַכן.

— הערסט אַ מעשה? דאָס זעלבע איז דאָך אויך מיט מיר... לכן, איז אָט וואָס: אויב דער טאַטע וויל נישט, דאַן האָב איך דאָ נישט קיין נעענטערן ווי מיין טייערן יאַני טולטשינסקי, זאָל ער דער ערשטער מאַכן קידוש.

יאַני שטייט אַ פֿאַרלוירענער פֿון דעם אומגעריכטן כּבֿוד. שלמה שטעלט אים אַריין דעם פֿולן כּוס אין דער נישט דרייסט אויסגעשטרעקטער האַנט און אַלע הערן אויס זיין קידוש צו ערשט. פֿאַלי וואָס שטייט לעבן שלמהן, ביי זיין פֿאָטערס רעכטער האַנט, זעט גוט, ווי גליקלעך איר פֿאָטער איז פֿון דעם אויסערגעוויינלעכן כּיבוד. גאַנץ אומגערן לייגט זי אַוועק איר געטאָקטע הענטל אַגיפּן טיש און אומבאַמערקט קוועטשט זי צו שלמהס פֿינגער שטאַרק, שטאַרק. שלמה וואַרפֿט אויף איר אַ פֿאַרליבטן קוק און

דערלאַנגט איר פאַרזוכן פון דעם פאָטערס קידוש. אָנרירנדיק מיט די ליפּן
איר אויער, גיט ער זי קוים צו דערהערן אַ פרעג:

— ווען וועסטו שוין אָנהייבן צו פאַרזוכן פון מיין קידוש?

— ווען דו ווילסט, ליבער.

אין מיטן עסן הייבן אָן אָנקומען צענדליקער געסט. קיינער טראַכט
גאָרנישט פון גיין שלאָפן. נאָך פיל בקשות פון אַלע פאַרזאַמלטע, דערציילט
שלמה אייניקע עפּיזאָדן פון זיינע איבערלעבענישן אין גנפּעאו און די
מוטער יאָמערט אויפן קול. ביי אַלעמען אין די אויגן שטייען טרערן. דער
פאָטער, אַליין קוים איינהאַלטנדיק דאָס געוויין, בעט זיך ביי שלמהן
רחמים, ער זאָל אויפהערן: „שבת היא מלזעוק”... דער זיידע זאָגט אויך,
אַז הערנדיק אַזעלכע גרוסן דאַרף מען קריעה־רייסן... ר׳ אברהם שאַרפּ־
שטיין זאָגט, אַז מען וואָלט געדאַרפט גוזר תענית זיין, נישט מער די מלוכה
קען נאָך געוווּיר ווערן, אַז עמעצער האָט אויסגעזאָגט פונעם „חדר” און
דער חשד, קען פאַלן אויף שלמהן... הרב ביאַליק גיט אַ ווונק צו די גע־
ווּעזענע „פּאַנטאָפלצעס” און זיי הייבן אָן צו זינגען. מען זינגט בכיוון
נחמה־מאָטיוון: „בשוב ד׳ את שיבת ציון”, „והיא שעמדה”, „ממצרים
גאלתנו”, די שטימונג ווערט ווידער אַ געהויבענע, די מאַנסבלין גייען אַ
ריקוד און די נשים פליעסקען צו. פאַר טאָג כאַפּט מען אַ דרימל זיצנדיק,
ווער ווי אַזוי עס קען. אַלע צימערן פאַרנעמען די פרויען. ביים דאַווענען
גיט מען שלמהן „מפטיר” און די רעכטע שמחה הייבט זיך ערשט אָן בשעתן
קידוש. פון אַלע שולן, פון אַלע ווינקלען שטאָט קומען אָן געסט און געסט,
אַ פאַרפלייצונג פון געסט. אין אַלע צימערן, אויפן גאַניק, אין הויף, אין
די שכנישע הייזער — אומעטום איז פול, אומעטום איז קאָפּ אויף קאָפּ,
הונדערטער מענטשן, אָבער ס׳איז נישטאָ אַזאַ איינער, ער זאָל זאָגן:
„צר לי המקום”... אַלע געפינען זיך פּלאַץ, אַלעמען דערלאַנגט מען פאַר־
ביסן. די עלטערע פרויען זענען אין קיך, די יינגערע דערלאַנגען צום טיש.

דינה, פּאָליאַ, רבקה און סאָנקע, טאַניע, דינה כאַדאַראָוו און גניע
פרידמאַן לויפן ארום צווישן די געסט, גיבן אַכטונג, אַז עס זאָל נישט
אויספעלן קיין משקה, און טראָגן אָפּ אין קיך אריין די אויסגעליידיקטע
טעלער. דאָס געזאַנג ווענדעט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנץ
סאַלאָמינקע. נאָר ווער הערט איצט עמעצן, איצט איז שבת הגדול, און
נאָך צוזאַמען מיט שלמהן איז מען גאָר לעילא ולעילא...

נאָך הבדלה. די בייטאָגעדיקע געסט זענען אַוועק און עס הייבן שוין
אָן אָנקומען וואָכעדיקע געסט: מיטן טראַמוויי; מיטן פּאַפּיראָס אין מויל.
פונעם גרויסן זאַל־טיש מיט די אונטערגעהויבענע פיר פליגלען, פאַרשווינדן
די שיריים פונעם שלש־סעודות. אָנשטאָט דעם ווייסן, געקווייטלטן טיש־
טעך, — וואָס איז פאַרן שבתדיקן מעת־לעת געדיכט באַזעצט געוואָרן מיט
פאַנטאַסטישע געפלעכטן פון די איבערגעקערטע קעלישקעס ווישניאַק, פון
פעטער פּעטשאַ, פון גרויפּענער טשאָלנט־קאַשע מיט ברוינע־פּאַסאָליעס,
פון סמאָלע־שוואַרצער פלוימען־יויך און פון שלש־סעודותדיקע, אויסגע־

סמאַקעטע פיש־קעפּלעך, — ווערט פאַרשפּרייט אַ בלויער, פּליושענער טישטעך מיט זיידענע טראָלדן, וועלכן די פּיאַטיגאָרסקים האָבן נאָך פונעם דרשה־געשאַנק. אין מיטן טיש, אויף אַן אָפּגעניקלט מעשן טעצל, איז אויסגעוואַקסן אַ פיגורנע סאַמאָוואַר מיט לויכטנדיקע פּענצטערלעך און־טערן גלאַנצנדיקן בייכל. מען האָט צערוקט די גראַבע פאָרהאַנגן, כדי נישט „אויפצורייסן דער וועלט די אויגן" און אריינגעדרייט די גרויסע עלעק־טרישע לאָמפּן. די יינגערע קינדער האָבן אין שלמהס צימער געלאָזט דעם פּאַטעפאָן. די עלטערע מיידלעך האָבן אָנגעגאָסן טיי פאַר דעם עולם, פאַר־לויפנדיק דעם וועג איינע דער אַנדערער. די פאַרע האָט איינגעהילט דאָס צימער אין אַ היימישן נעפּל, געמאַכט געמיטלעכער די שטימונג. די דער־וואַקסענע האָבן גרופּעסווייז געשמועסט וועגן פאַרשידענע זאַכן. אין קיך האָט זיך געגרייט אַ גרויסאַרטיקע מלוה־מלכה. דער סקווירער רבי פונעם פּאָרטרעט האָט לייטזעליק צוגעשמייכלט:

— פרייט זיך, פרייט זיך קינדערלעך, „לפום צערא אגרא"...

און אין אַ צווייטער זייט:

— פרייט זיך, פרייט זיך קינדערלעך, מיר בעטן דאָך שטענדיק: שמחנו כימות עניתנו...

אפרים־אהרון רופט אָפּ שלמהן צו זיך אין שלאָפצימער אריין און פאַרוואַרפט דאָס קייטל. ער רעדט נישט דרייסט:

— האָב נישט קיין פאַראיבל אויף מיר שלמהלע, נאָר איך וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מיר זאָלן איצט מאַכן אַ קנס־מאָל... פונקט האָט זיך פאַר־זאַמלט זייער אַ שיינער עולם...

— וואָס איז דאָס יאָגעניש?

— נישט פון יאָגעניש, נאָר דו פאַרשטייסט?... היינטיקע מיידלעך... נעכטן גייענדיק פונעם דאַווענען, פרעגט מיך הרב ביאַליק: „סטייטש, אַ בתולה זאָל אַ קוש טון אַ בחור פאַר קבלת־קנין, פאַר חופה וקדושין? ס'איז עפּעס זייער נישט יידישלעך"...

— אויף אַ כלה איז דאַכט זיך, נישט אַזוי אָפּגעפרעגט?

— הם... אַ כלה... בלע"ז... ביי יידן און ווער שמועסט אין אונדזער גראַד, איז כל זמן ס'איז נישטאָ שוואַרץ אויף ווייס, כתוב וחתום בפני עדים ובנקיטת־חפץ — הייסט מען נישט קיין כלה... און אויב אפילו יאָ אַ כלה, ווו איז דער „קדש עצמך במותר לך"*?

— מהם... נו, וואָס זשע האָסטו אים דערויף געענטפערט?

— מילא, איך האָב אים דאָרט געענטפערט, וואָס איך האָב אים שוין געענטפערט. אָבער דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, אַז ביי דער וועלט איז דאָס שטאַרק אָפּגעפרעגט... און חוץ אַלעמען — ס'איז דאָך פּאָלי! איך גיי נישט זוכן אויף איר קיין חסרונות, זאָלסט זיך מיט איר עלטערן אין עושר און

* זיי געהייליקט אפילו אין די זאַכן, וואָס זענען דיר דערלויבט.

אין כבוד, ווי איך ווינטש דיר, אָבער — ס'איז דאָך פֿאַרט פֿאַלי! מיר קענען זי דאָך ביידע זייער גוט, טאַ פֿאָלג מיך:

Куй железо пока горячо! *

גליב מיר, וועסט קיין חרטה נישט האָבן... עס קען זיין, ווען דו זאָלסט געווען בנידון דידן נאָכגעבן פֿאַרן פֿאַרן קיין מאָסקווע, וואָלט זי זיך אפשר נישט געווען אומגעקערט פֿון מיטן וועג, און ווען זי זאָל זיך נישט געווען אומקערן פֿון מיטן וועג, וואָלסט דו זיך אודאי נישט געווען אומגעקערט און פֿאַרשפּאָרט געווען צו זיצן... אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן: וואָלט איך, זאָלט איך... מה שעבר — אין! מן הסתם: „אין אדם נוקף אצבעו למטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה" **, אָבער — איצט!... מה שעתיד עדין... פֿאָלג מיך, שפּאַר זיך נישט איין... איך בין עלטער פֿון דיר, פֿאַרשטיי איך בעסער, ווו איין און ווו אויס... שלמה המלך האָט אויך געזאָגט: עת לחשות ועת לדבר! איצט איז די צייט „לדבר". פֿאַרליר נישט קיין צייט און זאָלן עלטערן אויך האָבן אַ קאַפּעטשקעלע נחת...

שלמה מאַכט איבער זיך אַן אָנשטרענגונג, כדי נישט צו פֿאַרלירן די גוטע שטימונג. ער נעמט שטאַרק אַרום זיין פֿאָטער, קושט אים, דערנאָך זאָגט ער:

— ניין, טאַטע, Поспешишь — людей насмешишь!*** עס מוז נאָך אַ ביסל דויערן. אָט די פּרשה איז כלל נישט אַזאַ פּשוטע ווי דו מיינסט. איך האָב מיך נאָך אפילו רעכט נישט אַרומגעקוקט. איך בין נאָך דערווייל אַ גר לכל פּרטיו ודקדוקיו און די וועלט האָט בטבע פֿיינט אַ גר, אַ סימן האָסטו — אַז די תורה האָט זיך געמוזט מטריח זיין אָנצוזאָגן: „ואהבתם את הגר"... ועתה צא ולמד: מה־דאָך, אַז די פֿרעמדע וועלט האָט אַזעלכן פֿיינט, היינט לא־כל־שכן אַ כלה... אַ מיידל, וואָס האָט געזען, ווי אַזוי אַנדערע מענטשן לעבן... אויף וואָס קוקנדיק זאָל איך בינדן פֿאַלין, אַז איך בין בזו השעה כתינוק בן יומו... מען מוז זיין געדולדיק, וואָס קען מען העלפֿן? לאָמיר האָפֿן, אַז עס וועט שוין אַזוי פֿיל נישט דויערן, וויפֿל עס האָט ביז אַהער געדויערט... מילא, וואַרט שוין אויס ביז איך וועל דיר אַליין זאָגן. און נאָך אַ זאַך: איך דאַרף נישט קיין קנס־מאָל, איך דאַרף לכתחילה אַ חתונה. ווייל פֿון דער ערשטער מינוט אָן, ווי נאָר איך הייב אָן דעם מיידל עפּעס אָנצוקוקן בפֿני עם ועדה, דאַרף איך, זי זאָל באַלד אויפֿהערן מחלל שבת זיין און אויפֿהערן עסן טריפֿות. אַלס חתן איז דאָס שווער אויסצופֿירן, דאָס קען אויספֿירן נאָר אַ מאַן. און כדי צו שטעלן אַ חופּה, דאַרף מען נאָך עפּעס פֿריער פֿאַרריכטן. עס טוט זיך נישט אַזוי

---

* שמיד דאָס אייזן, אַזוי לאַנג ווי עס איז הייס!

** „אַ מענטש גיט זיך נישט קיין קלאַפּ אין פֿינגער אונטן, סיידן עס ווערט וועגן דעם אויסגערופֿן פֿון אויבן". — פֿון דער גמרא.

*** „אַז דו וועסט זיך צופֿיל אײַלן, וועסטו נאָר מענטשן מאַכן לאַכנדיק". אַ רוסיש פֿאָלקסווערטל.

שנעל ווי עס רעדט זיך. גלייב מיר, טאטע, איך וויל די זאך פארגיכערן נישט ווייניקער פון דיר, און איך ווייס גוט, מיט וועמען איך האב צו טון און וואס איך האב צו טון, אבער מען מוז נאך זיין געדולדיק... אשרי המחכה ויגיע לקץ...

— זאל זיין אזוי. איך האב דיר דען געזאגט קבלו דעתי? ניין — איז ניין. אז דו פארשטייסט אזוי, מן־הסתם ווייסטו וואס דו טוסט.

— זעסטו, דאס — יא. אין דער פרי, פאר זייער אוועקפארן, זאלסטו צוגיין צו פאלין און זי פארבעטן אויף די סדרים. איך פארשטיי, אז צוביידע סדרים וועט זי יאני נישט אפלאזן, נאר צו איינעם זאל זי קומען אומבא־דינגט. איך וואלט דאס אליין געקענט באווארענען, נאר עס פאסט בעסער פאר דיר, דו פארשטייסט? עס באקומט זיך פייערלעכער, בכבודיקער...

— פאר וואס נישט? עס איז מיר שווער? מיט פארגעניגן...

אפרים־אהרון האט נאר באוויזן ארויסצוגיין, ווי פאלי איז ארייננגע־גאנגען אין שלאפצימער און איז צוגעשטאנען צו שלמהן איין מאל פאר אלע מאל:

— וועגן וואס האט דיין טאטע מיט דיר גערעדט?

— וועגן פרעמדע ענינים...

— איך וויל וויסן די פרעמדע, דערצייל!...

— וועגן א שידוך פאר מנשהן, א גאנצע מעשה...

— און מיר האט זיך געדאכט, אז וועגן אונדז עפעס...

— וועגן אונדז נאר? שוין, אויפן ערשטן ארויספאר?

זונטיק פאר טאג, נאכן צעפארן זיך פון די געסט, האט שלמה אפגע־דאוונט, זיך ארייננגעווארפן אין בעט אריין און איז אפגעשלאפן בלי הפסק ביז נאכט.

פון זינט ער איז ארויס פון דער קאמער, איז ער נאך נישט געשלאפן...

קאפיטל VIII

אויף צו מאָרגנס און די גאַנצע ערב פסחדיקע וואָך איז שלמה אין ערגעץ נישט געגאַנגען. ער איז די גאַנצע צייט געווען אָדער ביי זיך אין שטוב אָדער ביי יאַנין. ער האָט נאָך דערווייל נישט געבענקט נישט אין טעאַטער אריין, נישט אין קינאָ אריין. ער איז געווען אויסגעהונגערט נאָך זיין אייגענער היים, נאָך פּאָלים היים. אויף דער גאַס איז געווען פאָלגע זומער. זעלטן ווער עס האָט געטראָגן אַ פּאַלטאָ אָדער אַ מאַנטל. אַלע זענען געגאַנגען נאָר אין אַנצוגן. די טראַמווייען זענען געפאָרן מיט אָפענע פענצטער. אין די פּאַרקן זענען געשטאַנען מענטשן אויף לייטערס מיט לאַנגע שערן און האָבן ארומגעשניטן אַלע טרוקענע צווייגן. דער קומענ־דיקער „ערשטער מאַי" האָט זיך געלאָזט פילן אין יעדער קלייניקייט: די מאַגאַזינען זענען געווען געפּאַקט אי מיט סחורה, אי מיט קונים; דער שטאָטראַט האָט פאַראָרדנט, מען זאָל לכבוד דעם גרויסן „פּראַזדניק", „ארויסוואַרפן" אין די פּאָליצעס פאַרשידענע פּראָדוקטן פון ערשטן גע־ברויך, וועלכע די באַפעלקערונג האָט שוין נישט געזען אין די אויגן פון פאַר דעם הונגער אָן. מאַלערס האָבן געשמירט די פאַסאַדן פון די מויערן; דוואָרניקעס האָבן געשמירט די אַקאַציעס און די קאַשטאַנען־ביימער, וואָס זענען געשטאַנען פאַר זייערע הייזער, מיט קאַלך, ביז האַלב. אין יידישע הייזער האָט מען געשמירט, געוואַשן, געשייערט. די מלוכהשע בעקערייען האָבן — ווי עס וואָלט גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט קיין הונגער נישט געווען — געאַרבעט אַ קיילעכדיקן מעת־לעת. אויף יעדער גאַס, אין יעדער שטוב און באַזונדערס אויף יעדן פאַרבייגייענדיקן מענטשן איז געווען קענטיק אַן ערב־יום־טובדיקע שטימונג. צי ער האָט געהערט צו די פּסח־דיקע יום־טובניקעס, צי צו די מאַיאָווע, אַזוי צי אַזוי, איז ער אַן אויפגע־לייגטער געגאַנגען אַהיים מיט — אויסגעקעמפּטע אין דער ריי — פּעקלעך און פּעקלעך און האָט זיך אונטערגעזונגען אַ ניגונדל. איבער דעם גרויסן רוישיקן קיעוו האָט גאַנצע טעג געהאַנגען אַ מילדע, ליבלעכע זון. זי האָט געשמייכלט צו יעדן באַזונדער:

— אַך, דו שוויצער, דו! איצט געפעל איך דיר שוין? פאַר אַ יאָרן זומער געדענקסטו, ווי דו האָסט מיך געשאָלטן? געוואָלט פון מיר פּטור ווערן? און איצט, אַז דער פראָסט האָט דיר אָפּגעפּרווירן דעם שפּיץ נאָז, ביסטו שוין געוואָרן אַ גוט־ברודערל? זאָלסטו שוין פון היינט אָן וויסן, אַז אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט! איצט דאַרף איך זיין מילד, נאָר שיינען און גלעטן, וועקן מענטשנס הערצער צו ליבע, צו געטריישאַפט. אין די שפּעטערדיקע חדשים מוז איך אייך אַ ביסעלע אָפּבריען, עס העלפט נישט גאָרנישט, אַזוי פירט זיך די וועלט...

די אויפדערנאַכטן אויפן דניעפּר, זענען געווען נאָך כשופדיקער. שלמה מיט פּאָלין פלעגן זיך גוט איינוויקלען אין די פּאַלטעס, ווייל ביי

נאַכט אויפֿן וואַסער איז ווינטיק, און נעמענדיק יעדער אַ רודער אין דער האַנט, אַרויסשווימען פֿון דער באַלויכטענער זאַנע. די ווייטע תחום־שבת לעמפּעלעך, איינגעוועבטע אין דמיונות־פּולן לבנה־מיראַזש, האָבן אויסגע־זען ווי בלאַנדזענדיקע שטערן, וואָס שוועבן אַרום אין חללו של עולם גאַנצע אייביקייטן און קענען זיך אַלץ נישט באַשליסן: זיך איינבעטן צוריק אין הימל אַריין, אָדער זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד. מחוץ דער שטאָט פֿלעגט דער טייך אויסזען טונקל־גרין, און דער הימל דורכזיכטיק־בלוי. אַ קיילעכ־דיקע לבנה האָט זיי באַלויכטן דעם וועג און זיי פֿלעגן אין דער נאַכטיקער טונקלקייט פֿאַרלירן דעם ברעג פֿון אויג. גאַנצע שעהן האָבן זיי געקענט זיצן און שווייגן. האַנט אין האַנט, אַקסל צו אַקסל, נשמה מיט נשמה באַ־העפֿט, געפֿילן מיט געפֿילן צונויפֿגעגאָסן — האָבן זיי אין דער שטילקייט זיך צוגעהערט צום געטלעכן געזאַנג פֿון זייער יוגנט־ליבע. און אָט אַזוי, אָן אָן אָנהייב און אָן אַ סוף. דאַן פֿלעגט שלמה אויפֿן פּאָן פֿונעם אָפּנאַ־רערישן לבנה־נעפּל, נעמען וועבן אַ זיידענעם שלייער מיט צויבערנדיקע קאָלירן און בענקענדיקע קלאַנגען. פֿון דעם וואַסערפּלאַך איז אַרויסגע־וואַקסן אַן אייביקער באַרג, הינטערן באַרג — אַ הייפֿל, אין הייפֿל — אַ בוידעמל, און אויפֿן בוידעמל אין צוויי צימערן — צוויי מלאכים. איינער מיט זילבערנע האָר, מיט גוטע קלוגע אויגן און מיט אַ געקנייטשטן שטערן. די צווייטע, אַ הויך, שיין מיידל, מיט אויגן פֿון אַ הייליקער, מיט אַ פּנים פֿון אַ הייליקער און מיט אַ קול פֿון אַ האַרפֿע. לכתחילה וועבט זיך די אידיליע ווי פֿון זיך אַליין און דער גאַנצער אַרום פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. עס נעמט אָבער נישט לאַנג און עס ווערט חושך אויף דער נשמה. די לבנה, דער דניעפּער, די ווייטע ברעגן — אַלץ הערט זיך איין אין דער גרוילנדיקער טראַגעדיע פֿון אַ יידישער, מזרחדיקער משפּחה. די שטערן ווינקען זיך איבער:

— ער דערציילט אונדז! און אַליין, הייסט עס, געדענקען מיר דען נישט?

שלמה דערציילט וועגן זיין געזעגענען זיך מיט מרימען און פּאָלי באַוואַשט זיך מיט טרערן. שלמה דערציילט וועגן זיין שווערן חודש ביי נחמנען אין שטוב און פּאָלי באַשיט זיין פּנים מיט פייכטע קושן. ווען ער הייבט אָן צו דערציילן וועגן דער געפּעאו, וועגן דעם שמייסן אים מיט פייער אין פּנים אַריין; וועגן לאָמפּ; וועגן צוועננגל; וועגן קעמל; ציטערט זי ווי אין אַ פיבער און פֿאַרלירט דעם רודער פֿון דער האַנט. שלמה נעמט אים אין זיין פֿרייער האַנט, פֿירט דאָס שיפֿל גרינג און מעכטיק. פּאָלי ליגט אַוועק דעם קאָפּ אויף זיינע קני, ניורעט איין דאָס פּנים אין זיינע פּיס. אַ שטיק צייט איז אין גאַנצן שטיל. אירע האָר זענען צעשאָטן אויף זיין ברוסט. זיין גאַנצער קערפּער איז דורכגענומען מיט דעם אויסגעבענקטן פֿאַרגעניגן פֿון דער משא וואָס איז אַזוי זיס איינגעטוליעט אין אים. נישט אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ, פֿליסטערט פּאָלי שטיל, ווי די שלעפֿעריקע כוואַ־ליעכלעך וואָס אַרום זיי זאָלן רעדן פֿונעם שלאָף:

— שלמהלע! אַט הער איך אַ גאַנצן אויפדערנאַכט דיינע איבערלע־בענישן פאַר דער טורמע און אין טורמע. גוואַלד, ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַזאַ געוויינלעך־פּראָסט מיידל ווי איך זאָל אַ מאָל קענען באַצאָלן פאַר דעם אַלעמען?

— מיט דעם עונג, וואָס דו האָסט מיר געגעבן נאָך דער טורמע, האָסטו שוין באַצאָלט אריבער און אריבער.

— אָך, וואָס רעדסטו? ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז ווען נישט איך, וואָלסטו אפשר געוועזן אויסגעמיטן אָט די אַלע אומאַנסקים מיט די קאַזאַ־קאָווס, און נאָר איבער מיר האָסטו געליטן אָט די אוממענטשלעכע יסורים, ווערט מיר אַזוי שרעקלעך, אַז איך קען דיר אין די אויגן נישט קוקן.

— פּאָליטשקע, דו רעדסט נאַרישקייטן. יעדער מענטש אויף דער וועלט מוז האָבן עמעצן, פאַר וועמען ער זאָל גרייט זיין אָפּצוגעבן זיין לעבן. ביי מיר ביסט דו דער מענטש. נאַרעלע, פאַר דיר אָפּצוגעבן מיין לעבן, וואָלט מיר געווען גרינג ווי אויפצוהייבן אַ פעדער. דאָס איז נישט קיין פּלוצעמדיקע סימפּאַטיע, דאָס איז אַן ערנסטע ליבע, וועלכע מען האָט מיר מיטגעגעבן פון הימל אין דער מאַמעס בויך אריין. קינד מיינס, טייערע, איך מעג דיך אַ קוש טון? פאַר אַלע ליידן, פאַר מיין טרויעריקער עפּאָ־פּייע: מאָסקווע—מאַרי—קיעוו! גיב מיר דיינע ליפּעלעך...

דער מאָרגנשטערן קען גאָרנישט פאַרשטיין, ווער שיפּט זיך עס אַזוי פרי און אַזוי לאַנגזאַם? אויפן גאַנצן פאַרטאָגיקן דניעפּער־שפּיגל איז דאָס איין פאַרחלומט פּאָרל אין אַזאַ אומגעוויינלעכער שעה. און זיי זענען ווירקלעך פאַרחלומט. קיין שום ווערטער וואָגן איצט נישט ארויסצוקריכן פון זייערע באַהעלטעניש, זיי שווייגן, און קיין רייד דאַרף מען טאַקע נישט. דאָס איז אַ צו געוויינלעך מיטל און נאָר אויף אויסצודריקן וואָכע־דיקע געפילן. ניין, קיין רייד טויגן נישט פאַר אַזאַ צייט, ווי זייביידע לעבן אַצינד איבער. די אויגן שמועסן זיך דורך אויף שטום־לשון, און עס איז גענוג פאַר זיי.

באַגינען קערן זיי אום דאָס שיפל דעם באַאַמטן און גייען פאַרחלומטע אַהיים. עס קומען זיי אַקעגן אַרבעטער, וואָס איילן זיך צו פוס אויף דער ערשטער וואַכטע, מורא האָבנדיק זיך פאַרלאָזן אויפן טראַמוויי. אַ באַלויכטענער טראַמוויי־וואַגאָן צעפירט קאָנדוקטאָרשעס אויף אַלע לי־ניעס. יענע קוקן נייגעריק אויף דעם מאָדנעם פּאָרל מיט די נאַסע פּאָלעס פון די פּאַלטעס, און לויטן פאַרשייטן געלעכטער, וואָס פּלאַצט ארויס פון די אָפענע פענצטער, איז צו פאַרשטיין, אַז עמעצער האָט זיך דאָרט שטאַרק נישט צענזוריש אויסגעדריקט אויף זייער חשבון. אַ פּאָר אַלטע גויעס קערן אויס דעם „פּראָלעטאַרישן גאָרטן", ווינקן צו זיי אומפאַרשעמט מיט זייערע שטופּי־זמהדיקע אייגעלעך און שרייען צו זיי עפּעס, מאַכנדיק בשעת־מעשה מיט די פינגער געהיימניספולע צייכנס. אָבער זיי באַמערקן דאָס אַלץ נישט. וואָס גייט זיי אָן, וואָס עמעצן פּאַלט איין, ווער שמועסט נאָך אָט די אַלטע בעלי־עבירהניצעס? און וואָס קען דען דאָס זיי שאַטן?

זיי זענען גענוג פאַרפּאַנצערט פאַר אַזעלכע געלעכטערלעך. זיי האָבן זייער אייגן וועלטל, אין וועלכן עס איז פאַר יעדן איינעם דאָס אַריינקומען פאַרווערט, נאָר זיי אין צווייען: שלמה און פּאָלי, זיי זענען דאָרט די אַריינגייער. און די איבעריקע מענטשן אויף דער וועלט? וואָס זיי ווילן זאָלן זיי רעדן, דערויף האָבן זיי ציינגער.

שלמה פירט זי צו ביז צו דער טיר פון זייער שטוב, אָן ווערטער דריקט מען זיך די הענט, און ער פאָרט אַוועק אַהיים שלאָפן.

קאַפּיטל IX

ערב פּסח איז גראָד געווען אַ גינגאָלדענער טאָג. די גאַנצע נאַטור איז ממונה געוואָרן פונעם באַשעפער אויף צו שאַפן ביי יידן אַ פרייליכע שטי־מונג צום ערשטן סדר. דינה איז נאָר געווען ביי צוויי לעקציעס, געקומען אהיים פאַר האַלבן טאָג, פאַרשלאָסן די ביכער אין שופלאָד ביז חול־המועד און איז אַוועקגעפאָרן מיט שלמהן צום דניעפּר טובלען די פריש־געקויפטע כלים אויף יום־טוב. די עלטערע קינדער האָבן געבעטן ביים פאָטער, אַז אַט די עבודה זאָל ער אָפּטרעטן זיי. דאָס גיין צום טייך טובלען די כלים האָט זיי אַריבערגעטראָגן אין זייערע ווייטע קינדער־יאָרן, קיין פּיאַטער, קיין זוועניגאָראָדקע, קיין כמעלניק. זיי פאָרן צו מיטן טראַמוויי נומער 8 ביזן סוף און לאָזן זיך גיין מיט דער „וולאַדימירסקע גאָרקע" * גלייך אַראָפּ צום דניעפּר. דער דאָזיקער גרויסער פּאַרק איז כמעט אַ וואַלד. קיעווער „בולאָנער וואַלד". שלמה מיט דינהן שפּאַנען לאַנגזאַם, באַטראַכטן די ערשט אַרויסגעקראָכענע קנאָספּן אויף די ביימער: אַן אַוואַנס אויף די קומענדיקע פּרוכטן. דער דניעפּר זעט אויס פון וויטן ווי אַ ציכטיק־אויסגעקערעטער פוטבאָל־פּלאַץ אויף אַ סטאַדיאָן: נישט קיין שיפל, נישט קיין מאָטאָר־קאַטער. ריין איז דער טייך, פּוסט און אומעטיק.

דינה זאָגט פאַרטראַכט:

— שלמה, דער טייך איז אויך ווי אַ מענטש. ווען עס לעבט זיך אים רעשדיק, און ווען — אומעטיק... דו געדענקסט, ווי דאָ האָט פאַר אַ יאָרן געווימלט מיט מענטשן? הונדערטער־טויזנטער... דער טייך איז געווען שוואַרץ פון טראַנספּאָרט. און איצט — קוק: אַ סטעפּ, אַ מדבר...

— וואָס ווילסטו? עס איז נאָך נישט די צייט. מיט יעדער זאַך איז אַזוי, אַז עס קומט די צייט, בליט זי אויף... ווייס איך, צו וואָס נוצט אונדז אַט די וואַסערדיקע פילאָזאָפיע? דערצייל בעסער עפּעס!...

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן?

— דאָס וואָס דו ווייסט, אַז מיך אינטערעסירט.

— איך האָב נישט וואָס צו דערציילן. דו ווייסט אַלץ אַליין.

— דאָס וואָס איך ווייס, פרעג איך נישט ביי דיר. פון דיר וויל איך הערן דעם אָנהייב פונעם צווייטן אַקט.

— עס איז נישט געווען קיין אָנהייב...

— וואָס הייסט, עס איז נישט געווען קיין אָנהייב? זי איז דאָך גע־קומען צו פאָרן צו אייך?

— האָסט אַ טעות, זי איז נישט געקומען צו פאָרן, זי איז סתם צוגע־פאָרן...

---

* אַ באַרגיקער פּאַרק, איינער פון די שענסטע אין קיעוו, אין וועלכן עס געפינט זיך אַן אַלטער דענקמאָל פון דעם ערשטן פּאַטריאַרך אין קיעוו — וולאַ־דימיר.

שלמה, אומצופרידן און פאַרוואונדערט:

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס זשע איז דען דער חילוק: געקומען צו פאָרן, צי צוגעפאָרן? עפּעס פלאָנטערסטו מיט דער צונג.

— עך, שלמה, שלמה, מיין צונג לאָז צו רו. זי ווייסט וואָס זי רעדט. הלוואי וואָלטן אַנדערע אַזוי זיך אָפּגעגעבן חשבון אין זייערע רייד און אין זייערע מעשים ווי איך. און וואָס דו זאָגסט, וואָס איז דער חילוק פון קומען צו פאָרן ביז צופאָרן, זאָלסטו וויסן זיין, ברודער מיינער, אַז עס איז אַ גרויס—סער חילוק. גאָר גאָר אַ גרויסער חילוק. אַ חילוק אין דעם גאַנצן...

— דינה, רעד דייטלעכער. צי מיר נישט די אָדערן מיט דיין תרגום־לשון.

— ווי אַזוי זשע זאָל איך נאָך רעדן דייטלעכער? פאָלג מיך, לאָמיר בעסער איבערבייטן דעם שמועס. פאַר גרוים ליבשאַפט פירסטו מיך שטענדיק אַרויף אויף אַזוינע שמועסן, וואָס מוזן פאַרשאַפן עגמת־נפש אי מיר, אי דיר. אַזוי ביי נחמנען אין שטוב פאַרן אַרעסט און אַזוי איצט. וואָס האָסטו צו מיר? איך בין דיר מוחל דעם כבוד במחילה גמורה. רעד מיט עמעצן אַנדערש אויף דער טעמע... און דער עיקר געפעלט מיר ווי דו לערנסט מיך ערשט רעדן... „רעד דייטלעכער"... דייטלעכער זאָל איך אים רעדן... אַז איך וויל גאָר אין גאַנצן נישט רעדן דערפון... אפילו קיין איין וואָרט אויך נישט...

— פאַר וואָס זשע? דינה, זיי נישט קיין קינד, רעד ווי אַ מענטש...

— אָט אין דעם טאַקע שטעקט די גאַנצע צרה, וואָס דו ווילסט נישט פאַרשטיין, אַז איך בין שוין לאַנג נישט קיין קינד. פאַרגעס נישט, שלמה, אַז איך בין שוין אַלט אַריבער צוואַנציק יאָר. ביי לייטן הייס איך שוין אַ דערוואַקסענע פרוי. אַנדערע קענען מיינען, אַז אויב זי האָט דיך אַ קוש געטון פאַר אַלעמען אין די אויגן, דאָס איז שוין אין גאַנצן, אָבער איך האָב אַ גראָבן קאָפּ, ער קאָכט שווער. איך זוך אַנדערע סימנים פון ליבע, פון געטריישאַפט און ליידער געפין איך זיי נישט. דאָס האַרץ איז מיר זייער שווער פאַר דיין גורל, שלמה.

אויף שלמהס פנים האָט זיך אָנגערוקט אַ פינצטערער וואָלקן. אין זיינע אויגן ברענט נישט קיין גוט פייערל. ער איז אויסערגעוויינלעך רואיק און זאָגט מיט אַ פרעמדער קול, וואָס מען קען מיינען, אַז עס גייט פון אַ טיפן קעלער:

— אַז דו האָסט מיך נישט ליב, דאָס זע איך שוין, נאָר אויב דו האָסט אָנגעהויבן, דערזאָג שוין אַלץ, וואָס דו האָסט דאַרטן... מאַך נישט קיין הפסקות...

— עי, שוטה וואָס דו ביסט, ווען איך זאָל ווירקלעך דיך נישט ליב האָבן, ווי דו זאָגסט, וואָס פאַר אַ נאַר וואָלט איך געדאַרפט זיין, דיר צו זאָגן אַ שלעכטע מיינונג אויף אַ מיידל, וואָס די גאַנצע וועלט זעט, אַז דו בוקסט זיך צו איר ווי צו אַ געטין. נאָר דערינען שטעקט דיין גאַנצער טעות. איך האָב דיך ליב מער פון מיין לעבן. קיינער אויף דער וועלט,

חוץ אפשר די מאַמע, האָט דיך נישט אַזוי ליב ווי איך. און דערפאַר טאַקע בלוטיק איך אַזוי, ווען איך זע, ווי מיין ברודער, אַזאַ גערעכטענער, אַזאַ העלד, מיט אַזאַ אַלזייטיקער געלערנטקייט, מיט אַזאַ רייפן פאַרשטאַנד, מיט זיין שרייבערישן טאַלאַנט און בכלל מיט זיינע פעאיקייטן צו אַלץ, אפילו צו געלט פאַרדינען. דאַכט זיך, וואָס פעלט אים? אַ יונגער, אַ שיי־נער, אַ געזונטער — קריכט עקשנותדיק אין אַ גרוב אַריין. חוץ די צוואַנ־ציק צענטימעטער פנים איז אין פאַלין גאָר נישטאָ אַזוינס, וואָס זאָל דיך די ווערט האָבן. אפילו אַ צענטל פון דיר. און ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס הארץ פעלט אין איר. דווקא הארציקייט, וואָס דו פאַרמאָגסט אַזוי פיל, וואָס דו טראָגסט אָקעגן יעדן איינעם מיט דער ברייטער האַנט, גראַד דאָס איז אין איר דאָ קוים־קוים אויף אַ „שהחיינו". אַט לאָמיר נעמען אַזאַ זאַך: דער טאַטע דולט מיר שוין אויך אַ קאָפּ מיט שידוכים — מילא, איך האַלט נאָך נישט דערביי. איך מוז פריער ענדיקן דעם אינסטיטוט און ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש. אָבער אַ מאָל וועל איך דאָך מוזן מאַכן דעם שריט. אייביק לערנט מען דאָך נישט. איז קען איך דען האָפן, אַז מיר זאָל זיך טרעפן אַזאַ בחורל ווי דו? — לא מיט אַן אלף! אפילו אין חלום — אויך נישט! איך ווייס דאָס גאַנץ גוט און דערפאַר טאַקע איז מיר אַזאַ ווייטיק, פאַר וואָס דער בעסטער ביסן קומט אַן... נישט דעם, וואָס האָט אים פאַרדינט... איך גיי ביי דיר נישט פרעגן, וואָס אין מאָסקווע איז ביי אייך געשען. אַ ביסל פאַרשטיי איך און דאָס איבעריקע דאַרף איך נישט וויסן. אָבער אַז דו האָסט זיך אומגעקערט פון אַזיע און געפועלט ביי זיך גיין צו דער שחיטה און זיי האָבן דאָס גוט געוווסט, איז דאָמאָלסט קוים יאָני געקומען צו גיין, — מיר ווייסן אַלץ, מנשה האָט אונדז דער־נאָך דערציילט, — און די גראַנד־דאַמע מיט איר אייגענער פערזאָן האָט דיר נישט פאַרגינען, אַז דו זאָלסט האָבן די זכיה אַ קוק צו טון אויף איר ליכטיק פנימל. נאָך דעם האָבן זיך געצויגן אַזעלכע ביטערע וואָכן. די שטאָט האָט זיך געוויגט מיט דיר. אין דער פראָקוראַטור האָט מען דער מאַמען געענטפערט:

— מיט אַ זון אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער מעגט איר אויסוואַרטן אַ ביסל. וואָס ליגט איר אַזוי איין די וועלט, אַז מען זאָל פאַרשנעלערן דעם פראָצעס? וואָס אַרט אייך, אַז ער לעבט נאָך?

אַז נישט האָט דען עמעצער געגלייבט, אַז דו וועסט אויסשטיין אַזעלכע מאַטערנישן ביי יענע מענטשנפרעסער אויף יעליזאַוועטינסקע, און זיך נישט מודה זיין אין גאָרנישט? ווען עמעצער זאָגט דאָס דאָ־מאָלסט, וואָלט מען אים באַשפּיגן. מען האָט נאָר געספקט, צי דו וועסט אָפּשניידן מיט צען יאָר, צי חלילה... איך וויל גאָר אויף דער צונג נישט ברענגען, פאַר וואָס מיר האָבן געציטערט. צי האָט זיך דיין קראַסאַוויצע כאָטש איין מאָל געיאָוועט אָדער עמעצן צוגעשיקט אַ פרעג טון, וואָס עס הערט זיך ביי שלמהן? — קיין מאָל נישט! אַט איז אַווראַם, דווקא אַ לייבלע־כער ברודער אירער, אָבער דאָס איז אַ יינגל מיט אַ נשמה. אַלע אינדער־

פרי ווי א זייגער פלעגט ער מיך אָפּוואַרטן אויף די טרעפּ פון אינסטיטוט און לויפן אַקעגן: דינה, אפשר איז עפּעס דאָ נייעס?

איין מאָל האָב איך מיך אָנגענומען מיט מוט און אים א פרעג געטון:

— אַוואַס, פאַלי הייסט דאָס דיר זיך אַזוי נאָכפרעגן?

ענטפערט ער מיר:

— איך רעד מיט איר נישט אויף דער טעמע...

— דו פאַרשטייסט? ווייסנדיק, אַז איר ברודער זעט זיך אַלע טאָג מיט איר חתנס שוועסטער, געפינט זי אפילו נישט פאַר נייטיק ביי אים א פרעג צו טון: וואָס טוט זיך דאָרטן?׳

אַרום נײ־יאָר — איך ווייס נישט, וואָס עס האָט זיך דאָרט געטראָפן — איז זי פּלוצלינג צוגעפאָרן. זי האָט אומפאַרשעמט געצוויקעט דעם טאַטן אין די אויגן, אַז כלומרשט שפּירט זי נאָך די גאַנצע צייט נאָך דיינע ענינים. עס האָט, פאַרשטייט זיך, קיינער אפילו נישט אָנגעהויבן איר צו גלייבן. אויף איר פאַלש פּנימל איז געווען דייטלעך אָנגעשריבן, אַז ס׳איז שוא ושקר... פונקט האָט זי זיך ביי אונדז געטראָפן מיט קלאָוועז און פון דאמאָלסט אָן זעלבסטשטענדיק אָנגעהויבן מיט דיר צו קאָרעספּאָנדירן. נאָכן ערשטן מאָל איז זי בלויז אויף יוצא זיין געווען נאָך איין מאָל, צי צוויי מאָל. וויפל אונדזערע טאַטע־מאַמע האָבן ביי איר נישט געבעטן, אַז זי זאָל זיי ווייזן דיינע בריוועלעך צו איר, איין מאָל — ניין! די מאַמע פלעגט יעדעס מאָל נאָך איר אַוועקגיין וויינען מיט בלוטיקע טרערן:

— וואָס פאַר אַ סודות קענען זיין ביי חתן־כלה פאַר עלטערן? אַז ביי מיר איז יעדער אות, געשריבן מיט זיין האַנט, אַ פאַרמעגן, און זי פּראַוועט גאָר סודות...

פון זינט מען האָט דיך איבערגעפירט אין טורמע אריין, איז אַזוי ווי אויסגעטרוקנט געוואָרן איר נאָמען און אַזוי שוין ביזן סוף. פאַר דיר היט מען זיך, מען ווייזט דיר אַ שמייכלענדיק פּנים, נאָר פאַראַכטאָגן מיט־וואָך, אַז איך בין געקומען אַהיים און דיך געטראָפן, רופט מיך נאָך דעם דער טאַטע אַוועק אין קיך אַריין און פרעגט מיך אַ צעקאָכטער:

— וואָס זאָגסטו עפּעס צו יאַניס השגה? ער האָט גאָר אַנדערש נישט געקלערט, זאָגט ער, נאָר אַז שלמה וועט פון דער טורמע פאַרפאָרן גלייך צו אים... פיל כוחות האָט ער מיט זיין טאָכטער אַוועקגעלייגט אויף אים? הא, וואָס זאָגסטו, טאָכטער?

וואָס האָב איך אים דערויף געקענט ענטפערן?... יאַני איז אודאי גערעכט. נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט און — אַ פּאַרטיקער טאַטע! ס׳איז אַ גרויסער בזיון און נאָך אַ גרעסערער האַרצווייטיק און מען מוז נאָך קנייפּן די באַקן, אַז די פאַרב זאָל שטיין... עך, שלמה, שלמה! די אמתע מיינונג פון אונדזער שטוב ווייסטו נישט. דו ביסט אַ דיקטאַטאָר, דו באַ־פעלסט זיי זי צו פאַררעכענען פאַר אַ טאָכטער, און די עלטערן פאָלגן דיך. זיי האָבן פאַר דיר גרויס דרך־ארץ, זיי ווילן דיך נישט מצער זיין. אָבער ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס ביי זיי אין האַרצן טוט זיך... גאָט וועט געבן,

איר וועט אין אַ גוטער שעה, נאָך שבועות, חתונה האָבן, נאָר מיט דעם אַקט ענדיקן זיך נאָך נישט דיינע מאַטערנישן. דו וועסט האָבן מיט איר זייער אַ שווער שטיקל אַרבעט, ברודער מיינער... פּאַלי זעט מיט אַלע מעג־לעכקייטן דיך צופּאַסן צו זיך, אָבער זי האָט נאָך קיין איין קלער נישט געטון, זיך צופּאַסן צו דיר. איך קען דאָס דיר נישט זאָגן, איך וויל דאָס דיר נישט זאָגן! נאָר וואָס האָסטו צו קלערן? דינה כּאַדראַוו, ווער שמועסט רייזל ליבערמאַן וואָלטן פיל־פיל מער געפּאַסט פאַר דיר... פיל גליקלעכער וואָלט געווען דיין לעבן מיט איינער פון זיי אײדער מיט איר... און זיי ביידע, בין איך זיכער, וואָלטן זיך אַ מינוט נישט געישובט, ווען דו מאַכסט זיי אַ פאָרשלאָג. דאַקעגן פּאַלי רעדט זיך נאָך איין, אַז דו דער־גרייכסט אין איר דאָס טעלערל פונעם הימל... דו אַליין האָסט דאָס איר איינגערעדט און דו האַלטסט נאָך היינט אויך איר דאָס אין איין איינרעדן. אַזוי איז דאָס, שלמהלע, פּאַלי טולטשינסקי איז נאָר פעיק צוצופאָרן אָבער נישט קומען צו פאָרן... און דו זאָגסט, אַז עס איז גאָר קיין שום חילוק נישט... אָ־אָ! נאָך וואָס פאַר אַ חילוק! כּרחוק מזרח ממערב...

שלמה האָט שווער געשוויגן. מיט ווייטיק האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אַז זיין דינה איז אַ קלוג, אַנטוויקלט מיידל. ער האָט זיך שטענדיק גערעכנט מיט איר מיינונג. געוווסט, אַז זי האָט פיינט צו פּלאַפּלען, דאָס וואָס זי זאָגט, איז אַלע מאָל דורכגעטראַכט און דורכגעזיפּט. און דאָ רעדט זי גאָר אויף אַזאַ מאָדנער שפּראַך. זי זוכט אויף דער זון פלעקן. זי רופט גאָר אָן אַנדערע נעמען, בעת פּאַלי, זיין פּאַלי זאָגט: קום צו דער חופּה. גיי רעכט זיך, אַז זי זאָל אַזוי וואָגן... אַזוי וואָגן...

דעם גאַנצן וועג פון דעם דניעפּער ביז סאָלאָמינקע האָבן זיי צווישן זיך נישט אויסגערעדט קיין איין און איינציק וואָרט. אַראָפּגייענדיק פון דעם טראַמוויי און לאָזנדיק זיך גיין אין שטוב אַריין, האָט שלמה נישט אויסגעהאַלטן און פאַרשטיקט אַרויסגעשיפּעט:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן דיר אָפּצודאַנקען פאַר דיין לעקציע, פאַר דיין אידעאַלער אָפנהאַרציקייט. איך וועל דיר דאָס קיין מאָל נישט פאַר־געסן. איך בין שוין אַ וואָך אין דער היים און האָב לעת־עתה געטראָפן אומעטום בלויז אָנגענעמע זאַכן, בלויז גוטס. דו, מיין געטרייע שוועסטער, האָסט די ערשטע, פון דער ברייטער האַנט מיר אַריינגעטריפט גיפט אין מיין גליקסבעכער.

— שלמה, איך בעט דיך, באַנוץ נישט אַזוי פיל ביטערע איראָניע. איך בין זיך אַליין אַ שונא, פאַר וואָס איך בין אַזאַ בהמה מיט אַזאַ לאַנגער צונג...

— און זייער גלייך טוסטו...

— און דו ווידער, אויב דו קענסט טאַקע אַזוי נישט פאַרלײדן, ווען מען זאָגט דיר דעם אמת, האָסטו נאָר אַ ברירה אויף מיר ברוגז צו ווערן...

— גוט, איך וועל אַ קלער טון, אפשר וועל איך נאָך דאָס אויך טון...

דינה גיט זיך אַ רייב איר שיינעם, נישט־מיידלשן שטערן און גיט צו אונטערטעניק :

— דו ביסט גערעכט, שלמה, איך בין טאַקע באַגאַנגען אַ פעלער מיט מיינע נאַרישע רייד. און עק, הער זיך שוין אויף צו בלאָזן.

און נאָכדענקענדיק אַ ווײַלע :

— באמת טאַקע, ווען איך זאָל כאָטש געווען האָבן אַ מינדסטן קלער, אַז מיינע רייד קענען דיר עפענען די אויגן, מילא ! איז כדאי אַלץ־דינג, אפילו אַרויסרופן אויף זיך דיין צאָרן. אָבער, ווייסנדיק דיין פאַנאַטיזם אין דער פראַגע „פאָלי", איז געווען פון מיר אַן עוולה דיך אומזיסט מצער זיין... אַנטשולדיק...

שלמה האָט אומהיימלעך געשוויגן. אין שטוב איז ער גלייך דורכגעגאַנגען צו זיך אין צימער אַריין, פאַרקלאַפּט די טיר און פאַרוואָרפן דאָס קייטל.

דינה האָט אים נאָכגעקוקט מיט חרטה־פולע אויגן.

קאפיטל X

עס איז שוין אזוי איינגעפירט ביי דער וועלט: ווען אַ מענטש גייט ארויס פון דער טורמע, האַלט מען אים פאַר אַ גאַנצן ידען אין די מלוכה־געזעצן, פאַר אַ שטיקל אדוואָקאַט: ווי נישט ווי, אָבער אַז אַ מענטש קומט אָן פון „יענעם עולם", מוז ער עפּעס וויסן מאחורי־הפרגוד. די ראַזיקע מיינונג איז ביי מענטשן אַזוי טיף פאַרפּלאַנצט, פּונקט אזוי גוט ווי מען גלייבט, אַז אַן אָנקומענדיקער פון שפּיטאָל איז במילא אויך אַ שטיקל דאָקטער.

אַז שלמה איז אַ ביסל „געקומען צו זיך" נאָך דער טורמע, האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטון גוטע־ברידער און סתם באַקאַנטע: נאָך ידיעות, נאָך עצות, נאָך פאַרשידענע דערקלערונגען אין הלכות: פּראָקוראָר, געריכט, אויספאָרשונג, עטאַפּ, קאַמער־רעזשים און נאָך אַזעלכע ברענענדיקע פראַגן, אַן וועלכע אַ סאָוויעטישער בירגער איז ווי אַן דער רעכטער האַנט. לחלוטין אַ בלינדער מענטש!

ביי אפרים־אהרונען אין שטוב האָט מען זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו די דאָזיקע קאָנסולטאַציעס, אַז מען פלעגט זיך שוין גאָרנישט חידושן, ווען אויפן גאַניק פלעגט זיך אויפהייבן אַ פרעמדער מענטש. מען האָט שוין געוווסט: מן־הסתם אַ ייד מיט אַ פּעקל... פון דעסט וועגן זענען אַלע פּיאַטיגאָרסקים געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, ווען אויף זייער שוועל האָט זיך מיט אַ מאָל באַוויזן דער אַמאָליקער בעל־הבית פון זייער וווינונג: וויאַטשעסלאַוו קאַרלאָוויטש דאָמבראָווסקי.

דער אַלטער פּאָליאַק איז פאַר די לעצטע דריי יאָר היפּשלעך אָפּגעפאָרן געוואָרן. פון זיין גאַנצן אַמאָליקן גלאַנץ איז אים געבליבן בלויז זיין אומגעהייערע גאוה. זיין ווייב האָט זיך שוין לאַנג אָפּגערוט פון איר טובערקולאָז — אויפן צווינטער. זיין זון, וועלכער האָט געהאַט „דער מאַמעס לונגען", האָט זיך שוין זייט אַ יאָר צייט געפונען אין אַ שפּיטאָל פאַר טובערקולאָזע און האָט דאָרט געטריקנט פון טאָג צו טאָג. דער פאָטער מיט דער טאָכטער האָבן געצאַנקען אין דער היים און יעדן אָפּגעשפּאָרטן ביסן אַוועקגעטראָגן צו „דער מאַמעס זון".

זינט די פּיאַטיגאָרסקים האָבן זיך אַריינגעקליבן אין זיין דירה, האָט ער קיין איין מאָל אפילו די שוועל פון דער וווינונג נישט אַריבערגעטראָטן. זיין שליאַכעצקע אַמביציע האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עמעצער אַנדערש זיצט אויף דעם זעלבן אָרט, ווו ער איז אַ מאָל געזעסן; שלאָפט דאָרט ווו ער איז געשלאָפן און טוט דאָרט בכלל אַלץ, נישט אָנפרעגנדיק זיך צוערשט ביי אים.

דאָמבראָווסקי האָט געעפנט די טיר און איז געבליבן שטיין אַ פאַרוווּנדערטער. ער האָט נישט דערקענט דאָס צימער, אין וועלכן ער האָט פאַרבראַכט פיל צענדליקער יאָרן. אפרים־אהרון איז אים געגאַנגען אַקעגן,

ער האָט צוגעפּירט דעם שלאָבעריקן זקן צום טיש און אים אוועקגעזעצט אויף אַ בענקל. כדי געבן דעם סאַפּענדיקן אַלטיטשקען אַ פּויזע אויף אָפּצואָטעמען, האָט אפרים־אהרון געזאָגט:

— אויב איך האָב קיין טעות נישט, זענט איר דאָ צום ערשטן מאָל זינט —

— נישט וועגן דעם, פּאַן שכן, בין איך געקומען איצט...

— ביטע, ביטע, זאָגט, וועלן מיר הערן נאָך וואָס איר זענט גע־קומען...

— איך דאַרף דעם יונגען פּאַניטש, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פון דער סאַנאַטאָריע, פּאַרדאָן! כ׳מיין —

— גוט, גוט, כ׳וויים וועמען איר מיינט. שלמה, שלמה! קום אהער. זונעניו, דער בעל־הבית דאַרף דיך עפּעס האָבן.

שלמה האָט דעם גאַסט דערלאַנגט די האַנט און זיך אוועקגעזעצט קעגן אים.

— פּאַן סאַלאָמאָן, אַזוי ווי איר... כ׳מיין, איר זענט זיכער באַקאַנט אין אַט די ענינים, וויל איך ביי אייך עפּעס פרעגן...

שלמהס אויפמערקזאַמער קוק האָט געענטפערט פאַר אים.

דער אַלטער האָט נישט דרייסט געשטאַמלט:

— איר ווייסט דאָך מן־הסתם... איך זאָג, מן־הסתם ווייסט איר... כ׳מיין, דאָס ווייב... דער זון... איך וויל אייך אָנהייבן פון אָנהייב...

שלמה האָט העפלעך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

דער אַלטער האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן זיך ווארגן מיט די דיבו־רים, וואָרפנדיק זיי אין אומאָרדענונג ערגעץ אונטערן טיש אַרונטער:

— פאַרשטייט איר מיך... מיר הונגערן... דאָס ווייב... אויך נאָר מחמת דעם... איך האָב שוין נישט געקענט פאַרטראָגן... דער זון איז שוין ווי אַ שטעקל... בקיצור, איך האָב אָנגעשריבן קיין פּוילן צו מיינעם אַן אַלטן חבר, נאָך פון דער גימנאַזיע... האָב איך אים אָנגעשריבן וועגן מיין זיסער לאַגע און געבעטן ביי אים... און געבעטן ביי אים... מיר אויס־לייען אַ ביסל גוטע שפּייז פאַרן זון, ביז... ביז... נו, וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר?

— אַנטשולדיקט, איך קוק נישט, איך קוק סתם אַזוי.

— האָב איך, הייסט עס, אָנגעשריבן צו מיכאַאיל סעמיאָנאָוויטש און ער האָט מיר גלייך אַרויסגעשיקט אַ פּעקל און אַ בריוו אַ חוץ. ער שיקט, שרייבט ער, חזיר־פעטס, פּוטער איבערגעזאָטענע מיט שאָקאָלאַד, אַ ביסל צוקער, גריוון, און צוויי פאַרלעך וועש. ווי איר זעט, האָט ער זיך נישט שטאַרק צעלאָזט... אַ קמצן בלייבט אַ קמצן... איך האָב אים אַ מאָל גרע־סערע זאַכן אויסגעליגן, נאָר דאָס האָט נישט צו אייך... דער עיקר איז, וואָס ער האָט זיך פון דעסט וועגן יאָ אָנגערופן, ווייל היינט איז דאָך אַזאַ דור אויפגעקומען... אַ הינטישער... בקיצור, איך האָב אים שוין אפילו אַ דאַנקבריוו אוועקגעשיקט, איך האָב דאָך נישט געקענט וויסן... איך

וואָלט דאָס גאָר קיין מאָל נישט געגלייבט אויך... אָבער, וואַרט, איך האָב דאָך אייך נאָך נישט דערציילט דעם עיקר, וואַרט, וועט איר הערן א שיינס! ווען איך האָב באַקומען א פּאַוועסטקע * און בין אַוועק אויף דער פּאָסט אָפּנעמען דאָס פּעקל, האָט מיר דער פּאָסט־באַאַמטער דערלאַנגט א צווייטע פּאַוועסטקע. מען רופט מיך אַרויס אין דער געפּעאו. באַלד אויף דער שטעל האָב איך זיך אפילו דערשראָקן: איר ווייסט נישט, וועמען ווילט זיך האָבן אַן עסק מיט די שלעק? אָבער דערנאָך האָב איך זיך באַקלערט: וואָס הער איך זיי? איך האָב עפּעס געזינדיקט? מיין געוויסן איז ריין קעגן גאָט און קעגן דער ראַטנמאַכט. מיט איין וואָרט, איך האָב גענומען די נשמה אין דער זשמעניע און בין אַוועק „אהין”. פֿאַן סאָלאָמאָן, איך נעם ביי אייך צו צו פיל צייט?...

— גאָט באַהיט, אדרבה... דערציילט, דערציילט, ס'איז זייער אינטערעסאַנט...

— ...מען האָט מיך אַריינגעפירט אין א לאַנגן קאָרידאָר, טרעפּ אַרויף, טרעפּ אַראָפּ, פון איין הויף אין צווייטן, אַן אמתער לאַבירינט... ענדלעך האָט מען מיך געבראַכט צו איינעם א גרויסן טשינאָווניק אָדער אַן אויספאָרשער. אַז ער איז א גרויסער, איז געווען צו דערקענען לויט די... בלעכלעך, וואָס ער האָט געטראָגן אויף די לאַצן פונעם שינעל און לויט דער טויט־שרעק, וואָס איז געהאַנגען אויף די פּנימער פון זיינע באַדינערס. אויף מיר האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון א סאָוויעטישן איוואַן גראָזנעי. אָבער נישט דאָס וויל איך דערציילן. איך וויל אייך דערציילן פון מיין אייגענעם אינצידענט מיט אים. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט ער מיר געהייסן זיך זעצן און אַליין זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. פאַר אַלעמען האָט ער צונויפגעשטעלט אַן אַנקעטע אויף עטלעכע בויגעלעך פּאַפּיר, פראַגן אויף פראַגן, זיך דערגראָבן ביז מיין עלטערזיידן. ערשט דערנאָך פרעגט ער ביי מיר, צי האָב איך נאָך דעם בריוו פון פוילן. זאָג איך: יאָ. איך האָב אים גראָד געהאַט ביי זיך. לייענט ער און לייענט און רופט זיך אָן צו מיר מיט די ווערטער: „דו ביסט א געטרייער בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד”? ענטפער איך אים מן־הסתם, אַז יאָ. דאַן רופט ער זיך אָן: — „היינט פרעג איך דיך, ווי אזוי גייסטו עס בעטן שטיצע אין א לאַנד, וווּ מענטשן פאַלן אין די גאַסן פאַר הונגער”? וויל איך אים איבערשלאָגן מיט א פראַגע, לאָזט ער נישט. ער דערמאָנט מיר, אַז דאָרט, וווּ איך געפין זיך איצט, דאַרף מען זיך פירן מיט אָפּשיי און רעדט ווייטער: — „וואָס פאַר א פּנים האָט עס פאַר אונדז, אַז אונדזערער א בירגער בעט הילף אין א לאַנד, וווּ מענטשן עסן קאָרע פון ביימער, וווּ מענטשן האָבן שוין יאָרנלאַנג קיין שטיקל פלייש פאַר די אויגן נישט געזען”... שלאָג איך אים שוין דווקא יאָ איבער און פרעג: — „ווי־באַלד ס'איז דאָרט אזאַ שרעקלעכער מאַנגל, ווו־זשע האָט מיכאַאיל סע־

* אַן אַרויסרוף־צעטל.

מיאַנאָוויטש פון דעסט וועגן גענומען דאָס אַלץ אויף מיר צו שיקן״? רוקט ער צו זיין שטול צו מיין בענקל און רוימט מיר איין מיט אַ סודות־פולן טאָן: — „פאַרשטייסטו מיך, קאַרלאָוויטש, דאָס האָט דער אינטער־נאַציאָנאַלער אימפּעריאַליזם, וואָס ווערט געשטיצט פונעם אינטערנאַציאָ־נאַלן קאַפּיטאַליזם, אַ ספּעציעלן פאָנד אויף צו שיקן אַזעלכע פּעקלעך, כדי צו פּראָוואָצירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַז מכלומרשט נייטיקן זיך סאָוויעטישע בירגער אין שטיצע, אָבער דאָס איז דאָך לעכערלעך... וואָס זאָגסטו? ניין? הכלל, וואָס וויל ער פון מיר? — איך זאָל אָנשרייבן אויף דער פּאָסט־פּאָוועסטקע, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון אָפּנעמען דאָס פּעקל, מאָטיווירנדיק מיין שריט דערמיט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד נייטיקט מען זיך נישט אין קיין קאַפּיטאַליסטישע מתנות. איך האָב אים אויפן אָרט געענטפערט, אַז ער קען מיר טון וואָס ער וויל אָבער איך וועל זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם פּעקל, ווייל מיין זונס לעבן איז אָפּהענגיק דערפון. דאַן האָט זיך דער אויספאָרשער, אַן אָנגעכמורעטער אויפגעהויבן פון זיין אָרט און קאַלט דורכגעזייעט דורך די ציין: „גייט אַהיים און באַקלערט זיך, אויב ס׳איז בכלל שייך צו טראַכטן אין אַזאַ פראַגע, וווּ עס האַנדלט זיך אין דעם פּרעסטיזש פון דער מלוכה״... וויל איך פרעגן ביי אייך, פּאַן סאָ־לאָמאָן, וואָס זאָל איך טון? ווי אַזוי איז אייער מיינונג?

שלמה האָט באַדויערנדיק אָנגעקוקט דעם אומגליקלעכן אַלטיטשקן:

— וואָס זאָל איך אייך עצהן, פּאַן וויאַטשעסלאַוו? קוים האָט אייך דער אויספאָרשער געזאָגט, אַז ס׳איז נישט שייך צו טראַכטן, האָב איך מורא, אַז ער ווייסט וואָס ער רעדט...

— האָב איך, הייסט עס, אומזיסט צוגענומען ביי אייך צייט...

— עס מאַכט נישט... פאַרקערט... איך וואָלט אייך גערן געהאָלפן, אָבער...

דער זקן האָט זיך אַ דערשלאָגענער אויפגעהויבן פונעם בענקל און מיט וואַקלענדיקע טריט זיך געשלעפּט צו דער טיר. אין שטוב האָט גע־הערשט אַ דערדריקנדיקע שטילקייט. יעדער איינער האָט אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיטן צווייטנס בליקן. אפרים־אהרון האָט אַראָפּגעפירט דעם „פריץ״ פון די טרעפּ און אומקערנדיק זיך, האָט ער, נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם, אַ וואָרף געטון צו די שטומע פיר ווענט איין און איינציקע פראַזע:

— מען פירט מלחמה מיט טשאַכאָטניקעס... איינס אויף איינס... רבש״ע, עד אנה תסתיר את פניך ממנו?...

קאפיטל XI

דער פרילינג האָט נישט אויף קאַטאָוועס צוגעטראָטן צו זיין מיסיע. ער האָט אויפגעריסן אין אַלע הייזער די פענצטער, אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס דאָס קליינוואַרג מיט די נאַקעטע פּופּקעס. אין די פּאַרקן האָט זיך די ערד געדיכט באַדעקט מיט געקרייזלטע גרינע הערעלעך. די ביימער האָבן שטאָלצער אויפגעהויבן די קעפּ. זיי האָבן דער גאַנצער וועלט אָנגעוויזן מיט גדלות אויף זייערע יונג־געוואָרענע צווייגן מיט די גרינע קנאָספּן. יונגע פּויערטעס האָבן אַרומגעטראָגן פולע קאָשיקעס מיט בעז. דער ריח האָט געקיצלט אין דער נאָז, דערמאָנט דעם עולם, אַז די פּאָרשטעלונג הייבט זיך ערשט אָן, אויסגערעכנט אַלע סיורפּריזן, וואָס דער זומער גרייט פאַר דער וועלט:

— פּאַוואָליע, נישט געכאַפּט. נאָך מיר גייען יונגע רעטעכלעך, אָדער די אַזוי גערופענע „ראש־חודש רעטעכלעך”, מיט רויטע בעקעלעך, גרינע בערשטעלעך און ווייסע עקעלעך; דערנאָך קומען גרינע ציבעלקעלעך, וויי־כינקע, זיסינקע, וואָס אַז מען גיט אַ קוועטש, גייט פון זיי מילך... נאָך דעם פּיליניצעס *, דאָס איז גוט, אַז מען שיט איבער מיט צוקער; און דער־נאָך שווין קלובניק **. ליטישע מענטשן עסן דאָס מיט סמעטענע; נאָך דעם קומען אויף צוזאַמען: קאַרשן, פּערעשקעס, ווײמפּערלעך, בורעקלעך, קרויט, ווייסע קרויט און קאַלירטע קרויט; און נאָך שפּעטער: וויינשל, פלוימען, אוגערקעס; און נאָך שפּעטער: גוטע פּאַפּיראָווע עפּל, לימאָנ־קעס־באַרן, בערעס־באַרן; און דער נאָך ערשט די שווערע האַרמאַטן: די פּודיקע אַרבוזן, די פעסלדיקע דיניעס, דערנאָך קוקורוזע, ווײנטרויבן און מאַנדערינעס. און פון דעסט וועגן בין איך, פּיאַלעטער בעז, עלטער פון אַט די אַלע גוטע זאַכן! פאַר בעז וואָגט נישט קיין שום פּרי זיך צו באַ־ווייזן! און ווי באַלד, אַז עס איז יאָ אַזוי די מעשה, גייט זשע נישט סתם אַזוי פאַרביי, גוטע מענטשן! קויפט אייך אַ בוקעט פאַר אַ רובל און שטעקט אייך אַריין אין לאַץ, און אויב נישט איז אין אייבערשטן קעשענ־קעלע אָדער גאָר אין די האָר, אין פּאָרטפעל און דאָס איבעריקע טראָגט אין דער האַנט. צעטיילט אייערע באַקאַנטע אַט די פרילינג־פּראָקלאַמאַ־ציעס.

— ...קויפט, קויפט, קאַוואַליערן, באַרישניעס, אַ רובל — אַ בו־קעט! אַ בוקעט — אַ רובל!...

*

עס איז איבערגעלאָפן דער פּסח, אַוועק דער ערשטער מאַי, פּאַרי־

---

* יאַגעדעס, פּאָזיאָמקעס.

** טרוסקאַווקעס.

בער דער חודש ניסן. צום צווייטן סדר איז פּאַלי געווען ביי די פּיאַטי־גאָרסקים. כדי דאָס פֿאָלק זאָל קענען ממשיך זיין די מאַי־פייערונגען דריי טעג נאָך אַנאַנד, האָט די מלוכה מיט אַ ספּעציעלן דעקרעט אַרויפגערוקט דעם אַלגעמיינעם אָפּרו־טאָג. דער דאָזיקער „מוקדם" איז גראָד אויסגע־פאַלן דאַנערשטיק, אחרון של פּסח. אַלע טולטשינסקים זענען אויף דעם טאָג מיט האַק און פּאַק אַריבערגעגאַנגען צו אפרים־אַהרונען. אַזאַ גרויס־אַרטיקע בעל־שם־סעודה ווי די פּיאַטיגאָרסקים האָבן דאָס יאָר געפּראַ־וועט האָט מען שוין לאַנגע יאָרן נישט געזען, סיידן נאָך אין פּיאַטער. עס זענען געווען אפשר פופצן מנינים יידן. אַזוי ווי די גאַנצע שמחה איז נאָר צוליב שלמהן, ווייל ער איז דאָס בעל־שמסקע אייניקל, האָט מען שוין פאַר איין וועגס אויך געמאַכט זיין סעודת־הודאה פאַר דער באַ־פרייאונג. פאַר אַ „נאָווינקע", כדי חמצדיק מאַכן דעם עולם, האָט מען אין עטלעכע שכנישע הייזער, חוץ ביי זיי אַליין אין שטוב, געבאַקן ווייסע חלות, געקאָכט באָרשטש מיט געגנדזענעם בייליק, בראָנפן און וויין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. דער גאַנצער עולם האָט פאַרבראַכט ביז אין דער פרי. נאָך דעם איז נאָך געווען שבת מברכין אַ שטיקל יומא דפגרא... ראש חודש נאָך אויך אַריינגעכאַפּט אַ „חצי הלל"... און עס זענען אָנ־געקומען וואָכעדיקע טעג מיט וואָכעדיקע אינטערעסן. שלמה איז געוואָרן אויס גאַסט און האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, וואָס עס טוט זיך אויף גאָטס וועלטל. אָבער דאָס אַרומקוקן זיך האָט אים דאָס מאָל געבראַכט ווייניק פרייד. ס'איז נישט געווען אין אים דאָס פייער און די לעבנסלוסט, מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכנט ביז דעם אַרעסט. ווי נאָך יעדער דערשיטערנדיקער איבערלעבעניש האָט שלמהן איצט באַהערשט אַ שאַר־פע, גייסטיקע רעאַקציע.

די רעאַקציע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט זיך שטענ־דיק געפונען אין אַ נאָכגיביק־פּאַסיוון צושטאַנד. אַלע אַרומיקע, וועלכע האָבן גוט געדענקט שלמהס לוסטיקייט און אונטערנעמערישקייט, האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער פרעמדער, פיינטלעכער פאַרגליווערט־קייט, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אויף שלמהס פּנים. פריינט און באַקאַנטע האָבן זיך באַמיט אים צו צעווייגן, אָנרירן אין אים די סאַמע פאַרבאָרגנסטע סטרונעס. אייניקע, וועמען עס האָט מער געקרענקט שלמהס „נישט זיין הי", האָבן זיך געוואָרפן אויף פאַרשידענע המצאות און שפּיצלעך, אַבי אויפוועקן אין אים דעם אַמאָליקן שלמהן, דעם אַזוי געליבטן, דעם אַזוי געגאַרטן. אָבער זייערע אויפטוען האָבן איינער נאָכן צווייטן געליטן אַ קראַך און האָבן שלמהן נישט דערמונטערט.

שלמהס צושטאַנד אין יענע טעג איז געווען געגליכן צו אַ צושטאַנד פון אַ מענטשן, וועלכער איז שוין פיל נעכט נישט געשלאָפן. און ווען ער איז ענדלעך אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט מען אים באַלד אויפגעריסן פון שלאָף. דאָס פּנים איז וואַכנדיק, אָבער די חושים זענען פאַרזונקען אין

טיפֿן שלאָף. די אויגן קוקן און ווייסן נישט וואָס זיי זען, די אויערן — וואָס זיי הערן, די פֿיס — וווהין זיי גייען.

ציטנווייז פֿלעגט ער זיך דערפֿילן עלנט אין זיין אייגענער סביבה. עס פֿלעגט זיך אים נעמען דאַכטן, אַז ער איז אַן אָנגעוואָרפֿענער, אַן אויפֿגעצוווונגענער אורח. מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ פֿלעגט ער זיך דאַ־מאָלסט כאַפּן דערויף, אַז עס ציט אים צוריק אין טורמע אַריין, ער בענקט שטאַרק נאָך זיין קאַמער מיט אירע האַרציקע איינוווינער. אָפּט מאָל פֿלעגט ער, קוקנדיק פֿון דער זייט, נישט דערקענען זיינע אייגענע עלטערן, פֿאָלין. עפּעס האָט זיך אין זיי איבערגעביטן. פֿאַר דער צייט פֿון זיין אָפּ־וועזנהייט, זעט ער, איז פֿאָרגעקומען אין יעדן באַזונדער אַ גרויסע ענדע־רונג, נאָר ער איינער איז פֿאַרבליבן דער זעלבער שלמה וואָס געווען און דעריבער קענען זיי זיך מיט אים נישט צונויפֿלעבן. אין קאַמער האָט מען שוין געוווסט זיין התנהגות, זיינע קאַפּריזן, דאָרט האָבן זיך שוין זיינע חברים אויסגעלערנט אים נישט פֿרעגן קיין קשיות און דאָ — זאָגן זאָגט מען אים דווקא גאָרנישט, מען האַלט אים קיין זאַך נישט פֿיר, נאָר מען קוקט... ווען נאָר מען באַמערקט פֿון אים אַ ניי תנועהלע — קוקט מען. און דאָס קוקן... ווען זיי זאָלן ווייסן ווי אַזוי עס שטעכט אים... ווי אַזוי עס ברענט אים אויס לעבער אין האַרצן... ער פֿילט, אַז ער שטערט זיי. ווי אַ שטורעמווינט האָט ער זיך אַריינגעריסן אין זייער נאָרמאַלן, טאָג־טעגלעכן לעבנסשטייגער און אַריינגעטראָגן אַ שרעקלעכע אומאָרדע־נונג, אַן אומדערטרעגלעכן שנוי־וסת און דאָס קרענקט אים זייער, דאָס דערמאָנט אים אַזוי ווייטיקלעך־זיס אין דעם צוגעוווינטן קאַמער־רע־זשים.

די געשטאַלט פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער מומע טייבל טרעט נישט אָפּ פֿון אים. זיין געליבטע מומע באַגלייט אים אומעטום וווהין ער גייט. זי בייגט זיך אָן צו זיין אויער און שעפּטשעט אַריין:

— אַ שטייגער, וואָס ביסטו געקומען אין שטוב אַריין און דרייסט זיך אַרום ווי אַ „סודעבני איספּאָלניטעל"* ? עס זעט אויס ווי אַלע זאָלן קענען דיר זיין שולדיק... אָבער אין אמתן אַריין, וואָס האָבן זיי דיר שלעכטס געטון ?... איי, דאָס, וואָס ס'איז דיר אומהיימלעך ? איי, דאָס, וואָס דו קענסט זיך קיין אָרט נישט געפֿינען ? — דערויף ביסטו אַ מאַנס־ביל, זוך דיר אַן עצה ! אָט איך, למשל, אַז איך האָב דערזען, אַז איך בין דאָרט איבעריק, בין איך מיר אַוועקגעגאַנגען... איבערגעלאָזט נישט קיין אויסגעגעבענע טאָכטער און אַוועקגעגאַנגען... אַבי נישט שטערן... חוני המעגל, ווען ער האָט געזען, אַז ס'איז פֿאַר אים קיין פּלאַץ נישטאָ, האָט אויך צוגעטראַכט אַן עצה... יעדער איינער טוט עס לויט זיין נוסח...

אָט אַזוי פֿלעגט ער זיך שטענדיק געפֿינען אָדער צווישן די פֿיר ווענט

* אַ געריכטס־אויספֿירער.

אויף לוקיאַנאָווקע, אָדער אונטער דער השפּעה פון דער מומע טייבלס אַנצוהערעניש. סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע פלעגן אָנפילן זיין נשמה מיט אַ טויטן גליווער און אים מאַכן גלייכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען.

מענטשן האָבן דערציילט, אַז דער „טאָרגסין" איז נאָך עד־היום אַ טאָרגסין. אויב אַ מאָל פלעגט נאָר לוינען צו קויפן מעל און אַנדערע פּראָדוקטן, לוינט שוין איצט אויך מאַנופאַקטור, לעדערוואַרג, מעבל און בעטגעוואַנט. שלמה פלעגט מיט אַ שמייכל אויסהערן אָט די אַלע גרוסן און נישט פאַרשטיין, צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ. אין אַ וועלט, ווו עס זענען דאָ אַזעלכע ערטער, ווי די קאַמער נומער אַכצן און די קאַמער נומער דרייצן, דאַרף מען גאָר בעטגעוואַנט?

דער פאָטער האָט זיך געשושקעט מיט דער מוטער, אַז נאָר „בטלנים" פאַרנעמען זיך נאָך היינטיקע יאָרן מיטן טאָרגסין, די וועלט איז שוין היינט קלוגער געוואָרן. מען פאָרט מיט דאָלאַרן קיין וולאַדיוואָסטאָק, דאָרטן זענען שוין דאָ אַזעלכע כינעזער און יאַפּאַנצעס, און מען מאַכט „שטיקער גאָלד". שלמה הערט זיך צו און זיין קאָפּ באַנעמט נישט: וולאַדיוואָסטאָק, יאַפּאַנצעס, טאָרבעס דאָלאַרן, שטיקער גאָלד. צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ? צוליב וואָס און צוליב וועמען?

פון דער פּראָווינץ דערגייען ידיעות איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער. דער געשפּענסט פון דעם מוראדיקן הונגער האָט אייגנטלעך אויך פאַרפאָלגט די זאַטע. מען האָט געגעסן דריי מאָל מער ווי געוויינלעך און נישט געקענט כאַפּן די זעט. די ברכה איז אַוועק פונעם ביסן און איר אָרט האָט פאַרנומען די קללה. אָבער לגבי דעם דאַרף האָבן אָט די פּחדים־נוראים אויסגעזען כקליפּת־השום. פון דאָרטן דערציילט מען: אַלטע מענטשן שטאַרבן אין די גאַסן פון הונגער, זויג־קינדער הויכן אויס זייערע אומשולדיקע נשמהלעך ביי די מוטערס אויף די שויסן. די „קאָלכאָזניקעס" זענען געשוואָלן פון הונגער, מען האָט שוין אַרומגעגריזשעט די קאָרע פון אַלע ביימער, אויפגעגעסן אַלע הינט און אַלע קעץ. וועגן די סיבות פון אָט דעם „פאַלעניש" זענען דאָ פאַרשידענע מיינונגען. אייניקע זאָגן, אַז עס איז פּשוט קיין געראָטעניש נישט געווען. דער סוסליק* האָט אויפגעפרעסן די גאַנצע תבואה. אָבער מענטשן, וואָס זאָלן זיך האַלטן ביי אָט דער מיינונג, זענען געווען זייער ווייניק. די מערהייט האַלט, אַז דאָס איז אַ געמאַכטער הונגער. אַן אָנשטעל, כדי צו איבערציינגן די מאַסן אין די קאָלכאָסאַלע שאָדנס, וואָס עס האָבן אָנגעטון די קולאַקעס מיט די „טראָצקיסטן". נאָך אַנדערע זאָגן, אַז דאָס איז אַ מיטל אויף אַרויסצוטרייבן די יוגנט אין שטאָט אַריין, ווייל אין דער שווערער אינדוסטריע פילט זיך מער ווי ערגעץ אַנדערש אַ שטאַרקער מאַנגל אין אַרבעטסהענט. שלמה הערט אויס דאָס אַלץ, אָבער עס דערגייט צו אים נישט.

---

* סוסליקעס — פעלד־שטשורעס.

זיין מח רעאַגירט אויף גאַרנישט. ער געפינט זיך נאָך אין קאַמער, אין געדאַנק זעצט ער פאָר זיינע אינטימע שמועסן מיט לאַבאַוון, פאַרמעסט זיך אין דאַמינאָ מיט אַשכאַקאַדזען אָדער אין שאַך מיט וואַסיוקן. זעלטן ווען אַ פונק פון דערווירקלעכקייט לעכערט אָט דעם נישט־דורכדרינגלעכן פאַנצער און בריט אָפּ זיין אַטראָפירטע נשמה.

און גראַד דאַמאָלסט איז געשען אַ פאַל, וואָס כאָטש דירעקט צו שלמהן האָט ער קיין שייכות נישט געהאַט, אָבער די דערשיטערונג איז געווען מעכטיקער פון זיין פאַרגליווערטקייט און ער האָט אויפגעוואַכט.

דאָס איז געווען באַלד נאָך פסח. די גאַנצע שטאָט האָט נאָר געהאַט איין וואָרט אין מויל: קאָמערטשעסקע ברויט*. אין די טראַמווייען, אין די צוגן, אויפן דניעפּר און אין די וועלדער האָט זיך געטראָגן איין און איינציק וואָרט. דאָס וואָרט איז געווען צויבערנדיקער פון ליבע, מעכטיקער פון האַרמאָטן און אומגלויבלעכער פון די אַראַבישע מעשהלעך — קאָמערטשעסקע ברויט! הונדערטער מענטשן פון דער פּראָווינץ האָבן זיך טעלעגראַפיש אָנגעפרעגט, אַנדערע זענען ספּעציעל געקומען אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם וואונדער, ווי אַזוי מען גייט דאָס אַריין אין אַ מאַגאַזין מיט דריי רובל און מען גייט אַרויס צוריק מיט אַ גאַנצער קילאָ ברויט. אין מאַרק איז פון אַכציק רובל אַ קילאָ ברויט אין איין טאָג אַראָפּגעפאַלן דער פּרייז אויף פופציק און דערצו זענען נישט געווען קיין בעלנים אויף דעם. יעדער איינער איז ליבערשט געווען אַ בעלן אַליין צו שטיין אין דער ריי, און פאַרזוכן, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט אַ ביסן ברויט פון אַ קילאָ, וואָס קאָסט בסך־הכל דריי רובל.

אַקוראַט אַקעגן דעם פענצטער פון די פּיאַטיגאָרסקיס וווינונג איז געווען איינער פון אָט די גאָט־געבענטשטע מאַגאַזינען, ווו מען האָט פאַרקויפט דאָס וווּנדערלעכע ברויט. די רייען נאָך אָט דער לעגענדאַרער קילאָ ברויט זענען געווען אומגעהייערע. שוין פון פאַר נאַכט אָן פלעגן זיך אָנהויבן קלייבן מענטשן אויף מאָרגן. אַזוי ווי ביי אָט דער „חלוקה" איז אָנגעגאַנגען די נאָרמע פון „עומר לגלגלת" — איין קילאָ אויף אַ קאָפּ, פלעגן ליתר בטחון גאַנצע פאַמיליעס, אנשים נשים וטף, קומען צו גיין און קונה שביתה זיין מבעוד יום. יעדע גרופּע פון פופציק מענטשן האָט צונויפגעשטעלט איר באַזונדער צעטל און האָט אויסגעקליבן איר באַזונדער פאָרשטייער. די דאָזיקע פאָרשטייערס צווישן זיך האָבן געהאַט אַ חוץ אַ צעטל און ווען עס איז געקומען די גליקלעכע מינוט פון אַריינגיין אין מאַגאַזין אַריין, פלעגט יעדער פאָרשטייער, מיט אַן אויסזען פון אַ זיגערישן פעלד־מאַרשאַל, פייערלעך דורכפירן זיין אָפּטיילונג אין דעם באַזיגטן מאַגאַזין אַריין. אומפאַלן אין חלשות און האַרצרייסנדיקע היסטעריקעס — דאָס איז געווען אַ וואָכעדיקע דערשיינונג. פאַר אָפּגיין אין אַ זייט מער ווי אויף עטלעכע מינוט, האָבן די לעצטע אין דער ריי דעם

* ברויט אויף אַ הויכן פּרייז. דאָס איז געווען אַ חוץ דער מלוכה־נאָרמע.

מענטשן נישט געוואָלט צולאָזן אויף זיין פּלאַץ און די גוואַלדן זענען גע־גאַנגען עד לב השמים. דער מאַגאַזין איז פון דעם עפענען ביזן פאַרמאַכן געווען באַלאַגערט מיט מיליץ. אַ היפּשער, פּיל־פּאַכיקער קאָרדאָן האָט געהיט דעם אריינגאַנג און אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל נישט פּרווון צוויי מאָל זיך דורכשמוגלען אין מאַגאַזין אריין. אַ האַלבן פענצטער האָט פאַרנומען אַ שרייענדיקער פּלאַקאַט מיט רויטע קידוש־לבנה אותיות. אויף אים איז געווען אָנגעשריבן: „ארויסצונעמען מער פון איין קילאָ ברויט איינעם און דעם זעלבן מענטשן, אין איינעם און דעם זעלבן טאָג — איז שטרענג פאַרבאָטן". אַז קיינער זאָל נישט זיין עובר זיין אויף דעם דאָזיקן חוק, האָט אייפערדיק אַכטונג געגעבן דער גאַנצער עולם.

דאָס איז געווען מיטאָגצייט. אויף דער גאַס האָט גערוישט, ווי אויף אַ שיף בעת אַ שרעקלעכן שטורעם; ביים ברויט־מאַגאַזין האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. די מיליציאָנערישע פייפעלעך און די קוויטשערייען פון די צונויפגעדריקטע פרויען האָבן אפילו אין שטוב געעקבערט די אוי־ערן און גערדריקט אויף דער נשמה. שלמה האָט זיך אויפגעהויבן און נישט קוקנדיק אויף דעם דושנעקייט אין צימער צוגעמאַכט דאָס פענצטער. ער האָט נישט באַוויזן צוצוגיין פונעם פענצטער צום טיש, ווי די שויבן האָבן אַ קלונג געטון פון אַ שאָס. ווי אַן עכאָ פון דעם שאָס האָט זיך דערהערט אַ ווילדער געשריי פון אַ צערייצטער מאַסע און אַ סווישטשע־ריי פון זיך פאַרכלינענדיקע פייפעלעך.

אויף דער גאַס זיך נאָכפרעגן אויף דעם געשעענעם האָט שלמה נישט געדאַרפט. די געשיכטע איז נאָך געווען פריש און האָט זיך מיט שטאָל און בלוט פאַרקריצט אין זיין זכרון.

שלמה האָט מיט די עלנבויגנס זיך געמאַכט אַ וועג אין סאַמע מיטן פון רעדל און איז געבליבן שטיין פאַר אַ יונגן אַרבעטער, וואָס איז גע־לעגן אַ דערשאָסענער. אין די מאָזאָליעדיקע פינגער האָט ער געהאַלטן פאַרקוועטשט אַ קילאָ ברויט און פונעם צעכראַסטעטן פּידזשאַקל האָט פון צווישן רימען און דעם איינגעפאַלענעם בויך אַרויסגעשטעקט נאָך אַן „אומגעזעצלעכע" פּאָרציע ברויט. אָט דאָס „אומגעזעצלעכע" שטיקל ברויט האָט אים טאַקע אומגעבראַכט פון דער וועלט.

עמעצער פון דער ריי האָט אָנגעוויזן אַ מיליציאָנער אויף אים: — „אָט דאָס בחורל גייט שוין דאָס צווייטע מאָל פון דער קלייט". דער מי־ליציאָנער האָט אים אַ רוף געטון צו זיך. דער אַרבעטער אָבער, פּילנדיק, אַז ער האָט די גנבה ביי זיך, האָט זיך געלאָזט לויפן צו די קעגנאיבער־דיקע הויפן. דער מיליציאָנער האָט אים נאָכגעשריגן, נאָכגעפייפט און זעענדיק ,אַז נאָך אַ מינוט און דאָס בחורל פאַרשווינדט פון אויג — האָט ער אויסגעשאָסן.

אויפן מיליציאָנערס ברוסט איז צווישן אַנדערע אויסצייכענונגען גע־ווען אויך אַ מעדאַל פון אַ וואָראָשילאָוו־שיסער. אַזעלכער זאָל נישט טרעפן אין ציל, וואָלט געווען אַ חרפה פאַר אַלע וואָראָשילאָוו־שיסערס,

פֿאַר דעם אָרדען צו וועלכן ער געהער. און ער האָט טאַקע דעם אָרדען נישט פֿאַרשעמט, געטראָפֿן אין ציל.

שלמה האָט נייגעריק באַטראַכט די שוואַרצע ווונד אין קאָפּ און דאָס קרומע, רויטע ריטשקעלע, וואָס האָט זיך געשלענגלט איבערן האַלדז, איבערן פֿאַרשמאָלצעוועטן העמדל, גלייך אינעם ברויט אריין אונטערן די־מען. די געל־געוואָרענע פֿינגער האָבן נאָך אַלץ עקשנותדיק זיך געקלאַ־מערט אין דער „לענגאַלער" קילאָ ברויט. דאָס געזיכט איז געווען כמעט אין גאַנצן פֿאַרשטעלט מיט דער דלאָניע פֿון דער פֿרייער האַנט, אָבער דאָך האָט מען געקענט באַמערקן אין די שטריכן פֿון דעם יונגן פּנים א תמימותדיק־פֿאַרחידושטע פֿראַגע מיט א פֿאַרדריסלעכן ווייטיק.

מיט א מאָל האָט א שרעקלעך, יאָמערלעך קול זיך אַריינגעריסן אין דער מאַסע און אומוואָרפֿנדיק מענטשן, האָט זיך עמעצער געשטופּט פֿאָ־רויס. א פֿרוי פֿון א יאָר פֿערציק אין אַן אונטערשט קליידל, דאָס פֿאַרטעך אויפֿן אַקסל און מיט א הילצערנעם לעפֿל אין דער האַנט, איז אויף א ווײַלע שטיין געבליבן, ווי זי זאָל נישט גלייבן אירע אויגן און מיט א מאָל האָט זי א ריטשע געטון, אַז די האָר פֿון די דערביי שטייענדיקע האָבן זיך אַזש אָנגעהויבן צו שטעכן אין קאָפּ:

— וואַ—סיאַ !...

פֿון דעם משוגענעם געשריי איז ביי יעדן איינעם דורכגעלאָפֿן א שוידער איבערן לייב. שלמה האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן, נישט דאָס גע־וויין פֿון די ווייבער, וואָס עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַרום דעם געהרגעטן און נישט צוקוקן ווי די אומגליקלעכע מוטער האָט אָנגעהויבן צעשפּי־ליען דעם זון. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דעם רעדל און איז באַלד פֿאַרשלונגען געוואָרן אין געשלעג, וואָס האָט זיך געטון ביים מאַגאַזין.

דער מיליציאָנער, דערזעענדיק וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטון, איז א דער־שראָקענער אַריינגעשפּרונגען אין ברויט־מאַגאַזין און האָט האַסטיק פֿאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך. די פּעסטונג האָט אים נאָר באַשיצט געציילטע מינוטן. ווי נאָר דאָס פּובליקום ביים מאַגאַזין האָט זיך גע־כאַפּט דערויף, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, זענען אין איין אויגנבליק אויס־געזעצט געוואָרן אַלע שויבן און מען האָט אָנגעהויבן קריכן דורך די פֿענצ־טער. דער מיליציאָנער האָט זיך פֿאַרבאַריקאַדירט מיט די טישן און געדראָט, אַז ער וועט שיסן, אויב עמעצער וועט זיך דערוועגן דערנעענטערן צו אים. נאָר דאָ האָט איינער פֿון די קונים, וועלכע זענען געבליבן פֿאַר־שפּאַרט אין קלייט, אויסגעדרייט אים דעם נאַגאַן פֿון דער האַנט און צענדליקער פֿאַר הענט האָבן אַריבערדערלאַנגט דורך דעם אויפֿגעבראָ־כענעם פֿענצטער דעם רוצח צום צערייצטן עולם.

ווען די צוויי אויטאָס מיט געפּוילסטן האָבן זיך אַריינגעשניטן אין קנויל מענטשן אַריין, איז שוין דער מיליציאָנער געלעגן אָן באַוווסט־זיין. דאָס בלוט פֿונעם צעקאַליעטשעטן פּנים האָט געיושעט אויף אַלע זייטן. זיינע חברים־מיליציאָנערן, וועלכע האָבן זיך גלייך פֿון אָנהייב

א וואָרף געטון אים ראַטעווען, זענען באַפאַלן געוואָרן פון דער הונגעריקער מאַסע און עס האָט זיך פאַרבונדן אַ געשלעג נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט.

דערהערט דעם נאָמען „געפּעאו", האָבן זיך די הויפּט־שלעגערס באַלד אָפּגעטראָגן. די געפּעאו־לייט האָבן זיך דאָס מאָל נאָך זיי נישט געיאָגט. אין זייער אימפּעט איז געווען צו דערקענען, אַז זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל וואָס שנעלער צו ליקווידירן דעם אינצידענט. דער באַוווסטלאָזער מיליציאָנער איז תיכף ומיד אָפּגעפירט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן אויטאָ נאָך גיכער הילף. די איבעריקע געליטענע האָט מען אָפּגעפירט אין סאָלאָמינקער ראַיאָן־מיליץ.

ווען דער אויטאָ וואָס האָט אָפּגעפירט דעם מיליציאָנער האָט זיך אומגעקערט און צוויי זעלנער האָבן אונטערגעהויבן דעם דערשאָסענעם אויף אַריינצולייגן אים אין קאַבינע, איז ביי אים פון צווישן די פיס אַרויסגעפאַלן דאָס פאַרבלוטיקטע ברויט. די מוטער, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסן לעבן איר אומגעקומענעם זון, מיט משוגענע אויגן אים געהאַלטן אין איין באַקוקן, מיט אירע מאָגערע, אָדערדיקע הענט — אין איין אַרומטאַפּן, מיט אירע געלע, שטעקלדיקע פינגער — אין איין קעמען זיינע האָר, אין איין ווישן אים דעם שטערן — האָט ביים דערנעענטערן זיך פון די זעלנער ווי אויפגעוואַכט פון אַ בייזן חלום און האָט פון דאָס ניי אויפגעהויבן אַ גוואַלד. צוויי דערביי שטייענדיקע אַרבעטער האָבן שטילערהייט געפירט צווישן זיך אַ געשפּרעך:

— מאַקסים, מילאַ געהרגעט, איז געהרגעט, מאַלע ווו „נאַש־בראַט" לייגט דעם קאָפּ... אָבער דערוויל איז אַ שאָד אויך די קילאָ ברויט...

— זיכער אַ שאָד, וואָס דען, ניין?

— ווען מען גיט זי מיר אָפּ, וואָלט איך נאָך פון איר אויסגעשניטן טרוקן־געבליבענע שטיקלעך.

— איי, כאַריטאָן, ביסטו אַ דוראַק... טרוקענע שטיקלעך... אַזאַ זאַך איז כדאי צו באַהאַלטן פאַר אַ זכר, אַז זעכצן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע האָט ביי זיך אין לאַנד געקענט פאַלן אַן אַרבעטער אין מיטן העלן טאָג פאַר אַ קילאָ ברויט... אָט וואָס! און דו זאָגסט גאָר: טרוקענע שטיקלעך...

כאַריטאָן האָט פאַרשטייענדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַ פּאַר־שעמטער אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון דעם פאַרבלוטיקטן שטיק ברויט.

א יונגערמאַן אין ציווילן געקליידעט האָט אַ צי געטון מאַקסימען ביים אַרבל:

— קום מיט מיר!

— ווער? איך?

— יאָ, דו!

— איך האָב דאָך געשפּאַסט... איך האָב גאָרנישט געמיינט... פאַרקערט —

— דו גייסט מיט גוטן אָרער —

אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער פּלאַץ געווען אָפּגערייניקט. ביים מאַגאַזין האָט זיך ווידער געטומלט. מען האָט ווייטער פאַרקויפט קאָמער־טשעסקע ברויט. מענטשן האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז עס קען געמאָלט זיין אַזאַ מופת: מען זאָל אַריינגיין אין מאַגאַזין מיט אַ דרייערל און אַרויסגיין מיט אַ קילאָ ברויט.

ביי שלמהן אין קאָפּ האָט אַרומגעבלאָנדזעט איין און איינציקער געדאַנק:

— וואַסיוק טאָר זיך נישט באַקלאָגן, ער האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן...

קאפיטל XII

טובים חללי חרב מחללי רעב...

אין דעם כלל איז זיך לייכט געווען איבערצייגן, פארגלייכנדיק רוס־לאנד אין די יאָרן פון דער מלחמה צו דעם זעלבן לאנד אין פופצן, זעכצן יאָר אַרום — אין די פּאָר יאָרן פונעם הונגער. אין די יאָרן פונעם אימ־פּעריאַליסטישן קריג, דערנאָך אין בירגער־קריג זענען די שטימונגען ביי דער באַפעלקערונג געווען פאַרשידענע. די משפחה, וואָס האָט פאַרלוירן אירן אַ מיטגליד האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געוויינט און געקלאָגט. די פאַמיליע אָבער, וואָס איז געבליבן גאַנץ, האָט געלעבט אַ גוטן טאָג און געלאַכט פון דער וועלט. און אפילו די יעניקע, וואָס האָבן יאָ געהאַט שווע־רע אבידות, זענען אויך ביסלעכווייז געטרייסט געוואָרן. די צייט האָט גע־טון אירס און די וואונדן האָבן זיך סוף כל סוף פאַרהיילט.

גזירה על המת שישכח מן הלב...

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען די לאַגע אין די יאָרן 1932—1933, ווען דער הונגער האָט מיט זיינע שוואַרצע פליגל געשוועבט איבערן לאַנד, אַרויסגעקוקט פון יעדנס אויגן, געלייגט זיין פינצטערן שטעמפּל אויף יעדנס פנים. דאָס גרויסע פאָלק פון דעם אומגעהייער־גרויסן סאָוויעטן־פאַרבאַנד איז געווען קאָנצענטרירט אויף איין און איינציקן גרויסן גע־דאַנק: ווו נעמט מען דאָס שטיקעלע קלעפּיקע גערשטנברויט? אין דעם דאָזיקן ווונטש האָט זיך אין יענע יאָרן אַריינגעלייגט די גאַנצע נשמה פונעם רוסישן פאָלק. מעגלעך, אַז אין זאַטע יאָרן וואָלט נאָך אפשר גע־קלעקט די נאָרמע ברויט, וועלכע פלעגט יעדן מענטשן צוגעטיילט ווערן, אָבער ביי אַ הונגעריקן זענען די אויגן גרויס, ס'איז אים קאַרג די וועלט. אין דעם „ברויט־פּאַיאָק", וואָס מען פלעגט באַקומען אויף טאַלאָנען, האָט די ברכה נישט שולט געווען. דאָס שוואַר־וואָגיקע רעפּטעלע ברויט, וואָס דער דורכשניטלעכער בירגער פלעגט באַקומען, פלעגט אויפגעגעסן ווערן מיט די אויגן און דאָס מויל פלעגט זיך קוויקן מיט זיין אייגענער סלינע.

חוץ דעם אַלעמען פלעגט סתם דער „פּאַיאָק" קרענקען אויף טשאַ־באַטקע. ביז מען פלעגט אים פאַרטראָגן פון דער קליט אין שטוב אַריין, פלעגט קוים בלייבן אַ העלפט. אין דעם דאָזיקן ירידה־פּראָצעס האָבן זיך באַטייליקט פיל הענט. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס דערפון, וואָס דאָס ברויט — ווי אַ נישט־געשריבענער געזעץ — פלעגט מען צעטיילן נאָר ביי נאַכט. יעדער איינער פון די דריי צדדים איז דערמיט אויסן געווען אַן אַנ־דער זאַך.

די מלוכה האָט דערינען געהאַט אַ טעם כמוס, אַז די הונדערט־קעפּי־קע רייען ביי די ברויט־מאַגאַזינען זאָלן נישט אַזוי שניידן די אויגן. וואָס ווייניקער טומל — איז גלייכער. דורך די נעכט אָפּגעטאַראַמט און אויף אינדערפרי: פּאַרקערט, פּאַרווישט, שאַ־שטיל, כאַטאַ פּאָקרישקאַ *.

---

* „די שטוב איז ווי אַ דעקל". געמיינט: אַלץ בלייבט בסוד.

די באַפּעלקערונג האָט אין דער ביינאַכטיקער חלוקה געהאַט אַ פּניה, אַז דאָס פאַרשפּינענע שטיקל ברויט זאָל נישט איינשלינגען דעם גאַנצן טאָג. ביי נאַכט איז גאָר עפּעס אַנדערש. ביי נאַכט זענען די בני־בית אין דער היים, מען בייט זיך. מען שטייט אָפּ צוויי שעה, נעמט עמעצער אַנ־דערש איבער די הענט און דער „אָפּגעשטאַנענער" לויפט צו אין שטוב אַריין כאַפּן אַ דרימל. און טאָמער איז אים ווייט אַהיימצוגיין, איז אויך נישט קיין גרויסער אומגליק, ציט ער זיך אויס לעבן דער קליט אויף דער ערד, צווישן נאָך פיל אַזעלכע מיוחסים ווי ער, שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט אַ קולאַק, כאַפּט אויף מיט די נאָזלעכער אַ ספק־ריח פון צעפּאַרעמטן ברויט און ווערט אַנטשלאָפן.

אָבער אַממערסטן איז אָט די פאַראָרדענונג געווען צו דער האַנט דער גרויסער אַרמיי ברויט־פאַרקויפערס. זיי האָבן פון אָט דער ביינאַכטיקער אַרבעט אָפּגעלעקט אַ פעטביינדל. קודם־כל האָט מען „געטיילט" דאָס ברויט, גלייך ווי נאָר עס איז אָנגעקומען פון דעם ברויט־זאַוואָד, הייסער־הייט. דאָס ברויט, אַז עס קילט זיך אויס, אַז עס גייט אַרויס פון דעם די פאַרע, פאַרלירט עס אַ היפּשן פּראָצענט פון דער וואָג. אמת, די דאָזיקע פּראָצענטן ווערן דעם קלייטניק אַראָפּגערעכנט ווי נאָרמאַלער „נחסר", אָבער דער קלייטניק, צעטיילנדיק דאָס ברויט הייסערהייט, פלעגט זיי גע־ווינען פאַר זיך. ווייטער זענען די פאַרקויפערינס שוין געווען גוט אויס־געלערנט, ווי אַזוי „אָפּצולאָזן" אַ קליענט. אויב עמעצער האָט גענומען דעם פּאַיאָק פאַר אַ גאַנצער משפחה, וואָס דאָס האָט צונויפגעשטעלט עט־לעכע קילאָגראַם מיט אַ מאָל און מען וואָלט אים געקענט אָפּוועגן עט־לעכע גאַנצע ברייטלעך, פלעגט מען אָבער אַזוי נישט טון מכמה טעמים. ראשית, ביי גאַנצע ברייטלעך איז לייכט צו קאָנטראָלירן די וואָג; והשנית, בלייבן נישט איבער אויף דער וואָגשאָל קיין ברעקלעך; דריטנס, אַז מען וועט געבן גאַנצע ברייטלעך, וועט דאָך גיין שנעל די אַרבעט — און דאָס טויג נישט! מען דאַרף, אַז די אַרבעט זאָל גיין לאַנגזאַם, כדי די ריי זאָל וואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט ווי אַ פּורים־קוילעטש, כדי דער עולם זאָל ווערן נערוועז, אָנהייבן שרייען, אונטעריאָגן — אָט דאַמאָלסט איז גוט צו מאַכן דעם אמתן שניידערישן חשבון. וואָס דער רעש איז גרעסער, אַלץ מער פאַרלירט זיך דער קונה און מען קען אַרויפּשטעלן — עם פאַרשטייט זיך, בטעות — מיט איין געוויכטל ווייניקער. אין פאַל פון אַ קאָנטראָל קען מען זאָגן, אַז איין שטיקל ברויט האָט דער קונה זיכער אַליין אויפגעגעסן, נאָר ער געדענקט נישט. ווידער, פאַר גרוים אימפּעט לאָזט שוין דער קונה איבער די ברעקלעך אויף דער וואָג. די דאָזיקע אומ־שולדיקע ברעקלעך גייען אויף די שאָלן מיט הקפות אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דאָס טונקעלע בייכעלע אויף דער מעשענער שאָל הייבט זיך נישט אָן צו וואַרפן אין די אויגן, דאַן ווערט די שאָל זאָרגעוודיק אויס־געשאָבן און... עס הייבט זיך אָן אַ סדרה מיט פון דאָס ניי פאַרגעסענע ברעקלעך. די צאָל פון די אָפּגעלייגטע ברייטלעך אונטערן טיש פאַרקיילעכ־

דיקט זיך פון אַט די „פּאַרגעסעניש ן" אַלץ מער און מער. דער קונה, ער מוז נעבעך אַזוי אויך אויסטון דאָס העמדל פון זיך, כדי האָבן וווהין אַריינצונעמען די שטיקלעך און פּיצלעך, וואָס מען האָט אים איינגעטיילט און ער איז נאָך גערן, אַז ער גייט אַרויס אַ לעבעדיקער פון דעם ברוין־דיקן ים מיט מענטשן.

ווען אַזאַ איינער רייסט זיך אַרויס אַ צעשויבערטער, אַ צעקראַצטער פון דעם דאָזיקן קלעם און פליט אַרויס אויף דער גאַס, באַפאַלט אים אַ מחנה בעטלערס ווי די היישעריקן. עס קריכן אויף אים אויסגעדאַרטע פרויען מיט צאַנקענדיקע קינדער אויף די הענט; גרייז־גראָע סקעלעטישע זקנים; אַלע וויינען זיי, אַלע פּילדערן: „באַטש אַ שטיקעלע", „באַטש אַ ברעקעלע"... דער אַרבעטער, וועלכער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיינע בני־בית אין דער היים זענען נישט ווייניקער הונגעריק פון אַט די בעטלערס, וואָלט, פאַרשטייט זיך, קיין גאַנץ ברייטל נישט אָנגעהויבן ספּעציעל כדי טיילן נדבות, אָבער אַזוי ווי ער האָט במילא אַ „פול העמדל" מיט „המור־ציאס", דערבאַרעמט ער זיך אויף אַ שטאָק־אַלטער באַבושקע און שטרעקט איר אויס אַ ביסן ברויט. און קוים מאַכט ער אַט דעם דאָזיקן אומפּאַר־זיכטיקן שריט, דאַן איז ער אַ פאַרפאַלענער. מען באַפאַלט אים פון אַלע זייטן ווי די אויסגעהונגערטע וועלף: — „מיט וואָס בין איך ביי דיר ערגער פון יענער אַלטער סטערווע"? — „קוק, קוק ווי מיין קינד איז איינגעטרוקנט! דו ביסט אַ מענטש, צי אַ חיה"? אַפּט מאָל דערגייט עס ביז צו געשלעגן און די מיליץ צעטרייבט די בעטלערס. אויף צו מאָרגנס איז שוין דער „קונה" פאַרביטערט פון דער נעכטיקער סצענע און גיט שוין קיינעם אפילו קיין ברעקל נישט.

פיל געפערלעכער פון אַט די אַלע שלאַבעריקע בעטלערס און בעטלערינס זענען געווען די טרויעריק־באַרימטע „בעזפּריזאָרניקעס"*. די דאָזיקע קליינע רוצחים האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מאַכט און האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף אַלע ברויט־אָפּנעמערס, יונגע און אַלטע, אָן אונטערשייד. פאַר די מיליציאָנערן אין די אויגן, אַז אַזעלכער פלעגט צוגיין צו אַ נאָר וואָס אַרויסגייענדיקן פונעם מאַגאַזין און אים באַפעלן: „גיב מיר אַ שטיקל ברויט!" האָט אים יענער ליבערשט געגעבן צוויי, אַבי בשלום פּטור צו ווערן פון אים און נישט איינרייסן מיט אַט דער חברה קאָפּשניידערס. ער האָט געוווסט, אַז טאָמער גיט ער נישט מיטן אייגענעם ווילן, וועט מען ביי אים אויפן וועג אויסרייסן דאָס גאַנצע ברויט און — נאָך גוט אָנברעכן די ביינער אויך. אויב עמעצער פלעגט זיך ווענדן צו אַ מיליציאָנער נאָך שוץ קעגן זיי, פלעגט יענער אויפריכטיק ענטפערן:

— וואָס קען איך אייך העלפן? איך בין איינער און זיי זענען אַ סך. פאָלגט מיך, קומט מיט זיי דורך ווי עס איז... מיט אַט די לייט איז גלייכער מיט גוטן איידער מיט בייזן...

* היימלאָזע.

איבערגעקומען די פאַרשידענע שלעק, די נעבעכדיקע און די חוצפּה־דיקע, קומט דער „קונה" פאַר טאָג צו אַהיים, שיט אויס אויפן טיש די שווער דעראָבערטע טאָג־שפּייז, די באַלעבאָסטע צעטיילט זאָרגעוודיק די שטיקלעך אויף עטלעכע מאָלצייטן, פאַרשליסט יעדע סעודה אין אַ באַזונדער שאַפּקעלע, כדי מען זאָל זיך חס ושלום נישט צוכאַפּן צו קיין איבעריק שטיקעלע, און מען זעצט זיך אויס אַרום טיש פרישטיקן. די אַרבעטנדיקע פון דער משפּחה עסן אָפּ זייער גערשטעטנעם, מיט שטרוי געמישטן „כזית", פאַרבייסן מיט אַ גלאָז הייס וואַסער מיט גאָרנישט, באַהאַלטן אין בוזעם־קעשענע נאָך אַזאַ „כזית", אין סטאָלאָווע אַריין צום מיטאָג און גייען אַוועק צו דער אַרבייט.

*

דער דירעקטאָר פונעם ברויט־מאַגאַזין מיט זיין קאָלעקטיוו פאַרקויפערס, זענען זייער טיכטיקע אַרבעטער און קענען שוין זייער פאַרברעכערישע מאַטעמאַטיק אויסגעצייכנט. ביי דעם קאָלאָסאַלן גנבה־סיסטעם, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין די ברויט־מאַגאַזינען, מוז מען גלייכצייטיק גוט האַלטן קאָפּ. מען מוז זיין זייער פאָרזיכטיק און אָפּהיטן דעם גלייכגעוויכט צווישן די פאַקטורעס, דעם מזומענעם ברויט און דער קאַסע — ביזן לעצטן גראַם. עס טרעפט זייער אָפט, אַז אַ בריגאַדע פונעם מלוכה־קאָנטראָל פליט אָן אין מיטן דער נאַכט, פאַרשליסט דעם מאַגאַזין, וועגט שטרענג איבער דאָס מזומנע ברויט, ציילט איבער די טאַלאָנען ביז איינעם און ווי איז צו דעם מאַגאַזין־פאַרוואַלטער, ביי וועמען די פאַקטישע ציפערן שטימען נישט מיט די דאָקומענטאַלע. אין דער איצטיקער גורלדיקער תקופה איז ברויט — דינאַמיט! טאָמער פעלט ברויט צו דער וואָג — הייסט מען אַ פאַרשווענדער, איז געפונען געוואָרן מותרות — הייסט מען אַ גנב, מען באַגנבעט דעם אַרבעטער אין זיין ביסן ברויט. אַזוי צי אַזוי, האָט דער באַשולדיקטער גרויסע שאַנסן אויף צו באַקומען דורך אַ מוסטער־געריכט טויט־שטראָף. דעריבער מוז דער מאַגאַזין־פערסאָנאַל האַלטן קאָפּ, אַקוראַט ווי אַן אַקראָבאַט, בשעת ער גייט אויפן שטריק. ס'איז איצט נישט אַמאָליקע יאָרן, וואָס אויב מען האָט געפּאַקט אין מאַגאַזין אַן אומפּינקטלעכקייט, איז דער גאַנצער חטא געפאַלן בלויז אויפן פאַרוואַלטער און די איבעריקע אָנגעשטעלטע האָבן בשלום געאַרבעט ווייטער, אַזוי ווי פריער, ניין! היינט אַז עס פאַלט אַראָפּ דער קאָפּ, באַגראָבט מען שוין פאַר איין וועגס דעם גאַנצן קערפּער. אמת, דער פּחד איז זייער גרויס, אָבער... אין שפּיץ פון די ברויט־מאַגאַזינען שטעלט דער טרעסט נישט אַוועק קיין נאַראָנים. אין די פעאיקייטן פון די דאָזיקע פאַרוואַלטערס זענען פאַראינטערעסירט די „הויכע פענצטער" נישט ווייניקער פון די פאַרוואַלטערס אַליין, ווייל זייער גאַנצע חיונה ציט זיך פון דעם „קענען אָפּוועגן" און פון דעם אונטערהאַנדלען בלחש מיט גנבהשע טאַלאָנען. יענער מאַגאַזין־פאַרוואַלטער, וואָס טראָגט עטלעכע מאָל נישט אַריין פּינקט־

לעך זיין קאָנטריבוציע פאַר דער העכערער נאַטשאַלסטווע, ווערט באַזייטיקט פון זיין שטעלע אָן אַ פּראָוואָס און אָן אַ פּראָווען. עס קומט אָן אַ באַפעל פון „פונאויבן”: גלייך איבערגעבן דעם מאַגאַזין דעם און דעם חבר, חוק ולא יעבור און רעד צום לאָמפּ! טאַקע מהאי־טעמא זענען די פאַרוואַלטערס אויסגעשאַרפט ביז גאָר, טאָג און נאַכט זענען זיי וואַכזאַם, אַז זיי זאָלן זיך אַליין נישט „פאַרשיטן” און די נאַטשאַלסטווע נישט פאַרשיטן.

— ווי אַזוי זשע רעגולירט דער זאַוומאַג דעם גנבה־מעכאַניזם, אַז ער זאָל קיין מאָל נישט פאַרלירן זיין גלייכגעוויכט?

— דאָס ווערט געטון אויף אַזאַ אופן: יעדער מאַגאַזין האָט שוין זיינע אָפּנעמערס אויף „לינקער” קראַם. דאָס רוב זענען דאָס קרובים און קרובהטעס פון דעם פּערסאָנאַל אַרבעטער. דער „זייגער” פון אָט דעם „אָפּנעמעריי” איז שוין אַזוי אוועקגעשטעלט געוואָרן, אַז אַלע שעה גייט אונטער די גוזעצלעכע ריי פון עטלעכע אָפּנעמערס. די דאָזיקע געהיימע אַגענטן פון דעם פאַרוואַלטער דערלאַנגען דעם פאַרקויפער גלייך מיט יעדן אַ פּעקל ברויט־קאַרטן. דער פאַרקויפער שפּאַצירט אַרום מיטן שערל איבער די קאַרטן אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער פאַרוואַלטער רעכנט אויס, וויפל מותרות עס האָט זיך שוין אָנגעקליבן פאַר דער שעה: פון וואַרעמקייט; פון דער וואָג; פון די ברעקלעך; פון „פאַרלירן” אַ טאַלאָן צווישן די פינגער. ווי נאָר דער פאַרוואַלטער גיט אַ ווינק דעם פאַרקויפער, וויפל מען קען איצט אַרויסגעבן, גלייך קערט דער פאַרקויפער אום די קאַרטן צו דעם „קונה” — גאַנצערהייט, די אָפּנעמערס באַקומען צו עטלעכע גאַנצע ברייטלעך — ווייל אַ גאַנץ ברייטל, האָט אויפן מאַרק גאָר אַן אַנדער פּרייז — און זיי גייען ערגעץ אָפּלייגן די סחורה, ווייל אויך אין אַן אַנדער מאַגאַזין דערנעענטערט זיך זייער ריי. אָט אַזוי ווערן באַדינט עטלעכע מאַגאַזינען אין משך פון איין נאַכט פון איינע און די זעלבע מענטשן.

אַוועקגייענדיק פון די מאַגאַזינען מיט די אָפּגעציטערטע שטיקלעך ברויט, פלעגן ווייבער קרעכצן:

— אוי, גאָטעניו, אַ פּרנסה אָט דאָס ברויט פאַרקויפן... אויף אַלע אונדזערע ליבע געזאָגט געוואָרן!... עס וואָלט זיך געמעגט נישט שעמען דער גרעסטער נאַרקאָם אַוועקוואַרפן זיינע געשעפטן דאָרטן און זיך אַוועקשטעלן הינטערן טיש „אָפּלאָזן” ברויט... וואָלט ער זיכער בעסער געמאַכט...

*

צו יעדן ברויט־מאַגאַזין ווערן פונעם שטאָטראַט צוגעפּעסטיקט דריי, פיר מיליציאָנערן אויף צו האַלטן אָרדענונג; אַכטונג געבן אויף דער ריי; נישט דערלאָזן צו קיין סקאַנדאַלן; אַכטונג געבן, צי מען נעמט נישט קיין ברויט אויף געקויפטע קאַרטן; און... אויב עס פאַלט אַ מינדסטער

חשד אויף דער אַדמיניסטראַציע פֿונעם מאַגאַזין, אַז זיי מאַכן מיט עמעצן אַ קאָמבינאַציע — פֿאַרשליסן דעם מאַגאַזין אין מיטן דער אַרבעט און דרינגענדיק אַרויסרופֿן אַ רעוויזיאָנע קאָמיסיע פֿון די געהעריקע אָרגאַנען. די מיליציאָנערן אָבער, כאָטש זיי האָבן שוין גוט געקענט אַלע „לינקע" אָפּנעמערס, אַפֿילו ביי די נעמען, פֿון דעסט וועגן האָבן זיי קיין מאָל נישט געטון אַזאַ נאַרישקייט ווי שטערן דעם מאַגאַזין־פֿאַרוואַלטער אין זיינע אָפּעראַציעס. אויך דער מיליציאָנער האָט געדאַרפֿט האָבן פֿון וואָס צו לעבן, אין דער היים האָט ער אויך געהאַט אַ ווייב און קינדער, און דערפֿאַר, אַלס לאַ־יחרץ געלט, ווען יעדער מיליציאָנער פֿלעגט אין דער פֿרי, נאָכן „יאַריד", אַריינגיין אין דער מאַגאַזין־קאָנטאָרקע, נעמען ביים פֿאַרוואַלטער אַ באַשטעטיקונג, אַז ער האָט די גאַנצע נאַכט דיזשורעט ביים מאַגאַזין, פֿלעגט ער פֿון דאָרטן אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער הינטערטיר און אונטערן מונדיר אַהיימטראָגן זיין קליינינקן רח"ש — אַ ברייטל. נישט זעלטן פֿלעגט אַזעלכן אויסקומען, צוריקגייענדיק פֿונעם מאַגאַזין, אָנקלינגען וווהין מען דאַרף, אַז מען זאָל צושיקן די טויטן־קאַרעטע צו יענעם אין יענעם ברויט־מאַגאַזין, ווייל עטלעכע אַלטיטשקע און עטלעכע קינדער האָבן דאָרטן אויסגעצויגן די פֿיס און ליגן דאָרט איבערגעדעקט מיט אַ ראָגאָזשע. אָבער אַפֿילו אַזאַ שמועס אויפֿן ניכטערן האַרצן איז נישט בכח געווען צו פֿאַרשטערן אים די שמחה מיטן ברייטל. מאָגן־פֿרייד — איבער אַלע פֿרייד!

אָבער אָט דאָס גאַנצע „געבעניש" איז געווען בלויז אַ גרויס־שטעטישע פּריווילעגיע. די פּויערן און בכלל די דאָרפֿס־איינוווינער האָבן דעם זכות נישט געהאַט. יענער גרעסערער טייל פֿון דער רוסישער באַפֿעלקערונג איז געווען פֿאַראורטיילט אויף אומקום, אויסגעשלאָסן פֿון אַוועלכער עס איז נישט איז שטיצע, הפקר כעפרא דאַרעה... זיי האָט געדאַרפֿט פֿאַרזאָרגן דאָס פֿעלד, דער גאָרטן. און אויב די גערעטעניש איז געווען אַ שוואַכע און נאָכן אָפּגעבן די מלוכה־שטייערן מיט תבואה איז פֿאַר זיך שוין גאָרנישט איבערגעבליבן, פֿאַר אַזעלכע טענות זענען קיין אויערן נישט געווען און דער פּויער מיט זיין געזינדל זענען געהאָרכזאַם געגאַנגען אין קבר אַריין. די וועגן זענען געווען פֿאַרפֿלייצט מיט וואַנדערנדיקע לעבעדיקע מתים. אויף צו בעטן עפּעס האָבן זיי שוין קיין כח נישט געהאַט, זיי האָבן נאָר געקוקט אין די אויגן... אָבער ווער עס האָט זיך נאָר איין מאָל באַגעגנט מיט אָט די אויגן, האָט שוין עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן. אויף די וועגן פֿלעגן פּאַטרולירן זעלנער, זייער פֿליכט איז געווען: נישט אַריינצולאָזן אָט די בעטלערס אין שטאָט אַריין, כדי נישט אַרויסרופֿן ביי די איינוווינערס קיין פּאַניק. אַממערסטן טייל אָבער, ווען אויפֿן וועג פֿלעגט זיך באַווייזן אַ מחנה גייענדיקע סקעלעטן, פֿלעגן די סאָלדאַטן — ווי זיי וואָלטן זיך צונויפֿגערעדט — זיך אָפּקערן פֿון זיי. בכיוון זיי נישט וועלן באַמערקן.

קיעוו מיט אַלע פֿאָרשטעט און סלאָבאָדקעס זענען געווען פֿאַרפֿלייצט

מיט אַט דעם מענטשן־הײשעריק. אַלע עפּנטלעכע פאַרזאַמלונגס־הײזער, אַלע אַמבולאַטאָריעס, אַלע מיליץ־ראַיאָנען זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צײַטווײַליקע קינדערהײמען. הונגעריקע, אויסגעשעפּטע מוטערס האָבן מאַסנווײַז אונטערגעוואָרפן זײערע קינדער. וויפל די מיליץ האָט זיך נישט באַמיט אויסצושפּירן אַט די „אכזריותדיקע" מוטערס, האָט איר גאָרנישט געהאָלפן, די צאָל אויסגעדברטע, צוגעוואָרפענע קינדער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ווען אין שכנות מיט די מיליץ־ראַיאָנען איז דאָס פּטור־ווערן פון דעם גוססדיקן קלײנוואַרג געוואָרן אוממעגלעך, דאַן האָט מען אַט די אומגליקלעכע נפשותלעך אָנגעהויבן צו „פאַרגעסן" אין די קלײטן, אין די פּאָסטן, אויף די וואָקזאַלן. אָן אַ שיעור מיליציײאישע אויטאָס פלעגן אַרומפאָרן איבער דער שטאָט צונויפצונעמען אַט דאָס צאַנקענדיקע פלײשוואַרג. טאָמער האָט זיך אַזאַ הפקר־קינד פאַרקליבן ערגעץ אונטער אַ גאַניק, האָט מען עס פון דאָרט נישט געקענט אַרויסשלעפּן נישט מיט קײנע קאָטשערעס, נישט מיט קײנע שטריק. דאָס עלנטע, איבערגעשראָקע־נע קינד האָט זיך מיט זײַנע לעצטע כוחות צוגעהאַלטן בײַ וואָס עס איז און נישט געלאָזט זיך פאַנגען. אײן און אײנציק מיטל האָט אין אַזאַ פאַל נאָך געקענט ווירקן — ווײַזן אַט דעם האַלב־טויטן קינד אַ שטיקעלע ברויט...

*

מיטן אָנקומען פון דער װעסנע האָט די ראַטנמאַכט מאָביליזירט אַלע בעסטע כוחות פונעם לאַנד, אויף צו ליקווידירן דעם הונגער. כאָטש עס זענען אויך ביז אַהער געווען פאַלן, ווען די מלוכה האָט פאַרפלײצט דאָס דאָרף מיט שטאָטישע אַרויסהעלפערס, דאָס איז געווען אי בשעת דער ראַסקולאַטשעוואַניע, אי בשעת דעם דורכפירן די קאָלעקטיוויזאַציע, אָבער קעגן דעם מאַסשטאַב, וואָס די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט אין דעם פאַל אָנ־גענומען, האָבן יענע קאַמפּאַניעס אויסגעזען ווי אַ קינדערשפּיל. די מלוכה און די פּאַרטײ האָבן אַרויסגעלאָזט לאָזונגען:

Молодеж — на село!

Молодеж — добывай стране хлеба!

Выгнать недостаток и обеспечить страну!*

און ווי נאָך קײן מאָל נישט ביז אַהער האָט זיך דאָס גאַנצע לאַנד אָפּגערופן אויף דעם רוף פון זײַנע פירערס. ממש יעדער דריטער אַרבע־טער און אַרבעטאָרין זענען אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויפן דאָרף. אַנ־דערש האָט עס נישט געקענט זײַן, ווײַל דאָס רוסישע דאָרף און באַזונ־

---

* יוגנט — אויפן דאָרף!
יוגנט — קריג אַרויס ברויט פאַרן לאַנד!
אַרויסיאָגן דעם מאַנגל און פאַרזאָרגן דאָס לאַנד!

דערם דאָס אוקראַיִנישע איז געווען מאַט, אויסגעשעפּט. האַלבע דערפֿער און גאַנצע כוטאָרעס זענען געשטאַנען פּאַרוואָרלאָזטע, פּוסטע, די בעלי־בתים זענען אָדער אויסגעשטאָרבן אָדער זיי האָבן ערגעץ אויסגעוואַנדערט. אָט טאַקע אין די דאָזיקע פּוסטקעס האָט מען באַזעצט די „שטאַטישע", אוועקגעשטעלט אַ היפּשע וואַך מיט געווער אויף צו היטן זייערע חפצים פֿאַר די דאָרפֿישע איינוווינער, און די אינדוסטריעלע שלאָגלער צוזאַמען מיט די איבערגעבליבענע פּויערן — וועלכע זענען אָן אויסנאַם ארויסגעטריבן געוואָרן אין פֿעלד אַריין — האָבן זיך גענומען אַרויסצובאַקומען ביי דער מאַמע ערד אַ פֿאַרגיטיקנדיקע גערעטעניש.

די בנס לעבנגעבליבענע קינדער, וועמענס מוטערס פֿלעגן פֿון קאַיאָר ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט זיך געפֿינען אויפֿן פֿעלד, זענען צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן אין — אויף גיך איינגעאָרדנטע — קינדערהיימען. די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָט מען בפֿירוש באַשטאַטן מיט אַלע היגיענישע באַדערפֿענישן, אַריינגעשיקט אַהין דערפֿאַרענע דערציערינס, מען האָט פֿון די קינדער אַראָפּגעשאַרט די קופּעס איינגעזעסענע הונגער־לייז, זיי אַרומגעוואַשן, איבערגעטון, זאָרגעוודיק זיי איינגעגעבן די נויטיקע מעדי־צין, בקיצור: געמאַכט אַלץ ווי גאָט האָט געבאָטן, אָבער... נישט דאָס איז געווען דער עיקר. די אוממענטשלעכע דערנערונג האָט זייערע יונגע מאָגנדלעך געשניטן אַזוי ווי מיט מעסערס און זיי זענען מאַסנווייז גע־פֿאַלן ווי די פֿליגן. אויב ווינטער האָט מען זיי פֿאַרשטאָפּט די מיילער מיט מאַקוכע*, האָט מען זיי אַצינד געהאָדעוועט מיט קאַשעס פֿון נישט־פֿאַרטיקן קאָרן געמישט מיט טוכלע קלייען. די אויסגעהונגערטע קינדער־לעך האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דעם רויען גרינוואַרג און שאַ־שטיל אויס־געצווינגן די פּיסעלעך און צוגעמאַכט די אייגעלעך. אין די דופּטיקע פּרי־לינגס־נעכט פֿלעגט מען זיי פּעקלעכווייז אַרויספֿירן פֿון די קינדערהיימען, זיי ברענגען צו קבורה אויף ניי־אָפּגענומענע צווינטערס, און צו דער זעל־בער צייט האָבן די מוטערס זייערע פֿייכט געמאַכט די ערד מיט זייער בלו־טיקן שווייס און געמאַנט ביי איר אַ בעסער לעבן.

שווער האָט געקרעכצט דאָס רוסישע פֿאָלק אין דעם ווינטער 1932 און אין דעם זומער 1933 סאַמע ביז צו דער נייער תבואה... די ערד האָט זיך ביז עקל אָנגעזויפּט מיט מענטשנפֿלייש. פֿון יעדן פּריש־אויפֿגעקומע־נעם גרעזעלע האָבן אַראָפּגעקוקט אויסגעלאָשענע אייגעלעך, פֿון יעדער יונג זאַנגעלע — פֿינגערלעך פֿון אַ זויג־קינד. דאָס פֿאָלק האָט געקרעכצט און איז געפֿאַלן... געפֿאַלן און נישט אַלע מאָל — זיך אויפֿגעהויבן...

* אַ גערדיכטע מאַסע פֿון פֿאַרשידענע אויסגעפּרעסטע קערנער.

קאפּיטל XIII

פאַר דעם האַלבן יאָר, וואָס שלמה איז געזעסן, האָט מען אין לאַנד דורכגעפירט אַ פּאַספּאָרטיזאַציע. אַ מיליטער־בילעט איז שוין נישט גע־ווען גענוג, מען האָט געדאַרפט אויך האָבן אַ פּאַספּאָרט. ערשט דאַמאָלסט האָט מען געהייסן אַ הונדערט־פּראָצענטיקער סאָוויעטישער בירגער. שלמה איז געגאַנגען אויף דער מיליץ נאָך אַ פּאַספּאָרט, מען האָט אים אויסגע־שריבן אַ פּאַספּאָרט אויף פינף יאָר און מען האָט אים געהייסן ברענגען אַ פאָטאָגראַפיע אויף אַריינצוקלעפּן אין אים. און דאָ האָט זיך געטראָפן אַ מאָדנער אינצידענט. שלמה האָט אָפּגעקאָפּירט זיין פאָטאָגראַפיע פון פאַרן אַרעסט און זי געבראַכט אויף דער מיליץ. דער פּאַספּאָרטיסט האָט אַ קוק געטון אויף דער פאָטאָגראַפיע און אויף שלמהן און האָט זי אים אומגעקערט:

— דאָס איז נישט דער זעלבער מענטש — איך קען זי ביי אייך נישט נעמען...

— חבר פּאַספּאָרטיסט, אַנטשולדיקט, פאַר וואָס איז זי נישט מיי־נע? קוקט זיך נאָר גוט איין...

— איינקוקן זיך גייט נישט אַריין אין מיינע פונקציעס. איך בין נישט קיין עקספּערט. גייט און מאַכט זיך נייע פאָטאָגראַפיעס, נישט קיין אַלט־געבאַקענע, ערשט דאַן וועט איר באַקומען אייער פּאַספּאָרט.

— חבר, אַנטשולדיקט מיר, אָבער איר ווייסט פאַר וואָס איך וויל אַריינקלעפּן דווקא אַן אַלט־געבאַקענע פאָטאָגראַפיע?

— . עס אינטערעסירט מיך נישט.

— אָבער איר מעגט דאָך אויסהערן, קיין ביוראָקראַט זענט איר דאָך נישט מחויב צו זיין. איך בין ערשט נישט לאַנג באַפרייט געוואָרן פון טורמע. בטעות אָפּגעזעסן זעקס חדשים. אָט האָט איר אַ דאָקומענט דע־רויף. איצט, אַז איך גיי זיך איינשאַפן אַ פּאַספּאָרט אויף פינף יאָר, — דאָס איז דאָך אַ גרויסער שטיק פונעם לעבן, — וויל איך נישט אַריינקלעפּן אין אים קיין קאַטאָרזשנע צורה, אָן האָר, מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט בלאָע רייפלעך אַרום די אויגן. ווער קען מיר אַזאַ זאַך פאַרווערן?

— איך! איך קען דאָס אייך פאַרווערן. איר קענט אויף מיר איינ־געבן אין געריכט.

שלמה האָט נישט ענטפערנדיק אים קיין וואָרט צוגענומען די פאָטאָ־גראַפיעס און איז אַוועק צום נאַטשאַלניק פון דער מיליץ־אָפּטיילונג. ווען זיין ריי איז אונטערגעקומען און ער איז אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט, איז שוין יענער געשטאַנען אָנגעטון אויף אַוועקצוגיין. ער האָט אַ וואָרף גע־טון אויף שלמהן אַ גלייכגילטיקן בליק:

— וואָס וועט איר זאָגן?

— איך האָב אַ קליינע, נאָר אַ פּיקאַנטע פראַגע צו אייך.

— רעדט גיכער, ווייל מען רופט מיך אַרויס אין דער געגנט־אָפּטיילונג.
— איך וועל זיין זייער קורץ. אין אָקטאָבער פון פאַריקן יאָר האָט מען מיך אַרעסטירט און ערשט אין זעקס חדשים אַרום האָבן זיך די אויס־פאָרשונגס־אָרגאַנען איבערצייגט אין דעם, אַז מען האָט מיך אומזיסט פאַרשפּאַרט און אומזיסט אַרויסגעריסן זעקס חדשים פון מיין לעבן.
— מאַכט עס בקיצור, ווייל איך אייל זיך...
— אָט שוין... אַלזאָ, איצט דאַרף איך דאָ נעמען אַ פּאַספּאָרט אויף פינף יאָר און איך האָב געבראַכט פאָטאָגראַפיעס פון פאַרן אַרעסט, אויף וועלכע איך זע אויס מיט לייטן גלייך. דאָ ביי אייך, מאַכט מען מיר שווע־ריקייטן איבער דעם נישט ענלעכקייט. איך האַלט, אַז דאָס איז נישט ריכ־טיק, ווייל ווער קען מיך צווינגען גאַנצע פינף יאָר אַרומטראָגן מיט זיך אַן אָנדענק פון מיין אומגליק? אַ נאָכווייעניש פון מיין אומזיסטן אומ־גליק? און נאָך אַ זאַך: איך וועל דאָך אין אַ שטיקל צייט אַרום ווידער ווערן ענלעך צו מיין פריערדיקער פאָטאָגראַפיע, היינט פאַר וואָס זאָל מיר דער פּאַספּאָרטיסט נישט קענען טון אָט די נישטיקע געפעליקייט?
— ווייזט אַהער אייערע פאָטאָגראַפיעס.
דער נאַטשאַלניק האָט גענומען די פאָטאָגראַפיעס, אַ ווײַלע געפירט מיט די אויגן פון זיי אויף שלמהן און פון שלמהן אויף זיי און ענדלעך געזאָגט:
— קומט מיט מיר!
ער איז מיט שלמהן אַריינגעגאַנגען צום פּאַספּאָרטיסט און אים קורץ באַפוילן:
— מאַכט אים דעם פּאַספּאָרט, מיט די פאָטאָגראַפיעס, וואָס איך גיב אייך.
— חבר נאַטשאַלניק... באַמערקט איין זאַך...
— צי איך באַמערק, צי ניין, דאָס איז מיין זאַך און איר טוט, וואָס מען באַפעלט אייך...
דער נאַטשאַלניק איז אַוועקגעגאַנגען. דער פּאַספּאָרטיסט האָט גע־וואָרפן אַ פיינטלעכן בליק אויף דעם געוועזענעם אַרעסטאַנט און זיך גע־נומען פאַרטיק מאַכן דעם פּאַספּאָרט.

*

דער „טאָרגסין" האָט נאָך עקזיסטירט, נאָר דער צוטריט צו אים איז שוין געווען נישט אַזוי לייכט. יעדע מינדסטע אָפּעראַציע פלעגט זיך אָנהייבן פון פיל פאָרמעלע שוועריקייטן. דער פאַרוואַלטער האָט שלמהן נישט פאַרגעסן זיין פאַראַיאָריקן גמילת־חסד און האָט אים צוגעזאָגט עטלעכע גוטע געשעפטן. שלמהן האָט ווידער אַ שיין געטון די אַמאָליקע הצלחה, ער האָט פון דער ברייטער האַנט באַלוינט די בעלי־בתים פון „טאָרגסין" און ביידע צדדים זענען געווען צופרידן.
איין מאָל האָט שלמה עפּעס נייטיק געדאַרפט האָבן צום פאַרוואַלטער

פון „טאַרגסין" און איז אַוועק צו אים אַהיים. שוין אַריינקומענדיק אין זאַל, האָט ער באַמערקט זיצן צעלייגט אין אַ שטול, מעשה בעל־הבית, אַ פּאָלקאָווניק פון דער מיליץ. שלמה האָט זיך גלייך פון דער שוועל אַ כאַפּ געטון אויף צוריק, נאָר דער פאַרוואַלטער האָט אים מיט אַ שמייכל צו־גערופן און אַ קלאַפּ־טוענדיק אים אין פּלייצע געזאָגט:

— שרעק דיך נישט, סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש. פאַר אַזאַ מענטשן, וואָס דו טרעפסט ביי מיין טיש, דאַרפסטו שוין קיין מאָל נישט איבערטראַכטן. זייט באַקאַנט: דאָס איז מיין שוואָגער, דער נאַטשאַלניק פון קיעווער שטאָט־מיליץ.

און ווענדנדיק זיך צום פּאָלקאָווניק, זאָגט ער:

— דאָס איז שלמה פּיאַטיגאָרסקי. כ'האָב דיר אַמאָל דערציילט וועגן אים: אַ בראַווער יונגערמאַן און אַ וואָרטסמאַן.

שלמה מיטן נאַטשאַלניק האָבן זיך פריינטלעך געדריקט די הענט. דער פאַרוואַלטער פון „טאָרגסין" האָט פאַרגעזעצט:

— הערסט, סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש, אָט דעם יונגנמאַן רעקאָמענ־דיר איך דיר ווי אַ העכסט פיינעם מענטשן. איך זאָג דאָס פאַר אים אין די אויגן. טאָמער דאַרף ער אַ מאָל עפּעס פון דיר, זאָלסטו דאָס טון פּונקט ווי פאַר מיר אַליין, פאַרשטאַנען? און ער ווייסט שוין, ווו איין און ווו אויס... און דו, שלמה, זאָלסט גאָר לאַנג נישט קלערן. טאָמער עפּעס וואָס, ביי דיר, צי ביי עמעצן פון דיינע קרובים — גלייך צו דעם פּאָלקאָווניק לעוויטין! אים טרעפט מען אין דער אָנפירונג פון דער שטאָט־מיליץ, פינפטע פאַראַדנע, צווייטער שטאָק, זיבעטער קאַבינעט. און גלייך אָן הקדמות: סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש! אָט דאָס און דאָס דאַרף איך, אין דעם און אין דעם קענט איר מיר נוצלעך זיין און וואָס נאָר מעגלעך, וועט פאַר דיר געטון ווערן, נישט אַזוי, סיאָמאַ?

דער נאַטשאַלניק שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און שלמה דריקט אים ווידער די האַנט פאַר דעם צוטרוי.

אָפּגעגעבן דעם פאַרוואַלטער די סומע געלט, וואָס ער איז אים שול־דיק געווען, האָט שלמה זיך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען. אויפן וועג האָט ער געטראַכט, אַז בעסער איז, פאַרשטייט זיך, מען זאָל נישט דאַרפן, נאָר אַזאַ באַקאַנטשאַפט קען אַ מאָל שטאַרק־שטאַרק צו נוץ קומען.

ענדע מאַי, נאָך אַ הפסק פון אַ קאָרגן יאָר, האָט שלמה אַריינגעטראָגן צו זעליק פייגנבוים די ערשטע צען טויזנט רובל אויף דער תלמוד־תורה. אַזאַ גוואַלדיקע סומע האָט אודאי אַלעמען דערפרייט, די קאַסע האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן דעפיציט, אָבער די חברה האָט אַלץ איינס געקוקט אויף אים בייז. זיי האָבן געטראָגן אויף אים אַ טיפן פאַרדרוס. הייַנטיקס יאָר, פּונקט ווי פאַראַיאָרן האָט מען אים נישט געזען פאַר די אויגן, חוץ שבת ביי טאָג אויף עטלעכע שעה. זיינע וואָכעדיקע טעג האָבן אויף דאָס ניי געהערט נאָר דער אוריצקע־גאַס.

*

פאַליא פלעגט מער אויף סאָלאָמינקע נישט קומען. ערשטנס, איז ביי איר אַצינד געווען סאַמע „שניט": זעקס וואָכן בלויז פון עקזאַמענס. זי איז געווען איינגעטונקען אין די זאַטשאָטן *; צווייטנס, האָט איר שלמה פאַרשפּאַרט דעם וועג, ער פלעגט אַלע פאַרנאַכט זיין ביי זיי. בשעת זי האָט זיך געקענט אָפּרייסן פונעם לערנען, פלעגן זיי צוגיין אין א קינאָ, זעלטן אין א טעאַטער. קיין ערנסטע שמועסן פלעגט שלמה נישט פאַר־פירן. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן נאָך פון אָנהייב, אַז ביז נאָך די עק־זאַמענס זאָל ער זי לאָזן צו רו. ער וועט ערשט דאַמאָלסט רעדן צו איר, ווען איר מח וועט שוין נישט זיין פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. אַזאַ זאַך ווי ער האָט מיט איר צו רעדן מאַכט זיך נישט אויף איין פוס.

ענדלעך אין מיטן יוני האָט פאַלי געענדיקט אויף „גוט" און „זייער גוט" און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַניקולן **. שלמה האָט זי האַר־ציק באַגריסט און אין האַרצן — זיך אויך. סוף כל סוף מאַכן זיי אַצינד אַן עק צו אַלע שמועסרייען און צו אַלערליי פוילע פילאָזאָפיעס ווי דינהס און דעסט גלייכן, אפילו די חברה וועט זיך שוין אויך אויפהערן צו ביי־זערן. קוים א ווייב — איז דאָך נישט שייך, אַז ער געהער צו איר צו פיל, זיי — צו ווייניק. אין גאַנצן געהער ער צו איר! אַלץ איז אירס! מנשה וועט זיך אויפהערן צו בלאָזן, משה פרידמאַן וועט זיך אויפהערן צו קרימען, דער טאַטע וועט זיך מוזן אָפּגעוווינען פון זיין שפּילקעדיק קרעכצעלע, וואָס יעדעס מאָל, ווען שלמה דערהערט עס, דערפילט ער א שטאָך אין דער לינקער זייט ברוסט. אוים! א חתונה וועט אַלעמען פאַרשטופּן די מיילער. דאָס קידושין־רינגל וועט דער גאַנצער וועלט מו־דיע זיין, אַז ווער עס וואַגט א קרומען קוק צו טון אויף פאַלין, געווינט ער אין שלמהן א קעגנער, א שונא.

און פאַלי דערווייל האָט געשוועבט אין די וואָלקנס. איר דערפאָלג אויף די עקזאַמענס האָט איר לחלוטין פאַרדרייט דעם קאָפּ:

— בין איך שוין נישט די לעצטע? אַנדערע האָבן געענדיקט אויף „נישקשה" און זענען אויך איבערגעפירט געוואָרן אויפן צווייטן קורס און איך טאַקע: אויף „גוט" און אויף „זייער גוט"! הייסט עס דאָך, אַז מיין קאָפּ האָט אויך עפּעס די ווערט! אַז איך קען נאָך געווינען סימפּאַטיע ביי מענטשן אין די אויגן, נישט נאָר מיט מיין שיין פּנימל, נאָר אויך מיט מיינע פעאיקייטן! הײנט, ווען איך זאָל נאָך געווען לערנען אַלע יאָרן אָן אַן איבעררייס, ווו וואָלט איך שוין געהאַלטן?

און איר אויפגערייצטער דמיון טראָגט זי אַוועק אויף זיינע פליגלען. פאַלי האָט זיך נישט געשעמט אין אירע פאַנטאַזיעס צו ווערן א אינ־

---

* דאָס דורכגיין דעם פאַרהער פון א קעגנשטאַנד.

** וואַקאַציעס.

זשיניער; אַ שפּיי צו טון אויף דער גאַנצער „אינזשיניערסטווע” און ענ־דיקן אַ מעדיצינישן פֿאַקולטעט; אַריינלייגן דעם דאָקטער אין טאַש און ענדיקן אַ מאַטעמאַטישן פֿאַקולטעט; נישט אָנקומען אויף קיין אַרבעט, נאָר בלייבן אין אוניווערסיטעט אַלס דאָצענט; שפּעטער — פּראָפעסאָר; דערנאָך — אַקאַדעמיקער; אַכטונג! אַקאַדעמיקערין טולטשינסקאַיאַ!... וואָרט אויס, זי וועט נאָך וויזן דער וועלט, ווער עס איז עלטער! זי וועט נאָך איבעררײַשן אַלעמען מיט איר קאָפּ, מער ווי מיטן פּנים... עס וועט זיין ביי איר, ווי זאָגט מען דאָס: „מיט הייסן געוועד און מיט קאַלטן”, אַ העלדין אויף אַלע פראָנטן...

אין שטוב איז פון איר געווען נישט איבערצוטראָגן. ווי אַזוי די מוטער האָט זי נישט באַדינט, האָט זיך איר כסדר אויסגעוויזן, אַז עס איז נאָך אַלץ נישט דאָס, וואָס זי האָט די ווערט. אויף אַלעמען האָט זי גע־שריגן, מיט יעדן האָט זי קאָמאַנדעוועט. קיינער האָט נישט געוואָגט איר אַ ביסל אָפּקלאַפּן די פליגעלעך, ווייל — אַ כלה־מיידל... זי קען זיך נאָך פאַרקלאָגן פאַר שלמהן און שלמה —

בלייבנדיק אויג אויף אויג, האָבן די עלטערן שטאַרק געקרעכצט:

— ווען ווערן מיר שוין פּטור אין אַ גוטן אופן פון אונדזער אוצר?

— ווען וועלן מיר שוין זוכה זיין צו זען, אַז זי דרייט שלמהן דעם קאָפּ, נישט אונדז? אַז זי פאַרט אויף אים רייטנדיק, נישט אויף אונדז און אויף אונדזערע קינדער?

אָבער פרעגן דאָס ביי איר? גאָט באַהיט! די שעה זאָל גאָרנישט זיין! דאָס וואָלט שוין ביי איר געהייסן, אַז מען מישט זיך אין אירע פּריוואַטע ענינים, אַז מען רויבט אַוועק ביי איר די זעלבסטשטענדיקייט און ווער ווייסט וועלכע נאָך פאַרברעכנס? ניין, ניין, דאָס מוז זיך אַליין אויספּיקן, ווי אַ הינדעלע פון אַן אייעלע, אָן קיינעמס הילף. עס איז מוקצה, מען טאָר זיך נישט צורירן.

קאפיטל XIV

אויפן דריטן אויפדערנאַכט נאָך פּאָלים „באַפּרייט ווערן", איז שלמה מיט איר געווען אויפן סטאַדיאָן, ווו די באַקוער מוזיקאַלישע קאָמעדיע, וואָס האָט גאַסטראָלירט במשך פון די זומער־חדשים אין קיעוו, האָט געגעבן אַ פאָרשטעלונג. נאָך דעם ווי דאָס טעאַטער־שטיק איז געווען געענדיקט און דאָס גאַנצע פּובליקום האָט זיך אַ לאָז געטון צום ארויסגאַנג, האָט שלמה אָנגענומען פּאָלין ביי דער האַנט:

— לאָמיר זיך נאָך אַ ביסל דורכגיין, ביסט דאָך נישט שלעפעריק?...

שלמה האָט מאָמענטאַל באַמערקט דאָס דערשראָקענע פייערל, וואָס האָט אַ פינקל געטון אין אירע אויגן. איר פּנים איז אויגנבליקלעך בלייך געוואָרן, נאָר זי האָט נישט געוואָלט אויסגעבן איר אומרואיקייט און האָט מיט אַ געוויינלעכן, העפלעכן טאָן געענטפערט:

— קום, פאַר וואָס נישט? איך בין יענע נאַכט געשלאָפן דרייצן שעה, זיך נוקם געווען אין בעט פאַר דער גאַנצער צייט פון די עקזאַמענס. קום, פאַר וואָס נישט. און דאָס וועטער איז גראָד אויך זייער אַ שיינס...

שלמהן איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: „אַ שווער האַרץ רעדט אַ סך".

איר קאָליע געוואָרענע שטימונג האָט זיך אויך אים איבערגעגעבן, ער האָט זיך אינסטינקטיוו אָנגעשטעקט מיט איר אומרואיקייט. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים האַסטיק געוואָרפן ווען זיי זענען אריינגעגאַנגען אין אַ זייטיקער, גאַנץ שטילער אַליע. ביידנס פּנימער האָבן עדות געזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך אַן אַנטשיידנדיקער שמועס און ביידע האָבן גלייכצייטיק אין האַרצן תּפילה געטון, אַז עס זאָל חלילה נישט קומען צו קיין מחלוקת. מיט אומגעזעענע הענט האָבן זיך ביידע באַמיט אָפּצושטופּן דעם גורלדיקן שמועס נאָך אויף איין מינוט, נאָך אויף איין מינוט... די עלנטע, אומהיימלעכע אַליע, דער טיפער, שלאָפנדיקער דניעפּר, די אָפּגעריסענע קולות פון די לאָקאָמאָטיוון, די איינזאַמע ביי־קולעכלעך פון די אויטאָ־סירענעס האָבן נאָך שטאַרקער און שמערצלעכער צונויפגעדריקט די יונגע הערצער, ארויסגערופן אַ שווערן פאָרגעפיל. אַ יונגע, בלייכע לבנה האָט אומעטיק געהאַלטן די וואַך אויפן טונקעלן אומענדלעכן הימל. עס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. די שטערן האָבן אייפערדיק נאָכגעקוקט יעדן איינעם, וואָס ער טוט. אַ ווייך ווינטעלע האָט שטיפעריש זיך געשפּילט מיט די האָר, געקילט די פאַרפלאַמטע פּנימער און די צעבושעוועטע הערצער.

אַ לאַנגע צייט האָבן זיי ביידע געשוויגן. ענדלעך האָט פּאָלי גענומען שלמהן אונטערן אָרעם און שטיל ווי ביי אַ חולה געפרעגט:

— וואָס זשע האָסטו געוואָלט זאָגן, שלמה?

— שוין זשע זאָגט דיר דיין האַרץ נישט, ווענן וואָס מיר האָבן אַרבערצושמועסן?

— נ־נ־ניין. דאָס הייסט, אי יאָ, אי ניין...
— אויב ניין, וועל איך זאָגן. עס גייט נישט אין טרעפערלעך...
א פויזע. די אַטמאָספער ארום די יונגעלייט האָט זיך אָנגעלאָדן מיט שווערע כמארעס. עס איז געוואָרן שווער צו אָטעמען. זיי האָבן זייער לאַנגזאַם געמאָסטן די טריט. די לבנה האָט זיך פלוצלינג באַהאַלטן אונ־טער אַן אומגעריכט כמאַרעלע און עס איז מיט אַ מאָל טונקל געוואָרן, נאָר די הימל־אייגעלעך האָבן געשאָסן מיט פונקען אויף אַלע זייטן, וועגן עפּעס זיך געשושקעט מיטן ווינטעלע און נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פונעם פּאָרל, וואָס גייט גאָרנישט שלאָפן. מיט אַ מאָל איז אַראָפּגעפאַלן פון מזרח־זייט אַ שטערן און אין דער זעלבער סעקונדע אויך איינער פון מערב־זייט. ווי אַ מאַגנעט וואָלט זיי צוגעצויגן, האָבן זיי זיך געלאָזט אין אלכסון איינער קעגן אַנדערן, נאָר זיי זענען נישט דערפלויגן. אויפן וועג, אויף אַ ווייטער שטרעקע איינער פונעם אַנדערן, האָבן זיי זיך אויסגעלאָשן.
שלמה מיט פאַלין האָבן אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס, אַ ציטער געטון. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן און זי האָט, ווי זוכנדיק שוץ קעגן אַ פיינטלעכן עמעצן, זיך פעסטער צוגעדריקט צו זיין אָרעם. שלמה האָט אָנגענומען אַ פולע ברוסט מיט לופט, אַ גלעט געטון פאַלין איבער דער בלייכער באַק, שטאַרק צוגעקוועטשט איר קאָפּ צו זיין ברוסט און שטיל אָנגעהויבן:
— פאַליטשקע, נשמה מיינע! אמת, דו ווילסט דאָך נישט, אַז מיט אונדז זאָל טרעפן דאָס זעלבע, וואָס אָט ערשט מיט די אומגליקלעכע צוויי שטערן? יענע צוויי פון אויבן האָבן זיך אויך ליב געהאַט אַ שטיק צייט, ווער ווייסט ווי לאַנג? אפשר אַ יאָר? אפשר הונדערט? אפשר טויזנט? און אָט האָבן זיי זיך סוף־כל־סוף אָנגענומען מיט מוט, באַשלאָסן זיך צו פאַראייניקן, נאָר זיי האָבן דאָס געמאַכט נישט פּראַקטיש: זיי האָבן געדאַרפט שפרינגען אויבן־אַרומער, ווי פאַר שטערן פאַסט, און זיי האָבן גאָר אויסגעקליבן אַ מאַרשרוט אונטן אַרומער, און אָט זענען מיר עדות... זיי זענען נישט דערפלויגן... דאָס איז זייער טראַגיש, לעבן מיינס, נאָך אַזאַ לאַנגער ליבע — נישט צו דערפליען... און דאָס איז דערפאַר, ווייל אמתדיקע שטערן, שטאָלצע, לייכטנדיקע שטערן, מוזן שטענדיק זיך באַ־געגענען אויבן אַרומער, נאָר אויבן אַרומער. פאַליטשקע, עס זענען שוין אַוועק צוויי חדשים, זינט איך בין פריי. כ'האָב דיר נאָך איין מאָל נישט דערמאָנט קיין האַלב וואָרט וועגן חתונה האָבן. כ'האָב נישט געוואָלט, אפילו אויף אַ מינדסטן האָרעלע, דיר שטערן דאָס ענדיקן דעם קורס. דו דאַרפסט זיין אַ מבין אויף מיין איידלקייט. גלייב מיר, נישט יעדער חתן וואָלט געוועזן אַזוי צאַרט מיט זיין כלה... אָבער איצט ביסטו שוין פריי און מיר דאַרפן זיך אַליין אָנרופן אַ טאָג, אין וועלכן דו וועסט ענדלעך ווערן מיי־נע... ביי אַנדערע, אין אונדזער גראַד, רעדן עלטערן פאַר די קינדער וועגן אַזעלכע פאָרמאַליטעטן, אָבער איך מיט דיר זענען דאָך נישט גלייך צו אַנדערע, מיר זענען אַזוינע קאַפּריזנע, וואָס מיר דערלויבן קיינעם גאָר־

נישט צו טון פאַר אונדז. לכן, דאַרפן מיר אַליין דערפירן דעם ענין לידי גמר. אפשר נישט אַזוי, פּאַליטשקע?

נאָך אַ לאַנגער מאַטערנדיקער פויזע האָט פּאַלי, אַרויסנעמענדיק איר האַנט פון שלמהס אָרעם, שטיל געזאָגט:

— איך האָב דאָס פאַרגעפילט, מיינסט, אַז ניין? איך האָב געוווסט, אַז דו מוזסט סוף־כל־סוף, אויב נישט היינט, איז מאָרגן באַרירן אָט די פראַגע... יאָ, יאָ־אָ־אָ... עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַנדערש האָט דאָס גאָר נישט געקענט זיין.

— פּאָליאַ, דו ביסט עפּעס אַזוי ווי אומצופרידן דערמיט. אויב דו ווילסט קענען מיר דעם שמועס אַריבערטראָגן אויף אַ צווייט מאָל. קיין רעגן גייט אויף אונדז נישט...

— ניין, ניין, פאַרקערט, אדרבה, קוים האָסטו שוין אויפגעמישט דעם שמועס, דאַרף מען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּשמועסן אויף פעסט...

— אָט דאָס זאָג איך דאָך אויך...

— איין זאַך וויל איך דיך בעטן, שלמה, אָט פונקט ווי איך האָב דיך אויסגעהערט און נישט איבערגעשלאָגן מיט קיין איין וואָרט אפילו, אַזוי לאָז מיך אויך אָן אַן איבערשלאָג אָנהייבן און ענדיקן.

— פּאָליאַ, עפּעס ווייעט מיט פראָסט פון דיינע באַדינגונגען, נאָר קענסט זיין זיכער, אַז מיט קיין וואָרט וועל איך זיך נישט אַריינמישן.

— שלמה, הער מיך אויס מיט קאָפּ און באַמי זיך מיך צו פאַר־שטיין ריכטיק. מיר האָבן זיך ליב, דאָס איז אַ פאַקט! און מיר דאַרפן חתונה האָבן, דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך! נאָר... נאָר מיר מוזן דאָך רעאַל באַטראַכטן, ווי אַזוי וועט ביי אונדז אויסזען די לאַגע נאָך דער חתונה? די גאַנצע חכמה ליגט דאָך נישט אין די פיר שטעקנס. אָפּזאָגן דעם „הרי־את" און איבערגיין וווינען אין אַ באַזונדער דירה, דאָס איז שטענדיק אין אונדזער רשות. דאָס זענען גאָר, דאַכט זיך, דיינע ווערטער, אמת? מיר דאַרפן אויך קענען פאָרויסזען דאָס קומענדיקע, אפשר נישט אַזוי?

אַ שווער שווייגן איז געווען דער ענטפער אויף איר פראַגע.

— הא, דו האָסט צוגעזאָגט זיך נישט אַריינצומישן מיט קיין איין וואָרט און ווילסט זיין אַן עומד בדיבורו? גערעכט! ווי באַלד אַזוי, רעד איך ווייטער. האָב נישט קיין פאַראיבל פאַר אַזאַ אָפּנהאַרציקער פראַגע, אָבער ערנסט גערעדט: וואָס ביסטו ביי היינטיקן טאָג? — גאָרנישט! אַן ערשטקלאַסיקער דעקלאַסירטער עלעמענט. קיין שרייבער, ווייסן מיר דאָךביידע גאַנץ־גוט, וועסטו שוין קיין מאָל נישט זיין. דו האָסט זיך נישט געקענט צופּאַסן צו די פאָדערונגען פון דער צייט, און דו וועסט עס שוין אַ פּנים נישט קענען. נאָך אַ מאָל קיין „פאַנטאַפּל" וועט שוין ביי דער ראַטן־מאַכט מער נישט זיין. און אפילו ווען יאָ, וועסטו ווידער ווערן אַ צושניידער? איז דאָס עפּעס אַ פּאַסיקע אַרבעט פאַר אַזאַ פעאיקן מענטשן ווי דו? און אפילו פאַר מיר איז עס אויך עפּעס נישט זייער צוגעפּאַסט...

כ'בין זיכער, אז דו פארשטייסט מיך... וואס דען? — „טאַרגסין"! נו, פרעג איך דיך, עפעס אייביק וועט זיין א טאַרגסין? איז דאס יאָ אַ מעג־לעכע זאך? אַ מלוכה, וואָס האָט ארויסגעגעבן אזא בלוטיקן געזעץ פון זיבעטן אויגוסט, וועט לאָזן סוחרימלעך ארומשפּאַצירן אויף דער פריי און מאַכן טויזנטערס? דאָס פריערדיקע יאָר האָט מען זיך גענומען פאַר מלוכה־אַנגעשטעלטע און היינטיקס יאָר וועט מען זיך אויף זיכער נע־מען פאַר די פּריוואַטע ספּעקוליאַנטן. ביי יעדער אָפּעראַציע, ווי גוט דו זאָלסט נישט מאַכן, דאַרפסטו נישט פארגעסן, אַז דו גייסט מיט א ברע־נענדיקן פּאַקל ביי אַ פאַס בענזין. דו ווילסט דאָך, מיר זאָלן זיין גליק־לעך, און אויף לאַנג, דאַרפסטו זיך צוזוכן עפּעס אַ לייטישע ארבעט, עס זאָל זיין אי אַ פעט ערטל, אי עפּעס אַן אַנגענעמע ארבעט, נישט קיין פּי־זישע. נישט מיטן מעסער, נישט מיטן האַמער. בכלל, נישט פון דער סע־ריע פּראָפעסיעס, וואָס זענען פאַראיאָרן ל"ג־בעומר אין פּושטשע־וואָדיצע אויסגערעכנט געוואָרן, נישט קיין סטאָראָזש און נישט קיין איינבינדער, נישט קיין אוטילשטשיק און נישט קיין אופּראַוודאָם, נישט קיין קוסטאַר־איינצל און נישט קיין פּאַדעם־וויקלער. זאָלן זיך ביי דעם מאַנאַפּאָל האַלטן אַנדערע, אַזעלכע, וואָס טויגן נישט צו עפּעס העכערס. מיר שטייט נישט אָן, אַז דו מיט דיין קאָפּ זאָלסט אַזוי ביליק אָוועקשענקען דיינע כוחות... מען מוז דאָ צוטראַכטן עפּעס אַזוינס... דאָס האָבן מיר אַלץ געשמועסט וועגן דיר. איצט ווען מיר, ווי זאָגט מען, איבערלאָזן דעם בן־מלך און זיך אומקערן צו דער בת־מלכה. איצט וועלן מיר אריבערגיין צו מיר. דאָס פאַרשטייסטו דאָך מן־הסתם אליין, אַז איך בין שוין נישט קיין פּיצל קינד און אַז איך האָב זיך גענומען דעם אינסטיטוט נישט אויף קיין שפּילעכל... דו ווייסט גוט, ווי שווער עס איז מיר געווען פון אָנהייב. נאָר מיין ווילן איז פון שטאָל און אייזן, איך מוז ענדיקן! עס מעג זיין וואָס עס וויל זיך! איין קורס האָב איך געענדיקט — אומגעריכט פאַר דער גאַנצער וועלט און איך שעם מיך גאַרנישט מודה צו זיין, אומגעריכט פאַר זיך אַליין אויך, — גוט געענדיקט, זייער גוט געענדיקט! איצט, אַ שטייגער, ווען מיר גייען באַלד חתונה האָבן און נאָך ביי מיין טעמפּעראַ־מענט —

פאַלי האַקט זיך אָפּ, רירט זיך נישט־דרייסט צו צו שלמהס קאַלטער האַנט און גיט צו פאַרשעמט:

— איך דאַרף דאָך דיר נישט דערציילן... דו קענסט דאָך מיך... איצט זאָג אַליין: וואָס קען דאָמאָלסט ווערן פון מיין לערנען? אַש און שטויב! צו די צווייטע עקזאַמענס וואָלט איך שוין מן הסתם געדאַרפט לויפן אַהיים אָדער אין די יאַסלעס* אַנזויגן דאָס פּיצעלע. האָט עס עפּעס אַ פּנים? קען אַזאַ זאַך אויסגעהאַלטן ווערן? און דאָס איז ערשט ביי צוויי קורסן. היינט, נאָך פינף לערניאָר און צוויי יאָר מלוכה־פּראַקטיק וועט זיך אַנ־

---

* יאַסלע — אַ קינדערהיים פאַר זויגלינגען.

זאַמלען אַ פּערטל טוץ, אויב נישט מער. און דו גיי שלעפּ זיך אַרום מיט אַן איינגענעם קינדערהיים... און אַז מען וויל גאָר אָפּשיקן אויף פּראַקטיק פּונקט אויפֿן ווייטן מזרח? אויף באַיקאַל? אויף דער אַפֿגאַנישער גרענעץ? אָדער אַפֿילו שוין נאָר אויף סיביר, צי אויף אוראַל, וווהין טוט מען זיך דאַמאָלסט אַהין מיט אַזאַ חדר? איך האָף, אַז דו פֿאַרשטייסט מיך גוט... איז וואָס זשע האָב איך באַשלאָסן? אָט וואָס! הער אויס און פּרווו אומיסטן זאָגן, אַז עס איז נישט קלוג באַקלערט. איצט נאָך אָט די געלונגענע עקזאַמענס פֿיל איך אין זיך ממש אַ שטראָמענדיקן קוואַל פֿון ענערגיע. מײַנע מעגלעכקייטן זענען אַצינד אומבאַגרענעצט! נישטאָ קיין זאַך אויפֿן בילדונגס־פֿראָנט, פֿיל איך, וואָס זאָל זיך מיר אַצינד נישט איינגעבן! האָב איך באַשלאָסן הײַנטיקן זומער נישט חתונה צו האָבן, אַפֿילו נישט צו פֿאָרן אין ערגעץ זיך אָפּרוען אויף אַ חודש. טאַקע אַזוי האָב איך גענטפֿערט מאַרוסיען. אויף מאָרגן נאָך דער ענדע פֿון די עקזאַמענס איז זי געקומען מיט אַן אײַנלאַדונג פֿון די טולטשינסקיס, איך זאָל פֿאָרן מיט זיי צוזאַמען הײַנטיקן זומער. ערגעץ אויף קובאַן פֿאָרן זיי אַרויס. האָב איך איר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. פֿאַרשטייסט דאָך אַליין, אַז ווען איך בין פֿרײַ, וואָלט איך שוין גיכער געגאַנגען חתונה האָבן, אייִדער פֿאָרן מיט זיי אויף דאַטשעס. נאָר איך קען איצט נישט טון נישט דאָס און נישט יענץ. הײַנטיקן זומער וועל איך צוהאָרעווען און דורכלערנען דעם צווייטן קורס מיט אַלע פּישטשעווקעס, און אָסיען גלײַך אָנקומען אויפֿן דריטן קורס. כ׳בין זיכער, אַז מיר וועט זיך דאָס אײַנגעבן. און דאַן... ביטע שיין, קענען מיר גלײַך גיין צו דער חופּה, אָדער נאָך בעסער, אין פֿרילינג, בשעת איך וועל איבערגיין אויפֿן פֿערטן קורס, דאַן איז מיר שוין גאָרנישט שרעקלעך. איך זאָל שוין דאַמאָלסט אַפֿילו באַלד פֿאַרבינדן ווערן, וועט מיר שוין גאָרנישט שטערן צום ענדיקן. און דו, ווידער, פֿאַר אַ יאָר צײַט, וועסט זיך גוט אײַנאָרדענען, פּאַוואָלינקע צוזוכן אַ וווינונג, זי אויסמעבלירן ווי געהעריק איז. אַז איך וועל ענדיקן און פֿאַרנעמען אַ פּאָסטן, וועל איך דיר אויך נישט ווייניק בײַהילפֿיק זײַן אין דער פּרנסה. זאָג אומיסטן, ביסט דאָך עפּעס בײַ אונדז אַ קלוגער, אפשר איז דאָס נישט קיין אידעאַל?

שלמה האָט גלײַכגילטיק, נאָר מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטימע אַ פֿרעג געטון:

— וועסטו אַליין זיך גרייטן צו די עקזאַמענס?

פֿאָלי, אַ ביסל צערודערט פֿון דער אומגעריכטער פֿראַגע:

— ניין, נישט אַליין... מיט דעם וואָס זיצט מיט מיר אויף איין באַנק... דו קענסט אים דאָך... מיר האָבן זיך בײַדע צונויפֿגערעדט... פֿון דעם ערשטן הייבן מיר שוין אָן. דער דעקאַן פֿון אונדזער פֿאַקולטעט האָט אונדז צוגעזאָגט בײַהילפֿיק זײַן, דאַרטן ווו עס וועט אונדז זײַן שווער... וואָס זשע שווײַגסטו? דיך פֿאַרדריסט עס?

קאפיטל XV

לאנג האָבן זיי אַזוי געשפּאַנט, זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק און שלמה האָט אַלץ אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זיינע געדאַנקען האָבן גאָר אַצינד געשוועבט ווייט פון דאַנען. אים האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרוואָלט וויסן, צי מרים יאַגודאַיעוו שלאָפט אַצינד אָדער אפשר קוקט זי אַרויס פון איר בווידעם־פענצטערל אויף דעם שלעפעריקן פּיצל לבנה, און ער קען איר מיט אַ שטערנדל איבערשיקן אַ גרוס, זיין טייערער, ליבער רעטערין, מרים... ווי אַן אָפּגעדעקטער פונק פון אַ לאַנג אויסגעלאָשענעם שייטער האָט אַ פינקל געטון פאַר שלמהס אויגן רייזלס געשטאַלט. זי איז געווען אין איר שוואַרצן פּליושענעם קלייד מיט די רויטע בליצן, די האָר צע־שאָטן, גלאַנצנדיקע און שמעקנדיקע. זייער ריח פאַרגייט אים אַזש אין דער נאָז. די אויגן זענען ביי איר פייכטע. פון זיי קוקט אַרויס אַזאַ טרויער, אַז עס פאַרגלוסט זיך אים אַזש וויינען אויף זיי קוקנדיק. עפּעס זאָגט זי צו אים, נאָר ער הערט נישט וואָס. זי זעט, אַז ער פאַרשטייט זי נישט, ציט זי אויס די הענט צו אים מיט געבעט, מיט אַזוי פיל צאַרטקייט, מיט אַזוי פיל געטריישאַפט... און איידער ער באַוויזט איר צו ענטפערן אַ וואָרט, ווערט זי אויסגעכאַפּט און אָנשטאָט איר גראַציעזער פיגור דער־נעענטערט זיך צו אים אַ נידעריק, צעקנייטשט יידעלע אין אַ סאַמעטע־נעם קאַשקעט. אויפן שטערן אַרויפגערוקט רוען אַ פּאָר צונויפגעבונדע־נע, פאַרשטויבטע ברילן. אין דער האַנט אַ קאַנטשיק. ער איז בייז און באַפעלט אים, שלמהן: „לייג זיך און לאָז אַראָפּ די הייזעלעך... כ'האָב דיך געוואָרנט... זהיר וזהיר... און דו האָסט ווידערגעשפּעניקט... ווי אַ בן סורר ומורה... לייג זיך... צי זיך אויס"!... שלמה וויל אַ געשריי טון: „רבי שמעיה, שלאָגט, הרגעט... חטאתי, עויתי, פשעתי"... נאָר דער רבי צעשווימט ווי אַ דמיון. לעבן אים, מיט אַ צעפּליקטן קאָרטענעם שאַל אויף די אַרויסשטאַרטשנדיקע אַקסלען שטייט גאָר די „געריריטע" מומע זלאַ־טע. זי האָט אַן ערנסט פּנים און גיט אים אָפּ אַ גרוס פון „דאָרטן":

— „דו זאָלסט וויסן זיין, שלמה, אַז ר' מיכעלע זלאָטשעווער איז שטאַרק אויפגעטראָגן אויף דיר... און דעסט גלייכן שרה בת אשר... כ'בין אַנומלטן געווען אַן אונטערפירערין ביי כדלעומרן מיט ושתין, האָבן זיי מיר אויך געזאָגט, אַז צו דיין קרענק איז דאָ נאָר איין עצה: נעמען אַ פינגערל פון אַ פלוי, איינטונקען עס אין אַ כשרער מקוה, אָפּשיקן עס מיטן חלזון קיין בערדיטשעוו" — פלוצלינג וואַקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד אַן עדה יידן מיט תהילימלעך אין די הענט. שלמה זעט צווישן זיי באַקאַנטע פּני־מער: משהלע מיטן טשייניק, ירחמיאל דעם וועגעראָדער רב און דעם אַלטן יואלן. ער הערט, זיי זאָגן תהילים פאַר אַ חולה מסוכן, מען זאָגט „אותיות" פון „תמניא־אפּי". ער שטעלט צונויף די אותיות: שלמה בן צפּורה... שלמה גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער און וויל זיך אַרויסרייסן

פון דעם קאַשמאַר, נאָר מיט אַ מאָל באַווייזט זיך גנעיע שוסטערמאַן, זי שלעפּט משה פרידמאַן אויף אַ שטריק, דאָס מויל איז ביי אים פאַרשטאָפּט מיט אַ צייטונג, אויף די הענט — אַן אייזערנער בראַסלעט, מעדאַוואַרס בראַסלעט... גנעיע דערלאַנגט רייזלען אַ פּליאַסק אין דער באַק און גיט פּאָלין דעם צווייטן עק שטריק: „וואָס רעדסטו מיט אים? נעם בינד אים, אַזוי ווי איך מיינעם. וואָס קוקסטו? אַלע יידישע יונגעלייט דאַרף מען בינדן. משה און שלמה זענען עכט־אַנטיסאָוויעטישע נעמען! נאַ, נעם דעם שטריק, קלער נישט אַריין אַזוי פּיל, איך וועל דיר שוין ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף פאַרציען״...

שלמה גיט זיך אַ וואָרף און קוקט זיך אַרום. זיי זיצן אויף אַ באַנק. ווען האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט? ער געדענקט גאָרנישט. אין גרויסן, גרויסן סטאַדיאָן איז שטיל אַזוי ווי אויף אַ בית־עולם... עס דאַרף שוין זיין זייער שפּעט. פּאָלי זיצט לעבן אים און קוקט אויף אים פאַרגאַפט.

— וואָס איז מיט דיר, שלמה? דו ביסט געשלאָפן? דו ביסט גאָר־נישט אויף דעם עולם געווען, ווען מיר האָבן זיך צוגעזעצט.

שלמה באַטראַכט זי, ווי ער וואָלט זי געזען צום ערשטן מאָל אין לעבן און ענטפערט נישט אַ וואָרט.

— פאַר וואָס זשע ענטפערסטו נישט, שלמהלע?

פּאָלים הענט פאַרפלעכטן זיך אַרום זיין האַלדז. איבער שלמהס האַלדז גייט דורך אַ שוידער, ווי מען וואָלט אויף אים אַ שטריק פאַרוואָרפן. ער נעמט לייכט אַראָפּ אירע הענט פון זיין האַלדז און זאָגט טרוקן:

— קום, לאָמיר גיין, איך האָב זיך יענע נאַכט נישט אַזוי גוט אויס־געשלאָפן, ווי דו. עס מוז שוין זיין אודאי צוויי אַ זייגער.

זיי לאָזן זיך גיין צום אַרויסגאַנג. פּאָלי כאַפּט בגנבה אַ קוק אויף זיין פּנים: עס איז רואיק און קאַלט ווי בליי, ווי לויט שלמהס דערציי־לונגען, די אייביקע פעלזן אויף דער פּערסישער גרענעץ. פּאָלין שלאָגט צו אַ הייסע כוואַליע פון ליבע צום האַרצן. זי נעמט שלמהן פאַר אַ האַנט, שטעלט זיך אָפּ און פאַרקוקט אים אין די אויגן. איר בליק איז אָנגעלאָדן מיט עלעקטרישן כח:

— וואָס פאַר אַ נאָמען דאַרף מען געבן אונדזערע איצטיקע באַצי־אונגען? „מאַסקווע, צו גאַסט אין קיעוו״?

שלמה האָט איין וואָרט נישט געענטפערט.

— האָסטו טאַקע באַשלאָסן מיך באַקאָטירן מיט שווייגעניש? דו ווילסט אויף אַן אמת, אַז מיר זאָלן זיך אַזוי אָן לשון צעגיין שלאָפן?

— פּאָליטשקע, נישט איך וויל נישט, נאָר איך האָב פּשוט נישט וואָס צו ענטפערן.

דאָס וואָרט „פּאָליטשקע״ גיט זי אַ שניט ווי מיט אַ מעסער. זי דער־פילט אין אָט דעם איינציקן וואָרט דעם גאַנצן תמצית פון שלמהס שווערע געדאַנקען פאַר היינטיקער נאַכט. אַ היפּשע ווײַלע האַלט זי די אויגן אַראָפּ־

געלאָזט צו דער ערד, דאַן נעמט זי זיך אָן מיט מוט און זאָגט אים ערנסט און מיט געפיל:

— שלמה, פאַר וואָס דערלויבסטו מיר זיך צו איזדיעקעווען * אויף דיר? נאָך ווייניק האָסטו געליטן פון מיר און איבער מיר? פאָלג מיך, גיב אַ שפּיי און נעם אַ צווייטע.

— מען קען נעמען אַ צווייטע, נישט אַ שפּיי טוענדיק.

— און דו קלערט דאָס צו טון?

— מאָרגן, מן־הסתם, נאָך נישט, און שפּעטער — ווער ווייסט?

— אַזוי שווער איז דיר אויסצוּוואַרטן נאָך דאָס יאָר?

— דו האָסט שוין פאַרגעסן, אַז דיר איז איין נאַכט געווען שווער אויסצוהאַלטן...

— און דו האַלטסט דאָס פאַר איידל, מיר צו דערמאָנען מיינע שוואַכקייטן?

— איך בין נישט אויסן צו דערמאָנען דיר דיין שוואַכקייט, נאָר עס וואָלט נישט געשאַדט, דו זאָלסט געדענקען, אַז ווען נישט מיין איבערמענטשלעכער כח־המעצר וואָלסטו אָט די ערשטע עקזאַמענס אפשר אויך נישט געווען אָפּגעגעבן... דאָ וואָלט דיר שוין נישט געהאָלפן אפילו דיין קאָמסאָרגעווסקע פּאַרטנער. איז אַלס לוין פאַר מיין אויסגעהאַלטנקייט האָסטו צוגעקלערט מיר אונטערטראָגן אַ פּרעמיע: נאָך אַ יאָר וואַרטן...

— אָבער, שלמה, וואָס איז דאָ אַזוי שרעקלעך? דו ביסט דאָך נאָך אפילו קיין גאַנצע דריי און צוואַנציק יאָר נישט אַלט? ווי אַזוי האָבן אַנדערע יינגלעך חתונה ביי דרייסיק יאָר? און ביי פינף און דרייסיק?... שוין זשע וועט דיין גרויסע ליבע נישט אויסשטיין דעם לעצטן נסיון און נישט סטאַיען נאָך אויף אַ יאָר? און איך האָב נאָך געוואָלט בעטן ביי דיר, אַז דו זאָלסט אויף זיך נעמען די מיסיע און איבערצייגן מיין טאַטן אין דער נויטיקייט אויסצוּוואַרטן מיט דער חתונה צוליב מיין לערנען...

— הער, פאַליאַ, וואָס איך וועל דיר זאָגן. מיינע געפילן צו דיר קענען נאָך קלעקן אויף אויסצוּוואַרטן נישט איין יאָר און נישט פינף. איך בין שוין געשמעלט געוואָרן צוליב דיר אין גרעסערע נסיונות און אויך אויסגעהאַלטן. נאָר איין קלייניקע נייעס איז אַצינד ביי מיר געבוירן געוואָרן. אַ נייעס, וואָס קען מיך ביִד חזקה אָפּוועגדן פון צו וואַרטן אויף דיר, ביז דו וועסט זיך אַ מאָל אויסקלייבן חתונה האָבן. כ׳בין זיכער, אַז דו שטעלסט זיך אפילו נישט פאָר, ווער עס קאָנקורירט מיט מיין ליבע צו דיר. אָבער ווייסן מוזסטו, אַז ווען יענער קאָנקורענט וועט אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור, דאַן פאַרשווינדט גלייך פאַלי טולטשינסקי אויף אייביק און אפילו קיין זכר וועט פון איר נישט בלייבן ביי מיר אין האַרצן. דו ווילסט ווייסן דעם נאָמען פון דעם קאָנקורענט?

— איך גיי אויס צו ווייסן.

---

* פאַרשאַפן שמערצן, מצער זיין.

— דאָס איז מיין אומשולד...

— איך פאַרשטיי דיך נישט... רעד דייטלעכער...

— עס איז מיר אפילו נישט זייער אָנגענעם צו רעדן אויף דער טע־מע, נאָר אַז עס איז שוין געקומען צו רייד, וועל איך דיר זאָגן. בדיעבד, מאַכט אפשר נישט אויס דו זאָלסט עס וויסן. דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ נישט דערפאַרענער אויף דעם געביט איך בין... דו געדענקסט: אין יע־נעם פאַרטאָג נאָך דעם צופאַל אין דער אַפטייק, בעת הרב ליבערמאַן איז אַפגעפאָרן, האָסטו מיך אין קאָרידאָר אַ קוש געטון. דאָס איז געווען דער ערשטער קוש אין מיין לעבן וואָס איך האָב באַקומען פון אַ פרעמ־דער פרוי. דאָס זעלבע האָסטו געקענט באַמערקן אויפן וועג קיין מאָסקווע און אין מאָסקווע גופא. דאָס ביסל שכל־הישר, וואָס מען האָט מיר פונעם הימל צוגעטיילט און מיין איינגעבוירענע ערלעכקייט האָבן ביז דעם היינ־טיקן טאָג געהאַלטן מיינע געפילן אַלס דערוואַקסענער בחור אונטער אַ שטרענגן קאָנטראָל. מיין בעסטער עדות ביסטו אַליין... איצט אָבער קום איך אָן נאָך זעקס חדשים טורמע. די געזעלשאַפט אין די קאַמערן, פאַרשטייסטו אַליין, איז נישט קיין צונעקליבענע. טאַקע גאָר־גאָר נישט קיין צניעות־דיקע. פון וואָס מאַנסבלין רעדן, ווען זיי האָבן נישט עפעס אַנדערש וואָס צו טון, איז דאָך דיר מן־הסתם נישט שווער זיך פאַרצושטעלן. נישט ווילנדיק האָב איך זיך אָנגעהערט מיט אַלערליי פאַסקודסטוועס. מיר איז איצט שווערער צו זיין אַליין איידער פריער. איז אויב איך וועל האָבן אויסצושטיין נסיונות פון דעם מין, דאַן קענסטו זיין זיכער, אַז איך וועל זיך אפילו נישט פאַרקלערן און חתונה האָבן פאַר אַ צווייטער, וואָס וועט מיר אפילו ווייניקער געפעלן ווי דו, נאָר וועלכע וויל נישט איבער־יאָגן די לבנה דורכן אינסטיטוט. אמת, איך האָב דיך ליב, שטאַרק ליב, דאָס איז נישט קיין סוד פאַר קיינעם, נאָר מיין אומשולד, מיין גאַנצקייט, מיין ביז איצטיקע מאָראַל, איז מיר פיל טייערער פאַר דיר, פאַליאַ —

— שלמה, זינט דו ביסט געקומען פון דער טורמע, הערט מען פון דיר אַזעלכע מאָדנע רייד... אַך, וואָס פאַר אַ מאָדנע...

— דאָס ביסטו גערעכט. איך בין זיכער אַן אייגנאַרטיקער מענטש. איך רעד פון אַזעלכע „קלייניקייטן", וואָס אַנדערע טוען דאָס און רעדן גאָרנישט דערפון. איך אָבער מאַך דערפון גאַנצע פירושים. נו, וואָס קען איך העלפן? אַזאַ בין איך, און פונקט אַזאַ געפעלט מיר אויך ווייטער צו זיין... און וואָס דו האָסט גערעכנט, אַז איך וועל פאַר דיין טאַטן נאָך פאַרטיידיקן אַט דעם שריט — בין איך דיר מוחל דעם כבוד. זוך דיר צו אַ קלוגערן שליח פון מיר. איך האָב אים נישט וואָס צו זאָגן. אפילו מיין אייגענעם טאַטן אויך נישט, נישט נאָר דיינעם... נו, אַט איז דיין שטוב און איך גיי שוין אויך. עס הייבט שוין באַלד אָן צו טאָגן.

פונעם באַרג, פילנדיק פאַלים אויגן אויף זיין פלייצע, איז ער אַראָפּ־געגאַנגען שמיידיק, אָבער ווי נאָר ער האָט פאַרקערעוועט אויף קרעשטשאַ־טיק, האָט ער פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט. אין די שליפן האָט אים שטאַרק

געקלאפּט, דער קאָפּ האָט זייער געשמערצט, אונטערן האַרצן האָט אַ וואָ־רעמל גענאָגט און געזויגן:

— נו, שלמה, האָסט זיך שוין אויסגעהאַנדלט, האַ? אויס כלה, ווי־דער אַ מויד? דערפאַר אָבער זאָגט זי צו אין די קומענדיקע יאָרן דיר בייהילפיק צו זיין אין דער פּרנסה. דיין קינד, הערסטו שוין, וועט זיך מוזן געפינען אין די יאַסלעס. בעת פּראַקטיק וועסטו איר דאָס בכבוד גדול נאָכפירן אויף באַיקאַל אָדער אויף סיביר. דו ביסט אַזאַ גראָבער נפש, אַז דו האָסט איר אַפילו נישט באַדאַנקט פאַרן צוטרוי צו דיר?... יענע פאַרטרויט דיר אַזאַ פּאָסטן, ווי קריגן אַ צימער, אויסמעבלירן אים, דינגט זיך מיט דיר נישט איבער דעם טערמין ווי עס איז היינט די מאָדע אין די אונטערנעמונגען, נאָר זי גיט דיר דערויף מיט דער פולער האַנט אַ קיילעכדיק יאָר — און דו מאַכסט זיך גאָרנישט ווייסנדיק? היינט, פאַר דעם וואָס זי האָט אָפּגעוואָרפן מארוסיעס פאָרשלאָג, קומט איר נישט קיין דאַנק? כאָטש אין דער אמתן קען טאַקע זיין, אַז פאַר דער לעצטער טובה דאַרף דאַנקען וואָלאָדיאַ. זיין תורה האָט דאָ גובר געווען. צוליב דיר וואָלט זי אפשר טאַקע נישט געבליבן?

מיט טיפן ווייטיק דערמאָנט ער זיך דינהס ווערטער:

„פּאָלי זעט מיט אַלע מעגלעכקייטן דיך צופּאַסן צו זיך, אָבער זי האָט נאָך קיין איין קלער נישט געטון וועגן זיך צופּאַסן צו דיר".

— אָך, וואָס פאַר אַ ביטערער אמת עס שטעקט אין די רייד! ווי מוראדיק גערעכט דינה איז. אָט גייט ער אַצינד באַגינען פון זיין הייס־געליבטער. ער האָט זי שטאַרק ליב, זי אים אויך. מען האָט גערעדט וועגן תכלית, וועגן חתונה. פריער — שפּעטער, אָבער זי מוז דאָך אַ מאָל פאַר־קומען. דאָס מיידל, זיין געטלעך־שיינע פּאָלי, האָט נישט־שעמענדיק זיך פאַר אים וויפל מאָל איבערגעחזרט, אַז באַלד נאָך דער חתונה וועט זי געוויס פאַר־בינדן ווערן... וואָס קען זיין פאַר אַ ליבנדיקן חתן נאָך אָנגענעמער דער־פון, ווי אַז זיין געליבטע כלה זאָגט אים צו, צום יאָר צו זייגן אַ קינד? דאַכט זיך, אַלץ איז גוט? וואָס דען פעלט אים נאָך? עס פעלט אים איין פּינטעלע: גליק... קיין גליק פילט ער עפּעס נישט. זי האָט אָט דאָס „קלייניקייט" פאַרגעסן אַריינצוטון אין איר לאַנגן מאָנאָלאָג. ער איז נאָך לעת־עתה נישט אומגליקלעך, אָבער אויך נישט גליקלעך. רייזל האָט אים אין אַזאַ שעה אויסגעלייגט צום שלעכטן. דינה — אויך. גוואַלד, ווו נעמט מען כאָטש אַ ברעקעלע גליק? כאָטש נאָר אַ קוק טון דערויף, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט!

אַרויפקומענדיק אויף סאָלאָמינקע, איז אים געגאַנגען אָקעגן דער ערשטער טראַמוויי. דער מזרח איז געווען רויט־צעפלאָסן. אויף מערב איז נאָך געווען טונקל, סומנע ווי ביי שלמהן אויפן האַרצן.

קאפיטל XVI

און עס האָבן זיך ווידער געצויגן טעג מיט וואָכן, איינע ענלעך אויף דער צווייטער.

אויף וויפל דער פּאראַיאַריקער זומער איז געווען אַ הייסער, אַזוי פיל איז דער דאָזיקער זומער געווען אַ רעגנדיקער. כמעט אַ טאָג איבער אַ טאָג האָט געגאָסן, געציבערט. די ערד אין די פּאַרקן האָט גאָר קיין מאָל נישט באַוויזן אויסצוטרוקענען. שלמה פלעגט ווי פריער האַנדלען ביים „טאָרגסין", אַז עס איז געווען מיט וואָס, און אין די אויפדערנאַכטן, אויב פּאָלי האָט זיך נאָר נישט שפּעט פאַרלערנט, — גיין ערגעץ מיט איר. גאַנצע טעג פלעגט זי מיט וואָלאָדיען זיצן ביי יאַנין אין שטוב איבער די העפטן מיט די ביכער און לערנען, לערנען און לערנען. עס האָט געקענט טרעפן, אַז שלמה זאָל ביי טאָג אַריינקומען, אָפּזיצן אַ שעה און צוויי, קוקן אין אַ צייטונג אָדער אין אַ זשורנאַל און פּאָלי זאָל אים אפילו נישט באַמערקן. ער פלעגט אַזוי לאַנג זיצן, ביז עס פלעגט אים נמאס ווערן. דאַן פלעגט ער זיך אויפהייבן און אַוועקגיין, נישט האָבנדיק אויסגערעדט מיט איר קיין איין וואָרט...

אויף דער נאַכט פלעגט זי גאָרנישט געדענקען, אַז ער איז היינט געווען ביי זיי. אויך ער פלעגט זיך שעמען צו פיל איר דערמאָנען אין דעם.

פונעם קאַלענדאַר זענען געפלויגן בלעטלעך. עס איז געשטאַנען האַלב יולי. נישט קוקנדיק אויף די אָפטע רעגנס, האָבן זיך די פּאַרמעגלעכע פאַמיליעס אָנגעהויבן אַרויסרוקן אויף די דאַטשעס. דער דאַטשנע וואָקזאַל איז ווי אַלע מאָל געווען פאַרפּלייצט מיט פּאַסאַזשירן. דאָס „דאַטשקען זיך" איז ביי די קיעווער דאַמען אַזאַ „אָנפאַלעניש", מען זאָל נאָר אָפּגעהיט ווערן. אין אַ גאַס-רעגן האָט מען „פון אונטער דער ערד" געפּאַקט פורלעך און געפירט צום צוג: בעטגעוואַנט, טעפּיכער, האַמאַקן, פּאַטעפאָנען, ביכער און אַלערליי געבעקסן. פון די שטרויענע היטעלעך — וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר אַ סימן-מובהק פון אַ דאַטשניצע — איז ביזן אָנקומען צום צוג, נישט קוקנדיק אויף די שירעמס, געוואָרן אַן אָפּגעקראָכן צעקנייטשט שמאַטקעלע. קאָלירטע טראָפּנס וואַסער האָבן פון דעם אַבלדיק געקאַפּעט אויף דער נאָז, אויף די באַקן, אָבער די אויגן האָבן געבליאַסקעט מיט טריאומף:

— דער נאַטור אויף צו להכעיס פאַרט מען אויף אַ דאַטשע! אפילו זיצן פאַרשפּאַרט אין שטוב, נאָר אַבי אין פּושטשע-וואָדיצע, אפילו נישט אויסטון די קאַלאָשן פון די פיס, נאָר אין סוויאַטאָשין.

אין דרויסן איז געווען כמאַרנע, דער רעגן איז געהאַנגען אויף אַ האָר און ספּאָרט-לייט, יינגלעך און מיידלעך, האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן האַלב-נאַקעט, נאָר אין שמאָלינקע הייזעלעך. דאָס איז אויך אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער ווינענדיקער נאַטור. דער דניעפּר האָט טאָקע

הײ־יאָר נישט אױפגעלעבט. אַזױ װי אַן אַלטע בתולה, װאָס װעלקט אין דער שטיל און האָט שױן אפילו פאַרלױרן די האָפענונג, אַז עמעצער זאָל נאָך אַ מאָל זײַן אַ בעלן אױף אירע נישט אַרױסגעבראַכטע צערטלעכקײטן, אַזױ איז ער פאַרשימלט געװאָרן, דער אַלטער בעל־גאװהניק. עס איז קײ־נעם הײַס נישט געװען. מען האָט זיך געקװיקט מיטן ביסל װאַרעמקײט װי מיט עפּעס אַ לוקסוס. פון דעסט װעגן, אַזױ װי אַ מאָל אין דער מדבר דער מן, אַזױ האָבן זיך אַ שיט געטון אױף דער שטאָט אַלערלײ פּרוכטן. אַ מבול פון פּירות אױף אַלע װעגן. אין מיטן די טראָטואַרן זענען גע־שטאַנען שטעלעכלעך מיט די בעסטע מינים עפּל: „װײַסער־אַנגוס״, „אַנ־טאָנאָװקע״, „ראַנעט״, „פּאַפּיראָװקעס״ און „טיראָלקעס״. און אַזױ בארן און אַזױ פלױמען און אַלע איבעריקע אוקראַיִנישע פּרוכטן. קײן פּרײַז האָבן די אַלע פּירות נישט געהאַט. דער פּױער האָט געמוזט פאַרקױפן דרײַ, פיר פּוד פון די בעסטע בארן, כדי עס זאָל אים קום סטאַיען אױף אײן קילאָ פּוטער, אָדער בױמל. די באַפעלקערונג האָט אין דער פּרוכטן־גערעטעניש געזען אַ נחמה פון הימל פאַר דעם ביסן ברױט, װאָס איז נאָך אַלץ געװען בקמוץ. די טעאַטערס, די קינאָס זענען געװען װי װינטער איבערפולט מיט צושױערס. אין די פּאַרקן און אין די סעדער איז געװען אַזױ קיל און פײַכט, אַז מען איז שױן בעסער געגאַנגען פאַרברענגען אַ שעה אונטער אַ דאַך.

אײן מאָל בײַ טאָג האָט שלמה אָנגעקױפט צײַטונגען און זיך אױפ־געהױבן אױף אוריצקע־גאַס. אין שטוב איז חוץ פּאָלין מיט װאָלאָדיען קײנער נישט געװען. זײ זענען געזעסן אַ בענקל לעבן אַ בענקל און האָבן, פאַרטיפטע אין אַן ענין, אַרײַנגעקוקט אײנער צום צװײטן אין די העפטן אַרײַן.

ענטפערנדיק שלמהן אױף זײַן באַגריסונג, פרעגט אים פּאָלי, נישט אױפהײבנדיק די אױגן פון דעם העפט:

— בײַ טאָג גאָר? עס האָט עפּעס געטראָפן?

— װאָס איז? מען טאָר נישט?

— אַ ייִדישע טבע בײַ דיר, אױף אַ פראַגע ענטפערסטו מיט אַ פראַגע.

— פון װען אָן איז דען אַ ייִדישע טבע אַזױ שלעכט?

פּאָלי הײבט אױף די אױגן אױף אים:

— אױב נישט קולטורעל, איז אַ ייִדישע טבע, און אפילו אַ גוט־ייִדי־שע, אַלץ אײנס — שלעכט.

— אַ־האַ! גוט, װאָס דו האָסט מיר געזאָגט, אַז נישט װאָלט איך דערצו קײן מאָל מיטן שכל נישט דערגאַנגען.

װאָלאָדיאַ שיסט אױס מיט אַ געלעכטער װי פון אַ האַרמאַט. פּאָלי װיל פאַרגלעטן דעם שלעכטן אײַנדרוק פון דעם אינצידענט, זי הײבט זיך אױף און גײט צו צו שלמהן:

— איז װאָס זשע װעסטו איצט טון, שלמה?

— אַלנפאַלס — דיר שטערן אודאי נישט.

— מיר שטערסטו קיין מאָל נישט.
— פאָלי, לאָז איבער דיינע דערקלערונגען אויף א צווייטן מאָל, אָן עדות.
פאָלי גייט אוועק אויף איר אָרט א ביסל אָפּגעשמיסן. נאָך א מינוט און ווידער קריצן די פעדערס, נאָר זעלטן ווען וואָלאָדיא פרעגט אָדער ענטפערט א וואָרט. שלמה נעמט ארויס די צייטונגען, זעצט זיך אנידער אויף דער סאָפע ביי דער טיר און פארטיפט זיך אין לייענען. אין מיטן לייענען האָט ער נישט ווילנדיק אויפגעהויבן די אויגן. לכתחילה האָט זיך אים געדאכט, אז דער טומל קומט פונעם הויף, נאָר זעענדיק, אז דאָס שרייט מען גאָר דאָ אזוי אויף קולי־קולות, האָט ער שוין מער נותן־לב גע־ ווען צו דעם, וואָס קומט איצט פאָר אין צימער. זיין אויפמערקזאַמ־ קייט האָט צוגעצויגן עפּעס זייער א היציקע אמפערניש צווישן דעם פאָרל ביים טיש. דעם אָנהייב האָט ער נישט געהערט, נאָר פון דער מיט האָט ער פארשטאנען, אז עס גייט אין א באוווסטער פאָרמולע, וועלכע יעדער איי־ נער פון זיי געדענקט אנדערש. פאָלי גיט זיך א הייב אויף פונעם טיש, לויפט צו צום בעט, רוקט ארויס פון דאָרט א טשעמאָדאַן, זיין מאָסקווער טשע־ מאָדאַן, און נעמט זוכן אין אים צווישן די אַלטע קאָנספּעקטן.
— דיך, וואָלאָדיא, קען איך דאָך שוין פון לאַנג. דו, אז דו שפּארסט זיך אין עפּעס איין, איז ווי אָן אייזל — נישט פון אָרט! וואַרט, אָט וועל איך דיר באלד שווארץ אויף ווייס...
— מילא, ווייז שוין, ווייז שוין פריער, נאָך דעם וועסטו וואָרטשען.
נישט בייטנדיק די פריערדיקע פּאָזע האָט שלמה א טראכט געטון:
— א גאנץ אינטימע שפּראך האָט זיך ביי זיי אויסגעארבעט: „אייזל“, „וואָרטשען“...
פאָלי האָט דערווייל אַלץ געזוכט און גאָרנישט געקענט געפינען. וואָ־ לאָדיא האָט אומגעדולדיק געקלאַפּט מיטן בלייפעדער אין טיש, נערוועז געקנאַקט מיט די פינגער:
— פאַלקאַ, וואָס קוועטשסטו זיך דאָרט אזוי לאַנג? האָסט געפונען, צי ניין?
— דערווייל נאָך נישט.
— וויים איך, מיט דיר איז א מעשה אָן אָן עק. לאָז מיך! איך וועל דאָס מאכן איינס און צוויי.
ער גיט א טאַנץ ארויס פון הינטערן טיש, מיט איין שפּרונג איז ער ביים טשעמאָדאַן, נעמט ארום פאָלין הינטן ארומער, וויל זי אָפּרוקן אין א זייט, נאָר זי וויל נישט אָפּטרעטן.
— לאָז, פאַלקאַ, זאָג איך דיר...
— איך וועל אַליין געפינען, זאָל ביי דיר נישט ברענען.
— עס ברענט אָבער יאָ... דו לאָזט, צי ניין? לאָז, זאָג איך דיר...
ער דריקט זי צו צו זיך, לאָזט זי זיך נישט אויסגלייכן, טרייסלט זיך איבער איר ווי א חולה־נופל, וויל זי נאָר אומוואַרפן אויפן בעט.

— וואָלאָדיאַ, לאָז אָפּ... משוגענער!...
— דאָס מאָל לאָז איך נישט אָפּ! זאָל זיין אַ משוגענער!...
— וואָלאָדיאַ, דו ביסט פונעם זינען? ווי שעמסטו זיך נישט?
— פאַר וועמען זיך שעמען, פאַלקאַ? פאַר יענעם יאָלד מיט די ציי־גיינערשע אויגן? ער איז שוין נישטאָ... ער האָט געמאַכט די פּליטה... וואָס איז, ער פאַרשטייט נישט מיינסטו, ווו איין און ווו אויס?...

ווי אַ צערייצטע טיגערין האָט זיך פאַלי געגעבן אַ ריס פון זיינע אייזערנע קלאַמערס, געוואָרפן אַ ווילדן קוק אויף דעם ליידיקן אָרט אויף דער סאָפע, אויף די אין אימפּעט צעוואָרפענע צייטונגען און זי לאָזט אים אָפּ אַ פייערדיקן פּליאַסק אין דער באַק.

נישט מיט איר קול גיט זי אַ געשריי:

— וואָן פון דאַנען, פאַרשיווע בלאָטער!... דיין פוס זאָל דאָ מער נישט זיין! וואַ־אַ־אָן!...

ווען די טיר פאַרקלאַפּט זיך, כאַפּט זי זיך אָן ביי די שלייפן:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער! וואָס האָט שוין דען שלמה נישט די רעכט צו קלערן איצט וועגן מיר? מאַמע! אַזאַ בזיון! אַזאַ ווילדער! שלמה וועט עס מיר פאַר קיין פאַל נישט מוחל זיין...

אָבער אין דער אמתן האָט זי גאָר אַ טעות געהאַט. שלמה האָט אפילו נישט אָנגעהויבן צו קלערן וועגן איר. ער האָט נאָר געקלערט וועגן זיך. ער איז געלאָפן פונעם באַרג ווי פון אַ שרפה. פאַר זיינע אויגן איז נאָך געשטאַנען דאָס ערשט געזעענע בילד: וואָלאָדיאַ מיט זיין חיהשן געזיכט פיבערט איבער פאַלין און זי שרייט גאָר נישט קיין גוואַלד... וואָס זשע האָט ער, שלמה, געזאָלט טון? בלייבן זיצן און צוקוקן ביזן סוף? צי אפשר צולויפן זיך אָננעמען פאַר איר, פאַר זיך, הייסט עס? פע, עס עקלט אים... מיט וועמען זיך פאַרפירן? מיט וואָלאָדקען? ער איז דאָך אפילו אויף אים נישט רעכט אין כעס. ער איז פון אים נאָר טיף באַליידיקט. וויי, וויי, ווער עס קריכט אין זיין גאָרטן אַריין! און ווי אומפאַרשעמט! פאַר יענערס חתן אין די אויגן... אין מיטן העלן טאָג... און מיט אָט דעם נפש פאַרברענגט זי גאַנצע טעג אַליין... ניין, עס איז מן־הסתם נישט דאָס ערשטע מאָל. פונעם ערשטן אַרויספאַר וואָלט ער נישט געוואַגט אַזוי ווייט... און דאָס וואָרט „משוגענער" זאָגט אויך אויס, אַז זי קען אים שוין פאַר אַזעלכן... גוואַלד, גוואַלד!... און אַ מיידל, וואָס דערלויבט אַזוי מיט זיך צו שפּילן, וואַגט זיך אָנצורופן זיין כלה? דער מומע טייבלס פּלימעניצע? דעם זיידן שלומס אַן אייניקל? מנשהס שוועסטער־קינד? וואַגט אים צו קושן פאַר אַן עולם פרעמדע מענטשן? ניין, דאָס איז אַ חילול הקודש!... זאָל זי זיך געזונטערהייט טרייסלען מיט איר קאָמסאָמאָליעץ, אָבער ער טאָר מער קיין מאָל נישט אַריבערטרעטן איר שוועל. פע... אַ מיאוסקייט!... שקץ תשקצנו, ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!

ער גייט, אויף זיין פּנים ליגט אַ נאַרישער שמייכל. ער איז אויף קיינעם נישט אין כעס, ער באַשולדיקט קיינעם נישט אין אָט דעם פּלוצ־

לעבן פינאַל. עס איז אים נאָר זייער לעבערלעך, ביז טרערן לעבערלעך, ווען ער נעמט אויפן געדאַנק, וואָס פון זיין ליבע איז געוואָרן... ווי נאַריש און ביליק זי האָט זיך געענדיקט...

אויף צו מאָרגנס פאַר נאַכט האָט ער אין גאַס באַמערקט פאַלין און איז אַריבערגעגאַנגען אויפן צווייטן טראָטואַר. זי האָט דווקא עפּעס צו אים געוווּנקען, דאַכט זיך, גאָר נאָכגעשריגן, נאָר ער האָט זיך אַפילו נישט אויסגעדרייט.

קאפיטל XVII

עס זענען אוועקגעגאנגען עטלעכע אומגליקלעכע טעג פאר שלמהן. ער האט זיך נישט געהאט וווהין אהינצוטון. ער האט זיך בשום אופן נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די פארנאכטן, מיט די לאנגע, פרייע שעהן. אויפן פערטן טאג האט ער אין אוניווערמאג זיך באגעגנט מיט וואלאדיען. יענער, דערזעענדיק שלמהן, איז א כמורער צו אים צוגע־גאנגען נאענט־נאענט, דאס גאנצע בלוט איז אים אריין אין פנים און ער האט קריצנדיק מיט די ציין, ארויסגעשיפעט:

—ווארט אוים!... איך וועל מיך נאך מיט דיר א מאל צערעכענען...

— פאר וואס איז, וואלאדקע? וואס האסטו צו מיר?

— פאר דיין אפטראגן זיך דאמאלסט שטילערהייט.

— איך פארשטיי נישט, וואס האט דאס צו דיר? איך בין דען מחויב אכטונג־געבן, ווי דו מאכסט גימנאסטיק?

— וואס עס האט צו מיר, פרעגסטו גאר? איך קען מיך נאך היינט אויך נישט צורירן צו דער באק.

— צו וועלכער באק?

— א נפקא־מינה דיר צו וועלכער, צו דער לינקער...

— האט זי דיך, הייסט עס, א גלעט געטון פאר ליבשאפט?

— אלץ הייסט א גלעט... אן אייזערנע מויד, זאג איך דיר, קיין מאל א פנים נישט געקרענקט.

— איז דאך זייער גוט, וואס זשע דען נאך ווילסטו פון איר?

— עס וואלט אודאי גוט געווען, ווען זי איז נישט קיין משוגענע: דא שטיי נישט, דא ריר נישט אן... עפעס א צעדרייטע, אויף מיין ווארט! נאר דו פארדער מיר נישט די ציין, דערווייל אין דעם פאטש ביסט דו שול־דיק און איך וועל דאס דיר נישט שענקען.

שלמה ווערט פריילעך, ווי מען וואלט אויף אים א נייע הויט ארויפ־געצויגן:

— מילא, וואס קען דארט זיין, וואלאדיא? דו זאגסט, אז דעם פאטש האסטו איבער מיר באקומען? — גיב מיר אים אפ.

וואלאדיא ווערט פארשעמט און גייט אוועק ווארטשנדיק עפעס זיך אונטער דער נאז.

תחילת־נאכט, איז שלמה, ווי עס וואלט גארנישט געווען געשען, אריינ־געגאנגען צו די טולטשינסקים. מחמת דעם נייעם מנהג, וואס שלמה האט זיך לעצטנס געמאכט, זיך גאנץ אפט ארייננכאפן אין די בייטאגן, האט קיי־נער נישט נותן־לב געווען צו זיין אפוועזנהייט אין די לעצטע עטלעכע טעג. פאלי, פון איר זייט, פלעגט לעצטנס אלע פארנאכט שוין אומיסטן ער־גער אוועקגיין פון דער שטוב, כדי עס זאל זיך נישט אויפהייבן קיין פרא־גע: ווו איז שלמה? איצט, דערזעענדיק אים אויף דער שוועל, האט איר

פנים באַדעקט אַ טויטע בלאַסקייט. זי האָט אויף גיך גענומען עפּעס זוכן אין שראַנק, כדי די בני־בית זאָלן נישט באַמערקן, ווי זי האָט זיך גע־ביטן אין פּנים. שלמהס שאַרף אויג האָט אַלץ באַמערקט. קיין מינדסטע באַוועגונג אירע איז פון זיין דורכדרינגענדיקן בליק נישט פאַרהוילן גע־וואָרן.

שלמה האָט זיך דאָס מאָל נישט געלאָזט בעטן. אַליין געהייסן זיך דערלאַנגען טיי, געגעסן פּרוכטן, דערציילט נייעס פון דער וועלט, זיך גע־וויצלט, געלאַכט, געשטיפט מיט די קלענערע קינדער. עטלעכע מאָל האָט ער זיך כלומרשט אגב אורחא, דירעקט געווענדעט צו פאַלין. יענע האָט אָנשטאָט ענטפערן, אויף אים אויפגעהויבן אירע גרויסע, טיפע, בלויע אויגן, פון וועלכע עס האָט געברויזט מיט אַזוי פיל דאַנקבאַרקייט, מיט אַזוי פיל צוגעבונדנקייט; וועלכע האָבן אים באַלוינט פאַר זיינע אַנגסטן מיט אומבאַגרענעצטער צערטלעכקייט. שלמה איז אָפּגעזעסן דאָרט אין שטוב ביז נאָך האַלבער נאַכט. יאַני איז געווען איבערגליקלעך. שוין לאַנג, אַז שלמה האָט מיט זיי צוזאַמען אַזוי פריילעך נישט פאַרבראַכט, ווי אין דעם אויפדערנאַכט.

פאַלי איז אים געגאַנגען באַגלייטן.

זיי האָבן לאַנגזאַם און שטיל געשפּאַנט אין דער ריכטונג צום בולוואַר שעווטשענקאָ. די נאַכט איז געווען אַ דושנע, די לופט — אָנגעלאָדן, ווי ערב אַ שטורעם. די עלעקטרישע לאָמפּן זענען פאַרחלומטע געהאַנגען איי־בער די ראָגן. קיין טראַמוויען האָט מען שוין נישט געהערט. פון צייט צו צייט פלעגט זיך ווי אַ רוח דורכטראָגן אַן אויטאָ און ווידער איז די צענטראַלע שטאָט־מאַגיסטראַל געווען פּוסט, איינגעזונקען אין אַ לייכטן דרימל. אויב עס האָט זיך פון צייט צו צייט יאָ באַוויזן אַ דורכגייער, האָט ער זיך געאיילט וואָס גיכער זיך צו דערקלייבן אַהיים, ווייל אין עטלעכע שעה אַרום וועט אָנהייבן טאָגן. אין בולוואַר איז די שטילקייט נאָך גע־דיכטער געווען, דיביימער האָבן געזונקען אין זיסן שלאָף. נישט קיין ווינטעלע, נישט קיין פייגעלע, קיין זאַך האָט זיי נישט געשטערט זיך אויס־רוען פון דעם מידן זומערטאָג. אין ערגעץ איז נישט געווען צו זען קיין לעבעדיקן נפש. שטומע ווי די סטאַטועס, האָבן זיי פּאַמעלעך געמאָסטן די טריט. צווישן זיי איז געווען אַ היפּשער שטח, ער האָט זיך פון דער שטוב אָן נישט פאַרברייטערט, נישט פאַרשמעלערט.

פּלוצלינג איז פאַלי צוגעפאַלן מיט אַ געוויין צו שלמהס האַנט. זי האָט אַזוי ווי נישט געוואַגט זיך צורירן צו זיין פּנים, נאָר צו דער האַנט. זי האָט די האַנט געגלעט, געקושט און געכליפּעט אָן אָן אויפהער. שלמה האָט זי אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, זיך געזעצט לעבן איר און גענומען זי באַרואיקן:

— נו, וואָס באַוויינסטו מיך, נאַרעלע? איך לעב דאָך נאָך...

פאַלי האָט נישט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט פון אירער. די פרייע האַנט האָט ער געהאַלטן אין טאַש. ס'האָט אים גלייכצייטיק אי געשראָקן אי גע־

איבלט זיך צורירן צו איר, נאָך יענעם בייטאָג. פּאָלי האָט נאָך לאַנג נישט געקענט ענטפערן, זי האָט הארציק געוויינט ווי א קליין קינד, אויפן קול און מיט א ניגון. שלמה האָט נישט אויסגעהאַלטן און האָט מיט דער דלאָניע אָפּגעווישט אירע טרערן.

— נו, וואָס וויינסטו, פרעג איך דיך? איך האָב דאָך דיר גאָרנישט געטון אזוינס...

— אוי, שלמה!... אוי, שלמה!... כ'האָב נאָר געמיינט, אז איך האָב דיך חלילה פאַרשפּילט...

— איך האָב אויך אזוי געמיינט...

— שאַ! אוי, רעד נישט אזוי... אז כ'האָב אנומלטן געזען, ווי דו מיידסט אוים מיט מיר זיך צו באַגעגענען, האָט געפעלט א האָר, אז איך זאָל מיך ווארפן אונטער אַן אויטאָ...

— אַ־אַ! אזוי שטארק האָסטו מיך ליב?

פּאָלי האָט מיט א פאַרוואורף א קוק געטון אויף אים:

— דו פרעגסט נאָך?

— פאַר וואָס זשע פּייניקסטו מיך אזוי?

— גוואלד, שלמהלע, ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אז דאָס איז אזא חיה, אזא נידעריקע בריאה?

— שלמה פּיאַטיגאָרסקי!

— וואָס, שלמה פּיאַטיגאָרסקי?

— ער האָט זיך געריכט דערויף, ער האָט דאָס דערפילט אין אים פונעם ערשטן קוק. דערמאָן זיך מיינע רייד, דעם ערשטן אויפדערנאַכט פון מיין באַפרייאונג.

— אמת טאַקע, איך קען נישט זאָגן, אז ניין.

— און נאָך אַן אמת קען איך דיר זאָגן, אויב דו ווילסט הערן.

— אז וואָס?

— אז עס איז ביי אייך שוין נישט דער ערשטער פאַל אזעלכער, וואָ־לאָדקע איז שוין א רעצידיוויסט...

פּאָלי שפּרינגט אויף פון דער באַנק ווי אַן אָפּגעבריטע:

— ווי אזוי וואַגסטו אזעלכעס צו זאָגן? מיט וועלכע רעכט?!

— אזא רעכט האָב איך דערפאַר, ווייל פּסיכאָלאָגיש איז נישט מעג־לעך, אז פונעם ערשטן מאָל זאָל א מענטש וואַגן אזוי זיך צוקלעפּן צו א מיידל...

— איך האָב זיך נישט געריכט צו הערן פון דיר אזא שפּראַך ווי: „צוקלעפּן".

שלמה האָט זיך ביטער צעלאַכט:

— אַנטשולדיק מיר, הייליקער מלאך מיינער, פאַר מיין גראָב וואָרט. איך האָב אומגערן פאַרפלעקט דיינע גאָלדענע אויערלעך מיט אזא שרעק־לעך וואָרט ווי „צוקלעפּן". ביסט טאַקע גערעכט, יענער, וואָס ער זאָל

נישט טון איז רעכט, נאָר דערפאַר באַנוצט ער זיך מיט אַן איידעלער זשאַרגאָן.

— שלמה, נאָך וואָס אַזוי גאַליק?

— פּאָלי, ערנוואָרט, דו דערמאָנסט מיר יענע מענטשנפרעסער, וואָס זעצן זיך נישט צום טיש אָן קיין סאַלפעטקע און עסן נישט אָן קיין גאָפּל. דו האָסט זיך דערשראָקן פאַר א גרעבלעך וואָרט? הא? האָט דאָס יאָ א פּנים?

— דו באַטאָנסט אַזוי דאָס וואָרט: „דו", גלייך ווי איך וואָלט געווען עפּעס אַן אויסגעשריגענע —

— היינטיקע יאָרן זענען אַזוינע מילדע מיידעלעך נישט קיין אויסגעשריגענע...

— דו באַליידיקסט מיך מיט יעדן וואָרט, ווי די סאַמע ביליקסטע פרוי. אַלץ א דאַנק דיין פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס וואָלט אויך געווען גאַנץ גענוג, נאָר איך האָב א מער גרונטלעכן באַווייז, אַז אָט די ספּאַזמאַטישע אָנפאַלעניש טרעפט ביי דיין וואָלאָדקען שוין נישט צום ערשטן מאָל.

— וואָס פאַר אַזאַ באַווייז?

— ער האָט מיר אַליין דערציילט...

— וואָלאָדיאַ?

— יאָ, וואָלאָדיאַ. דיין קלוגער וואָלאָדיאַ.

— דאָס קען נישט זיין!

— דאַכט זיך, אַז פאַר קיין ליגנער קענסטו מיך נישט.

— ווי אַזוי זשע האָט ער געקענט דערציילן אַזעלכעס וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן?

— אָט וועל איך דיר ציטירן זיינע עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט מיר היינט געזאָגט און דו פּרווו זאָג דאַמאָלסט, אַז מיין פּסיכאָלאָגיע טויג נישט.

פּאָלי האָט א צעטראָגענע געשווינגן און שלמה האָט גיפטיק פאַרגעזעצט:

— אָט דאָס זענען בוכשטעבלעך זיינע ווערטער: „עס וואָלט אודאי מיט איר גוט געווען, ווען זי איז נישט אַזאַ משוגענע: דאָ שטיי נישט, דאָ ריר נישט, עפּעס א צעדרייטע, אויף מיין וואָרט". הייסט דאָס נישט, פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ, אַז דער בחור האָט אויך פריער זיך שוין פיל מאָל געפּרוווט אָנוואַרעמען די הענט אין אייך? און אייך אַליין האָט ער אויך דאַמאָלסט געזאָגט: „דאָס מאָל לאָז איך נישט אָפּ". איז דאָס נאָך אַליין ווייניק? הייסט דאָס נישט, אַז ער האָט שוין א רייכע פּראַקטיק פון ענלעכע פאַלן? אַלאַ נישט, ווי אַזוי דען איז ער געוווּיר געוואָרן, אַז איר האָט א טבע צו זיין אי א משוגענע, אי א צעדרייטע?

פּאָלי האָט שווער געאָטעמט. אירע אַקסלען האָבן קאָנוולסיוו געציטערט. נאָך א לאַנגער פּויזע האָט זי שטיל אַרויסגעשטאַמלט:

— און דיר איז נישט געווען קיין בזיון פאַר זיך אַליין, צו מאַכן ביי וואָלאָדיען אַן אויספאָרשונג וועגן מיר?

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! ער האָט מיך געפּאַקט און געדראָט, אַז ער וועט זיך מיט מיר ערשט צערעכענען.

— פאַר וואָס?

— איך וויים, פאַר וואָס? אַ פּנים דערפאַר, וואָס איך האָב אים מיט מיין אַוועקגיין איבערגעשלאָגן אין סאַמע רעכטן פייער.

פּאָלי האָט אויפגעהויבן אויף שלמהן פולע אויגן מיט טרערן:

— איידער מיר צעגייען זיך איצט, — און אויף וויפל איך פאַרשטיי, איז דער ריס דאָס מאָל אַן אייביקער — וויל איך נאָך אויף איין פראַגע באַקומען פון דיר אַן ענטפער...

שלמה, מיט אַ מילד שמייכעלע:

— איך בין גרייט אייך צו דינען מיט וואָס איך קען נאָר, פּאָלי יאַ־ניס...

— איר זענט שוין אויף אַן ערנסט, זע איך, איבערגעגאַנגען אויף „איר"... נו, מילא, זאָל זיין אַזוי... איך טאָר זיך נישט באַקלאָגן... ווי זאָגט מען ביי אייך: „אַזוי ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען"?... נאָר אויף איין פראַגע וויל איך נאָך פון דעסט וועגן הערן אייער ענט־פער. זאָגט מיר שלמה, נאָר אויפריכטיק, ווי זאָגט מען דאָס: אַרויפ־לייגנדיק די האַנט אויפן הארצן, — אין וואָס זענט איר מיך סוף־כל־סוף חושד? וואָס קלערט איר, פאַלט פון מיר אָפּ דערפון, וואָס איך זיץ מיט אים אויף איין באַנק? צו וואָס, האַלט איר, פאַרפליכטעט מיך דאָס, וואָס איך גרייט צו מיט אים צוזאַמען די לעקציעס?

— מען האָט אַ מאָל אויף אַ חתונה געפרעגט ביי אַ רבין, פאַר וואָס ער דערלויבט נישט, אַז יינגלעך מיט מיידלעך זאָלן טאַנצן צוזאַמען, סטייטש: „כיצד מרקדין", איז דאָך גאָר אַ מצוות־עשה? און וואָס איז די טייטש: „בחורים וגם בתולות"? דער רבי איז געווען נישט קיין שוטה, האָט ער די באַ־בטענה געענטפערט בזה הלשון: „מיך אַרט נישט אַזוי שטאַרק דאָס טאַנצן צוזאַמען, ווי דאָס גייען זיך אָפּקילן צוזאַמען"... פאַר־שטייסט? דאָס גרייטן די לעקציעס צוזאַמען איז אפשר נישט אַזאַ אומ־גליק, ווי דאָס „אָפּפירן", „צופירן", „אונטערפירן", וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם... דיך פערזענלעך בין איך, פאַרשטייט זיך, אין גאָרנישט חושד, אָבער ביי דעם מיין נפש איז אַ קרן אַרומכאַפּן, צודריקן צו זיך און אַזוי ווייטער, ווי ער האָט אונדז דייטלעך באַוויזן. און איך וויל נישט ליידן, אַז עמעצער זאָל זיך אָנוואַרעמען ביי מיין שייטער... אויף דעם געביט בין איך אַ פאַרביסענער אַנטי־קאָמוניסט... אַ קעמפנדיקער... דו דאַרפסט עס געדענקען נאָך פון יענעם שמועס אויפן שליטן פאַרנדיק פון כמעלניק קיין זווענעיגאַראָדקע... און ווי באַלד, אַז דו האָסט אין דער פראַגע אַן אַנדער מיינונג, דאַן איז —

פּאָלי, מיט אַ ציטערנדיקער שטימע:

— איך זע דאָך, אז דו ביסט איבערפולט מיט גיפט און מיט ביטער־ניש צו מיר, נאָך וואָס זשע ביסטו היינט ווידער געקומען צו אונדז?

— פּאַליא, איך ווייס אַליין אויך נישט. איך פרעג דאָס אַליין ביי זיך. די ערשטע מינוט אַרויסלויפנדיק פון אייער שטוב האָב איך זיך געגעבן דאָס וואָרט, מער נישט צו שטערן וואָלאָדיען אין זיין מאָנאַרכיע און מער נישט אַריבערצוטרעטן אייער שוועל, נאָר דאָס איז געווען בלויז די ער־שטע מינוט און וואָס שפּעטער מיט א טאָג, מיט א שעה, איז אין מיינע אויגן דיין שולד אַלץ בלייכער געוואָרן, אַלץ קליינלעכער, אַלץ קליינלע־כער און היינט, אז וואָלאָדיא האָט מיר צוגעזאָגט זיך נאָך נוקם זיין אין מיר פאַר דעם פּאַטש, וואָס ער האָט געכאַפּט פון דיר, איז מיר עפּעס גע־וואָרן אַזוי פרייליך אויפן הארצן, אַז איך האָב מיך גאָרנישט געוואָלט אריינלאָזן אין קיין טיפע חקירות און בין צוגעגאַנגען.

— שלמה! ליבער מיינער! טייערער, הארציקער, געטרייער...

פּאַלי איז געזעסן אויף דער הוילער ערד מיטן קאָפּ צווישן זיינע קני. זי האָט באַשיט מיט קושן און מיט טרערן זיינע הענט, זיינע מלבושים, די לופט פון זיינע ד׳ אמות. שלמה האָט זי אויפגעהויבן, צוגעטוליעט צו זיך ווי א פּיצל קינד און פאָטערלעך געגלעט אירע האָר, איר פּנים, איר האַלדז. זי האָט ווי א מיד קינד אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט:

— דו מיינסט, איך פיל נישט, אַז דו האָסט מיר נאָך נישט אין גאַנצן מוחל געווען? דיין האַנט אויף מיין פּנים פלאַטערט ווי א פרעמדע. א קוש מיר צו געבן מיאוסטו זיך... איך פיל דאָס גאַנץ גוט, נאָר איך האָב אפילו דאָס אויך נישט פאַרדינט. א דאַנק פאַר דעם ביסל. אָנשטאָט אַרויפצו־טרעטן מיטן שוך אויף מיין לייכטזיניקן קאָפּ, האָסטו אים נאָך אָנגע־שפּאַרט אין דיין ברוסט. אָך, ווען איך זאָל דיך געווען הערן נאָך די עק־זאַמענס... ווי גליקלעך האָבן מיר שוין געקענט זיין...

— פּאַליא, דאָס קען מען פאַרריכטן אפילו שוין מאָרגן...

— אָך, שלמה, טייערער, וואָס פאַר א גליק איז פאַר מיר צו הערן פון דיין מויל, אַז דו ביסט נאָך אַצינד אויך גרייט מיט מיר זיך צו פאַרבינדן, נאָר אַצינד איז אוממעגלעך. איך האָב שוין אַזוי פיל כוחות אוועקגעלייגט אויף דעם „עקסטערנעם קורס״, אַז איך קען זיך שוין נישט אָפּזאָגן פון דער אונטערנעמונג.

— און וואָס וועט זיין, אויב דו וועסט נישט אויסהאַלטן?

— אַזאַ שונא ביסטו מיר דען, וואָס דו לייגסט מיר אוים צום שלעכטן?

— איך לייג נישט אויס, איך פרעג נאָר.

— ניין, איך מוז אָנקומען אויפן דריטן קורס, עס זאָל זיך אפילו איבערקערן די גאַנצע וועלט קאַפּויער! איך שפּאָר אָפּ צייט פון עסן, פון שלאָפן, פון באַגעגענישן מיט דיר, איך זע נישט די ליכטיקע שיין פאַר די אויגן, נאָר דאָס יאָר, וואָס איך האָב גענדאַרפט פטרן אויפן צווייטן קורס, מוז איך געווינען. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז אויגוסט. עס זענען

נאָך אין גאַנצן געבליבן אוועלכע זעקס, זיבן וואָכן צו די עקזאַמענס. און דאַן — פון דער ערשטער לעקציע אויפן דריטן קורס — גלייך אונטער דער חופה אַרונטער...

— פּאָליטשקע, עס רייסט מיר ממש דאָס האַרץ אויף דיר. דו לייגסט אַריין אַזוי פיל נשמה, אַזוי פיל אילוזיעס אין אַ זאַך, וואָס קען דיר אין פיל יאָרן אַרום ברענגען פינף הונדערט רובל אַ חודש געהאַלט. גוואַלד געשריגן, פאַר וואָס זעט אויס ביי מיר אין די אויגן דיין גאַנץ יאָגעניש אַזוי לעכערלעך? פאַר איין פרייער מינע אויף דיין פנים, וואָלט איך דיר באַצאָלט מי יודע וויפל און דו לייגסט אַוועק דיינע כוחות אויף וואָס, אויף ווען?

— שלמה, ליבינקער, מאַך מיר נישט וואָלוול מיין אידעאַל... זאָל זיין, אַז עס איז אַ נאַרישקייט, איך האָב זיך שוין אָבער זייער פיל מפקיר געווען פאַר אָט דעם נאַרישקייט, דעריבער איז דאָס ביי מיר אַזוי טייער...

— אַן אַנדער ברירה האָב איך מיט דיר? לאָמיר שוין וואַרטן. איך זאָג שוין אַזוי אויך אַ מאָל אַ קאַפּיטל תהילים, זאָלסט שוין וואָס גיכער און וואָס בעסער ענדיקן.

— אַך, לעבן מיינס...

די נאַכט האָט ליידנשאַפטלעך אַ קרעכץ געטון. צוויי קערפּערס זע־נען געווען איינגעזויגן איינער אין דעם אַנדערן. דער פאַרטאָגיקער לבנה־סערפּ האָט באַלויכטן פאַרשכורטע צוויי יונגע לייט איינגעקלאַמערט איי־נער אין אַנדערן, און נישט וויסנדיקע אויף וועלכער וועלט זיי געפינען זיך. עס האָט געדויערט אַן אייביקייט, ביז זיי האָבן זיך דערמונטערט. פּאָלי האָט צאַרט אַרויפגעלייגט אירע שיינע הענט אויף זיינע באַקן:

— שלמהלע, הייסט עס צוריק שלום? לחלוטין — מוחל?

— איך האָב קיין מאָל נישט ליב אָפּצוטון אַ האַלבע אַרבעט.

זי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט:

— איך וועל דיר דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן, קיין מאָל נישט. ביזן טויט אַריין. דו האָסט מיך ממש אומגעקערט צום לעבן.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און זיך געלאָזט גיין אויף אוריצקע־גאַס. שלמה באַמערקט, אַז פּאָלי האָט עפּעס אויף דער צונג. זי האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגעהויבן רעדן און קען זיך אַלץ נישט באַשליסן. עס קלעקט איר נישט קיין מוט דערויף. ער איז איר געקומען צו הילף:

— וואָס אַזוינס מוטשעט דיך די גאַנצע צייט, וואָס דו קענסט זיך בשום אופן נישט באַשליסן עס אַרויסצוזאָגן?

— אוי, איך האָב צו דיר אַ ביטע... דאָס הייסט, נישט קיין ביטע, איך וויל מיך מיט דיר האַלטן אַן עצה און וואָג אַלץ נישט אָנצוהייבן.

שלמה קוקט אַריין פּאָלין טיף אין די אויגן און זאָגט שמייכלענדיק:

— צו וואָס דאַרפסטו נאָך פרעגן? און אַז איך וועל דיר זאָגן ניין, וועסטו מיך דען פאָלגן?

— וועגן וואָס רעדסטו?
— טאַקע וועגן דיין ביטע...
— פֿון וואַנעט ווייסטו דען, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן?
— אויב דו ווילסט שטאַרק, קען איך דיר דאָס זאָגן...

פֿאָלי קוקט פֿאַרלוירן אויף שלמהן און קען פֿאַר שרעק אַ וואָרט נישט אויסרעדן.

— דו האָסט מיך געוואָלט בעטן אָדער מיר מעלדן, אַז דו מוזסט צו־ריקרופֿן וואָלאָדיען, אָן אים קענסטו נישט פֿאַרענדיקן די „צוגרייטונגען".

— גאָט מיינער, דו ביסט אַ כשופֿמאַכער!... פּונקט ווי דו זאָלסט געווען זיין ביי מיר אין די מחשבות.

— קיין שום כּשוף איז דערביי נישטאָ. אויף דיין פּנים איז עס גרינג איבערצולייענען.

— וואָס זשע זאָגסטו מיר? פֿאַרשטיי אַליין מיין לאַגע... עס גייט פֿאַרלוירן מיין גאַנצע האָרעוואַניע... כ'קען זיך בשום אופֿן אַליין נישט קאָנצענטרירן...

— כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז פֿרעגן דאַרף מען נאָר אויף דעם, וואָס מען איז גרייט צו פֿאָלגן. נאָר איין זאַך וויל איך דיך בעטן: כ'וויים דאַרטן, ווי אַ זאַך מאַכט זיך... מוטשע אים נישט... טו אים צו ליב... עס איז אַ צער־בעלי־חיים...

פֿאָלי שפּרינגט אָפּ פֿון שלמהן אויף עטלעכע טריט, ווי פֿון אַ בים:
— גוואַלד, גזלן! וואָס האָסטו זיך גענומען אויף מיינע יונגע יאָרן?
— פֿאָליאַ, „נשמה פֿון מיין נשמה", דאָס וואָלט איך געדאַרפֿט פֿרעגן ביי דיר...

קאפיטל XVIII

ווידער האָבן זיך אַ שאָט געטון טעג מיט וואָכן, קאַלירלאָזע, ווי די זאַמדן אויף די קאַראַ־קומער סטעפּעס. איין טאָג איז געווען ביז גאָר ענ־לעך צום צווייטן און דער צווייטער — אויפן דריטן. אַלץ איז געגאַנגען מיטן אויסגעטרעטענעם וועג. ווידער האָט פּאָלי מיט וואָלאָדיען גאַנצע טעג פאַרבראַכט איבער די ביכער. די נעכט, פלעגט מען זיך נוהג זיין לויטן וועטער: איז געווען שיין אין דרויסן, פלעגט שלמה ערגעץ גיין מיט פּאָלין, טאָמער נישט, זענען זיי געזעסן אין דער היים. די גאַנצע שטוב ביי יאַנין האָט אַרויסגעקוקט אויף פּאָלים עקזאַמענס ווי אויף משיחן, און שלמה נאָך מער פון זיי אַלע. די געשעפטן ביים טאַרגסין זענען גע־גאַנגען אַ מאָל גאָר גוט, און אַ מאָל — נישט אַזוי גלענצנדיק. פון קאַ־ראַוואַיעווסקע 67 איז שלמה געווען שטאַרק אָפּגעריסן. סיידן צופעליק, אויב ער פלעגט זיך באַגעגענען מיט איינעם פון זיינע חברים, דאַן פלעגט ער זיך שטאַרק דערפרייען. פון זיינע פאַרדינסטן פלעגט ער אַ דריטל און אַ מאָל אויך האַלב אָפּגעבן אויף חיזוק־הדת. געלט — יאָ, אָבער זיך אַליין — נישט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי אין עולם התוהו. אין יענע טעג איז ער געווען געגליכן צו אַ שוואַנגערער פרוי ענדע ניינטן חודש: זי נעמט זיך צו פאַרשידענע אַרבעטן, אָבער עס טוט זיך דען? זי גייט נאָך אַהין, אַהער, אָבער עס גייט זיך דען? זי עסט, זי טרינקט, אָבער עס פעלט איר דען אויס? איר גאַנצער מהות איז איצט קאָנצענטרירט אויף איין זאַך: דאָס קינד דאַרף געבוירן ווערן!... עס קען זיך שוין מער נישט זאַמען, עס מוז שוין קומען אויף דער וועלט! אַלע חשבונות האָבן זיך שוין געענדיקט. אָפט מאָל, זייענדיק אין אַ שטוב, וווּ עס איז געהאַנ־גען אַ קאַלענדאַר, פלעגט ער מעכאַניש אויפמישן דעם ערשטן סעפּטעמ־בער* און אַזוי שטיין און טראַכטן: אָט אין דער דאַטע וועט שוין נעמען אַן עק צו מיינע ליידן, צי דער בעכער איז נאָך אַלץ נישט פול?

איין מאָל גייענדיק צוזאַמען פונעם דניעפּער, ווו זיי האָבן זיך גע־באָדן, פרעגט מנשה שלמהן:

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר פּריילעכם?

— פּאַר פּרנסה קען איך צו גאָט קיין טענות נישט האָבן.

— נו, און חוץ פּרנסה?

— וואָס הייסט חוץ פּרנסה? וועלכע נייעס ווילט איר?

— מיט „איר" ביסטו נאָך אַלץ נישט פאַרטיק?

— האָט קיין מורא נישט, אייער סידור־קידושין וועט קיינער נישט צונעמען.

— ניין, כ'מיין ערנסט, וואָס טוט זיך ביי אייך?

---

* דעם ערשטן טאָג פון נייעם לערן־יאָר.

— עס טוט זיך גארנישט. לעת עתה איז שטיל...

— אויף דער וועלט, אז ס'איז שטיל, איז א סימן, אז ס'איז רואיק, אָבער ביי א פּאָרפּאָלק איז די חקירה פונקט פארקערט. צי ביי אייך זע־נען אפשר די יוצרות איבערגעדרייט?

שלמה שווייגט. מנשה באטראכט אים פונעם קאפּ ביז די פיס מיט א באדויערנדיקן בליק און א צערייצטער שיסט ער אויס:

— איך זאג דיר נאך א מאל דאס, וואס כ'האב דיר שוין געזאגט הונדערט מאל: געדענק, דו ביסט עתיד ליתן את הדין פאר דיין לאזן מאכן פון זיך עפר ואפר...

— וואס לאז איך דען? מיט וואס מאכט זי —

— וואס לאזסטו, פרעגסטו נאך? דו האסט נאך א העזה צו פרעגן: וואס לאזסטו? און וואס לאזסטו דען נישט טון מיט זיך? נאך א שלעכ־טע לעקציע האט זי דיר געגעבן פאר דער טורמע און נאך דער טורמע? נאך וויניק פאר דיינעט וועגן? מה יתן לך ומה יוסיף לך — לשון רמיה!

שלמה האט פארביסן א ליפּ און גארנישט געענטפערט. מנשה, זעענ־דיק, אז יענער שווייגט, האט ווייטער גערעדט מיט אן אלץ־וואקסנדיקן פארדרוס:

— נישט אומזיסט זאגט מען: עולם — גולם... די וועלט מיינט: שלמה... שלמה... א צדיק הדור! זיי פאלט גארנישט איין, אז מען קען אפילו זיין א „מחזה שדי יחזה" און דאך — א בלעם!

— הערט איר, מנשה, הלמאי זאל איך זאגן? מיטן צינגל זענט איר דווקא א גאנצער קנאקער: „לשון רמיה", „בלעם", נאר ווי זאגט מען דארט אין „איוב": „ותגיע עדיך ותבהל"...

— דיינע תירוצים שמעקן מיט: מוישע — קאפּוישע, בערל — שמערל, זיי מיך דוחה בקש, זיי מיך... זיי מיך...

נאך א ווײַלע שטילשווייגן האט ער ווידער אנגעהויבן:

— איי, רבונא דעלמא כולה, מה נאמר ומה נדבר? ס'איז א גרויסער ווייטיק אין הארצן און מער גארנישט. אזא שלמה, אזא געהויבענער שלמה זאל זיך אויסגליטשן אויפן גלייכן וועג און... און בלייבן ליגן... אויף דיר מעג מען באמת זאגן: „אמרתי לעשות ענבים ויעש באושים"...

— ווי זאגט מען דאס: הייב מיך נישט אויף צו הויך, כדי דו זאלסט מיך דערנאך נישט דארפן אראפּווארפן צו נידעריק... כ'וואלט געוואלט וויסן, וואס „אזאקעט" איר? „אזא שלמה", „אזא שלמה"...

— מכלומרשט ווייסטו גארנישט דיינע מעלות... האסט א מאל גע־הערט ווי מען טייטשט בדרך הלצה: „כי הלל רשע, על תאות נפשו" — אז ער דארף זיך ממלא־תאוה זיין, אפּטון עפּעס א געמיין עובדהלע, ווערט ער אן עניו ווי הלל הנשיא... חידושט ער זיך מכלומרשט: ווע־איז ער דען? וואס איז ער דען?

נישט לאזנדיק שלמהן אויסרעדן א ווארט, האט ער אים ווייטער גע־מוסרט:

— איי־איי־איי, שלמה, וואָס פון דיר איז געוואָרן... געוועז אזא ווויל־ער בחור און געוואָרן אזא לעמעשקע. שטענדיק נערוועז, צעזאָטן, שטעכנ־דיק. קוקט נישט גלייך אויף קיין מענטשן, חברט זיך נישט מיט קיינעם. ביי זיך אין שטוב אָנגעבלאָזן ווי א בער: רעד צו אים נישט, ריר אים נישט אָן. עס קען פּלאַצן ביי אים דער בלאָטער. די גאַנצע וועלט מאַכסטו מעוברת מיט דיין עקשנות! און טאָמער מיינסטו, אז עס וועט עפּעס זיין דערפון? גלייב זשע מיר, אז ניין! יענע איז פון דעם טיפּ מיידלעך, וואָס עס פעלט זיי נישט דאָס חתונה האָבן. מיידלעך מיט פּישבלוט. און ווי באלד אזוי, וועט דיר גאָרנישט העלפן. היינטיקס יאָר האָט זי א תירוץ — לערנען. איבער א יאָר וועט זיין עפּעס אַנדערש, און אזוי אָן א ברעג... דו געדענקסט פאַר דריי יאָרן אין דער צייט אונדזער שמועס אין סוכה? איך האָב דיר אָנגעוויזן אויף חנהן מיט פּאָלין, ווי זיי זענען געזעסן אויף איין בעטל און איך האָב געזאָגט: — „קוק אויף חנהן, אט אזוי פינצטער וועט אויך זיין פּאָלי! קוק אויף מיר, אזוי וועסטו אויך זיין, אויב דו וועסט ביי צייטנס נישט פאַרכאַפּן אָפּצולעשן דיין שרפה". דו געדענקסט, אז איך האָב דיר אזוי געזאָגט? האָסט מיך אפילו געוואָלט דאַמאָלסט שלאָגן פאַר דעם פאַרגלייך, איא אזוי? ווי עס איז, זענען שוין דאַנקען גאָט פאַריבער דריי יאָר. אין דריי יאָר אַרום וועסטו נאָך אויך האַלטן פאַר „מה טובו". און אין זעקס יאָר אַרום אויך. עס איז אזא קרעטשמע, וואָס מען שטייט דאָרט לאַנג. דו ביסט שלעכט אַריינ־געפאַלן, ברודערקע... זייער שלעכט! עס ברענט אַרום דיר א פייער, דו אליין ליגסט אויפן מזבח און באַמערקסט דאָס אַלץ נישט. עס איז שטאַרק נישט גוט מיט דיר, איין גאָט זאָל אויף דיר רחמנות האָבן און דיר ביי צייטנס עפענען די אויגן, נישט ווי מיר, בעת איך האָב שוין א האַלבע וועלט אָפּגעלעבט און בין פאַרבליבן אַן עלנטער, א פאַריתומטער.

— מנשה, איר זענט פּשוט א רוצח, קיין אַנדער דוגמא האָב איך פאַר אייך נישט... א שטייגער, וואָס גייט איר אַרום און שנײַדט פון מיר שטיקער? אייערע רייד זענען פאַר מיר ממש כמחט בבשר החי און וואָס וואָס גיט עס?

— ווי אזוי זשע קען איך שווייגן, אז דו ווילסט נישט פאַרשטיין אזא פּשוטע זאַך, אז דו און פּאָלי טאָרט זיך גאָרנישט נעמען... די טבע ביי יעדן פון אייך איז לגמרי אַן אַנדערע, גאָר אַן אַנדער מזג, היהפוך כושי עורו?...* דו ביסט א מענטש מיט א געשטעלטן געדאַנק; א מענטש, וואָס טראָגט אויף זיך דעם אחריות פאַר יעדן קוצו של יוד; פאַר אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט אָדער געטון; און זי? — איך דאַרף דיר דערציילן? דו האָסט דאָך געזען יענעם ערב שבת פאַר נאַכט, אדרבה, זאָג אַליין: וויפל רויערט ביי איר פון נשיקה ביז נשיכה — א רגע כמימרא! דו און זי, דאָס איז דאָך בשר און דגים, דאָס איז דאָך לח ביבש, דאָס איז דאָך שעטנז גמור!... גוואַלד, ווו זענען דיינע אויגן? ווו איז דיין האַרץ?

* „צי קען א נעגער בייטן זיין הויט?" פון פסוק ישעיה.

— איר ווייסט נישט? „השיגוני עונותי, ולא יכולתי לראות, עצמו משערות ראשי, ולבי עזבני"...

— שיטסט מיט פסוקים, אזוי ווי טביה דער מילכיקער און מיינסט, אַז דערמיט ביסטו שוין יוצא... געדענק, דו וועסט זיך אַ מאָל קלאַפּן „חטאתי" און ביטער וויינען אויף דיין קשיות־עורף... איך בין נישט קיין נביא, נאָר איך זאָג דיר נביאות... און סתם אָן אַלעמען, היתכן? ווו איז מענטשלעכקייט? ווו איז פשוטער יושר? ווען דו זאָלסט שוין אפילו נחת האָבן פון דיין נאָכשלעפּן זיך איר ווי אַ נאַסע שמאַטע, ווי אַזוי האָט מען נישט קיין רחמנות אויף די עלטערן? דער טאַטע איז דאָך שוין פון דיין תהלוכת שוואַרץ ווי די ערד... עס וואָלט דאָך פשוט געווען אַ מצווה פאַר גאָט —

— ווער גייט עס טון אַזעלכע מצוות? ווער איז דאָס ביכולת זיך מקריב צו זיין עולה כליל, כדי צו פאַרשאַפן אַ נחת־רוח די עלטערן?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּראַך — ווער גייט? יעדער ייד איז מחויב —

— מן הסתם האָט איר געהערט פונעם זיידן שלומן דעם שיינעם ענטפער, וואָס אַ קעשעניעווער נגיד האָט אַ מאָל געענטפערט דעם סקווירער רבין ז"ל. צום סקווירער רבין זי"ע, איז אויף ראש־חודש אלול געקומען אַ בעסאַראַביער ייד, אַ מגושמדיקער נפש, אַ פאַרפונדעוועטער גביר און כנהוג — אַ קמצן הגדול הגבור והנורא. גראָד האָט מען דאַמאָלסט אין „הויף" צונויפגענומען געלט אויף אַ דבר העומד ברומו של עולם, כ'ווייס דאָרטן וואָס: פדיון שבויים, צי הכנסת־כלה. איידער די מקבצים זענען צוגעגאַנגען צו אָט דעם קעשעניעווער „געבער" האָבן זיי ביי זיך פריער אָפּגעמאַכט, אַז ווייניקער פון אַ „כף־הא'ער" נעמען זיי נישט. אויף אַזאַ דבר גדול מעג ער זיך צעגאַרטלען, דער „דבר אחר ביד חזקה". און כך הוה: אַז זיי האָבן אים שוין גוט אויסגעמאָלט דאָס גרויסקייט פון דעם ענין אויף וועלכן זיי גייען אַרום מאַכן דאָס געלט, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פונעם גרויסן טייסטער אַ חצי רו"כ און זיי צוגעווונטשן, אַז זיי זאָלן מצליח זיין... האָבן די יונגעלייט נישט געוואָלט נעמען. האָט דער נגיד נישט געוואָלט מער געבן. בקיצור: ס'האָט זיך געטון אויף טישן און אויף בענק, ביז די צונויפגעמערם האָבן אים צוגעקלאָגט צום רבין אַליין. דער רבי ז"ל האָט אים געשיקט רופן אין זיין חדר מיוחד און זאָגט אים: „סטייטש ר' שמעון דוד, יענע מעסטן זיך אָן צו נעמען ביי אייך אַ גאַנצן פינפאונצוואַנציקער, גייט איר און נעמט אַרויס אַזש פופציק קאָפּיקעס... ס'איז דאָך אַזאַ גוואַלדאָוונע מצווה"... ענטפערט דער בעסאַראַביעץ: „רבי, איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז ס'איז אַ גרויסע מצווה, אָבער גלייבט מיר רבי, אַז פאַר אַזאַ מטמון מיט געלט פאַרגין איך זיך אפילו קיין עבירה אויך נישט טון"...

מנשה לאַכט און בייזערט זיך גלייכצייטיק:

— גלייכווערטלעך... גלייכווערטלעך... פאַררעדסט די ציין... החלום בא

ברוב ענין... ווי האָט געזאָגט דער „חכם מכל האדם״: „ושמת סכין בלועך, אם בעל נפש אתה״ *, מיר דאַכט, אַז נאָך דעם אומגעהערטן שפיכת־דמים, וואָס פֿאָלי האָט דיר פֿאַרשאַפֿט זינט ווען אָן דו האָסט איר טריפֿהנעם פּרצוף דערזען, וואָלסטו אויף איר פּנים נישט געדאַרפֿט קוקן, זי וואָלט דיר גע־דאַרפֿט זיין כחומץ לשנים וכעשן לעינים...

— און ביי מיר איז זי: כחמץ לשנים וכאישון לעינים**... דאַכט זיך, גאָרנישט אַזאַ גוואַלדיקער שינוי, האַ?

— מליצהווע, מליצהווע... איך זאָג דיר אַ מילתא בטעמא און דו האָ־דעוועסט מיך בקש ובגבבא... *** שטענדיק איז ביי אים גלייך... רעד דברים־בטלים, רעד תכלית, ער ווייסט נאָר זיך חכמענען... כ׳האָב מיט דיר שוין איין מאָל געטראָפֿן, וואָס האָסטו צו קלערן?

אַ שטיק וועג גייען זיי שווייגנדיק. מיט אַ מאָל הייבט מנשה ווידער אָן צו רעדן, אָבער דאָס מאָל שוין נישט ווי קיין שטראָפֿנדיקער נביא, נאָר ווי אַ בעטנדיקע מאַמע:

— אַך, דאַכט זיך, אַזאַ קלוגער ווי שלמה, און אַזוי נאַריש פֿאַרשפּילן די יאָרן, אַזוי פֿאַרנאַרט זיין, האָבנדיק פֿאַר די אויגן אַזאַ בלום, אַזאַ אבן־טוב ווי מיין דינה... אַ שטייגער, ווען מען זאָל מיר געווען אַזעלכעס ווייזן, וואָלט איך דאָך געווען נאָכגעלאָפֿן איבער מדבריות צו פֿוס... און דאָ, שטרעק אויס די האַנט און נעם... האָסט אַ טריפֿהנעם מזל צו מייד־לעך, אַלעמען געפֿעלסטו. זיי זשע נישט קיין כפוי־טובה, האָב זשע שכל ובנה בית בישראל כהלכות גוברין יהודאין, נעם דיר דיינס גלייכן און וויים פֿון אַ לעבן צו זאָגן, איז ניין! ציט עס דיך אין שאול תחתית אַריין און איך פֿיל, אַז דו וועסט אַזוי פֿאַרפֿאַלן ווערן. ווייסטו פֿאַר וואָס? ווייל דו גייסט קעגן דעם דרך־התורה. משה רבנו האָט אַזאַ יינגל ווי דו נישט גע־הייסן נעמען פֿאָלין און דער בעל־שם־טוב אויך נישט. פֿאָלי עסט טרי־פֿות; פֿאָלי איז מחלל שבת; פֿאָלי עסט חמץ אום פּסח; פֿאָלי פֿאַסט מסתמא נישט יום־כּפּור; פֿאָלי וועט נישט אָפּהיטן דאָס, וואָס אַ יידישע טאָכטער דאַרף אָפּהיטן; פֿאָלי איז פֿון אַלע זייטן טריף ווי חזיר און דו קוקסט דערויף נישט. דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס דו ביסט אַליין אויך געכאַפּט אויף דער מעשה. לא לחנם הלך הזרזיר אצל העורב, כי מינו הוא. **** דיינע ביכער האָבן דיר קיין יראת־שמים נישט צוגעגעבן... האָסט

---

* זאָלסט זיך אַריינשטעקן אַ מעסער אין שלונג, אויב דו ביסט אַ מענטש מיט אַ נשמה. פֿון משלי.

** אין אָריגינאַל: „ווי עסיק צו די ציין, און רויך צו די אויגן״. אין ווערטער־שפּיל: „ווי ברויט פֿאַר די ציין, און דאָס שוואַרצאַפּל פֿאַר דעם אויג.

*** שטרוי און פּאַלאָווע.

**** נישט אומזיסט איז געגאַנגען דער זרזיר צו דער קראָ, נאָר ווייל — זיי זענען פֿון איין מין.

זיך איינגערעדט, אַז ס׳איז פּקוח נפש און דו לויפסט איר נאָך. צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר דער גאַנצער וועלט לויפסטו איר נאָך. מען לאַכט שוין פון דיר אין דער גאַנצער שטאָט. מען טייטלט אויף דיר מיט די פינגער ווי אויף אַ מענטשן, וואָס עס פעלט אים אַ קלעפּקע אין מח און דו לויפסט איר אַלץ נאָך. נאָר עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, קוים גייסטו קעגן דער תורה, וועט דיר אומעטום גיין שלים־שלימזל... כאַפּ זיך אויף, שלמה, דו שלאָפסט שוין צו לאַנג. קענסט נאָך פאַרשלאָפן דעם גאַנצן יאַריד...

— צו וואָס רעדט איר דאָס אַלץ, מנשה? אַז נישט ווייסט איר דען נישט, אַז דאָס זענען אומזיסטיקע רייד? עס וועט סיי ווי סיי גאָרנישט העלפן...

— אויב עס וועט נישט העלפן, איז טאַקע אויף דיר אַ גרויסער, גרויסער רחמנות, אַ פיל גרעסערער ווי אויף מיר אין דיינע יאָרן. מילא איך האָב נישט חתונה געהאַט, אָבער איך בין כאָטש געווען מיט לייטן גלייך, כ׳בין קיין מאָל נישט אַרומגעגאַנגען אַזוי פריטשמעליעט ווי דו. דו גייסט דאָך אַרום ווי אַ דערהרגעטער. איי, שלמה, שלמה! דאָס האַרץ טוט מיר באמת וויי אויף דיר.

— וואָס קען איך מיר העלפן? עס איז מיר שוין אַזוי באַשערט: גרויסע גבורים אומוואַרפן, אַ טוץ אויספאַרשערם — מאַכן צום נאַר, און אַליין — פאַלן פון אַ מיידלשער האַנט, לקיים מה שנאמר: „נשים משלו בו״... דאָס איז נישט צופעליק. דאָס איז אַ השגחה פּרטית. איי, ווייסט איר וואָס? לאָמיר מער דערפון נישט רעדן... עס איז נאָר אַ האַרצווייטיק און מער גאָרנישט...

זיי גייען פאַרביי דעם ניקאָלאַיעווסקי פּאַרק און טרעטן אָפּ זיך אַ ביסל אָפּקילן פון דער אומדערטרעגלעכער היץ און פאַר איין וועגס זיך אָפּ־רוען פונעם לאַנגן וועג. אין דער צענטראַלער אַלייע איז שאָטנדיק און דער־פרישנדיק־קיל. די אַקאַציע־ביימער, די קאַשטאַנען־ביימער און די שפּעט־בליענדיקע ליפּאָווע ביימער באַשיצן די בענק פון דער סמאַליענדיקער זון. דער דריי־גאָרנדיקער פאָנטאַן טרייבט זיין שוימיקן וואַסערפאַל און קאַרגט נישט קיין קילע טראָפּנדלעך פאַר די נעזער פון די זיך־אָפּרוענדי־קע. קיין פרייע פּלעצער אין „צענטער״ פּאַרק, זענען נישט בנמצא. אַלע בענק זענען פאַרנומען מיט אַלטיטשקע, מיט קינדער, און מיט סתם שכנים פון די אַרומיקע גאַסן. מנשה מיט שלמהן האָבן זיך פאַרנומען אין אַ זייַ־טיקער אַלייע. דאָרט איז געווען נאָך קילער, אָבער קיין בענק זענען שוין דאָרט נישט געווען: זיי האָבן אויסגעטון די אויבערדעקלעך און לאַנגזאַם זיך געלאָזט שפּאַצירן אַהין און צוריק. לאַנג האָבן זיי שפּאַצירט שווייגנ־דיק, יעדער פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. מנשה האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— שלמה, דו האָסט זיך געזעגנט מיט מאיר סעגאַל?

— אַז ער איז אַוועקגעפאָרן ווייס איך, אָבער זיך מיט אים געזעגע־נען האָב איך נישט באַוויזן. איר ווייסט נישט וווהין ער איז געפאָרן?

— וווהין ער איז געפֿאָרן ווייס איך נישט, אָבער צוליב וואָס ער איז געפֿאָרן — ווייס איך יאָ.

— מן הסתם דיני־ממונות —

— ניין, דאָס מאָל דווקא דיני־נפשות. מטעם כמוס האָט ער דאָס געהאַלטן בסוד, אָבער איך ווייס פֿון אַ מקור־נאמן, אַז ער איז געפֿאָרן זיך אָנקוקן מיט אַ מיידל.

— טאַקע באמת?

מנשה איז פֿאַרטראַכט און ענטפֿערט געלאַסן, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט:

— טאַקע באמת. און אַט וועסטו זען אַ שיינס, אַז ער וועט זיך אומקערן צוריק מיט אַ טלית...

— מיט אַ טלית קטן?

— ניין, דווקא מיט אַ טלית גדול. ס'איז ביי מיר כמעט בלתי ספק.

— איך בין מאירן אַ גוטער פֿריינט, זאָל אים גאָט העלפֿן, שוין טאַקע צייט אויך. און ווי זאָגט מען: אויב ס'איז פֿאַר מאירן, זאָל זיך דאָס שלייערן, אָבער איר זענט אַ מאָדנער מענטש, מנשה. אויף וואָס קוקנדיק זענט איר עפּעס אַזוי זיכער? אַ שטייגער, וויפֿל מאָל אין אייער לעבן האָט איר זיך אָנגעקוקט מיט... מיט דער „סטרא דנוקבא", * און אייער טלית ליגט נאָך עד־היום אין בערשעד... **

— לא ראוי זה כראוי זה... פֿון מיר איז קיין ראיה נישט. מאיר איז נישט אַזאַ בטלן ווי איך. בכלל, ווייס איך, פֿאַרט ער נישט אַרום צוליב אַזעלכע מסחרים, נאָר אויב ער איז שוין יאָ געפֿאָרן, איז מובטח לו —

— מיט אייער קלוגן „קא משמע לן", דערמאָנט איר מיר דעם באַקאַנטן ענטפֿער פֿון יענעם פּוילישן יידן —

און אויסמיידנדיק מנשהס פֿאַרוווּנדערטן קוק האָט שלמה דערציילט:

— אַ פּוילישער חסיד זאָגט צו אַ מתנגד: „יונגערמאַן, דו האַלטסט זיך דאָך פֿאַר אַ גאַנצן צורבא מרבנן, אַנו זאָג מיר אַ פּראָסטע זאַך — וווּ איז פֿונעם חומש געדרונגען, אַז אברהם אבינו איז געגאַנגען אין אַ היטל?" דער מתנגד, כאָטש ער איז געווען אַ למדן מופֿלג, קוועטשט מיט די אַקסלען און קען בשום אופֿן נישט פֿאַלן אויפֿן שכל, וווּ אַזאַ זאַך איז מרומז. דער חסיד שמייכלט זיך פֿאַר נחת און זאָגט מיט נצחון: זעסטו שוין, תנא בר, מיין באַבעס? דאַכט זיך אומעטום פֿול, און אַז עס קומט צו עפּעס ביסטו נישטאָ אין דער היים. און איך וועל דיר דווקא יאָ זאָגן. עס שטייט אין פּסוק: „ואברהם הלך". און אברהם איז געגאַנגען. פֿאַרשטייט מען שוין אַליין: אַז אברהם אבינו איז געגאַנגען, מן הסתם איז ער נישט געגאַנגען אָן קיין היטל...

---

* „דער ווייבערישער מין".

** אויף דער אוקראַינע זענען בערשעדער טליתים געווען אַ שם־דבר.

ביידע חברים צעלאַכן זיך אויפן קול, נאָר תוך כדי דיבור דערמאָנט זיך שלמה אין עפּעס, און פרעגט ערנסט:

— שאַ, איך האָב נאָר פאַרגעסן די גאַנצע מעשה. איר אַליין האָט דאָך יענע וואָך עפּעס אויך אָנגעקוקט אַ בתולה...

מנשה לאָזט אַראָפּ די נאָז און שווייגט.

— דאַכט זיך שלום ראַפּאָפּאָרטס אַן איינִיקל? עפּעס אַ פיינע ריבה*?

— אַלץ הייסט אַ ריבה? אַ גאַנצע „ריבה ריבי"!...

— מאי משמע?

— אַ מיידעלע, ווי מען זאָגט — אויף שפּאָרן...

— זעלבסטפאַרשטענדלעך... ווי קענט איר זיך באַגיין אָן שפּאָרן...

נו, נו? פאַר וואָס זשע זענען די שפּאָרן געבליבן שטעקן אויף פּאַדאָל, און איר, פּאַ סטאַראָמו, אויף סאָלאָמינקע?

— איך האָב ביי איר געהאַט אַן אמתע סיעתא דשמיא —

— וואָס זשע, וואָס?

— ...וואָס איך בין איך נישט געפעלן געוואָרן.

— אַזוי גאָר? הייסט עס: איפכא מסתברא?**

— איי, וואָס רעדסטו? ביז איך האָב דערהערט די בשורה, אַז זי בראַקעווועט מיך, בין איך געווען אוים מענטש.

— כ'פאַרשטיי נישט —

מנשה גיט זיך באַישובט אַ גלעט דאָס בערדל:

— אין אמת גערעדט, האָב איך נאָך גלייך בשעת דער „אָנקוקעניש" באַמערקט, אַז מיין יפהפיה קוקט אין פּצון זיט, נאָר פון דעסט וועגן קומענדיק אַהיים בין איך געווען מלא יסורים: טאָמער האָט זי נאָר בייב טיש אַ קרום געטון מיטן נעזל, און אַז די פעטערס מיט די מומעס וועלן זי נעמען אין דער אַרבעט, וועט זי נאָכגעבן.

— כ'פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט... וואָס זשע האָט איר געדאַרפט מורא האָבן? אדרבה, לפי עניית דעתי קומט נאָר אויס, אַז איר האָט געדאַרפט היים תפילה טון —

— דו זאָגסט נאָר מורא? ס'איז ממש געווען פרחה נשמתי. דו פאַרשטייסט אַ מעשה? דאָס מיידל איז מיר גלייך פונעם ערשטן קוק נישט געווען צום הארצן... בעבור זו לא אמרתי... האָב איך נאָר געציטערט, טאָמער חלילה וחס, די שעה זאָל נאָר נישט זיין, זאָגט זי „יאָ". וואָס טוט מען דאַמאָלסט? דאַן איז אוי לי מיצרי ואוי לי מיוצרי: זאָל איך ענטפערן „ניין", טאָמער טאָר איך דאָס ביי מיינע יאָרן נישט טון? זאָל איך ענטפערן „יאָ", ווי גייט מען דאָס מקדש זיין אַן אשה, שאין דעתך נוחה הימנה? אָט אַזוי ווי איך דערציייל דיר, איך האָב פאַר דעם קורצן בין־הזמנים איבערגעלעבט אמתן חבוט־הקבר... און כאָטש איך האָב זיך

* אַ מיידל.

** פאַרקערט די סברא.

אַליין געטרייסט, אַז ס'איז לא דובים ולא יער; און כאָטש איך האָב גוט געזען, אַז זי קוקט אויף מיר ווי ראַבטשיק אויפן רבין — דאָך האָב איך איבערגעלעבט, זאָג איך דיר, יסורי גיהנום, ביז איך האָב דערהערט די גוטע בשורה, אַז... אַז איך געפעל איר נישט... נו, נו, ס'זאָל שוין נאָר זיין אַן אָפּקומעניש... איך בין חלילה נישט מתרעם על מדותיו יתברך, הצור תמים פעלו, כ'האָב זיכער פאַרדינט כהנה וכהנה, נאָר — איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — אַז עס פירט זיך שוין יאָ צו עפּעס אַן „ענין", מוז ער זיין מיט גרימעניש און מיט בויך־שניידעניש... כ'וועל שוין באַלד זאָגן ווי די תחינה־ווייבער: רבש"ע, שרעק מיך נישט און שטראָף מיך נישט...

שלמה גיט אַ שמייכל:

— ביי מיר איז עפּעס היינט אַ „יום־הזכרון". מיט אייער פּחד, וואָס איר האָט געהאַט, און דערנאָך מיט דער גרויסער ישועה, דערמאָנט איר מיך ווידער אין אַ וויץ —

מנשה שענקט אים אַ זויער שמייכעלע:

— נו, נו, שיט שוין אויס, שיט שוין אויס, אַז נישט קען דיר נאָך אָנהייבן ווי טון דער בויך...

שלמה, בתמימות:

— מיין בויך איז דאָ קיין שום מחותן נישט, דאָס איז גאָר אַ „שיחה" צווישן אַ שטעטלדיקן חקרן און אַ ייד אַ „תם". און בפירוש אַ פּיקאַנטער שמועס...

מנשה שווייגט אין וואַרטעניש. שלמה פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער פון דעם, וואָס ער האָט צו דערציילן און הייבט אָן:

— גדליה חקרן פרעגט ירוחם תם: „זאָג מיר תם'עניו, צו וואָס דאַרף מען די גימל אין „איזהו"? ירוחם צענעמט די הענט אַ צעטראָגענער: „ווו האָסטו דען דאָרטן אַ גימל"? גדליה צעלאַכט זיך מיט אַ דריבנע געלעכטערל און בטלט אויס חלומות אויף דעם „תם ויאמר": „גיי, דו גוישער קאָפּ, איך וויים דען אַליין נישט, אַז אין „איזהו" איז קיין גימל נישטאָ? איך פרעג: ווי וואָלט געווען דער דין, ווען זי איז דאָרט יאָ דאָ? צו וואָס וואָלט מען זי דאַמאָלסט געדאַרפט?"...

מנשה האָט זיך נאָך געוויישט די אויגן פון געלעכטער ווי שלמה פאַרט אים אַריין מיט אַ פראַגע:

— יאָ, איך האָב דאָך געהערט, אַז דאָס מיידל האָט זיך די טעג שוין אָנגעקוקט מיט אַן אַנדער בחורל און עס האַלט דאַכט זיך ביי טעלער ברעכן?

— איך האָב אויך אַזוי געהערט...

— איז דאָך אַ סימן, אַז ס'איז יאָ „קפצי זביני" *?

— נישט אומעטום איז סימנא מילתא הוא"... ס'איז נישט „קפצי

---

* געמיינט: אַ גאַנגבאַרע סחורה.

זביני״ און נישט „עובר לסוחר״, פשוט — איך בין גוט אויפן פּעטשאַ־טאָק... ס׳איז אַן אַלטער כּלל.

— איר קענט דעם חתן?

— איך קען דעם חתן. ס׳הייסט, כ׳האָב אים איין מאָל געזען אין קור־פּעטשעסקע שול.

— איצט מעגט איר דאָך שוין אויסזאָגן, די כּלה איז עפּעס אַ פּאַר־שוין?

— אַן אמתע גרוגרת דר׳ צדוק...

— און דער מדובר?

— אַ לולב־היבש מיט אַלע הידורים... וואָס האָסטו צו קלערן? ס׳איז אַ זיווג מן השמים.

— ווי באַלד אַזוי דאַרף דאָך אייך טאַקע נישט באַנג טון.

— ער האָט קוים אויסגערעדט... ס׳האָט אים ערשט צענעמען, ווי זאָגט מען עס, אויפן דריטן טאָג...

שלמה וויל עפּעס זאָגן, נאָר מנשה שלאָגט אים איבער:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, גוטער ברודער? ווי שווער ס׳איז מיר געווען ביי היינטיקן טאָג פועלן ביי זיך צו ענטפערן אויף אַ שידוך: „ניין״, ווייסט גאָט דעם אמת... עדי בשחק, ער איז דאָך יאָ בודק בחורין ובסדקין און ווייסט אַלץ, נאָר דיר קען איך ענטפערן ווי יענער יונגער־מאַן האָט געענטפערט ר׳ דודל טאַלנער זכותו יגן עלינו...

שלמה קוועטשט מיט די אַקסלען און קוקט אויף מנשהן אין דער־וואַרטונג.

— ...ר׳ דודל טאַלנער ז״ל איז אַ מאָל אַריינגעקומען צו זיך אין קלויז, האָבן אים אַרומגעשטעלט יונגעלייט, יושבים און סתם בטלנים. איינער פון זיינע גבאים האָט אים ברמיזא אָנגעוויזן אויף אַ יונגנמאַן און איינגערוימט אין אויער, אַז ער זאָל אָט דעם תכשיט אַ ביסל „אָנ־זייפן אַ מאָרדע״, ווייל ער שלאָגט זיין ווייבל. דער „רבי״ איז דאָך גע־ווען אַ באַוווסטער חכם, ער וועט דאָך נישט גיין יענעם מבייש זיין בקהל רב, רופט ער צו דעם „שלעגער״ און זאָגט צו אים: „יונגערמאַן, איך האָב געהערט אויף אייך זאָגן, אַז איר דרוקט אייער „חבור״*? דער יונגערמאַן איז אויך נישט געווען קיין קטלא־קניא, ענטפערט ער, אויך ברמיזא: „ווען דער רבי וואָלט געזען מיין חבור, וואָלט ער מיר אַליין אויך געגעבן אַ הסכמה אויפן דריקן״.

ביידע לאַכן מיטן פולן מויל.

אַ היפּשע ווײַלע האָבן זיי שפּאַצירט שווייגנדיק. מנשה מעסט אָפּ שלמהן מיט אַ שאַרפן, לאַנגדויערנדיקן בליק און רופט זיך אָן:

— הערסטו, ווי זאָגט מען עס: פון וואָס מען זאָל נישט רעדן, מוז מען אַרויפקומען אויף דעם טויט. איך קלער אַלץ וועגן פאַלים תהפוכות־

---

* חבר איז די טויטש: באַהעפטן. חבור, דאָ געמיינט: אַ ווייב.

דיקער תהלוכת קעגן דיר, ווי אזוי איין טאָג איז זי ווייך, כאָטש לייג זי צו צו אַ מכה, און אויף מאָרגן — אַ שטיק אייז... ווי אַזוי אַלע טאָג מוזסטו נעבעך אָנהייבן קנעלן מיט איר פון „מה טובו"... חדשים לבקרים*... און עס קומט ביי מיר אויס, אַז דו וואָלסט געדאַרפט מאַכן אַ שטיקל ערמה. מען קען דאָך נישט זאָגן, אַז זי איז צו דיר אין גאַנצן גלייכגילטיק, אלא וואָס דען? חכמת המסכן בזויה, מלשון „ההסכן הסכנתי", פון דעם וואָס מען איז מיט אים שטאַרק געוווינט, מאַכט מען זיך נישט קיין גרויסן צימעס... אָט דאָס איז דאָס... וואָלט איך דיר געראָטן, אַז דו זאָלסט לפנים אָנהייבן ארומגיין מיט אַן אַנדער מיידל... עס פאַרשטייט זיך, מיין דינהן וואָלט איך דיר אויף „לפנים" נישט געגעבן. צו אַ טייערער פּאַדעם, מען זאָל מיט אים פאַרסטריגעווען, און נאָכן אָנמעסטן דעם מלבוש — ארויסוואַרפן, אָבער דו קענסט דיר אָפּזוכן אַנדערע... הייסט עס, ארומגיין מיט אַנדערע און גלייכצייטיק באַזוכן אויך די טולטשינסקים. דאָס הייסט: „טוב אשר תאחוז בזה, וגם מזה אל תנח את ידך"**. זי ווידער, וועט עס אויף געווים אויפקאָכן. איך בין בטוח, אַז אַזאַ ידיעה וואָלט זי זיכער געטראָפן אַ סך מער פון אַלע דיינע „אבני בליסטראות"*** מיט וועלכע דו ביסט זי מן־הסתם מכבד. און דאָס וואָלט זי געצוווּנגען זיך גיכער אַ ביסל באַשליסן: אַהער אָדער אַהין. און דאַן, אויב זי וועט ארויסווייזן געוויסע געוויגקייט — נישט אריינלאָזן ווידער אין דער לאַנגער באַנק אריין און אַן קיינע שהיות איר צודעקן דעם קאָפּ. פּאָלג מיך, ס'איז אַ געדאַנק, ס'איז דאָך בדוק ומנוסה: „אין אשה מתקנאת, אלא בירך חברתה"...****

שלמה, נאָך אַ שווערן נאָכדענקען:

— איך וויל אייך נישט זאָגן, אַז אייער געדאַנק איז קיין געדאַנק נישט. אָבער איך וועל דעם דאָזיקן קונץ נישט מאַכן. ווי מיין לאַגע איז נישט שווער, אָבער אין איין זאַך בין איך זיכער: אויב פאַלי גייט וועון עס איז שפּאַצירן, איז נאָר מיט מיר. אין דעריגען האָב איך קיין מינדסטן ספק נישט. דאַקעגן אָבי איך וועל איר נאָר ווייזן אַ דרך, אַז מען קען זיך דורכגיין מיט עמעצן אַנדערש אויך, איז אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע... וועט זי מיר זיכער אָפּטון מידה כנגד מידה. עס קען זיך אָנהייבן פון אַ קאַטאָוועס און ענדיקן מיט אַ רינגל... אַזוי ארום קען מיך אַזאַ מאַנעווער קאָסטן צו טייער... איר פאַרשטייט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך קען נישט אויסרעכענען

---

* דאָ געמיינט: אַלע פרימאָרגן פון דאָס נײַ.

** „עס איז גוט, אַז דו זאָלסט זיך האַלטן ביי דעם, און פון יענעם אויך נישט צונעמען די האַנט". פון קהלת.

*** הייזעטיקע סנאַריאַדן.

**** געמיינט: פון קיין זאַך איז אַ פרוי אַזוי נישט געקרענקט, ווי פון דעם ווען זי זעט, אַז אַ צווייטע געפעלט בעסער פון איר.

אויף איר, זי זאָל זיך נישט דערלויבן דאָס, וואָס איך דערלויב זיך יאָ. ס'איז דאָך אַן אַלטער כלל: „איהו בי קארי, ואתתיה בי בוצינא"... *

— וואָס איז דאָ צו רעדן? דו שלאָגסט זיך נעבעך ווי אַ פיש אינעם אייז און קענסט אַלץ נישט אַרויסשווימען... איך פיל גוט דיין האַרץ. ס'איז ביי דיר ווי יענער האָט געענטפערט זיין חבר. איינער האָט געפרעגט ביי זיין חבר אַן עצה, וואָס ער זאָל טון: מען לייגט אים פאָר אַ לייטישן שידוך; אַ מיידל מיט אַלע מעלות; ס'איז אים אָבער אַ שאָד צו פאַרלירן די פריי־הייט. ער קען זיך גאָר קיין עצה נישט געבן. וואָס זאָגט אים דער חבר דע־רויף? ענטפערט אים דער חבר: „וואָס קען איך דיר זאָגן? וועגן דיין גורל קענסטו נאָר אַליין באַשליסן. איין זאַך ווייס איך אויף זיכער: ווי אַזוי דו זאָלסט נישט טון וועט דיר דערנאָך באַנג טון". ביי דיר איז אויך דאָס נעמלעכע: זיך אָפּזאָגן פון איר איז דיר ביטער, און זיך האַלטן מיט איר איז נאָך ביטערער... דו ביסט אַ תועה בדרכי־החיים, ברודערקע, ס'איז אָבער נישט קיין תכלית אַזוי, דו מוזסט זיך באַשליסן אויף אַן אַנט־שיידנדיקן שריט... איינס פון די ביידע: או לד' או לבעל... וואָס דען? וויפל קען מען שפּרינגען קעגן דער לבנה און האַלטן אין איין איבערחזרן: „כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך"? עד מתי? עד עולם?

שלמה האָט שווער געשוויגן. מנשהס קול ווערט נאָך גלעטנדיקער, נאָך בנעימותדיקער. עס ריזלט בוימלדיק גלייך אין דער נשמה אַריין:

— איך בין דיר שוין מוחל „מדרגות"; איך בין דיר שוין מוחל „השׂ־גות"; וואָס קען מען העלפן? ביסטו נישט פון די „בני־עליה". איך פרעג שוין גאָר נאָר: וווּ איז צניעות? עס שטייט דאָך עפּעס: הצנע לכת עם אלקיך... ** ליבע־שמיבע שמעקט דאָך סוף־כל־סוף מיט חמדת־בשרים; מיט „ספות הרוה את הצמאה"; *** מוז דאָך כאָטש אַ ביסעלע זיין דערביי די בחינה פון „גן נעול"... פון „מגלה טפח ומכסה טפחים"... דאַרף מען בשעת־מעשה געדענקען דעם „יסודו מעפר וסופו לעפר"... און דו —

— נו, און איר, מיין קלעמער מגיד?

— און איך?... וואָס — און איך?

— איך זאָג: און איר? ווי אַזוי איז ביי אייך צוגעגאַנגען מיט „כסוי דם בעפר"?

מנשה, אַ ביסעלע געלאָשענער:

— ווען איך האָב נישט היינט געדאַכט געהאַט דאָס „אָנפאַלעניש",

---

* געמיינט: דער מאַן, וואָס פאַרראַט זיין פרוי, קען זיכער זיין, אַז זי טוט אויך דאָס זעלבע. מסכת סוטה.

** מיט דיין דינען גאָט זאָלסטו זיך ווי ווייט מעגלעך אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע אויגן.

*** דאָ געמיינט: די זעלבע עבירה וואָס דו באַגייסט לכתחילה ווייל דו ביסט אויסגעהונגערט נאָך איר (לתאבון), וועסטו אויך דערנאָך טון, שוין זייענדיק אָנ־געזעטיקט מיט איר (במזיד).

האָב איך זיך מיט דעם געשעמט פאַר לייטן ווי מיט אַ צרעת, רחמנא ליצלן, און דו גייסט אַרום און טרוימייטערסט וועגן דעם אין אַלע גאַסן...

— מיט וואָס טרוימייטער איך?

— טרוימייטערסט נישט? נו, נו, זאָל זיין ניין! פאַרקערט, זאָג, אפשר קומט דיר נאָך עפּעס אַרויס...

מנשה האָט מיטליידנדיק באַטראַכט זיין בלאַס געזיכט און געזאָגט:

— ווען דו זעסט מיט מיינע אויגן, וואָס פון דיר איז געוואָרן פון נאָך פּסח אָן...

— האָט קיין מורא נישט, איך זע אַלץ.

מנשה האָט אַ קרעכץ געטון:

— יאָ... ס'איז דאָס שיינע זען... אוי לעינים שרואות את אלו העינים שכך רואות... וואָס זעסטו? וואָס זעסטו און וואָס פאַרשטייסטו און אויף וואָס פאַר אַ ניסים וואַרטסטו?

— איך ווייס אויף וואָס פאַר אַ ניסים? מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל...

— הזמן... נאָך וויפיל זמן געגאַנגען פונעם זינען? פּרוו, זאָג, אויף וואָס בויעסטו דיינע האָפענונגען? וואָס פאַר אַ שאַנסן האָסטו, אַז מאָרגן זאָל זיין לייטישער ווי היינט?

שלמה האָט אַ צערייצטער אַ בורטשע געטון:

— איך ווייס נישט וואָס איך האָב...

— ווער דען ווייסט?

— איך ווייס נישט ווער עס ווייסט...

— ס'פאַרשטייט זיך, אַז „מד' מצעדי גבר כוננו", אָבער אַ מענטש, אין אַ געוויסער מאָס, מאַכט דאָך אַליין זיך אַ שטעג אין לעבן... איז ווי אַזוי זשע קלערסטו דאָס מאַכן מיט אָט דער —

— איך ווייס גאָר — נישט... איך ווייס נאָך נישט...

— הער, גוטער ברודער, דו וועסט זיך נישט באַליידיקן, וועל איך דיר איבערדערציילן אַ קלוגן ענטפער פון אַ... פון אַ משוגענעם... ווילסט הערן?

שלמה האָט אַן אָנגעבלאָזענער געשוויגן.

— ...איז אַ מאָל איינעם אויסגעקומען צו באַזוכן אַ משוגעים־הויז. זיין פריינד, דער דאָקטער, האָט אים באַוויזן די „רואיקע" חולאים. זעט דער אורח ווי איינער פון די קראַנקע זיצט פאַרמחט און שרייבט עפּעס. אויף זיין פראַגע: „אין וואָס באַשטייט אָט דעם מענטשנס משוגעת?" האָט אים דער דאָקטער געענטפערט, אַז דער וואָס שרייבט איצט, איז זייער אַ שטי־לער חולה און ס'איז כלל נישט געפערלעך, אַז זיין גאַסט זאָל צוגיין און זיך מיט אים באַקענען. ביידע זענען צוגעגאַנגען צו אים. דער גאַסט פרעגט דעם קראַנקן: „וואָס שרייבט איר אַזעלכעס?" — „אַ בריוו". — „צו ווע־מען איז דער בריוו?" — „צו זיך אַליין". — „וואָס זשע שטייט געשריבן אין דעם בריוו?" — „איך ווייס נישט, איך האָב אים נאָך נישט באַקו־מען..."

און נאָך אין אַ ווײַלע אַרום:

— האָסט אים צעקײַעט דעם ענטפער? הער זיך צו מיט קאָפּ, וועסטו דערפילן, אַז פונקט אַזוי קלוג האָסטו מיר פריער געענטפערט... גלייב מיר, עמעצער האָט דיך פאַרשאָלטן. איך ווייס נישט, אויס קנאה, צי אויס שנאה — אָבער שטאַרק פאַרשאָלטן... עס הענגט אויף דיר אַ קללה, דו ווייסט עס אַליין נישט ערגער פון מיר און טוסט גאָרנישט דערצו, אויף זיך צו באַפרייען פון איר...

— איר האָט דאָך פריער אַליין דערמאָנט: „היהפוך כושי עורו?"

— וואָס פסוקימסטו מיר, וואָלט איך געוואָלט וויסן?

— כדי איר זאָלט וויסן, אַז פון אַזאַ זאַך וואָס איז אַרײַנגעוואַקסן אין מח־העצמות, קען מען זיך בשום אופן נישט באַפרייען.

— אָבער גוואַלד געשריגן, זעסט דאָך, אַז עס נעמט נישט קיין עק... פריער אַזאַ תירוץ, איצט אַן אַנדערער, און אַזוי מימים ימימה... קום שרייט יענע שוין אַזוי לאַנג „ותמאן" נאָך מיט אַ „שלשלת", דאַרפסטו אַנטלויפן פון איר ווי פון פייער —

— אָט דאָס איז אַן עצה! תחילת נפילה — ניסה...

— נאָר טאָמער מיינסטו, אַז זי איז שולדיק, זאָלסטו וויסן זיין, אַז נישט זי, נאָר דו ביסט שולדיק. ווי האָט איינער געטייטשט: „כי מרים הם, על כן קרא שמה מרה". זיי אַליין זענען ביטער, נאָר זאָגן, זאָגן זיי אויף איר —

— מורי ורבי! מען קען אייער מאמר מיט אַלע פירושים איבערזאָגן מלה במלה אויף אייער חשבון.

מנשה, דורכלאָזנדיק שלמהס באַמערקונג פאַרביי די אויערן:

— איי, איי, איי... ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט: אמרתי לעשות ענבים, ויעש... ווייסט אַליין וואָס... אַ שטייגער, אַזאַ בחורל ווי דו, וואָס מען קען אויף אים זאָגן: הורתו ולידתו בקדושה; אויסגעוואַקסן אויף גמרא מיט תוספת, און זאָל אַזוי קריכן אין דער אדמה אַרײַן... דאַכט זיך, דער האר"י הקדוש ז"ל זאָגט אין זיין ספר „פרי־עץ", אַז די ראשי־תיבות פון: „מזמור שיר ליום השבת", זענען: „שלמה"... אָך און ווי איז צו דיין שבת־קודשדיקער בחינה! מעגסט זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט...

— איך געדענק נישט אויף אַקוראַט פון וועמען מען זאָגט נאָך דאָס דאָזיקע וואָרט: אַז יעקב אבינו האָט געזאָגט צו יוספן — וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער „מביא את דבתם רעה אל אביהם" — „לך נא ראה את שלום אחיך"... כלומר: קוק זיך בעסער צו צו זייערע גוטע מעשים, וועט דיך קוקן נאָר אויפן שלעכטן. אַזוי וויל איך אייך אויך זאָגן: איר זעט פון מיר בלויז עוולות, ממש אין בי מתום. פאַר וואָס זאָלט איר —

— ...דיר אויסרעכענען אפשר דיינע מעלות? דו רעדסט ווי אַ מטורף, אויף מיין וואָרט! מיר פירן דאָך אַ שיחת־רעים. איך קאָרעגיר דיין התנהגות פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים. פרעג איך דיך: דו האָסט שוין יאָ אַ מאָל געהערט, אַז אַ קאָרעקטאָר זאָל אָנווייזן דעם זעצער אויף מעלות אין דער אַרבעט? די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז אַ קאָרעקטאָר שטעלט זיך אָפּ

בלויז אויף חסרונות, דעסט גלייכן — איך, און מעלות זאָל אויף דיר אַ שדכן דערציילן, ער נעמט כאַטש געלט דערפאַר...

מנשה גיט אויף שלמהן אַ פיל באַדייטנדיקן בליק און זאָגט:

— הערסטו, דו זאָגסט, אַז דו מוזסט ליידן; דו מוזסט וואַרטן; דו מוזסט גאָט בעטן פאַר אירע עקזאַמענס; הכלל, דו מוזסט און דו מוזסט, רק דו מוזסט, אנוס על־פי הדיבור... איך האָב שוין פון דיר וועגן אָט דעם מוזע־ניש געהערט תרפ"ט אלפים פעמים... דערמאָנסטו מיר מיט דיינע רייד אַ מעשה שהיה, וואָס וועט דיר אויסזען ווי אַ מילתא דבדיחותא. דעם דאָזיקן פאַל, האָב איך בימי חרפי * מיט מיינע אייגענע אויגן געזען ביים סקווירער רבין זצ"ל אין הויף. בעת דער רבי האָט געפירט טיש און דער עולם, דער היימישער און דער פרעמדער, איז זיך צונויפגעלאָפן כאַפּן שיריים, פלעגט דער גבאי־שני געבן אַ שיט אויס אויפן טישטעך עטלעכע טוץ לעפל, און ווע־מען ס'האָט אָפּגעגליקט דער האָט געכאַפּט אַ לעפל. שפּעטער פלעגן די משר־תים געבן אַ טראָג אַריין אויף אַזעלכע לאַנגע קרשים — ווי די, וואָס די בעקערס גרייטן צו אויף זיי די בעקעלעך מיט מזונות צום „אַריינזעצן" — עטלעכע צענדליק טעלער מיט יויך. דער עולם פלעגט זיך אַ וואָרף טון אויף אָט די „טעלערלעך פונעם הימל" מיטן גאַנצן ברען פון אַן אמתן חסיד, עס פלעגן זיין „הריגות" וכל דאלים גבר, ווער ס'האָט געהאַט מזל און אַ פּאָר געזונטע ידים, דער האָט אויסגעכאַפּט פון דער ברעט אַ טעלערל יויך. איך בין דאַמאָלסט געווען אַ ישיבה־בחורל, אַ פּאָר חדשים נאָך דער בר־מצוה, דער אומאויפהערלעכער טומל פונעם רבינס „הויף", האָט אויף מיר אָנ־געוואָרפן אַן אימה ופחד און נאָך דערזעענדיק דאָס, וואָס איך וויל דיר דאָ דערציילן, בין איך שוין אין גאַנצן געבליבן שטיין ווי געליימט. וואָס מיינסטו האָט אַזעלכעס געטראָפן? גאַרנישט מיט נישט! מעשה שהיה, כך היה: איינער, אַ לאַנגער חסיד, אַן אמתער גלית, האָט געכאַפּט אַ לעפל, און יויך — אַ פייג אין פּיסק. דאַקעגן האָט אַ צווייטער ייד, אַן איינגעשרומפּענער ווי אַ גרויסע דאַרע קישקע, אַן אמתער „שבשפלנו" — געהאַט דאָס גויאישע מזל צו כאַפּן אַ טעלער יויך. דער ייד שטייט אַ פאַרלוירענער. וואָס קומט אים אַרויס פונעם גאַנצן גליק, אַז ער האָט קיין לעפל נישט מיט וואָס צו געניסן פון דעם הייליקן רבינס שבתדיקע מאכלים, און קיין פּלאַץ ווו אַוועק־צושטעלן דעם טעלער איז אויך נישטאָ. שטייט ער נעבעך אַזוי, נישט אַהין, נישט אַהער, האַלט דעם טעלער מיטביידע הענט און וואַרט אויף אַ נס. און כך הוה, אַז מען וואַרט דערוואַרט מען זיך: יענער „גלית" האָט באַ־מערקט אָט דאָס קליינע „דוד'ל" ווי ער שטייט „שמונה־עשרה" מיטן טעלער אין ביידע הענט, האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון דער בוזעם־קעשענע דעם לעפל, איז צוגעלאָפן צום „פרייען" טעלער און האָט אָנגעהויבן כליאַפּטשען. דאָס יידעלע האָט אויף אים אויסגעטאַראַשטשעט אַ פּאָר אויגן:

---

* אין די יונגנט־יאָרן. נעמט זיך פון די ווערטער: חרף, נחרפת. געמיינט: אַ הפקר־יונג.

— וואָס טוסטו, גזלן?
— איך עס.
— ס'איז דאָך גזילה ממש...
— זאָל מיר זיין צו געזונט.
— וועסט עס אויסקרענקען...
— מירן שוין זען דאָס גרייטע...
— איך בין דיר נישט מוחל, דו זולל וסובא...
— אָט די דאגה זאָל מיר בלייבן.
— ס'איז דאָך א הפקרות —
— נאַ דיר א גראָשן —
— וואָס זשע, ס'איז עפּעס הפקר א וועלט? לית דין ולית דיין?
— קענסט אויף מיר איינגעבן צום מיראָוואַי, אָדער מיך רופן צום בית־דין הגדול —
— אה, אָפּרופן זאָל מען דיך שוין פון דער גסיסה... בין איך דיר נאָך מחויב צו האַלטן די פּאַמעניצע?
— האָסט אַן אַנדער ברירה? אדרבה, פּרווו וואַרף אַראָפּ! דכירנא כד הוינא טליא,* ס'איז דאָך שוין אין אָט דער מעשה א שאָק מיט יאָרן, אָבער גירסא דינקותא** ווערט איינגעקריצט... איך געדענק עס ווי נעכטן, כ'האָב נישט געקענט פאַרליידן דעם רחמנות אויף דעם מאָגערן יידעלע און האָב פאַרדרייט דעם קאָפּ. אַקוראַט אַזאַ פּנים האָסטו ביי מיר מיט דיין מוזעניש. יענער שוטה האָט אים געדאַרפט וואַרפן דעם טעלער אין קאָפּ אַריין, און דו, נאָך אַזאַ לאַנגן איזדיקעווען זיך אויף דיר, דאַרפסט פאַלין וואַרפן דעם טעלער אין קאָפּ אַריין. סוף־כל־סוף, וואָס געהער זי דיר אָן, אָט די... כ'בעט איבער דיין כבוד, א הויזנקנעפּל? כ'מיין א קנעפּל צו די הויזן?
שלמה לאַכט:
— פונעם מוסר־השכל, וואָס מען קען פון אייער מעשה אַרויסנעמען, בין איך נישט אַזוי שטאַרק נתפּעל, אָבער דער איינפאַל פאַר זיך, איז א גאַנץ שיינער —
— דער איינפאַל... וואָס פלעגט זיך ביים רבינס טיש נישט טרעפן? שאַ, הער א שיינס... דאָס איז געווען גאָר אין א גרויסן יומא־דפגרא, כ'געדענק נישט אויף זיכער, שמחת בית־השואבה, צי ב' דשבועות, דעם בעל־שם־טובס הילולא. ביים טיש איז געזעסן דער רבי ז"ל מיט אַלע קינדער, און אַרום טיש — איינס און איינס: די גרעסטע גבירים, די שענסטע רבנים, און סתם מקורבים, ותיקים. אַרום און אַרום טיש, פון די בענק, זענען איבער די קעפּ פון די זיצנדיקע געהאַנגען גאַנצע מחנות פשוטע יידן, חסידים מכל השנה, טויז בעלי־בתים און סתם אָרחי־פּרחי. דערווייל הייבט מען אָן צו

* איך געדענק דאָס פון דאַמאָלסט, ווען כ'בין נאָך געווען א קליין יינגל.
** דאָ געמיינט: אַלץ וואָס מען זעט אין די קינדעריאָרן.

דערלאַנגען יויך מיט לאָקשן. פולע טעלער יויך מיט היפשע הינערשע „אויגן" וועלן אַריבערדערלאַנגט דעם, יענעם, אַלע גבירים אדירים, רבנים מפורסמים, אנשי־השם. איינער, עפּעס אַ מלמדל פון אַ ווייט שטעטל, וואָס האָט זיך צו פוס דערשלאָגן צום רבין אויף יום־טוב, הענגט איבער עמעצנס קאָפּ און איז נעבעך מלא יסורים. ער ווייסט, אַז אים וועט מען אויף זי־כער פאַרטיילן. ווען ס'איז אים אויסגעקומען העלפן אַריבערדערלאַנגען אַ פולן טעלער יויך פאַר ר' שמחהלע טולטשינער, איז ער זיך מיישב, גיסט אָפּ האַלב יויך מיט לאָקשן אין עמעצנס אַ שטריימל, מיט איין האַנט גיט ער איבער דעם טעלער צו די אויסגעשטרעקטע הענט און מיט דער צווייטער האַלט ער שוין דעם לעפל און זופּט. דער ייד נעבעך, וואָס אונטערן שטריימל, האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט אין קאָפּ און אַז עפּעס אַ קלעפּיקע פליסיקייט רינט אים איבער די באָרד און פיאות. אַ דער־ציטערטער, האָט ער געוואָלט אַראָפּנעמען דאָס שטריימל — כאָטש ס'איז נישט קיין דרך־ארץ בלייבן זיצן ביים רבינס טיש אין הוילן קאָפּ — אָבער ער מוז דאָך זען פון וואַנען רעגנט עס אויף אים. נאָר דער מלמד האָט צו־געהאַלטן דאָס שטריימל מיט ביידע הענט: — „דאָס איז מיין סעודת יום־טוב! פאַרשטערט מיר נישט... איך וועל נישט דערלאָזן... ר' ייד, האָט גאָט אין האַרצן און זיצט איין רואיק ביז איך וועל אויסזופּן..."

סיי מנשה, סיי שלמה, האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק. פאַר־בייגייענדיקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיי פאַרדעכטיק נאָכגעקוקט.

לאַזנדיק זיך גיין צום אַרויסגאַנג, האָט מנשה מיט אַ באַדויערנדיקן טאָן פאַרגעזעצט:

— כל ימי האָב איך געמיינט, אַז ביי דיר, ווען עס וועט קומען „לעת מצא" *, וועט זיין „עילאה גבר", און צום סוף — גלייך ווי ביים סאַמע נידעריקסטן מין בני־אדם — איז „תתאה גבר" **...

— איז דאָך דאָס אויסגעהאַלטן על־פי ההלכה...

— חכמע זיך... חכמע זיך... ווו תורה, אומשטיינס געזאָגט, דאָרט איז חכמה...

— הערט שוין אויף צו זאָגן אויף מיר שבחים: הורתו ולידתו; עילאה גבר... ווייל ביי אייך איז: ־מתוך שבחו —

— ...אתה בא לידי גנותו? ווי אזוי דען וואָלסטו געוואָלט זאָל זיין? פּתח בגנות וסים בשבח? אַ חברישער שמועס, איז שוין צייט דו זאָלסט וויסן, איז נישט כדרך התגרים, וואָס: „מראין את הפסולת תחילה ואחר־כך מראין את השבח"... יאָ, יאָ... איך דערמאָן זיך דיין מדרגה, וואָס דו

---

* געמיינט: די צייט פון אַ שידוך טון.

** פון די כללים אין הלכות בשר וחלב. אין פאַל ווען עס פאַלט אַריין איין מאכל אין צווייטן, צי איז גובר דער אייבערשטער טייל (דאָ געמיינט: די השפּעה פון תורה ומצוות), צי דער אונטערשטער טייל (דאָ געמיינט: די ערדישע איינ־טינקטן).

האָסט דערגרייכט אין טורמע און זע דיך איצט און טראַכט: אַט דאָס מיינט דער פּסוק: „מי יעלה בהר ד׳ — און ערשט דערנאָך — ומי יקום”... מן הקל אל הכבד... ווייל ס׳איז אַ מאָל נישט זייער שווער צו דערגרייכן אַ הויכע מדרגה, אָבער זיך צוהאַלטן ביי איר, נישט אַראָפּפאַלן — דאָ עקאַ!... יאָ, יאָ, גוטער ברודער, פון דער טורמע אָן האָסטו דורכגעמאַכט אַ היפּשע ירידה...

— איך וואָלט אַ בעלן געווען וויסן, וואָס טראַכט איר זיך? אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, אַז איר הערט נישט אויף מיך מדריך צו זיין און אָנווייזן מיר דעם שביל־הזהב, לויט אייער מיינונג. מיינט איר טאַקע באמת, אַז איר זענט פּראַקטישער פון מיר, צי אויף אַזוי פיל קלוגער?

— קלוגער אפשר נישט, אָבער פּראַקטישער — אליבא דכולא עלמא!

— וואָס איז די ראיה?

— פּשוט ווייל איך בחור זיך שוין צוואַנציק יאָר און דו — פינף!

— פון דעם איז די ראיה? איר ענטפערט דאָך ווי יענער רייכער אַרענדאַר האָט געענטפערט דעם רב פון זיין שטעטל. אָן אַרענדאַר, אַ גוי־גמור און אָן אויפגעקומענער גביר האָט געהאַט אַ שטאָט אין מזרח לעבן רב. איין מאָל פרעגט אים דער רב: „ס׳איז מיר אַ פּליאה, וואָס איר שטייט אויס שמונה־עשרה, איידער איך זאָג נאָך צו ביז „סלח לנו”. שוין זשע קענט איר „עברי” בעסער פון מיר? — „אָן ספק, אַז בעסער פון אייך, רבי”. — „וואָס איז דער שכל?” — „ווייל אַזוי”. — „אָבער פאָרט, ווי קומט צו אייך אַזאַ מהירות?” — „רבי, ביז וויפל יאָר האָט איר געלערנט „עברי”? — „כ׳וויים ביז וויפל? מן הסתם ביז פינף...” — „און איך רבי, ביז אכצן... פאַרשטייט איר שוין?”...

מנשה, אַ ביסל פאַרשעמט:

— וואָס דען, ווילסטו זאָגן איז גוט? צו זיין אַזוי להוט נאָך אַ תאוהלע ווי דו? אַזוי כרוך נאָך דער נפש־הבהמית ווי דו? אַזוי אַוועקגעכאַפּט נאָך דער עצת־היצר ווי דו? האַ?

— מילא, מה רעש? וועט איר אויף מיר נישט אָפּזאָגן דעם „מזמור שיר ליום השבת”... וואָס קען דאָרטן זיין?

— איך האָב אויסגעהערט דיין „אַרענדאַר”, איצט הער דו אויס אַ קלוגער וואָרט. ס׳האָט איינער אַ מאָל געטייטשט: „שמרני מגוי — לא חסיד”. היט מיך אָפּ פון אַזוינעם, וואָס איז אַ פאַלנע גוי, און זאָגט: מילא, בין איך נישט קיין חסיד...

— פע, מנשה, איר זענט שוין אַרויפגעקומען אויף פּראָסטע זידלווערטער... גייט, איך בין אויף אייך ברוגז...

— ברוגז, איז ברוגז... מאָל דיר, איך בין פון דיר אויך ווייניק וואָס אָנטציקט. ס׳וועט דיר אויסקומען לאַנג צו וואַרטן ביז איך וועל דיך איבערבעטן... ווי זאָגט ער דאָרטן דער פּיטן: „ומה צדקה עוד יש לנו לזעוק...”, דו האָסט נאָך טאַקע פון וואָס זיך צו באַליידיקן... פאַרן אמת איז מען אַלע מאָל ברוגז... אויף אַן אמתן יידן שטייט: „וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳

נקרא עליך...״ זינט דו ביסט באַפרייט געוואָרן פון אַרעסט און צוריק גלכבד געוואָרן אין דער נעץ פון אָט דער מרשעת, זע איך אויף דיר נישט דעם „שם ד׳״...

— וואָס קען איך העלפן דערצו, וואָס איר זעט נישט? אפשר איז דאָס ביי מיר אזא „הסתר״? אָט איז דאָך אין שיר־השירים און אין מגילת אסתר אויך נישט דערמאָנט דעם אייבערשטנס נאָמען... אזא דרך ד׳... אַ הסתר...

מנשה, מיט אָפענעם ביטול:

— דאַרשע, דאַרשע... אַ הסתר איז ביי דיר? ס׳איז שוא ושקר! ביי דיר איז אַ „בת־אסתר״ נישט קיין הסתר... ביסט אַן עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס... רעדסט פון שיר־השירים מיט דער מגילה... זאָגט אפילו נישט „להבדיל״...

— כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס האָט איר אויפגעפלאַמט ווי אַ שווע־בעלע?

— שווייג שוין בעסער... דאַרפסט מיט מיר לאַנג נישט טענהן. איך זע שוין ווו דו האַלטסט, איך זע. ביסט אַ מאַלאָדיעץ, כיראתך עברתך...

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איז פאַר אַ משל אהערצו —

— דער משל איז: אַזוי ווי דו האָסט מורא פאַר גאָט, אַזוי זאָגסטו „עברי״... וואַרט, עס וועלן פאַריבער יאָרן, מענטשן וועלן געוויר ווערן, אַז מען האָט דיר געגעבן דינה כאַדראָוו, און דו ביסט נאָכגעלאָפן אָט דעם „פסל״, אָט דער „קאָנטינענטאַלער דלילה״, פון וואָס עס וועט זיך, צו גאָט אַ האָפענונג, במילא גאָרנישט אויסלאָזן, וועט די וועלט זאָגן: אַ מצוה אויף אים, * Не хотіли жиди манну iсти, нехай iх черти iдят!

— טע־טע־טע, איר מאַכט דערפון אַ גאַנצע טראַגעדיע... מען קען אויף אַן אמת מיינען... דער עיקר: איר ווייסט, אַז ס׳וועט זיך דערפון גאָרנישט אויסלאָזן... ס׳איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין מיר געוועגדט: שטעלן אַ חופה, צי ניין. נישט מער, איך האָב געפונען פאַר ריכטיק נישט צווינגען זי נאָכגעבן. איך האַלט פונעם כלל: „אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ״. און זי? ביי איר איז ווי אַ שעה... עתים שוטה, עתים חלים**.

— אָבער עד מתי איז מען שוטה, און עד מתי איז מען חלים? אַ קץ מוז דאָך זיין!

— איך ווייס נישט וואָס איר האָט זיך היינט צוגעטשעפּעט צו מיר... איר זענט מיט איר ברוגז? אויב עס גייט אייך אַזוי אין לעבן געוויר ווערן דעם קץ, קענט איר דאָך פרעגן ביי איר אַליין.

— ביי אַזאַ נחש־הקדמוני איז נישטאָ וואָס צו פרעגן.

— מילא, שלאָגט אַהין, שלאָגט אַהער, מליצות אויף אַ זייט. איר קענט

---

* די יידן האָבן נישט געוואָלט (אין דער מדבר) עסן קיין מן, טאָ זאָלן זיי רוחות עסן!

** צייטנווייז איז זי קלאָר, און צייטנווייז נישט.

האַלטן פון איר, צי נישט האַלטן, אָבער פון דעסט וועגן וואָלט איר דאָך געקענט אונטער פיר אויגן אַ פרעג טון ביי איר דעם טעם —

— ניין! ביי אַ שלאַנג איז נישטאָ קיין טעמים. דער באַשעפער האָט אויך געפרעגט טעמים נאָר ביי אדמן און ביי חוהן, אָבער ביים שלאַנג — נישט...

שלמה, מיט אַ שנאה־פייערל אין די ברענענדיקע אויגן:

— מנשה, גאָט איז מיט אייך, פון וואַנען האָבן זיך היינט צו אייך גענומען אַזוי פיל שלענג אין מויל אַריין? האָט זיך צעשלענגלט... זייט זיכער, פאַלי איז נאָך אַזאַ לייטיש קינד ווי אייער דינה און מיין דינה. און טאָמער אפילו האָט זיך צו איר יאָ עפּעס צוגעקלעפּט פון איר מוטערס משפחה, איז אַז זי וועט אַריינקומען אין רעכטע הענט, וועט זיך עס לייכט אָפּשיילן ווי אַ שאָלעכץ פון אַן איי. אַט וועט איך אומיסטן זען, אַז זי וועט נאָך ווייט אַריבערשטייגן —

— וואָס ווילסטו מיר געבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען מטהר זיין אַ שרץ? ווי אַזוי מען קען דרשענען, אַז „בלק" מאַכט „ואהבת לרעך כמוך"?

— איר האָט קיין גאָט אין האַרצן נישט, מנשה. צי אַלע אייערע פּל־פּולים און סברות האָבן אין זיך אַ קורטוב של אמת, צי ניין, וויל איך שוין נישט רעדן, איך קען אייך נאָר זאָגן, אַז פון אָט דעם גערעדעריי בלי־הפסק: פון אייערע זיסע „מאמרימלעך; פונעם טאַטנס מלא־טעמדיקע תורות; אפילו פונעם זיידנס, זאָל לעבן — האָב איך שוין אַ לאָך אין האַרצן...

— דער ייד הקדוש זצ"ל, האָט אַ מאָל געזאָגט: „אַז עס ווערט אַ קליין לעכל אינעם גוף איז אַ סימן, אַז מען האָט אַ גרויסן לאָך אין דער נשמה"...

— אפשר... אַז ער האָט געזאָגט, מן הסתם איז דאָס אַזוי... אָבער דאָך גיט דאָס אייך נאָך נישט קיין רעכט, זיך איזדיקעווען אויף מיר לשם מצוה. די גאַנצע צייט, פונעם דניעפּר ביז סאַלאַמינקע, גייט איר און טוט מער גאָרנישט נאָר איר צאַפּט פון מיר דאָס בלוט ללא־הועיל. ווען איר זאָלט זיין אַ ביסל אַ גרעסערער ירא־שמים און אַ גרעסערער מאמין —

— איך זע, אַז דו רעדסט גאַנץ ערנסט.

— וואָס דען מיינט איר? אין יעדן שפּאַס איז דאָ אַ קערנדל אמת. ווען איר זאָלט האָבן אַ ידיש האַרץ —

— נו־נו, וועל איך שוין זען מהרהר בתשובה זיין...

און ער האָט גלייך צוגעגעבן מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע:

— איך ווייס נאָר נישט, צי תשובה וועט מיר העלפן...

— ?

— איך זאָג, דו פאָדערסט ביי מיר אַ ידיש האַרץ, און פאַרגעסט, אַז ביי רבנים איז דאָס נישט שכיח...

שלמה קוקט אים אָן מיט אַ פאַרוואונדערט שמייכעלע. מנשה צעלאַכט זיך:

— האָסט קיין מאָל נישט געהערט דעם וויץ? אַ מתנגד זאָגט צו אַ חסיד:

— זאָלסט וויסן זיין, אַז אַ צדיק איז בסך־הכל אפילו נישט קיין חסיד.

— פון וואַנען איז די ראיה?

— ווייל עס שטייט: „על הצדיקים ועל החסידים". דערפון איז אַ ראיה, אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס.

ענטפערט דערויף דער חסיד:

— אַז דו ביסט יאָ אַזאַ חכם, וועל איך דיר דערווייזן, אַז אַ רב איז אפילו קיין ייד אויך נישט.

— פון וואַנען איז די ראיה?

— ווייל עס שטייט: „על ישראל ועל רבנן"...

שלמה צעלאַכט זיך:

— ניין, איך האָב עס געהערט אין אַן אַנדער נוסח: אַ יידענע מיט אַ קינד אויף די הענט האָט דעם רבין דערלאַנגט אַ „פדיון" און געזאָגט:

— רבי, ווינטשט מיר צו, אַז מיין זון זאָל זיין אַ רב.

— זאָל אייך גאָט העלפן.

— ...און אַן ערלעכער ייד.

— פאַרפאַלן! איך האָב שוין אָנגעווינטשן, ער זאָל זיין אַ רב...

קאַפּיטל XIX

אין חודש אויגוסט האָט שלמה גאָר געמיינט, אַז זיין חתונה וועט פאַרקומען לפּתע פּתאום, מיט אַזאַ שטורמישער און אַלץ פאַרשלינגענדיקער כוואַליע פון ליבע האָט אים פאָלי פאַרפּלייצט.

די מעשה דערפון איז געווען אַזוי:

שמואליקן, יאַנים שוואָגער, ווי עס איז באַוווסט, איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון סלאַוווטע, פּונקט אין דער לעצטער מינוט, ווען דאָס פייער האָט שוין געבושעוועט און מען האָט נאָר געוואַרט אויפן קרבן. קומענדיק קיין קיעוו מיט זעקס קינדערלעך, פון וועלכע דאָס עלטסטע איז אַלט געווען קוים דרייצן יאָר, האָט ער זיך די ערשטע פינף וואָכן געוואַלגערט ביי יאַנין אין שטוב. אמת טאַקע, ס'איז געווען זייער נישט באַקוועם: איין צימער און נישט קיין גרויס; דערוואַקסענע קינדער; אַלע קומען צו גיין פאַר נאַכט מיד און צעבראָכן, ווער פון דער אַרבעט און ווער פון לערנען, אָבער וואָס פאַר אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? מיטן גוטן ווילן זענען זיי עס געקומען אַהער? ביי וועמען דען זאָל מען ליגן אויפן קאָפּ", אויב נישט ביי אַן אייגענער שוועסטער? און מען האָט זיך געמאַטערט אַלע צוזאַמען. דאָס צימער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַזאַרמע און אַזוי האָט מען זיך געמוטשעט אויפשטייענדיק און לייגנדיק זיך. עטלעכע קינדער האָבן באַין ברירה געגעבטיקט אויף אינסטיטוטסקע 16, וו עס האָט געוווינט יאַנים קוזינע סאָניע ווייסבלאַט. איר מאַן, וולאַדימיר ווייסבלאַט, איז געווען אַ קלוגער יונגערמאַן מיט אַ יידישער נשמה. ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן אַריינגענומען די קינדערלעך צו זיך, געגעבן זיי עסן, אויסגעלערנט זיי זיך נישט שרעקן פאַר די פּרעכטיקע טעפּיכער מיט די וואַנטשפּיגלען. דאָס עלטערע מיידעלע, האָט ער אויסגעלערנט ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין ביים ראַדיאָ־אויפנעמער, „כאַפּן" וועמען מען הייסט איר. דאָס אָרעמע, נישט־דרייסטע קינד פלעגט אויפשיינען, ווען דער „דיאַדיאַ וולאַדימיר" פלעגט קומענדיק פון דער אַרבעט, — ער איז געווען פאַרוואַלטער פון דער באַזע אין „טאָרגסין" — גלייך פון דער שוועל אַ געשריי טון:

— גיטעלע, אַנו דערלאַנג מיר אַ ביסעלע „טיפּלים"...

מיט אַ קלאַפּנדיק הערצעלע פלעגט זי צוגיין צום С. В. Д. — 9.* און וולאַדימיר באַווייזט נישט אויסצומישן דאָס גלאָז טיי, ווי אין גרויסן, הויכן צימער האָבן זיך אַריינגעריסן זיסע קולות פון יונגע גרוזינקעס. זיי זענען זיך פאַרגאַנגען אין אַ האַרציקן ודוי פאַר זייער געליבטן... דער צימבל האָט צוגעבאָמקעט, דאָס פייפעלע האָט מיטגעוויינט און די האַרף האָט מרה־שחורהדיק געברומט, עפּעס שלעכטס פאָרויסגעזאָגט... פאַר די

---

* די דאַמאָלסטדיקע בעסטע פירמע פון ראַדיאָ־אויפנעמערס אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אויגן זענען ווי לעבעדיקע געשטאַנען: שלאַנקע, שמאָלע פיגורן אין שוואַרצע זיידענע קליידער, מיט ווייסע, זיידענע שאַלן אויף די אַקסלען, וועלכע האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט אויף דעם שוואַרצן. די הענט מיט צוויי שפּיצן שאַל אויסגעצויגן אין דער גאַנצער ברייט ווי פליגלען. די אויגן — דער אָפּגרונט פון טרויער. די האָר — בייזע, צערייצטע שלאַנ־גען. דאָס ליד איז זייער אַ טרויעריקס, און ביי די קליינשטעטלדיקע פיר קינדערלעך שטייען טרערן אין די אויגן פאַר מיטלייד. וולאַדימיר נעמט דאָס קלענסטע אויף די הענט און וועגדעט זיך צו גיטעלען:

— ע, מיין טייערע, אַ טרויעריקער „טיפּלים” ביי דיר היינט, דער־לאַנג שוין ליבערשט לענינגראַד.

פון לענינגראַד גיט מען פּונקט איבער אַ רוישנדיקן דזשאַז. אוטיאָ־סאָוו * באַווייזט וואָס ער קען און די עלנטע קינדערלעך ווערן פריילע־כער. סאָניע ווייסבלאַט מיט איר צוויי־יאָריקן בן־יחיד לאָזן זיך אַוועק אין מיטן צימער מיט אַ טאַנץ און די קליינע סלאַוואָטער פּליטימלעך פּליעסקען אין די שוואַכינקע דלאָניעס. ווען עס ווערט שוין נמאס דער משוגענער דזשאַז, גיט וולאַדימיר אַ געשריי:

— אַן עק! פאַרמאַך אים דאָס מויל, דעם גראַגער, די אויערן טוען שוין וויי. קומט אַהער, חברה, וועל איך אייך אויסלערנען אויסשפּילן אויף דער פּיאַנינע:

„טשיזשיק, פּיזשיק, דאַי וואָרעניק”...

יאָ, יאָ, וואָס אמת איז אמת, ווייסבלאַט האָטווירקלעך פאַרשטאַנען דאָס האַרץ פון די פאַרוואָגלטע קינדערלעך, אָפּגעריסענע אי פון די על־טערן, אי פון דער היים, און ער האָט מיט מתנות, מיט אַלערליי שפּילעכ־לעך און נאַשערייען, מיט נעמען זיי אין קינאָ אַריין, צי אין צירק, צי אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, מיט לערנען זיי שפּילן אויף דער פּיאַנינע פאַר־טריבן זייער עלנט און פאַריאָגט זייער אומעט.

שמואליק מיט זיין דבורהן און צוויי עלטערע יינגלעך האָבן זיך אויפ־געהאַלטן ביי יאַנין. שמואליק איז געשלאָפן מיט יאַנין, אסתר מיט דבו־רהן, פּאָלי מיט סאָניען. אווראָם מיט איין יינגעלע און ניומאַ מיטן צווייטן. דאָס צימער איז געווען אַ קליינס, דערצו נאָך איז געווען ווינטער, קיין פענצטער עפנט מען נישט, און טאַקע צען פאַרשוין! אָבער שמואליק האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט אַרויסשטעקן די נאָז פון יענער זייט טיר. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז די גאַנצע סלאַוואָטער געפּעאו לויערט אויף אים אין גאַס. דאָס פריוווויליקע אָפּשפּאַרן זיך פון דער ליכטיקער וועלט האָט געדויערט גאַנצע פינף וואָכן, ביז ער האָט ביי זיך געפּועלט, אַז וואָס עס וועט זיין וועט זיין, און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויף גאָטס וועלטל.

סוף־כל־סוף האָט מען פאַר אים געקריגן אַ דירה ערגעץ אין עק שטאָט און פאַר עטלעכע הונדערטערס צוגעשריבן אין דער מיליץ. אָבער פון גיין

---

* אין יענע יאָרן, אַ באַוווסטער אַרטיסט־קופּליעטיסט און קאָמפּאָזיטאָר.

ערגעץ אַרבעטן האָט ער אפילו נישט געוואָלט הערן. דער נאָמען „אַ סאָוויעטישער אָנגעשטעלטער" האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַן אימה מיט אַ פחד. אָבער דערווייל לעבן דאַרף מען דאָך, איז שמואליק, ביז עפּעס וואָס געוואָרן אַ מאַרק-מענטש. פּונקט איז געווען דער ווינטער אין סאַמע ברען, סעזאָן פּיק. ביי לעדערוואַרג האָט מען נישקשה פאַרדינט און שמואליק איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער „טאָלקוטשקע" מיט אַ פּאָר פּאָדעשוועס. אייגנטלעך רעדט זיך עס נאָר אַזוי בלשון נקיה: „מיט אַ פּאָר", ווייל נאָך פיר פּאָר האָט ער געהאַט אין קעשענע, און נאָך צוויי אין בוזעם, און נאָך דריי אונטערן הויזן־פּאַסיקל, און נאָך פיר אין די כאָליוועס פון זיינע שטיוול. עס האָבן זיך שוין צוגעזוכט שותּפים, מען האָט אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַ קאָמערטשעסקי דירעקטאָר פון אַ לעדער־פאַבריק וועגן עטלעכע צענדליק פעלן בלאַנק, עטלעכע צענדליק פעלן כראָם*, כדי מען זאָל שוין נישט דאַרפן קויפן „ביי דער גאַנדז האָבער"**...

צו דער צייט פון שלמהס באַפרייט ווערן איז שוין שמואליק געווען אַ גאַנץ שיינער בעל־הבית. מען האָט שוין ביי אים אין שטוב געגעסן „קוילעטש אין דער וואָכן", פּוטער מיט ברויט, נישט קיין ברויט מיט פּוטער. ביי גיטעלען האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ זעלטן קולכל און מען האָט זי אָפּגעגעבן אין קאָנסערוואַטאָריע. די קלענערע קינדער זענען געגאַנגען אין די שולן. שמואליקן האָט שוין גאָר ווייניק באַנג געטון יענער „לאָך" מיטן פינצטערן מאַגאַזין. לויט זיינע רייד האָט ער זיך געמעגט אָנצונדן נאָך פריער מיט דריי יאָר. אמת, זומער זענען אפילו געווען שוואַכער די געשעפטן, דער פויער גייט באָרוועס, נאָר אויף צו לעבן האָט מען נאָך אַלע מאָל פאַרדינט און נאָך אויף אַ מלבוש אויך. ס'האָט נאָך נישט געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז מען זאָל שוין מוזן צעבייטן אַן אָפּגעלייגטן רובל.

דעם 26טן יולי איז געווען אַ שרעקלעכע אָבלאַווע אויפן גאַנצן מאַרק און אויף דעם לעדערמאַרק אויך. צווישן די פאַרנומענע הונדערט דרייסיק מענטשן האָט זיך אויך געפונען שמואליק. כאָטש מען האָט ביי אים געטראָפן נאָר איין פּאָר כאָליוועס מיט צוויי פּאָר פּאָדעשוועס, האָט מען פון דעסט וועגן לויט דעם אַדרעס אין פּאַספּאָרט געשיקט מיט אים צוויי מיליציאָנערן אַהיים און דאָרט געטראָפן פערצן שטיק פון אַלערליי פעלן...

ביזן אַכטן אויגוסט האָט מען זיין ווייב גאָרנישט געענטפערט, נישט אין דער מיליץ, נישט אין דער פּראָקוראַטור. דעם אַכטן האָט זי גראָד אָנגעטראָפן אויף אַ דיזשורנע, וואָס לאָזט צו זיך רעדן. ער האָט נישט געקענט פאַרליידן איר ווייַנען און האָט איר מגלה־סוד געווען, אַז אַזוי ווי איר מאַנס פּאַספּאָרט איז אַ סלאַוועטער און ער וווינט ערשט אין קיעוו

---

* בלאַנק — פעלן אויסגעאַרבעטע אויף פּאָדעשווע-לעדער, כראָם — פעלן אויסגעאַרבעטע אויף כאָליוועס און קעפּלעך.

** אַ פאָלקסווערטל. געמיינט: נישט צו קויפן ביי דער צווייטער האַנט.

אכט חדשים, האָט מען זיך אָנגעפרעגט אין סלאָוווטע, צי האָט מען דאָרט גאָרנישט צו שמואל מאיראָוויטש לאָמאָוואַצקי. האָט מען פון דאָרט גע־ענטפערט, אַז אָט דעם פויגל זוכט מען שוין אַרום אויף גאַנץ אוקראַינע, מען זאָל אים צושטעלן אין זייער רשות. און זיי האָבן טאַקע אַליין צוגע־שיקט אַ וואַך נאָך אים. אַזוי אַרום האָט אים קיעוו מיט אַלע מאַטעריאַלן אָפּגעשיקט קיין סלאָוווטע, דאָרט וועט מען אים שוין טון זיין רעכט און אהער האָט זי מער נישט נאָך וואָס צו גיין. זיין ענין געפינט זיך שוין דאָ נישט מער.

מיט אַ צעיושעטן קאָפּ איז דבורה אַריינגעפאַלן צו יאַנין אין שטוב אַריין, זי האָט אויף זיך געריסן די האָר, געקלאַפּט זיך קאָפּ אין וואַנט, מען האָט זי גאָרנישט געקענט באַרואיקן. זי האָט מיט אַ האַרצרייסנדיק קול געוויינט און געכליפּעט:

— גוואַלד, עס איז מיר שלעכט! גוואַלד, עס איז מיר שלעכט! איך פילט גאָר קיינער נישט, וואָס אַרום מיר טוט זיך. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך וועל שוין מיין שמואליקן קיין מאָל מער נישט זען פאַר די אויגן. ווי איז מיר, טאָמער זענען נאָך פאַר אים געווען ווייניק פערצן פעלן מיטן שטעמפּל פון דעם זיבעטן לעדער־זאַוואָד, האָט מען אים נאָך אָפּגעשיקט אין יענעם וויסטן מקום, וווּ עס ברענט פאַר אים אַזאַ געפערלעכער קאַלך־אויוון. גוואַלד, עס איז מיר שלעכט! גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס קען מען דאָ עפּעס טון? האָט רחמנות, גוטע מענטשן, ראַטעוועט, טוט עפּעס! איך בין אַזוי ווי פּאַראַליזירט! צוזאַמען מיט זייער פאָטער האָבן מיינע עופעלעך פאַרלוירן אויך זייער מוטער...

אסתר האָט ביטער געוויינט. חוץ דעם, וואָס שמואליק איז געווען אירער אַ ברודער, האָבן אים אַלע ביי יאַנין אין שטוב שטאַרק ליב גע־האַט. אסתר האָט געצווינגען יאַנין אָפּצולייגן אַלע נייטיקע גענג און לויפן צו זיין קוזין דאַוויד טולטשינסקי, דעם רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „סאָ־וויעטסקאַיאַ אוקראַינאַ". פאַרט אַ רעדאַקטאָר, אפשר האָט ער באַקאַנט־שאַפט אין די הויכע פענצטער. שלמה איז אַוועק צו דעם נאַטשאַלניק פון קיעווער שטאָט־מיליץ. פאַלי האָט אָפּגעשיקט פון דער שטוב וואָלאָדיען. ביי יאַנין אין שטוב איז געוואָרן ווי צו קינות. דבורה איז געלעגן אויף דער סאָפע אַזוי ווי אין חלשות. אין עטלעכע שעה אַרום האָט זיך שלמה אומגעקערט מיט אַן ענטפער. זיין מענטש האָט אים געזאָגט, אַז ווען ער געפינט זיך נאָך אין קיעווער מיליץ, וואָלט ער נאָך אפשר געפרווווט מיט עפּעס פאַרלייכטערן זיין לאַגע, אָבער אויף סלאָוווטע האָט ער קיין שום דעה נישט. שפּעטער אַ ביסל איז געקומען יאַני אַ צעקאָכטער. לכתחילה האָט מען ביי אים קיין איין וואָרט נישט געקענט אַרויסבאַקומען, אַזוי צעטומלט איז ער געווען. ענדלעך האָט ער דערציילט, וואָס פאַר אַ קבלת־פנים ער האָט געהאַט ביי זיין דאַווידן:

— באַלד ווי איך בין אַריינגעקומען, בין איך ביי אים געווען זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין סעקרעטאַר־

שע, מיך באַזעצט אויף זיין שטול, נאָר אַז מיר האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין זיין קאַבינעט און איך האָב אים אַלץ דערציילט ווי אַן אמתן גוטן פריינט, איז ער אַזש אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט: — „און מיט אַזעלכע בקשות קומט איר צו מיר, יאַני? חוץ דעם וואָס איך בין אין סלאַוווטע קיין מאָל נישט געווען און קען דאָרט קיינעם נישט, נאָר ווען איך קען אים יאָ העלפן, וואָלט איך דען דאָס געטון? איר ווייסט, ווי אַזוי מען קוקט אַצינד אויף אַזעלכע מענטשעלעך?... מיר פירן אין דער פרעסע אַ מלחמה נישט אויף לעבן נאָר אויף טויט, מיט אַזעלכע ריכטער, וואָס באַציען זיך עט־וואָס ליבעראַל צו אַזעלכע פאַרברעכערס, וואָס ווערן באַשולדיקט לויטן געזעץ פון זיבעטן אויגוסט 1932, און איר ווילט, אַז איך, דער פאַראַנט־וואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון אַ צענטראַלער מלוכה־צייטונג, זאָל זיך גיין אָננעמען פאַר אַזאַ מין פאַרברעכער. עס איז מיר אַ חידוש אויף אייך, איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ קלוגן. נישט געריכט זיך אויף אייך! נאָר מילא, אַ מענטש טוט אַ מאָל אַ זאַך אומבאַרעכנט. זאָגט מיר בעסער, זיין ווייב איז אויך אַרעסטירט? וואָס? ניין? זי איז איצט ביי אייך אין שטוב? זאָל זי טאַקע אהיים נישט גיין. היינטיקע צייטן קען אַלץ טרעפן... מען קען זי אויך צושטעלן קיין סלאַוווטע. די אויספאָרשונג קען וועלן אים כאַפּן ביי אַ ליגן דורך זיין ווייב, אָדער פשוט ווירקן אויף אים מיט איר אַרעסט. מיט אַזוינע טיפּן, וואָס פאַלן אַרונטער אונטערן געזעץ פון זי־בעטן אויגוסט, צאַצקעט מען זיך ווייניק וואָס, מען קוקט אויף זיי מיט אַזאַ גוט אויג, ווי אויף טראָצקיסטן. אַמבעסטן וועט זיין זי זאָל זיך אויס־באַהאַלטן ביז נאָכן אורטייל. עס וועט נישט לאַנג דויערן, היינט מאַכט מען אַ תכלית מיט אַזעלכע אויף גיך... איינס און צוויי..." וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב נישט געזען פאַר זיך די טיר אויף אַרויסצוגיין. ביים געזעגענען זיך איז ער געווען קאַלט ווי אייז. נאָר אַ געשעפּט האָב איך מיט אים, בלויז אָט די דאגה זאָל מיר בלייבן... און שלמה, הער איך, האָט אויך גאָרנישט געפּועלט, וואָס זשע וועט טאַקע זיין? גוואַלד, וואָס וועט זיין?

קאפיטל XX

עס זענען פאריבער צוויי טעג. דבורה האט זיך אלץ געפונען ביי יאַנין. גיטעלע האט פארלאָזן די קאָנסערוואַטאָריע און געפירט די שטוב, ווייל פאר די קינדער איז געווען ווייט צו פאָרן צו דער מוטער און פאר דער מוטער — סכנהדיק צו פאָרן צו זיי. אָט אזוי האט מען זיך איינס דאָס אנדערע אפילו נישט געזען.

דאָס איז געווען פאר נאכט. ביים אָנבייסן זענען געזעסן יאַני, אסתר, פּאָלי, אווראם און דבורה. אין מיטן עסן שיסט אוים דבורה מיט אַ געוויין, וואָס גייט איבער אין אַ היסטעריקע:

— גוואַלד, מיר וועלן דאָ אפילו נישט וויסן, וווהין זיין געביין איז אהינגעקומען. דער רעדאַקטאָר האָט דאָך געזאָגט, אַז אַזעלכע פּראָצעסן דויערן היינט נישט לאַנג. מען וועט אים דאָך כ׳וויים גאָרנישט וואָס טון און מיר וועלן דערפון אפילו נישט וויסן. און אָן אַלעמען, אפשר וואָלט מען כאָטש צוגענומען עפּעס עסן פאר זיינעט וועגן. גוואַלד, מען וואָלט נייטיק ווי אין לעבן געדאַרפט עמעצער צופאָרן...

יאַני רופט זיך אָן אן אויפגערעגטער:

— כ׳האָב פיינט, אַז דו רעדסט נאַרישקייטן, דבורה. עסן וועט מען ביי דיר צונעמען... אַז מען האָט דאָ נישט צוגענומען, מיט איין אומגליק אויף זיך, וועט מען דאַרט צונעמען? וואָס דען, אַבי סתם אין דער וועלט אַריין קלאַפּן מיט דער צונג!... זעסטו דאָס, וואָס דו זאָגסט וועגן צופאָרן, וואָלט מען אודאי יאָ געדאַרפט, וואָס פאר אַ פראַגע? העלפן וועט עס נישט, אָבער מיר וועלן אפשר וויסן, ווו מיר זענען אין דער וועלט. אפשר וועט די פּראָקוראַטור זאָגן דעם אַרטיקל אָדער וווהין עס גייט אײַבער זיין ענין אָדער ווי לאַנג עס קען דויערן ביז זיין פּראָצעס?

— אָט דאָס שריי איך דאָך, ווי אַזוי לאָזט מען דאָס אַ מענטשן אומקומען און מען פאָרט אפילו נישט צו אַ קוק טון, וואָס עס טוט זיך מיט אים?

— דו ביסט אודאי גערעכט, ווער זאָגט דען, אַז ניין? אָבער ווער זשע קען פאָרן?

— איר פארשטייט דאָך, אַז איך אַליין וואָלט אהין געווען געפאָרן די ערשטע מינוט ווי מען האָט אים איבערגעפירט, נאָר סלאַוווטע איז אַ קליין שטעטעלע, מיך קען דאָרטן קינד און קייט. אין געציילטע צען מינוט וועט וויסן די גאַנצע שטאָט, אַז איך בין דאָ. וואָס טו איך, טאָמער אַרעסטירט מען מיך אויך? דאַן בלייבן דאָך די קינדער אין גאַנצן ווי אויפן וואַסער...

— פון דיר איז אָפּגערעדט, אַז דו טאָרסט נישט אַרויסטרעטן פון יענער זייט שוועל, ווער רעדט פון דיר? אָבער ווער קען פאָרן חוץ דיר? מען דאַרף דאָך עפּעס דערצו האָבן אַ מענטשן מיט פאַרשטאַנד...

— אפשר וואָלסטו אַליין טאַקע צוגעפאָרן, יאַני?

— וואָס רעדסטו, דבורה? דו ווייסט יאָ, וואָס דו רעדסט? איך האָב דאָך אַ פאַרשאָלטענע אַרבעט, איך בין פאַרבונדן מיט אַ באַנק. טאָמער דאַרף מען זיך פאַרהאַלטן צוויי אָדער דריי טעג, וועט מען אויף מיר אָנגעבן אין געריכט פאַר אַ פּראָגול*.

— וואָס דען, אפשר וואָלט צוגעפאָרן פּאָלי אָדער אווראַם? כ'בין דאָך דאָ אַזוי עלנט. חוץ אייך האָב איך דאָך קיינעם נישט... איר מוזט דאָך רחמנות האָבן...

פּאָלי האָט אָפּגעווישט אַ טרער:

— נו, מומע, פאַר וואָס רעדט איר אַזוי? מען דאַרף אונדז עפּעס בעטן? איך קען פאָרן, אָדער אווראַם, מיר זענען איצט ביידע פריי. כ'האָב נאָר מורא, טאָמער טוען מיר גאָרנישט אויף.

אסתר גיט זיך נערוועז אַ קרום:

— ווייס איך, זייער פאָרן האָט ביי מיר אַזאַ פּנים, פּונקט ווי דו זאָלסט שיקן דיין גיטעלען, אַקוראַט.

יאַני גיט זיך אַ קראַץ אין דער פּאַטיליצע:

— עס איז שווין דווקא יאָ דאָ אַ מענטש, וואָס מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן, נישט ווי אויף פּאָלין מיט אווראַמען, נאָר ווער ווייסט צי ער וועט וועלן פאָרן? שאַ! און אפשר טאַקע יאָ?

— ווער איז עס?

— אַליין שטויסטו זיך נישט אָן, ווען איך מיין? שלמה!

— אוי, טאַקע! שלמה וואָלט דאָךווירקלעך געווען דער סאַמע בעסטער שליח...

אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדעט אויף פּאָלין. זי איז מאָמענטאַל בלייך געוואָרן און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. יאַני האָט נישט אויסגעהאַלטן:

— נו, פּאָלי, וואָס שווייגסטו? מען רעדט דאָך צו דיר...

— וואָס האָב איך צו ענטפערן? איך וועל אים נישט זאָגן.

— ווער דען זאָל אים בעטן, אַז נישט דו? ווער איז נאָך נעענטער פון אַ כלה?

פּאָלי האָט ביים וואָרט „כלה" לייכט אַ ציטער געטון, נאָר גאָרנישט געענטפערט. יאַני האָט מיט אָפענער שנאה זי לאַנג אָנגעקוקט און סאַרקאַסטיש געזאָגט:

— מן־הסתם, אַז זי שווייגט, פילט זי, אַז זי האָט ביי אים נישט פאַרדינט, ער זאָל איר עפּעס צו ליב טון.

פּאָלי האָט זיך אָן ווערטער אויפגעהויבן פונעם טיש, און האָט אַרויסגענומען דעם מאַנטל. דבורה, וועלכע איז די גאַנצע צייט פונעם שמועס צווישן פאָטער און טאָכטער געזעסן אַ פאַרשטיינערטע מיט אויסגעוויינ־

* דאָס נישט־קומען אָדער פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט.

טע אויגן־לעכער, האָט זיך געגעבן אַ ריס פון טיש, איז צו צו פאַלין און געפאַלן איר אויפן האַלדז:

— פאַליטשקע! לעבן מיינס! נשמה מיינע, אויף דיר שטייט איצט די גאַנצע וועלט... נאָר דו קענסט ביי אים פועלן אַזאַ זאַך... באַקלער זיך, עס איז דאָך עפעס דיין פעטער, דו ביסט דאָך ביי אים אויף די הענט אויסגעוואַקסן...

פאַלי האָט מיט די לעצטע כוחות זיך איינגעהאַלטן, אַז זי זאָל זיך נישט צעוויינען. זי האָט אַרומגענומען איר מומען און מיט די טויט־געוואָרענע ליפּן קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— מומעטשקע, איך קען נישט איבערטראָגן אייער בעטן מיך גלייך ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדע, נאָר איך קען מיך מיט אים נישט שאַפן אויף אַזוינע שליחותן.

— נישט שאַפן! חלילה וחס! ווער זאָגט דען שאַפן זיך? נאָר בעטן, נאָר בעטן!...

— און בעטן — אויך נישט... איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז שלמה איז די סאַמע פּאַסנדיקסטע פּערזאָן פאַר אַזאַ נסיעה. ער קען שוין זייער שפּראַך און זייער נאַטור, נאָר מומע, גלייבט מיר, איך קען מיך צו אים נישט ווענדן מיט קיין בקשות. נו, ווי אַזוי זאָגט מען דאָס אייך? איך קען נישט און שוין! אָט זענט איר שוין דאָ עטלעכע טעג אין שטוב, האָט איר אַליין געזען: ער קומט גאַרנישט... מען זעט אים נאָר אין גאַנצן נישט פאַר די אויגן. וואָס קען איך העלפן?

— אוי, פאַליטשקע, גלייב מיר, ביסט נישט די ערשטע, נישט די לעצטע. איך בין אויך אַ מאָל געווען אַ כלה, עס מאַכט זיך, אַז צווישן חתן־כלה טרעפט אַ רוגזל... אָבער ביי אַזאַ זאַך רעכנט מען זיך? דאָס איז דאָך פּיקוח נפש!

— אָבער, מומע, איר רעדט פון אַ מענטשן, וואָס איז נישט אין מיין רשות... וואָס ער קומט גאַרנישט אַהער.

— דאָס איז גאַרנישט, טאָמער איז ער נישט געווען צוויי טעג. אָט וועט אוּוראַם תיכף ומיד אַ פאָר טון צו אים און אים ברענגען. אוּוראַם וועט אים זאָגן, אַז פאַלי בעט אים גלייך צו קומען אַהער... אוּורעמעלע, טייערער מיינער... שטיי זשע נישט, זיי אַ וויל קינד, זעסט דאָך, אַז פון מיר גיסט זיך דאָס בלוט...

נאָר אוּוראַמען האָט מען צוויי מאָל נישט געדאַרפט זאָגן. ער איז שוין געווען פון יענער זייט טיר. דבורה האָט צוגענומען ביי פאַלין דעם מאַנטל פון די הענט און מען האָט גענומען וואַרטן. מיט אַ מאָל האָט זיך דערטראָגן אַ שנעל לויפעניש פון די טרעפּ, עס האָט זיך געדאַכט, ווי מען וואָלט מיט רעדער אַראָפּגעפאָרן אין פּאַדוואַל אַריין. אוּוראַם איז אַריינגעפאַלן נישט טויט נישט לעבעדיק:

— ער גייט! איך האָב אים געזען פון קרעשטשאַטיק פאַרקערעווען אַהער.

דבורה האָט אזש א פּליעסק געטון מיט די הענט:

— זעסט, פּאָליטשקע, די השגחה אַליין העלפט מיר צו און דו האָסט געזאָגט, אז דו וועסט חלילה נישט פועלן.

ס'איז אוועק נאָך א מינוט און נאָך א מינוט. פּאָלי איז געוועז בלייך ווי די וואַנט. דבורה האָט נישט געקענט איינזיצן:

— אוודאַי, עס ווייזט אוים, אז נישט אהערצו איז ער געגאַנגען. עפּעס צו לאַנג דויערט ביי אים דער וועג פון קרעשטשאַטיק.

— איי, מומע, וואָס רעדט איר אַזוינע זאַכן? ער האָט דאָ נישט וווהין צו גיין ערגעץ אַנדערש, שאַט! אָט גייט ער פון די טרעפּ.

עס האָבן זיך דערטראָגן רעגלמעסיקע טריט און עס איז אריינגעקומען שלמה. ער איז געוועזן אָנגעטון אין א נייעם מאַרענגאָ־אַנצוג און אויך א נייע קעפּי * פון דעם זעלבן שטאָף. דאָס פּנים פריש, ערנסט און רואיק. אַלע האָבן נישט געקענט אראָפּנעמען די אויגן פון אים, אזוי שיין האָט ער אויסגעזען אין דער מינוט. ער האָט זיך באַגריסט, געוואָרפן א פלינקן קוק אויף אַלעמען און איז צוגעגאַנגען צו פּאָלין.

— וואָס ביסטו אזוי בלייך, פּאָלי? קיין טשאַד קען דאָך זומער נישט זיין, מען הייצט דאָך נישט.

— עס ווייזט זיך דיר נאָר אוים.

— אזוי? עס קען זיין...

יאַני האָט געמאַכט א גרימאַסע, ווי ער זאָל אראָפּשלינגען בינין אויפן ניכטערן הארצן און האָט זיך אָנגערופן מיט א שמייכעלע:

— שלמה, מיר האָבן דאָ נאָר וואָס גערעדט פון דיר.

— אודאַי דערמאָנט צו שלעכטן, הא, יאַני? נאָר זאָגט דעם אמת!

— דו פרעגסט נאָך אזעלכע זאַכן? ווי אזוי דען קען מען פון דיר רעדן, אויב נישט צו שלעכטן.

— מילא, לאָמיך שוין וויסן דאָס שלעכטע, זאָגט שוין...

— זעץ זיך פריער. שטייענדיק קען איך נישט. עס איז נישט קיין שמועס אויף איין פוס. וואָס קוקסטו אַלץ אויף פּאָלין? עס וועט איר גאָר נישט זיין. פון וויניק שלאָפן זעט זי אוים אזוי בלאַס און זי שלאָפט דאָך נישט דורך די נעכט... גאָט האָט דאָך איר געהאָלפן א צווייטן קורס, מיט א וואָלאָדיען... קום בעסער אהערצו. מיר דאַרפן פון דיר א טובה. די זאַך איז דערפון אזוי: דו ווייסט גאַנץ גוט, וואָס פאַר א חתונה עס האָט געוואָרט אין סלאָבוטקע אויף אונדזער שמואליקן. ער ברענט דאָרט ווי א האָלעוועשקע און מיר דאָ זענען ווי די טויבשטומע. מען דאַרף, אז עמעצער זאָל צופאָרן כאָטש הערן, וואָס טוט מען אים דאָרטן, ביי וואָס האַלט עס מיט אים... מיר האָבן דאָ איבערגעזופּט אַלע קאַנדידאַטן אויף אזאַ סאָרט נסיעה און זענען געקומען צום אויספיר, אז דו ביסט די איינציקע פּערזאָן.

---

* אַזאַ פאַסאָן היטל.

— איך קען נישט.

— פאַר וואָס?

— איך בין פונקט נישט געשטימט אַצינד אויף לאַנגע תירוצים, נאָר איר קענט מיר אַזוי אויך גלייבן, אַז קוים זאָג איך מיך אָפּ פון העלפן אַ צווייטן, מן־הסתם קען איך טאַקע נישט.

— דו גיסט זיך אַ זאָג אָפּ: אַ צווייטן. אַ צווייטן אפשר טאַקע נישט און אַן אייגענעם פעטער — יאָ! פאַלים פעטער איז דען נישט אויך דיין פעטער?

שלמה פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ און ענטפערט העפלעך נאָר קאַלט:

— מילא, יאָ מיינער צי נישט מיינער, דאָס איז צו אַ לאַנגער שמועס, נאָר קוים האָב איך געזאָגט, אַז איך קען נישט, קענט איר מיר הייליק גלייבן.

דבורה גייט צו און נעמט אים אָן ביי ביידע הענט. אירע אויגן — ווי אַנגעגאָסענע צוויי גלעזער. פון זיי קוקט אַרויס אַזוי פיל געבעט, אַזוי פיל הכנעה:

— שלמה, יאַנין דאַכט זיך, אַז איר זענט גאָר מחויב, מאָנט ער ביי אייך. אָבער איך בעט נאָר ביי אייך. מיר זענען דאָך עפּעס פון איין שטעטל, ממש ווי פון איין משפחה און מיין שמואליק איז דאָך מיט אייער טאַטן צוזאַמען אויפגעוואַקסן, צו איין מלמד געגאַנגען... איר זענט דער איינציקער, וואָס קען ביי דער חברה זיך דערשלאָגן אַ טאָלק, מיר זאָלן כאָטש וויסן, וווהין מען פאַרשיקט אים און אויף וויפל. אפשר וועל איך אויך צו אים פאָרן אהינצו. איר זעט דאָך, אַז איך בין אַזוי אומגליקלעך און ער איז אַ טאַטע פון זעקס קינדערלעך... פּיצלעך ווערעמלעך...

דבורה אַנטלויפט אין אַ ווינקל, פאַלט אום אויף עמעצנס בעטל און באַהאַלט דעם קאָפּ אין קישן. איר גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך פון פאַרשטיקטן געוויין. שלמה זעצט זיך צו לעבן איר און זאָגט האַרציק, מיט גרויס מיטגעפיל:

— דבורה, איר זענט אַזוי אויפגערעגט, אַז איר זעט נאָר אייער אייגענעם אומגליק און ווייטער באַמערקט איר גאָרנישט... איר פאַרשטייט אודאי גלייך מיט מיר, אַז העלפן אייער שמואליקן קען איצט קיי—נער נישט, נאָר גאָט אַליין. ער איז שלעכט אַריינגעפאַלן און אין אַ בייזער שעה... דער וואָס וועט פאָרן, קען נאָר פרעגן ביי זיין אויספאָרשער, אָדער ביים פּראָקוראָר, וואָס עס טוט זיך מיט אים און עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי יענער וועט וועלן ענטפערן, ווייל ער מוז נישט אינפאָרמירן די משפחה פונעם איינגעשפּאַרטן. אויב דאָרט זיצט אויפן בענקל אַזאַ דימענט, ווי ביי זיי טרעפט אָפט מאָל, קען ער גאַנץ פשוט אַרויסטרייבן און אפילו נישט לאָזן אויף דער שוועל. ביי זיי האָט דען אַ מענטש אַ ווערט? ווער שמועסט נאָך, אַז מען קומט נאָך אַ גרוס פון אַ מענטשן, וואָס פאַלט אַרונטער אונטער דעם געזעץ פון זיבעטן אויגוסט... בעסער

וואָלט ער אַכצן מענטשן געקוילעט, פינף און זיבעציק שאַנדהייזער איינ־געפּירט, וואָלט מען אויף אים פיל בעסער געקוקט, ווי מען קוקט אויף אים איצט. היינט פרעג איך אייך, וואָס קען מיין פאַרן מער געבן פון יעדן איי־נעמס? גאָרנישט! גלייבט מיר, אַז גאָרנישט. דאָ אין שטאָט, ווען איך קען עפּעס טון פאַר אייך, כ'וויים? אַכציק קילאָגראַם אָפּטראָגן אויף די פּלייצעס ביז דימייעוועקע און צוריק — ביטע, איך וועל דאָס טון מיט פאַר־גניגן, אָבער פאָרן — קען איך נישט!... ביי יעדן מענטשן זענען פאַראַן אין זיין לעבן אַזעלכע אומשטענדן, קעגן וועלכע ער קען נישט גיין...

שלמהס בליק שטעלט זיך אָפּ אויף פּאָלים געזיכט און ער דערשרעקט זיך פאַר דער מוראדיקער בלאַסקייט, וואָס דעקט עס צו. זי שטייט אָנגע־שפּאַרט אין דער עטאַזשערקע, די אויגן אַראָפּגעלאָזט און קיין טראָפּן בלוט האָט זי נישט אין פּנים. שלמה האָט זיך אַ ריס געטון פון בעטל, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט פאַלט זי אום אין חלשות. ער הייבט אונטער איר פּנים, פאַרקוקט איר אין די אויגן:

— פּאָלי, גוואַלד, וואָס איז מיט דיר? דו זעסט דאָך אויס שרעקלעך...

זי האָט קוים־באַוועגנדיק מיט די ליפּן שוואַך ארויסגעשעפּטשעט:

— אויב דו ווילסט, קום מיט מיר ארויס אויף אַ ווײַלע אין קאָרידאָר.

שטייענדיק ביי די טרעפּ, נעמט זי אים אָן ביי דעם לאַץ פונעם פּידזשאַקל:

— שלמה, האָב רחמנות אויף מיר און פאָר יאָ צו קיין סלאַוווטע.

— פּאָלי, ווען איך האַלט דאָס נישט פאַר אוממעגלעך, וואָלט איך דבורהן נישט געוועזן אָפּגעזאָגט.

— שלמה, איך וועל נישט איבערטראָגן איר ווײנען און קלאָגן, עס איז אַלץ אויף מיין קאָפּ...

— פּאָלי, פאַר וואָס זאָלסטו נישט וועלן אריינגיין אין מיין לאַגע, מיר איז אין דער היים אַזוי שווער, אַזוי שווער... מען זאָגט מיר דווקא גאָרנישט, נאָר דאָס נישט זאָגן איז נאָך ערגער ווי געזאָגט. מען האָט אָנ־געגומען וואָסער אין מויל, שאַ! נאָר איך זע, אַז די מאַמע צאַנקט אויף מיר קוקנדיק. דער טאַטע... איי, לאָמיר בעסער דערפון נישט רעדן... און דו מיינסט, אַז נאָר אין שטוב? אַלע! אַלע פריינט און חברים. אין אַ לעפל וואַסער וואָלטן זיי מיך דערטרונקען, פאַר וואָס איך לאָז מיך פירן פאַר דער נאָז. אַנומלט האָט מיך מנשה מכבד געוועזן מיט אַזאַ מענה־לשון, אַז מען האָט זיך געדאַרפט באַגראָבן אַ לעבעדיקער, און איך האָב געמוזט אַננעמען אַלץ פאַר ליב און שווייגן. און פּלוצלינג, בארעכן נאָר, טאָמער איז נאָך קאַרג, פאָר איך ערשט פון די טולטשינסקים אין אַ קאָמאַנדי־ראָווקע. איך קען שוין באַלד אַזוי אויך אין שטוב זיך נישט געפינען, ווער שמועסט נאָך, ווען איך פאָר ערשט קיין סלאַוווטע... פּאָלי, דו דאַרפסט מיך פאַרשטיין און מיר מוחל זיין...

פּאָלי פאַרלירט שלמהס לאַץ. אירע הענט הענגען זיך נאָך ווי אָפּגע־

טריקנטע צווייגן, אָן לעבן, אָן ווילן. זי שטייט איינגעהויקערט און ענט־פערט שטיל:

— איך האָב פריער פארשטאַנען דאָס זעלבע... איך האָב זיי געזאָגט אז אויף דיר זאָל מען נישט האָפן. נו, וואָס? ביסט אודאי גערעכט...

זי שלעפט זיך אַנמעכטיק אוועק צו דער טיר. שלמה בלייבט א פאַר־שטיינערטער אויף די טרעפּ. זי האַלט שוין די קליאַמקע אין דער האַנט, ווי פון זיין האַלדז רייסט זיך ארויס א ברענענדיקער שיפּע:

— וואַרט אויס, עפן נישט!...

מיט איין שפּרונג איז ער לעבן איר, שליסט זי איין אין זיינע אָרעמס און באַשיט איר ליידנדיק פּנים מיט ברענענדיקע קושן.

— פּאָלי, טייבעלע מיינס, וואָס מיר פרעמדע מיינונגען, געזאָגט — גע־רעדט, אָבער איך האָב דאָך דיך אזוי שטאַרק ליב... אַזוי שרעקלעך ליב...

— שלמה... אוי, שלמה... אוי, שלמה...

זי האָט אים קאָנוולסיוו געגלעט, געקנייפּט, געביסן.

— פּאָלי, באַרואיק זיך, עס קען עמעצער אָנקומען און אונדז אזוי טרעפן.

— וואָס אַרט מיך עמעצער? אבי דו זאָגסט, אז דו האָסט מיר נאָך א ביסעלע ליב...

— א ביסעלע — איז א גראָבער ליגן, איך האָב דיך ליב ווי אַלע מאָל, מיטן גאַנצן ברען און מערער פון מיין לעבן.

— שלמה, אפילו ווען דו זאָלסט א מאָל אריינשטעקן א קינזשאַל אין מיין הארצן, וועל איך אויך דאַמאָלסט קושן דיינע הענט... דיינע ליבע פינגערלעך...

— און דו קלערסט, אז עס וועט א מאָל קומען דערצו?

— ניין, שלמהלע, עס רעדט זיך נאָר אזוי. עס איז א ליגן, איך וויל לעבן. לעבן און דיך שטענדיק האָבן פאַר די אויגן. מאַמע! ווי גליק־לעך איך בין געוואָרן פון איין וואָרט דיינעם...

— קום, פּאָלי, קום אין שטוב אריין. מיר וועלן פּרוּוון צוטראַכטן עפּעס אַן עצה וועגן מיין פאָרן קיין סלאָוווטע.

אריינגעקומען אין שטוב אריין, זעצט זיך שלמה צום טיש, און פאַר־טראַכט זיך. מעכאַניש קנעטן זיינע פינגער קייקעלעך פון ווייך ברויט. מיט א מאָל וואַכט ער אויף און ווענדעט זיך צו יאַנין:

— הערט, יאַני, עס איז אזוי די זאַך. פאַר א יאָרן אין דער צייט. ווען איך דאַרף ערגעץ צופאָרן אויף א טאָג, צוויי אָדער דריי, וואָלט איך דאָס געוווען געטון, אפילו נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי די עלטערן. זיי וואָלטן גענואָר געוואָרן פון דעם ערשט לאחר המעשה. איצט אָבער איז די זאַך עטוואָס אנדערש. נאָך דעם האַלבן יאָר זיצן אין טורמע, וואָס זיי האָבן זייער גאַנץ לעבן אוועקגעלייגט פאַר מיר, קען איך זיך שוין אזוי נישט באַגיין מיט זיי. חוץ דעם איז פאַר מיר זייער נישט באַקוועם זיי צו זאָגן, פון וועמען און נאָך וואָס איך פאָר. אָבער פאָרן דאַרף מען דאָך פאָרט און איר

ווילט דאך, אז נאר איך זאל דאס טון, כאטש איך ווייס גאנץ גוט, אז איך וועל דארט גארנישט אויפטון מער פון יעדן אנדערן. דעריבער איז מיין עצה אזוי: פארט שוין צו, איר מיט דבורהן צום טאטן. דערציילט אים דאס זעלבע וואס מיר און זאגט אים, אז אזוי ווי איך בין שוין עטלע־בע טעג ביי אייך נישט געווען, זענט איר צוגעפארן צו אים בעטן אים, אז ער זאל אויף מיר ווירקן, איך זאל צופארן קיין סלאוווטע. איך וועל אנקומען א האלבע שעה נאך אייך און עס וועט שוין זיין רעכט. וועט איר האבן ביי אים געפועלט ביז מיין קומען — איז מה־טוב, ניין, — וועל איך אייך שוין אונטערהאלטן...

דבורה איז צוגעלאפן, אנגעכאפט שלמהס האנט:

— איר ווייסט גארנישט, וואס פאר א גוטער מענטש איר זענט, שלמה...

— איי, לאזט צו רו. דאס גאנצע פארן איז ווערט אן אויסגעבלאזן איי, ווי זאגט מען דאס: עס איז אלץ נאר כדי, אז דאס געוויסן זאל זיין ריין.

— וויפל, קלערט איר, דארף איך אייך מיטגעבן געלט? טאמער קען מען אים דארט עפעס ארייננגעבן, געלט אדער שפייז, היד ד׳ תקצר?

— וואס ווילט איר האבן פון מיר? איך דארף נישט אייער געלט, איך וועל מיך באגיין אן אייער געלט. זאל נאר זיין מיט דעם וואס צו טון.

— און אייער טאטן ווען מיר דען טרעפן אצינד אין דער היים?

— מיין טאטן? יא. היינט גייט ער שוין אין ערגעץ נישט, סיידן דא־ווענען מנחה־מעריב.

— און איר קלערט, אז עס מאכט נישט אויס, איך זאל פארן אין שטאט אריין?

— גייט שוין גייט, איר מאכט זיך נאריש, צי וואס? איר מיינט אויף אן אמת, אז עמעצער האט אייך אין זינען? אייער שמואליק האט אויך לכתחילה מורא געהאט צו ווייזן זיך אויף דער גאס.

— הלואי וואלט ער זיין מורא נישט געווען פארלוירן ביזן סוף, וואלט איך אצינד נישט געווען אזוי אומגליקלעך...

— הייבט זיך אן א מעשה: וואלט איך, זאלט איך... ווען א מענטש זאל וויסן, וווּ עס ווארט אויף אים א גרוב, וואלט די וועלט גאר אן אנדער פנים געהאט... נו, שטייט־זשע נישט, איר דארפט זיין אויף סאלאמינקע אין א האלבער שעה ארום און איך וועל אהין אנקומען אין א שעה ארום, כדי עס זאל אויסזען ווי צופעליק. פאלי, דו באגלייטסט מיך א ביסל?

— וואס פרעגנסטו אזוינע זאכן? נישטא איצט קיין זאך אויף דער וועלט, וואס איך וואלט פאר דיר נישט געטון, אויף מיין ערנווארט.

שלמה בייגט זיך צו צו איר אויער:

— חוץ, פארשטייט זיך, אויסווארטן מיט דיין עקסטערנעם קורס. איא אזוי?

— אך, שלמה, שוין זשע שטעלט דיר צו פארגעניגן צו שטעכן מיין

ליב ווי מיט נאָדלען? צייטנווייז וואָלט איך אונטערגעצונדן דעם אינסטי־טוט מיט זיך צוזאַמען, אַזוי נמאס איז ער מיר...

— מיט וועלכע רעכט זאָל מיין כלה אומקומען צוליב דיין אינסטי־טוט?...

אויפן טרעפּל פונעם טראַמוויי־וואַגאָן האָבן זיי זיך געזעגנט און שלמה איז אויך אַוועקגעפאָרן אויף סאָלאָמינקע.

אויף צו מאָרגנס, פינף אַ זייגער פאַר טאָג, איז שלמה אָפּגעפאָרן קיין סלאַוווטע.

קאפיטל XXI

דער רעגן האָט נאָך געגאָסן פון האַלבער נאַכט. שלמהס האָפענונג, אַז אפשר איז דאָס נאָר אַ קיצווער רעגן, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר־נישט. אין פעלד האָט דער רעגן געשמיסן נאָך שטאַרקער. פון אַרויסגיין אויפן טאַמבור איז אפילו נישט געווען וואָס צו טראַכטן. די שויבן זענען געווען אַזוי פאַרווייִנט, אַז מען האָט דורך זיי גאָרנישט געקענט אַרויסזען. אין וואַגאָן איז געווען שיטער און אומהיימלעך. אָן חשק האָט ער צענומען דעם פּאַרטפעל. דאָרט זענען געווען זיינע תפילין, אַ תהילימל, אַ ביכל, אַ ביסל געבעקס און פּרוכטן. ער האָט אַרויסגענומען דאָס ביכל, זיך אָנגעשפּאַרט אין דער דורכגענעצטער פענצטער־ראַם און געפּרוווט לייענען, אָבער אין קאָפּ אַריין זענען אַלץ געקראָכן זייטיקע געדאַנקען, נישט נעלאָזט זיך קאָנצענטרירן. שוין באַלד אַ יאָר, אַז ער איז נישט געפאָרן מיט קיין צוג. וואָס פאַר אַ לאַנגער זמן — אַ יאָר... פאַר די לעצטע פינף יאָר פון זיין לעבן האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז עס זאָל דורכגיין אַזאַ גוואַלדיקער זמן און ער זאָל נישט פאָרן מיט קיין צוג. ווו איז ער געווען פאַר אַ יאָרן אין דער צייט? פּאַוואָלי נאָר, היינט איז זעקס טעג אין אב. איז ער נאָך פאַר אַ יאָרן אין דער צייט געווען אין מאָסקווע, צי שוין אויפן וועג קיין מאַרי? אַך, מאַרי, מאַרי!... טייערע, טייערע מרים, וואָס איז מיט דיר דאָרט געשען פאַר דעם יאָר צייט? וואָס מאַכט דיין הייליקער זיידע? דיין שטילינקע אַלטיטשקע? עלנטער חזקיה!... אומגליקלעכער זבולון!... אוי, ליבינקע מיינע, צי לעבט איר כאָטש?

דער רעגן האָט געקלאַפּט אין דאַך ווי אַ גאַנצע מחנה טאַנצנדיקע פיס. פונעם ווענטילאַטאָר, וואָס איז געווען אַריינגעפּראַוועט אונטער דער סטעליע, האָט געשפּריצט אויף אַלע זייטן. דאָס פענצטער איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ וואַסערדיקן פאַרהאַנג. דער רעגן און די פריע שעה האָט דאָס רוב פּאַסאַזשירן פאַרוויגט און אַנגעוואָרפן אויף זיי אַ קלעפּיקן שלאָף. פון אַלע פּאָליצעס האָט זיך געטראָגן אַ געשמאַק שנאָרכן. שלמה געדענקט גאָרנישט, ווי אַזוי דאָס ביכל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט; ווי אַזוי זיינע אויגן האָבן זיך זיך פאַרצויגן, און דעם גאַנצן קערפּער האָט באַהערשט אַ שווערע מידקייט, אַ שווערע ווי בליי, אַ שטאַרקע ווי ספּירט. אויפן הימלדעק איז נישט געווען צו באַמערקן אפילו קיין ספק־שפּעלטעלע, קיין מינדסטן רמז נישט אויף אויסלייטערן זיך... דער גאַנצער הימל איז געווען ווי פון טשוגון: גרוי, געדיכט און אומברחמנותדיק פאַריאָושט. פאַרביי דעם נודנע־קריכנדיקן צוג, האָבן זיך לאַנגזאַם געגרוקט טעלעגראַף־סלופּעס, שוואַרצע פונעם רעגן, ווי באַשאָטענע מיט אַש. אויף די דראָטן זענען אַראָפּגעהאַנגען שנירלעך וואַסער. דער רויך פונעם לאָקאָמאָטיוו איז צעשוווּמען געוואָרן אין דעם מעוברתדיקן נעפּל און מען האָט זיי נישט געקענט פונאַנדערשיידן. דאָס קלאַפּן פון די רעדער אין די רעלסן

האָט זיך פאַרלוירן אין דעם כליופּען פון דעם וואַסער. אין צוג איז אַלץ געשלאָפן. וואַגאָן־איין, וואַגאָן־אויס האָט זיך נאָך געהערט אַ כראָפּען און אַ פאַרשידן פּיפּן פון נעזער...

שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שטאַרקן קלאַפּן, האַרט לעבן זיינע אויערן. אַ דערשראָקענער האָט ער ברייט צעעפנט די אויגן. דער קאָנדוקטאָר האָט מיט זיין אומגעלומפּערטן שליסל הילכיק געקלאַפּט איבער די פּאָליצעס:

— צוגרייטן די בילעטן! צוגרייטן די בילעטן פאַרן קאָנטראָליאָר!...

שלמה האָט זיך לאַנג געריבן די אויגן, ביז ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון אים. ער האָט אַרויסגענומען דעם בילעט און אים דערלאַנגט דעם קאָנדוקטאָר. דער קאָנדוקטאָר האָט דורכגעקלאַפּט דעם בילעט און אַ זאָג געטון:

— אין שעפּעטאָווקע זיך איבערזעצן.

— זייט אַזוי פיל גוט, וויפל שעהן איז מיר נאָך געבליבן צו פאָרן ביז סלאַוווטע?

— קיין שעפּעטאָווקע קומען מיר 10,35. אין פופצן מינוט אַרום האָט איר אַ צוג קיין סלאַוווטע און איר קומט אָן אַהין אַרום האַלב צוויי. עס פאַרשטייט זיך, דאָס איז גערעדט געוואָרן אויב אַלץ איז אין אָרדענונג...

— אַנטשולדיקט, וואָס מיינט איר צו זאָגן דערמיט?

— איך מיין צו זאָגן, אַז ביי אָט דעם שלאַקסרעגן, אויב די שפּאַלעס * וועלן נישט אונטערגעשווענקט ווערן און די ליניעס וועלן נישט קאַליע ווערן, וועט זיין אַ וווּנדער.

— אַזוי גאָר... איך דאַנק אייך זייער.

דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען דעם בילעט ביי אַן עלטערער פרוי, וואָס איז געזעסן אויף דער אַקעגנאיבערדיקער באַנק, אים דורכגעקלאַפּט און אַ בורטשע געטון:

— נו, איר פאָרט דאָך צוזאַמען. ער ווייסט שוין ווו אויסצושטייגן.

ווען די צוויי „סלאַוווטער" פאַרשוינען האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַטראַכטן, האָט שוין דער שליסל געקלאַפּט אין דער צווייטער קופּע, אין דער דריטער, זיך אַלץ דערווייטערט אין צוויטן עק וואַגאָן אַריין. שלמה האָט ערשט איצט באַמערקט זיין שכנטע אויף דער צווייטער באַנק. דאָס איז געווען אַ רוסישע פרוי פון אַ יאָר זעכציק. אַ געדיכטער קאָפּ האָר, נאָר גראָ ווי אַ טויב, אָנגעטון ווי אַ יונג מיידל, נישט זייער רייך, נאָר עלעגאַנט און מיט גרויס געשמאַק. דאָס פּנים — אָפּגעצערט, באַטריבט, נאָר אַ גענויער אויג האָט באַלד געקענט דערקענען, אַז אין דער יוגנט האָט זי געקערט זיין אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט. פון הינטער שאַרפע, דינע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט טיפע, קלוגע און גאָר יונגע אויגן. אויף דער וואַנט, הינטער איר פּלייצע, זענען געהאַנגען עטלעכע נישט קיין גרויסע

* שוועלן. די שטיקער האָלץ אונטער די באַן-ליניעס.

פעקלעך, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשטעקט שוואַרצע טערמאָסן מיט ווייסע קעפּלעך. נאָכן קאָנדוקטאָרס עטלעכע ווערטער האָבן זיי ביידע ניי־געריק אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן.

שלמה האָט זי העפלעך אַ פרעג געטון:

— פאָרט איר, הייסט עס, אויך קיין סלאָוואָטע?

— יאָ, איך פאָר קיין סלאָוואָטע.

— איר וווינט דאָרט?

— ניין, איך וווין אין קיעוו. און איר זענט אַ דאָרטיקער?

— ניין, איך בין אויך אַ קיעווער און פאָר אַהין צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן.

— אָט ווי! אויב אַזוי, וועל איך אייך קענען דינען ווי אַ וועגוויי־זערין. איך וועל דאָס טון מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, געשעצטע פרוי, פאַר אייער גוטן ווילן. נאָר קוים זענט איר אַ קיעווער איינוווינערין, ווי אַזוי זשע קענט איר אַזוי גוט סלאָוואָטע?

— ווייל איך בין דאָרט שוין געווען דריי מאָל, און איין מאָל זיך פאַר־זאַמט כמעט אַ גאַנצע וואָך.

— אַ־האַ, אַצינד פאַרשטיי איך שוין.

— אויף וועלכער גאַס דאַרפט איר דאָרט?

— גלייבט מיר, איך ווייס אַליין נישט.

— וואָס הייסט, איר ווייסט נישט? ווער דען ווייסט?

— איך פאָר אין אַזאַ אָרט, וואָס עס איז פּשוט אַ בזיון עס אָנצורופן.

— דאָס איז אייער זאַך, נאָר היינטיקע יאָרן קומט אויס, זיך נישט צו רעכענען מיט פיל בזיונות.

שלמה, רויט ווערנדיק:

— איר קענט נאָך טראַכטן אויף מיר איך ווייס וואָס... איך דאַרף אין טורמע אַריין.

— אין טורמע? איך פאָר אויך אַהין.

— וואָס רעדט איר? אָ! דאָס איז זייער מערקווירדיק...

— פאַר וואָס וווּנדערט איך אייך אַזוי, יונגערמאַן?

שלמה, אין פאַרלעגנהייט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן:

— איך ווייס נישט ווי אייך דאָס צו זאָגן, נאָר צו אייער עלעגאַנטן אויסזען פּאַסט אַזוי נישט זיך אָנצוקוקן מיט אַ טורמע... סיידן אפשר דינט דאָרטן אייערער אַ זון...

ביי דער אַלטיטשקער האָט פאַרדעכטיק אַ ציטער געטון אַ וויע:

— ניין, מיין טייערער, דאָרט דינט נישט מיין זון, דאָרט זיצט מיין מאַן.

— ביי די יאָרן?

— ער איז נאָך עלטער פון מיר מיט זעקס יאָר.

— הם! דאָס איז דאָך טאַקע אַן אומגעהערטער פאַל.

די פרוי האָט געווישט איין טרער נאָך דער צווייטער פון איר אַלטן, שיינעם פנים. זי האָט זיך באַמיט, אַז שלמה זאָל דאָס נישט באַמערקן.

— אַנטשולדיקט מיר, גוטע פרוי, וואָס איך האָב אַזוי אומפאַרזיכטיק אויפגערירט אייערע אַלטע ווונדן.

— זיי זענען ביי מיר נישט קיין אַלטע... די ווונד איז ביי מיר אַלע טאָג פריש...

— אויב אַזוי, איז מיין שולד נאָך גרעסער... אַנטשולדיקט מיר.

— איר זענט דאָ גאָרנישט שולדיק, מיין ליבער, איר האָט געזאָגט דעם אמת. מיר פּאַסט אודאי נישט צום פּנים צו האָבן אַ מאַן אַן אַרעסטאַנט, און אים צו זיין אַן אַרעסטאַנט? עס איז נאָר אַ ווייטיק צו רעדן... איר קערט געוויס קענען מיין מאַן...

— איך — אייער מאַן? פאַר וואָס קלערט איר עפּעס, אַז איך מוז אים נאָר קענען?

— נישט נאָר דווקא איר, אַלע קיעווער איינוווינער קענען אים. קוים זענט איר נאָר אַ קיעווער, איז אוממעגלעך, איר זאָלט נישט האָבן געהערט פון מיין מאַן.

— ווי אַזוי רופט מען אים?

— פּראָפעסאָר ווינאָגראַדאָוו. נישט געהערט?

— עפּעס געדענק איך נישט, נאָר פון מיר איז קיין באַוויז נישט, איך ווין ערשט אין קיעוו בסך־הכל עטלעכע יאָר.

די אַלטיטשקע, עטוואָס אַנטוישט:

— און אַז עטלעכע יאָר, ווי איז דאָס מעגלעך, נישט הערן דעם נאָמען פון דירעקטאָר פון דער קינדער־קליניק, פּראָפעסאָר ווינאָגראַדאָוו, סערגעי טימאָפיעיעוויטש?

— אין דעם קרייז, וווּ מיר איז אויסגעקומען זיך צו געפונען, זענען נישט געווען קיין קליינע קינדער, דערפאַר אפשר האָב איך נישט געהערט. יאָ, אָבער זאָגט מיר, חברטע ווינאָגראַדאָוואַ...

— מיין נאָמען איז טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ...

— זייער אָנגענעם. זאָגט זשע מיר, געערטע טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, פאַר וואָס אַ שטייגער קען זיצן אין טורמע אַן אַלטער קיעווער פּראָפעסאָר ווי סערגעי טימאָפיעיעוויטש און נאָך אין סלאָוווטע דערצו?

— גלייבט מיר, חבר, דאָס איז אַזאַ נאַרישע געשיכטע, אַזאַ נאַרישע...

— טאָמער שטעקט דאָ עפּעס אַ סוד, בין איך נישט נייגעריק... איך האָב נישט ליב צו הערן פרעמדע סודות.

— וועלכע סודות? אַז ווי צו די יאָר... סודות גאָר!... ס'איז אַ בזיון מיט אַ ווייטיק, נישט קיין סוד. איר מעגט הערן...

— איך הער אייך זייער אויפמערקזאַם, מאַדאַם... פּראָפעסאָרשע...

קאפיטל XXII

טאטיאנא מיכאילאָוונא האָט אָפּגעשאַרט אירע פּעקלעך פון הינטערן נאַקן, געוואָרפן אַן אומעטיקן בליק אויפן פאַרחושכטן דרויסן און האָט אָנגעהויבן:

— מיין מאַן, סערגעי טימאָפּיעיעוויטש, איז אַ מענטש קרוב צו די זיבעציק. ער האָט קראַנקע לונגען און אַ סאָסנעוואַלד איז זיין רפואה. האָט ער אָבער אויך אַ שוואַך האַרץ און דער שאַרפער ריח פון זומערדיקער סאָסנע שאַדט אים. האָט אים זיין קאָלעגע און חבר, דער אַקאַדעמיקער סטראַזשעסקאָ, געעצהט צו פאָרן אין אַ סאָסנעוואַלד אין אָנהייב פרילינג, אין מאַי אָדער יוני, איידער די סאָסנע צעפּאַרעט זיך און הייבט אָן ארויסלאָזן אירע שעדלעכע דומפּיקייטן און דערנאָך שוין אירע שטיקנדיקע גאַזן. טוט שוין אַזוי מיין מאַן עטלעכע יאָר און פאָרט אויף דאַטשע אין חודש מאַי. די בעסטע סאָסנעוועלדער אויף אוקראַינע זענען דאָך ארום סלאַוווטע, איז ער אַלע מאָל אַהין געפאָרן און האָט געוווינט אין אַ דערפל פינף קילאָמעטער לעבן סלאַוווטע, כמעט ביי דער סאַמע גרענעץ. דאַרף זיך טרעפן אַזאַ מעשה: אין סלאַוווטע האָט חתונה געהאַט אַ יידיש פּאָרל און... אפשר איז נישט באַקוועם צו רעדן מיט אַ יונגן מענטשן פון אַזעלכע זאַכן?

— נישקשה, נישקשה, איר מעגט אַלץ דערציילן. איך בין שוין אַ באַוויבטער...

— אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש. בקיצור, דאָס יונגע ווייבל איז באַלד נאָך דער חתונה פאַרגאַנגען אין טראָגן. זי איז אין גאַנצן אַלט געווען זיבעצן יאָר... האָט זי געמאָלדן איר מאַן, אַז זי מוז זיך מאַכן אַן אַבאָרט, ווייל זי וועט שטאַרבן פאַר בושה אויב ביי אַכצן יאָר וועט זי שוין מוזן ניאַנטשען אַ קינד... אָבער איר מאַן האָט געזאָגט, אַז ער וועט איינלייגן וועלטן און וועט נישט דערלאָזן, אַז זיין יונגע פרוי זאָל ריזיקירן מיט איר לעבן איבער נאַרישע קאַפּריזן. ווען דאָס ווייבל האָט געזען, אַז איר מאַן וויל אפילו נישט הערן דערפון, לאַנג מיט אים איינטענהן האָט זי אויך נישט געקענט, זי האָט מורא געהאַט אריינלאָזן אין די הויכע חדשים, האָט זי זיך אין געהיים צונויפגעשמועסט מיט אַן אַקושערקע, — יענע האָט געהאַט אַ שוועסטער אין דעם דערפל, ווו מיין מאַן האָט זיך געפונען אויף דאַטשע און ער האָט נאָך געהאַט דאָס גרויסע אומגליק צו וווינען די דריטע שטוב פון דער אַקושערקעס שוועסטער — און אָט, דעם צוועלפטן מאַי איז די אַקושערקע מיט דעם יונגן ווייבל בסוד־סודות געקומען אין דעם דאָרפישן הייזל און די טראַגעדיע האָט זיך אָנגעהויבן...

די אַקושערקע איז געווען אויף דעם געביט נישט קיין דערפאַרענע. זי האָט די יונגע פרוי דערפירט צו אַ שרעקלעכן בלוטשטראָם און איר העלפן — נישט געקענט. די קולות פון דעם אומגליקלעכן ווייבל האָבן דאָס גאַנצע

דאָרף אויפגעטרייסלט און דאָס בלוט האָט אַלץ געיאָגט פון איר, ווי פון אַ געקוילעטן אָקס. די בעל־הביתטע פון דער שטוב, דערזעענדיק די פאַר־לוירנקייט פון איר שוועסטער, איז זי אַריין צו מיין מאַן מיט אַ גוואַלד, אַז אַ מענטש גייט אויס, ער זאָל לויפן העלפן. נו, ווי אַזוי האָט ער ביי אַזאַ קאַטאַסטראָפע געקענט נישט גיין? ערשטנס, איז נאָך אַזאַ גוט האַרץ ווי ביי אים שווער צו געפינען; צווייטנס, ווער וואָלט נישט געלאָפן ראַטע־ווען אַ מענטשן? אדרבה, זאָגט איר אַליין...

— וואָס פאַר אַ פראַגע? דערויף איז מען דאָך עפּעס אַ מענטש...

— נו, אָט... גלייך פונעם האַמאַק איז ער אַוועק אין יענער שטוב אַריין... מסתמא פאַרשטייט איר אַליין, אַז כאָטש זיין ספּעציאַליטעט איז קינדער־קראַנקייטן, אָבער פאָרט פינף און פערציק יאָר פּראַקטיק, האָט ער זיך אַ ביסל גיכער אָריענטירט אין יענער שווערער סיטואַציע ווי די אַקו־שערקע און איז שוין נישט אָפּגעטראָטן פונעם חולה, ביז ער האָט נישט געזען אויף זיכער, אַז יענע בלייבט לעבן. דאָס האָט געדויערט היפּשע עט־לעכע שעה... אַזאַ זאַך קען מען אין איין מינוט נישט פאַרריכטן... דער־ווייל איז מען געוואויר געוואָרן אין שטאָט פון דעם צופאַל — און וואָס איז דאָס חידוש, כ'האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז דאָס דערפל איז אַזוי נאָ־ענט, ממש אַ שטוב מיט אַן אַלקער — און איר מאַן מיטן פּראָקוראָר און מיט צוויי מיליציאָנערן זענען געקומען צו לויפן מיט אַן אויטאָ און האָבן געטראָפן מיין מאַן מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און פאַרבלוטיקטע הענט. די קראַנקע האָט מען באַלד אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל אַריין און מיין מאַן מיט דער אַקושערקע האָט מען אויפן אָרט אַרעסטירט. ווען מיין מאַן האָט גענומען שרייען, אַז ער איז דאָ אַן אומזיסטיקער קרבן און אַלע שכנים האָבן אויך עדות געזאָגט, אַז אים האָט מען ערשט אַריינגערופן, ווען דאָס ווייבל האָט שוין פון לאַנג געשריגן, האָט מען אים דווקא גע־גלייבט און מען וואָלט אים דאַמאָלסט טאַקע גלייך געוועזן באַפרייט, האָט אָבער די אַקושערקע אים אויך אַריינגעשלעפּט... אַזאַ אויסוואורף! נישט גענוג, וואָס זי איז אַזאַ רוצחטע און נעמט זיך אונטער צו מאַכן אַזעלכע אָפּעראַציעס, וואָס זי האָט אפילו קיין מאָל נישט געזען, ווי אַזוי מען מאַכט זיי, איז זי נאָך אַזאַ פּאַסקודסטווע, אַז זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט פריער אָפּגעשמועסט מיטן פּראָפעסאָר, אַז טאָמער איז עפּעס נישט ווי עס געהער צו זיין, וועט ער איר קומען צו הילף... — האָט איר אַ מאָל געהערט אַזאַ רציחה, האַ? ווייטער האָט זי מסתמא אין מיליץ געהאַט נישט איין באַקאַנטן מיליציאָנער, אַ שפּרינגערין, אַ גוטע... זי האָט באַ־וויזן אָנצושרייבן צו דער שוועסטער און יענע האָט געזאָגט דאָס זעלבע וואָס זי, די אַקושערקע: אַז ביי איר אין שטוב, פאַר איר אין די אויגן, איז געמאַכט געוואָרן דער אָפּמאַך צווישן דעם פּראָפעסאָר און איר שוועס־טער, אַז אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה, זאָל ער נישט אַוועקגיין אין וואַלד אַריין, נאָר זיין אין שטוב און וואַרטן ביז זי וועט אים רופן. זי האָט איינגערעדט די אויספאָרשונגס־אָרגאַנען, אַז ווען איר

שוועסטער וואָלט נישט געהאַט אין רעזערוו קיין פּראָפעסאָר, וואָלט זי זיך בשום אופן נישט געוועז באַשלאָסן אַליין צו גיין אויף אַזאַ ערנסטער אָפּעראַציע... איר פאַרשטייט, וואָס פאַר אַ מענטשן עס לעבן אויף דער וועלט? זיי האָבן געמיינט, אַז דערפון, וואָס זיי וועלן אַריינשלעפּן סער־געי טימאָפיעיעוויטשן אין אַ זומפּ, וועט זיי ווערן אַ ביסל גרינגער. דאָס יידישע ווייבל וואָלט אפשר געוועז אָפּגעלייקנט די פאַלשע טענות, האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז ביי איר פרעגן איז גאָרנישט שייך געוועזן, זי האָט אויפן דריטן טאָג באַקומען אַ בלוט־פאַרגיפטונג און איז אַראָפּ פון־נעם זינען. איצט געפינט זי זיך אין ווינ‌יצער משוגעים־הויז, אפשר לעבט זי שוין גאָרנישט?

דעם אַכט און צוואַנציקסטן מאַי, אַקוראַט צו די צוויי וואָכן, איז אין סלאַוווטער טעאַטער פאַרגעקומען דאָס געריכט איבער מיין מאַן און יענע צוויי פאַרברעכערישע שוועסטער. דאָס איז געוועזן אַ מוסטער־פּראָ־צעס, כדי אָפּצושרעקן אַנדערע. די אַקושערקע האָט באַקומען זיבן יאָר אַרויסשיקן אויפן ווייטן צפון. איר שוועסטער, פאַר לאָזן מאַכן ביי זיך אין שטוב אַזאַ אָפּעראַציע — ניין חדשים צוואַנגסאַרבעט, און מיין מאַן, פאַר אָנטייל נעמען אין אַזאַ בלוטיקער אַקציע — צוויי יאָר טורמע, וויל אַ מענטשן אין זיינע יאָרן אַרויסשיקן איז שוין אוממעגלעך. אָט אַזוי זיצט ער שוין, מיין אַלטיטשקער, דריי חדשים און נאָך איין און צוואַנציק דאַרף ער זיצן.

— און איר האָט גאָר נישט געפּרוווט עפּעס טון? אַ קאַסאַציע איינ־געבן, צי וואָס?

— וואָס רעדט איר, חבר?... אַנטשולדיקט, איך ווייס נישט ווי מען רופט אייך...

— סאָלאָמאָן...

— איך מיין אייער פולן נאָמען —

— מיין פולער נאָמען איז נישט פיל אינטערעסאַנטער. סאָלאָמאָן — אָט דאָס איז עס און שוין.

— מאָדנע אַ ביסל, נאָר מילא, זאָל זיין סאָלאָמאָן... איז אָט וואָס, חבר סאָלאָמאָן, איר האָט נישט אַזוי פיל האָר אין קאָפּ, וויפל מיטלען איך האָב איבערגעפּרוווט. ערשטנס, בין איך באַלד נאָכן פּראָצעס אַוועקגע־פאָרן קיין מאָסקווע. מיר האָבן דאָרט אַ זון, אונדזער איין און איינציקער זון, ער אַרבעט אין נאַרקאָמאַט פון געפּעאו. מיט אים צוזאַמען האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין קיעוו, גענומען אין דער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן אַ בריוו קיין זשיטאָמיר, אין סלאַוווטער געגנט־צענטער, אַז זיי זענען ערוב פאַר סערגעי טימאָפיעיעוויטשן ווינאָגראַדאָוו, זייער חבר און פריינט —

די פרוי קען נישט באַקעמפן דעם פרישן שטראָם טרערן און צעוויינט זיך.

— טאַטיאַנאַ מיכאַילאָווגאַ, איך בעט אייך, אָדער באַרואיקט זיך אָדער הערט אויף צו דערציילן. זאָגט אַליין, וואָס העלפן דען אייערע טרערן?

— העלפן העלפן זיי טאַקע גאָרנישט, אָבער אַ מענטש איז דאָך נישט פון אייזן. אַזוי אומזיסט אַריינפאַלן... אַזוי אומזיסט אַריינפאַלן...

— נו, נו, וואָס זשע איז געוואָרן מיט דעם בריוו פון דער אַקאַדעמיע?

— יאָ, האָבן זיי, הייסט עס, געשריבן, אַז עס קען גאָר אין דער וועלט נישט זיין, אַז סערגעי טימאָפּיעיעוויטש זאָל אפילו פאַר אַ מיליאָן גיין אויף אַזאַ שרעקלעכן פאַרברעכן, אי קעגן דער מלוכה, אי קעגן דער מענטשהייט... דעריבער בעטן זיי, נישט צו גלייבן קיינעם און אים באַפריי־ען. מיט דעם דאָזיקן בריוו בין איך מיט מיין פּאַוועל סערגעיעוויטשן אוועק־געפאָרן קיין זשיטאָמיר און — רעד צום לאָמפּ!... וואָס מען פירט אריין מיט דער פּען, איז שווער אַרויספירן מיט אַן אָקס... ער האָט געפּרוווט ווירקן דורך דער געפּעאו, פאַרט אַ מענטש פון נאַרקאָמאַט און נישט פון די קליינינקע — אָבער איין מאָל ניין! זיין פאַטערס שולד איז פעסטגע־שטעלט, דעם אורטייל האָבן באַגריסט אַלע סאָוויעטישע און פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס און קיין שום כח אין דער וועלט קען דאָס נישט בייטן. דאָן האָבן מיר טעלעגראַפירט צו קאַלינינען. האָט מען פון זיין קאַנצעלאַ־ריע געענטפערט, אַז אין דער העכסטער אינסטאַנץ פון פאַרבאַנד ווענדעט מען זיך נאָר ווען אַ טויט־אורטייל, אָדער אין בעסטן פאַל — וועגן אייביקער פאַרשיקונג. קיין ענינים פון צוויי יאָר טורמע קענען זיי נישט אויפנעמען, דערויף זענען דאָ גערינגערע אינסטאַנצן. דער סוף איז: עס איז פאַר—פאַלן! איך האָב כאָטש געבעטן, מען זאָל אים איבערפירן אין קיעווער טורמע, איך זאָל נישט דאַרפן פאָרן אַלע מאָל צו אים, האָט מען מיר געענטפערט, אַז ספּעציעל צוליב איינעם וועט מען קיין קאָנוואָי־ווער עכטער נישט שיקן. אויב עס וועט זיך אַ מאָל צונויפקלייבן אַן עטאַפּ קיין קיעוו, וועלן זיי אים אויך אַריינשטעלן אין צעטל. איז דערווייל אַזוי גייט עס... אַ פּעקל נעמט מען צו איין מאָל אין חודש. פריערדיקע יאָרן — דערציילט מען — פלעגט מען דווקא צונעמען פיל אָפטער, אָבער זינט עס איז אַרויס דאָס גוטע געזעץ פאַר אַ יאָרן אין אויגוסט, איז אָט דער מע־כאַניזם אויך קאַליע געוואָרן, פאַר וואָס — פאַרשטיי איך דווקא נישט. פאַר איך ערשט אַצינד דאָס דריטע מאָל פון נאָכן פּראָצעס. פון זען זיך, שמועסט מען שווין נישט. ער זאָל כאָטש אויסהאַלטן, מיין אַלטיטשקער...

— טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, וואָס העלפט אייך דאָס ערגערן זיך? איך זאָג אייך, חשובע פרוי, איך בין אַזוי גערירט פון אייער דערציילונג, אַז מיין הארץ טוט מיר ממש וויי פון אייער אומגליק. נאָר וואָס קען מען העלפן? גלייבט מיר, עס זענען היינט דאָ אַזעלכע אומגליקלעכע, וואָס וואַלטן געטאַנצט אין אַלע גאַסן, ווען זיי באַקומען נישט מער פון צוויי יאָר, אָדער אפילו פון דריי מאָל צוויי יאָר... אמת, דערפון ווערט אייך נישט גרינ־גער... און ווידער, איר זענט דאָך אַן עלטערער מענטש — אין גאָט גלייבט איר?

טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך פרום איבערגעצלמט.
— נו, אָט, אַ מענטש טאָר נישט פאַרלירן דעם גלויבן, אַז גאָט קען העלפן.

*

אַרום דריי אַ זייגער נאָך האַלבן טאָג זענען זיי בײדע צוזאַמען אַריינ־געגאַנגען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער טורמע.
טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך געווענדעט צום נאַטשאַלניק:
— זייט אַזוי פיל גוט, איך וויל איבערגעבן עסן פאַר מיין מאַן.
— ווער איז דאָ אייער מאַן?
— ווינאָגראַדאָוו סערגעי טימאָפּיעיעוויטש. זיין אַדרעס איז: צוויי־טער קאָרפּוס, קאַמער נומער פינף.
דער נאַטשאַלניק פון דער קאַנצעלאַריע זוכט אין בוך, מישט לאַנג, ענדלעך געפינט ער און זאָגט קאַלטבלוטיק:
— ער האָט שוין היינט אַ נייעם אַדרעס: ערשטער קאָרפּוס, קאַמער נומער עלף.
— ווי קומט מען אים איבערפירן אין אַ צווייטער קאַמער?
— ער איז געלעגן אין שפּיטאָל צוויי וואָכן און ברענגענדיק אים פון דאָרטן האָט מען אים איינגעקוואַרטירט אין אַ נייער קאַמער.
טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אַ ווילדן קוויטש געטון:
— גאָט מיינער! אין שפּיטאָל? וואָס איז אים געווען? ער איז דאָך אַ געלאַטעטער מענטש!
דער קאַנצעלאַריסט האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט:
— וואָס אים איז געווען, ווייס איך נישט. נאָר בלויז דער פאַקט, אַז ער איז צוריק אין קאַמער, ווייזט, אַז ער איז ווידער געזונט.
טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, מיט אַ שלעכט־מאַסקירטער שנאה:
— איר רעדט דערפון מיט אַזאַ קאַלטן לונג און לעבער... איר ווייסט כאָטש, וויפל מיין מאַן איז אַלט?
— צוואַנציק יאָר, צי אַכציק — מיר איז דאָס אַלץ איינס. איך קען טאַקע פאַר יעדן איינעם ווייטיקן?
— יאָ, איר זענט גערעכט... מען קען צו אייך גאָרנישט האָבן... נעמט זשע ביי מיר צו, זייט מוחל, אָט די דריי פּעקעלעך.
— איר זענט דאָ דאָס ערשטע מאָל, צי וואָס? איר ווייסט נישט, אַז עסן נעמט מען צו נאָר ביז צוויי אַ זייגער?
— חבר נאַטשאַלניק, דער צוג האָט איבערן רעגן פאַרשפּעטיקט אויף אַ שעה מיט אַ פערטל, איז דאָך דאָס נישט מיין שולד....
— וועמענס דען, מיינע?
— אייערע אויך נישט. אָבער עס איז דען אַזוי שווער איין מאָל טון אַ געפעליקייט פאַר אַן אַלטן מאַן? ער האָט זיין לעבן אָוועקגעשענקט דער מענטשהייט...

— בירגערין, וואָס פאַר אַ לעקציעס לייענט איר מיר דאָ? דאָ איז נישט קיין מושב־זקנים. דאָ טוט מען נישט קיין געפעליקייטן. אַ טורמע איז אַ טורמע און פאַרברעכערס זענען פאַרברעכערס, פאַרשטאַנען, צי ניין? מאָרגן צען אַ זייגער אין דער פרי קענט איר קומען. פון צען ביז צוויי.

— חבר נאַטשאַלניק, ליבינקער, איך בעט אייך, איך וויין פאַר אייך, נעמט ביי מיר צו איצט. איך פאָר אַזש פון קיעוו... אין די טערמאָסן האָב איך הייסע יויך, קאַקאַאָ מיט מילך, קיסעל. ביז מאָרגן וועט מען דאָס אַלץ דאַרפן אַרויסוואַרפן. זייט אַ גוטינקער און גייט אַריין אין מיין לאַגע.

— בירגערין, נודיעט מיך נישט, עס איז מיר נודנע אָן אייך אויך... איר זעט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען און איר דולט מיר אַ קאָפּ: נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע און ווידער אַ מאָל דאָס זעלבע. איך האָב דאָך אייך געזאָגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: פון צען ביז צוויי, פון צען ביז צוויי. מען דאַרף נאָך אַ קוק טון אין טאַבעל, אפשר וועלן מיר מאָרגן אויך ביי אייך נישט צונעמען. ווי אַזוי זאָגט איר, איז אייער מאַנס פאַמיליע־נאָמען?

טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, טויט דערשראָקן:

— ווינאָגראַדאָוו סערגעי טימאָפּיעוויטש...

יענער קוקט און קוקט און גיט אַ בורטשע:

— יאָ, מיר וועלן יאָ צונעמען. שוין דאָ אַ חודש...

— עס איז שוין פיר טעג מער פון אַ חודש...

— אַז איר זענט אַזאַ געטרייע פרוי, פאַר וואָס זשע האָט איר טאַקע פאַרשפּעטיקט?

— איך בין געווען קראַנק, איך בין דאָרט עלנט, אָן קיינעם.

— האָבן מיר, הייסט עס, שוין אָפּגערעדט, מאָרגן פון צען ביז צוויי...

— חבר נאַטשאַלניק, אפשר, ווייל ער איז נאָך אַ קרענק, וועט מיר זיין דערלויבט כאָטש אויף איין מינוט אים צו זען? שוין העכער דריי חדשים זינט —

— מער גאָרנישט? אפשר ווילט איר אים אַהיים אויך?

— ניין, אַהיים נישט. דערווייל כאָטש אַ זעונג אויף צוויי מינוט...

— עס וואַקסט ביי אייך אָן רעגן. ערשט האָט איר געבעטן כאָטש איין מינוט און שוין זענען געוואָרן צוויי... נו גייט שוין, גייט, מאַכט זיך נישט נאַריש... ביי אונדז איז נישט קיין טאַנצפּלאַץ, מיר אָרדענען נישט איין קיין באַגעגענישן פון קיין פאַרליבטע פּאָרלעך. ביז פאַר אַ יאָרן פלעגן נאָך אָנגיין אַזעלכע קונצן, אָבער היינט — אמען! איר האָט זיך שפּעט דער־מאָנט.

און ווענדנדיק זיך צו שלמהן גיט ער אַ פרעג:

— און איר, חבר, אויף וואָס וואַרט?

— איך דאַרף אויך איבערגעבן אַ פּעקל.

— ווּעמען האָט איר דאָ?

— א פעטער. לאַמאַוואַצקי שמואל מאיראָוויטש.

— ווי אזוי? ווי אזוי? לאַמאַווניצקי?

— ניין, לאַמאַוואַצקי.

— באלד וועלן מיר אָפּזוכן, וואַרט א ביסל.

— אז איך בין שוין פאַרקראָכן אהער, וועל איך שוין אודאי וואַרטן.

א לאַנגע צייט איז שטיל אין קאַנצעלאַריע. יענער זוכט און זוכט און געפינט נישט.

— נישטאָ ביי אונדז קיין לאַמאַוויק, איר האָט פאַרבלאָנדזעט, חבר.

— ניין, דער טעות איז אייערער, חבר נאַטשאַלניק פון קאַנצעלאַריע. לאַמאַוואַצקי איז זיכער דאָ. ער איז ערשט נישט לאַנג צוגעשטעלט געוואָרן אהער פון קיעוו.

— פון קיעוו גאָר אהער? וואָס איז דאָ א קאַנצלאַגער, צי וואָס?

— אזוי האָט געפאָדערט די אויספאָרשונג.

— איז ער נאָך נישט קיין געמשפּטער?

— גיכער פון אלץ, נישט.

— אזוי זשע רעדט, שווייגט ער...

דער נאַטשאַלניק נעמט א צווייטן בוך, זוכט אויף דער „ל" און געפינט באלד.

— עס איז דאָ אַזעלכער. וואָס זשע ווילט איר?

— עסן אים איבערגעבן. געלט אים איבערגעבן.

— אויב איר וועט האָבן א דערלויבעניש פונעם פּראָקוראָר, איז מאָרגן. אויך פון צען ביז צוויי. אָט דאָס איז אלץ. פאַרהאַלט מיך נישט, חבר.

אַרויסגעגאַנגען זענען זיי אויך צוזאַמען.

— טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, איר זענט דאָך, זאָגט איר, א היימישע אין דעם וויסטן סלאַוווטע, אפשר ווייזט איר מיר אָן די פּראָקוראַטור?

— פאַר וואָס נישט? מיטן גרעסטן כבוד.

— עס איז שטאַרק ווייט פון דאַנען?

— נאַ דיר גאָר ווייט, גאַנץ סלאַוווטע איז גרויס ווי א געניץ. עס וועט זיין פון דאַנען א מינוט פופצן גאַנג.

— דאָרט נעמט מען אויך אויף פון צען ביז צוויי?

— ניין, פון איינס ביז פיר. אויב עס איז דאָרט נישטאָ קיין ריי צום פּראָקוראָר, קענט איר נאָך היינט אָנקומען צו אים.

— אפשר זאָגט איר מיר נאָך, ווען איך האָב א צוג קיין קיעוו?

— איר האָט א צוג 5,30 פאַר נאַכט, אָבער איר קענט דען היינט פאָרן? איר האָט דאָך נאָך גאָרנישט איבערגעגעבן אייער אַרעסטאַנט?

— איך בין כמעט ווי זיכער, אז מען וועט ביי מיר גאָרנישט צונעמען פאַר זיינעט וועגן, ווייל ער געפינט זיך נאָך אין דער סטאַדיע פון דער אויספאָרשונג.

— חבר סאָלאָמאָן, אויב אזוי, האָט איר אַ טעות. ביי מיר האָט מען צוגענומען עסן פאר סערגעי טימאָפּיעיעוויטשן נאָך פאַרן פּראָצעס אויך...
שלמה האָט זיך ביטער צעלאַכט:

— וואָס גלייכט איר, טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ... מיין ארעסטאַנט זיצט פיל־פיל פעסטער פון אייער מאַן... עס איז גאָר קיין גלייכן נישט. אויב דער פּראָקוראָר וועט מיר נאָר ענטפערן אויף עטלעכע פראגן, וואָס אינ־טערעסירן מיך, וועל איך נאָך היינט פאר נאכט פאָרן אהיים. איך האָב דאָ גאָרנישט וואָס צו טון.

— חבר סאָלאָמאָן, איר זעט אָט יענע צווייִשטאָקיק הויז מיט די שוואַרצע קאַרניזן? אָט דאָרט איז די פּראָקוראַטור. אויפן ערשטן שטאָק.

— טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, און וווהין גייט איר?

— זוכן אַן אָרט אויף אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ היינטיקע נאַכט.

— מיר קען נאָך אויך אויסקומען זוכן דאָס זעלבע. דאָ איז פאַראַן אַ האָטעל?

— ווו געפינט איר זיך, אין קיעוו, מיינט איר? האָטעלן גאָר חלומען זיך אייך?

— ווו זשע דען קען מען איבערנעכטיקן?

— עס איז דאָ אַן אזוי גערופענער „קאָלכאָזנע הויף", קען מען דאָרט קריגן אַן אָרט אויף אַ מאַטראַץ מיט וואַנצן. שטשורעס זענען אויך דאָ. עס איז שוין דאָרט איין מאָל גוט...

— נו, זייט מיר געזונט, איך גיי צו צום פּראָקוראָר. אפשר וועלן מיר זיך נאָך זען אויף דער אכסניה מיט די וואַנצן...

די אַלטיטשקע, אָנגעלאָדן מיט אירע פּעקלעך, האָט זיך אין דער בלאָ־טע אוועקגעשלעפּט באַרג־אַרויף און שלמה איז אַריינגעגאַנגען אין אויפ־נעם־צימער צום פּראָקוראָר.

קאפיטל XXIII

שלמה איז אריינגעקומען אין א שמאָלן, קויטיקן צימער מיט וואזאַ־נעס אויף די פענצטער, מיט צוויי לאַנגע, נישט ארומגעהובליעוועטע בענק ביי די ווענט. דאָס איז געווען דאָס „פּאָיע", דער סאַמע רעכטער זאַל איז געווען אויף יענער זייט טיר, וווהין מען פלעגט אריינגיין איינציקווייז. שלמה איז געווען דער זעקסטער אין דער ריי און דער זייגער האָט געוויזן נאָך האַלב פיר. צום אָפּגאַנג פונעם צוג איז פארבליבן ווייניקער פון צוויי שעה. שלמה האָט געפילט מיט זיין גאַנצער נשמה, אז ער איז היינט אומ־זיסט געפאָרן אהער; אז ער וועט זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן. קיין רעגן איז שוין נישט געגאַנגען, אָבער קיין הימל האָט מען נאָך אויך נישט ארויסגעזען, נאָר וואָלקנס: בלוילעכע וואָלקנס; ליימיקע וואָלקנס; שוואַר־צע וואָלקנס; א פארשידנפארביקע מחנה פון וואָלקנס. סלאַוווטע איז גע־שטאַנען ביז איבער די קני אין דער בלאָטע. דורך די יאָרנלאַנג נישט גע־וואַשענע שויבן האָבן אריינגעקוקט קליינשטעטלדיקע פאַנורע הייזלעך מיט געפּארבטע לאָדנס אויף די קוואַדראַטנע פענצטערלעך. דאָס שלעכטע וועט־טער האָט פארטריבן די איינוווינער מיט די דאַטשניקעס אין די הייזער אריין און אויף דער גאַס האָט מען זעלטן ווען געזען א דורכגייער. שלמהס מידער מח האָט שוואַך רעאַגירט אויף דעם, וואָס זיינע אויגן האָבן גע־זען:

אַט שלעפּט זיך אין דער בלאָטע אַן אַלטער בריווטרעגער. אין די הויי־זער גייט ער נישט אריין, נאָר ער קלאַפּט אָן אין די פענצטער און דער־לאַנגט אהין אריבער די בריוו. פראָווינציאַלע אידלקייט: נישט אָנטראָגן קיין בלאָטע אין שטוב אריין. שלמה מעג שווערן, אז אַט דער אַלטיטשקער איז א בריווטרעגער פון אַלע זיינע יאָרן. ער גיט אזוי מעכאַניש א מיש דאָס טעשל בריוו, ער דערלאַנגט אזוי וויל־יונגעריש דעם בריוו מיט ביי־דע שפּיץ פינגער — אַן ארטיסט!...

אַט האָט זיך פון איין גאַניק ארויסגעלאָזט א יונג פּאָרל. ער אין א קעפּי, זי אין א היטעלע און נידעריק איבער זייערע קעפּ, הוידעט זיך נאָך צום טאַקט פון זייערע טריט א פלאַכער שירעם, וואָס זעט אויס פון ווייטנס ווי א קליין הופהלע, פון א קינדערשפּיל. דאָס פּאָרפּאָלק האַלט זיך פעסט פאַר די הענט און מען קנעט געשמאַק די בלאָטע. עס איז ביי שלמהן קיין ספק נישט, אז דאָס זענען נישט קיין היגע איינוווינער. נעבעך שלים־מזל־דיקע דאַטשניקעס. וווהין זשע קען מען דאָס גיין אצינד? אודאי אויף א קערטל צו נאָך אזא גליקלעך פּאָרל... אוי־וואַ איז זי בריה'ש געפאַלן! אין דער גאַנצער לענג אירער און דער שירם האָט זיך גאַנץ ערנסט אוועק־געשיפּט אין דער גרויסער קאַליוזשע מיטן שטעקל ארויף, ווי מיט א מאַסטבוים. אוי, נעבעך גאָטס א רחמנות אויף איר קאַוואַליער. ער מוז נעבעך קריכן מיט די קאַלאָשן גליידך אין דער קאַליוזשע און דאָרט גיין

מיט „הגבה" מיט זיין טייערן אוצר, וואָס קען זיך אַליין בשום אופן נישט אויפשטעלן. יאָ, ס'איז שוין דאָס שיינע צוגאַסט גיין, מען קען נישט זאָגן. מען וועט, דאַכט זיך, זיי בײדע דאַרפן אַריינרוקן אין אַן אויוון אַריין זיך אויסצוטרוקענען. גוואַלד, וואָס דויערט דאָרט ביים פּראָקוראָר אַזוי לאַנג? ער וואַרט שוין באַלד דריי פערטל שעה און עס איז קוים אַריינגעגאַנגען דער צווייטער פון דער ריי. ער ווענדעט זיך צו איינעם פון די באַזוכערס:

— אַנטשולדיקט, ביז וויפל אַמטירט דער פּראָקוראָר?

— ביז פינף.

— נישט ביז פיר?

— ניין, ביז פינף.

שלמה שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף די הענט, ווישט אָפּ מיט דער דלאָניע די שויב און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין פאַרזינקט ער ווייטער אין אַנגעלאָפענע געדאַנקען:

— גוואַלד, דבורה האָט אַזוי פיל האָפענונגען געלייגט אויף מיין פאָרן און צום סוף וועל איך זיך אומקערן מיט דעם זעלבן, מיט וואָס איך בין אוועקגעפאָרן... און מיט שמואליקן האַלט טאָקע זייער שלעכט, שרעקלעך שלעכט... ער וועט דאָס סלאַוווטע געדענקען ביזן גרוב... אָט איז ער, שלמה, אַצינד אין סלאַוווטע, עטלעכע קילאָמעטער פון דער מערבדיקער גרענעץ, און פאַר אַ יאָרן אין דער צייט — ביי דער מזרחדיקער גרענעץ. אַ וועלט פון גאָלע גרענעצן. קיין „בלי גבול" איז אויף דעם עולם השקר נישטאָ, וווהין דו טוסט זיך אַ קער — גבול שמת, בל יעבורון!... מאַרי און סלאַוווטע — צוויי עקן וועלט: ממזרח שמש — עד מבואו... אין מאַרי וווינט אַ הייליקער אַלטיטשקער, פון אברהם אבינוס שניט, — גאָט ווייסט, צי ער וווינט נאָך דאָרט? שמא הצליח מעשה־שטן? — און אין סלאַוווטע האָבן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק געוווינט ר' פּנחס קאָריצערס אייניקלעך, די גרונטלייגער פון דעם אַזוי באַרימטן דפוס סלאַוווטע, ווו יעדע גמרא איז געבוירן געוואָרן בקדושה ובטהרה, יעדער ספר — בדחילו ורחימו; די הייליקע, געשמיסענע צוויי ברידער, די זעלבע וואָס האָבן זיך קונה שם געווען אויף דער גאַנצער וועלט מיט זייער עומד בנסיון זיין: ר' שמואל־אבא און ר' פּנחסל, הי ערשטע שפּיראָס אויף דער וועלט. אָך, ווען זיי זאָלן וועלן איצט, תוך כדי דיבור, אויסבעטן ביים כסא הכבוד, אַז עס זאָל אים געראָטן איבערגעבן שמואליקן כאָטש הונדערט רובל, כאָטש עטלעכע קילאָ עסנוואַרג. ער זאָל כאָטש נישט דאַרפן אַראָפּלאָזן די אויגן פאַר זיין פאָלין.

פון הינטערן באַרג, אויף רעכטס, קריכן אַרויס צוויי פּאָר שוואַרצע אויערן און נאָך זיי, אומגעלומפּערטע, קאַרע, פערדישע קעפּ, באַקרוינטע מיט לייבן־גריוועס. נאָך די קעפּ קריכט שוין מיט, צוזאַמען מיט די לאַנגע רוקנס — אַ פּאַעטאָנדל. אַרויפגעדראַפּעט זיך אויפן שפּיץ באַרג, לאָזן זיך די פערדלעך אין גאַלאָפּ באַרג־אַראָפּ, אין שטאָט אַריין. שלמה חידושט

זיך, וואָס דער בעל־עגלה איז גאָר אַ פּרוי. זי זיצט ווײל־יונגעריש אויף דער קעלניע און פירט שטרענג אָן מיט די שוואַרצע, צעפּינעטע חיות. אָט האָט אַ סקריפּע געטון די טיר פון קאַבינעט. שלמה גיט זיך קאָנוווּל־סיוו אַ כאַפּ פון אָרט, צום סוף: דאָס איז ערשט אַרײַנגעגאַנגען דער דריטער. עס פּלאַצט אויף אים די הויט פאַר אומגעדולד. עס איז שוין האַלב פינף, ס׳איז שוין אין גאַנצן געבליבן אַ שעה צום צוג און פאַר אים זענען נאָך דאָ צוויי מענטשן. ווען קען ער שוין עפּעס געוווּיר ווערן? ווען קען ער שוין באַווייזן אָנצוקומען אויפן וואָקזאַל?

ער שפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, ער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? הינטער דער דרויסן־טיר דערהערט זיך אַן אײַנגעהאַלטענער געלאַפּ און אַ סקריפּ פון נײַע רעסאָרן. דורך דער טיר, וואָס איז מיט אַ מאָל דרייסט צעפּראַלט געוואָרן, זעט שלמה דעם זעלבן פּאַעטאָן, וועלכער האָט זיך ערשט אַראָפּגעלאָזט אין שטאָט אַרײַן. די אָנטרייבערין, אַן אָנגעלאָדענע מיט קאָשיקעס און מיט קריגלעך, לייגט נישט קיין אַכט אויף קיינעם און עפנט גלייך די טיר אין קאַבינעט אַרײַן. אין אַ מינוט אַרום גייט אַרויס פון קאַבינעט דער דריטער באַזוכער, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַרײַנגעגאַנגען און זעצט זיך אַוועק צוריק אויף זײַן אָרט.

שלמהס פּנים איז געל און גרין פון אַנגסטן. וואָס וועט ער זיך דאָ וואַלגערן אומזיסט? אַבי אָפּריכטן גלות? ער גיט אַ פרעג בײַ דעם נאָר וואָס אַרויסגעקומענעם:

— אויף וואָס זשע וואַרט איר נאָך?

— וואָס הייסט, נאָך? איך האָב נאָך מיט אים קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט.

— פאַר וואָס זשע?

— איר זענט בלינד, צי וואָס? איר האָט נישט געזען, אַז דער רוח האָט אָנגעטראָגן זײַן ווײַב פונעם דאָרף צו גאַסט? ער האָט מיך אַרויסגעשיקט, געהייסן צוואַרטן.

שלמה גיט אַזש אַ קריץ מיט די ציין:

— אָבער עס זענען דאָך אין גאַנצן געבליבן צוואַנציק מינוט צו פינף?

— איז וואָס זשע מיינט איר, וועט זיין? וועט ער טאַקע זיכער באַלד מעלדן, אַז די הייגטיקע אויפנאַמע איז געענדיקט. ער נעמט זיך טאַקע, מיינט איר, שטאַרק צום האַרצן, אויב מענטשן וואַרטן בײַ אים אומזיסט?

שלמה שפּרינגט אויף ווי אַ פּרושינע:

— ניין, איך ווער אָן דעם צוג, וואָס עס וועט זיין — וועט זיין, איך מוז אַרײַנגיין!...

ער גייט האַסטיק צו צו דער טיר און מיט אַן אומרואיק האַרץ קלאַפּט ער לײַכט אָן. פון דאָרט דערטראָגט זיך אַ בייזע מענער־שטימע:

— מען טאָר נישט! איך האָב דאָך געזאָגט, דאָרטן אויסוואַרטן!

שלמה טרעט אָפּ פון דער טיר הינטערווײַלעכס ווי צו „עושה־שלום“.

ער בלייבט שטיין מיט א צעוויינטקט הארץ. ער מעסט ווידער דאָס צימער ארויף און אראָפּ. ער קוקט אויפן זייגער און ציילט די רגעים. עס זענען ווידער פאריבער עטלעכע שווערע מינוטן. ווען ער דערזעט, אז עס נעמט נישט קיין עק, נעמט ער זיך אָן מיט מוט, קלאַפּט אָן אין דער טיר און נישט ווארטנדיק אויף קיין דערלויבעניש, עפנט ער זי אויף און גייט אריין.

— איר דארפט מיר אנטשולדיקן, חבר פּראָקוראָר, פאַר מיין דרייסט־קייט, נאָר אין א האַלבער שעה ארום גייט אָפּ מיין צוג. ביטע, זאָגט מיר, צי קען איך באַקומען א דערלויבעניש איבערצוגעבן —

אין צימער איז מיט א מאָל שרעקלעך שטיל געוואָרן... שלמה האָט זיך דערוואָרגן אין מיטן וואָרט. ער איז געשטאַנען פאַרווונדערט און ווי אין היפּנאָז געקוקט אין די אויגן, וואָס זענען געווען אָנגעצילט אויף אים. לעבן איר מאַן איז געשטאַנען די פרוי א בלייכע, א שטאַרע און ווי צו־געצויגן דורך א מאַגנעט געהאַלטן אין איין קוקן אויף שלמהן. די סצע־נע האָט זיך געצויגן א לאַנגע מינוט. און מיט א מאָל האָט זי א האַרצ־רייסנדיקן געשריי געטון:

— גאָט מיינער, דאָס איז ער!...

און נאָך איידער שלמה האָט באַוויזן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר, איז די פּראָקוראָרשע געהאַנגען אויף זיין האַלדז.

שלמה האָט א צעמישטער זיך פאַרזיכטיק באַפרייט פון אירע אָרעמס, שאַרף א קוק געטון גלייך איר אין די אויגן און זיין פּנים האָט אויפ־געשיינט:

— אוי, איך קען אייך!... אויף מיין וואָרט, איך קען אייך...

— א פראַגע נאָך, צי איר קענט מיך...

— איר זענט יענע פרוי פון יעוו־באַז... פון אַפּטייק... אייער מאַן איז דער פאַרזיצער פון א סאָווכאָז ערגעץ לעבן פּאָלאָנע...

— ריכטיק, ריכטיק, דאָס איז ער א מאָל געווען, היינט איז ער שוין פּראָקוראָר אין סלאַוווטע...

— שטייט! זאָגט מיר גאָרנישט. איך מוז מיך אַליין דערמאָנען ווי מען רופט אייך. כאָטש עס זענען שוין אַוועק פינף יאָר פון יענער נאַכט, העכער פינף יאָר, דאָך וועל איך מיך דערמאָנען... אייך רופט מען, אייך רופט מען...

— מוטשעט זיך נישט, מיין טייערער, עס איז מיר א שאָד אייער קאָפּ.

— ניין, ניין, זאָגט נישט אויס... איך געדענק, איך מוז זיך דער־מאָנען... אייך רופט מען... באַלד, באַלד, באַלד... מאַרינקאַ! כ'מיין מאַ־רינאַ וואַסיליעווּנאַ... איין מינוטקעלע, שווייגט... קריוואָרוטשקאָ!... ניין אפשר?

— מאַלאַדיעץ, חבר סאָלאָמאָן, מאַלאַדיעץ... איר האָט אָן אייזערנעם קאָפּ...

— איר געדענקט נאָך אויך מיין נאָמען?

— צי איך געדענק, פרעגט איר? ווי אַזוי קען איך דען נישט גע־דענקען?

מאַרינאַ דרייט זיך אויס צו איר מאַן. יענער שטייט און גאַפט פון דער גאַנצער סצענע, פון איר אַרומכאַפּן אים, פון זיין אָנרופן איר נאָמען...

— ניקאָלאַי, קאָלינקאַ, וואָס שטייסטו ווי אַ מאָפּס? דאָס איז דאָך דער יונגערמאַן, וועלכער האָט מיר דאַמאָלסט אין קיעוו געראַטעוועט דאָס לעבן...

— אַ־האַ!...

צוויי שטאַרקע דלאָניעס האָבן אָנגעכאַפּט שלמהס קאָפּ און ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן קוש אין די ליפּן.

שלמהן האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק:

— מען דאַרף זען, אַז אָט דער אומגעריכטער קוש זאָל מיר עפּעס נוצן ברענגען. אַ פּראָקוראָרסקע קוש טאָר נישט שטאַרבן „אָן לשון"... איך פּאָר שוין היינט דווקא נישט אַוועק פון דאַנען, כיוון דאתינא להכא* —

ניקאָלאַי האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער טיר און געמאָלדן דעם וואַרטנדיקן עולם:

— היינט וועל איך שוין קיינעם נישט אויפנעמען. מאָרגן איינס אַ זייגער.

מאַרינאַ איז נישט אָפּגעטראָטן פון שלמהן. זי האָט אַראָפּגענומען דעם מאַנטל פון אים, אים אַוועקגעזעצט אויפן מאַנס שטול און נישט אויפגע־הערט צו רעדן:

— פּאַרזוך, טייערינקער, דאָס זענען קנישעס מיט גריוון אויף פּרי־שער סמעטענע געקנעטן. אָט דאָ האָסטו אויף צובייסן זויערע אוגערקע־לעך פון אונדזער אייגענעם גאָרטן, איז אַ כפּרה ניעזשינער... אָט זענען קאָטלעטן פון לעבער מיט געהירן, האָסטו נאָך אַזעלכע אויף דיין לעבן נישט געגעסן... אָט זענען פּאַפּיראָווע עפּל, ערשט היינט אַליין אָנגעריסן, נישט קוקנדיק אויפן רעגן... נו, אויף וואָס זשע וואַרטסטו? אַ־האַ, איך פאַרשטיי! זיך גאָרנישט געכאַפּט... מען דאַרף פריער דורכשווענקען דעם האַלדז. אָט גיב איך שוין אַ שפּרונג. דער „מאָנאָפּאָל" איז דאָ די אַנדערע שטוב... איין רגע...

שלמה האָט זי אָנגעכאַפּט ביים אַרבל:

— שטייט! שפּרינגט נישט. איך וועל דערווייל גאָרנישט עסן. איך בין געקומען צו אייער מאַן וועגן אַ וויכטיקן ענין און דאַרף וויסן, ווו איך האַלט אין דער וועלט. עסן — דאָס איז אַ שפּעטערדיקע זאַך.

— וואָס פרעגסטו נאָך אַזוינע זאַכן? מיר זענען גרייט אָפּגעבן פאַר דיר אַ האַלב לעבן... איך מיט ניקאָלאַיען פלעגן אָפּט שמועסן צווישן זיך, נאָך איידער מען האָט אים געשיקט שטודירן, און נאָך דעם אויך: ווו טרעפט מען ערגעץ יענעם „יעווריעטשיק" פון קיעוו?... איצט אַז מיר

---

* אַז איך בין שוין געקומען אַהער...

האָבן דיך אין די הענט, איז ביי דיר נאָך א קלער צי מיר ווען אַלץ טון פאַר דיר?

שלמה נעמט איר האַנט און דריקט זי מיטביידע הענט פאַר גרויס דאַנק. זי קומט אַריין אין עקסטאַז און נישט אַרויסלאָזנדיק זיין האַנט פון אירער רופט זי אויס מיט היץ:

— סאָלאָמאָן, זאָג דעם אמת, עס פאַרדריסט דיך נישט וואָס איך ווענדע זיך צו דיר פּראָסט אויף „דו"?

— מאַרינאַ וואַסיליעוונאַ, וואָס פעלט אייך איין? פונקט פאַרקערט...

— דו פאַרשטייסט, טייערער מיינער, דו ביסט מיר אַזוי נאָענט צו מיין האַרצן, אַז איך קען פּשוט דיר נישט זאָגן: „איר"... מיר ווייזט אויס, אַז דערמיט דערווייטער איך דיך פון זיך...

— נאָך וואָס פאַרענטפערט איר זיך, מאַרינאַ וואַסיליעוונאַ? אדרבה, דאָס באַווייזט אייער אָפנהאַרציקייט און געטריישאַפט צו מיר. אויב דער חבר קריוואָרוטשקאָ איז נישט קעגן, האָב איך אַזאַ פאָרשלאָג: אויף דער קורצער צייט, וואָס מיר זענען איצט צוזאַמען, זאָלן מיר אַלע דריי זיך זאָגן „דו", ווי עכטע באָלשעוויסטישע חברים.

ניקאָלאַי האָט אַפּלאָדירט:

— הוראַ!... מאַלאַדיעץ סאָלאָמאָן! נאָר אויף „דו" און נאָר ביי די ערשטע נעמען.

שלמה האָט אַוועקגעלייגט זיין דלאָניע אויף ניקאָלאַיס אויסגעשטרעקטער האַנט, און מאַרינאַ אירע — אויף שלמהס, און אַזוי איז געשלאָסן געוואָרן ברודערשאַפט.

קאפיטל XXIV

ניקאָלאַי האָט אַרומגענומען זיין יונגע פרוי:

— איצט, טייבעלע מיינס, שטער אונדז נישט, זיץ ביי דער זייט און שוויג. איך וויל אַ ביסל מיט סאָלאָמאָנען אַ שמועס טון וועגן זיינע ענינים.

— קאָליאַ, דו דול מיר נישט דעם קאָפּ. סאָלאָמאָן האָט נאָך גאָר־נישט פאַרזוכט און דו אַליין אויך נישט. שאַ! דו ווייסט גאָר וואָס? אַז מיר האָבן יאָ אַזאַ טייערן גאַסט, פאָרן מיר שוין אַלע דריי צו אונדז אַהיים. ער זאָל זיין אין סלאַוווטע און נישט באַזוכן אונדזער שטוב? נישט זען די קינדערלעך?

— ביסט גערעכט, מאַרינקאַ, אודאי נעמען מיר אים אַהיים! וואָס פאַר אַ רייד קענען דאָ זיין?

שלמה גייט צו צו מאַרינקען און זאָגט איר ליבלעך, נאָר ערנסט:

— מאַרינקאַ, איך וועל אַלץ פאַרזוכן, אַלץ באַקוקן, וואָס ביי אייך אין דער היים טוט זיך, נאָר מיט איין באַדינג: לאָז מיך מיט ניקאָלאַיען אַ שמועס טון וועגן דעם, נאָך וואָס איך בין אַהער געקומען.

מאַרינקאַ, עטוואָס אַנטוישט, נעמט אַ בענקל צום פענצטער, זעצט זיך אַוועק און גיט אַ בורטשע:

— שמועסט אייך, שמועסט אייך... לייטישע מענטשן!... אָט דאָס הייסט געקומען צו גאַסט... נאָך פינף יאָר צייט... נישטאָ וואָס צו רעדן... קיין יושר האָט איר נישט אין זיך און מער גאָרנישט.

שלמה מיט ניקאָלאַיען קוקן זיך שמייכלענדיק איבער און זעצן זיך צו אין צווייטן ווינקל פון קאַבינעט אויף דער סאָפע. ניקאָלאַי נעמט אַרום שלמהן פאַר דער פּלייצע און זאָגט האַרציק:

— נו, סאָלאָמאָן, רעד, וואָס האָסטו געדאַרפט צו מיר?

— איך האָב דאָ אין טורמע אַן אַרעסטאַנט.

— ווער זיצט דאָס ביי דיר?

— אַ פעטער. זיין פאַמיליע־נאָמען איז לאָמאָוואַצקי.

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?

— לאָמאָוואַצקי שמואל מאַיראָוויטש.

ניקאָלאַיען גיט אַ שלאָג דאָס בלוט אין פנים אַריין. ער פרעגט היי־זעריק:

— דער פאַרוואַלטער פון „גאַסטראָנאָם", וואָס מען האָט געבראַכט פון קיעוו?

— דאַכט זיך, פון גאַסטראָנאָם. יאָ, ריכטיק, פון גאַסטראָנאָם.

ניקאָלאַי נעמט אַראָפּ די האַנט פון שלמהס אַקסל, רוקט זיך מעכאַ־ניש אַ ביסל אָפּ. עס דויערט אַ לאַנגע פּויזע. ניקאָלאַי איז פון דויט — בלייך געוואָרן, ער קוקט טרויעריק אויף שלמהן. יענער דאַכטן זיצט רואיק, ווי נישט אים מיינט מען. ענדלעך כריפּעט ניקאָלאַי אַרויס:

— עס האַלט שלעכט מיט דיינע געשעפטן, ברודערקע. נישט קיין לייר־טישן אַרעסטאַנט האָסטו זיך אויסגעקליבן... כ'וועל דיר מיט קיין זאַך נישט קענען העלפן...

שלמה גיט אפילו נישט קיין פּינטל מיט קיין אויג, ער פרעגט נאָר שטיל:

— פאַר וואָס עפּעס?

ניקאָלאַי, אויסער זיך פון שלמהס קאַלטבלוטיקייט, זעצט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט פון דער סאָפע און רעדט מיט היץ גלייך שלמהן אין פנים אריין:

— דו ווייסט אַ פּנים נישט, וואָס אָט דער מענטש האָט אָפּגעטון, דער־פאַר ביסטו אַזוי רואיק. ער האָט אויף זיך צוויי אַרטיקלען, וואָס פאַר יעדן באַזונדער קומט היינט צו שיסן. נאָר מילא, צוויי מאָל ווי צוויי מאָל, נאָר איין מאָל, האָב איך מורא, וועט עס אים טאַקע נישט מיידן. די אויס־פאָרשונג איז שוין כמעט ווי פאַרענדיקט. נישט שפּעטער ווי אין אַ וואָך אַרום שיקן מיר אָפּ זיין ענין קיין מאָסקווע אין „דריילינג־טריבונאַל״.

אויף שלמהס פּנים גיט נישט קיין ציטער קיין איין מוסקול, ער פרעגט נאָר העפלעך און געלאַסן:

— הייסט עס, עס זענען אומזיסט די רייד, איר קענט מיר גאָרנישט העלפן?

— צום גרויסן, גרויסן באַדויערן... איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים מיט מיין קאָפּ.

שלמה שטעלט זיך אויף, מיט ציטערנדיקע פינגער פאַרשפּיליעט ער דעם מאַנטל אויף אַלע קנעפּ און דערלאַנגט ניקאָלאַיען די האַנט:

— זייט מיר געזונט, פּראָקוראָר קריוואָרוטשקאָ. אַ דאַנק פאַר אַן אָפנ־האַרציקן שמועס. אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב ביי אייך אַזוי פיל צייט צוגענומען.

— סאָלאָמאָן, פאַר וואָס ביסטו בייז אויף מיר? איך בין דאָך נישט קיין בעל־הבית אויף מיין שטעלע, נאָר אַן אָנגעשטעלטער... סאָלאָמאָן, זיי נישט אַזוי...

— ערגערט זיך נישט, חבר קריוואָרוטשקאָ, איך גיי אריין אין אייער לאַגע און האָב נישט קיין מינדסטן פאַרדרוס אויף אייך... זייט געזונט...

ניקאָלאַי האָט ווייטיקלעך צענומען די הענט, אומבאַהאָלפן געוואָרפן אַ קוק אין מאַרינעס זייט, אָבער זי איז גאָר אין צימער נישט געווען. אַ פּנים, געגאַנגען אַ קוק טון צו די פערד. נאָך גוט, וואָס זי האָט נישט גע־הערט זייער „אָנגענעמען״ שמועס. ער נעמט שלמהס אויסגעשטרעקטע האַנט און שטאַמלט:

— זייט נישט בייז... כ'וואָלט מיטן לעבן געוואָלט עפּעס אויפטון, נאָר וואָס קען מען העלפן, אַז עס איז היינט אַזאַ צייט... פאַר זיין קאָפּ וואָלט איך געדאַרפט באַצאָלן מיט מיין קאָפּ... דאָס געזעץ פון זיבעטן אויגוסט...

— פארשטענדלעך... פארשטענדלעך... וואָס דען, איר ווילט נישט? באַמערקנדיק מאַרינקעס לײדיק בענקל, גיט שלמה צו:

— גיט איבער אַ גרוס אײער פרוי, איך בין גערירט פון איר אויפ־נאַמע.

שלמה עפנט אויף די טיר און טרעט שיר נישט אַרויף מאַרינען אויף די פיס. ער גיט זיך אַ וואָרף אויף צוריק און לאָזט זי דורך מיט דער בייטש אין דער האַנט. גלײך פון דער שוועל שיסט זי אויס:

— איר האָט אין זיך קיין יושר נישט, אָט וואָס איך קען אײך זאָגן... וויפל קען מען טאַקע וואַרטן אויף אײך? עס וועט אײך זײן קאַרג דער אויפדערנאַכט אין דער הײם? ניקאָלאַי, וואָס שטײסטו ווי אַ לעקיש? סאַלאָמאָן איז שוין גרייט, פאַר וואָס טוסטו זיך אויך נישט אָן? דו וואַרטסט אויף אַן אײנלאַדונג?

אַ טויטע שטילקייט איז געווען דער ענטפער אויף אירע רייד.

מאַרינאַ האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן באַטראַכט זיי בײדע און נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס באַהאַלטן זיי די אויגן פון איר.

— וואָס טוט זיך דאָ מיט אײך? פאַר וואָס ענטפערט איר מיר נישט?

נאָך אַ קורצער פויזע טרעט שלמה אַרויס אויף פאָרנט, נעמט מאַ־רינקעס האַנט אין זײנער, טרייסלט זי און זאָגט ליבלעך:

— זייט געזונט, מאַרינאַ וואַסיליעוונאַ, איך גיי אַוועק...

— וואָס זאָגסטו נאָר אויף הײנטיקן טאָג! פריער איז געווען אַ שמו־עס אויף אַ שעה און אַצינד דאַרף ער ערשט אַוועקגײן... וווהין איז דאָס גײן, וווהין?

— אַהײם... כ'מײן אין „קאַלכאַזנע הויף" אָפּזוכן אַן אָרט אויף אָנ־צושפּאַרן דעם קאָפּ איבער דער הײנטיקער נאַכט. און אין דער פרי האָב איך אַ צוג...

מאַרינאַ קוקט פאַרלוירן פון שלמהן אויף ניקאָלאַיען און פון ניקאָ־לאַיען אויף שלמהן. בײדע זענען בלײך און בײדע האַלטן די אויגן אַראָפּ־געלאָזט.

— איך פאַרשטײ נישט, אפילו קיין אײן וואָרט נישט... וואָס איז דאָ פאָרגעקומען צווישן אײך?

— גאָרנישט איז נישט פאָרגעקומען, מאַרינאַ וואַסיליעוונאַ.

— פון ווען אָן בין איך עס צוריק געוואָרן אַ מאַרינאַ וואַסיליעוונאַ?

שלמה מאַכט זיך נישט הערנדיק און זעצט פאָר געלאַסן:

— גאָרנישט האָט נישט געטראָפן. פשוט מײן אווידיענץ בײם פּראָקו־ראָר איז געענדיקט, איך האָב באַקומען די נײטיקע אינפאָרמאַציעס און קען שוין גײן.

מאַרינאַ קוקט אים אָן ווילד, זעט ווי עס ציטערט לײכט זײן אונטער־שטע ליפּ, ווי ער שטרענגט זיך אָן אויסצוזױגן רואיק און לאָזט אַרויס אַ האַרצרייסנדיקן געשריי:

— קאַליאַ, וואָס איז דאָ געשען? גלײך זאָלסטו מיר זאָגן!

— מאַרינאַ וואַסיליעוונאַ, פאַר וואָס ערגערט איר זיך אַזוי? אייער מאַן איז זייער אַ קאָרעקטער מענטש, ער איז דאָך נישט שולדיק, אויב איך האָב מיר אויסגעקליבן נישט קיין ליטווישן אַרעסטאַנט...

ניקאָלאַי שפּרינגט אונטער, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון:

— מאַרינקע, הער אים נישט מיט זיין אירָאָניע, קוק צו מיר —

אין זיין קול ציטערן טרערן פון פאַרדרוס און אומבאַהאָלפנקייט:

— הער אויס, מיין טייערע, דו קענסט זיך גאָר נישט פאָרשטעלן, פאַר וועמען סאָלאָמאָן בעט... פאַרן ערגסטן פאַרברעכער, וואָס געפינט זיך אונטער מיין אויפזיכט... דו ביסט דאָך נישט קיין קינד, דו ווייסט דאָך אַליין, ווי שטרענג עס איז היינט... דערצו נאָך מיט אַן אויגוסטאָווניק*.

— קאָלינקאַ, האַרצעניו, עס איז דאָך עפּעס סאָלאָמאָן... האָסט פאַרגעסן?!...

— שווייג!... דו קענסט נישט פאַרשטיין, וואָס עס הייסט אַזוינס פליכט...

דאָס בלוט פליסט מאָמענטאַל אָפּ פון מאַרינעס שיינעם פּנים, די קינבאַקן ציטערן נערוועז. זי דערנעענטערט זיך לאַנגזאַם צום מאַן און זייעט אַרויס דורך די ציין:

— וועמען האָסטו דאָס אַ געשריי געטון „שווייג"? ווער בין איך דיר, האַ?

— מאַרינאָטשקאַ... דו ווייסט דאָך... נו, זאָג אַליין... נו, שאַ...

ער האָט אָנגענומען זיין פרוי ביי דער האַנט און זי געוואָלט צוציען צו זיך, נאָר זי האָט אים מיטן גאַנצן כח אָפּגעשטויסן פון זיך. אין דער מינוט האָט איר צאָרן פון דאָס ניי אָנגעצונדן דאָס פּנים און צעבלאָזן אַ פלאַקער אין אירע אויגן:

— אַוועק פון מיר, דו!... זאָלסט זיך נישט דערוועגן צורירן צו מיר, דו הערסט?

— מאַרינ —

— רעד צו מיר נישט, דו אומדאַנקבאַרער. אויף אונדזער קינד וואָלט שוין לאַנג גראָז געוואַקסן, ווען נישט סאָלאָמאָן... אַליין האָט ער געשלונגען די סלינע און מיך, אַ ווילד־פרעמדע, האָט ער געשטאָפּט ווי אַ גאַנדז...

— מאַרינקע, וואָס זשע גלייכסטו? עסנוואַרג קריגט מען פאַר געלט און —

מאַרינעס אויגן גיבן טיגעריש אַ פינקל, אין זיי צינדט זיך אָן אַ פייערל, וואָס זאָגט נישט צו קיין גוטס. זי גיט אַ שמיץ די בייטש אין אַ ווינקל, כאַפּט שלמהן אונטער דער האַנט און גיט אַ זאָג:

— קום, איך גיי מיט דיר...

זי גייט מיט שלמהן דורך פאַרביי דעם פאַטעאָן, גיט אַפילו נישט קיין קוק אין זיין זייט און שפּאַנט שמיידיק פאַרויס.

---

* אַ מענטש וואָס ווערט געמשפּט לויטן געזעץ פון זיבעטן אויגוסט 1932.

זיי באַווייזן נישט ווייט אָפּצוגיין, ווי זיי דערהערן, אַז עמעצער יאָגט זיך נאָך זיי. שלמה קוקט זיך אום און בלייבט שטיין. עס לויפֿט צו ניקאָלאַי. אויף זיין פּנים שפּילן אַלערליי קאָלירן. א פֿאַרסאַפּעטער פּונעם לויפֿן רעדט ער קוים אַרויס:

— מאַרינקאַ, דו ביסט פֿון זינען, צי וואָס? וווהין גייסטו?

ביי מאַרינען שטייען טרערן אין די אויגן, זי קען נישט ענטפֿערן.

— קומט אַריין אין קאַבינעט, אויף דער גאַס איז דאָך נישט שיין צו פֿראַווען אַזעלכע סצענעס. דו ווילסט צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די דורכגייער?

ער פֿאַרשלעפּט זיי צוריק אין קאַבינעט, מאַכט צו הינטער זיי די טיר, נעמט שלמהן פֿאַר א האַנט און זאָגט מיט געבעט:

— סאָלאָמאָן, פֿריינט מיינער, דאַמאָלסט אין קיעוו, האָסטו דערשינען פֿאַר מאַרינקען ווי א רעטער, ווי א מלאך־הגואל, און איצט ווילסטו מיר צעשטערן דעם שלום־בית? ווילסט חרוב מאַכן א גאַנצע פֿאַמיליע, האַ? איך קען דען מיט מיין קאָפּ צעקלאַפּן א וואַנט? פֿאַר וואָס זאָלסטו נישט וועלן פֿאַרשטיין, אַז לאָמאַוואַצקי, דאָס איז א מת, אויף אים וואַרט טויטשטראָף, הײנט וואָס קען איך דיר העלפֿן? אונטערשטעלן מיין רוקן פֿאַר אים? מעג איך דאָס טון? איך זאָל שוין גאָר אַפֿילו וועלן, האָב איך דאָך א פֿרוי מיט דריי קליינע קינדערלעך...

שלמה ווערט מיט א מאָל איבערגעביטן אין פּנים. ער נעמט אַרום ניקאָלאַיען, דערנאָך נעמט ער אויך מאַרינעס האַנט און אָט־אַזוי־אָ, האַלטנדיק זיי ביידע פֿאַר די הענט, באַפֿאַלט אים מיט א מאָל א משונה־מאָדנע פֿרייד און ער זאָגט זיי באַגייסטערט, מיט עקסטאַז:

— איר הערט, חברים? דווקא ניקאָלאַיען אויף צו להכעיס פֿיל איך, אַז איך וועל געהאָלפֿן ווערן דורך אים. מיין פֿאַרגעפֿיל נאַרט מיך כמעט קיין מאָל נישט אָפּ.

און ווענדנדיק זיך בלויז צו ניקאָלאַיען זאָגט ער דערמונטערט:

— הער, קאָליאַ, וואָס איך וועל דיר זאָגן, נאָר הער מיט קאָפּ. קיין גרויסער חכם בין איך אפֿשר נישט, נאָר וואָס אַמבאַלאַנגט פּראַקטיק, בין איך זייער, זייער א פּראַקטישער מענטש און באַזונדערס — אין יורידישע פֿראַגן. דו קענסט זיך גאָרנישט פֿאַרשטעלן, וואָס אָט דער מענטש, וואָס שטייט איצט פֿאַר דיר, האָט שוין אין זיין לעבן דורכגעמאַכט. יאָ, קעגן וואָס זשע זאָג איך דאָס דיר? קעגן דעם, ברודערקע, וואָס דו קענסט מיר גלייבן אויף מיין ערנוואָרט, אַז פּונקט ווי מיין פֿעטער איז ביי מיר טייער, נישט ווייניקער אַפֿילו אויף א האָר ביסטו ביי מיר טייער. דו, דיין מאַרינקע, דיינע קינדערלעך. נישט ווייניקער און אפֿשר נאָך מער... הײנט קענסטו שוין פֿאַרשטיין, אַז איך וועל נישט דערלאָזן, אַז דו אָדער אַנדערע פּערזאָנען זאָלן איבער מיר האָבן די קלענסטע אומאָנגענעמלעכקייטן. טאָמער וועט מיין טובה זיין פֿאַרבונדן מיט דער קלענסטער געפֿאַר

פאַר דיר, זאָג איך מיך לכתחילה אָפּ פון איר. איצט זאָג, דו גליבסט מיר אויף מיין ערנוואָרט, צי ניין?

— כ׳וויס אַליין נישט פאַר וואָס, נאָר איך גלייב דיר אין אַלעמען...

— אויב אַזוי, איז אויסגעצייכנט. קענען מיר צוטרעטן צו דעם ענין גופא.

— זאָג, וואָס ליגסטו מיר פאַר באַלד צו טון?

— באַלד, וואַרט אַ רגע... ס׳איז דאָך אַלץ אַזוי אומגעריכט... לאָמיך כאַטש אַ ביסל ברענגען אין אָרדענונג מיינע געדאַנקען... יאָ, אַגב זאָג מיר, מיט זיין אויספאַרשער ביסטו עפּעס אַ גוטער ברודער?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? ער איז דאָך אונטערגעוואָרפן אונטער מיר.

— נו, און מיטן ריכטער פון סלאַוווטער פאָלקסגעריכט אויך?

— אַזוי ווי צוויי ברידער. נאָר לאָמאָוואַצקים ענין וועט צו אים נישט אָנקומען, אַ שאָד די טרחה.

— זאָל דיך נישט אַרן...

— אַזוי זאָגסטו?... עס זאָל מיך גאָר נישט אַרן?... נו, נו, וואָס זשע ווייטער?

— איצט אַזאַ זאַך, צי וואָלט דיך נישט געאַרט, אַז יעדער איינציקער פון די אָנגערופענע צוויי זאָל וויסן, אַז דער צווייטער טוט דיר עפּעס אַ טובה?

— עס וואָלט מיך נישט געאַרט.

— שעם זיך נישט. טאָמער איז דיר נישט באַקוועם, וואָלט מען דאָס געקענט אויסמיידן.

— איך שעם זיך נישט... איך זאָג, אויב די טובה קען נאָר געטון ווערן, אַרט מיך נישט, וואָס די צוויי וועלן וויסן. דאָס זענען מיינע בעסטע גוטע ברידער און פריינט. חוץ דעם דאַרפן זיי צו מיר אָנקומען צען מאָל אַ טאָג. דו פאַרגעסט, אַז נאָך דעם פאָרזיצער פון שטאָטראַט און דעם סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קאָמיטעט בין איך די גרעסטע פּערזאָן אין דער געגנט. פון דער שטאָט איז אָפּגערעדט.

— אויסערגעוויינלעך גוט... אויסערגעוויינלעך... אַצינד הער אויס, וואָס עס פאָדערט זיך באַלד פון דיר. איצט וועל איך מיט אייך צופאָרן צו דיר אַהיים, דו זעסט דאָך, אַז מאַרינאַ שטייט ווי אויף הייסע קוילן, און איך וויל טאַקע פאַר איין וועגס אַ קוק טון אויף אייערע קינדערלעך, אויף אייער פּאַלאַץ. מיטן וועג פאָרן מיר דורך פאַרביי זייערע הייזער און דו לאַדסט זיי איין אויף היינט אויף דער נאַכט, כלומרשט לכבוד דיין ווייבס אימענינעס. טאָמער האָבן זיי גלייך אויפן אָרט נישט קיין צייט, ווען צו פאָרן מיט דיר, איז נאָך בעסער, וועסטו צופאָרן נאָך זיי אַרום עלף, צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט, אַזוי איז נאָך גלייכער. און דו דערוויילנעם מיט זיך מיט פון מיינעט וועגן דעם „ענין־לאָמאָוואַצקי” און דעם „ענין ווינאָגראַדאָוו”.

— ווי אַזוי זאָגסטו? ווינאָגראַדאָוו?

— יאָ, ווינאָגראַדאָוו, אויך פון קיעוו...
— דאַכט זיך, אַזאַ מענטש איז ביי מיר קיין מאָל נישט געווען...
— האָסט אַ טעות, קאָליאַ.
— באַלד וועלן מיר זען, צי איך האָב אַ טעות, צי דו.
ער גייט צו צום טיש, שליסט אויף אַ שופלאָד, מישט עפּעס אַ בוך:
— האַ? דאָס מיינסטו דעם אַלטן אַבאָרט־מאַכער?
— דעם זעלבן. ווינאָגראַדאָוו סערגעי טימאָפיעיעוויטש.
— וואָס זשע גייט ער דיך אָן? איך פאַרשטיי נישט...
— איי, וואָס אַרט דיך?...
— אַזוי גאָר? וואָס עס אַרט מיך, זאָגסטו? נישט קיין נאַריש ייִנגל...
— איז ווילסטו נישט? לאָמיך הערן...
— זיין ענין איז שוין גאָרנישט ביי מיר. ער מוז זיין אין געריכטס־ארכיוו, ער איז דאָך שוין פון לאַנג אָן אָפּגעמשפּטער.
— נישקשה, דיר אָדער דעם ריכטער וועט מען ארויסגעבן דעם ענין פון אַרכיוו אויך. הער בעסער מיין פּלאַן ביזן סוף: דו נעמסט מיט בייד־דע ענינים מיט אונדז אַהיים. איך פאַרשפּאַר מיך אין אַ צימער און שטור־דיר זיי דורך... דו דערציילסט דיינע צוויי געסט, וואָס דו ביסט גרייט פון מיינעט וועגן צו טון, אויב מיינע פאַרשלאָגן וועלן נאָר האָבן אַ געזעצ־לעכן באָדן. דאַן קום איך אַרויס צו אייך אַ קאָמפּעטענטנער אין ביידע ענינים און אין פירן קלערן מיר צו אַן עצה, ווי אַזוי צו ענדערן דעם כאַ־ראַקטער פון אַלע פּריערדיקע אומשטאַנדן. איך חזר דיר איבער נאָך אַ מאָל, אַז קיין איין האָר וועט נישט געמינערט ווערן פון אייערע אַלעמענס קעפּ צוליב מיר. מעגסט מיר הייליק גלייבן, אַז איך זוך ביי דיר נישט אַבי אַריינ־צוכאַפּן. נו גייט עס? גיב אַ האַנט און זיי אַ גוטער ברודער...
— גוואַלד, וואָס וויל האָבן פון מיר אָט דער מענטש? גאָרנישט קען איך אים נישט אָפּזאָגן... מילא, זאָל שוין זיין ווי דו זאָגסט.
מאַרינקע האָט ניקאָלאַיעז באַשאָטן דאָס פּנים מיט קושן.

קאַפּיטל XXV

זיי זענען אַריינגעקומען אין דרייען אין שטוב אַריין. ניקאָלאַי האָט נאָך נישט באַוויזן אָוועקצולייגן דעם פּאָרטפעל מיט די צוויי עניגים, ווי מאַרינקע האָט צוגעשלעפּט שלמהן צום טיש:

— איך וועל דיך נישט לאָזן אפילו אויפשליסן דעם פּאָרטפעל, ביז דו וועסט פריער נישט אָפּעסן. איך קען שוין נישט איבערטראָגן דיין פאַסטן.

— מאַרינאַ, קוק מיר גלייך אין די אויגן. דו זעסט דען נישט, אַז די נשמה איז מיר אויף דער שפּיץ נאָז? איך גיי ממש אויס צו זען, וואָס האָט מען דאָרט אַזוינס אָנגעשריבן אויף מיין פעטער. נאָר וויסטו וואָס? פּאַפּיראָווע עפּל פון אייער גאָרטן האָסטו נאָך אין שטוב? גיב מיר אפילו צען שטיק, און וויז מיר אָן אַ צימער, וווּ איך וועל קענען רואיק פאַרברענגען עטלעכע שעה.

— רואיק וועט אומעטום זיין, קיינער וועט דיר נישט שטערן, נאָר איך האָב געמיינט... אַזוינע גריוון זאָג איך דיר, אַז זיי בעטן זיך אין מויל אַריין...

שלמה בלאָזט זיך אָן:

— מאַרינאַ, ווידער אַ מאָל דאָס זעלבע?

— נו, שאַ, שאַ, מען טאָר אים גאָרנישט זאָגן... גיי, ביסט אַ שלעכטער מענטש... צוריק מיט פינף יאָר, ביסטו אַ סך לייטישער געווען...

שלמה צעלאַכט זיך און זי ווערט רויט:

— יאָ, יאָ, מעגסט דיר לאַכן וויפל דו ווילסט. אַזוי איז דאָס, זאָלסטו טאַקע וויסן. נעם, קאַליאַ, אין קאָרידאָר שטייט אַ קווישל עפּל, גיב דאָס אים, זאָל ער זיך אויסקלייבן, און פיר אים אַריין צו אונדז אין שלאָפצימער, נאָר דריי דאָרט אַריין דעם הונדערטער לאָמפּ. זאָל אים כאָטש זיין גענוג ליכטיק. אַך! פון אַזעלכע גריוון זיך אָפּזאָגן... אָט דער מענטש האָט אַ האַרץ פון אַ טאַטער און מער גאָרנישט.

קלייבנדיק פאַר זיך די עפּל אין שלאָפצימער, פרעגט שלמה ביי ניקאָלאַיען:

— וואָס איז די מעשה, וואָס איר וווינט נישט בעסער אין שטאָט?

— וואָס רעדסטו, סאָלאָמאָן? ווו האָסטו אין שטאָט אַזאַ גרויסע וווינונג און טאַקע מיט אַ גאָרטן און מיט אַ באַשטאַן, אַ בהמה, מיט פיר שאָף, מיט צוויי פערד. דאָס אַלץ וועסטו אין שטאָט נישט אויסהאַלטן! און ווידער: מיט וואָס איז דאָ נישט ווי אין שטאָט? עלעקטריש ליכט, טעלעפאָן, ראַדיאָ. איי, די פיר קילאָמעטער, וואָס ליגן צווישן אונדז און דער שטאָט, איז ביי אַ גוטן וועטער, דויערן זיי ביי אונדזערע פערדלעך, אַ שטייגער — וויפל מיינסטו? פינקטלעך פופצן מינוט און אַ מאָל נאָך ווייניקער... וואָס זשע פאַר אַ ווערט האָט דאָס? און דערפאַר איז דאָ ריינער, שענער און פרייער.

— יאָ, דו ביסט גערעכט. פון אזא רחבות קען מען אין שטאָט נאָר טרוימען. איר האָט זיך דאָ גוט איינגעפונדעוועט, מען קען נישט זאָגן. נו, ברודערקע, די צייט לויפט. זאָג מיר, ווען האָבן צוגעזאָגט דיינע חברים צו קומען?

— ארום עלף, צוועלף.

— דו וועסט דאַרפן פאַרן נאָך זיי?

— וואָס איז עפעס? זיי וועלן קומען מיט די וועלאָסיפּעדן.

— נו, קאַלינקאַ, א דאַנק דיר פאַרן קאָמפּאַרט. אצינד פאַרשלים מיך פון יענער זייט און דו גיי רו זיך אויס פאַרן גאַנצן טאָג.

— אפשר טאַקע אויף אן אמת זאָל איך דיר אריינטראָגן אהער א טעלערל מיט גריוון? דו וואָלסט דערמיט מאַרינקען אריינגעזעצט א נייע נשמה...

— א גרויסן, גרויסן דאַנק דיר, ניקאָלאַי, נאָר דו פאַרשטייסט דאָך אליין, ווו מיין קאָפּ ליגט מיר אצינד.

ווען די טיר האָט זיך צוגעמאַכט און ניקאָלאַיס טריט האָבן זיך דער־ווייטערט, האָט שלמה פאַרקוועטשט די אויגן, אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל און מיט טרערן היים ארויסגעשעפּטשעט:

— גרויסער גאָט! וואָס פאַר א ממשות האָט מיין „פּראַקטיק" מיט מיינע אויפטועכצן? נאָר דו איינער קענסט מיר העלפן אצינד. כ'בעט דיך, האָב רחמנות, בעצתך תנחני... בעצתך תנחני ואחר כבוד תקחני... דאָרט ווו עס האַנדלט זיך אין פדיון שבויים, ביסטו אויך נישט פּטור...

די שעהן האָבן זיך גערוקט לאַנגזאַם... שלמה איז אַלץ געזעסן איבער ביידע פּאַפּקעס און האָט שטודירט זייער אינהאַלט. יעדעס פּאַפּירל איז אויפ־מערקזאַם דורכגעלייענט געוואָרן. פון צייט צו צייט האָט ער פאַרנאָטירט וואָס אים האָט אויסגעוויזן נייטיק צו זיין און איז ווייטער געגאַנגען. קיי־נער האָט נישט געשטערט זיין רו. די עפּל זענען זיך געלעגן אין קוישל גאַנץ, אומבאַרירט, אזוי ווי ניקאָלאַי האָט זיי אוועקגעלייגט.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען ער האָט דערהערט א לייכט קלאַפּן אין דער טיר. שלמה האָט דערקענט מאַרינקעס קול:

— סאָלאָמאָן, גיי אריין אין שטוב, די געסט זענען שוין געקומען.

— מאַרינאָטשקאַ, אז איך וועל פאַרטיק ווערן, וועל איך אליין אריינ־קומען, אָבער לעת־עתה קען איך נאָך נישט. פאַרברענגט דאָרט דערווייל אָן מיר.

שוין לאַנג זענען די פּאַפּקעס מיט די פּאַפּירן, מידע געלעגן צוריק אין פּאָרטפעל און שלמה האָט נאָך אַלץ געמאָסטן דאָס צימער אהין און צו־ריק. זיין מח האָט אָנגעשטרענגט געאַרבעט. איינציקע פּלענער האָט ער אויפ־גענומען, אַנדערע אָפּגעוואָרפן. אויף זיין אויסגעמאַטערטן פּנים איז געווען צו זען, אז א שווערע אויפגאַבע שטייט אים דאָס מאָל פאָר.

ענדלעך, א זייגער איינס נאָך האַלבער נאַכט, האָט זיך שלמה באַוויזן אין זאַל, ווו עס זענען פאַרגעקומען די „אימענינעס". ניקאָלאַי האָט אים

פֿאַרגעשטעלט פֿאַר זיינע קאָלעגן. יענע האָבן זיך געהאַלטן ווי עכטע „טשינאָווניקעס“, געוווסט זייער אייגענעם פּרייז, נאָר שלמהן זייער פֿרייַנד־לעך געדריקט די האַנט, נישט געבלאָזן פֿון זיך. מאַרינקע האָט אָנגעהויבן דערלאַנגען אַ הייסע וועטשערע, פֿאַר שלמהן האָט זי אויך דערלאַנגט אַ טעלער. דאָס פֿלייש מיט די גריוון האָבן נאָך געטרישטשעט אויפֿן טעלער און געשפּריצט מיט פֿונקען פֿעטקייט. ווען אַלע אָנווזנדיקע האָבן זיך גענומען צום עסן, און מאַרינקע אויך, האָט שלמה זיך אויפֿגעשטעלט און שמייכלענדיק געפֿרעגט:

— חברים קריוואָרוטשקאָ, איר האָט געהערט אַ מאָל וועגן יידן?

אַלע האָבן פֿאַרוווּנדערט אויפֿגעהויבן די אויגן אויף אים, נישט גע־קענט פֿאַרשטיין זיין פֿראַגע. ניקאָלאַי האָט נישט דייטלעך אַרויסגע־שטאַמלט:

— ווי דען? אודאי געהערט...

— און אַז עס זענען דאָ רעליגיעזע יידן, ווייסט איר אויך?

— וואָס דען, מיר ווייסן נישט?

— און אַז אַזעלכע יידן עסן געקעכטס נאָר אין זייערע אייגענע הייזער, דאָס האָט איר אויך געהערט?

— פֿון אַ מאָל — געהערט.

— איז אָט, חברים, שטייט איצט פֿאַר אייך אַזעלכער, וואָס האַלט זיך ביי דעם מנהג פֿון אַמאָליקע יאָרן...

ביי מאַרינקען פֿאַלט שיר נישט אַרויס דער גאָפּל פֿון דער האַנט. שלמה האָט זיך געריכט אויף אַן אינצידענט מיט איר און ווענדעט זיך שוין דירעקט נאָר צו איר:

— איר פֿאַרשטייט, מאַרינאַ וואַסיליעוונאַ, איך האָב שוין אַ דריטל לעבן אָפּגעלעבט און נאָך נישט געפּרוווט עובר זיין —

מאַרינקע לאָזט אים נישט ענדיקן:

— וואָס פֿאַרענטפֿערסטו זיך? ניין, איז ניין... איך בין דאָך נאָר אויסן, אַז עס זאָל דיר זיין אָנגענעם.

שלמה זעט גוט, ווי ווייטיקלעך עס איז איר, וואָס ער וועט נישט עסן פֿון איר געבראָטנס. גערירט פֿון איר אומגעריכטער קאַפּיטולאַציע, זאָגט ער איר וואַרעם:

— אויף מיין וואָרט, מאַרינקאַ, ווען איך בין אויף קאַלינינס אָרט, וואָלט איך דיר געגעבן אַן אָרדען פֿאַר אָט די קלוגע עטלעכע ווערטער. נאָר עס קער זיך נישט אָן, הונגעריק בין איך דווקא זייער שטאַרק. איך האָב אין שלאָפֿצימער גאָרנישט פֿאַרזוכט.

— איז וואָס זשע מעגסטו יאָ?

— אָ־אָ! אַן אַ שיעור זאַכן מעג איך עסן. אייער האָט איר? דאָס מעג איך. פּוטער, מילך האָט איר? וועל איך עסן מיט פֿאַרגעניגן. זויערע או־גערקעס, זויער קרויט. קאַווענעס אָדער פּאָמידאָרן האָט איר? היינט

עפּל? היינט געטרוקנטע בארן? איך בין א גרויסער ליבהאָבער פון גע־טרוקנטע בארן... אָן געלעכטער... אזוי ווי איך דערציייל אייך...

אויף א צוגערוקט באַזונדער טישל איז אויסגעוואַקסן א באַרג מיט אַלערליי כשר עסנוואַרג. אויפן גרויסן טיש האָט מען זיך געקוויקט מיט קנישעס, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין שמאַלץ און שלמה אויף זיין טישל האָט צורעכט געמאַכט האַרטע אייער מיט זויערע פּאַמידאָרן, אָבער דאָס האָט כלל נישט געשטערט צו דער אַלגעמיינער סימפּאַניע. די שטימונג איז ביסלעכוויז געוואָרן א יום־טובדיקע. שלמה האָט דערציילט פריש־געבאַ־קענע אַנעקדאָטן און, הערנדיק די וויצן פונעם „גרויסן טיש", אַליין אויך אָנשטעקנדיק געלאַכט. אין זיין האַרצן האָט זיך אויפגעכאַפּט א פייגעלע... קול התור... עס האָט זיך אָפּגעטון פון אים דער כובד־ראש, מיט וועלכן ער האָט געלערנט די ענינים אין שלאָפצימער און ער האָט געמיטלעך פאַר־בראַכט. פּלוצלינג האָט ער דערזען אויף דער וואַנט אַן אַלטמאָדישע גי־טאַרע. עס האָט אין אים אויפגעוואַכט דער מוזיקאַנט. באַלד האָבן דעם זאַל אָנגעפילט פריילעכע טענער; צעשאָטענע, זילבערנע גלעקעלעך. שלמה האָט הויך און שיין געזונגען, אויף דער גיטאַרע וווּיליונגעריש צוגעשפּילט. עס האָט ממש געהויבן פונעם בענקל, געטריבן די פיס אויף דער מיט פונעם צי־מער. שלמה האָט באַמערקט א שכור פייערל אין מאַרינקעס אויגן און אויף זיין ווונק האָט ניקאָלאַי, נעמענדיק זי אַרום דער טאַליע, אַרויסגעמאַרשירט אויף דער מיט זאַל. די טישן זענען אָפּגערוקט געוואָרן אין עקסטן ווינקל, צוויי פּאָר שטאַרקע דלאָניעס האָבן ריטמיש צוגעפּליעסקעט און שלמה האָט פאַרצויגן אַן עכט אוקראַיניש „קאָזאַקל"... זיין קול האָט זיך געאַמ־פערט מיט די קולות פון דער גיטאַרע. אָט הערט מען, דאַכט זיך, נאָר אים, און אין א מינוט אַרום ווערט זיין קול דערטרונקען אין א כוואַליע פון מוזיקאַלישע טענער, טאַנצנדיקע, קלינגענדיקע... די קריוואָרוטשקעס האָבן מייסטעריש געטאַנצט, דאָס האָט צוגעגעבן פייער דעם שפּילער און דאָס הייזל האָט געציטערט מיט אַלע אברים. ווען שלמה האָט באַמערקט, אַז מאַרינקע האַלט זיך שוין נישט פעסט אויף די פיס, האָט ער איבערגע־געבן די גיטאַרע דעם אויספּאַרשער און אַליין זיך אַוועקגעלאָזט קעגן ני־קאָלאַיען... א פרישער צופלוס פון כוחות האָט אויפגעברויזט אין זאַל. דאָס „קאָזאַקל" און דאָס טופּען פון פיס האָבן זיך געריסן ווייט פון דעם פּראָקוראָרס הייפל און געשטערט שלאָפן דעם אומשולדיקן דערפל.

דער זייגער איז געווען האַלב פיר, ווען אַלע האָבן זיך צוריק געזעצט צום טיש טרינקען טיי מיט פלוימען־וואַרעניע. נאָך דער טיי האָט שלמה באַמערקט, ווי ביי מאַרינען זענען די אויגן משונה־גרויס און ווי מיט א הייטל פאַרצויגן. ער האָט זיך צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

— מאַרינקע איז שוין נישט אויף דעם עולם. קינדער אין אירע יאָרן שלאָפן שוין לאַנג. זאָל זי שוין גיין שלאָפן און מיר וועלן דאָ א ביסל שמועס טון מכח אונדזערע ענינים.

א פֿאַרשעמטע הייבט זיך מאַרינקע אויף פֿון איר אָרט און פֿאַר־ענטפֿערט זיך:

— טאַקע נישט געווינט אַזוי שפּעט צו זיצן, וואָס זשע מיינסטו? ביי אונדז לייגט מען זיך גלייך מיט די הינער.

און ווענדנדיק זיך צו ניקאָלאַיען, דראָט זי אים מיט אַ פֿינגער ביי דער נאָז:

— איך גיי שלאָפֿן, און דו, טאָמער צעוועדטלסטו זיך ווידער מיט סאָלאָמאָנען איז —

ניקאָלאַי, לאַכנדיק:

— איז וואָס וועט זיין?

מאַרינקע, האַלב שפּאַטיש, האַלב ערנסט:

— איז צווישן אונדז — אַלץ געענדיקט.

— אַ דאַנק דיר פֿאַר דער בשורה־טובה. גיי, גיי שלאָפֿן, מיר וועלן שוין דאָ ווי עס איז דורכקומען... גיי, שלאָף געזונט.

מאַרינקעס טריט האָבן זיך אַלץ מער דערווייטערט און אויף שלמהס פּנים האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגערוקט אַ וואָלקן פֿון ערנסטקייט. זיין געזיכט האָט אויסגעזאָגט, וואָס פֿאַר אַ צמצום־הרעיונות עס קומט אין אים איצט פֿאָר.

קאַפּיטל XXVI

ווען אין הייזל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ טויבע שטילקייט, האָט שלמה אָפּגערוקט פון זיך די פאַרקילטע גלאָז טיי. אויף אים קוקנדיק האָבן דאָס זעלבע נאָכגעטון די איבעריקע דריי בייזיצנדיקע. אַלע אויגן האָבן געקוקט אויף שלמהן און שלמה פון זיין זייט האָט דורכדרינגנדיק באַטראַכט יעדן איינציקן פון זיינע אומבאַקאַנט־באַקאַנטע. אַ פרעמדער, קוקנדיק אויף זיי, וואָלט געמיינט, אַז דאָס זעען זיך אָט די מענטשן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן. עס זענען פאַריבער שווערע עטלעכע מינוט. שלמה האָט עטלעכע מאָל אַ רייב געטון דעם שטערן אַהין און צוריק און אַריבער־בייגנדיק זיך איבערן טיש געזאָגט:

— טייערע פריינט מיינע! איך האָף, אַז ניקאָלאַי האָט אייך שוין מער־ווייניקער באַקאַנט געמאַכט מיט דעם ענין, וועגן וועלכן עס וועט דאָ גערעדט ווערן... האַ?

אַלע גיבן שווייגנדיק אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ און שלמה זעצט פאָר:

— חוץ דעם וואָס דער חבר קריוואָרוטשקאָ האָט געוויסע סיבות מיר צו העלפן, זענען מיר דאָך עפּעס מענטשן אויך. אויב עס ווערט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט העלפן צוויי מענטשן — און נישט סתם אַ ביסל העלפן, נאָר אַרויסלאָזן זיי אויף דער פריי, — דאַרף דאָך דאָס אונדז פרייען, צי אפשר ניין?

ניקאָלאַי עפנט ברייט די אויגן און קען קוים אַרויסרעדן:

— אויף דער פריי, זאָגסטו? נישט מער, נישט ווייניקער?

— מער וויל איך נישט און ווייניקער נעם איך נישט. זיי געדולדיק און הער מיט קאָפּ, וועסטו מיר צום סוף מודה זיין און אויך דיינע קאָלעגן, אַז מיינע צוויי אַרעסטאַנטן דאַרפן און וועלן זיין אויף דער פריי. דערצו נאָך גאָר־גאָר אין גיכן און בתנאי, אַז אייערע אינטערעסן אַלס מלוכה־אָנגעשטעלטע זאָלן זיין פאַרטיידיקט פון אַלע פיר זייטן. הערט מיך אויס אויפמערקזאַם און געדולדיק, וועט איר זען, אַז קיין האַלבע זאַך לייג איך קיין מאָל נישט פאָר. אַלזאָ, גיי איך, הייסט עס, גלייך אַריבער צום תוך פון אונדזערע ענינים —

ער ווישט זיך אָפּ דעם שוויים און הייבט אָן:

— אַרעסטאַנט נומער איינס איז לאָמאָוואַצקי, נומער צוויי איז ווי־נאָגראַדאָוו, נאָר אַזוי ווי דעם צווייטנס ענין האָט נישט די ווערט אפילו קיין שמעק־טאַבאַק קעגן דעם ערשטנס, וועלן מיר פריער דווקא שמועסן פון ווינאָגראַדאָוון, כדי עס זאָל ווערן גרינגער אויפן קאָפּ און מיר זאָלן זיך קענען בשלימות קאָנצענטרירן אויף לאָמאָוואַצקים אָפּערע. איך האָב אייך נאָר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז פאַר דער היינטיקער נאַכט האָב איך גרונטלעך דורכשטודירט זייערע ענינים און געדענק אויף אויסנווייניק

יעדן מינדסטן דאָקומענט, אפילו די דאַטע אויף אים, אפילו דעם קאָליר פונעם אונטערשריפט, מיט רויטער, בלויער אָדער גרינער טינט. ווינאָגראַ־דאָוו, סערגעי טימאָפיעיעוויטש, איז מיר אין גאַנצן אַ פרעמדער, נאָך שע־נער: איך קען אים נישט פּערזענלעך, און ער מיך אויך נישט. נאָר אַזוי צו זאָגן: „פון הינטער די קוליסן" בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער בכבודיקער אַלטיטשקער זיצט אומזיסט. ער איז נישט קיין אַבאָרטן־מאַכער. און נאָר דערפאַר, וואָס ער ליידט אומשולדיק, וויל איך אים ראַטעווען...

ניקאָלאַי קען זיך נישט איינהאַלטן:

— די אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן האָט פאַר אים געבעטן און עס איז גאָרנישט געוואָרן דערפון, ווילסטו —

— קאַלינקאַ, איך בין בילעכער פון זיבעצן אַקאַדעמיעס, ווייל זיי האָבן געבעטן און איך האָב מיט וואָס קאָנקרעט צו העלפן. פריינט מיינער, מען דערציילט, אַז וואָלטער, דער גרויסער פראַנצויזישער דיכטער און פילאָ־זאָף האָט זעקס יאָר נישט גענומען די פען אין דער האַנט, זיך נישט צו־געריירט צו זיינע צענדליקער אָנגעהייבענע ווערק, ווייל ער איז געוווּיר גע־וואָרן, אַז אַן אומשולדיקער מענטש שמאַכט... אויב איך האָב קיין טעות נישט, אויף קאַיעננע. דאָס שרעקלעכע אינדזל קאַיעננע, דאָס איז דער פראַנצויזישער סאַכאַלין. היינט, ווי ־צופרידן דאַרפט איר זיין, אַז איך העלף אייך אַראָפּנעמען פון געוויסן אַזאַ ביטערן פלעק. איך האָב געזען זיין ענין און צוגעטראַכט פאָלגנדיקס: ערשטנס איז וויכטיק, אַז די אַקור־שערקע, וועלכע קען צוויקען אין די אויגן, איז שוין פאַרשיקט און עק־זיסטירט פאַר אונדז מער נישט; איר שוועסטער, וועלכע איז יאָ דאָ, איז געגנוג דערשלאָגן מיט דער צוואַנגסאַרבעט; צווייטנס טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז אָט די צוויי שוועסטער טראָגן בכלל אויפן פּראָפעסאָר קיין מינדסטן האַס נישט, גיכער פון אַלץ האָט זיי דערנאָך גאָר באַנג געטון, נאָך וואָס זיי האָבן נאָך אַריינגעשלעפּט אין אַן אומגליק דעם אומשולדיקן אַל־טיטשקן — אַלזאָ, פעלט דאָ איין זאַך: עס דאַרף פאַרשווינדן דער אַקט, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם פּראָקוראָר קריוואָרוטשקאָ מיט די צוויי מיליציאָנערן, אַז זיי האָבן געטראָפן דעם פּראָפעסאָר ביי דער „אַר־בעט". ווען דער אַקט פאַרשווינדט, ווערט אייך דערלאַנגט פונעם פּראָפע־סאָר אַליין אַ מעלדונג, אַז פאַר דעם געריכט, אויפן געריכט און נאָכן גע־ריכט האָט ער געהאַט אַזאַ סיבה צו פאַרשווייגן דעם אמת, נישט שטערן דער אַקושערקע אויסצוטראַכטן אויף אים אַ ליגן פון אָנהייב ביזן סוף און זיך לאָזן פאַראורטיילן אויף צוויי יאָר... איצט אָבער קען ער שוין מער נישט אויסהאַלטן און פאָדערט גערעכטיקייט פאַר זיך. עס האַנדלט זיך דערין, אַז ער איז נאָר דעם טאָג פונעם אַבאָרט אין סלאַוווטע נישט געוועזן, נאָר אין קיעוו... און איך, חברים, שטעל אייך צו אַ דאָקומענט וועגן דעם, אַז אין יענעם טאָג איז ווינאָגראַדאָווווירקלעך געוועזן אין קיעוו... נאָר פון וועמען מיינט איר אַ דאָקומענט? פון אַ הויז־פאַרוואַל־

טער, צי פון א „זשילקאָפּ״? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. איך ברענג אייך אַן אָפיציעלן דאָקומענט פון נאַטשאַלניק פון דער שטאָט־מיליץ, אַז יענעם טאָג, ווען דער אבאַרט איז פאַרגעקומען, איז ווינאָגראַדאָוו געווען אַרויס־גערופן פון סלאָוווטע אין דער אָנפירונג פון דער געגנט־מיליץ, ווו ער האָט אָנטייל גענומען אין אַן עקספּערטיזע צוזאַמען מיט דער קרימינעל־מעדיצינישער קאָמיסיע. איר באַקומט ווינאָגראַדאָווס ביטע מיט אַט דעם דאָקומענט, וואָס איז אויסערגעוויינלעך וואַגיק א דאַנק דעם חשיבות פונעם אָרגאַן, וואָס האָט אים אַרויסגעגעבן. איר באַשטימט דרינגנדיק פאַר ווינאָגראַדאָוון א צווייטן געריכט, פרעגט ביי אים די סיבה פון זיין אָפּ־נאַרן דעם ערשטן געריכט. ער ענטפערט אייך, אַז אויף דער פראַגע קען ער נישט ענטפערן. דאָס איז זיינער אַן אינטימער ענין. קיינער האָט פון דעם קאַפּריז נישט געליטן, חוץ אים אַליין, און ער געפינט נישט פאַר קיין „מוז״ צו דערציילן פאַר דעם געריכט זיינע פּריוואַטע סודות. דאָס גע־ריכט טראָגט אַרויס אַזאַ אורטייל: ווינאָגראַדאָוון גלייך צו באַפרייען, דאָס איז איינס. צווייטנס, זיין אַנשטאַלט וואָלט אים דאָך געמוזט באַ־צאָלן פאַר די אַלע חדשים, וואָס ער האָט נישט געאַרבעט, ווי דאָס געזעץ זאָגט פאַר אַלע אומגעזעצלעך פאַרהאַלטענע, נאָר אַזוי ווי מיט זיין שווייגן האָט ער פאַרפירט דאָס געריכט אויף א פאַלשן וועג און איז אַליין שולדיק דערינען, וואָס ער איז געווען פאַרהאַלטן עטלעכע חדשים, האָט דאָס געריכט געפונען, אַז אַלס שטראָף פאַרלירט ער דאָס רעכט אויף דער קאָמפּענסאַציע און באַקומט פאַר דער גאַנצער צייט פון אַרעסט אָן קיין איין רובל נישט. דאָס איז נייטיק צוליב צוויי זאַכן. ערשטנס: עס זאָל זיך נישט אויפהייבן קיין „ויצעקו״, ווען מען וועט אים דאַרפן אויסצאָלן א מטמון מיט געלט. און בכלל איז שטענדיק ביי אַזעלכע זאַכן גלייכער וואָס א קלענערער רעש. און צווייטנס: אַז דער אורטייל זאָל אויסזען אָביעקטיווער; טאַקע באַפרייט, אָבער מיט א שטיקל עונש. ווינאָגראַדאָוו ווערט באַפרייט גלייך פון געריכט־זאַל, ווי עס פירט זיך מיט אַן אומ־זיסט־פאַרהאַלטענעם, און פאָרט זיך געזעגנען צו זיין אַלטיטשקער. וואָס זאָגט איר דערויף, מיינע הערן?

ניקאָלאַי שפּרינגט אויף פון זיין אָרט:

— חברה, איך זאָג אייך, אַז ער איז א מאַלאַדיעץ, אַט דער סאָלאָמאָן... ביים פאָלקסריכטער גיבן א פינקל די אויגן:

— יאָ, אַלץ איז גוט, נאָר עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז צו לייכט רעדט דער חבר סאָלאָמאָן וועגן קריגן אַזאַ דאָקומענט פון נאַטשאַלניק פון דער קיעווער שטאָט־מיליץ.

שלמה, א שיינענדיקער, שטעלט זיך אויף:

— ע, ברודערקע, דאָס איז שוין מיין זאַך. איר קענט זיין גאַנץ זיכער, אַז איך רעד נישט פון שלאָף.

ניקאָלאַי, אויפגעלייגט, פאַלט אים אַריין אין די רייד:

— וואָס דאַרפסטו לאַנג טענהן? ברענגסטו אַזאַ דאָקומענט, באַקומסטו

באלד ווינאַגראַדאָוון, און איך גלייב בפירוש, אַז דו וועסט אים דווקא יאָ ברענגען, ווייל דו ביסט... אָ, דו ביסט... ווי אַזוי זאָגט מען דאָס? אַ רעכ־טער קאָמבינאַטאָר... אוי־וואַ!... הלואי זאָלסטו מיט לאָמאָוואַצקין צוטראַכטן עפּעס אַזאַ גלאַטס ווי מיט אָט דעם אבאַרט־מאַכער, צי אפשר איז ער נישט קיין אבאָרט־מאַכער, כ׳ווייס? דו מיינסט, אַז מען קען טאַקע דורכ־קריכן אויף דורך און דורך?

— נאָר געדולד, ניקאָלאַי! געדולד און האַלטן קאָפּ, וועסטו זען, אַז מיט לאָמאָוואַצקין וועט זיין פּונקט אַזוי גלאַט ווי מיט ווינאָגראַדאָוון, אַ האָר נישט געמינערט...

אין פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ העלער פרימאָרגן. שלמה האָט אויס־געטרונקען האַלב פון דער קאַלטער גלאָז טיי און האָט אָנגעהויבן:

— ביי לאָמאָוואַצקין אין מאַגאַזין פעלן הונדערט מיט צען טויזנט רובל, הייסט ער אַ גנב פון מלוכהשן פאַרמעגן, און דאַרף באַשולדיקט ווערן לויטן געזעץ פון זיבעטן אויגוסט פון פאַריקן יאָר. ווייטער האָט מען ביי אים געטראָפן צוליב ספעקולאַציע־צוועקן פערצן פעלן לעדער מיטן שטעמפּל פונעם זיבעטן לעדער־זאַוואָד — באַקומט ער דעם אַרטיקל 127 פּאַראַגראַף 1 פאַר פּריוואַטער ספּעקולאַציע, פאַראַגראַף 7 פאַר האַנדלען מיט גנבהשער סחורה און פּאַראַגראַף 16 פאַר מאַכן יד־אחת מיט מלוכה־גנבים.

דער אויספאָרשער האַלט נישט אויס:

— אפשר זענט איר גאָר אַ פאַרשטעלטער יוריסט, זאָגט דעם אמת...

— וואָס פרעגט איר? אַזאַ יוריסט ווי איר אַ גלח, אַקוראַט. נאָר דאָס איז נישט וויכטיק. לאָמיר נשט פאַרלירן אונדזער פּאַדעם... איז, הייסט עס, לאָמאָוואַצקי זינדיק פון קאָפּ ביז די פיס... מען קען אים רעכענען פאַר געשאָסן, איאָ אַזוי?

אַלע קוקן אים גלייך אין די אויגן און קיינער ענטפערט נישט קיין וואָרט.

— איך אָבער, פריינט מיינע טייערע, וועל געבן דער גאַנצער אויס־פאָרשונג גאָר אַן אַנדער ריכטונג. ווי אַזוי זשע וועל איך דאָס מאַכן?

— הערט זיך איין: לאָמאָוואַצקי איז געווען פאַרוואַלטער אין אַ גאַסטראָ־נאָם־מאַגאַזין, ריכטיק? פון די פּאַפּירן זע איך, אַז די הויפּט־קאָנטאָר פון דער דאָזיקער פירמע געפינט זיך אין זשיטאָמיר. איצט פּאַוואָלינקע... ווי וואָלט געווען אַ שטייגער, ווען אָט דער זעלבער לאָמאָוואַצקי זאָל גע־ווען מיט זעקס חדשים פריער, דערנאָך מיט פיר חדשים און מיט צוויי חדשים, און מיט צוויי וואָכן אפילו פאַר דער רעוויזיע מעלדן זיין פאַר־זיצער פון דער פאַרוואַלטונג, אַז ער נעמט פון זיך אַראָפּ די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַרן מאַגאַזין, ווייל ער זעט, אַז מען באַגנבעט אים אויף יעדן טריט און שריט. אַלזאָ בעט ער, איינס פון די ביידע: אָדער מען זאָל אים דערלויבן בייטן דעם שטאָט אַרבעטער אָדער מען זאָל אים באַ־פרייען פון דער אַרבעט...

שלמה בלייבט שטיל אַ רגע, ווייל זען דעם איינדרוק פון זיינע רייד,

אָבער אַלע פּנימער זענען קאַלט און אומבאַוועגלעך ווי וואַקסענע פיגורן. דאַן זעצט ער פאָר:

— איר האָט צעקייעט מיינע רייד? ווי וואָלט געווען, ווען אָט דער זעלבער לאָמאָוואַצקי זאָל געווען אין זיין צייט דערלאַנגען אַ דריי, פיר אַזעלכע אינטענסיווע מעלדונגען אין צוויי עקזעמפּלאַרן און אייך אַצינד ווייזן עטלעכע אונטערגעשריבענע קאָפּיעס פון די מעלדונגען? איז ווי מיינט איר, וואָלט ער נאָך אַלץ געהייסן אַ גנב? אַ מלוכה־פאַרברעכער?

ביים טיש קוקט מען זיך דורך איינער אויפן צווייטן און אַלע צוזאַמען אויף שלמהן. שלמה זעט דעם שטאַרקן איינדרוק פון זיינע אַרגומענטן און רעדט ווייטער:

— מיין פליכט איז אייך צו ברענגען אַזעלכע קאָפּיעס פון זשיטאָמירער קאָנטאָר פון גאַסטראָנאָם, מיט דעם אונטערשריפט פון פאָרזיצער און מיט יענע דאַטעס, אַלץ ווי געהעריק און דאַן איז לאָמאָוואַצקי אויס גנב, דאַן ווערט ער לחלוטין ריינגעוואַשן פון זיין סלאַווטער פאַרברעכן. איצט גייען מיר אַריבער צום קיעווער פאַרברעכן. ווען עס זאָל זיין אמת, אַז ער האָט געהאַט צוגעגרייט אויף צו פאַרקויפן אין מאַרק פערצן פעלן לעדער פון זאַוואָד נומער זיבן, קומט אים דריי מאָל שיסן און ניין מאָל הענגען, אָבער ווער זאָגט עס דען, אַז די פעל איז זיינע? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. ער איז נישט מער ווי אַ שומר־חנם! עס ווערט צונויפגעשטעלט אַן אַקט פון יענעם טאָג, ווען מען האָט זיי געפונען ביי אים, אַז אַן אויטאָ האָט גאָר געפירט אָט די פעלן פון לעדער־זאַוואָד נומער זיבן אין אַרטעל „רויטער שוכוואַרגער", וועלכער געפינט זיך אויף קאָראָלענקאָ־גאַס נומער 39. נישט ווייט פון דעם חבר לאָמאָוואַצקיס שטוב האָט ביי דעם אויטאָ געפּלאַצט אַ קאַמערע און עס איז געוואָרן אוממעגלעך צוצושטעלן די סחורה לויטן אַדרעס, אַלזאָ איז געבעטן געוואָרן דער חבר לאָמאָוואַצקי ער זאָל דערלויבן אַוועקצולייגן ביי זיך אין שטוב די לעדער, ביז דער אויטאָ וועט פאַרריכט ווערן... אויף דעם אַקט וועט זיין געחתמעט דער אַגענט פון אַרטעל „רויטער שוכוואַרגער", דער שאָפער פון דעם אויטאָ, לאָמאָוואַצקי אַליין און דער מיליציאָנער פון דעם נאָענטסטן פּאָסטן. אָט דעם אַקט, פאַרפעסטיקט מיטן רויטן זיגל פון קיעווער אָנפירונג פון דער שטאָט־מיליץ און מיט דעם אונטערשריפט פון נאַטשאַלניק, ברענג איך אייך, צוזאַמען מיט די זשיטאָמירער קאָפּיעס, און איר... און איר האָט אַלע יורידישע רעכט לאָמאָוואַצקין גלייך צו באַפרייען...

דער אויספאָרשער קוקט אויף ניקאָלאַיען, ניקאָלאַי — אויף אים. יעדער פון זיי וויל, אַז דער צווייטער זאָל זיך פריער אָנרופן. אַזוי דויערט אַ היפּשע ווײַלע. שלמה שטעכט זיי ממש דורך מיט זיינע אויגן. ענדלעך רופט זיך אָן דער אויספאָרשער:

— דאַכט זיך, גאַנץ נישקשה. וואָס זאָגסטו, ניקאָלאַי?

— וואָס איז עפּעס נישקשה? אויסגעצייכנט גוט! סאָלאָמאָן, דו ביסט

ממש א כשוף־מאכער, אויב דו וועסט קענען קריגן אַט די אַלע דאָקומענטן, וואָס דו האָסט אויסגערעכנט. נאָר —

— וואָס — נאָר?

— נאָר איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך האַלט דײַנע אַלע רייד פאַר א ביסל פאַנטאַסטישע... עפּעס רעדסטו פון דעם קיעווער נאַטשאַל־ניק פון דער מיליץ, אודאי א מאַיאָר —

— דווקא א פּאָלקאָווניק.

— איז נאָך בעסער... און דו רעדסט פון אים, פּונקט ווי ער זאָל דינען ביי דיר, צי וואָס?

— ניקאָלאַי, וואָס חידושט דאָס דיך אַזוי? אַט דו למשל — דו דינסט דען ביי מיר? — ניין. נאָר דו ווילסט פשוט מיר א טובה טון. פאַר וואָס זשע גלייבסטו נישט דאָס זעלבע אויף אים אויך? א פּראָקוראָר איז דען קלענער פון א נאַטשאַלניק פון דער מיליץ, זאָל זיין אפילו א קיעווער?

ניקאָלאַי, קענטיק הנאה האָבנדיק פון דעם קאָמפּלימענט, ווענדעט זיך צום אויספאָרשער:

— נו, קאָלעגע, וואָס זאָגסטו צו דעם אַלעמען?

— איך פון מיין זייט, אויב דער חבר סאָלאָמאָן וועט ברענגען די צו־געזאָגטע אַקטן מיט די קאָפּיעס, קען איך דעם ענין לאָמאָוואַצקי אַנולירן...

ניקאָלאַי גייט אריין אין ענטוזיאַזם:

— און איך — באַפרייען.

ער נעמט ארום שלמהן:

— זאָל דיר דיין גאָט, וואָס דו עסט צוליב אים נישט ביי קיינעם, העלפן, אַז דו זאָלסט דערגרייכן דעם ציל, וואָס דו שטעלסט זיך. איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז אַזאַ קאָפּ ווי ביי דיר מעג זיך ווינטשן צו האָבן אפילו א נאַרקאָם... נישט אומזיסט האָט זיך מארינקע גאָר נישט געקענט אָנרעדן פון דיר.

שלמה נעמט זיך ארום מיט ניקאָלאַיען, דריקט אַלעמען די הענט מיט גרויס געפיל. ניקאָלאַי שטעלט אים אָפּ:

— נאָר וועגן איין זאַך האָב איך דיך פאַרגעסן צו וואָרענען: דו דאַרפסט דאָס אַלץ צושטעלן ווי נאָר מעגלעך גיכער... דו ווייסט נישט? א מאָל טרעפט זיך, אַז א זאַך ווערט קאַליע פון לאַנג ליגן... דו ביסט דאָך א קלוגער, פאַרשטייסט דאָך, אַז היינט צו טאָג אַן „אויגוסטאָווניק" האַלטן אין שטוב איז ערגער ווי א נבלה... צי אפשר נישט אַזוי?

— ניקאָלאַי, מיך דאַרף מען נישט אונטערטרייבן. איך וואָלט מיטן ערשטן צוג שוין אָפּגעפאָרן קיין קיעוו, נאָר איך וויל מיך זען מיטן פּראָ־פעסאָר און מוז מיך זען מיט לאָמאָוואַצקין. די מעלדונגען קיין זשיטאָמיר מוזן זיין אָנגעשריבן מיט זיין אייגענער האַנט. א זאַך, אַז מען טוט, דאַרף זי געטון ווערן מיט אַלע פּישטשעווקעס.

— צו ווינאָגראַדאָוון וועל איך דיר געבן א דערלויבעניש אויף א זעונג —

שלמה ענדיקט פאַר אים:
— אויף צוויי מענטשן.
— ווער איז דער צווייטער?
— זיין פרוי.
— זאָל זיין אויף צוויי, עס איז מיר אַלץ איינס. אָבער צו לאָמאָ־וואַצקין... אין פּעריאָד פון דער אויספאָרשונג קען מען אין טורמע קיין זעונג נישט דערלויבן... עס פּאַסט נישט... איך וועל דיר אים ברענגען אין דער פּראָקוראַטור, אייך אָפּגעבן אַ צימער און דאָרטן וועסטו זיך מיט אים פאַרנעמען, נאָר —

שלמה, מיט אַ ציטער אין קול:
— וואָס איז ווידער פאַר אַ „נאָר"?

ניקאָלאַיעס שטערן רונצלט זיך. ער רופט אָפּ דעם אויספאָרשער אויף אַ זייט, רעדט מיט אים עפּעס שטיל, דערנאָך רופט ער זיך אָן צו שלמהן:

— דו פאַרשטייסט, סאָלאָמאָן? מען דאַרף, אַז די גאַנצע זאַך זאָל אָפּ־געטון ווערן שטיל, אָן אַ מינדסטן רעש. און דו ביסט אַ ציווילער מענטש, דעריבער איז מיר נישט פּאַסיק דיך צונויפצופירן מיט אַן אַרעסטאַנט. עס וואַרפט זיך אין די אויגן... ווייסט נישט? היינטיקע יאָרן דאַרף מען זיין פאַרזיכטיק. נאָר דערצו איז אויך דאָ אַן עצה. אָט איז ביי אים, — ער ווייזט אָן מיט דער האַנט אויפן אויספאָרשער — איז דאָ אַן אַנצוג פון אַ געפּואיסט, ער האָט פריער געאַרבעט דאָרטן, וועסטו זיך ביי מיר אין קאַ־בינעט איבערטון. ער וועט דווקא זיין אויף דיר אַ ביסל קורצלעך, נאָר ווע־מען גייט עס אָן? דערפאַר אָבער וועט יעדער מיינען, אַז דאָס איז אַ קיע־ווער אויספאָרשער פון געפּעאו, ווייל לאָמאָוואַצקין קען דער גאַנצער פער־סאָנאַל אַלס אַ קיעווער. זאָלסט אויך נישט פאַרגעסן אָנטון די לײדיקע קאָבורע.

— און דו, ניקאָלאַי, פאַרגעס נישט אויסשרייבן לאָמאָוואַצקין אַ דער־לויבעניש צו ברענגען מיט זיך צוריק אין טורמע אַריין אַ פּעקל שפּייז. איך וועל אים דאָס פאַר איין וועגס איבערגעבן.

אין צימער האָט זיך מיט אַ מאָל דערהערט אַ פּליעסק מיט אַ קוויטש צוזאַמען:

— מאַמעלעך מיינע, איר זענט משוגע, צי וואָס?

אויף דער שוועל איז געשטאַנען מאַרינקע, אַ פרישע, אַ שיינע, און האָט געקוקט אויף אַלע אָנגעוועזנדע, מיט נישט פאַרשטייענדיקע אויגן.

— איר האָט זיך גאָרנישט געלייגט? עס איז דאָך שוין האַלבער טאָג.

און ווירקלעך, די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל, קיין שפּור פון נעכטיקן רעגן איז נישט געווען צו באַמערקן. אוקראַאינער הימלען האָבן פּיינט לאַנגע רוגזלעך, ווער שמועסט נאָך זומער־צייט: וואָס געווען — איז געווען. און איצט ווידער חבר, אָפּגעשווענקט, צוגעטרוקנט, שיין, פיין, והיה כלא היה — עורבא פרח...* דער זייגער איז געווען האַלב

---

* אַ קראָ איז פאַרבייגעפלויגן.

ניין. שלמה האָט אויף איין פוס אָפּגעדאַווגט, מען האָט צוזאַמען איבערגע־ביסן און איבערלאָזנדיק שלמהן אַ דערלויבעניש אויף אַ זעונג מיטן פּראָ־פעסאָר, איז ניקאָלאַי מיט זיינע חברים, מיט אַ היפּש פּעקל עסן פאַר שמואליקן, אָפּגעפאָרן קיין סלאַוווטע. שלמה איז שפּעטער צו פוס אַוועק גלייך אין טורמע.

אַזוי האָט געפּאַסט...

קאפיטל XXVII

עס איז נאָך געווען ווייט צו צען, ווען שלמה האָט זיך דערנענטערט צו דער טורמע־קאנצעלאַריע. נאָך פון דער ווייטנס האָט ער באַמערקט די ווייסע, גלאַנצנדיקע קעפּלעך פון דער פּראָפעסאָרשעס טערמאָסן, איר שטאָלצע פיגור און גרויען קאָפּ האָר.

— אַ גוט מאָרגן אייך, טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, ווי פילט איר אייך?

די אַלטיטשקע האָט אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער, נישט פאַר־שטייענדיק, ווער עס קען זי דאָ רופן ביי איר פולן נאָמען.

— אָך, חבר סאָלאָמאָן... נו, זאָגט שוין ווי אַזוי רופט מען אייך ווייטער? מיר זענען דאָך נאָך נישט אויף אַזוי פיל היימיש, אַז איך זאָל אייך רופן פּראָסט סאָלאָמאָן...

— פאַר וואָס עפּעס זענען מיר נאָך נישט אויף אַזוי פיל היימיש? אָט האָט איר דאָך מיך גלייך דערקענט...

— זעט איר, טאַקע אַ חידוש! ערשט נעכטן זיך אַזוי לאַנג געמוטשעט צוזאַמען און שוין נישט דערקענען?

— נו, אָט זאָגט איר דאָך אַליין, אַז מיר זענען שוין גענוג היימיש... מילא בקיצור, דערציילט בעסער, טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, ווי אַזוי האָט איר אָפּגעפּטרט די היינטיקע נאַכט?

— אָך, פרעגט בעסער נישט. איך האָב מיך נאָך קיין מאָל אַזוי נישט געמוטשעט, ווי יענע נאַכט.

— וואָס זשע איז עפּעס היינט געווען ערגער פון אַלע מאָל?

— אַלץ הייסט ערגער... אויפן „קאַלכאָזנע הויף" האָט די סאַניטאַר־אויפזיכט איבער אומריינקייט געמאָלדן אַ קאַראַנטין, האָב איך זיך געמוזט אומקערן אויפן וואָקזאַל און דאָרט איבערזיצן.

— וואָס רעדט איר?

— וואַרט, דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ביז איינס ביי נאַכט איז נאָך גע־ווען צו דערליידן, כאָטש אין דער ליכטיק, נאָר שפּעטער האָט מען אָנגע־הויבן צעטרייבן דעם עולם: „עס איז נישט דערלויבט זיך דאָ צו געפינען און שוין". „קיין שום צוג דאַרף שוין היינטיקע נאַכט מער נישט אָנקומען און נישט אַוועקגיין — צעגייט זיך"... עס האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן, איך האָב געמוזט איבערזיצן די צווייטע האַלבע נאַכט אין סקווער וואָס אַקעגן אָט יענעם ציגל־זאַוואָד, דורך וועלכן מיר זענען נעכטן פאַרבייגע־גאַנגען. און ביי נאַכט איז דאָך געווען אַזאַ משוגענער ווינט! וויפל דעכער האָט ער אָראָפּגעשליידערט?! וואָס איז, איר האָט נישט געהערט?

שלמה פינטלט מיט די אויגן:

— פאַר וואָס האָב איך נישט געהערט?

— נאָר מילא, גענוג צו רעדן דערפון. איך בין שוין געוווינט. אַן אַרעסטאַנטס אַ ווייב מעג זיך וואַלגערן אין דרויסן אויך, ס'איז אַ קליינער

אומגליק. דערציילט מיר בעסער, ווי גייען דאָס אייערע געשעפטן? איר האָט זיך צו עפּעס דערשלאָגן?

— טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, גלייבט מיר, אַז איך ווייס אייך אַפילו נישט, וואָס צו ענטפערן. לעת־עתה קומט מיט מיר.

— וווהין איז דאָס גיין?

— קומט, וואָס האָט איר מורא? איך וועל אייך אין ערגעץ נישט פאַרפירן. גלייבט מיר, ווען איך זאָל אייך קענען אַלץ דערציילן, וואָלט איר מיר נאָכגעלאָפן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער דערווייל גיט גוט אַכטונג, ווייל דאָ וואַלגערן זיך אַזעלכע שטיינער, אַז מען קען אַ פוס צעברעכן.

אין קאָנצעלאַריע האָט שלמה אָן ווערטער דערלאַנגט די דערלויבעניש. יענער האָט דורכגעלייענט, פאַרוואונדערט אויפגעהויבן די אויגן אויף דעם ערנסטן יונגנמאַן און גיפטיק אַ שמייכל געטון:

— נאָך וואָס זשע האָט איר מיך נעכטן געדאַרפט אָפּנאַרן, אַז איר זענט געקומען באַזונדער?

שלמה האָט קאַלט אָפּגעשניטן:

— דאָס איז איצט נישט וויכטיק.

ביים נאַטשאַלניק — וועלכער האָט זיך אַ פּנים געקליבן אַריינצולאָזן מיט דעם באַזוכער אין אַ לאַנגער פּאָלעמיק — האָט זיך פון זיין קורצן ענטפער אַראָפּגעגליטשט דאָס שמייכעלע פון די ליפּן און ער האָט זיך מיט זיין מעטאָדישער גלייכגילטיקייט אַ קער געטון צו זיין מיטהעלפער, אָפּגעבנדיק אים די דערלויבעניש:

— קוק דורך זייערע פּאַספּאָרטן צי עס שטימט און פיר זיי דורך.

ווען מען האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ קליין חדרל מיט גראַטעס אויף די פענצטער און איבערגעלאָזט אַליין, האָט זיך טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ אַ פאַרוואונדערטע ביז גאָר, געווענדעט צו שלמהן:

— חבר סאָלאָמאָן, וואָס טוען מיר דאָ? נאָך וואָס זענען מיר געקומען אהערצו?

— איר וועט דאָ אָפּגעבן אייערע פּעקלעך. איר לייגט זיי דערווייל אוועק אויפן טיש, שרעקט אייך נישט...

— האָב איך דאָך דאָס געקענט טון אין דרויסן צוגלייך מיט יעדן?

— דאָרט איז אַ היפּשע ריי און דאָ וועט מען אונדז נישט לאָזן לאַנג וואַרטן.

— מיין ריי איז געווען זייער אַ נאָענטע. איך בין אין גאַנצן געווען די זעקס און צוואַנציקסטע.

— זעט איר, און דאָ זענט איר די ערשטע. דאָס איז דאָך בעסער.

— אָבער וואָס האָט דאָס גאָר פאַר אַ שייכות צו אייך? ווי אַזוי האָט זיך אייך איינגעגעבן צו קריגן אַ דערלויבעניש? און פון וועמען?

שלמה האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן, ווי אויפן קאָרידאָר האָבן זיך

דערהערט טריט. די טיר האָט אַ סקריפּע געטון און אין דער זעלבער סע־קונדע האָט זיך דערהערט אַן אוממענטשלעך געשריי:

— סע־ריאָ־זשינ־קאַ!... גאָט מיינער!...

דאָס אַלטע פּאַרפּאַלק איז אַרויפגעפאַלן איינער דעם צווייטן אויפן האַלדז און האָט שטאַרק געוויינט. שלמה האָט קוים איינגעהאַלטן די טרערן, אַזוי יאָמערלעך האָט די אַלטע געקלאָגט. ער האָט זיך אויסגע־דרייט מיטן פּנים צום פענצטער, געפּרוווט עפּעס אָנמאַלן מיטן פינגער אויף דער שויב, נאָר פּלוצלינג, ווי אויפוואַכנדיק פון שלאָף, האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט, אַרויסגעכאַפּט אַ ביינגעלע פּאַפּיר פון טאַש, זיך צו־געזעצט צום טיש און גענומען שרייבן. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין דעם צונויפשטעלן די ביטע אין געריכט אַריין, אַז ער האָט גאָרנישט באַ־מערקט, ווי די ווינאָגראַדאָווס האָבן זיך עפּעס געשושקעט וועגן אים, זיך שטילערהייט דערנענטערט צום טיש און נאָכגעשפּירט נאָך זיין שרייבן.

ווען דאָס שרייבן איז געווען געענדיקט און שלמה האָט אויפגעהויבן די אויגן פונעם פּאַפּיר, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָר גרויע, גוטע אויגן. זייער אייגנטימער איז געווען אַ פולבלעכער אַלטיטשקער פון מיטעלן וווקס, אָן אַ באָרד, נאָר מיט האַלבע, גרויע וואָנסן און מיט טונ־קעלע רייפלעך אַרום די אויגן. ער איז געווען פּראָסט געקליידעט, די מלבו־שים גאַנצע, נאָר שטאַרק צעקניימשטע און עס האָט געטראָגן פון זיי מיט דעם שאַרפן ריח פון קאַרבאָל.

שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט פאַר דעם באַרימטן אַל־טיטשקן און דער ערשטער, אים פריינטלעך אויסגעשטרעקט די האַנט:

— נו, ווי לעבט זיך אייך, סערגעי טימאָפיעיעוויטש?

— איר ווייסט אַפילו מיין צווייטן נאָמען?

— איי, וואָס רעדט איר? ווער קען אין קיעוו נישט אייער נאָמען?

די אַלטיטשקע האָט אָנטציקט אַ שמייכל געטון. ווינאָגראַדאָוו האָט נישט אַרויסגעלאָזט שלמהס האַנט פון זיינער. זיינע גערדיכטע ברעמען זע־נען געווען פאַרקיילעכדיקט אַרויף־צו ווי די פראַגע־צייכנס, אין זיינע קינ־דערישע אויגן — אַ פאַרחידושט־פריילעך פייערל. ער האָט אים עקשנות־דיק אָנגעגריפן מיט זיינע פראַגן:

— ווער זענט איר, יונגערמאַן?

שלמה האָט לאַכנדיק געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— איך ווייס ווער איך בין? — אַ מענטש.

— אָבער מיך מיט מיין פרוי האָט איר דאָך ביז איצט נישט געקענט?!

— וואָס פעלט אייך איין, ליבער פּראָפעסאָר? מיט טאַטיאַנאַ מיכאַי־לאָוונען זענען מיר שוין פון לאַנג באַפריינדעט...

— אַזוי גאָר! וויפל הייסט ביי אייך: „פון לאַנג“?

— שוין באַלד אַ מעת־לעת.

— דאָס אין גאַנצן? און פאַר וואָס האָט איר דאָס מיר געטון אָט די טובה מיט דער באַגעגעניש?

— הם... פאַר וואָס זאָל איך עס אייך נישט געוועזן טון? איך האָב גע־האַט אַ מעגלעכקייט, האָב איך עס געטון. עס איז דען ווייניק אָנגענעמס צו זען אייער ביידנס גליק, זיך צו באַגעגענען נאָך אַזאַ צייט?

— אָבער מיר זענען דאָך אייך לחלוטין פרעמדע?

— נו, איז וואָס זשע? ווערט איר דען דערמיט אַ ווייניקער בכבודי־קער, באַוווּסטער און באַליבטער פּראָפעסאָר?

— ווי רופט מען אייך, ליבער יונגערמאַן?

אין דעם אַלטיטשקנס קול האָבן זיך געפילט טרערן.

— מן־הסתם האָט דאָך אייך אייער פרוי שוין געזאָגט, מיך רופט מען סאָלאָמאָן.

— און ווייטער ווי אַזוי?

— ווייטער ווי אַזוי? וואָס וועט דאָס אייך געבן? מיין נאָמען האָט איר קיין מאָל נישט געהערט און זיכער וועט אייך אויך נישט אויסקומען אים צו הערן. מיר לעבן אין גאַנץ פאַרשידענע געזעלשאַפטן.

— אָבער —

— אַנטשולדיקט, פּראָפעסאָר, עס איז אודאי זייער נישט העפלעך פון מיין זייט איבערצושלאָגן די רייד פון אַן עלטערן מענטשן, נאָר איר מוזט מיר מוחל זיין, ווייל אונדז זענען נאָך אין גאַנצן געבליבן געציילטע מינוטן צייט. טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, קוקט זיך גוט איין אין אייער מאַן ווי ער זעט אויס פון דער זייט גראַטעס, ווייל מער וועט איר אים שוין דאָ נישט זען. איך האָף, אַז העכסטנס אין אַ וואָך אַרום וועל איך אים אייך ברענגען גלייך צו דער פּאַראַדנע.

ביידע האָבן אַזש אַ שפּרונג געטון אויף שלמהן ווי די הענער, נאָר שלמה האָט זיי אָפּגעשטעלט מיט ביידע הענט:

— געשעצטע הערן און דאַמען, מיר האָבן שוין נישט אפילו קיין צען מינוט. סערגעי טימאָפּיעיעוויטש, זעצט אייך. אָט דאָ און שרייבט איבער מיט אייער האַנטשריפט אָט דעם טעקסט, וואָס איך האָב דאָ אָנגעוואָרפן.

אריינלייגנדיק ווינאָגראַדאָווס ביטע אין טאַשנביכל, האָט שלמה פריינט־לעך אים געטרייסלט די האַנט:

— ביזן צווייטן געריכט וועל איך זיך נאָך זען מיט אייך. איך וועל דורכרעפּעטירן מיט אייך די ראָל, ווי אַזוי איר דאַרפט זיך האַלטן אויפן געריכט. גיכער פון אַלץ וועל איך אייך ברענגען צו זיך אין דער פּראָקור־ראַטור. נאָר איר קענט אייך שוין רעכענען צוריק פאַר אַ קיעווער תושב... טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, וווהין האָט סערגעי טימאָפּיעיעוויטש בעסער ליב צו גיין, אין אָפּערע צי אין דראַמע? איר מעגט באַשטעלן בילעטן און דורכלופטערן די אַנצוגן און ברענגען אין אָרדענונג זיין קאַבינעט... מיט איין וואָרט: עלעהיי ער איז שוין אין וועג.

די פּראָפעסאָרשע האָט אַן לשון אַרומגעכאַפּט שלמהס קאָפּ, נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט זיך באַוויזן דער וועכטער און געמאָלדן, אַז די זעונג איז געענדיקט. עס איז געווען אַ רירנדיקע סצענע צו זען, ווי דאָס

פֿאָרפֿאָלק האָט זיך צעשיידט. מאַן און ווייב האָבן זיך צונעפּרעסט איינער צום צווייטן אַזוי ווי אַ יונג פֿאָרל ערשט נאָך דער חופּה, זיך געקושט צו צוויי מאָל אין יעדער באַק, אויפֿן אַלט־רוסישן שטייגער, און דער וועכטער האָט אָפּגעפּירט דעם פּראָפּעסאָר אין קאַמער אַריין.

אויפֿן שיידוועג, ווו עס צעגייען זיך די וועגן אויפֿן וואָקזאַל און אין דער פּראָקוראַטור, האָט זיך שלמה וואַרעם געזעגנט מיט דער שטום־ווייגענדיקער פֿרוי און זיי זענען זיך צעגאַנגען, יעדער אין זיין ריכטונג.

קאפיטל XXVIII

עלף א זייגער איז אין דעם צווייטן הויז פון דער פּראָקוראַטור, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס געריכט, דער נאָטאַריאַט, דער אויספאָרש־אַפּאַראַט, דער אַדוואָקאַטן־קאָלעקטיוו, און נאָך אַנדערע יורידישע אַנשטאַלטן, — אַריינגעגאַנגען אַ קאַפּיטאַן פון געפּעאו. ער האָט אויפגעשלאָסן די לעצטע טיר וואָס געפינט זיך אויפן קאָרידאָר און איז אַריינגעקומען אין אַ קאַבי־נעט. ער האָט אַלץ באַטראַכט ווי ער זאָל דאָ זיין צום ערשטן מאָל, און האָט באַמערקט פון הינטערן שפּיגל אַרויסשטעקן אַ פאַרשטויבטן זשורנאַל: „אָגאָניאָק". ער האָט גענומען דעם זשורנאַל, געכאַפּט אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל און האָט נייגעריק באַטראַכט דעם שוואַרץ־אויגיקן אָפּיצער. דאָס רויט־גרינע היטל האָט זיך חנעוודיק אָפּגעשפּיגלט אויף זיינע בלאַסע באַקן. דער שטייענדיקער קאָלנער פון דעם „פרענטש" האָט איינגעשלונגען דעם גאַנצן האַלדז. בכלל איז דער אַנצוג געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן. די שטיוול האָבן אים נאָך געמאַכט אַ ביסל העכער. דער ברייטער גלאַנצנ־דיקער פּאַס מיט דער מעשענער פּריאַזשקע מיט דער קאָבורע ביי דער זייט האָבן אים צוגעגעבן אַ העלדישן און אַן ערנסטן אויסזען. ער האָט זיך אַוועקגע־זעצט אויבן־אָן ביים טיש אויף דער ווייכער שטול, און האָט גענומען דורכקוקן די בילדער פון זשורנאַל. פון צייט צו צייט האָט ער נערוועז אַ קוק געטון אויפן זייגער און אין פענצטער, ווידער אַ מאָל געקוקט אין זשורנאַל און נאָך אַ מאָל אין פענצטער.

ענדלעך האָט זיך דערהערט אין דער טיר אַ פאַרזיכטיקער קלאַפּ.

א שטרענגער באַס האָט אַ געשריי געטון:

— אַריין.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ זעלנער מיט בלויע בענדלעך.

— חבר קאַפּיטאַן, דער אַרעסטאַנט לאַמאַוואַצקי איז געבראַכט גע־וואָרן. איר וועט דערלויבן אים אַריינצופירן?

— פירט אים אַריין און וואַרט אויס אויפן הויף ביז איך וועל אייך רופן.

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. דער אַרעסטאַנט איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל ווי איינגעגראָבן און דער אויספאָרשער האָט אים אַלץ באַטראַכט דורכן שפּאַלט וואָס ער האָט זיך געמאַכט אין זשורנאַל.

יאָ... דאָס איז געווען שמואליק מאיר דעם באַנדערס, שמואליק לאַמאַ־וואַצקי! נאָר אַנשטאָט די שטענדיק בליענדיקע בעקעלעך איז איצט גע־האַנגען אַ טויטע מאַסקע אויף זיין פּנים. די אויגן האָט מען נישט גע־קענט זען, ער האָט זיי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט. די נאָז איז עפּעס געוואָרן ווי אויסגעצויגן, די ליפּן — בלאָ, די אויערן, געל און גלאַנצנדיק ווי פון צעלולאָיד. די הענט האָבן נאָכגעהאַנגען ווי צוויי אויסגעבויגענע רינוועס פון אַן אָפּגעברענטן דאַך... אַלץ וואָס אויף אים, איז געווען צעקנייטשט, קוייטיק און האָט לעפּיש נאָכגעהאַנגען ווי אויף אַ בר־מינן.

עטלעכע מינוט האט זיך געצויגן דעם ארעסטאנטס פיינלעכע ווארטן און יענעמס באטראכטן אים פון הינטערן זשורנאל. און פלוצלינג האט זיך דערהערט אין צימער אזא באקאנטע, אזא הארציקע שטימע:

— שלום עליכם, פעטער שמואליק! וואס מאכט איר עפעס גוטס?

דער ארעסטאנט איז מיט אלע אברים אויפגעציטערט געווארן. ער האט שנעל א קוק געטון אויפן געפּואיסט און אומבאהאלפן גענומען נישטערן מיט די אויגן אין אלע ווינקלען. ער האט נישט געקענט פארשטיין, פון וואנען גייט דאס אזא ביז גאר היימיש און ליב קול. נישט געפינענדיק קיין פארדעכטיקן ווינקל, וווּ עמעצער וואלט זיך געקענט האבן באהאלטן, האט ער זיך ווידער אנגעטראפן אויף דעם אויספארשערס פיגור. יענער איז געשטאנען אנגעשפארט מיט ביידע הענט אין טיש און האט אזוי ווארעם געקוקט, אז נישט ווילנדיק זענען שמואליקס אויגן ווי צוגעשמידט געווארן צו יענעמס פנים. א רגע האט געדויערט דער אויגן־פארמעסט, און ווען שמואליקס אויגן האבן זיך דערשטוינטע אנגעצונדן, און זיין גאנצער ארגאניזם האט זיך געקליבן ארויסצולאזן אן אויסגעשריי, האט דער געפּואיסט צוגעלייגט א פינגער צום מויל. ער איז ארויסגעגאנגען פון הינטערן טיש, איבערגעדרייט דעם שליסל אין שלאס און איינשליסנדיק דעם ארעסטאנט אין זיינע ארעמס, אים א קוש געטון. יענער איז געשטאנען ווי געליימט, נישט געקענט ארויסברענגען קיין איין ווארט. דער קאפּיטאן האט אים צוגעפירט צום טיש און אוועקגעזעצט אויף א בענקל. יענער איז אבער גלייך אויפגעשפרונגען:

— שלמה, וואס באטייט אט דער גאנצער מאסקאראד?

— עס באטייט, אז עס גייט צו גוטן.

— זאג, רעד, דערבארעם זיך.

— עס באטייט, זאג איך, אז עס איז דא א גרויסע האפענונג צו גאט, אז עס וועט זיין פיל בעסער, ווי עס וואלט געדארפט זיין בדרך הטבע.

— אבער ווי אזוי האט זיך דיר איינגעגעבן?...

— דאס איז א לאנגע מעשה און איצט נישט קיין נייטיקע... איר דערציילט מיר בעסער, ווי אזוי פילט איר זיך? זיך גוט אויסגעהונגערט?

— וועמען קריכט שוין אין קאפּ אריין עסן? דו ווייסט דען, וואס מיך דערוואַרט דא?

שלמה גיט טאמעוואטע א שמייכל:

— פון וואנען זאל איך וויסן?

— זאלסטו טאקע אזוי איבערגעבן יאנין, — דבורהן דארף מען דאס נישט זאגן, דיה לצרה בשעתה, — אז מיין נאמען מעג מען אויסמעקן, אז עס איז „עליו השלום”. מענטשן מיט פיל קלענערע פארברעכנס ווי מיינע, נעמט מען אויף צעשיסן... אנומלטן האט מען פון דער דריטער קאמער גענומען פיר מענטשן —

— אט די אלע מעשות, שמואליק, דארפן אייך נישט אינטערעסירן. איך האף, אז אייך וועט מען נישט שיסן...

— וואָס.זשע, עס איז דען דאָ אַ האָפענונג, אַז מען זאָל מיר איבער־בייטן דעם אַרטיקל? אַז איך זאָל נישט אַרונטערפאַלן אונטער דעם אויגוסטישן געזעץ?

— איך האָב גרויסע האָפענונגען.

— אויף וועלכן אַרטיקל איבערבייטן? אויף 54/7? צי אויף 97/3? היינט פאַר דער לעדער אַליין קומט דאָך מיר 127 און 175/11... נאָר אודאי איז אַלץ בעסער פון דעם געזעץ פון זיבעטן אויגוסט...

— איר זענט דאָ, זע איך, אַ גאַנצער יוריסט געוואָרן, שמואליק...

— די נויטן לערנען אויס... הלואי וואָלט איך מיר בעסער געווען ביידע פיס צעבראָכן איידער —

— נאָך וואָס שעלט איר.זיך? איר זענט דאָך אַ טאַטע פון קליינע קינדער...

שמואליקס אויסגעדבערט פנים ווערט נאָך פינצטערער. מיט אַ טיפן יאוש גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אַך, דערמאָן מיר נישט מיינע קליינע קינדער... זיי זענען שוין נישט מיינע און איך בין שוין נישט זייערער. איך ווענד אָן אַלע מיינע כוחות, כדי צו פאַרגעסן, אַז ערגעץ געפונען זיך אַזעלכע נפשות... בעסער לאָמיר נישט אויפרודערן די וווּנדן... יאָ, זאָג זשע מיר, ווי אַזוי ביסטו פון דעסט וועגן געקומען צו אַ ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן געפּעאו? איך בין נאָך אַלץ נישט זיכער, אַז איך זע דאָס נישט אין חלום...

— גלייבט מיר, איך אַליין געפין זיך אויך ווי אין חלום, אָבער די האָפענונגען וואָס איך האָב אייך צו פאַרגרינגערן, זענען נישט קיין חלומות... צו גאָט אַ האָפענונג.

— איז לויט וועלכן אַרטיקל, קלערסטו פון דעסט וועגן, זאָל מען קענען קוואַליפיצירן מיינע פאַרברעכנס?

— נישט אויף קיין אַרטיקל, אויף עפּעס אַנדערש גאָר וויל איך זיי איבערבייטן.

— בייטן אויף עפּעס אַנדערש? איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט...

— איך האָף איבערצובייטן אַלע אייערע אַרטיקלען אויף איין בילעט אין צוג אַריין.

שמואליק שטייט געפּלעפט, די אויגן אויסגעגלאָצט, דאָס מויל אָפן.

— נו, וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט? אויב דער וואָס איבער אונדז וועט מיר בייהילפיק זיין, וועל איך זוכה זיין ביז אַ וואָך אייך צושטעלן צו אייער ווייב און קינדער...

איבער שמואליקס געזיכט טראָגט זיך דורך אַ כוואַליע פון פאַרדרוס:

— שלמה, פאַר וואָס ביסטו אַזאַ אכזר, און רעדסט צו אַ פאַרטיקן בר־מינן אַזעלכע שרעקלעכע רייד? איך וואָלט שוין מיט אַ טאַנץ זיך אונטערגעשריבן אויף צען יאָר וויטן צפון און דאָ רעדסטו מיר פון ווייב און קינדער...

— עס האָט נישט איינס מיטן אַנדערן... איר מעגט איינגיין אויף צען

יאָר און איר זענט זייער גערעכט, עס וואָלט נאָך געווען אַ מציאה־גדולה. איך ווידער בין נישט מסכים אפילו אויף צען טעג און בין אויך, גלייבט מיר, גערעכט...

— שלמה, עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן, נאָר אויסהערנדיק דיך... אָבער איך קען דאָך דיך פֿאַר אַן ערנסטן און אַ קלוגן מענטש, ווייס איך שוין נישט וואָס צו קלערן. אַלנפֿאַלס, אויב דו גייסט זיך פֿאַרנעמען מיט מיין ענין, מוז איך דיך דאָך באַקענען מיט אַלע איינצלהייטן...

— ווער זאָגט דאָס אייך? איר דאַרפֿט מיך מיט גאָרנישט באַקענען. איך ווייס אַלץ בעסער פֿון אייך.

— ווי אַזוי קען דאָס זיין?

— גאַנץ פּשוט. נעכטן האָב איך אַ האַלבע נאַכט געלערנט אייער ענין און געדענק אים כמעט אויף אויסנווייניק... נאָר מילא, זאָל זיין בנוגע דעם. פֿאַר וואָס פֿרעגט איר זיך נישט נאָך אויף אַ גרוס פֿון אייער ווייב און קינדער, פֿון אייער שוועסטער?

ביי שמואליקן שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. ער ענטפֿערט מיט אַ פֿאַרדומפּענער שטימע:

— אמת טאַקע, פֿון זינט מיר רעדן, איך זאָל דאָס אפילו אַ פֿרעג טון, וואָס מאַכן זיי?

— דאָס איז דערפֿאַר, ווייל איר זענט אַצינד בילעכער פֿון אַלע...

— וואָס זשע מאַכן זיי טאַקע, מיינע טייערע?

— די קינדער האָב איך נישט געזען, נאָר דבורהן האָב איך געזען אייערגעכטן אויף דער נאַכט. זי איז געווען ביי אונדז אין שטוב.

— ווי קומט זי גאָר צו אייך?

— זי מיט יאַנין זענען צוגעפֿאָרן אויף סאַלאָמינקע פֿועלן ביי מיין טאַטן, אַז ער זאָל מיך שיקן קיין סלאַוווטע...

— ווי קומען זיי טאַקע פֿאַלן אויף אַזאַ שכל און שיקן גאָר דיך?

— קיין שום שכל איז דערביי נישט געווען. פּשוט די השגחה האָט אַזוי געפֿירט... איך אַליין האָב אויך נישט געוווסט, אַז אליהו הנביא וואַרט אויף מיר דאָ. עס איז אַ וווּנדערלעכע מעשה מיט וווּנדערלעכע צופֿאַלן...

— גיב זיי איבער אַלע דאָרט, אַז —

— קיין זאַך וועל איך זיי נישט קענען איבערגעבן...

— פֿאַר וואָס? דו פֿאָרסט דען נישט פֿון דאַנען אַהיים?

— אדרבה, איך האָב איצט ערגעץ אַנדערש נישט וווהין צו פֿאָרן, נאָר קיין קיעוו. פֿון דאָרט דאַרף קומען אייער ישועה. נאָר בנוגע דעם, וואָס איר האָט עפּעס געוואָלט איבערגעבן, קען איך דאָס אייך נישט טון, ווייל איך וועל אודאי קיינעם פֿון זיי נישט זען.

— פֿאַר וואָס עפּעס?

— גיכער פֿון אַלץ וועל איך ביי זיך אין דער היים אויך נישט זיין, ווייל... איר פֿרעגט, פֿאַר וואָס? ווייל כ'האָב זיי גאָרנישט וואָס צו ענטפֿערן, נישט די פּיאַטיגאָרסקים, נישט די טולטשינסקים, נישט די לאָמאַ־

וואָקעס. ביז אַלץ וועט נישט גוט ווערן, ווייל איך קיינעם פון זיי נישט באַגעגענען. איך וויל, אַז גאָט זאָל מיר העלפן איך זאָל זוכה זיין קומען צו זיי צוזאַמען מיט אייך...

שמואליק גייט צו צו שלמהן אַ בלייכער מיט פיבערנדיקע אויגן, נעמט אים ביי דער האַנט:

— שלמה, נאָך וואָס רעדסטו וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס דו אַליין גלייבסט אין זיי נישט? דו פאַרשטייסט דען נישט אַזוי גוט ווי איך אַליין, אַז אין גאַנצן באַפרייען מיך איז גאַרנישט אין קיין מענטשלעכן כח?

— איי, שמואליק, שמואליק, איר דערציילט מיר וועגן דער געפאַר, וואָס אייך דראָט? גלייבט מיר, איך קען זי בעסער פון אייך און טראַכט אפילו נישט, אַז אַ מענטשלעכער כח קען אייך באַפרייען, אָבער עס איז דאָך דאָ עפּעס העכערס פון מענטשלעכן כח — דער געטלעכער כח! דער דאָזיקער כח קען אַלץ...

— אָבער ווי אַזוי זשע? ווי אַזוי? מיין קאָפּ באַנעמט עס נישט...

— ווי אַזוי דאָס דאַרף געשען, דאָס איז שוין נישט אייער זאַך. אייער זאַך איז בעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל מיר געבן חן אין די אויגן פון די מענטשן, וועלכע דאַרפן מיר צוהעלפן אין אייער זאַך. אָט נאַט אייך אַ תהילימל, איר דאַרפט דאָס אָנהייבן און ענדיקן יעדן טאָג, נאָר אַזוי — מיט געפיל, מיט געבעט, מיט אַ צעבראָכן האַרץ, ווי צו אייער לאַנגע פאַסט. און אָט וועט איר אומיסטן זען, אַז גאָט וועט העלפן און איר וועט נאָך זיין אַ גרויסער מחותן אויף מיין חתונה.

שמואליק נעמט דאָס תהילימל, דריקט עס צום האַרצן, קושט עס מיט טרערן. דערנאָך פרעגט ער:

— וואָס, עס איז נאָך אַלץ נישט געווען ביי אייך די חתונה?

— נאָך נישט.

— פאַר וואָס זשע?

— מיר וואַרטן איבער די עקזאַמענס.

— ווייס איך, עס איז אַ נאַרישקייט פון אייך. אויף מיין וואָרט, אַ נאַרישקייט! אַ יונג, גליקלעך פּאָרל זאָל גאָר אָפּלייגן זייער לעבנס־תכלית צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן ווי עקזאַמענס. אויף דיר וואָלט איך מיך נישט געריכט אַזאַ זאַך...

— מילא, איין נאַרישקייט טוט אַ מענטש אין זיין לעבן?

— און וויפל איז נאָך געבליבן ביז די עקזאַמענס, הייסט עס?

— איך ווייס? מסתמא אַ פּאָר וואָכן.

— איז האָפּסטו, אַז איך זאָל נאָך זיין אויף דיין חתונה?

— און דערצו נאָך זיין איינער פון די פריילעכסטע מחותנים...

— אַך, רבונו של עולם!... וואָס וויל פון מיר אָט דער שלמה? כ'האָב אפילו מורא צו זאָגן „פון דיין מויל אין גאָטס אויערן”, אַזוי אומגלויבלעך זענען פאַר מיר דיינע רייד. נאָר איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: איך בין

שוין אין גאַנצן אָראָפּגעשלאָגן פֿון די פּאַנטעלעגעס *. אַז דו האָסט גע־קענט פֿלוצלינג מגולגל ווערן אין אַ קאַפּיטאַן, קען מען שוין פֿון דיר אַלץ דערוואַרטן...

— נישט פֿון מיר... נישט פֿון מיר, נאָר פֿון דעם אבי־יתומים ודיין־אלמנות...

שלמה כאַפּט אַ קוק אויפֿן זייגער און זאָגט:

— נו, שמואליק, עס איז צוואַנציק מינוט נאָך צוועלף. אין אַ שעה אַרום גייט אָפּ מיין צוג נאָך קיעוו. געזעגענען מיר זיך, הייסט עס... איך האָב אַפֿילו פֿריער געקלערט, אַז איר זאָלט מיר דאָ אויף יעדן פֿאַל אָנ־שרייבן אייניקע פּאַפּירלעך —

— נו־נו, פֿאַר וואָס זשע נישט?

— ניין, איך האָב איבערגעקלערט. עס איז נאָך אַ ביסל צו פֿרי, איך ווייס נאָך גאָרנישט, ווי, וואָס און ווען. זאָל שוין נאָר האַלטן דערביי וועט אין דעם קיין מניעה נישט זיין... געדענקט זשע, שמואליק, אַז אויף אייער תהילים־זאָגן און אויף מיין נסיעה שטייט איצט די גאַנצע וועלט. אין סלאַוווטע האָבן מיט אוועלכע הונדערט יאָר צוריק געוווינט הייליקע צדיקים, בעט ביי זיי, אַז זיי זאָלן זיך מיען ביים כסא־הכבוד פֿאַר מיר און פֿאַר מיין אונטערנעמונג.

— שלמה, דו דאַרפֿסט מיך נישט צורעדן, ס'איז מיר גענוג פֿאַרבי־טערט דאָס הארץ... כ'האָב נאָך קיין מאָל אַזוי קיין תהילים נישט געזאָגט ווי איך וועל איצט זאָגן, ס'זאָל כאָטש נאָר פּועל זיין... יאָ, זאָג מיר, אויב דו האָסט נאָך אַ שעה צייט, קענסטו דאָך נאָך זיין מיט מיר אַ ביסל.

— ניין, איך דאַרף מיך נאָך איבערטון און איבערשמועסן מיט עמעצן, שמואליק, דער וועכטער וועט אייך אַרויסטראָגן פֿון דער פּראָקוראַטור אַ פּעקל עסן מיט אַ דערלויבעניש אויף דורכטראָגן עס אין טורמע אַריין. דאָרט האָט איר: חלות, אייער, פּוטער, הערינג, פּרוכטן און ציבעלעס מיט קנאָבל קענגן צינגאַ. אַנטשולדיקט מיר, איך האָב ביז געהאַט אייך מיטנעמען אויך פֿליישוואַרג, גריוון מיט שמאַלץ, נאָר איך האָב נישט גע־וואָלט, אַז איר זאָלט עסן טריפֿות פֿון מיין האַנט. עס קען אפשר זיין, אַז אַלס אַרעסטאַנט איז דאָס נישט אַזאַ געפֿערלעכע עבירה, צי פֿאַרקערט אַפֿילו גאָר אַ חיוב, אָבער ביי מיר אין די אויגן זענט איר שוין גאָר אַ האַלבער אַרעסטאַנט, מיט איין פֿוס זענט איר שוין פֿון דער זייט. בלייבט זשע מיר געזונט און גאָט זאָל אונדז העלפֿן. איך זאָג אונדז, וויל מיין גאַנץ לעבן איז אַצינד אָפּגעגעבן נאָר אויף צו דערגרייכן אייער באַ־פֿרייאונג.

— אַך, שלמה, אַ מלאך קען זיך דען פֿאַרגלייכן צו דיין גוט הארץ?

שלמה מאַכט זיך נישט הערנדיק און רעדט וויטער:

— אייך דאַרף גאָט העלפֿן אין זכות פֿון אייערע קליינע קינדערלעך.

---

* געמיינט: אַראָפּגעשטויסן פֿון גלייכן געדאַנק.

זייער טייערע קינדערלעך. נו, לאָמיר זיך צעקושן און איך שיק אייך אָפּ.

זיי האָבן זיך פעסט ארומגענומען און זיך היים צעקושט. שמואליק האָט וואַרגנדיק זיך מיט טרערן היים אַרויסגעשעפּטשעט:

— דיר פרווון דאַנקען האַלט איך פאַר אַ זינד, נאָר פאָלין גיב איבער, אַז דאָס, וואָס איר חתן לייגט זיך אַזוי אַוועק פאַר מיין לעבן און פאַר מיינע פּיצלעך קינדערלעך, וועל איך איר אייביק נישט פאַרגעסן. גאָט וועט אייך צאָלן דערפאַר אין אייער נייעם לעבן, וווהין איר וועט זיך אַ קער טון...

שלמהן האָבן אויך געוואָרגן טרערן, נאָר ער האָט זיך געמאַכט האַרט און געשעפּטלעך געזאָגט:

— אויך זי וועל איך נישט זען, ביז איר וועט ווידער פריי נישט זיין. נו, שמואליק, זייט מונטער און פאַרלירט נישט די האָפענונג. אַצינד מאַכט אָקאָרשט אַן אומעטיק פּנים, ווייל פון יענער זייט טיר זענט איר פאַרלוי־פיק צוריק אַן אומגליקלעכער אויגוסטאָוויניק, און איך — קאַפּיטאַן פון דער געפּעאו. נידעריקער דעם קאָפּ! נאָך נידעריקער! די אויגן... די אויגן — לעשט אוים!... מאַכט אַן אומגליקלעך פּנים, ווי אַלע ציין זאָלן אייך ווי טון... די הענט נעמט אַרוים פון די קעשענעס, פון וועמען גייט איר דאָס? דאָס היטל אין די הענט!... אָט אַזוי איז גוט... נישט געפאַלן ביי זיך, גוטער ברודער, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט!...

שלמה איז אַרויסגעגאַנגען אויפן קאָרידאָר, קיינעם דאָרט נישט גע־טראָפן, איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און האָט געהייסן דעם די־זשורנע וועכטער אַריינשיקן אים דעם קאָנוואָי. אַליין האָט ער זיך אומ־געקערט און אַ כמורער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט ביים טיש. מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און עס איז אַריינגעקומען דער זעלבער זעלנער, וואָס האָט פריער אַריינגעפירט שמואליקן.

שלמה האָט מיט פאַראַכטונג אים אַ זאָג געטון:

— רוימט אויף אָט דאָס אומריינקייט פון מיין קאַבינעט...

און ווען יענער האָט שוין געוואָלט צומאַכן הינטער זיך די טיר, האָט אים שלמה מיט אַ ווונק אָפּגעשטעלט:

— אין דער פּראָקוראַטור האָט זיין פרוי איבערגעלאָזט פאַר אים אַ פּעקל עסן, נעמט עס אים מיט. אַ דערלויבעניש אויף עס דורכצוטראָגן, וועט אייך דער פּראָקוראָר געבן. זאָל אָט דער טיפּ נאָך אָנפרעסן זיך מיט היימישער שפּייז איין מאָל פאַרן טויט... איר קענט גיין!

אין אַ שעה אַרום האָט שלמה פאַרלוירן די סלאַוווטער גערטנער פון די אויגן.

ענדע פון ערשטן טייל.

צווייטער טייל

קאפיטל XXIX

גאָלד, גאָלד און גאָלד... פליסיק, צאַפּלדיק גאָלד אָן אַ ברעג...

דער באַשעפער, וואָס האָט אַ מאָל אין אַ שעת־רצון מגלה־סוד געווען פאַר זיינע מקורבים: „לי הזהב", האָט אין יענעם שפּעטן פאַרנאַכט גע־מאַכט דערפון אויס סוד און אויסגעשאָטן זיינע אוצרות אויף דער הוילער ערד. דער הימל האָט געזאָגט:

— כאַפּט, מענטשעלעך, זייט זוכה מן ההפקר און זאָל אייך וויל באַ־קומען. איך מאָן ביי אייך פאַר דעם גאָרנישט. איך וויל נאָר, אַז איר זאָלט כאָטש זיין די רעכטע מבינים אויף אַזאַ וותרנות...

האַלב־פאַרגעלטע דעמבענע וועלדער, גראָ געוואָרענע בעריאָזע־מאַסיוון, טרעפּלדיק־אַרומגעשווירענע תבואה־פעלדער, בערג און טאָלן, טייכלעך און מידע דערפלעך, אַלץ, אַלץ איז געווען איינגעטונקען פון קאָפּ ביז די פיס אין בלענדנדיקן גינגאָלד. אַלץ איז געווען דורכגענומען און דורכגעשוויי־קען מיט דער שפּעדיקער זונשיין.

דער שנעלצוג שעפּעטאָווקע־באַקו האָט פרעסעריש געשלונגען די וויאָרסטן און פאַרכלינענדיק זיך, האָט ער געשפּיגן מיט שווערע קאַנאָטן רויך. די טעלעגראַף־סלופּעס זענען אין שרעק אָפּגעשפּרונגען פונעם פלאַכן אָנשיט און האָבן געמאַכט אַ וועג פאַר אָט דעם צעווילדעוועטן, גרינעם שלאַנג מיט די גלעזערנע אויגן, וואָס ברענען אַזוי העליש אין די שקיעה־פייערן. די לאַנדשאַפט האָט זיך נאָר אויף קורצע רגעים אַנטפּלעקט מיט איר גאַנצער אומענדלעכקייט. אַקעגן האָבן זיך אַלץ געיאָגט סאָסנאָווע וועלדער, נאַקעטע פעלדער, באַגאָסענע מיט זון, אַרומגעפּליקטע באַשטאַ־נעס און הארבסטיקע, צום צווייטן מאָל געזייטע לאַנקעס מיט גרינעם היי.

ביסלעכוויז, כמעט אומבאַמערקט, האָט זיך די פייערלעכע אילומינאַ־ציע אָנגעהויבן אויסצולעשן. איבער די גלייכע שטחים און איבער די האַרביקע בערגרוקנס האָבן אָנגעהויבן אַרומקריכן אָפּטע שאָטן־בלימעלעך, זיך אויסציען, גרעבער ווערן און ווי די בית־הקברות־שמשים איינהילן דעם גאַנצן רחבות אין שוואַרצן. אין איין הרף־עין איז טונקל געוואָרן. דער בין־השמשות האָט געצאַנקען ווי אַ ליכט. דער טאָג האָט זיך געעקט.

שלמה איז ווי אַ צוגעשמידטער געשטאַנען אויפן טאַמבור, דעם מאַנטל אויפן אַקסל, די תפילין אין קעשענע. מער האָט ער ביי זיך גאָרנישט גע־האַט, נאָר זיין האַרץ איז געווען פול מיט האָפענונגען, זיינע ליפּן האָבן אומאויפהערלעך געשעפּטשעט:

— קדושים פון סלאַוווטע, געשמיסענע שפּיראַס, טוט תפילה פאַר מיר!... בעט ביי מיין הייליקן זיידן, דעם בעל־שם־טוב, אַז ער זאָל פועלן ביי גאָט אַ ישועה פאַר מיינע צוויי אַרעסטאַנטן. איינער איז אַ פאָטער פון קליינע קינדער. און דער צווייטער? — מיטן צווייטן איז אַ קידוש־השם... זאָלן זיי וויסן, די אומות־העולם, אויף וואָס אַ ייד איז פעאיק...

אַרום צען אין אָונט, ווען שלמה איז אַרויסגעגאַנגען פון קיעווער וואָקזאַל, האָט אים מיט אַ מאָל דערזען זייער שכן אַברהם שאַרפּשטיין.

יענער איז האַסטיק צוגעלאָפן צו אים, האָט אים אַריינגעשטעקט אַ „שלום עליכם" און אויף גיך געזאָגט:

— און איך האָב דיך היינט אַזוי געזוכט, שלמה, האָט מען מיר ביי אייך אין שטוב געזאָגט, אַז דו ביסט גאָר אַפּגעפאָרן אויף עטלעכע טעג... הייסט עס, ביסטו שוין געקומען?

— הייסט עס, בין איך שוין געקומען...

— הערסט דאָך, וואָס פאַר אַ מעשה. עס איז דאָ אַזאַ געשעפט —

— ר' אברהם, נישט דאָ און נישט איצט. אין דער היים, אַז איך וועל קומען...

נישט ענטפערנדיק מער אפילו אויף איין פראַגע, איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף אַן אָנגעפּאַקטן אויטאָבוס און אַוועקגעפאָרן גלייך צום פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון „טאַרגסין".

אויף זיין קלינגען האָט זיך קיינער נישט אָנגערופן. ער האָט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אָנגעקלונגען, — רעד צום לאָמפּ! אין שטוב איז אַלץ ווי אויסגעשטאָרבן. דאָס קלונגעניש הילכט פון יענער זייט טיר ווי אין אַ פּוסטער פאַס. דאַן האָט שלמה אָנגעקלונגען אין דער אַקעגנאיבערדיקער טיר. עס האָט אים געעפנט אַ יונגע פרוי, מיט אַ פּיראַמידע פון אַ האַנטוך אויפן קאָפּ. קענטיק, ערשט פונעם צוואָגן זיך.

— אַנטשולדיקט מיר זייער, חברטע, איר קענט מיר נישט זאָגן, פאַר וואָס מען עפנט נישט ביי די שטיינבערגס? איך קלינג און קלינג, איין מאָל: ניין!... שוין זשע שלאָפט מען שוין אַזוי פרי?

— גאָט באַהיט, ווער לייגט זיך דאָס שלאָפן תחילת נאַכט? נאָר עס איז ביי זיי בכלל קיינער נישטאָ אין שטוב.

— אַזוי די מעשה? וווּ דען זענען זיי?

— קלאַראַ מאָיסיעיעוונאַ מיט די קינדער וווינען לעצטנס אין פּושטשעוואָדיצע.

— און איסאַק אַבראַמאָוויטש?

— ער ווייס איך נישט, וווּ ער איז. ביי טאָג האָב איך אים בפירוש יאָ געזען אַריינגיין אין שטוב. אָבער איצט, ווער ווייסט אים? — גיכער פון אַלץ איז ער מן הסתם אַוועקגעפאָרן צו קלאַראַ מאָיסיעיעוונען און וועט שוין דאָרטן בלייבן נעכטיקן.

— איך האָב שוין אויך אַזוי געקלערט. איך דאַנק אייך זייער. נאָך איין וואָרט. אַנטשולדיקט מיר ביטע, וואָס איך פאַרהאַלט אייך מיט אַ נאַסן קאָפּ —

— עס מאַכט נישט, עס מאַכט נישט. וואָס האָט איר געוואָלט פרעגן?

— צי ווייסט איר נישט צופעליק דעם אַדרעס פון די שטיינבערגס אין פּושטשע-וואָדיצע?

די שכנטע קוועטשט מיט די אַקסלען: פון וואַנען זאָל זי וויסן?

שלמה אַנטשולדיקט זיך פאַר איר נאָך אַ מאָל און גייט אַרויס אויף דער גאַס.

עס איז געווען אַרום האַלב אויגוסט און פונקט אַ וואָך אין חודש אב. דער פאַרוויינטער זומער האָט געוואָלט צולעצט פאַרגיטיקן די איינוווינער פון קיעוו און האָט מילד און צערטלעך זיי באַשאָטן מיט פאַרגעניגנס פון דער ברייטער האַנט. דער הימל־קיילעך איז געווען בלוי־גרין און דורכ־זיכטיק־לויטער ווי צעלולאָיד. די יונגינקע לבנה צווישן די מיליאַרדן שטערנדלעך, האָט אויסגעזען ווי אַ קוואַטשקע צווישן אַ כאַליאַסטרע איינ־טאָגיקע עופעלעך. פונעם „פּראָלעטאַרישן גאָרטן", וואָס האָט זיך געפונ־נען נישט זייער ווייט פון די שטיינבערגס, האָט זיך דערטראָגן אַ רוישנ־דיק שפּילן פון עטלעכע דזשאַז־אָרקעסטערס. שלמה איז מעכאַניש אַריינ־געגאַנגען אין דער וולאַדימירסקאַיאַ־גאָרקאַ.

אין די לאַנג דערוואַרטע זומער־אָוונטן איז אָט די דאָזיקע „גאָרקאַ" געווען דאָס באַליבטסטע גליק־ווינקעלע פון דעם אַנדערטהאַלבנמיליאָ־ניקן קיעוו. אָהער האָט זיך נישט דערטראָגן נישט דאָס פאַרטויבנדיקע רעווען פון די לאָקאָמאָטיוון, נישט דאָס שניידנדיקע פייפן פון די דאַמ־פערס, נישט דאָס אומאויפהערלעכע קלינגען פון די טראַמווייען, נישט דאָס הודען פון די לאַסט־מאַשינען און נישט דאָס פאַרכלינען זיך פון די סירענעס פון די פּאַסאַזשיר־אויטאָס. דאָ האָבן נאָר געקיניגט צווייערליי קלאַנגען: די זיסע קולות פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער און דאָס פאַר־שטיקטע שושקעריי פון די גליקלעכע פּאָרלעך. דאָס דאָזיקע שטאָטישע וועלדל האָט אַלץ איינגעזאַפּט אין זיך און הייליק באַהאַלטן יעדנס סוד גאַנץ באַזונדער אין זיינע שטאָק־אַלטע גנזי־נסתרות. די גאַנצע וולאַדימיר־סקע־גאָרקאַ איז געווען נישט באַלויכטן. זי האָט אויסגעזען ווי אַ געדיכט־באַשאָטנט אינדזל אין מיטן אַ מיט זון פאַרפלייצטן ים. אויפן האָרי־זאָנט — אין וועלכער זייט מען האָט נישט געוואָרפן קיין בליק, האָט זיך קיעוו פאַרכלינעט פון עלעקטרישן ליכט. כמעט אומעטום האָט מען פריי געקענט לייענען אַ צייטונג אויף דער גאַס, אָבער אין אָט דעם צויבערנ־דיקן ווינקל האָט מען זיך געניצט נאָר מיט לבנה־שיין אָדער מיט שטערן־שפּליטערס, דאָס איבעריקע האָט מען שוין געזוכט מיט די הענט... אָט די אָנגעלייגטע פינצטערניש האָט נאָך געמאַכט באַטעמטער דאָס יונגע גליק, זודיקער די הייסע געבליטן.

שלמה האָט זיך אַוועקגעזעצט אין רעסטאָראַן ביי אַ טישל אונטערן פרייען הימל, זיך געהייסן ברענגען אַ פלעשל קרעם־סאָדע און אַ שעלעכל אייזקרעם. ער האָט זיך טיף אַריינגעזעצט אין דער ווייכער לאָזע־שטול, לאַנגזאַם געצויגן אין זיך די דופּטיקע פליסיקייט און זיין מידער אָרגאַ־ניזם האָט שווער אָפּגערוט. די ערשטע מחשבה, וואָס קומט אויף אין זיין אויסגעשעפּטן מח איז: די סימפאָניע, וואָס ווערט איצט אויסגעפירט איז נוקבת ויורדת עד התהום, עד דכדוכה של נפש*. אָט פאַרגייט זיך דאָס פידעלע און בעט עפּעס, מאָנט עפּעס. דאָס פייפעלע גיט אַ קרעכץ, דער

* עקבערט און דערגרייכט ביזן אָפּגרונט, צעקלאַפּט די נשמה.

קאָנטערבאַס — אַן אָפּגעהאַקטן ברום, טאַקע נישט מער ווי אַ ברום, אָבער דאָס פידעלע זאָגט שוין אויף דעם קרעכץ מיט דעם ברום כמה וכמה פירושים. שלמה איז אַ מבין אויף שפּילן. זיי שפּילן אויסגעצייכנט. עס ציט אַרויס דעם מענטשן פון דער ווירקלעכקייט. ביים שכנישן טישל זיצט אַ פאַרליבט פּאָרל. דאָס איז אָנגעשריבן אויף זייערע פּנימער. אויף זייער טישל איז אָנגעשטעלט פון כל־טוב, נאָר זיי רירן זיך אפילו נישט צו צו די נאַשערייען. שלמה זעט, ווי זייערע הענט זענען צונויפגעפלאָכטן אונטערן טיש, ווי זייערע אויגן רעדן אָן ווערטער — דאָס פידעלע רעדט פאַר זיי. אָ, געבענטשטע יוגנט! וואָס איז נאָך הייליקער פון דיר? וואָס איז נאָך זיסער?

איבערן גרויסן רעסטאָראַן־הויף פלאַטערן פון די נאַכט־ווינטעלעך עטלעכע לעמפּעלעך איינגעהילטע אין רויטן, דורכגעשמאָלצענעם פּערגאַמענט־פּאַפּיר, וועלכע קלערן אפילו נישט לויזער מאַכן די פינצטערניש. אויף דער עסטראַדע בייטן זיך די נומערן און שלמה פילט, ווי אַ זיסע מידקייט פילט אָן זיינע אברים. דער קאָפּ, די הענט, די פיס פילן זיך אָן מיט בליי, נישט צו רירן פון אָרט. דאָס איז שוין טאַקע פּאַוואָליע די דריטע נאַכט, אַז ער שלאָפט נישט, און די אויגן בעטן זיך אַזוי אויף אָפּרו. די אויסגעמוטשעטע גלידער דערמאָנען אים אַזוי עקשנותדיק אין זיין איבערבעט, וואָס וואַרט אויף אים אין דער היים. און די נאַכט איז אַזאַ כישופדיקע! די לבנה איז היינט נישט פון זילבער, נאָר פון גאָלד. פון גינגאָלד. די העכסטע פּראָבע, כאָטש טראָג זי אָפּ צום גאָלדשמיד, ער זאָל זי איבערשמעלצן אויף קידושין־רינגלעך... אַהאַ! ער פאַרשטייט שוין. דאָס איז זי נאָר דורך די לעמפּעלעך אַזאַ רויטע. אַנו, ער וועט זיך אומיסטן אָנבייגן אין אַ זייט. ער מאַכט אַן אָנשטרענגונג און בייגט איין דעם קאָפּ אין דער זייט: אודאי האָט ער געטראָפן. אַ בלייכע, אַ קאַלטע, ווי אַלע מאָל. אַך, וויפל נעכט געדענקט ער אויף זיין לעבן מיט אַזוינע רעפּטלעך לבנה... פּונקט אַזעלכע רעפּטלעך. בשעת דער סקווירער רבי איז געווען צו גאַסט אין פּיאַטער, איז געשטאַנען פּונקט אַזאַ וועטער און אַזאַ לבנה; בשעת מען האָט אים אַ פאַרוווּנדעטן געפירט קיין סטאַווישטש מיט אָקסן, כדי עס זאָל נישט טרייסלען — אויך אַזאַ לבנה; נאָר דאַמאָלסט איז געווען סוף חודש. יענע אָוונטן, בשעת ער האָט ביי יאַנין אין שטוב געלייענט „יאָסעלע סאָלאָוויי", זענען אויך אין אָנהייב חודש געווען, נאָר ווינטער. יאָ, ער האָט גאָר פאַרגעסן, בעת ער איז נאָכגעגאַנגען דער פור מיטן מעבל פון זוועניגאָראָדקע קיין כמעלניק, איז אים פּוסטריט נאָכגעגאַנגען פּונקט אַזאַ לבנה; די נאַכט, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט מיט מאַרינאַ וואַסיליעוונע אויף יעווּבאַז, האָט אויך אויף זיי אַכטונג געגעבן אַזאַ שמאָל, ווייס פּאַסיקל. און ווען נאָך? גוואַלד, ווען נאָך? דאָס בילד שטייט אים פאַר די אויגן, און ער קען דאָס נישט אָנרופן... אַ־האַ, געפּאַקט! בעת ער האָט געוווינט אויפן טרעפּל פונעם וואַגאָן פאָרנדיק פון מאָסקווע אויף מזרח, איז אים אויך נאָכגעפאָרן אַזאַ לבנה. און איצט, אין וולאַדימירסקע־גאָרקע —

אויך אזא... וואָס עפּעס וואָלאַדימירסקע־גאַרקע? ווי קומט ער אַהער און וואָס דאַרף ער דאָ?

ער וויל זיך דערמאָנען, ווען ער איז אַהער געקומען, און קען נישט: דער זכרון שלאָפֿט; ער וויל מיט די הענט קאָנטראָלירן, צי איז דאָס נישט קיין חלום, און קען נישט: אַלע גלידער זענען ווי געליימט. מיט די לעצ־טע כוחות שלעפּט ער צו דעם שוואַכן קולאַק צו די אויגן און רייבט און רייבט... ווי אַ קליין קינד לערנט זיך גיין, אַזוי פּוסטריט הייבן אָן זיך אויפצומישן פאַר זיינע אויגן די געשעענישן פון די לעצטע צוויי מעת־לעת. מיט אַ מידן, האַלב־שלאָפֿנדיקן בליק נעמט ער אַרום דעם דרימלענדיקן האַלב־נאַכטיקן רעסטאָראַן, אָטעמט איין אין זיך די דופּטיקע ריחות פון די צעפּאַרעטע פּרוכטן־ביימער; כאַפּט דאַרשטיק אויף עטלעכע פאַרבלאָנדזעטע טרעלן פון אַ האַוואַאישער גיטאַרע, און דערפילט ווי אַ צוואַנג אויף דער נשמה. ער פילט, אַז ער איז איצט עמעצנס אַרעסטאַנט און ווייסט נישט, וועמענס; ער פילט, אַז צווישן זיין איצט און זיין נעכטן איז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט, און קען נישט באַגרייפן: פון וואָס באַשטייט די וואַנט און ווער האָט זי אויפגעשטעלט. ביסלעכווייז קומט ער אין גאַנצן צו זיך. ער קוקט זיך ווידער אַרום און עס ווערט אים אומעטיק, אומעטיק... דאָס פראָ־טעסט־געפיל וואַקסט אין אים, בייסט אים און ערגערט אים. דער איבער־געריסענער געדאַנק וועבט זיך ווייטער, נאָר דאָס מאָל פיל שטורמישער און אין אַ גאַנץ אַנדערער ריכטונג...

דאָס מידע, דאָס שלעפּערדיקע, דאָס געפּעסטעטע, דאָס בענקענדיקע, אַלץ צוזאַמען האָט מיט אַ מאָל געמאָלדן אַ ווידערשטאַנד און אַ פאַרבי־סענער מקטרג, אַן אומברחמנותדיק־פּראָזאַאישער רעדט צו זיין געוויסן:

— נו, איך פרעג דיך נישט מער: וואָס זיצסטו דאָ ווי אַ שוטה איי־נער אַליין? קענסט זיך נישט אַראָפּלאָזן מיט דער גאַס „דריי הייליקע" אויף קרעשטשאַטיק, פאַרנעמען זיך אויף לינקס ביז אוריצקע, זיך אויפ־הייבן ביזן נומער 21, זיך אַראָפּלאָזן אין האַלבן פּאָדוואַל... אָט פּרווו, וועסטו אומיסטן זען, וואָס פאַר אַ רושם עס וועט איצט מאַכן דיין אָנ־קומען... אמת טאַקע, קיין גוטע נייעס האָסטו נאָך נישט פאַר זיי, אָבער האָפענונגען!... האָפענונגען זענען גאָרנישט? און דאָס, וואָס עס איז שוין געשען, איז דען נישט העלדיש? נישט אויסטערליש־העלדיש? מיט אַן אויגוסטאָווניק בלייבן אַליין אויף אַ גאַנצער שעה?! איבערגעבן עסן?! עס איז עפּעס אַ דרך־הטבע דערבני, האַ? זיי נישט קיין נאַר, שלמה, דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט שמואליקן, אַז דו וועסט נישט פאַרפאָרן אַהיים, איז דיך צו גאָרנישט מחייב. דאָס זענען נאָר הויכע פראַזעס, פּאָעזיע... ווער ביסטו און וואָס ביסטו, וואָס דו ווילסט נאָכמאַכן דוד המלך?

— „אם אבוא באהל ביתי, אם אעלה על ערש יצועי... עד אמצא מקום..."

גיי שוין גיי, דו חסיד־שוטה איינער, דו דאַרפסט עפּעס פאַר עמעצן פאַ־

זירן? צי דו מיינסט אפשר, אז שמואליק וואָלט זיך פון דיינעט וועגן אויך אזוי צעבראָכן? עס איז נאָך אַ גרויסער ספק, צי ער וואָלט פון דיינעט וועגן זיך אפילו מטריח געווען צוצוגיין ערגעץ מיט אַ שליחות. גיי צו צו יאַנין. דאָרט וואָרט אויף דיר דיין כלה, דיין אומפאַרגלייכלעך מיידעלע... נעם מיט זיך פּאַלין און קער זיך אום מיט איר אהער־צו טאָקע, וועסטו זיין מיט ליטן גלייך. אָדער נאָך בעסער: נעם אַ שיפל און פאָרט אַרויס אויפן ברייטן טייך, אויסער דער שטאָט. ביי איר זענען דאָך אַזוינע ראָזע ליפּעלעך, אַזעלכע פייערדיקע אייגעלעך, אַזוינע חנעוודיקע אויערלעך... און דאָס איז דאָך דיין אייגנטום... קיינעמס נישט, נאָר דיינס! עס איז דאָך אַ רציחה צו לאָזן אַזאַ שיינהייט שמאַכטן דאָרט און אַליין דרימלען אין אַ טונקעלן רעסטאָראַן־ווינקל... דו ביסט דאָך עובר אויף „בל תשחית"... שטיי אויף, וואָס זיצסטו? גיי שוין און טראַכט נישט אַזוי לאַנג. די נאַכט וועסטו פאַרברענגען, פאַר טאָג וועסטו זיך אומקערן אהיים, זיך אַ וואָרף טון שלאָפן ביז זייגער דריי פיר און דאַמאָלסט וועסטו נאָך פאַרכאַפּן איסאַק אַבראַמאָוויטשן אין קאָנטאָר, אָפּשמועסן מיט אים, וואָס דו דאַרפסט דאָרטן, און גיין צו דער סעודה־המפסקת. נאָך דעם, אין קור־פּעטשעסקע־שול צו קינות. און בנוגע שמואליקן האָט שוין די השגחה גלייב מיר, מן־הסתם אירס אָנגעצייכנט... און ממה־נפשך, ווי זאָגט מען דאָס: אויב ס'איז פון מאַירן, וועט זיך דאָס שלייערן... די לבנה וועסטו נישט איבעריאָגן, אז עס איז געווען גוט אַזוי פיל, וועט מוזן זיין גוט נאָך אַ ביסל... גיי שוין — נו, ריר זיך, ליגסט עפּעס ווי אַ קלימעק...

אין אַ האַלב־שלאָפנדיקן צושטאַנד הייבט זיך שלמה אויף פון זיין שטול, לאָזט איבער דער קעלנערשע אַ פינף־רובל־שטיק אויפן טיש און לאָזט זיך מעכאַניש אַראָפּ אויף קרעשטשאַטיק. אויפן ראָג, פון דער זייטנס, הענגט אַ ראַדיאָ־רופּאָר. פון ערגעץ־ווו גיט מען איבער אַן אָפּערע. אַ מעכטיקער טענאָר ענדיקט זיין אַריע מיט די ווערטער:

„אָ, מאַרוסיאַ, מאַרוסינקאַ,
פיר מיך, וויז מיר, לערן מיך"...

שלמה בלייבט שטיין ווי פון אַ דונער געטראָפן. דער שלאָף — ווי מיט דער האַנט צוגענומען. ער קוקט זיך ווילד אַרום אויף אַלע זייטן, זיי־נע אויגן טאַפּן איבער אַלע פאַרשאָטנטע ווינקעלעך, זוכן עמעצן...

— ווער האָט דאָ ערשט געזאָגט מאַרוסיאַ? מאַ—רו—סיאַ!... מר—ים!... מרים יאַגודאַיעוו... אָך, מרים, מרים, טייערע, ליבע מרים! עס איז מיר אַ בזיון צו קוקן דיר אין די אויגן, מרים... דאָס לעבן פון אַ יידן איז אין געפאַר. אַ ייד, וואָס איז אייגנטלעך אַכט יידן, און דער טויט לאָקערט אויף אים. עס וואָרט אויף אים מעדאָוואַרס גורל. און איך, נידערטרעכ־טיקער מענטש, אויסוואָרף איינער, האָב מיך פאַרבענקט נאָך דער היי־מישער איבערבעט און נאָך פאַלים חנעוודיק פּיסקעלע. אומזיסט, מרים טיי־ערע, אומזיסט איז געווען דיין טרחה, אומזיסט דיין גוואַלדיקער מסירת־נפש! דאָס האָט מיך גאָר נישט אויסגעלערנט. אַרויסגעוואָרפן אויפן ווינט אַלץ,

וואָס דו מיט דיין זיידן האָבן פֿאַר מיר געטון. איר האָט זיך מפֿקיר געווען פֿאַר אַ מענטשן, וואָס „נהמא כרסיה לא שויא"*...

שלמה פֿילט אַליין נישט, ווי בריענדיקע טרערן פֿאַר בושה און ווייטיק רינען איבער זיינע באַקן, וואַשן אָפּ דעם לעצטן שפּור פֿון שלעפֿעריקייט פֿון זיין געזיכט. ער געדענקט אַליין נישט, ווי אַזוי ער איז אָנשטאָט אויף אוריצקע אָנגעקומען מיט דער „זעכצן" אויף פּאָדאָל, האָט זיך אַריינגעזעצט אין טראַמוויי נומער 12 און איז אָפּגעטראָגן געוואָרן אָן אַ וווהין און אָן אַ צו וועמען אין דעם האַלב־נאַכטיקן סאָסנע־קעניגרייך. עפּעס אַ שטאַרקע, נישט געזעענע האַנט האָט איצט אָנגעפֿירט מיט שלמהן. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן פֿון וואַגאָן־פֿענצטער אין דער שמעקנדיקער מאַסע אַריין, מיט פֿאַרגעניגן איינגעזאַפּט אין זיך דעם רייצנדיקן ריח פֿון צעשמאָלצענעם קאַניפֿאָל און די מחיהדיקע פֿייכטקייט פֿון שלאָפֿנדיקן גראָז. ביסלעכווייז האָט זיך צו אים אומגעקערט זיין שטענדיקע קאַלטבלוטיקייט, וועלכע באַהערשט אים מערסטן טייל פֿאַר דעם אויספֿילן פֿון אַ וויכטיקער אויפֿגאַבע. זיין מח האָט ווידער טיכטיק געאַרבעט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם: — וואָס וועט ער טון אין פּושטשע־וואָדיצע אום האַלבער נאַכט, אָן אַן אַדרעס? אין פּושטשע־וואָדיצע, אין די פּיק־חדשים קען אַ מאָל זיין ביז צען טויזנט דאַטשניקעס. פּושטשע־וואָדיצע פֿאַרמאָגט ניין קוואַרטאַלן, יעדער קוואַרטאַל פֿיר, פֿינף גאַסן. און אַ קילאָמעטער פֿון פּושטשע־וואָדיצע — דאָס גרויסע דאָרף גאָסטאָמעל. הײַנט ווי אַזוי זוכט מען אָפּ אין אָט דעם וואָגן היי אַ נאָדל? שלמה האָט לאַנג געטראַכט און נישט געקענט צוטראַכטן קיין שענערס, ווי צופֿאָרן אויף דעם פֿינפֿטן קוואַרטאַל, וווּ עס געפֿינט זיך דער זומערדיקער טעאַטער. געוויס האָט זיך נאָך נישט געענדיקט די פֿאָרשטעלונג, וועט ער שטיין ביים אַרויסגאַנג, טאָמער וועט ער פּונקט דערזען איסאַק אַבראַמאָוויטשן אַליין, זיין פֿרוי אָדער כאָטש אַנדערע באַקאַנטע, ביי וועמען מען קען פֿרעגן אויף אים.

דער קליינער וויזער האָט זיך גערוקט צו דער איינס. שלמה איז געשטאַנען אין אַ זייט פֿון דעם טויער און האָט מיט די אויגן דורכגעזופּט אַלע צושויער. דער זאַל, זעט ער, איז שוין ליידיק. אויף דער גאַס פֿאַרהאַלטן זיך נאָך איניקע פּאָרלעך, אָבער די שפּעטע שעה פֿאַרטרייבט זיי איינציקווייז. אָט פֿאַרשווינדן די לעצטע שפּאַצירנדיקע. נאָך אַ מינוט — און דער גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ, וואָס הענגט ביים אַריינגאַנג, גיט אַ פֿינטל מיטן אויג און לעשט זיך אויס. אין איין אויגנבליק ווערט פּושטשע־וואָדיצע באַהערשט פֿון אַן אַבסאָלוטער שטילקייט און טונקלקייט. די ביימער לויפֿן זיך צונויף פֿון אַלע זייטן, דער וואַלד רוקט זיך אָן אויף די שוואַך באַלויכטענע פּונקטן און איז זיי מבטל מיט זיין מאַסע, מיט זיינע געדיכטע שאָטנס. ווי פֿון אונטער דער ערד וואַקסט אויס אַ מיליציאָנער, ער גיט שלמהן אַ טאָרקע ביים עלנבויגן:

---

* ער האָט נישט די ווערט דאָס ברויט, וואָס מען לייגט אַריין אין זיין בויך. אַ גמרא־ווערטל.

— וואָס שטייסטו נאָך? דו זעסט דאָך, אַז דיין מיידל וועט שוין היינט נישט קומען. אַהיים, אַהיים, צייט שלאָפן!

שלמה לאָזט זיך גיין. וווהין גייט מען? פון אַלע אילוזיעס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. איצט האָט ער אפילו נישט קיין דאָך איבערן קאָפּ. נאָך האַלבער נאַכט ווערט גאָר קילבלעך. אויגוסט איז נישט יוני.

ער גייט אָפּ אַ צוויי גאַסן אין דער טיף פון דאָרף, גייט אַריין אין וואַלד נישט ווייט פון דעם וועג, זוכט אויס אַ באַגראָזטן שטאַם פון אַ בוים, לייגט אונטער דאָס היטל אונטערן קאָפּ, מיטן מאַנטל דעקט ער זיך איין און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער כאַפּט אַ געשמאַקן ציטער, ווייל די ערד איז נאָך פייכטלעך פון די לעצטע רעגנס, איז זיין מידקייט גובר אַלץ און ער שלאָפט איין מיט אַ האַרטן שלאָף.

קאפיטל XXX

דער סטעפּ ברענט ככבשן האש...

די זון סמאַליעט דאָס זאַמד מיט סכנות־נפשות. דאָס זאַמד בריט שלמהס לייב. ער וויקלט זיך אין צודעק פונעם קעמל, זוכט רעטונג פון דעם קאַלך־אויוון אין שאָטן פון דעם קעמלס בויך. ער דעקט זיך איבער דאָס פּנים, ווייל איינשלאָפן כאָטש אויף איין רגעלע, אָפּקילן דעם צע־שמאָלצענעם מח, אויסציען די טויט־מידע פיס, אָבער דבורה לאָזט אים נישט אָפּ. זי שלעפּט אַראָפּ דעם צודעק פון אים און באַגיסט אים מיט טרערן:

— גוואַלד, גזלן, וואָס ליגסטו? אַרום אונדז ברענט אַ פייער און דיר גלוסט זיך גאָר שלאָפן.

— דבורה, האָב רחמנות, לאָז מיך אָקערשט צומאַכן די אויגן. עס עקט זיך מיר דאָס חיות...

— וואָס רעדסטו פאַר אַ שטותים? ווי קען איך דיך לאָזן? דו האָסט שוין פאַרגעסן, וואָס ניקאָלאַי האָט געזאָגט, האַ?

— אוי, מיין קאָפּ, ער צעשפּאַלט זיך מיר אויף שטיקער. וואָס האָט ער געזאָגט, ניקאָלאַי דאָרטן, וואָס? פאַר וואָס לאָזט איר מיך נישט לעבן אויף דער וועלט?

— ניקאָלאַי האָט דאָך דיר אַליין אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף אַלץ מאַכן אויף איין פוס, כדי עס זאָל חלילה עפּעס נישט קאַליע ווערן...

— וואָס זשע קען איך העלפן? איך האָב דאָך, דאַכט זיך, געטון אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען... וואָס נאָך האָב איך געקענט טון? דער מיליציאָנער האָט דאָך מיך אָוועקגעטריבן — צי איר האָט נישט געזען?

— כ'האָב געזען, כ'האָב געזען, אָבער וואָס האָב איך דערפון, וואָס איך האָב געזען?

— וואָס זשע קען איך נאָך אויפטון?

— ווען דו זאָלסט זיין אַ מענטש מיט יושר, וואָלסטו געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, אומעטום אויפגעוועקט און געפרעגט, צי וווינען דאָ נישט די שטיינבערגס.

— ניין, דבורה, דאָס איז נאַריש... כ'וועל קיין צענטל דאַרף נישט באַווייזן דורכצוגיין ווי עס וועט אָנהייבן צו טאָגן, און מענטשן וועלן זיך צעפאָרן יעדער אין זיין ריכטונג.

— איז וואָס זשע, זאָגסטו, איז די עצה?

— איך האָב שוין אַ פּלאַן. איך וועל פאַר טאָג אָפּפאָרן מיטן ערשטן טראַמוויי קיין קיעוו און דאָרט ביי דער לעצטער סטאַנציע וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז איסאַק אַבראַמאָוויטש וועט זיך באַווייזן.

— אַן עצה איז דאָס אפילו נישט קיין שלעכטע, אָבער וואָס טוסטו,

טאָמער פּאַרט ער גאָר אין שטאָט אַריין מיט אַן אויטאָ?... טאָמער האָט ער דאָ ביי זיך סעמיאָנען, וואָס וועט דאַמאָלסט זיין?

— דאַן וועל איך אים מוזן אָפּוואַרטן אין קאָנטאָר.

— און טאָמער האָט ער פּונקט היינט אַנדערע געשעפטן און קומט גאָר אין גאַנצן אין קאָנטאָר נישט?

— וועל איך דאַמאָלסט אַליין מוזן גיין צו לעוויטינען...

— און דו קלערסט, אַז עס קען עפּעס אַרויסקומען דערפון, וואָס דו וועסט אַליין גיין צו אים?

— איך ווייס, וואָס איך קלער? איך ווייס נאָר, אַז איך מוז איינ־דרימלען אויף וויפל עס איז נישט איז, אַז נישט בין איך גאָר אויס מענטש...

אַ פאַרצווייפלטע, רייסט דבורה ביי אים אויס דעם צודעק פון די הענט:

— ניין... פון דעם איז אָפּגערעדט, אַז ניין... דערמאָן מיר אפילו נישט פון דעם...

אין דער אָנגעגליטער מדבר דערהערט זיך אַ זייטיקער גערויש. שלמה מיט דבורהן קוקן זיך איין פאַרוואונדערט אין זאַמדיקן האָריזאָנט. פון דאָרט שפּאַנען אַ פּאָר מאָדנע פאַרשוינען, אַ מאַן מיט אַ פרוי. ביידע שלאַנקע, ביידע מיט ערנסטע געזיכטער. ער מיט אַ מאַנדלשטעקן אין איין האַנט און מיט אַ לאַנגן ליולקע־ציבעק אין דער צווייטער. זי — מיט לייי־דיקע הענט. ער — אַ שטאַרק אַלטער, זי — נאָך אַ יונגע. ביידע דער־נעענטערן זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גיכקייט. שלמה שפּרינגט אויף אַ דערשראָקענער, ער גלייבט נישט זיינע אויגן. ער דערקענט אין דעם אַלטיטשקן — ר׳ אבא חלקיה יאַגודאיעוו און אין זיין באַגלייטערין — די מומע טייבל. די מומע איז אַזוי בלייך ווי די וואַנט. די הענט, די באַקן — הוילע ביינער, נאָר די אויגן... די אַנאַניעווער אויגן... דער מומע טייבלס אויגן... און אויף ר׳ אבא חלקיהס פּנים באַמערקט ער פאַרטריקנט בלוט. אין דער באָרד — אויך בלוט. אויפן ווייסן קיטל — אויך בלוט, אפילו אויף די באָרוועסע פיס — מיט שטויב צוגעדעקטע טראָפּנס בלוט... שלמה דערפילט אַ צוואַנג אויף דער נשמה, דאָס האַרץ קלעמט אים: פון וואַנען איז דאָס בלוט? ער איז דאָך נישט קיין שוחט און נישט קיין קצב?

דאָס מאָדנע פּאָרפאָלק קומט דערווייל צו צו שלמהס קעמל און זיי ווענדן זיך גלייך צו דבורהן:

— לאָזט אים צו רו, דבורה־לעבן... אונדזער שלמהן דאַרף מען נישט אונטערטרייבן, ער איז אַליין נישט קיין פאַרשלאָפענער... לייג זיך צו אַ ביסל, לייג זיך צו, שלמהלע. קוים וואָס דו האָלטסט זיך שוין אויף די פיס. רו זיך אָפּ אַ ביסל, דו דאַרפסט נאָך געניג, געניג אַרבעטן. דער וועג צו איר מאַנס גאולה איז נאָך זייער אַ לאַנגער, אָ! וואָס פאַר אַ לאַנגער...

אָבער שלמה פאָלגט זיי נישט. וואָס הייסט, האָבן אַזעלכע געסט און זיך גאָר לייגן שלאָפן?... ער וויל זיי עפּעס פרעגן, נאָר דבורה פאַרשטעלט אים דאָס מויל. זי איז בילכער. זי פרעגט ביי ביידן מיט אַ מאָל.

— אָבער גיט אַן עצה, וואָס טוט מען איצט? ווו טרעפט מען שטיינ־בערגן?

די מומע טייבל גלעט זי איבער די האָר:

— דו, מיין קינד, דאַרפסט פאַר גאָרנישט זאָרגן. שלמה וועט שוין אַלץ מאַכן ווי געהעריק. קענסט זיך אויף אים פאַרלאָזן...

— וואָס ווייסט איר, מומע טייבל, וואָס ווייסט איר? מיין שמואליק, קוים וואָס ער זיפּעט שוין דאָרטן מן־הסתם... אַזאַ צייט, אַן אַ ברעקל עסן...

אומאַנסקי כאַפּט זיך אויף פון זיין אָרט און וואַרפט זיך אויף דבורהן מיט די קולאַקעס. ער רעדט, אַז עס זעצט אים אַזש דער שוים פונעם מויל:

— אַזאַ צייט, זאָגסטו? דו אומפאַרשעמטע! אַזאַ צייט, זאָגט זי. ער איז נאָך אַ גרינער, דיין שמואליק... אין גאַנצן אַ גרינער... ער האָט נאָך אין קיין עלעקטרישן לאָמפּ נישט געקוקט; קיין צוועגל נישט פאַרזוכט; וואָס מען קען אַזוינס אויפטון מיט אַן אייזערנעם קעמל — ווייסט ער נאָך אויך נישט. היינט אין וואַלייבאַל... אָבער אין וואַלייבאַל דאַרף מען מיט אים אַ שפּיל טון? זאָג אַליין, דו, חוצפהניצע...

דבורה פאַלט אים צו די פיס, קושט אים די שיך, קלאַפּט זיך מיט דעם קאָפּ אין דער ערד:

— ער איז אַ פאָטער פון זעקס פּיצלעך קינדער... קיין וואַלייבאַל גייט אים שוין נישט אין קאָפּ אריין... אויב עס איז אַ מוז, קום, וועל איך מיט דיר שפּילן... איך געדענק נאָך פון די מיידליאָרן, ווי אַזוי מען טוט דאָס...

אומאַנסקי קייכט פון געלעכטער. ער האַלט זיך אַזש ביים בויך:

— מיט דיר שפּילן? איך זאָל מיט דיר שפּילן? מיט אַזאַ אַלטער קליאַטשע ווי דו ביסט? מיט אַ יידענע פון זעקס קינדער?...

ער ווערט וואָס ווייטער מער צערייצט, די אויגן גיסן זיך ביי אים אָן מיט בלוט, ער וויל זי אָפּוואַרפן מיט די פיס, נאָר אין דער זעלבער מינוט דערלאַנגט אים יאַגודאַיעוו מיטן סוקעוואַטן שטאָק איבערן קאָפּ, עס דער־הערט זיך אַ טרישטשע, ווי פון אַ געפּלאַצטער גלאָז און ביי אומאַנסקען לאָזט זיך דאָס בלוט פון מויל, פון די אויערן, פון דער נאָז... ער פאַר־כלינעט זיך מיט דער גליווערנדיקער פּליסיקייט און טענהט מיט טרערן:

— פאַר וואָס שלאָגט איר מיך? איך פיל דאָך נאָר אויס מיין פליכט...

— דיין פליכט, דו קרעציקער הונט, איז הענגען אויף דער תליה צו־גלייך מיט המנען... וואַרט אויס! עס וועט קומען אויף דיר אויך אַ טאָג!

און ער דרייט זיך אויס צו דבורהן און זאָגט שטרענג:

— איך היים אייך נישט גלייבן אָט דעם מנוול... איר הערט? איך האָב צו גאָט אַ האָפענונג, אַז אייער מאַן וועט פון אָט די אַלע ענוים־קשים, וואָס אָט דער צורר־היהודים האָט דאָ אויסגערעכנט — אפילו נישט פאַר־זוכן... ער וועט זיינע יאָרן אויסלעבן און נישט וויסן, מיט וואָס מען עסט דאָס...

שלמה לויפט צו צום אַלטיטשקן, כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט:

— ר׳ אבא חלקיה, וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ בלוט צעשפּריצט אומעטום?

דער זקן באַטראַכט דאָס בלוט, ווי ער זאָל דאָס אויך צום ערשטן מאָל דערזען, קוקט, קוקט, דאַן גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט:

— ווייס איך, עס איז שוין פאַרטרוקנט... אַלטע מעשות...

— אָבער פאַר וואָס וואַשט איר דאָס נישט אָפּ?

דער ישיש חזרט מעכאַניש איבער:

— פאַר וואָס איך וואַש דאָס נישט אָפּ? ניין, מיין זון! ונקיתי — דמם לא נקיתי... דאָס בלוט דאַרף נישט אָפּגעוואַשן ווערן... עס דאַרף נישט און עס טאָר נישט!... עס דאַרף שטייען פאַר די אויגן לדור ודור ולנצח־נצחים...

די מומע טייבל נעמט אָן שלמהן ביים קנעפּל:

— קענסט מיר אָפּגעבן אַ גרוס פון מיין רחלען?

שלמה ווערט רויט פאַר בושה:

— מומע, גלייבט מיר, איך האָב זי דעם גאַנצן זומער אפילו נישט געזען פאַר די אויגן... זייט מיין באַפרייאונג...

— ווי איז דיר קיין בזיון נישט, האַ? אָט דאָס הייסט אַ געשוועסטער־קינד?

— וואָס זאָל איך טון, אַז איך זע זיך אַליין נישט אַרויס... איך בין די לעצטע צייט דול און משוגע...

— אַלץ פון דעם מילנערס מיידל? עס נעמט נאָך אַלץ נישט קיין עק?

— דערווייל נאָך נישט... מומעטשקע, מיר זענען דאָך עפּעס אַלטע גוטע ברידער, זאָגט מיר, וואָס זאָגט מען וועגן מיינע יסורים אויפן עולם־האמת? עס וועט אַ מאָל נעמען אַן עק צו זיי, צי ווי מנשה זאָגט: אין זעקס יאָר אַרום נאָך אויך נישט? איר דאַרטן ווייסט דאָך אַלץ... האָט רחמנות... זאָגט...

— וואָס רעדסטו, שלמה? מיר הימלישע מענטשן דאַרפן זיין שטום ווי די פיש... ווען איך זאָל דיר זאָגן אפילו איין וואָרט, וועט מען מיך מער נישט אַראָפּלאָזן...

— אויב אַזוי, מומע, זאָגט זשע מיר נאָר, ווו קען איך איצט טרעפן שטיינבערגן?

— וואָס לייגסטו אַזוי איין די וועלט נאָך שטיינבערגן? דו דאַרפסט אים נישט זוכן, ער וועט דיך זוכן...

איסאַק אַבראַמאָוויטשעס קול קלינגט איבערן גאַנצן וואַלד:

— איר זאָגט, איך האָב היינט געמאַכט גימל, מען דאַרף דאָך זיין אַן הענט און אָן פיס, אַז מען זאָל מיט אַזעלכע גאָלדענע קאָרטן נישט צונעמען די באַנק. אַז ווילסטו די טויזן, איז ביי מיר! ווילסטו די מלכים, איז ביי מיר! די ניינטלעך, די צענטלעך, דער גאַנצער יאַריד — ביי מיר! נו, נו, אַן אויפדערנאַכט!... אַז עס גייט מיט דער האַנט, דאַרף מען גאַר־

נישט קענען שפּילן... דאַן קייקלט זיך די מטבע גלייך צו דיר אין טאַש אַריין...

שלמה זעצט זיך אויף אויפן גראָז, רייבט זיך די אויגן מיט ביידע קולאַקעס. אַרום אים קלעפּן נאָך שטיקלעך בילדער פון דעם מאָדנעם חלום. אים דאַכט זיך: ער קען זיי אָנטאַפּן מיט די הענט. אין וואַלד איז פייכט און גאַנץ קיל. די פינצטערניש איז ווי סמאָלע, שוואַרץ און קלעפּיק. קיין הימל זעט מען אין גאַנצן נישט. די אויערן זענען ביי אים אָנגעשפּיצט. ער הערט זיך איין: אויפן שליאַך פאַרביי זיין נאַכטלעגער גייט שמיידיק א פריילעכע קאָמפּאַניע. איינער פון זיי באַרימט זיך אויפן קול:

— דאָס איז שוין ביי מיר אַ סגולה: קום שטייט קלאַרא מאָיסיעיעווּנאַ הינטער מיינע פּלייצעס, אַזוי גייט מיר די קאָרט...

שלמה שפּרינגט אויף ווי אַן אָפּגעבריטער: איסאַק אַבראַמאָוויטשעס קול.

ער לויפט אַרויס אויפן שליאַך, די קאָמפּאַניע איז שוין ווייטלעך. אָט־אָט פאַרקערעווען זיי. שלמה לאָזט זיך לויפן און שרייט מיט אַלע כוחות:

— איסאַק אַבראַמאָוויטש!... איסאַק אַבראַמאָוויטש!...

קאפיטל XXXI

די קאָמפּאַניע, זעט ער, האָט זיך אָפּגעשטעלט. איין פיגור טיילט זיך אויס פון דער מאַסע און גייט אים אַקעגן.

— ווער רופט דאָס מיך? אַ־הו!...

— איך. — איסאַק אַבראַמאָוויטש! ס'איז איך!...

אַ פרויען־געשטאַלט לאָזט זיך אויך גיין פון דער קאָמפּאַניע קעגן דעם לויפנדיקן. אין דער פינצטערניש באַגעגענען זיך די צוויי מענער און דער־קענען זיך.

— סאַלאָמאָן אַראָנאָוויטש, דו ביסט אויך אַ דאַטשניק?

— י־י־יאָ... איך בין אויך אַ דאַטשניק.

— שוין פון לאַנג?

— שוין היפּשע עטלעכע שעה...

עס איז צוגעקומען קלאַרא מאָיסיעיעוונאַ. שלמה האָט איר דערלאַנגט די האַנט. יענע האָט זיך געוווּנדערט:

— ווי שעמט איר אייך נישט, סאָלאָמאָן, ביי אַ יונגן מענטשן ווי איר, זאָל זיין אַזאַ קאַלטע האַנט? צי איר האָט זי געהאַלטן אין קאַלט וואַסער?

— געטראָפן, איך האָב זי טאַקע ערשט אַרויסגענומען פון קאַלט וואַסער.

— און פאַר וואָס זענט איר עפּעס אָן אַ היטל און אָן אַ אויבער־מאַנטל?

שלמה גיט זיך אַ טאַפּ ביים קאָפּ: יאָ, ער גייט טאַקע אַרום בגלוי־ראש! ער גיט אַ צי מיט די אַקסלען, קוקט זיך אום פאַרלוירן אויפן וואַלד און זאָגט פאַרשעמט:

— פאַרשטייט איר מיך... איך האָב זיך געאיילט אייך צו דעריאָגן און נישט באַוויזן זיך אָנצוטון... יאָ, איך פאַרהאַלט אייך און פרעמדע מענטשן וואַרטן דאָרט... וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? איסאַק אַבראַמאָ־וויטש, איך דאַרף אייך זייער נייטיק האָבן.

— איצט? דריי ביי נאַכט?

— יאָ, איצט, שוין! עס איז זייער דרינגנדיק!

— נו, קלאַרוסיאַ, גיי אַהיים און איך גיי שוין מיט אים. דו זעסט דאָך, אַז עס איז באַשערט אַ צרה, טרעפט זי צו דיר אַהיים.

— איסאַק, ווי איז דיר קיין בזיון נישט? סאָלאָמאָן קען זיך נאָך באַ־ליידיקן פאַר דיין „צרה"...

— זאָל דיך נישט אַרן, אויף מיר וועט זיך סאָלאָמאָן נישט באַליידיקן, ער ווייסט, אַז איך שפּאַס. ער איז ביי מיר שטענדיק אַן אָנגעלייגטער גאַסט. טאַ גיי, גיי אַהיים —

— ווען זשע וועסטו קומען?

— איינס פון די ביידע: אָדער איך וועל נאָך אַריינגיין אָדער נישט. דאָס וועט זיין געווענדט, ווען זיין „זייער נייטיק" וועט זיך ענדיקן.

— איסאַק, פֿון דעסט וועגן כאַפּ זיך אַריין פֿאַרן פֿאָרן און נעם מיט זיך מיט שלמהן אויך, וועט איר איבערבייסן...

שלמה באַרואיקט זי:

— האָט קיין יסורים נישט. מיר וועלן נאָך זיין ביי אייך פֿיל פֿריער פֿאַרן איבערבייסן. אַ גוטע נאַכט, צי אַ גוטן טאָג, און האָט נישט קיין פֿאַראיבל.

ווען דער גאַנצער עולם איז פֿאַרשוווּנדן, האָט איסאַק אַבראַמאָוויטש גענומען שלמהן אונטער דער האַנט:

— נו, זיי זענען שוין אַוועק. איצט זאָג, וואָס איז דאָרט?

— באַלד, נישט געכאַפּט, קומט אָקערשט אַ קאַפּעטשקעלע צוריק. איך דאַרף נאָך דאָ אין וואַלד עפּעס אַ זוך טון.

זיי זענען אַריין צוריק אין וואַלד אַריין און שלמה, אָפּלאָזנדיק איסאַק אַבראַמאָוויטשעס האַנט האָט, לעכערנדיק מיט זיינע שאַרפֿע אויגן די געדיכטע פֿינצטערניש, אָנגעהויבן זוכן זיינע מלבושים. ביי יעדן בוים האָט ער געשאַרט מיט די פֿיס, געטאַפּט מיט די הענט, אָבער חוץ פֿייכט גראָז מיט אָפּגעפֿאַלענע נאָדלען האָט ער גאָרנישט געפֿונען. איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם:

— זאָג נאָר, סאָלאָמאָן, אפֿשר גייסטו אַרום צו חלום? עפּעס זוכסטו, זע איך, דעם נעכטיקן טאָג.

— איסאַק אַבראַמאָוויטש, זייט נאָר נישט נערוועז. אָט באַלד וועל איך געפֿינען, וואָס איך זוך. ווייסט עס דער רוח! ווּהין האָט עס געקענט אַהינקומען? וועלכע שדים נוצן מיינע שמאַטעס? עפּעס נאָר ווי אויף צו להכעיס...

— ווייסטו וואָס, סאָלאָמאָן? דער קאָפּ שמערצט מיר זייער. איך בין ווי אין אַ טשאַד. ביז דו וועסט אַרומטאַפּן דעם וואַלד, וועל איך מיך אויף אַ רגעלע אָט דאָ אָנשפּאַרן. עס איז מיר אַזש טונקל אין די אויגן.

— מיטן גרעסטן כבוד, וואָס פֿרעגט איר עפּעס גאָר. איך וועל זיך לאַנג נישט זאַמען.

איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט האַרט ביים שליאַך אויפֿן גראָז, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין אַ בוים און איז געבליבן זיצן ווי פֿאַרקילט. שלמה איז פֿאַרשוווּנדן אין וואַלד. עס זענען פֿאַריבער פֿינף מינוט, נאָך פֿינף און נאָך פֿינף — אין ערגעץ קיין סימן פֿון קיין מאַנטל — ווי אין דער ערד אַריין!... שלמה האָט שוין געוואָלט אַ שפּיי טון אויף דער גאַנצער אבידה, נאָר אים איז געווען אַ שאָד: דאָס היטל איז געווען פֿון דעם זעלבן שטאָף וואָס דער אַנצוג, און דער מאַנטל אויך אַ נייער. ער האָט נאָך געמאַכט דעם לעצטן פּרווו. ער האָט גוט געדענקט, אַז ער איז אַקעגנגעלאָפֿן איסאַק אַבראַמאָוויטשן אַ מינוט אָדער אַנדערטהאַלבן. ער האָט זיך אומגעקערט צו דעם ווינקל, וווּ די קאָמפּאַניע האָט געזאָלט פֿאַרקערעווען, און פֿון דאָרט איז ער מיט דעם זעלבן טעמפּאָ אָפּגעלאָפֿן אויף צוריק אויך אַ מינוט אַנדערטהאַלבן און איז גלייך אַריין אין וואַלד. נאָך

עטלעכע מינוט זוכן האָט ער זיך אין עפּעס פאַרטשעפּעט און איז שיר נישט אומגעפאַלן. דאָס איז געווען זיין מאַנטל. דאָס היטל האָט זיך אויך גע־וואַלגערט נישט ווייט פונעם מאַנטל. אָן אַנגעטונענער, האָט שלמה זיך אומ־געקערט צו איסאַק אַבראַמאָוויטשן. ער האָט אים געטראָפן זיצן אין דער זעלבער פּאָזע, ווי ער האָט אים איבערגעלאָזט, און כראָפּען אויף וואָס די וועלט שטייט. שלמה האָט געפּרוווט אים אויפוועקן מיט אַ גרעזעלע ביי דער נאָז, צוליבגן זיין האַנטזייגער צו יענעמס אויער, נאָר זיין האַרטער שלאָף איז געווען שטאַרקער פון אַט די איידעלע מיטלען און ער האָט זיך גאָר קיין עצה נישט געקענט געבן: וואָס טוט מען איצט? זיין גאַנצע האַרעוואַניע מיט דעם פּראָווען גלות אין פּושטשע־וואָדיצע, אַלץ, אַלץ גייט אַוועק מיטן רויך. עס איז געבליבן ביז טאָג אַזוי ווייניק צייט און ער דאַרף אַזוי פיל זאַכן אַרומרעדן מיט איסאַק אַבראַמאָוויטשן, און צום סוף, פון אַלע מעשׂות שלאָפט ער גאָר אַזוי געשמאַק ווי נאָך אַ שוויצבאָד. שלמהן האָט זיך פון פאַרדרוס אַזש פאַרוואָלט וויינען: גוואַלד, באַלד וועט שוין אָנהייבן טאָגן! אָט דאָס איז ער געלאָפן קיין פּושטשע־וואָדיצע הינטן איסאַק אַבראַמאָ־וויטשן זיין זיסן שלאָף? ער האָט פאַרקריצט מיט די ציין, פאַרמאַכט די אויגן און אים האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס ערשט נישט לאַנג געזעענע בילד, ווי דבורה רייסט פון אים דעם צודעק און יאָמערט אויפן קול:

— „דו האָסט שוין פאַרגעסן, וואָס ניקאָלאַי האָט אָנגעזאָגט: אַז מען דאַרף אַלץ מאַכן אויף איין פוס, עס זאָל חלילה נישט קאַליע ווערן"?

שלמה עפנט די אויגן אַ צערייצטער. איסאַק אַבראַמאָוויטש מיט זיין ווילדן כראָפּען שיט אים זאַלץ אויף דער ווונד. ער קען זיך גאָר קיין עצה נישט געבן. מיט אַ מאָל, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וחשבון וואָס ער גייט טון, לויפט ער צו צו אים און שטעלט אים אויף אויף די פיס. יענער ווישט זיך די אויגן און קוקט פאַרוווּנדערט:

— וואָס איז? שוין זשע בין איך איינגעשלאָפן?

— ניין... עטוואָס... וואָס איז, איר זענט דען אַזוי שלעפעריק?

— נישט אַזוי שלעפעריק, ווי... דו פאַרשטייסט? די קאָרט איז מיר היינט געגאַנגען אַזוי משוגענערווייז, אַז כ'האָב נישט אַכטונג געגעבן אויפן פלעשל... און דער ליקער איז טאַקע געווען ערשטקלאַסיקער... כ'האָב היינט אויף דער נאַכט איינגעקאַסירט 920 רובל... נישקשה פון אַ קאָפּיקע, האַ? נאָר וויים איך, פּוסטע מעשׂות... זאָג, וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?

— ניין, איסאַק אַבראַמאָוויטש, אין אַזאַ שלעפעריקן צושטאַנד וועט זיך ביי אונדז גאָרנישט באַקומען. מיין פראַגע דאַרף באַהאַנדלט ווערן ביי אַ ניכטערן און וואַכנדיקן צושטאַנד.

איסאַק אַבראַמאָוויטש געניצט זיך אויס מיטן פולן מויל:

— איז אפשר טאַקע דאָס בעסטע אָפּלייגן אונדזער שמועס אויף אויף דער נאַכט. עס איז דען אַזוי נייטיק דווקא איצט?

אין שלמהס קול האָבן געציטערט טרערן פון ווייטיק און אומבאַ־האָלפנקייט:

— איסאַק אַבראַמאָוויטש, נישט נאָר עס איז נייטיק, נאָר ס'איז פקוח נפש... עס גייט מיר ממש אין לעבן...

איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט נאָך אַ מאָל אויסגעווישט די זיך קלעפּנדיקע אויגן און אַ קוק געטון אויף שלמהן:

— אין לעבן, זאָגסטו?

— נאָך מער, איסאַק אַבראַמאָוויטש.

איסאַק אַבראַמאָוויטשעס פּנים האָט שוין איצט אויסגעדריקט אַ טיפן ערנסט:

— אויב אַזוי, מוז מען צוקלערן אַ מיטל אויף צו פאַרטרייבן דעם שלאָף... שטיי, וואָס זשע טוט מען עפּעס אַזוינס אויף אַרויסטרייבן דעם טשאַד פונעם קאָפּ? איין סעקונדעלע... איך מוז עפּעס צוקלערן... וואַרט, וואַרט... אָ! עס איז דאָ. קום!

איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט געכאַפּט שלמהן אונטערן אָרעם, שטום באַמערקט, אַז שלמה טראָגט שוין אַ מאַנטל מיט אַ היטל און אים אַוועקגעשלעפּט אַראָפּ אין די געסלעך. ווען זיי האָבן פאַרלוירן דאָס לעצטע הייזל פונעם אויג, האָט זיך שלמה, אַ פאַרוווּנדערטער, געווענדעט צו איסאַק אַבראַמאָוויטשן:

— וווּהין זשע גייען מיר דאָס?

— צום דניעפּר.

— ביי נאַכט?

— איז וואָס, אַז ביי נאַכט? האָסטו מורא דערטרונקען ווערן?

— מיך דערטרינקען איז זייער שווער, איך שווים אויסגעצייכנט.

— נו אָט, מיר וועלן זיך אויסבאָדן, זיך דערפרישן, וועלן מיר מיט לויטערע מוחות נאָך דעם שמועסן.

— כ'מיין אָבער פאַר אייך... צי איז דאָס נישט ריזיקאַליש אין אייער איצטיקן צושטאַנד?

— ע, אַזוי ווייט איז דאָס נאָך נישט דערגאַנגען... דו מיינסט אויף אַן אמת?... שכּור בין איך נישט...

און לאַכנדיק האָט ער צוגעגעבן:

— און ווידער, דו ביסט דאָך עפּעס אַ העלד: טאָמער עפּעס וואָס, וועסט דו מיך ראַטעווען... 920 רובל... פאַרשטייסט אַ מעשה? און אַ קאָפּיקע נישט פאַרשפּילט...

דער דניעפּר איז קעניגלעך געשלאָפן אין זיין לענגלעכער קאָרעטע. דאָס וואַסער איז געווען שוואַרץ, אומהיימלעך און קאַלט. שלמה האָט זיך דער ערשטער אַריינגעוואָרפן אין דער פיינטלעכער מאַסע. זעענדיק פון טייך, אַז איסאַק אַבראַמאָוויטש זאַמט זיך, האָט ער אים גענומען מכבד זיין מיט פולע הויפנס וואַסער. איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט זיך געבריט און געקוויטשעט, ביז ער איז, נישט טרעפנדיק מיט קיין צאָן אויף קיין צאָן, אויך אַריין אין וואַסער.

אָנגעטון האָט מען זיך שווייגנדיק און גיך. געמאַכט עטלעכע גימנאַס-

טישע איבונגען, האָבן זיי זיך מונטער געלאָזט גיין לענג־אויס דעם דניעפּר. דער וואַלד האָט זיך פאַרטייעט אין פאַרטאַגיקן נעפּל.

— איר וועט מיר גלייבן, איסאַק אַבראַמאָוויטש? איך ווייס אפילו נישט פון וואַנען אָנצוהייבן. מיין געשיכטע האָט אַכצן עטאַפּן...

— דאָס בעסטע וועט זיין, אַז דו וועסט אָנהייבן פון פאַרן ערשטן עטאַפּ.

— פאָלג איך אייך. הערט זיך איין און ווילט נישט שלאָפן.

— נאָך אָט דעם קאַלטן ביטל וועל איך שוין, דאַכט זיך, אַ וואָך נישט קענען שלאָפן...

— אויב אַזוי, איז רעכט. פון וואָס זשע הייב איך אָן? אַז פון וואָס איך זאָל נישט אָנהייבן, איז דאָ נאָך אַ פאַרפריער און נאָך אַ פאַרפריער... בקיצור, אָט דאָס איז עס:

„אין יאָר 1928 האָט מיך מיין פאָטער געבראַכט קיין קיעוו, כדי מאַכן אַ פּראָטעזע אויף מיין פאַרווונדעטן פוס —

קאפיטל XXXII

סיי די געהיימניספולע נאכט, סיי דער וואלד, דער טייך, און אלע איבע־ריקע גלידער פון דער ארומיקער לאנדשאפט, האבן זיך פארציקאוועטע איינגעהערט אין דער פארטאגיקער דערציילונג, וואס ווערט דערציילט אזוי סודותדיק און מיט אזא התלהבות און אויסגעהערט מיט אזא טיפער אויפ־מערקזאמקייט. ווי לעבעדיק איז אדורכגעשוווימען שלמהס ערשטע באגעג־ניש מיט מארינא וואסיליעווגען אויף יעוו־באז אין יענער לבנה־נאכט... שווי־דערלעך איז אפגעמאלט געווארן די פארצווייפלטע לאגע פון די לאמאוואצ־קעס. ער האט נישט פארגעסן צוצוגעבן, אז ער, שמואליק, איז זיין צו־קונפטיקער פעטער. דערנאך האט ער פינקטלעך איבערגעגעבן אלע איינצל־הייטן וועגן זיין נסיעה קיין סלאוווטע, וועגן זיין באגעגעניש מיט דער פרא־פעסארשע, און וועגן איר דערשיטערנדיקער טראגעדיע. דערציילט וועגן מא־רינקעס דערקענען אים און ווארט ווערטלעך וועגן דעם צו וואס ער האט זיך דערדעדט מיט ניקאלאיען. דאן האט ער אים אין געציילטע דיבורים געזאגט, נאך וואס ער איז געקומען קיין פושטשע־וואדיצע די נאכט, און ווי אזוי ער האט דערקענט זיין קול אין שלאף.

שלמה האט זיך אפגעשטעלט, גענומען יענעמס האנט און הייס ארויס־געפליסטערט:

— איך ווענד זיך צו אייך, איסאק אבראמאוויטש, ווי צו אן אייגענעם פאטער. איך בין מער ווי זיכער, אז אן אייער הילף וועל איך גארנישט דער־גרייכן. איך דארף דריי זאכן און צו אלע דריי מוזט איר צוטראכטן א דרך הישר.

צום אלעם ערשטן דארף איך פון לעוויטינען א דאקומענט, אז דעם דרייצנטן מאי איז ווינאגראדאוו סערגעי טימאפיעיעוויטש געווען פארנומען אויף א קרימינאל־מעדיצינישער אונטערזוכונג. דער דאזיקער דאקומענט וועט בלויז אוועקגעלייגט ווערן אין געריכטלעכן ארכיוו. ער וועט קיין מאל אויף זיך קיין עוררים* נישט האבן. דערפאר בין איך ערוב...

צווייטנס, דארף איך, ער זאל באשטעטיקן אן אקט, אז דער אויטא פון א שוסטערישן ארטעל, וועלכער האט דעם 26טן יוני באקומען לויטן אר־דער נומער איקס און לויט דער פאקטורע נומער איגריק אזא און אזא אסארטימענט פון פערצן פעלן לעדער פון זאוואד נומער זיבן, האט ווירק־לעך אויפן וועג אין ארטעל אריין געליטן א קאטאסטראפע, און די פעלן זענען אויף יענעם טאג אפגעלייגט געווארן ביי לאמאוואצקען אין שטוב. דאס איז אלץ, וואס איך דארף פון לעוויטינען. אגב, דעם אויבנדערמאנטן אקט, וועל איך אים ברענגען א פארטיקן.

און די דריטע זאך: איך דארף א שטארקע האנט אין זשיטאמירער

---

* טענה-האבערס, אונטערגראבערס.

דירעקציע פון „גאַסטראָנאָם", וועלכע זאָל זיין בכח מיר אַרויסצוגעבן די נייטיקע קאָפּיעס פון לאָמאַוואַצקעס סיסטעמאַטישע ווענדונגען צו דער פאַרוואַלטונג. קוים וועלן די דריי מינים דאָקומענטן זיין ביי מיר אין די הענט, בין איך בטוח, אַז איך ברענג קיין קיעוו מיינע צוויי אַרעסטאַנטן. נאָר, טייערער, ליבער איסאַק אַבראַמאָוויטש, נישט צו לעוויטינען, נישט קיין זשיטאָמיר האָב איך נישט קיין צוטריט אָן אייך. צוליב אונדזער אַל־טער פריינטשאַפט דאַרפט איר אַלע אייערע פעאיקייטן אויסנוצן, אַז מיין אויסערגעוויינלעכער שאַנס ביים סלאַוווטער פּראָקוראָר זאָל נישט פאַרלוירן גיין. אַזאַ גליקלעכער צופאַל טרעפט איין מאָל אין טויזנט יאָר. און לאָמאַ־וואַצקי, דאַרפט איר נישט פאַרגעסן, איז מיין אייגן בלוט און פלייש...

— וואָס, זאָגסטו, געהער ער דיר אָן?

— מיין כלהס מוטערס אַ לייבלעכער ברודער...

— דיין כלה איז נישט די זעלבע, וואָס איך מיט קלאַראַ מאָיסייעוו־נען האָבן אַ מאָל באַגעגנט מיט דיר אין דער רוסישער דראַמע?

— יאָ, יאָ, די זעלבע.

— אָ, אַ זעלטענע שיינהייט!... איך געדענק, אַז קומענדיק אַהיים האָט קלאַראַ איבערגערעדט, אַז דו האָסט אַ פיינעם געשמאַק. יאָ, אַזעלכע שיינ־הייטן טרעפן זיך זעלטן...

— אַ דאַנק פאַר אַ גוטער מיינונג.

— צו געזונט. ס'איז שוין לאַנג, אַז דו ביסט אַ חתן פאַר איר?

— מ'יאָ... עס הייסט — ניין... אַרום אַ יאָר...

— פאַר וואָס זשע האָט איר נישט חתונה?

— נו, מיין אַרעסט, איר ווייסט דאָך גוט...

— ער האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה... נו, און פון דיין באַפרייאונג אָן?

— עס זענען נאָך אַלץ געווען שטערונגען.

— אָבער זי איז נאָך עפּעס אַ מיידל פון דיין שניט?

— זי וועט זיין פון מיין שניט.

— אַזוי... מהם... זי וועט זיין... דאָס איז עפּעס אַנדערש.

— פאַר וואָס זשע אָרגאַניזירט איר אַזוי פּילדרייטיק?

— חס־ושלום! אַז דו זאָגסט: „זי וועט זיין", מן־הסתם ווייסטו דאָך. ביסט דאָך נישט קיין קינד... אַלנפאַלס דאָס איז דיינע אַ פּריוואַטע זאַך...

היפּשע עטלעכע מינוט זענען זיי געגאַנגען שטיל.

— נו, איסאַק אַבראַמאָוויטש, איר האָט מיר נאָך גאָרנישט געענט־פערט וועגן מיין עיקרדיקן ענין.

— איך ווייס... איך האָב גאָרנישט געענטפערט, ווייל עס איז זייער שווער צו ענטפערן דערויף, מיין טייערער.

— פאַר וואָס זשע, איסאַק אַבראַמאָוויטש?

— ווייל דאָס, וואָס דו פאָדערסט פון סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטשן, איז זיי־ער אַ שווערע זאַך... כאָטש ער איז אַ פאָלקאָווניק פון דער מיליץ, דאָך האָט ער אויך אויף זיך בעלי־בתים...

— דאָס פאַרשטיי איך גאַנץ גוט, גלייבט מיר, אָבער דאָך...

— דאָך אַהין, דאָך אַהער, ס'איז דיר נישט קיין חסידישע מלוה־מלכה... איך האָב נאָך לעת־עתה נישט געהערט, אַז ער זאָל שוין האָבן אַ מאָל עמעצן געטון אַזעלכע טובות...

שלמה כאַפּט אָן איסאַק אַבראַמאָוויטשן ביי דער האַנט:

— וואָס הייסט טובות? איך מיין דען באַקומען דאָס אַלץ אַלס טובה? איך וועל אים גוט באַלוינען. ביי אייך אין דריטן מאַגאַזין אויף מאַרקסאַ 19 הענגט אונטערן גלאָז בער אַ וואַזשנער טעפּיך פאַר 73 דאָלאַר, שיקט אים אָפּ צו לעוויטינען צוזאַמען מיט זעקס מעטער ריגער באַסטאָן מיטן דויטן ברעגעלע, אויף צוויי אַנצוגן פאַר אים מיט דער פרוי. אַ מתנה פון העכער הונדערט דאָלאַר איז דען נישט גענוג?

— טראַ־טאַ־טאַ־טאַ... טאַראַבאַניע נישט אַזוי שטאַרק... האָסט זיך שוין צעלאָזט? דו וואַרפסט זיך מיט הונדערטער דאָלאַרן, גלייך ווי זיי וואָלטן דיר שטאַרק גרינג אָנגעקומען. הונדערט דאָלאַר!... צוגעטראַכט אַ קיילעכ־דיקע סומע. וואַרט, לאָז מיך אַ ביסל אַ קלער טון. דאָ איז נישט דאָס געלט דער עיקר. געלט איז געלט, נאָר אויף קיין שטאַרק טריפהנע זאַכן וועט סיאָמקע נישט גיין... יעדע קאָמבינאַציע מוז אויסערלעך אויסזען געזעצ־לעך, גלאַט און אומשולדיק... שאַ, לאָז מיך אַרומקלערן די סיטואַציע אַרום און אַרום... שלאָג מיר נישט איבער...

אויפן הימל איז געווען אַ צעקאָכעניש. עס איז געווען קענטיק, אַז פון יענער זייט וואַלד איז געבוירן געוואָרן אַ נייע זון. כוואַליעס ראָזע וואָלקנ־דלעך האָבן פאַרשעמטע און צעפלאָסענע, אין אימפּעט צוריקגעטרעטן פון האָריזאָנט, פאַרלירנדיק אויפן וועג גרעסערע און קלענערע שטיקער, ווי צעפליקטע פּאַלעס פון אַ זיידן טליתל. דער וואַלד האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דעם ביינאַכטיקן אומעט. אומגעזעענע כאָרן פון פייגעלעך האָבן אויף אַלערליי קולות באַגעגנט דעם גאָלדענעם פּרימאָרגן, באַזונגען די מילדע שטראַלן פון דער זון, אָפּגעשיקט אַ לויבגעזאַנג דעם באַשעפער פאַר זיין שיין, זים וועלטל.

אַ לייכטער שנאָל אין דער נאָז האָט שלמהן געצווינגען אויפצוואַכן פון יענער פּאָעטישער התבוננות אין וועלכער זיין נשמה איז געווען אַריינגעטון.

— הערסטו, ביסט דאָך טאַקע אַ מלאך גאָרנישט אויף קאַטאָוועס! שוין דאָס דריטע מאָל, אַז איך זאָג דיר עפּעס און דו ביסט גאָרנישט אויף דעם עולם. די זאַך איז אַזוי דערפון: בנוגע דעם אַקט וועגן דעם לעדער וועסטו אַליין דאַרפן צוזוכן אַן אַרטעל, וואָס האָט אַ שייכות דערצו.

— איך האָב אַזאַ אַרטעל און בין מיטן פּאָרזיצער גאָר, גאָר אַ שמעלקע...

— איז טאַקע זייער גוט. און ער אַליין וועט טאַקע דאַרפן אויספּועלן אין זאַוואָד אַן אָרדער פון יענער דאַטע. חוץ דעם מוזסטו אַליין ערגעץ צוזוכן עפּעס אַ שאָפער מיט אַ מיליציאָנערל. מיט אָט דער גאַנצער דאָקו־מענטאַציע און מיט דעם לעבעדיקן „אינווענטאַר" וועסטו קומען צו לעווי־טינען אין קאַבינעט און מיר וועלן שוין ווי עס איז באַוואָרענען, אַז ער

זאָל נישט אַריינלייגן די האַנט טיף אין קעשענע, צונויפשטעלן אַזאַ אַקט און אים באַשטעטיקן מיט זיין הויכגעשטעלטן אונטערשריפט און מיטן רויטן זיגל.

— אַנטשולדיקט, איסאַק אַבראַמאָוויטש, וואָס איך שלאָג אייך איבער, אָבער ווו וועל איך נעמען אַזאַ דרייסטן מיליציאָנער, וואָס זאָל וואַגן צו גיין אויף אַ פאַלשקייט ביי אַזאַ גרויסן נאַטשאַלניק אין קאַבינעט?

— ביסט, דאַכט זיך, נישט קיין נאַר און פרעגסט אַזאַ נאַרישע פראַגע. אויב לעוויטין וועט מסכים זיין צו באַשטעטיקן אַזאַ „סוכה־שער" אין דער אַנוועזנהייט פון אַ „ניזשנעי טשין", מעג ער שוין קיין מורא נישט האָבן און זיך האַלטן דרייסט. ווייטער, דער אויפטו מיטן פּראָפעסאָר, וואָס דאָס איז אַ קיילעכדיקע פּיקציע, דאָרטן קענסטו שוין קיין שום פאַרמאַסקירונג נישט שאַפן, דערצו דאַרפסטו שוין אַן אַנדער טאַלאַנט אויסנוצן. טרעף וועלכן?

— ווי אַזוי קען איך טרעפן? איצט קוק איך נאָר אייך אין מויל אַריין.

— דו וועסט מיט מיר אַריינגיין צו לעוויטינען און אים דערציילן דאָס זעלבע, וואָס דו האָסט מיר דערציילט. ער איז זייער אַ קלוגער מענטש. זייער אַ קלוגער און פון דער טבע נישט קיין שלעכטער. אויב דו וועסט אים קענען איבערצייגן אין דעם פּראָפעסאָרס אומשולד אַזוי ווי מיך — און דו ביסט דאָך אַ מייסטער אויף די זאַכן — וועט ער דיר געבן אַזאַ דאָקומענט, אַז ער איז געווען אין קיעוו יענעם טאָג פון דעם אַבאָרט. און וואָס דו זאָגסט, אַז דו ווילסט אים שענקען יענעם טעפּיך מיט אינדיגאָ — דאַרף מען נישט, ברענג זיך נישט אויס קיין איבעריקס!

איסאַק אַבראַמאָוויטש פאַרקלערט זיך אויף אַ ווײַלע און זאָגט מיט אַ שמייכל:

— טאַקע מתנות, קיינער זאָגט נישט ניין, אָן דעם קען קיין רייד נישט זיין, אָבער מירן עס מאַכן אַ ביסעלע מאָדערנער. דו האָסט געהערט יענעם וויץ מיט די אַרבעס? שאַ, ס'איז דאָך גאָר אייערער אַ וויץ, אַ חסידישער...

— דהיינו? איך ווייס נישט וועלכן איר מיינט...

— ...צוויי חסידים, שמעיה און בעריש, האָבן זיך גלייכצייטיק מתודה געווען פאַר זייער רבין אויף איין און דער זעלבער עבירה. דער רבי האָט זיי אַרויסגעגעבן איין און די זעלבע תשובה: אָנשיטן אַרבעס אין די שיך און אַזוי אַרומגיין שלושים יום. נאָכן חודש, ווידער אַ מאָל קומען. אין אַ חודש אַרום האָבן זיך די חסידים ווידער באַגעגנט. שמעיה האָט שטאַרק געהינקען און בעריש איז אַרומגעגאַנגען בקומה־זקופה, גלייך ווי ס'איז גאָרנישט געווען. שמעיהן האָט עס שטאַרק געוווּנדערט און ער פרעגט ביי זיין חבר: „בעריש, געשיקט זיך, אַז דו האָסט עובר געווען אויף דעם רבינס רייד? פון דיין אַרומגיין בנטית־גרון ווי אַ גאַנער, פאַרשטיי איך, אַז דו האָסט קיין אַרבעס אין די שיך נישט אַריינגעלייגט"... בעריש גייט אַזש אַריין אין דער קפידה: „חס ושלום! וואָס הייסט נישט אַריינגעלייגט?

אַזאַ מעשה גאָר! נאָך ווי אַזוי אַריינגעלייגט — נישט געזשאַלעוועט, נישט מער — איך האָב זיי פריער געלאָזט אָפּקאָכן —

שלמהס געלעכטער צעשיט זיך ווי אַ גלעקל איבערן וואַלד און איסאַק אַבראַמאָוויטש דערענדיקט שמייכלענדיק זיין געדאַנק:

— אַרבעס יאָ... כ׳מיין — מתנות, אָבער אויף אַן אײדעלן מאַניער. יענע וואָך בין איך מיט קלאַראַ מאָיסיעיעוונען געווען ביי אים צו גאַסט, האָט מען פּונקט גערעדט וועגן דעם, אַז אין זיין רייך מעבלירטן זאַל פעלט אַ שיינער קאַנדעלאַבער. אַנצוגן מיט טעפּיכער האָט ער אַליין גענוג און דווקא דער לאָמפּ אין סאַלאָן הענגט ביי אים כמעט אַ נאַקעטער. וועל איך נעמען פון צענטראַלן מאַגאַזין, דאָרט אין לינקן ווינקל, פאַר דער בילדער־אָפּטיילונג, הענגט אַ לוקסוסדיקער קרישטאָלענער קאַנדעלאַבער און גראָד קאָסט ער האַלב פון דעם, וואָס ער האָט די ווערט, אין גאַנצן פיר און דרייסיק דאָלאַר, אַ מציאה פאַר אַ גנב, זאָג איך דיר... וועט עס זיין זייער אַ רייכער געשאַנק.

שלמה גיט אומגעדולדיק אַ שעפּ אַן לופט אין די לונגען, וויל אַ פּנים עפּעס זאָגן, נאָר שטיינבערג לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט.

— און אַז דו ווייסט שוין גאָר וועלן, האָבן מיר אייערנעכטן באַקומען אַ טראַנספּאָרט פּראַכטפולע עלעקטראָפאָנען, מיט העכער הונדערט מאַדערנע פּלאַסטינקעס צו יעדן איינעם פון זיי. עס קאָסט אַרום און אַרום ביי אַכצן דאָלאַר אַ שטיק, דאָס האָט ער אויך נישט. אַ ראַדיאָ־אויפנעמער האָט ער און אַזעלכעס נישט. וועל איך היינט נאָך נעמען אָט די צוויי זאַכן און אָפּשיקן צו אים אַהיים. איך וועל אפילו מיטשיקן אונדזער עלעקטראָ־מאָנטיאָר, ער זאָל אָט דיביידע זאַכן גלייך צופּאַסן און ברענגען צו פּור־לער אָרדענונג. אויב ער וועט מיר אָנקלינגען און מיך פרעגן, וואָס דאָס באַטייט, וועל איך שוין וויסן וואָס אים צו ענטפערן. נאָר גיין צו אים, איי־דער דו האָסט דעם אָרדער מיטן שאָפער, מיטן אַגענט און דעם מיליציאָ־נער — איז נישטאָ וואָס. דער סאָרט מענטשן האָט ליב, אַז מען דאַרף עפּעס מאַכן אַ קונץ, איז — איינס און צוויי, אָפּגעבאַקן און אַראָפּ פונעם מאַרק, פאַרשטייסט? און דעם פּראָפעסאָרס דאָקומענט איז אויך נאַריש־קייטן. ערגער פון אַלץ איז מיט זשיטאָמיר! אָט דאָרט גוטער־ברודער, איז שווער ווי קריעת ים־סוף. ערשטנס האָב איך דאָרט נישט קיין לעוויטינען. ווי פאָרמעל סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש זאָל זיך נישט שטעלן, האָב איך דאָך אויף אים אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג. אָבער זשיטאָמיר? אַ פרעמדע וועלט מיט פרעמדע מענטשן. און דערצו פאַרשטייסטו דען, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון זשיטאָמירער גאַסטראָנאָם־דירעקציע?

— אָ! איך פאַרשטיי זייער גוט, איסאַק אַבראַמאָוויטש. אוי, פאַרשטיי איך... זשיטאָמיר, אונטערשרייבנדיק זיך אויף אַזעלכע קאָפּיעס, נעמט אי־בער מיט דעם זעלבן אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די הונדערט צען טויזנט רובל, וואָס פעלן אין מאַגאַזין...

— ס׳איז כאָטש גוט, וואָס דו ווייסט... איך האָב געמיינט, אַז דו פאַר־

שטייסט דאס נישט. איצט, גיב א קלער: ווער זשע וועט היינטיקע צייטן, ביי דעם וואלקאניש־העלישן פלאם, נעמען אויף זיך אזא בלוטיקע געשיכטע? אדרבה, זאג דו אליין...

— איסאק אבראמאוויטש, גלייבט מיר, דאס אלץ האב איך געוויגן און געמאסטן, ווען איך האב געמאכט דעם פארשלאג ביי קריוואראטשקען אין שטוב אין סלאוווטע. און דערפאר האב איך אייך באלד פון אנהייב געזאגט, אז איך דארף האבן א שטארקע האנט אין זשיטאמירער דירעקציע פון גאסטראנאם. נאר פון דעסט וועגן זענען דאך פאראן אויך מילדערנדיקע אומשטענדן, עס איז דאך, קלער איך, א גאנצער נדן, וואס אט די קאפיעס קומען אן אין אזעלכע הענט, וואס וועלן זיי באהאלטן אין אזא ארט, ווו קיין שד וועט זיי נישט געפינען. ערשטנס, ווייל יענע מענטשן זענען מיר געטריי, און צווייטנס, ווייל זייער זיכערקייט הענגט אויך אפ דערפון, אז די קאפיעס זאלן קיין מאל די ליכטיקע שיין נישט זען... און ווידער, טאקע נאך א מאל דאס אייגענע — באצאלן...

איסאק אבראמאוויטשעס געלעכטער האט געקלונגען איבערן גאנצן וואלד:

— זעסטו, דאס האב איך זיך שוין אויף דיר נישט געריכט, סאלאמאן אראנאוויטש. דו ביסט, דאכט זיך, א קלוגער, און פארט א נאר... דו באליידיק זיך אויף מיר נישט, וואס איך רעד מיט דיר אזוי אפן, נאר ווי איז דען מעגלעך אנדערש צו טון, ווען דו רעדסט אזעלכע זאכן, אז עס קלעפט זיך נישט א ווארט צו א ווארט. באצאלן... וועמען באצאלן? דו האסט דא אן עסק מיט א מיליציאנער, צי מיט עפעס אן אנגעשטעלטן ערגעץ אין אן אנשטאלט, וואס מיט עטלעכע הונדערטער צי מיט א טויזנטער קויפסטו אים אפ. דא דארף מען אנקומען צו די טויזן פון א געגנטפארוואלטונג פון אזא נגידיש געשעפט ווי גאסטראנאם און אין אזא וויכטיקער פראגע, ווי נעמען אויף זיך א פארטיקן פארברעכן. דו פארשטייסט דאך, אז אין דעם צוזאג, אז קיין שום רעוויזיע וועט נישט שולט זיין אין דעם ענין, — איז זייער שווער צו גלייבן... צי דו האסט זיך איינגערעדט, אז ווי נאר דו זאגסט דאס, אזוי גלייבט מען דיר באלד? אט די פולבייביקע גאסטראנאמשטשיקעס וועסטו באצאלן? יעדער איינער פון די דאזיקע טשינאווניקעס פארמאגט פיל טויזנטער דאלארן און דו מיינסט זיי צו קויפן? ניין, ברודערקע, דא דארף מען גאר אן אנדער כח, נישט דעם כח פון געלט! דאס איז די שווערסטע אויפגאבע, דאס זשיטאמיר... נאר מען מוז עפעס צוקלערן... עפעס אזוינס... עפעס גאר א זייטיקס... און עס זאל טרעפן גלייך אין ציל... איין רגעלע... וואס קלערט מען דא צו?

שלמה נעמט הארציק ארום איסאק אבראמאוויטשן און שעפטשעט ווארעם:

— טייערער, זיסער איסאק אבראמאוויטש, איך האב אבער געוווסט, אז איך וועל טרעפן אין אייך א געטרייען פריינד. איך ווייס גארנישט, ווי אויסצו־

דריקן איך מיין דאַנקבאַרקייט פאַר אייער איבערנעמען דאָס גאַנצע שתּד־לנות אין מיינעם אַ פּריוואַטן ענין.

— עס איז דאָך שוין אַן אַלטע מעשה, אַז דו ביסט אַ כשוף־מאַכער. האָסט מיך אַזוי אָנגעשטעקט מיט דיין התלהבות, אַז דיין לאַמאָוואַצקי ליגט מיר איצט, נישט אויפן קאָפּ, נאָר אין האַרצן מיט ביידע שטיוול, און איך קען מיר נאָר קיין עצה נישט געבן, ווי אַזוי קעמפט מען אוים זשיטאָמיר. שאַ! וואָס? אפשר טאַקע יאָ? וואָס קען שאַטן אַ טאַפּ טון אין וואַגן? פּרווון מעג מען דאָך...

ער גיט אַ צעטראָגענעם קוק אין שלמהס זייט אַריין און זאָגט שטיל:

— עפּעס איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק. אמת, זייער אַ ווייטער, נאָר אַ מעגלעכער. פרעג מיך נישט וואָס, עס איז דערווייל נישטאָ וואָס צו דער־ציילן. עס איז אַן אילוזיע. נאָר קיין שענערס האָב איך נאָך דערווייל נישט צוגעקלערט. מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען. דו גייסט צו מיט מיר אַהיים איבערבייסן? קלאַרא מאַיסיעיעוונאַ האָט דאָך דיך פאַרבעטן...

— אַ דאַנק פאַר דער איינלאַדונג, נאָר עס גייט מיר נישט קיין עסן. עס ברענט אויף מיר די הויט פאַר אומגעדולד, שוין צו זען עפּעס ממשות־דיקס פאַר מיינע אַרעסטאַנטן.

— וואָס וועסטו אויפטון מיט דיין אומגעדולד? דערפון וועט גיכער נישט ווערן. אויב נישט ביי מיר, וועסטו מוזן פאָרן אַהיים איבערבייסן...

— ניין, איך וועל בכלל אין דער היים נישט זיין, ביז איך וועל נישט ענדיקן מיט דעם ענין לאַמאָוואַצקי.

— פאַר וואָס זשע דאַרפסטו עפּעס וויכן די היים? מיין קאָפּ באַנעמט עס נישט.

— דאָרט קען איך נאָך אָנטרעפן אויף לאַמאָוואַצקעס פרוי און איך האָב איר גאָרנישט וואָס צו ענטפערן. איך קען איר נישט דערציילן קיין האַלבע מעשה. איר דאַרפט מיר מיטפילן.

— אַ ביסל איז דאָס טאַקע אַזוי, אָבער אין קיין טאָג ווערט דאָך אַזאַ זאַך נישט געבוירן. ווו וועסטו זיך אַרומוואַלגערן?

— כ'האָב אַ קליינע דאגה. אין קיעוו זענען דאָ פיל הייזער, ווו מען וועט מיך גערן אויפנעמען.

— מיט וואָס זשע זענען יענע „הייזער" בעסער? קענסט דאָך זיין ביי מיר!

— ניין, אַ דאַנק. זיין און נישט עסן, איז נישט אָנגענעם. און עסן, ווייסט איר דאָך, אַז איך עס נישט אין דער פרעמד.

— נו, איך בין דאָך דיר נישט קלאַרא. ניין איז נישט. בעטן קען איך נישט. טאָ קום אַריין צו מיר נאָך מיטאָג אין קאַבינעט, אַזוי זייגער דריי, פיר. דו פּרווו זיך עפּעס צונויפרעדן מכח דעם לעדער־זאַוואָד נומער זיבן און איך וועל מיר טון מיינס מכח זשיטאָמיר. באַלד אין דער פרי וועל איך לעווויטינגען אָפּשיקן דעם קאַנדעלאַבער מיט אַן עלעקטראָפאָן. וואָס אַנ־

באַלאַנגט צו אים, בין איך גאַנץ רואיק, ער וועט מיר גאָרנישט אָפּזאָגן. און מיט זשיטאָמיר וועט אויך גאָט העלפן. דו ביסט דאָך עפּעס אַ גלויביקער?

— אודאי גלייב איך אין זיין הילף, וואָס פאַר אַ פראַגע?

— און פון דער קאָנטאָר וועט דיר שוין גאָרנישט העלפן: וועסט מוזן פאָרן מיט מיר צוריק אַהער און קלאַרוסיאַ וועט דיר מאַכן אַ כשרע וועטשערע.

— פיל גלייכער וואָלט איר געטון, ווען איר גייט בעסער מיט מיר היינט אויף דער נאַכט, איידער איך מיט אייך...

— וווהין איז דאָס, מיט דיר?

— אין שול אַריין, צו קינות...

— צו וואָס? היינט אויף דער נאַכט איז דען תשעה־באב?

— וואָס חידושט איר אייך אַזוי, איסאַק אַבראַמאָוויטש? איר האָט געפונען אַ טעות אין לוח?

יענער ווערט פאַרשעמט:

— איך חידוש זיך נישט. גלאַט אַזוי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ פראַגע... אוי, ווי עס פליט דאָס לעבן! ערשט האָבן יידן געכאַפּט ביי אונדז מעל אויף מצות, איבערגעקערט אַלע יאַרוסן *... און איצט — שוין תשעה־באב! מאַמעניו, וויפל זשע איז נאָך געבליבן ביז... ביז יום־כפור?

— צוויי הדשים.

— אין גאַנצן צוויי חדשים? הערסטו, סאָלאָמאָן, איך בין שוין טאַקע אַן עלטערער מענטש. וויפל קלערסטו בין איך אַלט?

— זעקס, זיבן און דרייסיק.

— שוין דווקא דאָס צוויי און פערציקסטע...

— אָ, איר האַלט זיך יונג, איסאַק אַבראַמאָוויטש...

— און קלאַראַ וויפל מיינסטו איז אַלט?

— זי זעט נישט אויס אַלט צו זיין קיין דרייסיק...

— און פאַר וואָס זאָל זי יאָ אויסזען, אַז זי איז ערשט אין גאַנצן אַלט זיבן און צוואַנציק... זי איז דאָך ביי מיר נאָך גאָר אַ קינד...

— איז אָפּגערעדט, גייען מיר צוזאַמען צו קינות?

— דיר וואָלט גאָר געדאַרפט זיין אַ בזיון צו גיין מיט מיר. איך בין דאָך אַ פאָלנער גוי. נישט איך דאַוון, נישט איך היט אָפּ שבת.

— הערט שוין אויף, איסאַק אַבראַמאָוויטש, נאַ דיר גאָר אַ גוי. איר זענט אַזאַ גוי פונקט ווי איך. אָט גייט איר דאָך היינט זיך פאַרנעמען מיט פדיון־שבויים, שטייט איר בלויז צוליב דער עובדה העכער פון צענדליקער אַנדערע יידן. און דאָס וואָס איר דאַוונט נישט און היט נישט אָפּ שבת, האָט איר יעדעס מאָל אַ פרישע עבירה, אָבער אַ ייד זענט איר גלייך מיט אַלע... ווער שמועסט אייער גאָלדן האַרץ, טראָגט דאָך דעם שטעמפּל פון

---

* יאַרוס — צונויפגעליגטע זעק איינער אויפן אַנדערן.

אַן עכט ייִדיש האָרץ: רחמנים, גומלים... איז ווי בלייבט עס? גייען מיר היינט צוזאַמען צו קינות?

— איך וויל נישט צוזאָגן און בלייבן אַ ליגנער, מיר וועלן זען פֿאַר נאַכט... גיי, עס איז שוין שפּעט און זע צו פֿאַרסירן דעם אַקט מיט דיין אָרטעל. איך וועל אויך אָוועקלייגן אַלע געשעפֿטן און אַ טאָפּ טון עפּעס אַן ערטל מכּח זשיטאָמיר, און דריי, פֿיר אַ זייגער וועלן מיר זיך טיילן מיט די נייעס... יאָ, זאָג מיר, סאַלאָמאָן, און אויב איך וועל דיך מאָרגן דאַרפֿן, טאָרסטו גאָרנישט טון איבער תּשעה־באָב?

— וואָס פֿעלט אייך אײַן, איסאַק אַבראַמאָוויטש? ערשטנס, מעג מען תּשעה־באָב אַלץ טון. עס איז נישט קיין יום־טובֿ. צווייטנס, וואָלט איך אַפֿילו אום יום־כּיפּור אויך אַלץ געטון, אַבי כאָטש אויף וויפֿל עס איז נישט איז דערנעענטערן זייער באַפֿרייאונג.

— אום יום־כּיפּור?

— אַפֿילו צו כּל־נדרי, אַפֿילו צו נעילה...

— אַזוי טייער איז ער ביי דיר, לאַמאָוואַצקי?

— פֿאַר וואָס עפּעס דווקא לאַמאָוואַצקי? על פּי דין איז נישטאָ קיין הייליקערס ביי ייִדן ווי דעם חברים לעבן. דאָרט ווו עס גייט אין ראַטעווען אַ ייִדן, איז די תּורה מוחל אויף אַלע אירע מצוות.

— נו, שלמה, גייען מיר? עס איז שוין נאָך זיבן. האָב מיר אַ גוטן טאָג און זיי מצליח.

— דאָס זעלבע ווינטש איך אייך, איסאַק אַבראַמאָוויטש. זעט נאָר, איך דאַנק אייך אַפֿילו נישט.

— זייער גלייך טוסטו.

— איך מוז מיך נאָר פֿאַר אייך טיף אַנטשולדיקן. ביי נאַכט אָנגע־שפּאַרט אין דער סאָסנע זענט איר געשמאַק געשלאָפֿן און איך האָב אייך אַכזריותדיק אויפֿגעוועקט. איר מוזט מיר מוחל זיין, ווייל עס איז מיר גע־לעגן, ווי זאָגט מען, דער חלק אויפֿן האַלדז. איך האָב געפֿילט, אַז נאָך אַזאַ גינסטיקער מאָמענט אויף זיך צונויפֿצושמועסן וועט זיך מיר מער נישט טרעפֿן. איר דאַרפֿט מיך פֿאַרשטיין, עס איז חלילה נישט פֿון חוצפּה.

איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט פֿאַטערלעך אַרומגענומען שלמהן:

— הם... געפֿונען פֿאַר וואָס זיך צו אַנטשולדיקן... גיי, מאַך זיך נישט נאַריש...

קאפיטל XXXIII

עס איז נאָך קיין גאַנצע ניין נישט געווען. די קאָנטאָר איז נאָך געווען געשלאָסן, ווען שלמה איז שוין געשטאַנען אויף קאָראָלענקאָ 39, ביים אריינגאַנג פון „רויטן שוכוואַרגער", אַפּוואַרטנדיק דעם פּאַרזיצער פּאַליע־וואָי. כאָטש ער איז געווען מיד און מאַט פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, דער מח — צעשרויפּט אויף הונדערטער טיילן פון דער שווערער אונטערנע־מונג, וואָס ער האָט אויף זיך אַליין גענומען, דאָך האָט אים אָט דער ווייַ־טיקלעך־באַליבטער בנין אריבערגעטראָגן אין יענע הייסע „פּאַנטאָפּל"־יאָרן, ווען ער מיט זיינע חברים, אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער מחנה יידן, האָבן טאָג־טעגלעך געקעמפּט פאַר דעם לחם־הקלוקל, פאַר דעם רעכט צו עקזיס־טירן, נישט אַרבעטנדיק שבת.

נאָך דעם, ווי דער אָבקאָם פון דער פּאַרטיי האָט זיי דערלאַנגט מיט אַ מעסער אין רוקן און בחרפה צעטריבן די, וואָס האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויפן שבת, האָט מען גלייך געענדערט דעם נאָמען „פּאַנטאָפּל" אויף „רויטער שוכוואַרגער". דער אַלטער נאָמען האָט עפּעס געשראָקן די גרויסע באַלעבאַטים, ער האָט זיי דערמאָנט אין שטענדיקע מפּלות און אין אומגעזעצלעכע פאַרמען פון קאַמף. מען האָט געדאַרפט, אַז אָט דער פאַר־שאַלטענער נאָמען זאָל אויסגעריסן ווערן ביי דער וועלט פונעם זכרון ווי אַ שאַנדפלעק און קיין שריד ופליט זאָל מער פון אים נישט בלייבן. און גראָד דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. דער פיינטלעכער נאָמען „פּאַנ־טאָפּל", איז נאָך לאַנג־לאַנג איבערגעחזרט געוואָרן אין די אַמטלעכע פּרי־קאַזן, אין די געהיימע צירקוליאַרן און אפילו אין דער פּרעסע. אדרבה, זייער כוונה האָט געהאַט אַ פאַרקערטן דערפאָלג: די עפנטלעכקייט איז ערשט אַצינד געוויר געוואָרן, אַז עס האָט עקזיסטירט אַזאַ קערפּערשאַפט ווי „פּאַנטאָפּל" און וואָס זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

די סיבה פון אָט דעם פאַרשפּעטיקטן רעש, איז ווירקלעך געווען אַ קשהדיקע. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער אויטאָפּראָמסאָיוז און דער לעדערפּראָמסאָיוז האָבן אַלע מאָל אונטערגעוואָרפן אין געוועזענעם „פּאַנ־טאָפּל" אריין די סאַמע קוואַליפיצירטסטע אַרבעטער, גאַנץ פיינעם רוווארג, דאָך איז די אַרבעט אין „רויטן שוכוואַרגער" געגאַנגען אַלץ ערגער פון טאָג צו טאָג. די דיסציפּלין איז געפאַלן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן היפּשע גניבות. עס האָבן געגנבעט די נאַטשאַלניקעס, עס האָבן געגנבעט די צענדלי־קער פּריש־אויפגעקומענע בריגאַדירערס און טעכנישע אויפזעערס, עס האָבן געגנבעט די פּראָסטע אַרבעטער. די גנבה־עפּידעמיע האָט זיך סטיכיש פאַר־שפּרייט, אָנגעשטעקט אַלע פון גרויס ביז קליין. געהייסן האָט עס, אַז מען לקחנט ביי די פרומע יידן, כאָטש פון די פרומע יידן איז שוין אין אַר־טעל לאַנג קיין שפּור נישט געבליבן. אָנגעהויבן האָט מען, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, די „המוציא מיט האָניק" פון פאַרטיקער פּראָדוקציע. אַז אין

די פּאָליצעס איז געוואָרן קענטיק די „טשאַכאַטקע", האָט מען זיך אַ נעם געטון צום האַלב־פֿאַבריקאַט: פּאָדעשוועס — איז פּאָדעשוועס, כאָליוועס — איז כאָליוועס, קעפּלעך, זאַדניקעס, דאַן פּאָדעס, מאַשין־נאָדלען — אַלץ וואָס איז געקראָכן אין קעשענע אַריין, אין בוזעם, אין די כאָליוועס, און אַפילו אין היטל אַריין, אַלץ איז געווען גאַנגבאַר. אַנשטאָט דעם, וואָס ביי די אָפּגעשטאַנענע שומרי־שבת איז דער גאַנצער נאַטשאַלסטווע־שטאַט באַשטאַנען פֿון דריי, פֿיר מענטשן, איז איצט ביי די פֿאָרגעשריטענע, באַוווסטזיניקע אַרבעטער דאָס באַלעבאַטעווענדיקע געזינדל אויסגעוואַקסן אין אַ גאַנצן גאַרניזאָן. אויף יעדן דריטן אַרבעטער איז געווען אַן „אויג", און אויף יעדן פֿינפֿטל „אויגן" — אַ חוץ אַן אויג. און וואָס מער דער „רויטער שוכוואַרגער" האָט געווימלט מיט „קנעפּלעך", אַלץ מאָגערער זענען געוואָרן די סקלאַדן. די מערהייט פֿון די שלעפּערס זענען ווי געזאָגט אויסן געווען „שטעלן צום צעטל" די „נאַבאָזשנע זשידעס", וועלכע האָבן דאָ אַ מאָל געוועלטיקט, און די ערלעכע אַרבעטער וועלכע האָבן נישט געקענט פֿאַרטראָגן דאָס הפקרות מיט דער גזילה, וואָס קומט פֿאַר אַרום זיי, האָבן שוין בלויז פֿון פֿאַרדרוס... אויך נאָכגעטון... דערוויל האָבן די גנבֿות געבושעוועט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. עס האָבן אָנגעהויבן „אויסצוטרוקענען": איידעלע צווענגלעך, גרויסע שערן, פֿיינע העמערלעך און אַפילו... עלעקטרישע לעמפּעלעך.

דערזעענדיק דעם פּילפּאַכיקן בראָך, האָבן זיך די אַרבעטער אַליין דערשראָקן פֿאַר דעם אָפּגעטונענעם שטיקל אַרבעט, מען האָט אָנגעהויבן קוקן מיט אַ חשד אויף יעדן „פּנים חדשות": „צי איז דאָס צומאָל נישט קיין אויספֿאָרשער אָדער אַן אינספּעקטאָר פֿון מלוכה־קאָנטראָל"? די אומרואיקייט איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג און צווישן די עלטערע אַרבעטער האָט עמעצער געוואָרפֿן אַ כרוז: „מען דאַרף זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פֿון אָט דעם זשידאָווסקי אַרטעל, די באַבערדיקטע „באָגאָמאָלצעס * האָבן אַוועקגייענדיק פֿון דאַנען, אים פֿאַרשאָלטן"... און מערקווירדיק, ווי עס וואָלט ווירקלעך געלעגן אַ קללה אויף אָט דער אינסטימוציע: כאָטש זי האָט זיך געפֿונען אין צענטער פֿון שטאָט, אַקוראַט אַקעגן דעם אָפּערע־טעאַטער; כאָטש זייער וויניק וואַרשטאַטן אין שטאָט האָבן זיך געקענט באַרימען מיט אַזוינע גרויסע צימערן, מיט אַזעלכע באַקוועמע סקלאַדן, און בכלל מיט אַזאַ אַלזייטיקן קאָמפֿאָרט; כאָטש זי האָט פֿאַרמאָגט אַזאַ בכבודיקן שם אין דער קליין־אינדוסטריעלער וועלט און אַזאַ פֿעסטע פּאָזיציע אין דער מלוכה־באַנק — דאָך איז פֿון נאָך דער איבערקערעניש געגאַנגען די אַרבעט מיט דער פּוטער אַראָפּ... עס איז ממש אַ כישוף געשען: די סאַמע אויסגעפּרוווטע ספּעציאַליסטן האָבן געאַרבעט שלעכט. די סאַמע אָפּגעקליבענע מאַטעריאַלן פֿלעגן צעקאַליעטשעט ווערן, ווי נאָר מען האָט זיי איבערגעגעבן צו די אַרבעטער אין די הענט אַריין.

---

* דאַוועגערס.

דער קיעווטארג האט שוין אויף אן אמת אנגעהויבן צונעמען זייער פראדוקציע אלס דריטער און פערטער סארט. דער „מלוכה־קאנטראל" האט אויפגעהויבן א „ויצעקו": — „וואס איז געשען מיט דעם פאנטרעגערישן ארטעל" ? דער „מלוכה־פלאן" האט אנגעהויבן אליארמירן די העכערע אינסטאנצן: — „וווהין איז אהינגעקומען דאס סטאבילע שלאגלערישקייט פון דעם געוועזענעם „פאנטאפל" ? די האנדלס־נעץ, וועלכע איז שוין געווען געוווינט צו ערשטקלאסיקע טופל פון דער דאזיקער פירמע, האט אין דער גאנצער פרעסע ארויסגעטרעטן מיט קריטיקירנדיקע ארטיקלען אויפן חשבון פון די „קרובהשע פראמסאיוזן און דעם ניי־געבוירענעם „רויטן שוכווארגער". מיט דעם אפענעם סקאנדאל האט זיך פאראינטערעסירט די רעפובליקאנישע פראקוראטור... די באלעבאטים און די אונטער־באלעבאטימלעך זענען ממש געקראכן פון דער הויט צו פארריכטן דעם קאליע געווארענעם מעכאניזם, געהעכערט די ארבעטער דעם ארבעטס־לוין, צוגעזאגט צו פרעמירן יעדן חודש און נאך פארשידענע פריווילעגיעס. עס איז אבער אלץ געווען ארויסגעווארפן: צוזאמען מיט די כלי־קודש האט זיך אפגעטון די הצלחה פון קאראלענקא 39 און זי האט זיך פאר קיין שום פרייז נישט געוואלט אומקערן. קיין שום ארבעטער האט זיך נישט געהאלטן מער פון א וואך צייט, דער קוואליטעט פון דער פראדוקציע האט זיך פארמאסטן מיט דעם כמות: „ווער וועט גיכער אראפנידערן ? אין צווישן איז געקומען צו פארן א פארשטייער פון „מאסטארג", געוויר ווערן פאר וואס מען שטעלט נישט צו די זאטלשע שיך לויטן אפמאך. זעענדיק, אז ס'איז נישטא צו וועמען צו רעדן, אז די אלטע באלעבאטים זענען ערגעץ נעלם געווארן, און די נייע קוקן אריין אין זיין קאנטראקט ווי א האן אין „בני־אדם", האט ער זיך גלייך פארבינדן מיט זיינע שעפן און נאך א קורצן ישוב־הדעת האט ער איינגעגעבן אויפן „רויטן שוכווארגער" אין אלפארבאנדישן ארביטראזש *.

די געוועזענע מיטגלידער פון דער פאנטאפל־פארוואלטונג האבן איבערגעלעבט גרויסע פחדים. קאמיניעצקי האט בסוד סודות דערציילט גארדאנען, אז די פראקוראטור קלייבט זיך צו פארפירן א פראצעס קעגן זיי, ווי קעגן סאבאטאזשניקעס, וועלכע האבן צוליב זייערע קאנטר־רעוואלוציאנע טעמים ארגאניזירט א מאסנשטרייק פון די ארבעטער און געבראכט דעם ארטעל צו א פולקומען קראך. די חברה זענען ארומגעגאנגען אן קעפ, אייניקע פון זיי האבן שוין אפילו געקלערט פון שטעלן פיס, אבער קאמיניעצקי האט מיט א מאל אנגעהויבן ברענגען בארואיקנדיקערע ידיעות. דער געגנט־פארטקאם האט פארארדנט דער פראקוראטור, נישט צעבלאזן דעם ענין, נאר פארקערט ליקווידירן דעם סקאנדאל וואס גיכער און וואס שטי־

* א מלוכה-אינסטיטוציע פאר אויסגלייבן סכסוכים צווישן אנשטאלטן, כדי פארשפארן זיי אנצוקומען אין געריכט אריין.

לער: עס טויג נישט אויפצורודערן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג מיט ענלע־כע עפּיזאָדן. אָט אַזוי איז די שׂרפה אויסגעלאָשן געוואָרן, נאָך איידער זי האָט ארויסגעשטעקט אפילו איין צונג.

פאַר אַ שעיר לעזאזל פון דער גאַנצער געשיכטע איז אָנגעמערקט גע־וואָרן דער פינפהונדערט־העלד, סטעלמאַך. דער ליקווידאַטאָר פונעם אַלטן „פאַנטאָפל" און דער פאָרזיצער פונעם ניי־געבוירענעם „רויטן שוכוואַר־גער". אים האָבן דאָס די באַלעבאַטים אויסגעקליבן פאַרן שולדיקן אין אָט דער גאַנצער קאַטאַסטראָפע. מען האָט אים פון „פּאַרטיי־מיטגליד" אָי־בערגעפירט צוריק אין אַ „קאַנדידאַט" און אַלס אַ דיסציפּלינאַרע שטראָף אים אָפּקאָמאַנדירט קיין אירקוטסק אין אַ פּי־סאָווכאָז אַלס געהילף פון פאָרזיצער. מיט סטעלמאַכס עקזעקוציע האָט זיך פאַרענדיקט די פּרשה „פאַנטאָפל" און דער ענין איז פאַרגלעט געוואָרן. אין די שולן, אויף די סטאַראַזשאָוועס האָבן יידן געשמועסט, אַז אָט דער חוץ־מדרך־הטבעדיקער חורבן פונעם „פאַנטאָפל" איז ממש אָן אצבע אלקים. — „ווי דען: כּלי דאישתמיש בה קודש, ישתמש בה חול? * עלעהיי ארץ־ישׂראל, וואָס קיין שום אומה ולשון קען נישט אויפשטעלן אירע חורבות... און אויף דעם סטעלמאַכן איז אַ מצוה, אַ גוטער שונא־ישׂראל, כּן יאבדו כּל אויביך..."

אויף סטעלמאַכס אָרט איז צוגעשיקט געוואָרן אַלס פאָרזיצער אַן אַל־טער, אויסגעפּרוווטער „וואָלף" פון דער לייכטער אינדוסטריע, סאַמואיל לוואָוויטש פּאַליעוואָי. דאָס איז געווען אַ וויטעבסקער יונגערמאַן אין די מיטעלע יאָרן. פאַר דער רעוואָלוציע האָט ער געלערנט זעקס יאָר אין דער מיר, דער פאָטער האָט געוואָלט פון אים מאַכן אַ רב, נאָר דאָ האָט אויס־געבראָכן די וועלט־מלחמה. פּאַליעוואָי האָט אָנטייל גענומען אין ביידע מלחמות, אי אין דער אימפּעריאַליסטישער, אי אין דער בירגערלעכער, ער איז אַריין אין דער פּאַרטיי און נאָך דער קריג די גאַנצע צייט געאַרבעט אויף אָנפירנדיקע פּאָסטנס אין דער לייכטער אינדוסטריע. סאַמואיל לוואָוויטש איז געווען אַ קלוגער און אַן אויפריכטיקער מענטש, ער איז געווען אַ שטרענגער באַלעבאָס, זייער אַן אַרבעטספּעאיקער, און האָט זיך אויסגעטויגט אויף אַלערליי מאַכינאַציעס. שלמהס באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין יאָר 1931, באַלד ווי ער איז אַריינגעטרעטן אין „פאַנ־טאָפל". צו אים האָט דאָס שלמה איצט געוואָלט זיך ווענדן מיט זיין בקשה וועגן דעם אַקט. ער האָט פון לאַנג געוווסט, אַז פּאַליעוואָי, חוץ דעם וואָס ער איז אַ גוט־ברודערל און אַ בעל־סוד, האָט ער נאָך אַ גרויסע מעלה — ער האָט ליב אַ זייטיק־פאַרדינסטל. אָט אויף דעם דאָזיקן פּונקט האָט איצט שלמה געלייגט די גאַנצע האָפענונג. וואָס מער ער וועט זיך הייסן באַצאָלן פאַר דעם קונץ, אַלץ טיכטיקער וועט ער עס אָפּאַרבעטן. דאָס איז שוין בדוק ומנוסה! שלמה איז אַזוי געווען פאַרזונקען אין זיינע געדאַנ־

* אַ כּלי מיט וועלכער מען האָט זיך באַנוצט צו הייליקע צוועקן, זאָל מען נעמען נוצן צו פּשוטע? — פון דער גמרא.

קען, אַז ער האָט גאָר נישט באַמערקט, ווי אַ יונגערמאַן איז צוגעקומען, נייגעריק אים באַטראַכט פון אַלע זייטן, און אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אויף זיין אַקסל, פריילעך אויסגערופן:

— זדראַוו, פּיאַטיגאַרסקי, צוריק צו אונדז?

— אַה, פּאַליעוואַי... שלום עליכם! דו ביסט איצט שטאַרק פאַרנומען?

— וואָס איז? דאַרפסט מיך עפּעס?

— זייער נייטיק, סאַמואיל לוואָוויטש.

— נו, קום זשע אַריין, פאַר וואָס שטייסטו אויף דער גאַס?

— סאַמואיל, זאָג מיר בעסער, אויף דעם זיבעטן לעדער־זאַוואָד דאַרפסטו היינט צופעליק נישט זיין?

— ווער האָט דיר דען געזאָגט? גראָד דאַרף איך היינט נאָך מיטאָג צופאָרן אַהין...

— אויב דו קענסט, קום בעסער שוין פאָרן. איך דאַרף אויך אין יענער ריכטונג, וועלן מיר איבערן וועג עפּעס שמועסן. איך האָב מיט דיר אַן אינטערעסאַנטן שמועס.

— אויב אַזוי, דאַרפסטו אַ ווײַלע אויסוואַרטן. איך וועל אַ קוק טון אין אַרטעל, אויב מען דאַרף מיך דאָרט נישט זייער נייטיק, דאַן קום איך באַלד אַרויס צו דיר.

דער וועג אין זאַוואָד אַריין האָט ביי זיי לאַנג געדויערט. שלמה האָט מיט אַלע פּרטים איינגעשטודירט מיט אים, וואָס אין אָרדער דאַרף זיין געשריבן און וואָס דער אַגענט מיטן שאָפער מיטן מיליציאָנער דאַרפן זאָגן ביים נאַטשאַלניק פון דער מיליץ אין קאַבינעט. פּאַליעוואַי האָט זיך אויך געכאַפּט דערויף, אַז עס וועט זיין שווערלעך צו קריגן אַזאַ דרייסטן מיליציאָנער, וואָס זאָל וואַגן פּנים־אל־פּנים מיט נאַטשאַלסטווע פאַלש עדות זאָגן אָבער. שלמה האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָ דאַרף מען נאָר אַ „שטעקן", דער נאַטשאַלניק וועט נישט מאַכן קיינע שאלות. פּאַליעוואַי האָט זיך היפּשלעך געזאַמט אויפן זאַוואָד און אַרויסגייענדיק געזאָגט שלמהן, אַז מאָרגן וועט ער האָבן אַלץ פאַרטיק. ער נעמט זיך אונטער צושטעלן חוץ דעם אָרדער, אויך זיין אייגענעם אַגענט, אַלס באַגלייטער פונעם לעדער. אויך אַ שאָפער האָט ער אַ היימישן מענטשן און אַ מיליציאָנער אויך. שלמה האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אין אָט דעם אוניווערסאַלן אונטערנעמער. זיי האָבן זיך אויסגעגליכט פאַרן „בעבור שנדר" און שלמה איז אַ צופרידענער אַוועק צוריק אין שטאָט אַריין. אין אַ קאַפע האָט ער געבעטן מען זאָל אים אָנווייזן אַ באַזונדער צימערל, דאָרט האָט ער אָפּגעדאַוונט, אָפּגעגעסן און איז אַוועק צו איסאַק אַבראַמאָוויטשן אין דער פאַרוואַלטונג פון טאָרגסין.

אויפן ראָג פון פּושקינסקאַ און לענינאַ האָט אַן אויטאָ, סקריפּענדיק מיט אַלע שרייפעלעך, פּאַרטאַרמאַזירט אין מיטן פולן גאַנג. דער שאָפער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער קאַבינע:

— סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש... סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש...

שלמה האָט באַלד דערקענט סעמיאָנען, דעם שאָפער פון איסאַק אַב־ראַמאָוויטשעס לימוזין.

— הא, סיאָמקע, זדראַוו! דו דאַרפסט מיך עפּעס?

— איך — נישט, נאָר איסאַק אַבראַמאָוויטש דאַרף דיך אַ פּנים. ער האָט שוין ביי מיר היינט עטלעכע מאָל געפרעגט, צי איך האָב דיך נישט געזען.

— וואָס רעדסטו? אַ! עס איז ביי מיר אַ גרויסע בשורה... איך בין אַזוי אומגעדולדיק — אַ שרעק! אַנו, פּרווו זיך אומיסטן דערמאָנען, סיאָמ־קע: ער האָט בשעת־מעשה געהאַט אַ צופרידן פּנים, צי פאַרקערט?

— איך ווייס? דאַכט זיך, אַז נישט דאָס און נישט יענץ. ער איז גע־ווען שטאַרק פאַרנומען. עטלעכע מאָל זענען מיר היינט געפאָרן אַהין און צוריק.

— וווהין זענט איר דאָס געפאָרן?

— אויף קרעשטשאַטיק נומער זעקס, אין האַנדלס־אָפּטיילונג פונעם שטאָטראַט.

שלמה האָט, נישט פאַרשטייענדיק, אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען. דער שאָפער האָט נישט דרייסט אַ פרעג געטון:

— סאָלאָמאָן, דו האָסט נישט ביי זיך קיין פּרייען טשערוואָניעץ? כ'וועל באַקומען געהאַלט, וועל איך דיר אָפּגעבן.

— ביטע, דאָ האָסטו אַ דרייסיקער.

— ווו זשע צעבייטן מיר אים?

— ווער זאָגט דיר דען, אַז מען דאַרף אים אומבאַדינגט צעבייטן.

— סאָלאָמאָן, וואָס רעדסטו? ווו וועל איך נעמען אַזאַ סומע אָפּצו־געבן?

נאָר שלמה האָט זיך שוין לעבן אים נישט געפונען. ער איז אין איין אָטעם געלאָפן אין טאָרגסין אריין. אין קאַבינעט האָט ער איסאַק אַבראַ־מאָוויטשן נישט געטראָפן. דער סעקרעטאַר האָט אים געזאָגט, אַז ער איז ערשט צוריק מיט אַ האַלבער שעה ערגעץ אוועקגעגאַנגען מיט זיין יורים־קאָנסול, געהייסן זאָגן יעדן וואָס וועט פרעגן אויף אים, אַז ער וועט שוין היינט נישט זיין, מען זאָל אויף אים נישט וואַרטן.

שלמהן האָט אַזש פאַרקלעמט ביי דער נשמה: גוואַלד, צו וועלכע רו־חות האָט אים געטויגט זיך זעצן עסן אין קאַפע? ער וואָלט דען געווען געשטאָרבן פון הונגער, ווען ער פאָרט גלייך פונעם זאַוואָד אין טאָרגסין אריין? ער האָט דאָך געזען, אַז עס איז שפּעט. וואָס וועט איצט זיין? ווו טרעפט מען שוין אַצינד איסאַק אַבראַמאָוויטשן? כאָטש פאָר אים ווי־דער זוכן אין פּושטשע־וואָדיצע... און זיין דאָרטיקן אַדרעס ווייסט ער טאָ־קע נישט... און איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט זיך נאָך נאָכגעפרעגט אויף אים... זיכער געהאַט פון זיינעט וועגן עפּעס נייעס... שלמה האָט פאַר־קריצט מיט די ציין, געוווען זיך אַליין אַ שונא אויפן לעבן. ווען עס זאָל מעגלעך זיין זיך אַרויסרייסן דעם אַנבייסן פון מאָגן צוריק, באַשפּייען אים,

צעטאַפּטשען אים מיט די פּיס, וואָלט ער דאָס מיט אַ נקמה־געפיל געטון...

ער פרעגט איבער ביים סעקרעטאַר:

— וועט ער שוין היינט באַשטימט נישט זיין?

— איך ווייס — באַשטימט, צי נישט באַשטימט? אַזוי האָט ער געזאָגט און שוין.

— און איר ווייסט נישט, מיט זיין: „מען זאָל נישט וואַרטן", האָט ער געמיינט מיך אויך?

— וואָס זענט איר? נישט קיין מענטש גלייך מיט יעדן?

— מיטן יוריס־קאָנסול, זאָגט איר, איז ער אַוועקגעגאַנגען?

— אַז איר געדענקט אַליין, היינט צו וואָס דאַרפט איר איבערפרעגן? אַ קליינשטעטלדיקע טבע ביי אַ מענטשן!

— אַנטשולדיקט, נאָך איין פראַגע... דאַכט זיך, אייער יוריסט האָט אַ קאַבינעט אין דריטן הויז פון דאַנען?

— יאָ, אויף פּושקינסקע 9, צימער 14, דריטער שטאָק אין פליגל.

— אַ גרויסן דאַנק!

— פאַרנוצט געזונט. נאָר מען דולט דעם קאָפּ אַ גאַנצן טאָג. די טיר מאַכט זיך נישט צו.

גייענדיק פון די טרעפּ, האָט שלמה מיט יאוש געקלערט: טאָמער וועט ער כאָטש דאָרט געוויר ווערן, וווהין איסאַק אַבראַמאָוויטש איז אַוועקגעגאַנגען. אַרויסגייענדיק פון דער פּאַראַדנע אויף דער גאַס, האָט ער זיך שיר נישט צעבוצקעט מיט זיין טאַטן. שלמה האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אויף צוריק און דער מאַנעוור איז אים געלונגען. דער פאָטער האָט נישט באַוויזן אים צו באַמערקן און איז ווי פריער לאַנגזאַם געגאַנגען פאַרויס. דורך אַ שמאָלן שפּאַלט אין דער טיר האָט שלמה נאָכגעקוקט ווי זיין פאָטער דערווייטערט זיך. אים איז געוועזן אַ וווּנדער אויף זיינע אייגענע געפילן: עס האָט אים איצט אַפילו קיין צי נישט געטון. אַדרבה, אים וואָלט געוועזן שרעקלעך, ווען ער דאַרף איצט עפּעס ענטפערן אויף זיינע פראַגן. וואָס האָט ער דען צו ענטפערן? און נישט דעם זיידן מיט מנשהן ווילט זיך אים איצט זען, און אַפילו נישט פּאָלין. קיינעם, קיינעם!... נאָר איין און איינציקן איסאַק אַבראַמאָוויטשן ווו נעמט מען? ווו נעמט מען אים? גאָרנישט דאַרף ער איצט נישט, חוץ די זשיטאָמירער קאָפּיעס, דעם באַשטעטיקטן אַקט וועגן דער לעדער און דעם דאָקומענט וועגן ווינאָגראַדאָוון... אָט די זאַכן זענען אים איצט די סאַמע נאָענטסטע צום האַרצן. אַלץ, חוץ דעם, עקזיסטירט איצט פאַר אים נישט, איז נישט וויכטיק, נישט נייטיק...

אָנקלינגענדיק אין קאָרידאָר צום יוריסט, האָט אים דער שווייצאַר געזאָגט, אַז דער יוריסט נעמט היינט מער קיינעם נישט אויף. ער איז פאַרנומען. שלמהן איז די מעשה אריין אין דער נאָז: — „איז ער, הייסט עס, יאָ אין דער היים?" ער האָט אַרויסגענומען אַ בלייַשטיפט און אָנגעוואָרפן אויף אַ בלעטל פון נאָטיצביכל: „איך בעט, איר זאָלט דערלויבן דעם

שווייצאַר מיך אַריינצולאָזן. איך דאַרף ביי איך נאָר פרעגן צוויי ווערטער וועגן איסאַק אַבראַמאָוויטש שטיינבערג.״

דער שווייצאַר איז פֿאַרשוווּנדן מיטן צעטעלע און שלמה איז געבליבן וואַרטן ביי דער טיר. עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט, ווי עס האָבן זיך דערהערט גיכע טריט און איסאַק אַבראַמאָוויטשעס קלינגענדיקער באַריטאָן:

— קום אַריין, וואָס שטייסטו? מען קען זיך אויף דיר דערוואַרטן; ביסט שוין איין מאָל אַ מאַלאַדיעץ.

אַריינפֿירנדיק אים אין אַ שיין מעבלירטן קאַבינעט מיט פיל בילדער, האָט ער, אָנווייזנדיק אים אויף אַ מענטשן אין די מיטעלע יאָרן, געזאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן:

— באַקען זיך. סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש, מיט אונדזער יוריס־קאָנסול. דיין גאַנצע הילף וועט מוזן קומען דורך אָט דעם געשעצטן סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש...

שלמה האָט מיט גרויס רעספּעקט אַ דריק געטון די דערלאַנגטע האַנט. איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט דערווייל פֿאַרגעזעצט:

— נו, שלמה, מיר קענען אַריינגיין אין צווייטן צימער. מיר טאָרן נישט שטערן. סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש האָט אַן ערנסט שטיקל אַרבעט.

אַריינגייענדיק אין צווייטן צימער, האָט ער צוגעצויגן שלמהן צו זיך און אים היים אַרומגענומען:

— סאָלאָמאָן, טייערער, איך זאָג דיר, אַז דו ביסט עפּעס אַ כּשוף־מאַכער אָדער אַ הייליקער, ווייסט דיך דער גוטער יאָר. זאָג דיר וואָס דו ווילסט, נאָר איך האָב נאָך נישט געזען, אַז אַ מענטשן זאָל אַזוי אַלץ גיין אַקעגן ווי דיר... וואָרט, כאַפּ נישט. איך וועל דיר אָפּגעבן דעם ראַפּאָרט לויטן סדר, פֿון אלף ביז תּיו.

— איסאַק אַבראַמאָוויטש, האָט רחמנות, רופֿט עס נישט אָן מיט אַזאַ שרעקלעכן נאָמען. איר מיר — אַ ראַפּאָרט? איך הייב נישט אָן צו פֿאַרשטיין, מיט וואָס האָב איך זוכה געווען נושא חן צו זיין ביי אַזאַ געהויבענעם מענטשן ווי איר...

— איך פֿאַרשטיי אויך נישט, וואָס איך קריך אַזוי פֿון דער הויט, דיר גוט מאַכן אויף אַלע פּראָנטן, נאָר אַז מען שמועסט אַ כּשוף־מאַכער, איז דאָך נישט שייך. נאָר איין זאַך וויל איך דיר זאָגן: דו ווייסט דאָך גוט, אַז איך בין נישט קיין גלויביקער און קיין פֿאַנאַטיקער אודאי נישט... נאָר דאָס זאָג איך דיר ערנסט, איך בין גאָר קיין מאָל אַזוי קלוג נישט געווען, ווי איך ווער, ווען איך קום מיט דיר אין באַרירונג. אויסהערנדיק היינט פֿאַר טאָג דיין דערציילונג, בין איך אַליין אויך געוואָרן דערפֿינדערישער. אָט הער אויסיסטן: ערשטנס, האָב איך אין דער פֿרי, באַלד נאָכן עפֿענען דעם מאַגאַזין, אָפּגעשיקט דעם קאַנדעלאַבער מיטן עלעקטראָפֿאָן צו לעווי־טינען אַהיים. עס האָט נישט געדויערט קיין שעה, קומט ער צו מיר אַריין מיט זיין מיידעלע און פֿרעגט ביי מיר: — וואָס איז דאָס? האָב איך אים

געזאגט, אז דו דארפסט עפעס בעטן ביי אים א פאר קלייניקייטן... ווערט ער אויסער זיך: ווער האט אים דערלויבט שיקן מיר פרעזענטן, איידער איך גיי איין אויף זיינע בקשות? האב איך אים א ביסל באַרואיקט מיטן תירוץ, אז ווען איך וואלט געוועזן געפונען דיינע בקשות פאר אומאויס־פירלעכע, וואלט איך דיר נישט געוועזן געגעבן זיין אדרעס. דערווייל זע איך, ווי זיין מיידל, א באַרישניע פון פופצן יאר, שטייט ביי דער וויטרינע און נעמט נישט אראפ קיין אויג פון א טעשעלע, וואס הענגט דארטן. דאס טעשעלע איז אן אויסלענדישע, א שיינקייט. אז דער פאטער זאל נישט באמערקן, בין איך מיר כלאחר־יד צוגעגאנגען צו דער וויטרינע, ארויס־גענומען און איינגעוויקלט דאס אנטיקל אין א צייטונג און אנגעזאגט איר, אז זי זאל דאס דעם פאטער נישט ווייזן, ביז זיי וועלן נישט קומען אהיים. בסך־הכל באטרעפן אלע דריי זאכן: 63 דאלאר מיט 35 סענט. דו וועסט זיי דארפן מארגן אריינטראגן אין קאסע.

— דא האט איר א הונדערטער, דעם רעשט וועל איך ווען עס איז אפ־נעמען ביי אייך.

— זאל זיין אזוי... ווייטער פרעגט סעמיאן ניקאלאיעוויטש ביי מיר: ווען ווילסטו קומען צו אים, היינט נאך דער ארבעט, צי אין דער פרי פאר דער ארבעט? ווייס איך דאך, אז היינט האסטו קינות, האב איך מיט אים אפגערעדט אויף מארגן אכט א זייגער אין דער פרי, ביי אים אין קאבינעט. ווייל אהיים צו אים פירן א פרעמדן מענטשן — פאסט נישט. ער וווינט מיטן פארזיצער פון געגנט־אויספירקאם אין איין ווילע. וועלן מיר ביידע צוקומען צו אים אכט א זייגער אין דער מיליץ אריין. ביסטו מיט מיר צו־פרידן פאר דער טייל ארבעט?

— איסאק אבראמאוויטש, איך האב גאר קיין ווערטער נישט...

— האב צייט, איצט גייט ערשט דאס סאמע אינטערעסאנטע — פרשת זשיטאמיר... נאך דיין אוועקגיין האב איך גענומען קלערן, ווי אזוי טרעט מען דאס צו צום זשיטאמירער גאסטראנאם? אויב דו האסט באמערקט, האב איך, נאך שפאצירנדיק מיט דיר, עפעס צוגעקלערט א שטיקל פלאן און ביים פרישטיק האב איך דערפון איבערגעשמועסט מיט קלארא מאי־סיעיעוונע. דו ווייסט דאך מיין חולאת, אן איר טו איך גארנישט. און זי — פאר דיר? — אין פייער און אין וואסער!... בקיצור, זי האט באגיטיקט מיין פלאן און איך בין צוגעפארן אין אלאוקראינישן ארביטראזש. דער פארזיצער פון דער דאזיקער מעכטיקער קאמיסיע איז איינער אכאטניקאוו, א יוריסט לויטן בארוף און א קאמוניסט פון יאר 1917. זייער א אינטערע־סאנטער מענטש און מיינער גאר א נאענטער חבר — צוזאמען אויפן דארף געפארן בעת דער קאלעקטיוויזאציע. וואס זאל איך דיר דערציילן? אז איך בין אריינגעקומען צו אים, האט ער גארנישט געוווסט ווו מיך אוועק־צוזעצן. בקיצור, איך האב גענומען דאס אלפאבעטנע רעגיסטראציע־בוך און קוק אים דורך, ווער עס האט דא ליגן אן ענין. ערשט איך זע, אז די קיעווער גאסטראנאם־דירעקציע האט א קאנפליקט מיטן נארקאמאט פאר

בילדונג. אַ מעשה מיט אַ פֿאַרביטענעם וואַגאָן שפּייז־פּראָדוקטן, אַ דעפּערענץ אין גראָבע טויזנטערס. נאָר נישט דאָס איז דער עיקר. דער טראָפּ שטייט דערויף, אַז דער צד, וואָס וועט פֿאַרשפּילן, וועט איבערגעגעבן ווערן אין געריכט פֿאַר אַ קרימינעלן פֿאַרברעכן. מיר האָט באַלד אַ שיין געטון אַ גע־דאַנק, אַז דעם דירעקטאָר פֿון קיעווער גאַסטראָנאָם וואָלט זיך אפשר איינ־געגעבן צו געפֿינען אַ וועג צום דירעקטאָר פֿון זשיטאָמירער גאַסטראָנאָם, און נאָך אַ קורצן שמועס מיט אָכאָטניקאָוון האָט ער אָנגעקלונגען צום פּאָרזי־צער פֿון דער קיעווער פֿאַרוואַלטונג פֿון גאַסטראָנאָם, אַז זיין ענין איז אָנ־געמערקט צום הערן אויף שפּעטער מיט פֿינף טעג. דער אַרביטראַזש וועט באַשטיין פֿון אים, אָכאָטניקאָוון, פֿון אונדזער יוריסט פֿון „טאָרגסין", סאָ־לאָמאָן איסאַיעוויטש, און פֿון אַ נאָך נישט אָנגעמערקטן הויפּט־בוכהאַלטער אַלס טעכנישער קאָנסולטאַנט. אין אַ שעה אַרום בין איך מיט אַן אויסרייד, — צי קען ער מיר אויסבאָרגן אַ וואַגאָן טאַרע?* צי דאַרף ער נישט אַ פּאָר צענדליק גוטע „אָנלאָדערס" אויף צוויי אָדער דריי וואָכן? כ'ווייס? אַ תּירוץ פֿאַר די בענטשליכט — צוגעפֿאָרן אין דער דירעקציע פֿון גאַסט־ראָנאָם. ווי דער דירעקטאָר האָט מיך נאָר דערזען, וואָס זאָל איך דיר דער־ציילן? ער האָט שיר נישט באַקומען די אַפּאָפּלעקסיע. ער האָט פֿאַר גרויס קוראַזש פֿאַרשלאָסן דעם קאַבינעט, געהייסן אַריינטראָגן פֿאַרבייסן, זיך אונ־טערגעלעקט ווי אַ קעצעלע, מיך געפֿרעגט, צי בין איך צופֿרידן מיט דער אַרבעט? צי אַרבעט שוין ביי מיר לאַנג מיין יוריס־קאָנסול? צי זענען מיר מיט אים שטאַרק צונויפֿגעלעבט? איך האָב אים קאַלטבלוטיק געענטפֿערט, אַז סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש, אָכאָטניקאָוו, דער פֿון אַרביטראַזש און איך, זענען מיר דריי יונגט־חברים, געזעסן אין שול אויף איין באַנק. ווי איך האָב דאָס אויסגערעדט, איך זע, אַז מיין יונגערמאַן איז בלייך ווי די וואַנט, ער האָט אַזש פֿאַרלוירן דאָס לשון פֿאַר אויפֿרעגונג. איך, דערווייל, באַ־מערק גאָרנישט, וואָס אויף זיין פּנים קומט פֿאָר, איך לייען גאָר די צייַ־טונג און פֿרעג אים בשעת מעשה גלאַט אין דער וועלט אַריין, צי האָט ער גוטע היימישע אין טשערניגאָווער גאַסטראָנאָם? ענטפֿערט ער, אַז ניין. נו און אין קאַמיניעץ־פּאָדאָלסקער? זאָגט ער — יאָ. נו, און אין אָדעסער? זאָגט ער, אַז קענען קען ער די דאָרטיקע בעלי־בתּים, נאָר פֿון דער ווייטנס. איך פֿרעג ווייטער: נו, און די זשיטאָמירער? — ענטפֿערט ער: אַ פֿראַגע אַ ביסל, דער דירעקטאָר פֿון זשיטאָמירער גאַסטראָנאָם האָט דריי יאָר גע־אַרבעט ביי אים אַלס פֿאַרטרעטער און ער איז מיט אים נפֿש־אַחת. אַז איך האָב מיך אויפֿגעהויבן גיין, איז ער צוגעפֿאַלן צו מיר ממש מיט טרערן, איך זאָל אים פֿאָרשטעלן פֿאַר אונדזער יוריס־קאָנסול, ער דאַרף ביי אים עפּעס בעטן. ער וועט מיר דאָס נישט פֿאַרגעסן. ער וועט מיר, ער וועט מיר. איך האָב אים דאָס צוגעזאָגט און געהייסן קומען אַהער טאָקע, אויף פּושקינסקע 9/14, זייגער ניין אויף דער נאַכט און אַליין בין איך אַוועק

* לײדיקע כלים אויף פֿאַרשידענע סחורות, למשל: זעק, פֿעסער.

צוריק צו אַבאַטניקאָוון, געגומען דעם גאַנצן ענין פון גאַסטראָנאָם מיט זיך. איצט שטודירט אים דאָרט ביי זיך אין קאַבינעט סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש. מען דאַרף, אַז צו דער ביינאַכטיקער באַגעגעניש מיטן דירעקטאָר פון גאַסטראָנאָם זאָל ער וויסן אַלע זיינע שוואַכע ערטער און קענען זיך אַרויס־זאָגן אַלס פּראָקוראָר. און ערשט, אַז יענער וועט אָנהייבן בעטן, וועלן מיר אים שטעלן דעם אולטימאַטום: דו קענסט אונדז געבן פון זשיטאָמיר די אַלע נייטיקע קאַפּיעס, מאַכן מיר דיך ריין פונעם גאַנצן ענין און דו שלאָפסט רואיק. ניין? — איז אַ בראָך צו דיין קאָפּ... און אַזוי ווי דער זשיטאָ־מירער דירעקטאָר איז מיט אים אַ גאַנצער שמעלקע, זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז דאָ אַרומער וועלן מיר באַקומען די קאָפּיעס פאַר דיין לאָמאָוואַצקין. דו שמייכלסט, האַ? אפשר נישט שערלאָק האָלמס? אדרבה, זאָג אַליין.

שלמה האָט ווישנדיק איין טרער נאָך דער צווייטער אים אַרומגעכאַפּט קושן:

— אָך, איסאַק אַבראַמאָוויטש... אָך, איסאַק אַבראַמאָוויטש... פאַר וואָס? פאַר וואָס קומט דאָס מיר?

— פאַר וואָס, דאָס איז מיין זאַך, אָבער ווי געפעלט דיר די אַרבעט?

— ווייס איך, ביי מיר פרעגט איר מבינות? ווי קום איך צו אייך? וואָס פאַר אַ ווערט האָט מיין אַרבעט קעגן אייערער? איר זענט אַן ערשט־קלאַסיקער סטראַטעג און פּסיכאָלאָג. די מצוה וועט זיין אייערע אָן שותפים.

— היינט זעסטו שוין, וואָס עס איז געוואָרן פון דיין איינלאַדונג אויף קינות? אָט קען איך גאָר איצט נישט אַוועקגיין. עס דאַרף פּונקט קומען דער פלאָקנשיסער פון גאַסטראָנאָם.

— איסאַק אַבראַמאָוויטש, איך וועל זאָגן פאַר אייך! פּונקט ווי פאַר טאָג האָב איך אייך געבעטן יאָ צו גיין, אַזוי בעט איך אייך איצינד נישט צו גיין.

— און איצט קום אַריין צו סאָלאָמאָן איסאַיעוויטשן און זאָג אים אַ יישר־כח פאַר זיין טרחה, וואָס ער האָט און וועט נאָך האָבן צוליב דיר.

— איסאַק אַבראַמאָוויטש, אפשר — ?

— ניין, ניין, חס־ושלום... עס איז נישט אַזאַ מענטש... דו מיינסט, אַז אַלע אכסניות זענען גליך?...

— איך מיין גאָרנישט. זיכער ווייסט איר בעסער.

— יאָ, סאָלאָמאָן, און פאַרגעס נישט מאָרגן אין דער פרי צען מינוט פאַר אַכט צו זיין ביי לעוויטינס קאַבינעט.

— כ'האָב מורא, אַז איך וועל טאַקע נישט פאַרגעסן. איר ווייסט, אי־סאַק אַבראַמאָוויטש? היינטיקס יאָר וועט ביי מיר זיין תשעה־באָב נישט ווי געהעריק איז...

— פאַר וואָס זשע? עס גייט, דאַכט זיך, אַלץ ווי געוווּנטשן...

— אָט־אָט־אָ... טאַקע ווייל אַזוי... תשעה־באָב דאַרף אַ ייד זיין טרויעריק, און מיר, ווי אויף צו להכעיס, איז אַזוי פריילעך אויפן האַרצן... אַזוי פריילעך, אַז איך קען אייך גאָרנישט אויסמאָלן. כאָטש איך האָב נאָך גאָר־

נישט אויף די הענט, נאָר איך זע באַשיינפּערלעך, אַז גאָט העלפט מיר, אַז איך וועל מיינס דערגרייכן.

— אָן ספק, אָן ספק, סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש. און וואָס איז מיט דיין אַרטעל? דו האָסט זיך שוין צו עפּעס דערשלאָגן?

— מאָרגן דאַרף אַלץ זיין פאַרטיק.

— דו האָסט געזאָגט, אַז דער אַקט דאַרף צונויפגעשטעלט ווערן ביי לעוויטינען אין קאַבינעט? אין דער קעגנוואַרט פון דעם שאָפער, דעם אַגענט און דעם מיליציאָנער?

— אַלץ געזאָגט, אַלץ געזאָגט, און לאָמאָוואַצקין וועל איך שוין אַליין פאַרבייטן, לעוויטין וועט דערויף מוזן איינגיין.

— וואָס פאַר אַ פראַגע? אודאי וועט ער מוזן איינגיין דערויף. נו, קום.

קאפיטל XXXIV

ווען שלמה איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, האָט די זון שוין געקלע־טערט אויף די הויכע עטאַזשן. די לופט איז שוין געווען אָנגעזאַפּט מיט אומעט, מיט טרויער, מיט תשעה־באב. אויף גיך האָט ער עפּעס איינגע־קויפט אָפּצועסן. ער איז צוגעפאָרן אין וולאַדימירסקע־גאָרקע, אין אַ ווײַ־טער, געדיכטער אַלײע האָט ער אָפּגעדאַוונט מנחה, טאַקע דאָרט אָפּגעגעסן די סעודה־המפסקת, פאַרביסן מיט אַ געבראָטן איי — אַ סימן פון אבילות, און זיך אַוועקגעלאָזט אויף פּאָדאָל. אַרײַנקומענדיק אין שולהויף, דער־זעענדיק די הונדערטער ייִדן אין זאָקן אָדער קאַלאָשן, די איבערגעקערטע שטענדערס, די חושכדיקע פּנימער, איז ביסלעכווײַז זײַן גוטער מוט פאַר־שוווּנדן. ער האָט זיך אַליין אַ פרעג געטון, וואָס איז אײַן שמואַליק אין באַטרעף קעגן דעם גרויסן פאָלקס־חורבן, קעגן דער „בכיה לדורות"?

נאָך קינות האָט ער דערזען קלאַדניצקען מיט גאָרדאָנען און זיי זע־נען אין דרייען אַוועק צו משה פרידמאַן אַהיים. ביז נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיי געלערנט מדרש־איכה און סתם געשמועסט. פאַרן גיין אַהיים האָט שלמה געמאָלדן, אַז ער דאַרף דאָ נאָך וועגן עפּעס איבערשמועסן מיט פרידמאַנען און בלייבט נאָך איבער. ווען די חברים זענען אַוועק, האָט שלמה פאַרשעמט געפרעגט:

— משה, דו וועסט מיך נישט אַרויסטרייבן? איך דאַרף ביי דיר אי־בערנעכטיקן.

— וואָס רעדסטו אַזעלכע זאַכן, אַרויסטרייבן גאָר? עס איז סתם אינ־טערעסאַנט צו וויסן, פאַר וואָס דו גייסט נישט אַהיים.

— אויף דיין פראַגע קען איך איצט נישט ענטפערן.

— אַנטשולדיק, ניין איז נישט. באַלד בעטן מיר דיר אויס.

— וואָס פאַר אַן אויסבעטן תשעה־באב? עפּעס אַ רעדנע אויף אויס־צושפּרייטן און וואָס עס איז אונטערן קאָפּ. און בכלל וויפל איז דען נאָך געבליבן צו שלאָפן ביזן ערשטן מנין?

— וואָס דאַרפסטו עפּעס דעם ערשטן מנין? האָסט קיין צייט נישט?

— יאָ, איך האָב קיין צייט נישט.

— תשעה־באב, געשעפטן?

— עס טרעפן זיך אין לעבן תשעה־באבדיקע געשעפטן אויך, ווי אַ מאָל...

שלמה מיט לעוויטינען האָבן זיך געגריסט ווי אַלטע באַקאַנטע. אי־זאַק אבראַמאָוויטש האָט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. כאָטש ער איז די נאַכט קיין פּושטשע־וואָדיצע נישט געפאָרן, דאָך האָט ער פאַרשפּעטיקט. פערציק מינוט אויפן זייגער האָט שלמה גערעדט, נישט וועלנדיק זיך זעצן אויפן אָנגעוויזענעם בענקל. ער האָט אַזוי איבערצייגנדיק באַוויזן ווינאָגראַדאָווס אומשולד, אַזוי רירנדיק געשילדערט זיין טראַגעדיע, אַז ער האָט איבער־

געלייענט אין לעווויטינס אויגן, אַז ער האָט אַ נצחון. צום סוף איז אויך שטיינבערג געקומען און עס איז געבליבן, אַז דעם דאָקומענט וועגן ווי־נאַגראַדאָווס ·געפונען זיך אין קיעוו אין טאָג פון אַבאַרט גיט ער שלמהן אַרויס אומבאַדינגט. וואָס אַנבאַלאַנגט צו דער באַשטעטיקונג פון לעדער־אַקט, קען שלמה ברענגען די חבריא צו אים, דער אַקט וועט צונויפגע־שטעלט ווערן מיט אַלע איינצלהייטן. פאַר לאָמאָוואַצקין וועט זיך שלמה אונטערהתמענען, נאָר באַקומען אים אַ באַשטעטיקטן וועט שלמה ערשט דאַן, ווען ער וועט שוין האָבן די זשיטאָמירער קאָפּיעס אויף דער האַנט, כדי ער זאָל וואָס ווייניקער אַרומטראָגן מיט זיך אַזאַ מאָדנע־פּאַרדעכטיקן דאָקומענט, ווי אַ געוויינלעכער אַקט פון אַ מאַשין־בראַך, פאַרפעסטיקט מיטן אונטערשריפט און זיגל פון נאַטשאַלניק פון קיעווער שטאָט־מיליץ אַליין. און נאָך איז באַשטימט געוואָרן, אַז אין משך פון טאָג דאַרף שלמה מודיע זיין טעלעפאָניש, ווען ער וויל קומען צו אים מיט דער קאָמפּאַניע, צונויפשטעלן דעם אַקט, כדי אַז אַזאַ גרויסער עולם זאָל נישט דאַרפן עט־לעכע מאָל גיין אומזיסט.

שלמה איז אַרויסגעגאַנגען פון דער מיליץ העכסט צופרידן. גייענדיק צוריקוועגס האָט איסאַק אַבראַמאָוויטש דערציילט, אַז דער דירעקטאָר פון גאַסטראָנאָם וויל מיטן גאַנצן לעבן מאַכן דעם בייט, אַ טובה פאַר אַ טובה, נאָר אַזוי ווי ער ווייסט נישט, אויף וויפל יענער איז אַצינד געשטימט אים אַ טובה צו טון, וועט ער היינט טעלעפאָניש מיט אים זיך פאַרבינדן, אים אַרויסרופן צו זיך אָדער אַליין צופאָרן צו אים אהינצו, געניי איבערשמו־עסן דעם גאַנצן ענין, אַלזייטיק באַקלערן אַלע מעגלעכע נישט פאָראויס־געזעענע קאָמפּליקאַציעס, און פאַר נאַכט וועט ער ברענגען אַ תשובה.

— ווי דו זעסט, שלמה, קען מען נישט כאַפּן, יעדע זאַך מוז גיין בהדרגהדיק...

דעם גאַנצן טאָג פון תשעה־באב איז שלמהן געגאַנגען מיט דער האַנט, ווי נאָר עס טרעפט אין אַ פילם. אַ זייגער ניין האָט אים פּאָליעוואָי געוויזן אַ פאַרטיקן אָרדער פון זיבעטן לעדער־זאַוואָד פון 26טן יוני אויפן נאָמען פון אַרטעל „רויטער שוכוואַרגער", באַקומען דורך דעם און דעם אַגענט אויף פערצן פעלן לעדער־בלאַנק און אַנדערע מינים. דער אַגענט, דער מי־ליציאָנער, אַליץ איז שוין געוועזן באַוואָרנט, נאָר מיטן שאָפער האָט ער נאָך נישט געהאַט אָפּגערעדט. אָבער דאָס איז די קלענסטע זאַך און שלמה האָט זיך צונויפגערעדט מיט אים, אַז מאָרגן אַכט אין דער פרי דאַרפן אַלע דריי אָנגערופענע וואַרטן אויף אים ביי דער שטאָטמיליץ. דאָס זעלבע האָט שלמה טעלעפאָניש מודיע געווען לעוויטינען און באַקומען זיין הסכמה דערויף.

צו ענדע טאָג איז געקומען דער דירעקטאָר פון גאַסטראָנאָם צו סאָלאָ־מאָן איסאַיעוויטשן און אַ שטאַרק צופרידענער געמאָלדן, אַז זיין געווע־זענער פאַרטרעטער האָט אים צוגעזאָגט אַליץ צו דערלייזיקן. אַלזאָ, קען ער מיטן טאָרגסינער יורים־קאָנסול אפילו מאָרגן צופאָרן קיין זשיטאָמיר

און ברענגען די זאַך צו אַן ענדע, נאָר איין באַדינג: די מעלדונגען פון מאַגאַזין־פאַרוואַלטער מוזן אומבאַדינגט זיין ריכטיקע, נישט קיין גע־פעלשטע. שלמה, וועלכער האָט זיך געפונען ביי דעם שמועס, האָט אים דערויף געגעבן דאָס וואָרט, אַז זיי וועלן זיין מיט לאָמאָוואַצקים האַנט געשריבן.

נאָך זיין אַוועקגיין האָט שלמה, אַן אומרואיקער, גענומען אַרומשפּאַ־צירן איבערן צימער אַרויף און אַראָפּ. מיט אַ מאָל האָט ער אַ וואָרף געטון אין איסאַק אַבראַמאָוויטשעס זייט:

— זאָגט מיר, גוטער ברודער, זונטיק איז די מיליץ געשפּאַרט גלייך מיט אַלע אינסטיטוציעס?

— גראָד דו וואָלסט שוין געמעגט וויסן, אַז די מיליץ און די געפּעאו, האָבן נישט קיין אָפּרו־טעג פּונקט אַזוי גוט ווי: טעלעפאָן, טעלעגראַף, פאָזשאַרנע־קאָמאַנדע און גיכע הילף...

— מהם... גיכע הילף... גערעכט...

נאָך אַ קורצן נאָכדענקען האָט ער זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן נישט דרייסט געווענדעט צו איסאַק אַבראַמאָוויטשן:

— די זאַך איז אַזוי, מיין טייערער, איר האָט שוין גענוג מי אַוועק־געלייגט אויף דעם פּראָצעס, דאַרף מען שוין די זאַך דערפירן צו דער גע־ווונטשענער ענדע. די צייט איז קורץ. אַלע אונדזערע בנינים האַלטן זיך נאָר אויף ניקאָלאַי קריוואָרוטשקאָ, און וואָס טוט מען, אַז מיט אים טרעפט חלילה עפּעס? אַלזאָ האַלט איך, אַז מען טאָר נישט שפּעטיקן אפילו מיט קיין איין איבעריקער מינוט. מאָרגן ניין אין דער פרי וועט זיין פאַרטיק דער אַקט ביי לעוויטינען, און איך בין פריי. עס איז אָבער פרייטיק. ערב שבת. זיך צובינדן צו די צוגן קען איך נישט. וואָס זשע איז? ווען איר גיט מיר אייער אויטאָ, — פאַר בענזין, פאַרשטייט זיך, וועל איך באַצאָלן דאָפּלט, — וואָלט איך פאַר דריי, פיר שעה געווען אין סלאַוווטע, גענומען ביים אַרעסטאַנט די אַלע דאָקומענטן אין צוויי עקזעמפּלאַרן און פון דאָרט וואָלט איך פאַרפאָרן קיין זשיטאָמיר. איר פאַרשטייט מיך? מיט דעם אויטאָ איז דאָס אַנדערטהאַלבן שעה פאָרעכץ. סיאָמקאַ וואָלט שוין דערווייל געוווסט, ווו עס געפינט זיך מיין האָטעל און צו דער נייטיקער מינוט מיך צוגערופן אין דער פאַרוואַלטונג פון גאַסטראָנאָם. ווי עס וואָלט נאָר נאַכט געוואָרן, כדי איך זאָל נישט דאַרפן אַרויספאָרן אום שבת, וואָלט איך זיך אומגעקערט קיין קיעוו מיט די קאָפּיעס. זונטיק אין דער פרי נעם איך אָפּ ביי לעוויטינען דעם לעדער־אַקט מיט ווינאָגראַדאָווס דאָקומענט, און איך האָב ביי טאָג אַ צוג קיין סלאַוווטע, און נאָך מאָנטיק קען גאָט העלפן, אַז איך זאָל זען מיינע פייגעלעך אויף דער פריי...

— דו ביסט אַ מאַשין, סאָלאָמאָן, נישט קיין מענטש. וואָס זאָג איך אַ מאַשין? אַ טראַקטאָר!... אַז דו דאַרפסט גאָרנישט, נישט עסן, נישט שלאָפן, נישט לעבן אויף דער וועלט, נאָר דיינס מוזסטו דערגרייכן אין אַ הרף־עין. עפּעס אַ שד זיצט אין דיר, אויף מיין וואָרט! כ'וועל דיר געבן...

כ'וועל דיר געבן דעם אויטא. וואס דען, איך וועל דיר נישט געבן? איך ווייס דען נישט, אז פון דיר איז זיך שווער אפצוטשעפען? אז עס איז באַשערט אַ צרה טרעפט זי גלייך אין שטוב אריין. נאָר זאָג מיר בעסער, מיין טייערער שפילפויגל, דו ביסט זיכער, אז ווי נאָר דו קומסט קיין סלאָ־ ווטע, אַזוי כאַפּט מען דיר אַרויס דעם אַרעסטאַנט און מען טראָגט אים דיר אַנטקעגן? עס איז נישט אַ ביסל איבערטריבן?

— איך האָף, אַז ניין. אַז איך וועל דאַרפן אויף גיך, וועט מען עס מיר מאַכן אויף גיך. איך האָב דאָרט אַ שטאַרקע האַנט... צו גאָט אַ האָ־ פענונג...

— נו, בלייבט עס אַזוי. איך וועל הייסן אָננעמען פון אויפדערנאַכט פו־ לע באַקן מיט בענזין און נאָך אין רעזערוו אַ באַנקע פון אַ צען ביז פופצן ליטער און אין דער פרי וועט ער אויף דיר וואַרטן ביי דער קאָנטאָר.

*

נאָך קידוש־לבנה איז שלמה מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם אַריינגעקומען אין שטוב צו הרב ביאַליק. יענער האָט אים פאַרווונדע־ט דערלאַנגט די האַנט:

— שלום עליכם, שלמה פּיאַטיגאָרסקי, ברוך הבא! אַ נאָכן־תעניתדי־ קער גאַסט! זיצט.

— אויב איר וועט מיך נאָר נישט אַרויסטרייבן, וועל איך היינט ביי אייך אי זיצן, אי ליגן...

— כלפי לייא?! * איך פאַרשטיי נישט.

— איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז אויב איר האָט נישט דאַקעגן, וואָלט איך היינט ביי אייך גענעכטיקט.

— וואַרט נאָר, איר האָט מיך אין עפּעס דערמאָנט. אייער פעטער מוזי האָט מיר נאָך נעכטן דערציילט, אַז פון אייער שטוב זוכט מען אייך אַרום איבער דער גאַנצער שטאָט. עמעצער פון סאָלאָמינקע האָט אייך געזען אין שטאָט און אַהיים קומט איר נישט, עס איז אמת? אַ רגעלע, און היינט האָט מיר אויך יוסף גאָרדאָן דערציילט, אַז אייער זיידע האָט אים גע־ פרעגט, אפשר ווייסט ער, ווו מען קען אייך טרעפן. האָט ער אים געזאָגט, אַז נעכטן האָט איר צוזאַמען פאַרבראַכט ביי פרידמאַנען ביז שפּעט אין דער נאַכט און ווייסט ער מער גאָרנישט...

— מר ביאַליק, איר ווייסט וועגן מיר מער ווי איך אַליין.

— וואָס דען מיינט איר? עוף השמים יוליך את הקול... יאָ, וואָס זשע באַטייט דאָס אַלץ? פאַר אַזאַ ווי איר איז דאָס אויסטערליש!

שלמה האָט לאַכנדיק געענטפערט:

— איך האָב פאַרזינדיקט מיט עפּעס און קען זיך אַהיים נישט ווייזן.

— ע, איר לאַכט גאָר פון מיר? אפילו אַז איר ווילט שוין זאָגן אַ

---

* „וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?" אַן אַפּטער אויסדרוק פון דער גמרא.

ליגן, קענט איר אויך נישט. ערשטנס, שמייכלט איר, און אז מען דערציילט פון אזא אומאָנגענעמען סכסוך, איז מען געוויינלעך טרויעריק; איז דאָס גיט אייך שוין אוים... צווייטנס, ווען איר פארזינדיקט זיך, וואָלטן אייערע שטובמענטשן אייך נישט ארומגעזוכט מיט ליכט איבער דער גאַנצער שטאָט. זאָגט, אז איר ווילט נישט דערציילן, און פארטיק...

— ניין, מר ביאַליק, נישט איך וויל נישט, נאָר איך טאָר נישט. דאָס איז אַ הייליקער סוד, וואָס קיין שום בן־אדם טאָר ביז אַ צייט פון דעם נישט וויסן.

— אָט אזוי זשע רעדט! אָט דאָס זענען קלאָרע דיבורים... נו, בקיצור, גייט זיך וואַשן, געשווינדער!...

— האָט נישט קיין פאראיבל, נאָר איך האָב מיט זיך געבראַכט אויף אָפּצופּאַסטן, פון הערן און זען און געדענקען.

ביאַליק מיט זיין פרוי זענען אזש אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער:

— וואָס? ווי אזוי האָט איר געוואָגט אזוינס צו טון? שעמט אייך!...

שלמה האָט, עטוואָס פארלוירן, זיך פארענטפערט:

— טייערע פריינד, בייזערט זיך נישט אזוי שטאַרק, איר ווילט דאָך דער עיקר, אז איך זאָל הנאה האָבן, און איך האָב אַן אמתע הנאה נאָר דאַמאָלסט, ווען איך נוץ זיך מיט מיינעם. וואָס קען איך העלפן?

ביאַליק האָט באַטאַנענדיק געציילט יעדעס וואָרט:

— איר ווייסט, שלמה, איר זענט אַ שלעכטער מענטש.

— פאַר וואָס עפּעס?

— נישט איך זאָג אזוי, חס־ושלום, נאָר אין ספרים ווערט געבראַכט, אז נישט נאָר דער הייסט אַ שלעכטער, ווער עס וויל נישט מהנה זיין אַ פרעמדן פון זיינעם, נאָר אפילו דער, וואָס לאָזט זיך נישט מהנה זיין פון יענעמס. אזוי ווערט געבראַכט און אזוי איז דאָס.

— סטייטש, ר׳ פנחס בן יאיר?

— זענט איר דאָך נישט ר׳ פנחס בן יאיר... ביי אים איז דאָס געווען אַ גאַנצע עבודה, אָבער מיר, קליינע מענטשעלעך? ווי קומען מיר צו אים?

— אָבער עס איז דאָך דאָ אַן עצה, מיר וועלן מאַכן שותפות. איר וועט מיך מכבד זיין און איך וועל אייך מכבד זיין, און עס וועט זיין שלום על ישראל.

— עס איז אפילו נישט אזאַ געראָטענע עצה, נאָר אַן אנדער ברירה האָב איך מיט אייך? קומט זיך שוין וואַשן, אַן עק, מיר זענען עובר אויף בל תשחית.

לאַנג האָט דאָס מאָל געדויערט די וועטשערע ביי הרב ביאַליק. שלמה איז געווען זייער לוסטיק, דערציילט גלייכווערטלעך, געזונגען חזנישע שטיקלעך און געלערנט די קינדער טאַנצן. צווישן איין געריכט און דעם צווייטן, ווען די בעל־הביתטע איז אַוועק אין קיך אריין צעוואַשן דאָס געפעס, זאָגט הרב ביאַליק צו שלמהן:

— איך וויל אייך עפּעס פרעגן, נאָר איך האָב אָבער מורא, אייך טרוי־עריק מאַכן מיט מיין פראַגע, איז מיר אַ שאָד.

— איר קענט דרייסט פרעגן, וואָס איר ווילט. איך בין איצט גראָד אַן „אדם שהשעה משחקת לו", אַזוי אַז ס'איז זייער שווער מיך טרויעריק צו מאַכן.

— איז טאַקע אמת, הייסט עס, אַז סוכות רופט זיך דערפאַר „זמן שמחתנו", ווייל מאַן און ווייב עסן באַזונדער?

שלמה לאַכט.

— איך האָב אייך געוואָלט פרעגן: וואָס איז געוואָרן מיט אייער בוך? דאָס לעצטע יאָר, איידער מען האָט אייך אַרעסטירט, האָט זיך דאָך אַזוי גערעשט: „שלמהס בוך", „שלמהס בוך", און זינט איר האָט זיך אומ־געקערט פון דער ווייטער נסיעה, איז — כאלו עבר ובטל מן העולם. וואָס באַטייט דאָס?

— ליבער פריינד, איר האָט דאָך ערשט אַליין געזאָגט, וואָס אַזאַ שווייגן באַטייט...

— וואָס זשע, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ נפל?

— הלמאי זאָלט איר זיין אַ חושד בכשרים, מיין ווערק האָט זיך בפּי־רוש אַרויסגעוויזן אין פולן זינען פון וואָרט אַ צייטיק קינד, וואָס זשע קומט אָבער אַרויס, אַז ס'האָט געטיילט דעם גורל פון אַ נפלע...

— אַזוי, אַזוי?

— כמו נפל אשת, בל חזו שמש*...

— פאַר וואָס? ספר תורה שכתבה מין — ?

— כונת לדעת „הגדולים"**... טאַקע דער דאָזיקער טעם און דער דאָ־זיקער עונש!

— וואָס רעדט איר? הייסט עס: הבערה ללהב יצאת?...***

— אַזוי, אַזוי, הרב ביאַליק, פשוטו כמשמעו: והיה לבער... חיים־נחמן ביאַליק האָט אַמאָל אויסגעדריקט אַ טיפן אמת אין דעם לבוש פון אַ מילתא דבדיחותא: אַ יידישער שרייבער, ווען ער שרייבט אַן אַ בוך, לעבט ער איבער דריי תקופות: קודם איז ער מדפיס, דערנאָך איז ער מפסיד און דאַן איז ער מספיד... מיר, ברוך השם, האָט אונדזער ליבהאַרציקע מלוכה איינגעשפּאָרט אַ גאַנג. ביי מיר האָט זיך אָנגעהויבן דער סדר פון אונטן אַרויף, לכתחילה פונעם הספד...

---

* ווי אַ נפל פון אַ פרוי, וואָס האָט אפילו נישט געזען די זון.

** „האָסט צוגעטראָפן צו דעם געדאַנק פון די גרויסע"; דאָ געמיינט — באָלשעוויקעס.

*** אַ ווערטער שפּיל. ריכטיק איז: „הבערה ללאו יצאת", איינער פון די כללים אין הלכות שבת. דאָ אָבער געמיינט: „אויסגערעדט אין אַזאַ שעה". געזאָגט „תשרף" און ס'איז טאַקע געוואָרן פאַרברענט.

— אר־וואַ! אר־וואַ! איך וויל זיך ביי אייך נישט דערפרעגן קיין פּרטים, צו וואָס צעראַצן אַ וווּנד —

— ...און דאָס ווערק, מוז איך אייך זאָגן, ליבער פריינט מר ביאַליק, איז נישט געווען סתם אַזוי אַ באַשעפעניש'ל, נאָר אַ ווונדער־קינד! אין פאַרגלייך מיט די „אשר־יצר" ביכלעך, וואָס מען דריקט איצט, איז מיינס געווען אַ שעדעוור, דגול מרבבה, זאָג איך אייך... ווייס איך, וואָס איז דאָ צו רעדן? ס'איז אַ טיפער ווייטיק און מער גאָרנישט... אַ חסרון לא יוכל להמנות...

— טרויעריק... טרויעריק...

הרב ביאַליק שפּאַרט אָן זיין שיינעם שטערן אויף דער האַנט, זיינע אומעטיקע אויגן זענען צוגעשמידט צו שלמהס פּנים. ער טראַכט אַ ווילע און רופט זיך אָן:

— איר ווייסט, שלמה, וואָס איך וועל אייך זאָגן? איך האַלט, אַז דאָס וואָס אייער פּלאַן איז נישט צו שטאַנד געקומען, דאַרף אייך נישט באַנג טון...

— וואָס איז שייך — עס דאַרף נישט?... דאָס קען דען געמאָלט זיין? נאָר גאָרנישט, גזירה על המת —

— ניין, ניין, נישט „גזירה", נאָר עס דאַרף טאַקע נישט! היינטיקע ציטן, ווער עס גייט אַרויס אַ ביכל, איז ממש — חרב חדה מונחת על צווארו. און נישט נאָר: על צווארו הוא, נאָר עד סוף כל הדורות... לו ולנינו ולנכדו... איר ווייסט, ווי אַזוי „ביכל" מאַכט?

— ?

— די נוטריקון פון „ביכל" זענען: „כל באיה לא ישובון".

שלמה, מיט אַ שמייכל:

— און ווער לאָזט אונדז דען נישט דרשענען דעם צווייטן האַלבן פּסוק לשבח: „יתקימו לנצח"?

— היינט — זיכער נישט! אויף אַ מאָל איז אויך אַ גרויסער ספק, אָבער אויף היינט, נמנו וגמרו —

דער רב פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווילע און גיט צו מיט אַן אימפּעט ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז מען וועט אים איבערשלאָגן:

— אַזאַ איינפאַל גאָר... יתקימו לנצח... נישט איצט, נישט איצט... ניין, ניין! נישט איצט און נישט ביי דער חברה. זיי האַלטן שטאַרק פונעם כלל „בקרובי אקדש"; וואָס דער מענטש איז גרעסער, אַלץ גליטשיקער איז דער באָדן אונטער זיינע פיס; וואָס אָנגעזעענער ער איז, אַלץ מער איז מען מיט אים מדקדק. כדאיתא: וסביבם נשערה... מלמד... כחוט השערה...

— ווייסט איר וואָס, הרב ביאַליק, לאָמיר איבערבייטן דעם שמועס... מיין בוך האָט אַריינגעשריבן זייער אַ טראַגיש קאַפּיטל אין מיין לעבן. דאָס איז אַ פריער קבר, אויף וועלכן די ערד איז נאָך נישט פאַרקילט געוואָרן. אָבער, ווי איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, בין איך איצט אַריינגעטון בראשי ורובי אין אַ ענין העומד ברומו של עולם, און וויל דעריבער

נישט אויפמישן קיין טרויעריקע זכרונות, וואָס געווען — איז געווען, ד׳ נתן וד׳ לקח, יהי שמו מבורך!

נאָכן עסן האָט מען אַ ביסל געשמועסט אין חסידות, געלערנט אַ בלאַט גמרא, צוזאַמען דורכגעקוקט דעם שער „חשבון הנפש״ פון דעם „חובות הלבבות״. אַרום צוויי אַ זייגער האָט מען זיך געלייגט שלאָפן און זיבן אין דער פרי, ווען פרוי ביאַליק איז אויפגעשטאַנען מאַכן טיי, איז שוין שלמהס גלעזער געווען קאַלט ווי אייז. קיינער האָט נישט געהערט, ווען ער איז אויפגעשטאַנען און ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען.

קאפיטל XXXV

שלמהס פּלאַן איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער־מעכאַניזם.

האַלב ניין אין דער פרי האָט לעוויטין פאַרשלאָסן ביי זיך אין שופלאָד דעם אַקט מיט די פיר אונטערשריפטן און דריי פערטל אויף ניין האָט זיך שוין שלמה געטראָגן מיט דעם פינקלענדיקן טאָרגסינער אויטאָ איבער סוויאַטאָשינער טראַקט. דער וועג איז געווען אַספאַלטירט. די שוין פיל סטאַטעטשנערע זון האָט מוטערלעך געגלעט די געגנט אַרום. ביי שלמהן אין האַרצן האָבן מחנות פייגעלעך געזונגען. „אַז דאָס האַרץ איז פול — גייען די אויגן איבער", זאָגט די וועלט. שלמה האָט איצט געפילט, ווי ריכטיק דאָס ווערטל איז. פון יעדן מינדסטן חנדעלע וואָס די לאַנדשאַפט האָט דאָ געוויזן, איז ער גרייט געווען זיך צו צעוויינען. באַפליגלט פון די ישועות ונחמות, וואָס ער פירט מיט זיך פאַר זיינע אַרעסטאַנטן, איז ער געווען געגליכן צו אַ פרוי, וואָס איז „אויף דער צייט", וואָס קוקט אויף יעדן קינד ווי אויף אַ שטיקל אייגנס. פון די פעלדער האָט מען געפירט פאַרשפּעטיקטע תבואה. רייפע, אומגעלומפּערטע קאָוועגעס און דיניעס האָבן זיך געוואַלגערט אין דער זאַמד ביים סאַמע וועג, כאָטש שטעל אָפּ דעם אויטאָ און נעם מיט זיך מיט אַ קאָווען. שלמה האָט דאָס בפירוש פאָרגעלייגט סיאָמען, נאָר יענער האָט אים לאַכנדיק אָנגעוויזן אויף אַ טונקעלן פלעק צווישן דעם גראָז. שלמה האָט ערשט איצט קוים באַמערקט, אַז דאָס איז אַ מענטש, אַ וועכטער. אַקעגן זיי זענען געפלויגן דערפלעך, כוטאָרעס, טייכלעך, מיליטערישע שטעטלעך, סמאָלע־זאַוואָדן. עקסטראַקטזאַוואָדן, מעבל־פאַבריקן און אַ גרויסער צוקער־זאַוואָד. דאָס אַלץ האָט זיך געטונקען אין גרינעם וואַלד. וועלדער, וועלדער, אָן אַ שיעור סאָסנע־וועלדער, בעריאָזע־וועלדער, אָבער אַממערסטן טייל — סאָסנאָווע, געדיכטע און פאַרפּלאָנטערטע.

שלמה האָט מיט ליבע באַטראַכט די צוויי קליינע פּעקעלעך, וואָס זענען געלעגן אין אויטאָ. אויף איינעם איז געווען אָנגעשריבן: „פאַר ש. לאָמאָוואַצקי", און אויפן צווייטן: „פאַר ס. ווינאָגראַדאָוו". דאָס האָט ער אויף גיך באַוויזן איינצוקויפן פאַר זיינע קליענטן צו ביסלעך נאַשערייען. קיין גרויסע פּעק קען ער מיט זיך נישט שלעפּן, אָבער אַ ביסל געבעקס, האָלענדישן קעז, שאָקאָלאַד און פרוכטן, דאָס מאַכט נישט אויס, עס וועט דורכגיין. ער האָט שוין אַ חזקה.

לחלוטין אומגעריכט האָט זיך אויסגעשיילט אויפן האָריזאָנט סלאַוווטע. זי האָט פון זיך אויף גיך אַראָפּגעוואָרפן די גרינע מלבושים און זיך צעלאָזט לויפן אַקעגן די געסט. ביי די זייטן זענען איר פאַרלאָפן דעם וועג לאַנגע, קרומע אַלייען פון קאַשטאַנען־ביימער, פון אַקאַציע־ביימער און פון גדלותדיקע טאָפּאָלן. שלמהן איז דורך אַ וואַרעמער שטראָם איבערן לייב:

זיין סלאָוועטע, זיין מאַרינקע, זיין שמואליק. ער זעט באַשיינפּערלעך, אַז מען העלפט אים פונעם הימל. דאָס איז אַ באַווייז, אַז מען איז צופרידן מיט אים. אַז מען וועט אים שוין העלפן ביזן סוף.

סיאָמקען האָט ער געהייסן פאָרן גלייך צו מאַרינקעס הויז אין נאָענטן דערפל. ער האָט נאָך נישט באַוויזן איבערצוטרעטן די שוועל, ווי מאַרינקע האָט אים באַמערקט דורכן פענצטער. זי האָט אַזש אַ פּאַטש געטון אין די דלאָניעס:

— אוי, סאָלאָמאָן, אַ גאַסט, אַ גאַסט, אַ גאַסט!... ביסט שוין מיט אַלץ פאַרטיק?

— נאָך נישט אין גאַנצן, טייערע, נאָר עס האַלט שוין דערביי. איצט האָב איך צו דיר אַ ביטע. דו ווילסט פאַר מיר עפּעס טון?

— דו פרעגסט נאָך? זאָג מיר נאָר וואָס!

— זאָלסט מיך נישט פאַרהאַלטן קיין איבעריקע מינוט, ווייל עס ברענט אויף מיר די הויט פאַר אומגעדולד. פאָר שוין צו צו ניקאָלאַיען מיט מיין אויטאָ און זאָל ער דיר נעמען ביים אויספאַרשער זיין מיליטערישן אַנצוג, ווייל איך דאַרף צו זיך אַרויסרופן מיין אַרעסטאַנט, פאַרשטייסט? עס טויג נישט אין ציווילן. איך האָב דאַמאָלסט אויך אַזוי געטון. שטיי זשע נישט, מאַרינקע, טו זיך נאָר איבער...

— נו, און עסן? איך האָב פרישע, געשמאַקע —

שלמה האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט אַזוי פיל געבעט. אין די ווינקל־קנייטשן פון זיין פאַרשנורעוועטן מויל איז געלעגן אַזוי פיל פאַרדרוס און פאַרביטערטקייט, אַז מאַרינקע האָט גלייך צוריקגעצויגן איר בקשה:

— נו שאַ, שאַ! ניין — דאַרף מען נישט. באַלד רירט מען דיר אָן דעם כבוד. האָסט ערשט אויסגעשטשירעט אויף מיר אַ פּאָר אויגן — אַ וואָלף! אַן אמתער וואָלף! נו, דריי זיך שוין אויס, וועל איך זיך אי־בערטון.

שלמה איז אַרויסגעגאַנגען פון הויף, האָט זיך צוגעזעצט אויפן טרעפּל פון דעם אויטאָ און גיך אָנגעוואָרפן אויף אַ צעטעלע:

„טייערער ניקאָלאַי! דאָס איצטיקע שליחות איז מיר אַזוי געפערלעך נייטיק און די מינוטן זענען אַזוי געציילט, אַז איך האָב געמוזט מטריח זיין דיין מאַרינקען נאָך דעם אַנצוג. איך בין געקומען נעמען ביי לאָמאָ־וואַצקין די מעלדונגען פאַר דער זשיטאָמירער דירעקציע פון גאַסטראָנאָם מיט זיין אייגענער האַנטשריפט. עס איז שוין כמעט אַלץ ווי דערליידיקט. איך האָף, אַז ביז דריי טעג וועט זיין געענדיקט די גאַנצע דראַמע. איצט בעט איך דיך נאָר, רוף שוין אַרויס לאָמאָוואַצקין צו זיך, כדי אַז ביז מאַ־רינאַ וועט מיר ברענגען דעם אַנצוג און איך וועל זיך איבערטון און קו־מען צו דיר, זאָל איך שוין נישט דאַרפן לאַנג וואַרטן אויף אים. איך דריק דיך צום האַרצן מיט גרויס ליבשאַפט. איך בין קיינעם אויף דער וועלט נישט אַזוי דאַנקבאַר ווי דיר מיט מאַרינקען. פאַרשפּעטיק נישט און רוף אים שוין אַרויס. שלמה".

מאַרינקע האָט שוין געוואַרט ביי דעם אויטאָ.

— נו — אַט, מאַלאַדיעץ! אַט אַזוי האָב איך ליב, איינס און צוויי און פאַרטיק. נישט ווי אַנדערע צעקראַכענע ווייבער, וואָס אַז מען הייבט זיך אָן פודערן, פאַרבן, גלעטן די האָר און קוקן אין שפיגל, קען מען חלשן אונטער זייערע הענט... זעץ זיך לעבן שאָפער, וועסטו אים ווייזן דעם וועג. אַט דאָס צעטעלע זאָלסטו באַלד אָפּגעבן ניקאָלאַיען. און נישט געזאַמט זיך, אַהין און צוריק, היידאַ! סיאַמקע, מאַקסימאַלן גאַז, מאַרש!...

שלמה האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין, צעטיילט די קינדער צוויי פּליטקעס שאָקאָלאַד פון שמואליקס פּעקל און גענומען אומגעדולדיק אויסקלאַפּן אַ מאָטיוו אויף דער שויב.

*

ווען דער אַרעסטאַנט האָט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט אים דער קאַפּיטאַן אַרומגענומען און באַלד אַ שמעטשע געטון אויפן אויער:

— עס איז גוט, פּעטער שמואליק, איר זענט שוין מיט איין פוס אויף דעם עולם.

— דערצייל, טייערער מיינער, ביי וואָס האַלט עס?

— נישט איצט, נישט איצט, איך האָף, אַז דינסטיק זאָלט איר שוין זיין אין דער היים. דאַמאָלסט, דאַמאָלסט וועל איך אייך אַלץ דערציילן. איצט איז נישטאָ קיין צייט. עס איז ערב־שבת און אויף מיר וואַרט אַן אויטאָ.

— שלמהלע, נשמה מיינע, גיב מיר כאָטש אָפּ אַ גרוס פון מייניקע. וואָס מאַכן זיי עפּעס גוטס? וואָס טוען דיינע עלטערן? די טולטשינסקעס?

— גלייבט מיר, שמואליק, איך האָב קיינעם פון זיי פאַר די אויגן נישט געזען. נישט דערפאַר, ווייל איך האָב קיין צייט נישט געהאַט, צייט האָב איך דווקא געהאַט גענוג, נאָר פּשוט, ווייל איך האָב נישט געוווסט וואָס זיי צו ענטפערן. זאָל איך זאָגן — שלעכט? פאַר וואָס זאָלן זיי האָבן אומזיסטיקע יסורים? זאָגן — גוט? און טאָמער לאָזט זיך נאָך אויס אַ בוידעם פון אַלע מיינע חלומות? האָב איך בעסער באַשלאָסן, די עטלעכע טעג זיך מיט קיינעם פון זיי נישט צו באַגעגענען, וועל איך פאַרשפּאָרן זיך ברעכן דעם קאָפּ אויף אַן ענטפער... אַט אַזוי איז דאָס. נו, שמואליק, דער טאָג שטייט נישט, זעצט זיך צום טיש, נעמט דעם בליישטיפט, אָט האָט איר פּאַפּיר מיט אַריינגעלייגטע קאָפּיר־בויגנס, מאַכט נישט קיין שהיות און שרייבט, איך וועל אייך דיקטירן...

ווייניקער ווי אין אַ האַלבער שעה אַרום, געזעגענענדיק זיך מיט ניקאָלאַיען, האָט אים שלמה געבעטן זיך באַמיען, ווי עס איז איבערגעבן די צוויי פּעקלעך צו די אַדרעסאַטן און אים דערוואַרטן אין עטלעכע טעג אַרום.

ווידער האָט שלמהן דער באַקוועמער אויטאָ געטראָגן איבער פעלדער און איבער וועלדער. דער מזרחדיקער טייל הימל איז געווען דורכזיכטיק בלוי און האָט זיך געלויכטן ווי אַ ניקעלנער קעגן דעם מערבדיקן, וועלכער

האָט זיך נאָך געשמאָלצן אין די פאַלדן פון דער מידער זון. דער בין־השמשות האָט אָנגעהויבן אַריינצושטעקן אומגעזעענע פלאָקנס אין דעם חלל־העולם. דער שבת־קודש האָט אָנגעהויבן צו באַחנען די אָפּגעשוירענע פעלדער, די אַרומגעפליקטע באַשטאַנעס און די פאַרשטויבטע פעלד־שטעגעלעך. פאָרנדיק פאַרביי אַ טייכל האָט שלמה אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ, זיך טובל געווען לכבוד שבת און איז ווייטער געפאָרן. די זון האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַ יאָג געטון צו דער שקיעה. שלמה האָט זיך איבערגעזעצט אויף דעם סאַמע הינטערשטסטן אָרט אין טיפן לימוזין און עפּענענדיק דאָס זייטיקע פענצטערל, געשמאַק־געשמאַק געזאָגט שיר־השירים אויף אויסנווייניק.

עס איז נאָך אין גאַנצן געבליבן אַ פּאָר מינוט צו ליכט־בענטשן, ווען שלמה האָט מיט פיל יגיעות און אַ דאַנק אַ פיינעם „מתן בסתר” באַקומען אַ נומער אין דעם זשיטאָמירער האָטעל „מאָסקווע”. סיאָמקע איז אַוועק קיין קיעוו און שלמה האָט געמאַכט שבת.

דאָס איז געווען „שבת נחמו”, עלף טעג אין חודש אב, יאָר 1933, זיין דריי און צוואַנציקסטער געבורטס־טאָג.

שבת אין דער פרי האָט ער אָפּגעדאַוונט מיטן ערשטן מנין און פון ניין אַ זייגער אָן געכומען וואַרטן אויף די געסט. עס איז געוואָרן צוועלף, דערנאָך צוויי און דריי און קיינער איז נישט געקומען. ער איז געווען אויסער זיך און האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען. ער איז געזעסן אויפן גאַניק, האָט שפּאַצירט פאַרן האָטעל, געמיינט, אַז דערמיט וועט ער צואיילן זייער קומען. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט געלעכערט מיט די בליקן יעדן פּאַסאַזשיר־אויטאָ, וואָס האָט זיך פאַרביי אים דורכגעטראָגן — אָבער אומזיסט. אַ ביטער ווערעמל האָט גענאָגט זיין געוויסן: שוין זשע איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין דער סאַמע לעצטער מינוט? שוין זשע האָט זיך אַ שפּאַלט געטון זיין גאַנצער בנין?

דער זייגער האָט געוויזן דעם אָנהייב פון דער פערטער שעה. יאָ, עס ווייזט אויס, אַז היינט וועט שוין קיינער נישט קומען. דאָס האַרץ איז אים געווען באַטריבט. אויף דער נשמה טונקל און וויסט, ווי אום האַלבער נאַכט אויף קאַראַ־קומער סטעפּעס. אַ דערשלאָגענער האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין האָטעל־צימער, זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעטל און זיך ביטער צעוויינט. ער האָט בפירוש גוט געדענקט, אַז שבת טאָר מען נישט וויינען, נאָר דאָס מאָל האָט דאָס געדענקען נישט געהאָלפן. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין, פאַר וואָס ער האָט אין דעם פאַל געקוקט אויף שבת. איסאַק אַבראַמאָוויטשן האָט ער געזאָגט, אַז אפילו יום־כפור וואָלט אים נישט מונע געווען פון עוסק זיין אין אָט דעם פדיון־שבויים, און אַז ס'איז געקומען צו עפּעס האָט ער זיך דערשראָקן פאַר אַן איסור־תחומין, וואָס איז נישט מער ווי אַ לאו מדרבנן... סטייטש: „עת לעשות לד' — הפרו תורתך”! *

* ווען מען דאַרף עפּעס טון פון גאָטס כבוד וועגן, מעג מען עובר זיין אויף אַ בפירושן איסור.

ער וואָלט געוועזן געדאַרפט פאָרן מיט סיאָמען צוריק קיין קיעוו און דאָרט אויפן אָרט אונטערוואַרעמען די זאַך, אונטעריאָגן, נישט ביי פּקוח־נפש פאַרלאָזן זיך אויף פרעמדע מענטשן. מיט פרעמדע הענט איז נאָר גוט פייער צו שאַרן. בלויז דער געדאַנק, אַז ער אַליין איז דער מחבל פון דעם גרויסן נס, וואָס האָט געזאָלט געטון ווערן דורך זיין האַנט האָט אים גע־צאַפּט דאָס בלוט און געקלעמט די נשמה. ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז ער איז אַנטדרימלט געוואָרן. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך פון אַ שטאַרקן שטורך אין דער פּלייצע. אויפרייסנדיק די אויגן, איז פאַר אים געשטאַנען סיאָמקע מיטן שליסל פון דעם מאָטאָר אין דער האַנט. ער האָט זיך שטאַרק געבייזערט:

— וואָס פאַר אַ שלאָפן גאָר אין מיטן דערינען? מענטשן וואַרטן דאָך אויף דיר.

שלמה איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ פּרוזשינע און האָט האַסטיק אַ פרעג געטון:

— וווּ וואַרטן זיי, די מענטשן?

— אויף אָקטיאַבערסקע־גאַס נומער 16, אין דער דירעקציע פון גאַס־טראָנאָם. קום שנעלער, כ׳האָב איבערגעלאָזט דעם מאָטאָר אַרבעטן.

— סיאָמאַ, פאָר אַליין. איך וועל זיך נאָר אַ וואַש טון דאָס פּנים און קום באַלד אָן.

— וועל איך שוין בעסער אויסוואַרטן אויף דיר, עס איז נישט זייער נאָענט.

— פאָר אַליין, זאָג איך. פאָלג, וואָס מען זאָגט דיר. שבת פאָר איך נישט. טאָמער פרעגט מען, זאָג, אַז איך גיי אַהין.

אין אַ פופצן מינוט אַרום האָט זיך שלמה וואַרעם געגריסט מיט סאָלאָ־מאָן איסאַיעוויטשן, מיטן קיעווער גאַסטראָנאָם־דירעקטאָר און מיטן פּריש באַקאַנטן זשיטאָמירער גאַסטראָנאָם־דירעקטאָר. דער טיש ביים דירעקטאָר אין קאַבינעט איז געוועזן סערווירט ווי פאַר שטאַרק חשובע געסט, קיינער האָט זיך אָבער צום כּיבוד נישט צוגערירט. די שטימונג איז געווען אַן ערנסטע ווי פאַר תּקיעות. שפּעטער זענען אויך אַריינגעקומען דער סעקרע־טאַר, דער הויפּט־בוכהאַלטער און דער פאַרוואַלטער פון פּלאַניר־אָפּטיילונג.

שלמה האָט גענומען סאָלאָמאָן איסאַיעוויטשן אונטערן אָרעם און אָפּ־פירנדיק אים אין אַ זייט, דעליקאַט געפרעגט:

— פאַר וואָס אַזוי שפּעט, סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש? כ׳האָב זיך שוין נישט געריכט —

— מיר האָבן געהאַט אַ פּשוטן חשבון. ווי באַלד, אַז מיטן צוריקפאָרן דאַרפן מיר במילא צוואַרטן אויף אייך ביז אויף דער נאַכט, צו וואָס זשע דאַרפן מיר נאָך פּטרן אַ טאָג אויך? דעריבער זענען מיר ערשט אַרויסגע־פאָרן נאָך דריי.

שלמהן איז פאַר זיך אַליין געוואָרן אַ בזיון פאַר זיינע נאַרישע טרערן.

ווי אַזוי איז אים גלייך נישט איינגעפאַלן אַזאַ פּראָסטער געדאַנק? עס איז דאָך אַזוי נאַטירלעך...

ביי אַ פייערלעכער שטילקייט, הינטער פאַרשלאָסענע טירן און זאָרגעוודיק פאַרהאַנגענע פענצטער, האָט דער פלאַנאָוויק, ציילנדיק יעדעס וואָרט, איבערגעלייענט לאָמאָוואַצקעס עטלעכע וואָרענונגען. דער עפעקט איז געווען אַ שווערער. דער פלאַנאָוויק האָט געקוקט אויפן הויפּט־בוכהאַלטער, יענער — אויפן סעקרעטאַר, דער סעקרעטאַר — אויפן דירעקטאָר. ביי אַלעמען אויף די פּנימער איז געווען אויסגעקריצט אַן אַנטעצוויגנקייט, וועלכע איז איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרלוירנקייט. דער קיעווער דירעקטאָר האָט דאָס אַלץ גלייך באַמערקט. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין געוועזענעם פאַרטרעטער און האָט אים לאַנג עפּעס איינגעטעניהט אויפן אויער. לאַנגזאַם און מיט ציטערנדיקע פינגער האָט יענער אַרויסגענומען דעם רויטן בלייַשטיפט פון דעם אייבערשטן קעשענקעלע און זיך געחתמעט אויף די קאָפּיעס. דער סעקרעטאַר האָט אויף זיין ווונק צוגעלייגט דעם זיגל צו יעדער קאָפּיע באַזונדער און דערלאַנגט שלמהן דאָס פּעקל פּאַפּירן.

אַלע געסט זענען געבליבן פאַרברענגען ביי די זשיטאָמירער בעלי־בתים און שלמה, הארציק געזעגענענדיק זיך מיט די נייע באַקאַנטע, איז אַוועקדאַווענען מנחה און פּראַוועןן שלש־סעודות.

עס האָבן זיך קוים באַוויזן דריי שטערן, ווי דער טאָרגסינאָווסקער אויטאָ האָט זיך גרינג אַ לאָז געטון אין דער ריכטונג פון קיעוו.

קאפיטל XXXVI

די נאכט איז געווען א צויבערנדיקע. א געל־רויטלעכע, שבת־נחמודיקע לבנה האט ארומגעמארשירט צווישן די, אין אומארדענונג צעשאטענע, שפיציקע שטערנדלעך. פונעם שנעלן מאשין־געלויף האט זיך דורך די פענצטערלעך געטראגן אין אויטא אריין א סווישטשעריי מיט א פייפעריי, ווי אן ארקעסטער פון גרוזינישע פאסטעכער וואלט באגלייט די רייזנדיקע. נאר גראד דאס מאל האט זיך שלמה נישט געגייטיקט אין קיין מוזיק. די נאר וואס באשטעטיקטע קאפיטל אין בוזעמטאש האבן אים געווארעמט די ברוסט און געבריט מיט פרייד די נשמה. אלע ווילע פלעגט זיך אין אים דאס הארץ א ווארף טון ווי א נייען־חדשימדיק קינד, ביי דער מוטער אין בויך:

— שלמה, דער פינאל הייבט זיך אן... דער אנהייב פונעם סוף... אשרי המחכה ויגיע לקץ...

ווען עס האבן זיך אויפן טונקעלן האריזאנט באוויזן די בענגאלישע פייערן פון קיעווער זאוואד „באלשעוויק", האט זיך שלמה געווענדעט צום יוריס־קאנסול:

— צי קענט איר מיר נישט זאגן, סאלאמאן איסאיעוויטש, ווו איך קען איצט טרעפן איסאק אבראמאוויטשן?

— א! גוט וואס איר האט מיר דערמאנט. כ'האב טאקע פארגעסן אייך איבערגעבן, אז איסאק אבראמאוויטש וועט אונדז איצט דערווארטן אין מיין קאבינעט. ער וויל אייך נאך היינט זען.

— סאלאמאן איסאיעוויטש, איר האט גאר קיין השגה נישט, וואס פאר א דימענט אט דער שטיינבערג איז. כ'האב נאך אזעלכע מענטשן נישט באגעגנט.

— איר זענט דאס ערשט געוויר געווארן און איך וויים דאס שוין פון לאנג. מען האט מיר שוין וויפל מאל פארגעלייגט בעסערע שטעלעס, נאר איך בין צו אים צוגעבונדן מיט ליב און לעבן און וויל זיך מיט אים נישט שיידן. דאס איז א מענטש א זעלטנהייט: ער איז קלוג און דערפארן, צו זיך שטרענג ביז גאר און גלייכצייטיק צו אלעמען — מילד ווי א קליין קינד.

ביי דער פאראדנע, געזעגענענדיק זיך, זאגט דער יוריס־קאנסול דעם דירעקטאר פון גאסטראנאם:

— א גוטע נאכט, א גוט יאר. איצט קענט איר שלאפן רואיק. דער נארקאמאט פאר בילדונג האט פארשפילט, אזוי איז אויך אבאטניקאווס מיינונג.

— א! איך דאנק אייך זייער. איך וועל דאס אייך קיין מאל נישט פארגעסן.

דער אויטא איז אוועקגעפארן אין גאראזש אריין און שלמה מיטן יוריסט האבן זיך אויפגעהויבן אויפן דריטן שטאק.

איסאַק אַבראַמאָוויטש, אינפאָרמירנדיק זיך װעגן פאַרלויף פון די אונ־טערהאַנדלונגען, איז געװען איבערגליקלעך. ער האָט געריבן די הענט פאַר הנאה:

— נו, סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש, הונדערט מכשפות דיר אין בויך, איצט ביסטו שוין צופרידן?

— האָבנדיק אייך מיט סאָלאָמאָן איסאַיעװיטשן אַלס שתדלנים, האָט אַנדערש נישט געקענט זיין.

— איצט נאָך לעוויטינס פּאַפּירלעך און — זיי מיר געזונט און שטאַרק און הוסט נישט...

— יאָ, איך רעכן גיין צו אים זייגער ניין אין דער פרי.

— װען האָסטו דעם צוג קיין סלאַוואוטע?

— אַרום האַלבן טאָג, איך ווייס נישט פּינקטלעך.

— באַלד װעלן מיר וויסן גענוי.

ער רוקט צו זיין בענקל צום טיש, נעמט אַראָפּ דאָס טרייבל פון טע־לעפאָן און נעמט אָן דעם נויטיקן נומער:

— האַללאָ, װאָקזאַל! װאָקזאַל? פאַרבינדט מיך מיט דעם דיזשורנע־ביוראָ. יאָ, יאָ, װער איז ביים טעלעפאָן? זאָגט מיר, װען איז דאָ אַ צוג אויף סלאַוואוטע? האָ, װאָס? פינף מאָל אין מעת־לעת? דאָס אינטערע־סירט מיך נישט. איך דאַרף בייטאָגיקע שעהן. יאָ, יאָ, בייטאָגיקע... װען? װען? 11:20 אין דער פרי און 4:05 נאָך מיטאָג? אַ גרויסן דאַנק. אויף דער נאַכט איז נישט וויכטיק... אַ דאַנק!

און צו שלמהן:

— נו, אָט! דו האָסט צייט ביז עלף אַ זייגער. װעסט קומען צו מיר אין קאַבינעט אַ זייגער ניין — האַלב צען, װעלן מיר צוזאַמען צוגיין צו אים.

— איסאַק אַבראַמאָוויטש, װאָס רעדט איר? איך װאָג נישט אַזוי פיל אייך מטריח צו זיין. עס איז העכער פון מיין השגה.

— װעסט שוין דערמיט גאַרנישט פאַרריכטן. אַלץ איינס קומט מיר שוין אַ שטיקל חלק אין דער מצוה.

— נישט קיין שטיקל, נאָר אין גאַנצן. װאָס האָב איך דען געטון?

— אָך, סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש, האָב איך ליב, אַז אָט דאָס כלומרשט נאַאיווע בחורל הייבט אָן זיך נישט צו באַמערקן. — „װאָס האָט ער דען געטון"? ער האָט דען אַריינגעטון אַ האַנט אין קאַלט װאַסער? עס איז נאָר שוין אַ װאָך, אַז ער שלאָפט נישט און עסט נישט און זעט זיך נישט מיט זיין טאַטע־מאַמע, און נאָך טויזנט זאַכן און מער גאָרנישט... הײנט גייט דערציילט אים װאָס ער האָט געטון...

— איי, איסאַק אַבראַמאָוויטש, איר האָט שוין אַזאַ מאַניע צו קוקן אויף יענעמס אַרבעט דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז און דאַקעגן, װאָס איר טוט אויף, מאַכן צו קליינגעלט... איך ווייס דאָס שוין נישט פון נעכטן.

— יאָ, יאָ, רעד מיר איין. דאַכט זיך נאָר אויפהייבן אַזוי פיל מענטשן

אויף די פיס צוליב אַט דעם לאַמאַוואַצקין, ווי דו האָסט אויפגעהויבן... יאָ ,כ׳האָב גאָר פאַרגעסן דיך וואָרענען: אַט פּרווו אָקאָרשט נישט רופן אונדז ביידן אויף דיין חתונה — דאַרפסטו זיך פון קיעוו אַרויסקלייבן. איר פאַרשטייט, סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש? אַט דער פאַרשווין גייט אין גיכן חתונה האָבן. עס וועט זיכער זיין אַ יידישע חתונה פונעם אַלטן שניט, ווי אין משה רבנוס יאָרן: מיט שוואַרצע קאַפּאָטעס און מיט כשרע טענץ, מיט ליכט צו דער חופה און מיט מחותנתטע-טערטלעך. מיט איין וואָרט — ווי ביי אונדזערע זיידעס פון קדמונים. רעכן איך, אַז נאָך דעם סלאַוואַר־טער עפּיזאָד האָבן מיר דאָס רעכט צו האָפן און אפשר גאָר צו פאָדערן... וואָס, ניין אפשר?

שלמה שטיקנדיק זיך פאַר געלעכטער פון איסאַק אַבראַמאָוויטשעס ערנסטקייט:

— איסאַק אַבראַמאָוויטש, צו וואָס דאַרפט איר זיך מיט מיר לאָדן פאַר סאָלאָמאָן איסאַיעוויטשן? סיי ווי, צי איר ווילט יאָ, צי איר ווילט נישט, זענט איר ביי מיר די ערשטע, די סאַמע חשובסטע מחותנים. נאָר וואָס באַטרעפט דאָס דען קעגן דעם אַלעמען, וואָס איר ביידע האָט מיר געטון?

איסאַק אַבראַמאָוויטש, מיט אַ כיטרע שמייכעלע:

— מיר האָבן דאָך דאָ ערשט געשמועסט, אַז די מצוה איז אין גאַנצן אונדזערע, האָבן מיר דאָך שוין ווידער פון דיינעט וועגן גאָרנישט געטון.

— סיידן אַזוי, סיידן אַזוי... איסאַק אַבראַמאָוויטש, אָבער איר לאַכט נישט אין זיך?

— גאָט באַהיט, גאָט באַהיט. זעסט עפּעס אויף מיין פּנים, אַז איך זאָל לאַכן?

שלמה האָט זיך מיט זיי וואַרעם געזעגנט און איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

ס׳איז געהאַנגען איבער קיעוו אַ כישופדיקע, מוצאי־שבתדיקע נאַכט. איינע פון יענע נעכט, וואָס לאָזן איבער אין יונגע הערצער טיפע קריצן, וועלכע פאַרגייען נישט אויף אייביק. ווי אין קיעוו טרעפט זייער זעלטן, האָט די בלייכע לבנה באַהערשט די לאַנדשאַפט. די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן פאַרשעמטע געקוקט אַראָפּ, נישט וועלנדיק וועגדן אויף זיך קיין אַכט. די אויטאָמאָבילן האָבן פאַרדומפּענער ווי אַלע מאָל קוים־קוים געראַצט די שטילקייט. פון אַ ווייטן ראַדיאָ־רופאָר האָט מען איבערגעגעבן לייכטע מו־זיק. שלמהן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זינגט מען „אליהום". ער האָט זיך ווייטיקלעך דערמאָנט אין כמעלניק, עס האָט אים שטאַרק אַ צי געטון קיין אַנאַניעוו, אָבער כמעלניק איז איצט לײדיק כמלונה במקשה* און אַנאַניעוו איז שוין לאַנג חרוב ונחרב. אומעטום בלויז צאַמען... קברים...

* ווי אַ וועכטער-ביידל אויפן באַשטאַן נאָכן אַרויספירן די ערדפרוכטן. פון ישעיה.

אויסגעלאָשענע ווולקאנען... וווהין־זשע גייט מען? פאַר צען מינוט גאַנג קען ער זיין ביי יאַנין, זיך פאַר דער גאַנצער צייט איינזווינגן אין זיין פאַלים פלאַמענדיקע ליפּן. נאָר ניין, עס איז נאָך אַלץ צו פרי. אַלע זיינע גליקן זענען ערשט דערוויי׳ל נאָר אויף פּאַפּיר, א מגדל הפורח באויר. ניין, ער טאָר זיך נאָך דעם פאַרגעניגן נישט פאַרגינען. ער מוז נאָך האָבן געדולד עטלעכע טעג. ער האָט שוין געוואַרט אַזוי פיל, וועט ער שוין וואַרטן נאָך א ביסל. דערפאַר אָבער צו די פייגנבוימס קען ער צופאָרן, פאַר וואָס נישט? דאָרטן פאַרברענגט מען געוויס, וועט ער אויך זיצן ביז שפּעט און אפשר אפילו כאַפּן א שלאָף אין איין ווענס. און מאָרגן אין דער צייט, אַז ס׳וועט אַלץ גיין כשורה, דאַרף ער שוין שלאָפן ביי די קריוואָ־רוטשקעס... און איבער מאָרגן — אין וועג, צי אין דער היים? — ע, דאָס איז שוין אַלץ איינס... אוי, ווי האַלט עס שוין דערביי, ער וואָלט שוין גערן מיט די ציין האָבן דערצויגן.

ביי די פייגנבוימס האָט אים געעפנט זייערע א ווייטע קרובה, וואָס האָט געוווינט נישט ווייט פון קיעוו אין א שטעטל. זי האָט צוגעמאַכט הינטער אים די טיר און איז אַליין אוועק אין קיך אריין. פון דעם זאַל האָט זיך דערטראָגן א מישמאַש פון קולות און עמעצנס קלינגענדיקער גע־לעכטער. ווען שלמה האָט זיך אומגעריכט באוויזן אויף דער שוועל, האָט זיך פון עטלעכע ברוסטן מיט א מאָל נישט ווילנדיק ארויסגעריסן א גע־שריי:

— זעט נאָר, אָט איז ער דאָך!...

אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדעט אויף אים. קיינער האָט קיין וואָרט נישט ארויסגעבראַכט און שלמה האָט אויך שווייגנדיק באַ־טראַכט אַלעמען. עס זענען דאָ געווען אַלע זיינע חברים און פיל אומבאַ־קאַנטע יונגעלייט. שלמה איז געשטאַנען אויף דער טיר א בלייכער, נאָר א שיינענדיקער, מיט גליק אין די אויגן. עטלעכע מינוט האָט געדויערט דאָס קעגנזייטיקע באַטראַכטן זיך. ענדלעך האָט שלמה נישט אויסגעהאַלטן און מיט א ליבלעכן בייזער א געשריי געטון:

— וואָס האָט איר אַנגעשטעלט אויף מיר די קוקערס, ווי איר וואָלט מיך געזען צום ערשטן מאָל? וואָס איז אויף מיר אַזעלכעס אָנגעשריבן?

טאָני איז צוגעגאַנגען צו אים:

— האָסט זיי גאָרנישט באַגעגנט, שלמה? זיי זענען דאָך ערשט ארויס־געגאַנגען, נאָר וואָס טאַקע...

— ווער איז דאָס — „זיי״?

— וואָס הייסט, ווער? דיין דינה מיט פאַלין.

— דינה מיט פאַלין? וואָס האָבן זיי דאָ געטון?

— וואָס עפּעס נאָר דאָ? מען האָט שוין די שטאָט איבערגעקערט נאָך דיר...

— וואָס זשע דאַרפן זיי מיך עפּעס אַזוי נייטיק?

— אָט דאָס, זעסטו, איז א קלוגע פראַגע. אַז עק, הערן מיר כאַטש

איין קלוג וואָרט פאַרן גאַנצן אויפדערנאַכט. א מענטש ווערט פאַרפאַלן אויף א וואָך צייט, ווו ער טאָגט, דאַרט נעכטיקט ער נישט, און פרעגט נאָך, צו וואָס דאַרף מען אים. גייט גיט אים צו פאַרשטיין אַזאַ זאַך...
אברהם פייגנבוים רופט זיך אָן:
— טו זיך אויס, זעץ זיך, נעם דיך נישט צום הארצן. טאַני שטעלט דיר אויף א גאַנצן בוידעם. קום אַהער נעענטער, זיי וועלן זיך געוויס באַלד אומקערן...
— ווער — „זיי״?
— וואָס טוט זיך עס מיט דיר היינט? ביסט עפּעס ווי פון שלאָף... ווער זיי? ווער זיי? דיין שוועסטער מיט דיין כלה.
— וואָס זשע הייסט, זיי וועלן זיך אומקערן? זיי זענען דאָך אוועק־געגאַנגען?
— אין ערגעץ זענען זיי נישט אוועקגעגאַנגען. זיי זענען נאָר צוגע־גאַנגען אויף א מינוט צו הרב ביאַליק. אַזוי ווי דו האָסט תשעה־באב ביי אים געגעכטיקט, האָבן זיי גערעכנט, טאָמער האָט ער עפּעס פרישע ידיעות וועגן דיר. מילא בקיצור, קום אַהער, זעץ זיך אַנידער.
— ניין, א דאַנק, אויב אַזוי וועל איך גיין זיי אַקעגן.
— צו וואָס דאַרפסטו לויפן? פאָלג מיך, מען דאַרף נישט. קענסט זיך נאָך אויספעלן מיט זיי. זיי וועלן שוין באַלד אַליין אַריינקומען.
— ניין, כ׳וועל גיין. עס איז נישט ווייט.
— אויב דו ווילסט שוין גאָר, וועט טאַנקע זיי א רוף טון... טאַניע לעבן —
— ניין, ר׳ אברהם, הלמאי זאָלט איר מטריח זיין אייער טאָכטער? איך וועל עס מאַכן איינס און צוויי —
— שטיי נאָר, דיין דינה האָט דאָ דערציילט, אַז היינט זענען דיינע אימענינעס. וואָס זשע שווייגסטו?
— כ׳האָב נאָך נישט געהאַט ווען צו שרייען. נו, איז א גוטע וואָך דערוויייל.
נישט לייגנדיק מער קיין אַכט אויף די פּראָטעסטן פון זיינע חברים, איז שלמה אַרויסגעפלויגן פון הויז נומער 67 אויף קאַראַוואַיעווסקע־גאַס. ער איז געווען באַגאָסן מיט שוויים און האָט אויסגעזען ווי פון א באָד. נישט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט, איז ער אוועקגעפאָרן אין „קאָנטינענ־טאַל״ און האָט זיך באַשטעלט אַן אָרט אויף צו שלאָפן. ווען דער באַדינער האָט אים געפירט ווייזן זיין בעטל, האָט ער זיך פנים אל פנים באַגעגנט מיט מאַרוסיען, די פלימעניצע פון די טולטשינסקים. אָן ווערטער האָבן זיי זיך באַטראַכט איינס דאָס אַנדערע און זיך שטום צעגאַנגען יעדער אין זיין וועג. דאָס פּאָרל האָט זיך פון שטענדיק אָן ליב געהאַט פון דער ווייטנס...
שלמה האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל פון זיך. שלאָפן האָט זיך אים נישט געוואָלט, איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין סאַלאָן און ווי עס איז פאַר־

שטענדיקנדיק זיך מיט אַן ענגלענדער, גענומען אויסשטעלן אַ שאָך. דער אויסלענדער האָט געהייסן ברענגען ליקער, שלמה — וויינטרויבן מיט מאַראַנצן, און די שפּיל האָט זיי ביידן פֿאַרכאַפּט ביז גאָר. כמעט צו באַגינען האָט זיך שלמה איינגעוויקלט אין זיין קאָלדרע און אָנזאָגנדיק טע־לעפֿאָניש דעם דיזשורנע פֿונעם האָטעל, מען זאָל אים אויפֿוועקן האַלב ניין, איז ער איינגעשלאָפֿן.

קאפיטל XXXVII

ווען שלמה איז אַן אָפּגעדראַווגטער, אַן אָפּגעגעסענער אַריינגעקומען צו איסאַק אַבראַמאָוויטשן אין קאַבינעט, האָט ער אים געטראָפן אַ ביסל אַ צעטראָגענעם.

— נו, שלמה, מיר האָבן זיך נעכטן צו פרי געפרייט. דיין שיף איז אַרויף אויף אַ זאַמד. נאָר שרעק זיך נישט, וואָס ביסטו אַזוי בלאַס גע־וואָרן? אַ משוגענער, אויף מיין וואָרט! איך שפּאַס און ער מיינט אויף אַן אמת. פּשוט לעוויטין איז אָפּגעפאָרן.

— וואָס הייסט אָפּגעפאָרן? וווהין? אויף לאַנג?

— אייערנעכטן ביי טאָג איז ער אָפּגעפלויגן קיין מאָסקווע. זיין סעק־רעטאַר האָט מיר אפילו געזאָגט, אַז זיי דערוואַרטן אים היינט, מאָרגן.

— איז דאָך נאָך נישט אַזוי געפערלעך, ווי איך האָב געמיינט...

— ווער זאָגט דען, אַז עס איז געפערלעך? נאָר פון היינט פאָרן, ברו־דערקע, — פאַרגעס!

— פאַר וואָס זשע? ער קען דאָך נאָך היינט קומען? ער האָט דען מיט מיר אַ סך אַרבעט?

— קיין סך אַרבעט האָט ער טאַקע נישט, אָבער ווער ווייסט, צי באַלד ווי ער וועט זיך אומקערן, וועט ער קומען אויף דער אַרבעט? אַלנפאַלס פון פאָרן 1120 איז אָפּגערעדט.

— ווער שמועסט דען דערפון? דאָס פאַרשטייט מען, איז פאַרלוירן. אַזוי איז דאָס. קעגן דער השגחה קען מען נישט גיין. ס׳איז אַזוי באַשערט, אַז פונקט צום פּיק, זאָל זיך אים פאַרגלוסטן אַוועקפאָרן...

— זיי נישט אַזוי געפאַלן ביי זיך. אויף מיין וואָרט, עס רייסט מיר אַזש דאָס האַרץ קוקנדיק אויף דיר. מה רעש, אַז משיח וועט קומען שפּע־טער מיט אַ טאָג? מילא, דער דאָך ברענט דאָך נישט איבער זייערע קעפּ, וואָס קען מען העלפן? פּרווו, קום אַריין צוויי, דריי אַ זייגער, וועלן מיר נאָך אַ מאָל אָנקלינגען.

שלמהן איז געווען שווער דאָס האַרץ. מיט די זאַכן שפּילט מען זיך נישט, יעדע מינוט שפּילט אַ ראָל. ער איז אַראָפּגעפאָרן אויף פּאָדאָל, אין אַ באַקאַנטער שטוב געגומען אַ תהילימל, גענומען אין פּאַרק אַ שיפל און איז אַרויסגעפאָרן אויסער דער שטאָט. ווען דער רויש פון די פאַר־שוווּנדענע גאַסן האָט אים שוין נישט געקענט דעריאָגן און פון ביידע זייטן דניעפּר איז נאָר געווען צו זען אָפּגעלעבטע פעלד־גערטנער, אויסגע־ליידיקטע באַשטאַנעס און רעשטלעך פון אַ מאָל אומגעקומענע טראַט־ווּעס, האָט ער גענומען תהילים זאָגן, מיט האַרץ, מיט געפיל און מיט געוויין. דאָס שיפל האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט איבער דעם מאַט־גרינעם טייך, די היץ האָט געסמאַליעט אין קאָפּ, דאָס וואַסער איז געווען וואַרעם, געדופן באָדן זיך. אַרום שלמהן איז נאָר געווען זאַמד און סקאַלעס און

די גאָלדענע צלמים פון פּעטשערסקער לאַווּרעס האָבן געפינקלט אויפן האָ־ריזאָנט.

נאָך צוויי האָט שלמה אומגעקערט דאָס שיפל, אויסגעטרונקען אין אַ קאַפּעהויז אַ גלאָז שוואַרצע קאַווע און אַ נידערגעשלאָגענער זיך געלאָזט גיין צו איסאַק אַבראַמאָוויטשן אין טאָרגסין אַריין. נאָך אונטן, אויפן טראָטואַר, האָט שלמה דערזען, ווי איסאַק אַבראַמאָוויטש דראָט אים פון זיין קאַבינעט־פענצטער מיט אַ קולאַק. נישט טויט, נישט לעבעדיק איז שלמה אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ און אַריין אין קאַבינעט, נישט אָנ־קלאַפנדיק.

ער איז נאָך געווען אויף דער שוועל, ווי יענער האָט זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן:

— האָסט זיך אודאי געלייגט שלאָפן ערגעץ, צי וואָס?

— וואָס איז דען, איסאַק אַבראַמאָוויטש?

— וואָס הייסט, וואָס איז? איך האָב מיר שוין די אויגן אויסגעקוקט אויף אים און ער מאַכט זיך גאָר תמעוואַטע: „וואָס איז דען"? קום שנע־לער! דו האָסט ביי זיך די קאַפּיעס? לעוויטינס פּערזענלעכער סעקרעטאַר האָט מיר נישט לאַנג געענטפערט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווער אַוויאַ־פּאַרט, אַז סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש איז נאָך צוועלף אַרויסגעפלויגן פון דאָרט. ער דאַרף באַלד זיין ביי זיך. ער האָט עפּעס אַ וויכטיקע באַראַטונג. קום, מיר וועלן זיין ביי אים די ערשטע. זאָל ער נאָר פּרווון נישט אַריינלאָזן אונדז צו ערשט, וועל איך אים שוין וויזן...

שלמה האָט אָן ווערטער צוגעפּרעסט איסאַק אַבראַמאָוויטשן צום האַרצן און זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס. שלמה האָט אָפּגעשטעלט דעם ערשטן אויטאָ, וואָס האָט זיך זיי געטראָפן, און געהייסן פירן צו דער שטאָטמיליץ.

דער פּאָדערצימער ביי לעוויטינען איז געווען געפּאַקט. זיי האָבן זיך דורכגעשטופּט צום סעקרעטאַר. ער האָט זיי געזאָגט, אַז דער פּאָלקאָווניק לעוויטין איז שוין אין קיעוו און דאַרף אַ ליאַדע מינוט אָנקומען אַהער.

לעוויטינס אָנקומען האָט קיינער נישט געזען. ער האָט געהאַט אין זיין קאַבינעט אַריין אַ זייטיקן אַריינגאַנג. דער סעקרעטאַר האָט אים צום אַלעם ערשטן אַריינגעטראָגן שטיינבערגס אַ צעטעלע, אויף וועלכן עס זענען געווען אָנגעוואָרפן בלויז געצײלטע עטלעכע ווערטער. ער האָט גלייך גע־הייסן אַריינלאָזן אים מיט זיין באַגלייטער.

*

נאָכן צווייטן קלונג איז שלמה אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל, און ווען דער צוג, וואָס פאָרט צו דער מערבדיקער גרענעץ האָט שוין ממש גערירט, האָט ער נאָך באַוויזן אַריינצופאַלן אין וואַגאָן אַריין. דעם גאַנצן וועג האָט ער נישט צוגענומען די האַנט פון דער בוזעמטאַש, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די טייערע, אומשאַצבאַרע דאָקומענטן, פון וועלכע

עס הענגט אָפּ דער גורל פון צוויי טייערע לעבנס: פון אַן אַלטן, אומשול־דיק־פאַרמשפּטן פּראָפעסאָר און פון דעם פעטער פון זיין היים געליבטער פּאָלי. הינטער קאַראַסטיען איז דער צוג אָפּגעשטאַנען ביים סעמאַפאָר כמעט אַנדערטהאַלבן שעה און שלמה איז אָנגעקומען קיין סלאַוווטע ווייט נאָך האַלבער נאַכט.

דער וואָקזאַל איז געווען ליידיק און נישט באַלויכטן. אויף די עט־לעכע בענק, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן פּלאַץ, וואָס קעגן דעם חנעווו־דיקן וואָקזאַל־מויערל, האָבן זיך מיט קולי־קולות געשטופּט קאָלכאָזניקעס און קאָלכאָזניצעס, וואָס וואַרטן אויף דעם פּאַרטאָגעדיקן צוג. זיך סתם אַרומדרייען אויף דעם פּוסטן פּלאַץ, ביז עס וועט טאָג ווערן, איז געווען אומהיימלעך און שוין צו לאַנגווייליק. נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת האָט שלמה זיך איינער אַליין געלאָזט גיין צו פוס אין דעם דערפל, ווו די קריי־וואָרוטשקעס האָבן געוווינט. דאָרט איז אַלץ געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. שלמה האָט געמוזט עטלעכע מאָל אָנקלאַפּן, ביז מען האָט דער־הערט. געעפנט האָט אים ניקאָלאַי. דערזעענדיק שלמהן האָט ער אַ געשריי געטון אין שלאָפצימער אַריין:

— מאַרינאָטשקאַ, סאָלאָמאָן איז געקומען, טו זיך אָן.

פּייל אויסן בויגן איז מאַרינקע אַרויסגעלאָפן פונעם שלאָפצימער. איר געזיכט האָט געשטראַלט פון פרייד. שלמה האָט זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר זיין אויפוועקן זיי, אָבער מאַרינקע האָט זיך אויף אים צעשריגן:

— שווייג, דו... דו האָסט נישט געטאָרט וואָגן אַנדערש טון... אַזאַ מעשה גאָר... אויפגעוועקט! אויך אַ געשעפט!

שלמה האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אַרומצווואַשן, ווי דער סאַמאָוואַר האָט שוין גענומען פאַרזידן. אויפן טיש איז אויסגעוואַקסן אַ באַרג מיט אַלערליי פאַרבייסעכצן. שלמה איז אַרויסגעגאַנגען צום טיש אַ פרישער, אַן עלעגאַנטער. ער האָט שטאַרק געדריקט די האַנט מאַרינקען, אַרומגע־נומען ניקאָלאַיען און זיך מיט אים צעקושט.

— ענדלעך, ענדלעך! מיינע ליבע, מיינע געטרייע! ווי אַזוי די דאָ־קומענטן זענען מיר אָנגעקומען, דאָס ווייסט נאָר גאָט, נאָר דערפאַר איז שוין אַלץ געענדיקט. איך האָב אַלץ געבראַכט מיט זיך, קוק אומיסטן אי־בער, ניקאָלאַי, כ'בעט דיך, וועסט דערנאָך רייניקן די ליולקע, נעם מיר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. גלייב מיר, קוים וואָס איך פּלאָנטער שוין מיט די פיס...

ניקאָלאַי האָט אַ בלעטער געטון דאָס פּעקל פּאַפּירן און איז נשתומם געוואָרן:

— פאַר וואָס איז דער מיליציייאישער בריוו אָן אַ דאַטום? וואָס איז דאָס? דער אַקט וועגן דעם לעדער, אויך אָן אַ דאַטום?!

— דאָס האָב איך ספּעציעל געבעטן, נישט שרייבן אויף קיין שום דאָ־קומענט קיין דאַטום, כדי דו זאָלסט מיט דער עלטער פון אַט דער גאַנצער

דאָקומענטאַציע קענען רעגולירן, ווי דיר וועט בעסער טויגן... נישט גע־וועזן געדאַרפט אַזוי טון, האַ?

— דו ביסט נישט קיין שלעכטער דיפּלאָמאַט, סאָלאָמאָן... דיר פּיקן דעם צונג, דאַרף מען שווין נישט.

ניקאָלאַי האָט בכובד־ראש געלייענט יעדן דאָקומענט צו עטלעכע מאָל. שלמה איז געשטאַנען אויף יענער זייט טיש און איז געווען ווייס ווי קרייד. זיין גאַנצע נשמה איז איצט געווען אין די אויגן, און די אויגן זענען ווי צוויי אַנגעגליטע שפּיזן געווען אַריינגעשטעקט אין פּראָקוראָרס פּנים. אויף מאַרינקעס בלאַסן פּנים איז אויך געווען אָנגעשריבן, אַז אויף דער איצטי־קער מינוט שטייט די גאַנצע וועלט. און די דאָזיקע מינוט, ווי אויף צו־להכעיס, האָט געדויערט, געדויערט... אין צימער איז געווען שטיל ווי אין אַ קבר, קיינער האָט נישט געוואַגט הויך קיין אָטעם צו טון, טאָמער שטערט דאָס ניקאָלאַיען אין אַזאַ גורלדיקער מינוט. ניקאָלאַי איז נאָך אַ מאָל איבערגעלאָפן מיט די אויגן יעדעס פּאַפּירל באַזונדער, און קוקנדיק שטאַר אויף שלמהן, האָט ער לאַנגזאַם דורכגעזיפּט דורך די ציין:

— מאָרגן אין דער צייט ביסט דו און דיינע חברים פון דער קאַמער מיינע געסט ביי דעם זעלבן טיש. ביסטו צופרידן, צי נאָך אַלץ נישט?

שלמה האָט זיך אַזש פונאַנדערגעוויינט פאַר גליק. ער האָט אַרומ־געכאַפּט ניקאָלאַיען אַרום האַלדז און אַרויסגעשעפּטשעט:

— ליבער מיינער, דו ביסט דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט. איך וועל דיך קיין מאָל, קיין מאָל נישט פאַרגעסן. איך שווער דיר דאָס ביי מיין לעבן.

מאַרינקע האָט ברוגז אָנגעבלאָזן די ליפּן:

— און מיך — יאָ? אַך, דו אומדאַנקבאַרער!...

שלמה האָט גענומען מאַרינקעס האַנט אין זיינער:

— מאַרינקאַ, טייערע, פון דיר איז אָפּגערעדט. מיט קיין אייזערנע צוואַנגען וועט מען נישט אַרויסרייסן דיין נאָמען פון מיין הארצן.

און מיט אַן אומדערוואַרטן ערנסט, האָט ער מיט אַ סודות־פולן טאָן פליסטערנדיק צוגעגעבן:

— אַך, מאַרינקע, מאַרינקאַ, דו זאָגסט — פאַרגעסן... שוין דאָס צווייטע מאָל, אַז גאָט שיקט מיר צו פרויען מיט דיין נאָמען ווי פאַרשטעל־טע מלאכים אויף גוטס צו טון מיט מיר. די ערשטע האָט געוווינט אויף דער מזרחדיקער גרענעץ, און דו — אויף דער מערבדיקער. יענע האָט געהאַט הימל־אויגן, און דו — קאַרשן־אויגן. יענע איז געווען אומגליק־לעך און דו ביסט גליקלעך. נאָר ביידע האָט איר ליכטיקע נשמות און גאָלדענע הערצער.

ביים דערמאָנען זיך אין די יאַגודאַיעווס האָט זיך אויף שלמהס פּנים אָנגערוקט אַ וואָלקן. די זכרונות פונעם פאַרגאַנגענעם זומער האָבן אויף אים אַ שלאָג געטון מיט אַ מעכטיקער כוואַליע. ער איז געבליבן זיצן מיט

פארמאכטע אויגן, א בלייכער, און אויסגעשעפטער. מארינקע האט אים אנ־גערירט ביים ארבל:

— סאלאמאן, טייערער, עס איז ערשט איינס אדער צוויי א זייגער, ביז טאג איז נאך אזוי ווייט. שלאפן פארשטייסטו דאך אליין, וועלן מיר שוין אלץ איינס נישט. איך בעט דיך, דערצייל וועגן דער באגעגעניש מיט יענער מארינקען. איך פיל, אז איך וועל פון קיין רו נישט וויסן... ניקאָ־לאי, זאג דו אים, דיר וועט ער גיכער נישט אפזאגן...

ניקאלאי האט אויך גענומען בעטן ביי שלמהן דאס זעלבע. מארינקע האט זיך א פארטראכטע אנגערופן:

— איך בין זיכער, אז דיין באגעגעניש מיט יענער מזרחדיקער קראַ־סאוויצע מוז זיין נישט ווייניקער אינטערעסאנט ווי דיין באגעגעניש מיט מיר אויף יעוובאז.

— דו האסט א גרויסן טעות, מארינקע. יענער צופאל איז געווען אן אן ערך ערנסטער און בלוטיקער. הערט, איך וועל אייך דערציילן. פאר אזעלכע פריינד ווי איר זענען נישט שייך קיין סודות...

עס איז שוין געווען גרויסער טאג, ווען שלמה האט געענדיקט זיין דערציילונג. א לאנגע ווײַלע איז געווען שטיל אין צימער. מארינקע האט שטיל געפרעגט:

— און וואס זשע איז געוואָרן דער סוף פון די יאגודאיעווס?

שלמה האט טרויעריק געענטפערט:

— דאס ווייס איך גלייך מיט דיר, מיין טייערע. דאס לעצטע מאל האב איך געזען מרימס פנים אויף די טרעפלעך פון די סקלאדן און מער ווייס איך וועגן איר גארנישט. צי דער סולימאנאוו האט זיך נוקם גע־ווען אין זיי פאר מיין אנטלויפן, צי ניין? צי איז מרימען יענע נאכט געלונגען זיך ארויסגליטשן פון זיינע וועלפישע נעגל, און בכלל אויף שטענדיק, צי ניין? גארנישט ווייס איך נישט און קען בשום אופן נישט צוקלערן קיין אופן, ווי אזוי דאס געוויר צו ווערן... שרייבן האב איך מורא אי פאר זיך, אי פאר זיי, און ווער ווייסט, צי ס'איז דארט נאך ווער גע־בליבן?... שוין א יאר... ביי זיי קערן זיין שטארקע ענדערונגען פאר דער צייט...

א גאנצער כאר פון הענער האבן געזונגען אויפן פלויט.

מארינקע איז אוועק אריינגעמען פריש געלייגטע אייער פאר שלמהן. ניקאלאי האט אונטערגעהייצט דעם אויוון. דאס מעלקן די בהמה איז אפגעלייגט געוואָרן אויף דאמאלסט, ווען מען וועט זיך זעצן צום אי־בערבייסן, כדי שלמה זאל טרינקען ווארעמע מילך גלייך פון דער קו. ביז אלץ וועט פארטיק ווערן, זענען שלמה מיט ניקאלאיען דערווייל אוועק זיך אויסבאדן אינעם דערבייאיקן טייכל.

ביים פרישטיק איז אפגעשמועסט געוואָרן, אז ניקאלאי פארט באלד נאכן עסן אוועק אין שטאט. ער דארף זיך גלייך זען מיטן ריכטער און מיטן אויספארשער. ארום דריי, פיר א זייגער וועט שלמה קענען נעמען

זיינע אַרעסטאַנטן און זיי אָפּפירן אין באָד אַריין. מאַרינקאַ וועט אים מיטגעבן צוויי פּאָרלעך וועש פאַר זייערע ווענן, אַז זיי זאָלן נישט פאַר־פירן מיט זיך אַהיים דעם טורמעדיקן שמוץ. פון דער טורמע וועט שלמה דורכן וואַלד, אומבאַמערקט, ברענגען זיינע געסט צו מאַרינקען אין שטוב אַריין, ווו זיי וועלן קענען אָפּעסן און זיך אויסרוען. ניקאָלאַי וועט ביי טאָג דורכן טעלעפאָן באַשטעלן אין שעפּעטאָווקער באַנסטאַנציע אַ גאַנץ באַזונדערע קופּע אין ווייכן וואַגאָן. נאָך די האַרטע נאַרעס, זאָלן זיך די באַפרייטע אַ ביסל אויסגלייכן די ביינער. דער צוג פון שעפּעטאָווקע אויף קיעוו גייט אַרויס ערשט 2.45 נאָך האַלבער נאַכט, וועט ער איינס אַ זייגער מיט זיין פאַעטאָן זיי צושטעלן גלייך צום צוג. ווייל ווען זיי פאָרן אָפּ פאַר נאַכט מיטן צוג פון סלאַוווטע, וואָלטן זיי זיך געדאַרפט וואַל־גערן אויף שעפּעטאָווקער וואָקזאַל זיבן, אַכט שעה. צו וואָס איז דאָס מאַטערן זיך, אַז מען קען דאָס אויסמיידן?...

אין זאַל האָבן די בעלי־בתים זאַרגעוודיק געגרייט שלמהס איבער־בייסן און שלמה אין דער צייט האָט געדאַוונט מיט גרויס דבקות, מיט פיל דאַנקבאַרקייט צו זיין ליבן נאָמען.

קאפיטל XXXVIII

דער ווייזער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו דער צען, ווען שלמה האָט דערלאַנגט דעם נאַטשאַלניק פון דער קאַנצעלאַריע פון דער טורמע אַ דערלויבעניש אויף צו זען זיך מיט ווינאַגראַדאָוון. ווען דער אַרעסטאַנט איז אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם קליינעם „זעונג־קעמערל", האָט דער וועכטער זיך צוגעזעצט אויפן שפּיץ טיש און אָנגעשפּיצט די אויערן. שלמהן איז די מעשה נישט געווען צום האַרצן. ער איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט קאַלט געפרעגט:

— חבר, וואָס טוט איר דאָ?

דער וועכטער איז אויפגעשפּרונגען פון אומגעריכטקייט:

— מיט וועלכע רעכט שטעלט איר מיר אַזאַ פראַגע?

— מיט די רעכט פון אַ סאָוועטישן בירגער. פאַרשטאַנען, צי ניין?

— גאָרנישט פאַרשטאַנען. איך בין דאָ, ווייל דאָ איז מיין אָרט.

— איר האָט אַ גרויסן טעות, חבר. אייער אָרט בעת אַ זעונג איז, לויטן געזעץ, אויף יענער זייט טיר און דערצו נישט נעענטער פון פינף מעטער די וויים.

— איך ווייס נאָר דאָס, וואָס דער נאַטשאַלניק פון דער קאַנצעלאַריע האָט מיר באַפוילן.

שלמה האָט פאַר זיך אַ מורמל געטון:

— אָך, אַזוי? דער העכט, הייסט עס, שטינקט פונעם קאָפּ? באַלד וועלן מיר זען.

ער האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר, איבערלאָזנדיק דעם פּראָפעסאָר מיט זיין וועכטער, דערשטוינטע ביז גאָר. אין קאַנצעלאַריע איז שלמה אַריין רויט פאַר אויפרעגונג. ער איז צוגעגאַנגען צום נאַטשאַלניק, זיך באַמיט צו האַלטן זיך רואיק. יענער האָט אויפגעהויבן אויף אים אַ פּאָר פאַרגליווערטע, חזירישע אייגעלעך און נישט געבנדיק אפילו קיין פּינטל געפרעגט:

— איר האָט שוין געענדיקט? עפּעס האָט איר עס היינט געמאַכט אויף גיך...

— ווער האָט אייך דערלויבט מיר צוזעצן אַן עדות אויף דער זעונג?

— פון וועמען די דערלויבעניש קומט, דאָס איז מיין זאַך, דערויף בין איך באַלעבאָס.

— אַזוי גאָר? און איך האָב געמיינט, אַז איר זענט בלויז אַן אָנגעשטעלטער. אויב אַ באַלעבאָס, איז עפּעס אַנדערש... גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש...

אומגעפרעגט נעמט שלמה אַראָפּ דאָס טעלעפאָן־טרייבל און בעט מען זאָל אים פאַראייניקן מיט דער פּראָקוראַטור. דער קאַנצעלאַריסט ווערט בלוי פאַר אויפרעגונג. דערויף האָט ער זיך שוין נישט געריכט. ער טרעט

איבער פון איין פוס אויף דעם צווייטן, קען זיך קיין עצה נישט געבן, ווי אַזוי צו פאַרריכטן דאָס געשעענע. ענדלעך נעמט ער זיך אָן מיט מוט און ווענדעט זיך צו שלמהן:

— חבר, דאָס ווייסט איר, אַז כדי דאָ צו רעדן דורכן טעלעפאָן, האָט איר געדאַרפט פריער ביי מיר זיך אָנפרעגן?

שלמה, וואַרטנדיק מיטן טרייבל אין דער האַנט, ענטפערט שלעפעריק:

— דערנאָך, שפּעטער, איצט שטערט נישט רעדן. יאָ, יאָ, איך הער. ביטע, ביטע, איך בעט דעם פּראָקוראָר קריוואָרוטשקאָ. ווער עס בעט? זאָגט אים, אַז דער אינספּעקטאָר פון צ.ק. ק.פּ.ב. (או.) * ביטע, איך וואַרט, איך וואַרט.

דער נאַטשאַלניק פון דער קאַנצעלאַריע, איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. ער נעמט דעליקאַט אַרויס דאָס טרייבל פון שלמהס האַנט און שטאַמלט:

— אַנטשולדיקט, חבר... קומט, איך וועל אים אַרויסוואַרפן, דעם נאַרישן פּערדאַטש.

ער לויפט איבערן הויף און שלמה, באַהאַלטנדיק אַ לייכט שמייכעלע צווישן די ליפּן, שפּאַנט אים נאָך רואיק און געלאַסן. אין קאַמערל טרעפט דער נאַטשאַלניק דעם סאָלדאַט זיצן אויף אַ האַלבן טיש און רויכערן אַ סיגאַרעטל.

— אויפן טיש האָב איך דיר געהייסן זיצן? וואָן, דו פאַרשיוויעץ!...

דער סאָלדאַט פאַלט שיר פונעם טיש נישט אַראָפּ פאַר דערשרעק. ער שפּרינגט אַראָפּ און ציט זיך אויס ווי אַ סטרונע:

— איך האָב... איך האָב... איר האָט מיר...

— פאַרלאָז די קאַמער די מינוט און וואַרט, ביז דער חבר וועט דיך רופן. און איר, חבר אינספּעקטאָר, קענט פריי פירן אייער שמועס מיט ווינאָגראַדאָוון, נאָר איך בעט אייך זייער זיך צופּאַסן צום אָנגעמערקטן רעגלאַמענט: אַ האַלבע שעה... אַזאַ געזעץ...

— גוט, אויב אַזוי, לאָמיר אויסגלייכן די זייגערס. וויפל איז אויף אייערן?

ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער דעם קאַנצעלאַריסט, איז שלמה צוגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר, אים וואַרעם אַרומגענומען און היים באַגריסט:

— מזל טוב אייך, סערגעי טימאָפיעיעוויטש, אין עטלעכע שעה אַרום זענט איר פריי. מאָרגן אין דער צייט וועט איר ביי זיך אין דער היים פאַרברענגען מיט אייער טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען און מיט גוטע פריינד.

— זאָגט זשע מיר, יונגערמאַן, ווי אַזוי האָט אַזאַ זאַך געקענט געשען? דאָס איז דאָך אויסטערליש...

— גאָט האָט אַזוי געהייסן און עס איז אַזוי געשען.

---

* ראשי תיבות פון: צענטראַל-קאָמיטעט פון דער אוקראַינישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

— ווי אזוי זשע האָט ער דאָס אייך געהייסן — גאָט?

— וואָס הייסט, ווי אזוי? גאַנץ געוויינלעך. אַ נשמה האָט אַ מענטש? דאָס איז דעם באַשעפערס פאַרשטייער אין מענטשלעכן אָרגאַניזם. אויב די נשמה האָט מיר אונטערגעזאָגט: קוק נישט אויף קיין שוועריקייטן און העלף באַפרייען דעם אומשולדיק־פאַרמשפּטן פּראָפעסאָר ווינאָגראַדאָוו, הייסט עס, אַז גאָט האָט מיר געהייסן.

— נו און מעגלעכקייטן? מעגלעכקייטן, ווו האָט איר גענומען?

— דער זעלבער גאָט, וואָס האָט מיך געשיקט, האָט מיר שוין אין איין וועגס אויך שכל אַריינגעגעבן, ווי אזוי אייך אַרויסצושלעפּן. און איך מוז אייך אויפריכטיק זאָגן, אַז דאָס איז גאָרנישט אַזוי גרינג געווען. אָט דאָס, וואָס דער פּראָקוראָר מיט צוויי מיליציאָנערן האָבן אייך געטראָפן מיט פאַרבלוטיקטע הענט, איז איין ביטערער פאַקטאָר אין אייער פּראָצעס. דאָס, וואָס די אומגליקלעכע איז אַראָפּ פון זינען און אפשר גאָר גע־שטאָרבן, איז דער צווייטער געדיכטער שאָטן אויף אייער פערזענלעכ־קייט, און ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס אַלע סאָוויעטישע און פּאַרטיי־אישע אָרגאַניזאַציעס פון סלאַוווטער ראַיאָן האָבן באַגריסט דעם אורטייל דורך דער פּרעסע און דערמיט אויסגעשלאָסן אַ מינדסטע מעגלעכקייט פון באַגנעדיקן אייך. אָט די דריי אַרגומענטן זענען זייער שווערע אין אייער טרויעריקער געשיכטע, און דאָך זעט איר, אַז גאָט איז שטאַרקער פון אַלעמען און איר גייט אַהיים.

— דאָס איז טאַקע וווּנדערבאַר... אויסטערליש! און וואָס אַזאַ אינ־טעליגענטנער מענטש ווי איר, סאָלאָמאָן, גלייבט אין גאָט אַזוי שטאַרק, איז נאָך מער צו באַוווּנדערן פון אַלץ. ווי אזוי זשע פּאָרט איז אייך גע־לונגען צו פאַרווירקלעכן אייער גוטן ווילן? איך בין אַזוי נייגעריק, איך גיי ממש אויס צו וויסן.

— אָט וועגן דעם טאַקע בין איך איצט געקומען אַהער, סערגעי טי־מאָפייעוויטש. אויב איר געדענקט, האָב איך אייך נאָך יענץ מאָל גע־זאָגט, אַז איך וועל דאַרפן מיט אייך דורכרעפּעטירן אייער ראָל, נאָר דאַ־מאָלסט איז דאָס נאָך געווען בלויז ווינט, רויך. איצט, גאָט צו דאַנקען, איז שוין דער בנין פאַרטיק, מען דאַרף נאָר שויבן אַריינשטעלן אין די פענצטער. הערט מיך אויס אויפמערקזאַם, ווייל די צייט איז קורץ. אין עטלעכע שעה אַרום וועט מען אייך אַרויסרופן אין געריכט.

— וואָס? אויף דאָס ניי אין געריכט?

— זאָל אייך נישט אַרן, איר דאַרפט אייך נישט שרעקן. אייער באַ־פרייאונג איז שוין באַשלאָסן. דער ריכטער איז מיין מענטש. מען דאַרף נאָר דורכפירן די פאָרמעלע אינסצעניזאַציע... דאָס איז נישט מער ווי אַ פּראָצעדור... בלויז אַ קאָמעדיע...

— איז וואָס זשע דאַרף איך טון?

— אָט־אָט־אָ... אָט דאָס טאַקע וויל איך אייך זאָגן. איך האָב צו־געשטעלט אין געריכט אַ דאָקומענט פון נאַטשאַלניק פון קיעווער שטאָט־

מיליץ, אַז אין יענעם טאָג פון דעם אבאָרט זענט איר גאָר געווען אין קיעוו, ווייל איר זענט געווען איינגעלאַדן אַלס עקספּערט אין דער מעדי־ציניש־קרימינעלער קאָמיסיע.

— יעזוס קריסטוס!... דאָס איז דאָך גוואַלדיק קלוג!... ממש דער־פינדעריש...

— שלאָגט מיר נישט איבער, סערגעי טימאָפיעיעוויטש, הערט מיך בעסער אויס! איר דערשיינט פאַרן געריכט ווי אַ מענטש, וואָס טראָגט אין זיך אַן אינטימען סוד, צוליב וועלכן איר האָט זיך געלאָזט אומשולדיק פאַרמשפּטן אויף צוויי יאָר, כאָטש איר האָט אויף אייער לעבן נישט געזען נישט קיין אַקושערקע, נישט קיין צעקאַליעטשעטע פרוי. ווארט, ווארט, כ׳ווייס וואָס איר ווילט פרעגן. וואָס וועט זיין מיטן פּראָקוראָרס אַקט? איאָ איך האָב געטראָפן? נו, אָט. זייט זשע רואיק, אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג. דער אַקט איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ און איר מעגט אייך אָפּזאָגן פון ענטפערן דעם איצטיקן געריכט, פאַר וואָס איר האָט וועגן דעם געשוויגן אויפן ערשטן געריכט. אָט דאָס איז אַלץ. מען וועט מיט אייך נישט מאַכן קיין לאַנגע טענות, ווייל אַלץ איז שוין געווען אָפּגעשמועסט. מען וועט אייך באַפרייען גלייך פון דער באַשולדי־קונגס־באַנק, אַרויסגעבן אַ דאָקומענט, אַז איר זענט איבער אַ מיספאַר־שטענדעניש אָפּגעזעסן העכער דריי חדשים און איר ווערט פריינגעשפּראָכן. איין שאָדן וועט איר יאָ האָבן. דאָ בין איך שוין דווקא דער גאַנצער גורם...

— וואָס פאַר אַ שאָדן?

— קיין געהאַלט פאַר דער גאַנצער צייט וועט איר נישט באַקומען. דאָס האָב איך צוגעקלערט אַ שטראָף פאַר אייער כלומרשטן אַראָפּפירן דאָס געריכט פון דעם אמתדיקן וועג, כדי די פּעדאַנטישע פינאַנסיסטן זאָלן זיך נישט אָנהייבן גריבלען צו פיל. זענט איר נישט בייז?

סערגעי טימאָפיעיעוויטש נעמט אָן מיט ציטערנדיקע פינגער שלמהס פנים און קושט אים אין די באַקן, אין שטערן:

— אַך, קינד מיינס, טייערער, דו רעדסט גאָר פון געלט... דו ראַטע־ווען מיר דאָס לעבן. איך וואָלט דאָ נישט אויסגעהאַלטן און דו זאָגסט גאָר געלט. ווער דאַרף געלט? צו וואָס נוצט מיר דאָס געלט אויף דער עלטער? דו זאָג מיר בעסער, סאָלאָמאָן, גאָלדענער סאָלאָמאָן מיינער, פאַר וואָס טוסטו דאָס אַלץ צוליב מיר? וואָס האָב איך דיר אַזעלכעס געטון? מיר קענען זיך דאָך אפילו נישט. איך האָב דיך קיין מאָל ביז דער טורמע נישט געזען.

— סערגעי טימאָפיעיעוויטש, איך וויל מיך נישט קריגן מיט אָט דעם קאַנצעלאַרישן זשוק. עס איז מיר נאָך געבליבן צו זיין מיט אייך עטלעכע מינוט. איך וויל אייך נאָר זאָגן אין קורצן, אַז איר באַליידיקט מיך אומזיסט, ערנוואָרט...

— איך באַליידיק דיך? גאָט מיינער! מיט וואָס?

— מיט אייערע פראַגן, נאָך וואָס איך קריך פון דער הויט אייך צו

באפרייען. גיט אליין א טראכט: ווען איך האָב נישט די מעגלעכקייט אייך צו העלפן, וואָלט איך זיך דאָך אפילו דערצו נישט גענומען און אייער באַפרייאונג וואָלט זעלבסטפארשטענדלעך נישט געקומען. אויב אָבער איך האָב גראָד יאָ אזא קאָלאָסאלן איינפלוס אויף די היגע יורידישע אָרגאַנען און איך קען אייך יאָ העלפן, וואָלט איך דאָך געדאַרפט זיין אַן אויסוורף, נישט אויסצונוצן מיינע מעגלעכקייטן. היינט אויב איך בין נישט קיין אויסוורף, קומט מיר דערפאַר א דאנק, הא? זאָגט אליין. צי איר מיינט אפשר, אז דערפאַר, וואָס איך האָב מיך גאַנץ צופעליק דערוווּסט וועגן אייער אומזיסטיקן אומגליק, — איז מיין חוב, אייך צו העלפן, קלענער? איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס פאַר אייך וואָלט באַטייט דאָס זיצן דאָ נאָך איין און צוואַנציק חדשים. עס וואָלט געווען א רציחה פון דעם יעניקן, וואָס קען אייך העלפן און העלפט נישט. איז אויב איך בין נישט קיין רוצח, קומט מיר דערפאַר דאנקען? איז דאָס נישט קיין באַליידיקונג?

— סאָלאָמאָן, זעלטענער חבר סאָלאָמאָן, איך שווער דיר ביי מיין גרויען קאָפּ האָר, אז עס איז כדאי געווען א האלבן זומער אָפּפוילן אין טורמע, אבי זיך באַקענען מיט אזא אויסערגעוויינלעכן מענטשן ווי דו ביסט. כ'בין אויסער זיך פון דיר, פון דיינע רייד...

קאפיטל XXXIX

פון דער טורמע איז שלמה אוועק אין באָד. דאָרט האָט ער געטראָפן הענגען אַ גרויסן שלאָס אויף דער טיר. דערפרעגט זיך, ווו עס וווינט דער בעדער, פרעגט ער ביי אים:

— פאַר וואָס איז היינט פאַרמאַכט די באָד?

— אַלע טאָג, ווילט איר, זאָל מען הייצן? אַ שלעכטע באָד געווען נעכטן?

— נעכטן בין איך נישט געווען און היינט וויל איך גיין.

— אַז עס בייסט אייך אַזוי שטאַרק, האָט איר געזאָלט נעכטן גיין. מען דאַרף גיין דאַמאָלסט, ווען די גאַנצע וועלט גייט. איבערמאָרגן וועט נאָך אַ מאָל זיין.

שלמה נעמט אַרויס אַ פּאָפּיקער און לייגט אַוועק אויפן טיש:

— דאָס האָט איר אייך פאַר אַ קליינעם קעסל הייס וואַסער אויף צוויי, דריי ביטלעך נישט מער.

ער נעמט אַרויס נאָך צען רובל:

— און פאַר דערויף דאַרפט איר צוגרייטן צוויי ליילעכער אויף זיך אַרומנעמען נאָכן וואַשן. זייף, אַ פּאָר האַנטעכער און אַ האַלב טוץ פלעשער שוואַרצן ביר.

אויפן בעדערס פּנים האָט זיך אַ נייע הויט אַרויפגעצויגן:

— אויף ווען דאַרף דאָס אַלץ זיין פאַרטיק?

— אויף צוויי נאָך מיטאָג און וואַרטן דאָרט אויף מיר.

— עס וועט אַלץ זיין פּינקטלעך ווי איר ווילט.

שלמה איז אַוועק אין דער פּראָקוראַטור. נאָכדענקענדיק אַ ביסל, האָט ער אָנגעקלאַפּט און איז אַריינגעגאַנגען צו ניקאָלאַיען. ער האָט ביי אים געטראָפן אויך דעם אויספאָרשער.

— נו, חברים, ווי האַלט דאָס ביי אייך?

ניקאָלאַי האָט אים אָנשטאָט אַן ענטפער אויסגעשטרעקט אַן אָפּגע־נעם פּאַקעט. דאָס איז געווען אַ באַפעל צום נאַטשאַלניק פון דער טורמע צו באַפרייען ש. מ. לאַמאָוואָצקין און אים אומקערן דעם פּאַספּאָרט מיט די איבעריקע דאָקומענטן, וואָס ווערן דאָ מיטגעשיקט. שלמה האָט אַריינ־געלייגט דעם באַפעל צוריק אין קאָנווערט און מיט אַ ציטערנדיק קול גע־פרעגט:

— און וואָס זשע איז די מניעה? פאַר וואָס שיקט איר אים נישט אָפּ?

— איך האָב זיך ערשט אָנגעפרעגט טעלעפאָניש, האָט מען מיר גע־ענטפערט, אַז ביים נאַטשאַלניק פון דער טורמע איז איצט אַ באַראַטונג פון דער גאַנצער נאַטשאַלסטווע און קאָמאַנדע. האָב איך געהייסן מיר געבן אַ ידיעה, ווען ער וועט פריי ווערן. איידער דער פּאַקעט זאָל ליגן אין אָפּענער אין קאַנצעלאַריע אויפן טיש און וואַרטן אויף אים, איז אַזוי גלייכער. אין איבעריק אויג קען אַ מאָל שאַטן, ווייסט נישט?

— ניקאָלאַי, דיין חכמה האָט קיין גרענעץ נישט. דיר פּאַסט צו זיין גענעראַל־פּראָקוראָר, נישט פּראָקוראָר פון אַ ראַיאָן.

ניקאָלאַי, אונטערגעשמאָלצן פון שלמהס קאָמפּלימענט, זאָגט אים:

— דו ווילסט אויך מיטגיין מיטן קוריער, וואָס וועט אָפּטראָגן דעם פּאַקעט?

— עס איז דען דערלויבט?

— אַז איך פרעג דיך איז אַ סימן, אַז עס איז דערלויבט.

— וואָס פאַר אַ פראַגע? אודאי וויל איך באַגעגענען מיין פעטער דער ערשטער, נאָר —

— נאָר וואָס?

— איך בין ערשט נישט לאַנג געווען ביים נאַטשאַלניק פון דער קאַנצעלאַריע וועגן ווינאָגראַדאָוון, פּאַסט אפשר נישט, דאָס קען הייסן: אַ מחותן אויף אַלע חתונות...

— ווייס איך... אויך מיר אַן אַנטיק... נאַטשאַלניק פון דער קאַנצעלאַריע... ער האָט אויך אַ ווערט?

ער נעמט דאָס טעלעפאָן־טרייבל, קלינגט נערוועז אָן:

— גיט מיר די טורמע... וואָס, וואָס? אַז איך פאָדער, דאַרף מען אַ צווייטן אויסשליסן. אַ־האַ! זיך קוים דערמאָנט. „אַנטשולדיקט"... „אַנטשולדיקט"... אַלע טאָג — אַנטשולדיקט. קאַנצעלאַריע? ווער רעדט? מעדוועדעוו? און ווו איז סידאָרענקאָ? אַ־האַ, קיין זשיטאָמיר. פאַר וואָס זשע איז ער שוין אַוועק? זיך צוגרייטן? און איר פאַרבייט אים? ער האָט אייך אָנגעזאָגט מיר מודיע זיין, ווען דאָניעץ וועט זיך באַפרייען? יאָ? געדענקט זשע, פאַרגעסט נישט. באַלד ווי די באַראַטונג וועט זיך ענדיקן... אַ גוטן. יאָ, יאָ, צו מיר אין קאַבינעט. וווהין דען?

— נו, אָט, דער נאַטשאַלניק פון דער קאַנצעלאַריע, וואָס האָט דיך דורכגעלאָזט, איז שוין דאָרט נישטאָ, ער פאָרט היינט אַוועק אין קאָמאַנדיראָווקע און איז שוין אַוועק פון דער אַרבעט, וועסטו קענען גיין אַהין.

— אַ גרויסן, גרויסן דאַנק פאַר דיין מי, ניקאָלאַי. און וואָס איז מיט ווינאָגראַדאָוון? ווען וועט מען אים אַרויסרופן?

— עס איז היינט פונקט אַ געדעטעניש אויף צו הערן ענינים. זיין ריכטער איז ערשט געווען ביי מיר. ער האָט נאָך היינט פיר ענינים. האָב איך אים אַליין געהייסן ווינאָגראַדאָוון איבערלאָזן אויף יצו לעצט... עס וואַרטן דאָרטן יוריסטן מכח יענע ענינים, איז גלייכער, אַז זיי זאָלן ביי דעם ענין שוין נישט זיין. און עולם מאַכט אויך נישט אויס וואָס ווייניקער... וואָס שטילער עס קען דורכגיין, איז אַלע מאָל גלייכער... נישט אַזוי?

— זיכער אַזוי. איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז דו האָסט אַ דיפּלאָמאַטישן צוגאַנג צו יעדער זאַך. געדענק, וואָס איך זאָג דיר: דו וועסט ווייט פאַרגיין מיט דיינע פעאיקייטן.

— דו שפּאַסט נישט?

— פאַר וואָס עפּעס זאָל איך שפּאַסן? איך זאָג תמיד נאָר דאָס, וואָס איך מיין.

— דו, שלמה, קענסט דאָ איבערזיצן די פּאָר שעה, ביז דאַניעץ וועט זיך באַפרייען. צי דו האָסט נאָך היינט גאָרנישט געגעסן?

— וואָס פעלט דיר איין? ווער איז הונגעריק? נאָ דיר גאָר עסן.

— מאַרינקע זאָגט, אַז דו ביסט אודאי דער ארכאַנגעל* גבריאל. לעבסט פון לופט: דאָס ווילסטו נישט, יענץ טאָרסטו נישט...

— וואָס מאַרינקע קען אויסטראַכטן, איז דאָ אַ סך וואָס צו הערן... אויב דו ווילסט, גיב מיר דעם שליסל פון יענעם קאַבינעט, וועל איך דאָרט אויסוואַרטן. אַהער גייען אריין מענטשן. צו וואָס דאַרף מען דאָס? אַז מען וועט דיר אָנקלינגען, וועסטו שיקן מיך אַ רוף טון.

— ביסטו אויך גערעכט, זאָל זיין אַזוי. נאָ דיר דעם שליסל.

צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט שלמה איבערגעדרייט דעם שליסל צוויי מאָל און איז שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטער ביי דער שוועל. ער האָט באַטראַכט דעם האַלב פוסטן צימער, אין וועלכן ער האָט מיט אַ וואָך צוריק „אויפגענומען" דעם געפערלעכן „אויגוסטאָווניק", שמואל לאַמאָוואַצקי. דאַמאָלסט האָט ער נאָך, חוץ די פלענער, גאָרנישט געהאַט, און איצט, ברוך־השם, האָט ער שוין אַלץ און שלעפּט אַראָפּ פאַלים פעטער פון דער תליה... איז דאָס נישט אַ זיסער חלום? עפּעס גלייבט זיך אים נאָך אַלץ נישט, אַז דאָס איז ווירקלעך געשען מיט אים....

און ווי באַקומענדיק אַ שטויס פון אַ מעכטיקער כוואַליע, געטריבן פון דער גרויסער פרייד, וואָס האָט פאַר זיך קיין אָרט נישט געפונען אין זיין קליינעם אָרגאַניזם, איז ער צוגעלאָפן אין ווייטסטן ווינקל פון צי־מער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און זיך אויסגעצויגן בפישוט ידים ורגלים אויף דער פאָדלאָגע. זיינע ליפּן האָבן היים געפליסטערט:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער, מיט וואָס האָב איך זוכה געווען צו אַזאַ גליק, צו אַזאַ גוואַלדיק גליק? ווער בין איך דען, וואָס בין איך דען און וואָס איז מיט מיר דער מער? אַ כמעלניקער יאַרידניק. אַ קליינשטעטלדי־קער אָטילשטשיק. וואָס האָב איך געזען אויף מיין לעבן אַ חוץ שניט־קראָם מיט וועבער־סטאַנקעס? חוץ אייזנבראָך מיט רינענדיקע פערדביי־נער? פאַר וואָס? פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ כבוד, אַז איך זאָל בכח האָבן צו באַפרייען מענטשן? אפילו איצט נאָך שטעקן זיי גאַנץ פעסט אין זייערע אומגליקן און אין עטלעכע שעה אַרום וועלן זיי שוין פריי אַרומ־שפּאַצירן אויף דיין וועלטל. און ווער איז דער שולדיקער? איך, שלמה־אפרים־אהרונס, דער צושניידער פון „פאַנטאַפל"! דער פוטער־אַרומטראָ־גער פון בעסאַראַבקער מאַרקפּלאַץ!... מיט וואָס? מיט וואָס האָב איך זוכה געווען צו אַזאַ גליק? צו אַזאַ גליק?

אָן זיין וויסן הייבן אָן זיינע ליפּן צו זאָגן „נשמת" מיטן ניגון, וואָס

---

* אַן אויבער־מלאך.

מען זאָגט די דאָזיקע תפילה ביים „סדר". יעדעס וואָרט ווערט באַטעמט, דורכגעפּילט און עס פלאַקערט אויף אין אים אַ הייליקער פייער:

— ער הנה עזרונו רחמיך — אָ! ווי שטאַרק דו האָסט מיר געהאָלפן; ולא עזבונו חסדיך — אַלץ הייסט נישט פאַרלאָזט... אַלץ הייסט אָקעגן געטראָגן יעדע קליניקייט... ואל תטשנו לנצח — אזוי, רבונו של עולם, זאָלסטו זיך נוהג זיין מיט מיר שטענדיק און אַלע מאָל... על כן — דער־פאַר זאָג איך דיר צו פון מיין זייט, אַז: אברים שפלגת בנו — איך שענק דיר אַוועק מיינע הענט און פיס, מיינע אויגן, מיינע אויערן. אַלץ וועט שטענדיק זיין נאָר צו דיין דינסט. מיינע אייגענע ענינים ווערן אַוועק־גערוקט אויפן סאַמע סוף; ורוח ונשמה שנפחת באפינו — מיין גאַנ־צע נשמה, מיין גייסט, יעדער הויך פון מיין ברוסט; ולשון אשר שמת בפינו — יעדעס וואָרט וואָס איך וועל אַרויסברענגען, יעדער געדאַנק, וואָס וועט מיר איינפאַלן, יעדע אונטערנעמונג, וואָס איך וועל זיך פאַר־נעמען מיט איר; הן הם יודו ויברכו וישבחו ויפארו — דאָס אַלץ, די גאַנצע טעטיקייט פון מיין קליין, שוואַך קערפּערל, פון מיין נשמה, פון מיין חלק אלוה ממעל, אַלץ וועט זיין געווענדעט נאָר אויף באַרימט צו מאַכן דיין נאָמען אויף דער וועלט, נאָר אויף צוצוטרעפן דעם רצון העליון, און דאָס אַלץ נישט חלילה צוליב שכר, נישט צוליב גן־עדן. איך בין נישט אויסגעוואַקסן אין לוקסוס, ווייסטו אַליין גאַנץ גוט, און איך ווייס נישט, צי איך וועל זיך גאָר קענען צופּאַסן צו דעם זיסן, גן־עדנדיקן לעבן. ניין, ניין, נישט דאָס בין איך אויסן... איך בין מיך מקדיש צו דיר, נאָר אויס דאַנקבאַרקייט, פאַר די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס דו האָסט מיר דאָס מאָל געגעבן; נאָר אויס התפעלות און דבקות צו דיין ליכטיקער מעכטי־קייט און צו דיין מעכטיקער ליכטיקייט. צו דער אומענדלעכקייט, צו דער גאָטהייט...

שלמה איז דאַן אין גאַנצן געווען אויסגעטון פון דער ווירקלעכקייט. ער האָט געזאָגט „הושענא אבן שתיה" און באַוויינט דעם חורבן פון לאַנד. ער האָט געזאָגט „הושענא אום אני חומה" און באַוויינט דעם חורבן פון פאָלק. ער האָט געזאָגט „הלל" און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זיצט ביים סדר. ער האָט געזאָגט „שלש עשרה מדות" און אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער איז אין במעלניק צו סליחות פאַר טאָג אין דער סקווירער קלויז. ער האָט געזאָגט „ידיד נפש", ער האָט געזאָגט „אל מסתתר" און געהערט דאָס געטלעכע קול פון הייליקן סקווירער רבין. ער איז אומבאַ־מערקט אַריבער אויף „אלי ציון ועריה", דערנאָך אויף „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך"...

און פּלוצלינג, ווי פון יענער וועלט, האָבן זיך דערהערט דריי קלעפּ אין דער טיר. די ערשטע מינוט האָט ער גאָרנישט געוווּסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך. אַ פאַרבאָרגענע האַנט האָט אים אויפגע־שטעלט אויף די פיס. אַ צעטראָגענער ביז גאָר האָט ער זיך אַרומגעקוקט, זיך באַמערקט אין שפּיגל און דערזען, אַז ער איז אין גאַנצן איינגעטונקען

אין שטויב פון דער פּאָדלאָגע. ער האָט זיך אויף גיך אַרומגעטרייסלט, מיטן טיכעלע אַרומגעווישט דאָס פּנים און אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם שטרענגן אויסזען פון אַן אויספאָרשער. אין טיר האָבן זיך דערהערט שטאַרקערע קלעפּ. אויף גיך האָט ער צעעפנט דעם זשורנאַל אויפן טיש, און אַליין איז ער מיט רואיקע טריט געגאַנגען אויפשליסן די טיר. דאָס איז געווען דער דיזשורנע וועכטער פון דער פּראָקוראַטור. ער האָט מיט אַ שולדיק פּנים געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, איך האָב דערפאַר געקלאַפּט צוויי מאָל, ווייל איך האָב נישט דערהערט דעם ענטפער אויפן ערשטן מאָל. איך בין נאָך פון יענער מלחמה אַ טויבלעך...

— וואָס האָט איר געוואָלט?

— דער חבר פּראָקוראָר האָט אייך געבעטן גלייך אַריינקומען.

ווען שלמה איז מיט רויטלעכע אויגן אַריינגעקומען צו ניקאָלאַיען, איז אים שוין יענער אַקעגנגעגאַנגען און האָט אומגעדולדיק געפרעגט:

— וואָס האָסטו דאָרטן געטון די גאַנצע צייט? געשלאָפן, צי וואָס?

שלמה האָט דורכגעלאָזט די פראַגע אָן אַן ענטפער און האָט צוריק־געפרעגט:

— נו, וואָס, ניקאָלאַי? מען האָט שוין פון דער טורמע געקלונגען?

— אָט ערשט האָט דאַניעץ מיט מיר גערעדט. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז שוין דער דריטער טאָג, אַז איך דאַרף באַפרייען לאָמאָוואַצקין, נאָר איך האָב אים עפּעס אַלץ אַרויסגעלאָזט פון געדאַנק. איצט אָבער איז געקומען זיינער אַ פּלימעניק און מען מוז איך גלייך באַפרייען. גיי זשע שוין מיטן קוריער, דאַניעץ וואַרט דאָרט אויף דעם באַפעל. שטיי נאָך איין מינוט. פון געריכט איז מען מיר געקומען זאָגן, אַז דער אַלטער איז שוין דאָרט. אין אַ שעה אַרום וועט שוין זיין נאָך אַלעמען. זע, פאַרשפּעטיק נישט אין ביידע ערטער. וועש האָסטו געגומען ביי מאַרינקען? אָט דאָס האָסטו ביי זיך אין פּאָרטפעל? זייער גוט, און נאָך דעם — צו אונדז, הינטן אַרומער, דו ווייסט ווי אַזוי? דורכן שמאָלן בריקל וואָס אין וואַלד, און דאַן אויף לינקס, באַרג־אַראָפּ, און באַלד רעכטס, זעט מען אַרוים מיין שטוב. איז גלייך צו מיר! נו, געגאַנגען!

— ניקאָלאַי, דו ביסט מיר אַצינד נעענטער פון מיין פאָטער, פון מיין מוטער. ביסט דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט.

— רעד, רעד. וועסט אַזוי לאַנג רעדן, ביז דאַניעץ וועט אַוועקגיין.

— איך גיי, איך גיי, נאָר אויף מיינע רייד האָבן איך קיין חרטה נישט.

נאָך דורכן פענצטער פון דער קאַנצעלאַריע האָט שלמה באַמערקט שמואליקן מיט אַ קלומיקל אויף די פּליצעס נאָכשפּאַנען דעם סאָלדאַט. ער איז אים אַקעגנגעלאָפן, זיך מיט אים צעקושט, אַראָפּגענומען ביי אים דאָס קלומיקל פון די פּלייצעס און זיי זענען צוזאַמען אַריינגעקומען אין קאַנצעלאַריע. בשעת יענע האָבן אים אויסגעשריבן דעם באַפרייאונגס־

דאָקומענט, רופט אים שלמה אָפּ אין אַ ווינקל און פרעגט אים אויפן אויער:

— שמואליק, וואָס האָט איר דאָ אין פּעקל? עס איז עפּעס אַזוי שווער...

— גאָרנישט אַזוינס, נאָר דאָס, וואָס איך האָב באַוויזן מיטצונעמען פון דער שטוב בשעתן אַרעסט: אַ קאָלדרע, אַ קישעלע און אַנדערע קליי־ניקייטן.

— צו וואָס זשע שלעפּט איר דאָס מיט זיך? איר האָט קאַרג שמאַ־טעס אין דער היים?

— וואָס זשע זאָל איך מיט דעם טון? אַרויסוואַרפן? עפּעס אַ שאָד.

— פאַר וואָס עפּעס אַרויסוואַרפן? אַלע פון אייער קאַמער האָבן מיט וואָס זיך אונטערצושפּרייטן?

— אפילו קיין האַלב פון זיי האָבן אויך נישט. מען קוועטשט דעם הוילן צעמענט.

— ווּעמען האָט איר דאָרט עפּעס נאָענטע חברים?

— פאַראַן איינער, כהן, האָט ער מיט וואָס זיך אונטערצושפּרייטן. פאַראַן ווידער איינער, בעלאָצערקאָווסקי, איז ער אַ היגער, האָט ער אויך. עס איז דווקא דאָ איינער... ער מוטשעט זיך געפערלעך — אָווטשיניקאָוו, הייסט ער, איז ער אָבער אַ גוי.

— וואָס זשע איז, אַז אַ גוי? האָט ער קיין נשמה נישט? אייך האָט אויך געהאָלפן אַ גוי! יאָ, יאָ... נישט איך, נאָר אַ גוי מיט אַ גויע. גיט שוין איבער דאָס גאַנצע קלומיקל אָווטשיניקאָוון. ביי אייך וועלן זיי צו־נעמען אויך שפּעטער פון צוויי אַ זייגער.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון טורמעהויף מיט ליידיקע הענט, אָבער מיט פולע הערצער פרייד. עס איז שוין גע־ווען די פינפטע שעה. אַ פויערטע, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ פּלויט מיט אַ ייִנגעלע אויף די הענט, האָט שלמהן פאַרקויפט אַ ביסל פּרוכטן מיט אַ ברויטל. אין באָד האָט שלמה אויף גיך געזאָגט צו שמואליקן:

— נעמט, עסט וואָס עס איז דאָ, דערנאָך קענט איר זיך וואַשן. דער בעדער וועט אייך אַלץ געבן. זאָל מיין פּאָרטפעל דאָ ליגן. דאָרט האָט איר וועש אויף איבערצובייטן, און איך דאַרף נאָך ערגעץ צולויפן.

— ווּוהין לויפט איר? איך האָב נאָך מיט דיר נישט אויסגערעדט קיין צוויי ווערטער?

נאָר שמואליק האָט שוין גערעדט צו דער וואַנט. שלמה איז גלייך פאַרשוווּנדן געוואָרן.

קאפיטל XL

אין געריכט אריין איז שלמה אנגעקומען פונקט, ווען די ריכטער זע־נען אוועק אין באראטונגס־צימער. ווינאגראדאוו האט דערהערט א באַ־קאנט הוסטעלע הינטער די פלייצעס, אויסגעדרייט דעם קאפ און זיינע אויגן האבן א פינקל געטון מיט גליק. דער תפיסה־וועכטער האט אים גע־מאכט א באמערקונג, אז אלס ארעסטאנט איז אים נישט דערלויבט זיך אומצוקוקן אויפן פובליקום, און ווינאגראדאוו האט זיך ווידער רואיק אוועקגעזעצט.

די באראטונג האט זיך געצויגן העכער א האלבער שעה. ענדלעך האט זיך דער גאנצער עולם געגעבן א כאפ־אויף פון די ערטער: די ריכטער האבן זיך באוויזן אויף דער שוועל. די פארזאמלטע האבן זיך צוריקגע־זעצט, נאר די באשולדיקטע זענען מיט קלאפנדיקע הערצער שטיין געבליבן אויסהערן זייער פסק־דין. און זאל איז אלץ ווי אויסגעשטארבן. דעם ערשטן אורטייל האט מען געלייענט איינער א פרוי. מען האט זי באשולדיקט, אז זי האט אויסגעשלאגן א שויב אין שפיטאל, בעת מען האט זי נישט געוואלט ארייינלאזן צו איר קינד אין פאלאטע, ווייל זי האט פארשפע־טיקט. מען האט זי פאראורטיילט אויף צוויי חדשים צוואנגסארבעט, אדער דריי חדשים צייט זאל זי צאלן פינף און צוואנציק פראצענט פון איר מאנס ארבעטסלוין. דער צווייטער אורטייל איז געווען וועגן איינעם, וואס האט געמאנט ביי זיין אנשטאלט, מען זאל אים באצאלן פאר עלף חדשים קראנק זיין אין שפיטאל און אין דער היים, מיטן מאטיוו: ער ארבעט שוין צען יאר אויף דעם זעלבן ארט. דאס געריכט האט אים אפגעזאגט, ווייל נאך זעקס חדשים קראנק זיין ווערט מען פאררעכנט פאר אן אינ־וואליד און מען ווערט אויטאמאטיש אויסגעשלאסן פון דעם ארבעטער־פערסאנאל. דער דריטער אורטייל איז געווען וועגן א יונג שיקסל, וואס איז ערשט ארויס פון געבורטסהויז און האט אנגעגעבן אויפן וועכטער פון קאלכאז, אז ער איז דער פאטער פון איר קינד. דאס געריכט האט איר צוגעפסקנט א דריטל פון זיין געהאלט.

נאך יעדן אורטייל זענען ארויסגעגאנגען פון דעם זאל פרישע גרופעס מענטשן. ווען דער פארזיצער פון געריכט האט אנגעהויבן לייענען דעם אורטייל וועגן ווינאגראדאוו סערגעי טימאפיעוויטש, איז אין זאל קוים געבליבן א מנין מענטשן. אין ליידיקן זאל האט פאר שלמהן מיט ווי־נאגראדאוון אנגענעם געקלונגען די אזוי לאנג דערווארטע בשורה:

— „...האט דאס געריכט באשלאסן צו באפרייען באלד פון געריכט־זאל דעם פראפעסאר ווינאגראדאוו סערגעי טימאפיעוויטש און אין איין וועגס פסלענען זיין רעכט לגבי דער קינדער־קליניק אין קיעוו, צו מאנען קאמפענסאציע פאר זיין געהאלט פאר דער צייט פון ארעסט. דאס גע־ריכט מאטיווירט זיין צווייטן באשלוס דערמיט, וואס דער באשולדיקטער

איז אין זיין ערעסט אליין שולדיק, ווייל ער האט געהאט סודות פארן גע־ריכט און האט נישט אויסגעזאגט, אז ער איז גאר דעם טאג פון פאר־ברעכן נישט געווען אין סלאוווטע. דאס געריכט האט אויסגעשריבן איין דאקומענט פאר ווינאגראדאוון וועגן זיין באפרייאונג, דעם צווייטן — פארן תפיסה־וועכטער, אז דעם באשולדיקטן האט דאס געריכט באפרייט און ממילא האט ער אים נישט באדארפט צוריקברענגען אין טורמע"...

ארויסגייענדיק אויף דער גאס צוזאמען מיט ווינאגראדאוון, פרעגט שלמה ביי אים:

— נו, סערגעי טימאפיעיעוויטש, גייען מיר הייסט עס, אין טורמע נאך אייערע זאכן?

— וועד דארף זאכן? איך האב אלץ צעטיילט נאך פארן גיין אין געריכט.

שלמה האט אים לייכט א פאטש געטון איבער דער פלייצע:

— מאלאדיעץ, סערגעי טימאפיעיעוויטש, איר זענט א בראווע־מענטש.

אין הארצן האט ער א טראכט געטון: אט דאס איז דער אונטערשיד פון אן אײדעלן מענטשן ביז נישט קיין אײדעלן. פאלי זאל כאטש נישט וועלן זיין געראטן אין איר פעטערוק...

— וועמען זשע האט איר דאס איבערגעלאזט אייער „האב און גוטס"?

— קארג זענען דארטן דא נויט־באדערפטיקע? אוי, מאמעלעך מײנע...

— אבער פארט, וועמען? וואס פאר א מין מענטשן?

— ס'איז דארטן דא איינער אן ארעסטאנט, בלומענטאל הייסט ער. זייער א ווײלער מענטש, נאר נעבעך א שווערער ארעסטאנט. ער ווערט אנגעקלאגט לויט דעם 127טן ארטיקל.

— פאר וואס זשע גאר א יידן? קיין קריסטן זענען נישט געווען ביי אייך אין קאמער?

ווינאגראדאוו שטעלט אן אויף אים זיינע קלוגע, גרויסע אויגן און פרעגט האלב פארוואונדערט, האלב באליידיקט:

— איך פארשטיי נישט אייער פראגע, סאלאמאן, און אז א ייד איז וואס? האט ער קיין נשמה נישט? אט האט דאך מיר אויך געהאלפן א ייד?

שלמה צעלאכט זיך אויפן קול און ווינאגראדאוו בלאזט זיך אן שוין גארנישט אויף קאטאוועס. שלמה נעמט אים ארום ווי א געטרייער זון און באוואיקט אים:

— נישט פון אייך, סערגעי טימאפיעיעוויטש, נישט פון אייך, סע־ריאזשינקא... נישט פון אייך לאך איך, גאט באהיט... כ'האב מיך פשוט דערמאנט עפעס א לעבערלעכע זאך... ביז גאר א לעבערלעכע... לאמיר בע־סער א ביסל פאנטאזירן: ווי אזוי וועט אייך טאטיאנא מיכאילאוונא בא־געגענען? אייער זון פון מאסקווע וועט קומען זיך זען מיטן פאטער, צי פון אזא שטעלע קען מען זיך נישט אפרייסן?

— מן הסתם וועט ער נישט קענען קומען. ער איז זייער א פאַר־נומענער.

— פון דעסט וועגן איז ער דאָך געקומען איין מאָל?

— ווער? פּאַוולושינקאַ איז געווען אין סלאַוווטע?

— איך געדענק נישט אויף אַקוראַט, אין סלאַווועטע צי אין זשיטאָ־מיר, נאָר אַז ער איז געווען, דאָס איז אַ פאַקט.

— און האָט גאָרנישט געקענט העלפן?

— און האָט גאָרנישט געקענט העלפן. און פאַר וואָס עפּעס נאָר ער? די אַל־אוקראַאינישע אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן האָט מיט אים אויך גע־שיקט אַ פּעטיציע אין גענגט־געריכט אריין און אַלץ איז געווען אַרויס־געוואָרפן.

— קיינעם פון זיי האָט זיך נישט איינגעגעבן און דיר — יאָ?

— איר זעט דאָך...

— ווי אַזוי זשע האָסטו טאַקע דאָס אַלץ צונויפגעשטעלט? סאָלאָ־מאָן, ליבער...

— גלייבט מיר, כ'האָב שוין, דאַכט זיך, באַלד פאַרגעסן. באמת טאַ־קע, צו וואָס דאַרף מען אַזעלכע זאַכן געדענקען? עס גיט עפּעס? שאַ! אָט זענען מיר שוין געקומען. איר מעגט זיך שוין אָפּקנעפּלען. איך וועל אייך איצט אָנזייפן אַ פּליציע — ביז בלוט! אויף מיין וואָרט!... איך בין אַ מייסטער אויף די זאַכן, איר וועט זען, וואָרט אויס!...

שמואליק איז געלעגן, אין אַ קאַכעדיק ביטל, אויסגעצויגן ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן, זיך געגלעט די אברים, געבריט זיך און זיך געקוויקט. אין צווייטן עק פון צימער, אויף אַן איבערגעקערטן עמער, איז נאָך גע־לעגן אַ האַלב ברויט מיט פּרוכטן, שיריים פון זיין סעודה. די פּריש אָנגע־קומענע האָבן נאָר באַוויזן אַריבערצוטרעטן די שוועל ווי צוויי העלדזער האָבן גלייכצייטיק אויסגעשריגן:

— חבר ווינאָגראַדאָוו!...

— לאָמאָוואַצקי!...

שמואליק האָט געגעבן אַ פּלי אַרויס פונעם ביטל און איז אַרויפגעפאַלן דעם אַלטן אויפן האַלדז. שלמה האָט דערשטוינט געפרעגט:

— פון וואַנען קענט איר זיך? איר זענט אין איין קאַמער געזעסן?

— אין קאַמער נאָר? אין שפּיטאָל צוזאַמען געלעגן! העכער צוויי וואָכן.

וויפיל דער פּראָפעסאָר האָט זיך נישט געפּרוווט אָפּזאָגן פון עסן, האָט אים פון דעסט וועגן נישט געהאָלפן. צוזאַמען מיט שלמהן האָט ער געמוזט אויפעסן דאָס ברויט מיט די באַרן, פלוימען און עפּל, וואָס שמואליק האָט איבערגעלאָזט. דער בעדער האָט דערווייל צוגעגרייט די צווייטע וואַנע. שלמה האָט זיך אויסגעטון און מיט אַ ברען זיך גענומען אויפוועקן די פאַרקילטע בלוטן פון זיינע פּאַציענטן. עס האָבן נישט געהאָלפן זייערע

געשרייען, ביז שלמה האָט נישט געזאָגט: גענוג, האָבן זיי געמוזט ליגן „סמירנאַ" אויף דער באַנק און זיך לאָזן קנעטן פון זיינע הענט.

אַרויסגייענדיק פון דער באָד, צעפּאַרעטע און שטאַרק אָפּגעשוואַכטע פון די זודיקע וואַנעס, נישט האַלטנדיק זיך פעסט אויף די פיס פון דעם שטאַרקן ביר, וואָס מען האָט געטרונקען נאָכן באָדן זיך, רופט זיך שלמה אָן צו זיי:

— איך ווייס גאַנץ גוט, מיינע טייערע, אַז נאָך אַזאַ מאַסאַזש, ווי איך האָב אייך אַצינד געמאַכט, וואָלט גוט געווען אַ שלאָף טון כאָטש אויף אַ צוועלף שעה, אָן אַן איבעררייס, אָבער — איר קענט אייך זיין ביז אויף מיר וויפל איר ווילט אַליין — איך וועל אייך דעם פאַרגעניגן נישט פאַר־שאַפן. אמת, קיינער שטערט מיר נישט דאָס צו טון, נאָר איך וויל אַליין נישט. ביז איצט זענט איר געווען די גאַנצע מיוחסים, ווען איך האָב נאָר געקענט, דעם האָב איך עקספּלאָאַטירט בלויז פאַר אייערט וועגן, איצט דאַרף מען שוין אַ קלער טון אויך וועגן אייערע פרויען, וואָס ווייסן נאָך נישט פון דער גאַנצער גדולה. מילא, טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ ווייסט כאָטש, אַז עס טוט זיך עפּעס אַרום איר מאַן, אָבער די אָרעמע דבורה ווייסט נאָך לחלוטין גאָרנישט, קיין איין וואָרט נישט. זי ווייסט נאָר, אַז אויב מען וועט איר מאַן פאַרשיקן ערגעץ, וועט זי פּרוּוון אים נאָכפאָרן אַהין מיט די קינדערלעך. איצט איז דער זייגער באַלד זיבן, גייען מיר צו מיט אַ וויזיט צו גרויסע פריינד אונדזערע און וויניקער ווי אין זעקס שעה אַרום פאַר־לאָזן מיר סלאַוווּטע. גענוג זיך אָנגעסלאַוווּטעט... עס וועט אייך שוין סטאַיען אפילו די אור־אור־אייניקלעך צו באַטיילן. וואָס, אפשר נישט אַזוי?

דאָס שטעטל האָט זיך ערגעץ פאַרטייעט אין די גערטנער און איבער־געלאָזט די געסט אויף הפקר אין מיטן פרייען פעלד. זיי זענען אַריינ־געגאַנגען אין אַן אַלטן, פאַרצווייגטן סאָסנעוואַלד. דאָ האָט שוין אָנגע־הויבן צופאַלן די נאַכט. די שאָטנס זענען עקשנותדיק געקראָכן אויף די ביי־מער, מיטנעמענדיק מיט זיך צווייגן, בלעטער, נעסטן, אַלץ ווייטער אַרויס־יאָגנדיק דעם טאָג פון דעם וואַלד. שלמהן איז נישט געווען צו דערקענען. ערגעץ איז פאַרשווונדן זיין ערנסטקייט, זיין סאָליד האַלטן זיך. עס איז אויף אים עפּעס מיט אַ מאָל אָנגעשפּרונגען אַ קינדערשע פרייד. ער איז גע־לאָפן פאָרויס, געדראַפּעט זיך אויף גלייכע ביימער, זיך אָנגעכאַפּט אין הויכע צווייגן, געפאַלן און ווידער געקראָכן. שמואליק האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין גימנאַסטיק אונטער זיין קאָמאַנדע, געהאַלטן דאָס פאַר מעשה־נערות: איינס, צוויי; איינס צוויי — האָט אים שלמה פון אַ הויכער סאָסנע אומברחמנותדיק באַהאָגלט מיט שישקעס. דערפאַר איז שוין סערגעי טימאָפיעיעוויטש געווען קלוגער פון אים און האָט געמאַכט מיט די הענט און מיט די פיס ווי אַ געהאָרכזאַמער שילער. שפּאַנענדיק איבערן צעהוי־דעטן בריקל, איז שלמהן פּלוצלינג איינגעפאַלן, אַז זיינע חברים האָבן נאָך נישט געזען, וויפל ער קען ליגן אונטערן וואַסער. אין איין הרף עין האָט

ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די מלבושים, זיי אַ שטעק אָפּ געטון שמואליקן און גלייך פון בריקל — באַץ אין וואַסער אַריין! ס'איז פאַריבער אַ מי־נוט, נאָך אַ מינוט. דאָס „פּאָרפּאָלק" האָט זיך דערשטוינט איבערגעקוקט: וואָס איז דאָס? שוין, דאַכט זיך, גענוג, וויפל איז דער שיעור? ס'איז פאַריבער נאָך אַ מינוט. זיי באַטראַכטן שוין אומרואיק דאָס תמעוואַטע טייכל און ווייסן נישט, וואָס הייבט מען דאָ אָן צו טון. נאָר פּלוצלינג דער־הערט זיך אַ שניידנדיקער פּייף און זיי דערזען שלמהן אפשר מיט הונדערט מעטער ווייטער פונעם בריקל. אָנגעטון זיך, מעלדעט ער זיי, אַז ער שטעלט זיך דאַוונען מנחה און שמואליק דאַרף אויך טון דאָס זעלבע. נישקשה, עס קומט פון אים אַ תפילה. און ווינאָגראַדאָוו האָט נאָר אַ ברירה צוצוקוקן ווי זיי דאַווענען.

ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן גאַניקל פון קריוואָרוטשקעס הייזל, איז שוין די גאַנצע געגנט אַרום זיי געווען פאַרגאָסן מיט לבנה־שיין און פריילעכע שטערנדלעך, פריילעכערע ווי שטענדיק, האָבן לוסטיק אונ־טערגעטאַנצט, געווונקען און עפּעס צוגעזאָגט...

קאפיטל XLI

ניקאָלאַי מיט מאַרינקען זענען שוין געווען ביז גאָר דערשטוינט:

— ווו זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן? מיר האָבן געמיינט, אַז איר זענט שוין אַוועק צו פוס קיין קיעוו...

שלמה האָט זיי פאַרגעשטעלט איינע פאַר די צווייטע און אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש. שלמה האָט זיך געאײַלט וואָרענען די באַלעבאָס־טע, אַז זיין פעטער עסט אויך נאָר כשרס. זי ווייסט דאָך שוין, וואָס מען דאַרף אַזעלכן דערלאַנגען. שמואליק האָט רויט ווערנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ... יאָ, יאָ, ער עסט נאָר כשרס, און די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן.

שוין לאַנג איז שלמה אַזוי פריילעך נישט געווען ווי אין יענעם אויפ־דערנאַכט ביים סלאַוווטער פּראָקוראָר אין שטוב. ער איז אַליין נישט איינ־געזעסן אויף קיין אָרט און האָט קיינעם נישט געלאָזט איינזיצן. קודם איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס מעבל איז צונויפגעשטעלט אין צימער אָן גע־שמאַק. ווען מען זאָל בעסער אַפּרוקן די שאַפע אַראָפּ צו דער טיר צו און דעם שפּיגל אַוועקשטעלן צווישן די פענצטער און דאָס בעט צווישן דער סאָפע און צווישן דעם קאַמין און דעם טיש מיט די בענקלעך לענג־אויס דער סאָפע, וואָלט דאָס צימער אויסגעזען פיל־פיל שענער...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רוקעניש מיט אַ טראָגעניש. אַלע האָבן גע־מוזט צוהעלפן, אַפילו דער זקן סערגעי טימאָפיעיעוויטש איז אויך נישט געווען באַפרייט. ווען מען האָט זיך שוין אויסגעזעצט אין דעם ניי אויס־געשטעלטן צימער, האָט שלמה געפאָדערט, אַז די קריוואָרוטשקעס זאָלן דערלאַנגען צום טיש אַלע זייערע פאָטאָגראַפיעס, און סערגעי טימאָפיעיע־וויטש אַלס פּראָפעסאָר האָט געמוזט זאָגן מבינות, אין וועמען ס'איז געראָטן יעדעס קינד, אין פאָטער צי אין דער מוטער. מאַרינקע רופט זיך אָן:

— און דו, שלמה, האָסט ביי זיך קיינע פאָטאָגראַפיעס נישט?

— ניין, איך האָב נישט געוווסט, אַז עס וועט נייטיק זיין.

— פאַר וואָס האָסטו דאַמאָלסט, געזעגענענדיק זיך מיט יענער מרימען, יאָ געפונען וואָס צו ווייזן?...

— גערעכט!... גערעכט!... אויף מיין וואָרט, מאַרינקע, כ'האָב גראָד איצט אין איר פאַרגעסן. ביטע, מיין כלהס בילד האָב איך איצט אויך ביי זיך. איך טראָג דאָס שטענדיק מיט זיך...

פאָלים פאָטאָגראַפיע איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. יעדער האָט באַוווּנדערט איר שיינקייט, איר צוויבערנדיקן בליק, איר חנעוודיק שמייכעלע. שמואליק האָט אויך לאַנג באַטראַכט זיין פלימעניצע ווי ער וואָלט זי זען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, און האָט ענדלעך געזאָגט:

— וואָס קען מען זאָגן? אַ גליקלעכע! אַז זי נעמט אַזאַ מאַן ווי דו, קען שוין קיין גרעסער גליק נישט זיין. אויף מיין גיטעלען געזאָגט געוואָרן באַטש האַלב, רבונו של עולם!

די פאָטאָגראַפיע האָט זיך אומגעקערט אין מאַרינקעס הענט. זי האָט איפּערזיכטיק באַטראַכט דאָס ליכטיקע פּנים, געכאַפּט עטלעכע מאָל אַ קוק אויף שלמהן, פאַרגלייכנדיק אין געדאַנק און פאַרשטעלנדיק זיך, ווי עס זעען אויס צוזאַמען די חתן־כּלה. נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט זי מיט אַ פאַרשטיקט קרעכצעלע דערלאַנגט שלמהן דאָס בילד און נייגעריק געפרעגט:

— פאַר וואָס. זשע האָט איר נאָך אַלץ נישט חתונה?

— איצט דאַרפן מיר שוין אין גיכן חתונה האָבן.

— זי האָט דיך כאָטש שטאַרק ליב?

— צו וואָס נוצט אָט דער „כאָטש"?

— איך מיין: ווי דיר קומט...

— איך ווייס? דאָס דאַרף מען פרעגן ביי איר.

שמואליק איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט:

— הערט אים נישט, וואָס ער וועט אייך דערציילן, איר פרעגט ביי מיר... איך ווייס בעסער... יענע שטאַרבט נאָך זיינע טריט... טאָמער טרעפט אַ טאָג, אַז ער קומט נישט, ווערט זי שוואַרץ ווי די נאַכט...

דאָס קלענערע יינגעלע פון די בעלי־בתּים האָט עפּעס פאַרדעכטיק זיך פאַרהוסט. אָט דאָ ביים טיש זיצנדיק האָט מען דאָס קינד אויסגעטון. סערגעי טימאָפּיעיעוויטש האָט צולייגנדיק דעם נאַקעטן אויער צום קערפּערל גרונטלעך עס אויסגעהערט און פאַרשריבן אַ רפואה.

דער זייגער איז געווען נאָך צוועלף און ניקאָלאַי איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַנען דעם פאַעטאָן. מאַרינקע האָט גענומען שטופּן יעדן אין די קעשענעס, וואָס עס איז איר געקומען אונטער די הענט: געבעקס, פרוכטן און אַנדערע נאַשערייען. שלמה האָט אויף איר געשריגן:

— מאַרינקע, נו, וואָס טוסטו? ווער וועט שוין דען היינטיקע נאַכט עפּעס עסן?

— נישקשה, נישקשה, מען פרעגט ביי דיר נישט. מיינסט אויף אַן אמתן, אַז אומעטום דאַרפסטו זאָגן אַ דעה? איר האָט ביים טיש גאָרנישט געגעסן און קיין קיעוו וועט איר ערשט קומען, ווען?

— זייגער אַכט, האַלב ניין.

— הערסט אַ מעשה? קוים אויסגערעדט... אין דער פרי, אַז מען כאַפּט זיך אויף פונעם שלאָף חלשט טאַקע דאָס האַרץ.

— וואָס הייסט, אַז מען כאַפּט זיך אויף? דו קלערסט, אַז ביי אונדז וועט נאָך עמעצער שלאָפן היינטיקע נאַכט?

— וואָס דען וועט איר טון אין וואַגאָן?

— ע, מאַרינקע, אַ שלעפעריקע נשמה האָסטו זיך איינגעהאַנדלט. מיר דאַכט זיך, אַז ביי איצטיקן, אומאויפהערלעכן צופלוס פון פרייד, ווען איר ווער אַנטשלאָפן, וואָלט דאַרטן געוואָרן אַ פאַרפלייצונג און דאָס האַרץ וואָלט זיכער געפּלאַצט. אָט די אַלע ווילדקייטן, וואָס איך באַגיי איצט, זענען נאָר כּדי אַ ביסל אויסצולאָדן די פרישע ענערגיע, וואָס קומט

אין מיר אויף מיט יעדער מינוט. מאָרגן מעגט איר צוריק איבערשטעלן דאָס מעבל אויפן אַלטן מאַניער. אַזוי ווי ס'איז פריער געשטאַנען איז טאַקע געווען בעסער. דו פרעגסט, וואָס מיר ווילן טון אין וואָגאָן? מיר וועלן זיך קושן אָדער קנייפּן, קיצלען אָדער דראַפּען, עס איז נישט קיין נפקא־מינה וואָס, נאָר שלאָפן — נישט. איך האָב פשוט נישט קיין כח צו שלאָפן אַצינד, און אויב איך וועל זיין וואַכנדיק, מעגסטו זיין שוין מקנא זיין...

ניקאָלאַי איז אַריינגעגאַנגען מיט דער בייטש אין דער האַנט, אָוועק־געשטעלט זי אין אַ ווינקל, צוגעגאַנגען צום טיש, אויף דאָס ניי אָנגע־גאָסן אַלע כוסות און ווי דער מנהג איז ביי קריסטן, געהייסן אַלעמען זיך צוזעצן פאַרן פאָרן. ווען אַלע פיר זענען שוין געזעסן אויף זייערע פריער־דיקע ערטער, האָט מאַרינקע דערלאַנגט דעם ערשטן כוס סערגעי טימאָ־פיעיעוויטשן, דעם עלטסטן ביים טיש.

מיט אַ ציטערנדיקער האַנט און מיט אומרואיקע אויגן האָט סערגעי־טימאָפיעיעוויטש גענומען דעם כוס, זיך שווער אויפגעהויבן פון זיין אָרט און שטיל, נאָר פייערלעך געזאָגט:

— לחיים, מיינע פריינט! עס איז מיר איצט שווער צו רעדן. די ווער־טער שטופּן זיך צום אַרויסגאַנג איינס פאַר דעם צווייטן. מיר פעלט שוין ווייניק צו די זיבעציק יאָר. איך האָב שוין מיין וועלט אָפּגעלעבט. כאָטש, אַז מען וויל ווידער צוריק, האָב איך נאָך מיין וועלט אפילו נישט אָנגע־הויבן צו לעבן. ביי זעקס און צוואַנציק יאָר האָב איך אין סאַנקט־פּע־טערבורג באַקומען מיין דיפּלאָם מיט גאָלדענע אותיות, און פון דאַ־מאָלסט אָן איז מיין גאַנץ לעבן אַ לאַנגע קייט פון מפקיר זיין זיך פאַר דער מענטשהייט. די קליניק איז געווען מיין היים און מיין היים איז געווען אַזוי צו זאָגן ווי אַן אכסניה: אָפּעסן, איבערשלאָפן די נאַכט און צוריק אַוועקלויפן צו מיינע קראַנקע קינדערלעך. כ'האָב אין מיין גאַנצן לעבן נישט געהאַט אַזוי פיל פרייע צייט ווי אין די לעצטע דריי חדשים. נאָר אוי ווי — אַט די פרייע צייט איז מיר נישט באַקומען. עס איז מיר גע־ווען אַ גרויסער ווייטיק ערשט אויף דער עלטער פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַן אַרעסטאַנט און דערצו נאָך אַזוי אומשולדיק... אַזוי אומשולדיק...

ביים זקן האָבן געוואָרענע גרויסע, הייסע טרערן אין בעכער אַריין. אַלע האָבן געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט און ער האָט פאָרגעזעצט:

— עס וואָלט אָבער גאָרנישט געווען געהאָלפן. מיין מזל איז אַזוי גע־ווען, איך וואָלט געזעסן און געזעסן... ביז אין איין שיינעם פרימאָרגן וואָלט מען געווען מיין קערפּער אַרויסגעפירט אין מיסטוואָגן און באַ־גראָבן ערגעץ אין פעלד. איך צווייפל אפילו נישט, אַז איך וואָלט נישט נאָך צוויי, נאָר איין יאָר אויך נישט געווען אויסגעהאַלטן ביי די דאָר־טיקע אַנטיסאַניטאַרישע באַדינגונגען. כאָטש מיין טאַנקע איז געקראָכן פון דער הויט, מיר צושטעלן פון פויגלמילך, אָבער איין מאָל אין חודש... וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס?... היינט, די געזעלשאַפט... איך בין אויף

מיין לעבן מיט אַזעלכע מענטשן נישט געקומען אין באַרירונג. און דאָ אין טורמע — טאָג און נאַכט... ווייס איך, עס איז ביי מיר קיין מינדסטער ספק נישט, אַז איך וואָלט געווען געשטאָרבן. האָט אָבער גאָט אַנדערש געוואָלט... האָט ער צוגעשיקט סאָלאָמאָנען. איך קען אים שוין אַ וואָך צייט און ווייס נאָך אפילו נישט זיין פאַמיליע־נאָמען. סאָלאָמאָן און שוין. פרעגט מיך בחרם, פון וואַנען קען ער מיך? צו וואָס דאַרף ער מיך? און מיט וואָס האָב איך דאָס זוכה געווען צו אַזאַ נס?... מיין פּאַוולושאַ פון דער אַלפאַרבאַנדישער געפּעאו האָט גאָרנישט געקענט אויפטון; מיינע חברים, די אַקאַדעמיקער, מיט דער גאַנצער אַכטונג, וואָס מען האָט צו זיי אין לאַנד, האָבן גאָרנישט געקענט העלפן; אפילו מיכאַאיל איוואַנאָוויטש קאַלינין האָט געפונען פאַר צו קליינלעך זיך צו פאַראינטערעסירן מיט אַזאַ נישטיקער שטראָף ווי צוויי יאָר. איי, די דאָזיקע צוויי יאָר האָבן מיך געקענט קאָסטן דאָס לעבן — אַ דאגה עמעצן! העכער פערציק יאָר צייט אַוועקגעשענקט דאָס לעבן דעם פאָלק און אויף דער עלטער געבליבן עלנט, עלנט ווי דער סאַמע ערגסטער בראָדיאַגע. איך האָב געקענט פגרן אויף דער נאַרע ווי אַ הונט און קיינער וואָלט אפילו נישט געפרעגט: וווהין איז דאָס ערגעץ אַהינגעקומען ווינאָגראַדאָוו? פאַר וואָס זעט מען עפּעס נישט סערגעי טימאָפיעיעוויטשן? נאָר די וועלט האָט נאָך אירע גוטע מענטשן. האָט זיך אָפּגעזוכט סאָלאָמאָן און חבר ניקאָלאַי. וויפל מיר איז נאָך אָנגעצייכנט צו לעבן, וועל איך זייערע נעמען מיט זייערע פנימער נישט פאַרגעסן... איך בין שוין אַלט און שוואַך, מיט וואָס קען איך זיי אָפּדאַנקען? מיינע קאַפּיטאַלן די גרויסע? און ווידער, ווען איך האָב אפילו יאָ געוואָלט זיי צו געבן, וואָלטן זיי דען ביי מיר גענומען? איך ווייס גוט, אַז ניין. איך פאַרשפּאָר אפילו צו פרעגן. נאָר גאָט, דער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס האָט געזען מיינע אומזיסטיקע לײדן, און זייער מסירת־נפש פאַר מיר, נאָר ער זאָל זיי באַלוינען אויף יעדן שריט און טריט, ווו־הין זיי וועלן זיך נאָך נאָר קערן און ווענדן. חוץ מיין אײן און אײנציקן זון און מיין טאַניושען האָב איך אויף דער וועלט נישט קיין נעענטערס און קיין טייערערס פון דעם חבר ניקאָלאַי און פון דעם חבר סאָלאָמאָן. אַ דאַנק, מיינע טייערע, אַ דאַנק!

דער זקן האָט זיך פאַרכלינעט מיט טרערן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל. דער איינדרוק פון זיינע רייד איז געווען אַ שווערער. ביי אַלע־מען זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. ס'איז פאַריבער אַ לענגערע פויזע. שמואליק האָט זיך אויפגעשטעלט, מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק באַ־טראַכט אַלעמען און קוים איינהאַלטנדיק די טרערן אָנגעהויבן:

— איך האָב אַ פרוי מיט זעקס פּיצלעך קינדער, נאָך גאָר עופעלעך. דאָס סאַמע עלטסטע איז נאָך קיין גאַנצע פופצן יאָר נישט אַלט. אויב דער חבר ווינאָגראַדאָוו האָט מורא, אַז ער וואָלט געווען געשטאָרבן אין טורמע, האָב איך דווקא דערפאַר קיין מורא נישט. מיך וואָלט מען נישט געווען גע־לאָזט שטאַרבן מיט מיין נאַטירלעכן טויט... אויב דעם חבר ווינאָגראַדאָוו

האָט דערוואַרט צו זיצן נאָך צוואַנציק חדשים, וואָלט איך געוועז געזאָגט א דאַנק, ווען מען גיט מיר אפילו צוואַנציק יאָר. און דאָ גאָר — פריי־הייט! עס איז דאָך ממש אומגלויבלעך, אז מאָרגן אין דער צייט וועל איך האַלטן מיינע קינדערלעך אויף די הענט, קענען גיין, וווהין איך וויל און פאָרן וווהין איך וויל. און דאָס אַלץ האָבן מיר געגעבן דער חבר ני־קאָלאַי מיט שלמהן. אמת, שלמה האָט ביי ווערן מיינער א פּלימעניק, אָבער א זון פאַר א פאָטער טוט דען יאָ אַזעלכעס, וואָס ער האָט פאַר מיר געטון? מיינע קינדער וואָלטן געוועזן צעקראָכן געוואָרן איבער די קינ־דערהיימען. מיין אָרעמע פרוי וואָלט אָן מיר גאָרנישט געוועזן געקענט אויסטון... ווען נישט איר ביידע, וואָלט געוועזן געוואָרן אש און שטויב פון אַלץ, וואָס איך האָב אויף דער וועלט... און איצט — וועל איך נאָך לעבן אויף דער וועלט. איך וועל אַרבעטן און דערציען מיינע קינדערלעך. איך וועל זיין אויף שלמהס חתונה, אים, מיין רעטער, ווינטשן גליק מיט מיין שוועסטערס קינד. אָך, גאָט מיינער! אפשר איז א טעות געשען? אפשר איז דאָס גליק געוועזן אָנגעמערקט פאַר א צווייטן, א מער פאַרדינסט־פולן פון מיר? וואָס בין איך דען? ווער בין איך דען? פאַר וואָס קומט מיר, אז אַזעלכע צוויי דימענטענע מענטשן ווי שלמה מיט ניקאָלאַיען זאָלן זיך אָפּגעבן מיט מיר און מיך אַרויסרייסן פון אזא זומפּ? פון אזא קלע־פּיקן זומפּ? אָך, ווען איך קען אייך מיט עפּעס אָפּדינען... כאָטש מיט וויפל עס איז. דאָס איז איצט דער גרעסטער ווונטש אין מיין לעבן. מילא שלמה, איז כאָטש אַן אייגענער, אָבער ניקאָלאַי? מאַמעניו! ווען איך קען אים עפּעס אַזעלכעס אָפּטון, אז איך זאָל פילן: איך בין אים צו נוץ געקומען... ער האָט הנאה געהאַט פון מיר... קיין אַנדער ווונטש האָב איך נישט אַצינד... קיין וויכטיקערס פאַר מיר קען איצט גאָרנישט זיין!

ווען שמואליק איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ניקאָלאַי גענומען דאָס וואָרט:

— פריינד מיינע! לאָמאַוואַצקי און ווינאָגראַדאָוו! איך גיי נישט זאָגן קיין ספּיטשן, נאָר איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכן אויף איין זאַך: איר ביידע מישט אוים אין אייערע רייד מיך מיט סאָלאָמאָנען ווי צוויי גלייכע אָנטיילנעמער אין אייער רעטונג. דאָס איז נישט ריכטיק, חברים. ביז גאָר נישט ריכטיק. שלאָגט אייך אַרויס פונעם קאָפּ, אז סאָלאָמאָן האָט שותפים צו זיין שטיקל אַרבעט. עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. איך האָב פון אייערט וועגן כמעט גאָרנישט אויפגעטון. אַלץ — סאָלאָמאָן! ער האָט מיר געבראַכט אייזערנע דאָקומענטן, אויף וועלכע איך האָב מיך געקאָנט אָנשפּאַרן, נישט ריזיקירנדיק מיט גאָרנישט. עס פאַרשטייט זיך, ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט אין מיר א פריינד, וואָלטן אָט די אַלע דאָקומענטן צו גאָרנישט געטויגט, אָבער דאָס פאַרקלענערט נישט אין קיין מינדסטער מאָס זיין גוואַלדיקע איניציאַטיוו. צי ער וועט אייך וועלן דערציילן די געשיכטע פון אייער באַפרייאונג, צי ניין, דאָס איז זיין זאַך. נאָר ווי אַזוי די דאָקומענטן זענען אים אָנגעקומען, דאָס פרעגט ביי מיר! איך

בין אַ פּאַכמאַן און שטעל זיך דאָס פֿאָר. און באַזונדערס, איר, לאָמאָוואַצקי. אייך האָט סאָלאָמאָן געמאַכט פֿון טויט לעבעדיק. צו אייער קאָפּ איז געווען אָנגעצילט אַ ביקס, אין ביקס האָט זיך געפֿונען אַ ברענענדיקע קויל. סאָלאָמאָן האָט די ביקס צעבראָכן, די קויל אַרויסגעוואָרפֿן און צעטרעטן מיט די פֿיס. ער איז דער איינציקער באַשעפֿער פֿון אייער פֿרייהייט, אָט פּונקט ווי אַ פֿאָטער איז דער באַשעפֿער פֿון זיין קינד. איר טאָרט אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַרגעסן, אַז נאָר אַ דאַנק אים לעבט איר אויף דער וועלט. אַ דאַנק זיין געניאַלן פֿאַרשטאַנד און זיין גוט האַרץ האָט אייער פֿרוי — אַ מאַן, און אייערע קינדער — אַ פֿאָטער. וואָס אַמבאַלאַנגט מיך, מיינט איר, אַז איך האָב שוין גאָרנישט פֿאַר וואָס דאַנקבאַר צו זיין סאָלאָמאָנען? אויב איר מיינט אַזוי, האָט איר אַ גרויסן טעות. איך בין אים דרייפֿאַכיק דאַנקבאַר. ערשטנס, וואָס ער האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט אָפּצוצאָלן אים אַן אַלטן חוב. איצט איז מיר מיט מאַרינקען גרינגער אויפֿן קאָפּ און פֿרייל עכער אויפֿן האַרצן. אַיאַ אַזוי, מאַרינאָטשקאַ?

מאַרינקע האָט מעלאַנכאָליש געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— צווייטנס, וואָס אַ דאַנק אים איז באַפֿרייט געוואָרן אַן אומשולדיק פֿאַרמשפּטער, דער ליבער חבר ווינאָגראַדאָוו. כאָטש קיין גלויביקער בין איך נישט, נאָר ווען איך ווער געוווירר, אַז ביי מיר איז אָפּגעזעסן אַ מענטש אומשולדיק צוויי יאָר — און נאָך וואָס פֿאַר אַ מענטש? און אין אַזאַ עלטער? און אַז אונדזער טעות האָט אים געקענט קאָסטן דאָס לעבן — וואָלט דאָס מיר זייער, זייער וויי געטון. מען דאַרף נישט זיין דווקא קיין גלויביקער, נאָר האָבן אַ האַרץ פֿון אַ מענטשן, אַז אַזאַ זאַך זאָל קרענקען און קרענקען ביזן טויט אַריין. איז דאָס, וואָס סאָלאָמאָן האָט מיר פֿאַרשפּאָרט אָט די קרענקונג, איז די צווייטע זאַך, פֿאַר וועלכער איך בין אים דאַנקבאַר. די דריטע זאַך איז די וויכטיקסטע: ביז איצט האָב איך זיך גאָר נישט פֿאָרגעשטעלט, וואָס עס הייסט העלפֿן אַ צווייטן אין דער מאָס, וואָס ער האָט דאָס מיר געוויזן. דאָס מסירת־נפֿש, דאָס אַבסאָלוטע פֿאַרגעסן אין זיך, וואָס איך האָב געזען דאָס מאָל פֿון סאָלאָמאָנען, איז פֿאַר מיר ניי. איך האָב זיך גאָרנישט פֿאָרגעשטעלט אין מיין לעבן, אַז אַ מענטש איז פֿעאיק אָנצווענדן אַזוי פֿיל ענערגיע פֿאַר אַ צווייטן... און באַזונדערס זיין טעטיקייט לגבי אונדזער געערטן פּראָפֿעסאָר, וועלכן ער האָט אפֿילו נישט געקענט, וואָס ער איז נאָר גאַנץ צופֿעליק געוווירר געוואָרן וועגן אים. מילא לאָמאָוואַצקי איז כאָטש אַ פֿעטער, צי כמעט אַ פֿעטער, אָבער דאָ — אַ גאַנץ פֿרעמדער און אפֿילו נישט קיין ייִד. נאָר אונדזער טייערער, אומפֿאַרגלייכלעכער סאָלאָמאָן, איז העכער פֿון די גרענעצן: ייִד — נישט ייִד, ער איז אַ מענטש אין ברייטסטן זין פֿון וואָרט, מיט אַ גרויס האַרץ און מיט אַ מיניסטערישן קאָפּ אויף זיך. לאָמיר ברידערלעך אויסטרינקען פֿאַר זיין געזונט!...

אַלע האָבן מיט גרויס קוראַזש אויסגעליידיקט די כוסות און ניקאַ־

לאַי, אַריינקומענדיק אין עקסטאַז, האָט דערלאַנגט שלמהן אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— איצט איז דיין ריי. זאָג, סאָלאָמאָן, עטלעכע ווערטער...

שלמה האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט שמייכלענדיק געזאָגט:

— איך זאָג, אַז עס איז שוין צען מינוט צו איינס און מען דאַרף זיך אָנהייבן קלייבן אין וועג אַריין.

אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער. שלמה איז צוגעגאַנגען צו מאַרינקען, איר דערלאַנגט די האַנט:

— נו, מאַרינקע, פאַרבלייב געזונט...

— מיין טייערער סאָלאָמאָנטשיק, שוין? אָט דאָס איז דאָס? אָפּגע־טאַראַראַמט און אַוועק?

זי איז געשטאַנען אַ בלייכע און טרערן האָבן איר גערונען איבער די באַקן. שלמה האָט זי פריינדלעך באַטראַכט און אויף לאַנג צוגעפּרעסט זיינע ליפּן צו אירע פינגער. זי האָט אים אָנגעכאַפּט און אַ קוש געטון אין ביידע באַקן. שלמה האָט זיך געמיינעט אין פּנים פון איר עובדהלע, נאָר אַ קוק טוענדיק אויף איר צעבראָכנקייט, האָט ער מיט געפיל געזאָגט:

— מאַרינקאַ, דיין פּנים בלייבט אויף אייביק אין מיין זכרון אַ שיי־נענדיקס ווי די זון, אַ לויטערס ווי קרישטאָל. איך וועל פאַרגעסן דיין נאָמען סיידן דאַמאָלסט, ווען איך וועל פאַרגעסן מיינעם!... זאָל דיר גאָט צאָלן פאַר אַלץ, וואָס דו האָסט אין אונדז דרייען געטון!...

דורך טרערן האָט זי קוים אַרויסגעבראַכט:

— און מיר וועלן זיך שוין מער קיין מאָל נישט זען? אויף אייביק?

— ווער ווייסט, מאַרינקאַ? מיר זענען דאָך נאָך יונגע מענטשן, אפשר יאָ.

— ס'איז ערשט אַ וואָך, אַז מיר האָבן דיך צוריקגעפונען און שוין — אויס?

— נאָך ווייניק אייך אָנגעדולט אַ קאָפּ? אי שלאָפן נישט געלאָזט, אי אַלע אייערע אויפגעגעסן, און טאָמער איז נאָך קאַרג, נעם איך באַלד אפילו די פּערדלעך אייערע עקספּלאָאַטירן...

— איי, רעד נישט אַזוי. אין מיר וויינט דאָס האַרץ און ער שפּאַסט. שטענדיק איז ביי אים גלייך... אַלץ איז ביי אים אַ געלעכטער...

ס'איז צוגעגאַנגען ווינאָגראַדאָוו, נאָך דעם שמואליק. זי האָט זיך מיט זיי וואַרעם געזעגנט, געוווּנטשן, אַז זיי זאָלן מער נישט דאַרפן אָנקומען צו קיין פּראָקוראָרן, ווייל נישט תמיד טרעפן זיך סאָלאָמאָנס. ווייטער האָט זי זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט פאָלגן סאָלאָמאָנען און כאַפּן אַ דרימל אין וואַגאָן, נישט קומען שלעפעריק צו די ווייבער. דערנאָך האָט זי אָנ־געזאָגט שמואליקן, אַז אויף סאָלאָמאָנס חתונה זאָל ער טרינקען לחיים אויך פאַר איר מיט ניקאָלאַיען און זאָל ווינטשן זיין פּלימעניצע, זי זאָל לעבן גליקלעך, גליקלעך, ווי מיט סאָלאָמאָנען קען מען לעבן.

קאַפּיטל XLII

אויפן הויף איז געווען ליכטיק ווי פאַר זונען־אויפגאַנג. קיין שטערן איז כמעט נישט געווען צו באַמערקן, נאָר אַ לבנה. אַ גרויסע, אַ פולע, איז זי ווי אַ פאַרגליווערטע געהאַנגען איבערן קאָפּ. איר בלאַסע שיין האָט אויף אַלץ אויסגעשפּרייט אַ פּיאַלעטן נעפּל. יעדע זאַך האָט אויסגעזען ווי נישט ממשותדיק, ווי דורך אַ רויך... ביים טויער זענען געשטאַנען אומ־רואיקע צוויי בולאַנער פערדלעך און האָבן אומגעדולדיק געגראָבן מיט די קאָפּיטעס די ליימיקע ערד. ניקאָלאַי האָט פאַרנומען זיין אָרט אויף דער קעלניע. מארינקע האָט צעעפנט דעם טויער, נאָכגייענדיק דער דראָזשקע נאָך אַ מאָל געדריקט יעדן פון די פאַרשווינען די האַנט, געבעטן שלמהן קומען צו זיי צו גאַסט מיט זיין יונג ווייבל, אַז נישט, וועט זי מיט אים מער קיין מאָל נישט וועלן רעדן, און דער פאַעטאָן האָט זיך אונטערהוידנ־דיק אויף די הויכע רעסאָרן, ארויסגעקאַטשעט פונעם הויף. ניקאָלאַי האָט זיך פאַרנומען אויף לינקס באַרג־אַרויף. שלמה איז אַלץ געשטאַנען און האָט געפאָכעט מיטן טיכעלע צו מאַריטקען. מיט אַ מאָל האָט זיך דער פאַעטאָן געגעבן אַ שטעל אָפּ, ניקאָלאַי איז אַראָפּ פון דער קעלניע, אויס־געזידלט זיין שלעכטן זכרון, צוגעלייגט די דלאָניעס צום מויל ווי אַ רור־פאַר און אין דער נאַכטיקער שטילקייט האָט זיך דערהערט:

— מאַ—רי—נאָטש—קאַ—אַ—אַ... אַ־הו...

פון דער רויִיקער בלויקייט האָבן זיך דערטראָגן גרינגע, לויפנדיקע טריט. נאָך אַ מינוט און מארינקעס געשטאַלט האָט זיך רעליעף אויסגע־שיילט אויפן פאָן פון דעם באַזילבערטן, שלאָפנדיקן דערפל. צוגעלאָפן איז זי אַ פאַרסאָפּעטע, מיט צעלאָזענע האָר אויפן ווינט.

— וואָס איז, קאָלינקאַ? וואָס האָט געטראָפן?

— אַך, האָב איך אַ קאָפּ! פון דאַנען אַהין פאַרגעס איך. מאַרינאַ, איך האָב נישט געוואָלט זיך אומקערן. אין מיין פּאָרטפעל, אין דער ער־שטער אָפּטיילונג, ליגט אַ פאַרזיגלטער בריוו אויפן נאָמען פונעם נאַטשאַל־ניק פון דער שעפּעטאָווקער סטאַנציע, ברענג אים מיר, כ'בעט דיך.

און ווען מארינקע איז אַוועקגעלאָפן, האָט ער שלמהן געגעבן צו פאַר־שטיין:

— איך האָב היינט אין דער פרי פאַרבראַנירט* ביים נאַטשאַלניק פון שעפּעטאָווקער סטאַנציע אַ גאַנצע קופּע אין ווייכן וואַגאָן ביז קיִעוו. אַז איך זאָל אָבער אַרויפפאָרן מיט אייך אויפן וואָקזאַל, פּאַסט פאַר מיר נישט. מען קען מיך. אומעטום וועלן זיך אָנהייבן גערעדערייען. ווייסט נישט, היינטיקע צייטן? האָב איך דיר בעסער אָנגעשריבן אַ בריוו צום נאַטשאַל־

---

* „בראָניאַ" ווערט אָנגערופן, ווען אַ וויכטיקע אינסטיטוציע רעזערווירט פאַר זיך אַן אָרט אָדער אַן אַנדער זאַך.

ניק, אַז די קופּע איז פֿאַר דײַנעט וועגן און דעם פּרייז דאַרפֿסטו אַליין באַצאָלן. ער וועט דיר שוין אָנווייזן אײַערע ערטער. דער בריוו איז בלויז אויף דײַן נאָמען, זאָלסטו בעסער אַרײַנגיין אַליין, אָן זיי... איר דאַרפֿט זיך אויף מיר נישט באַליידיקן, חברים, אָבער דעם שטעמפּל פֿון דער קאַמער פֿאַרלירט מען נישט אַזוי גיך פֿונעם פּנים... דאָס איז אַ טי—פּער שטעמפּל... איר וועט זיך ערשט איבערצייגן, ווי ווײַט דאָס איז טאַקע אַזוי... שאַ, אַט לויפֿט שוין מאַרינקע — מאָלאָדיעץ! אַזוי גיך! עס איז אַלץ צוליב דיר, סאָלאָמאָן, נאָר צוליב דיר, דו ווייסט כאָטש?

נאָך אַ מאָל זיך געזעגנט, נאָך אַ מאָל זיך געדריקט די הענט, דער וואַלד האָט ברייט צעעפֿנט זײַן פֿינצטערן בית־הבליעה און זיי אַרײַנגעצויגן אין אים. דער שליאַך איז געווען אַ גוט אויסגעפֿאָרענער. די פֿערד — ערשט פֿונעם האָבער. די לבֿנה האָט אַהער נישט אַרײַנגעשײַנט, נאָר די שפּיצן סאָסנעס זענען געווען באַזילבערט און אונטן איז געווען אָנגענעם טונקל, שטיל און דערפֿרישנדיק קילבלעך. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט, יעדן איז געווען אַ שאָד צו צעשטערן די הייליקע שטילקייט פֿון דער נאַכט. דער וואַלד האָט גערוט מיט אַלע אבֿרים און די צעהיצטע מוחות פֿון די פֿאָרנדיקע האָבן זיך אויך אָפּגערוט. דער ריטמישער גאַלאָפּ פֿון די אויסגעפּאַשעטע פֿערדלעך האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער פֿייערלעכער שטילקייט און איז געוואָרן אַ טייל פֿון איר. קיינעם פֿון די פּאַסאַזשירן איז נישט אײַנגעפֿאַלן אַן אויג צוצומאַכן. די גרויסשטעטישע אײַנוווינער האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזאַ וווּנדערשיינע נאַכט, אין אַזאַ כשופֿדיקן וואַלד, קען זיי זעלטן ווען אויסקומען צו זען. יעדער איינער איז געווען פֿאַרנומען מיט זײַנע אייגענע געדאַנקען, מיט זײַנע נײַע פּלענער אויף להבא. קיינער, חוץ ניקאָלאַיען, האָט נישט באַמערקט, אַז מען פֿאָרט שוין אַרײַן אין שעפּעטאָווקער דאָרף. אין די טיפּישע אוקראַאינער הײַזלעך איז געווען פֿינצטער. אַפֿילו די הינט האָבן אויך געדרימלט אין זייערע בײַדלעך, נאָר פֿון צווייטן עק דאָרף האָט זיך דערטראָגן אַ פּאַרשייט געלעכטער פֿון שיקסעס און אַ צעצויגן, קוויטשיק פֿאַרגיין זיך פֿון עטלעכע הינט. אָט מײַדט מען אויס אַ גרויסע געבײַדע מיט שוואַכער שײַן אין די פֿענצטער, דאָס איז דער שטאָט־שפּיטאָל. לעבן אים געפֿינט זיך דער ברויט־זאַוואָד. אַ היימיש ווינטעלע פֿאַרטראָגט אין די נאָזלעכער אַ ריח פֿון פֿריש קאָרנברויט. אין הויף אַרבעט אַ מאָטאָר פֿון אַ לאָסטאויטאָ. אָט שווימען דורך, אײַנגעזונקען אין שלאָף, דאָס באָד, די מיטעלע שול און דער גרויסער מאַרקפּלאַץ. אין טעאַטער לײַכט זיך: אָדער מען קערט איצט דאָרטן רעפּעטירן מיט די אַרטיסטן אַ נײַע פּיעסע אָדער פּשוט אַ פֿריילעכע קאָמפּאַניע האָט זיך פֿאַרזאַמלט אויף אַ קערמישל. די גאַסן הייבן אָן נידעריקער צו ווערן. עס שמעקט שוין ווידער מיט דאָרף. כמעט אײַבערן סאַמע אויער דערהערט זיך אַ רעווע פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו. בײַ יעדן אײַנציקן פֿון די פּאַסאַזשירן גיט זיך אַזש אַ וואָרף דאָס האַרץ פֿאַר פֿרייד: דאָס גוט באַקאַנטע קול, וואָס טראָגט אין זיך פֿון אייביק אָן אי שמחה,

אי עצבות, קוקנדיק ווען און פאַר ווען. פאַר זיי אָבער איז איצט דאָס קול פון אַ לאָקאָמאָטיוו טייערער פון דער שענסטער מוזיק, ווייל עס גיט אָפּ אַ גרוס פון קיעוו, פון דעם געגאַרטן קיעוו.

נישט דערפאַרנדיק ביזן וואָקזאַל, שטעלט זיך ניקאָלאַי אָפּ און שפרינגט אַראָפּ פון דער קעלניע:

— חברים, מיר זענען שוין געקומען. צום אָפּגאַנג פון צוג איז נאָך געבליבן פינף און צוואַנציק מינוט.

אַלע שפרינגען האַסטיק אַראָפּ פונעם פאַעטאָן. יעדער פילט מיט פאַרגעניגן, אַז די טורמע איז שוין ווייט־ווייט... שלמה גייט צו צו ניקאָלאַיען, נעמט אים אַרום, דריקט אים צו שטאַרק־שטאַרק צו זיין האַרצן און שעפּטשעט אים אויפן אויער:

— ניקאָלאַי, ברודערקע, בעט עפּעס ביי מיר, דו האָסט פון מיינעט וועגן אַזוי פיל געטון, און איך פון דיינעט וועגן — גאָרנישט...

— איין זאַך קען איך ביי דיר בעטן, דו זאָלסט זיך נישט פאַרפרעמדן אין גאַנצן. כאַפּ זיך אַ מאָל אַראָפּ און פאַר וואָס טאָקע נישט מיט איר, מיט דיין קראַסאַוויצע?

— מיט אַלע כוחות, ניקאָלאַי, ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וועל איך זען אויסצופילן דיין ביטע.

זיי נעמען זיך ווידער אַרום, צעקושן זיך אויפן אַלטרוסישן שטייגער, צו צוויי מאָל אין יעדער באַק, און ווינאָגראַדאָוו נעמט איבער ניקאָלאַיען, דערנאָך שמואליק. נאָכן געזעגענען זיך ברעכט אויס אַ שטיקל מחלוקת. זיי ווילן, אַז ניקאָלאַי זאָל פריער אַוועקפאָרן, און ניקאָלאַי וויל, אַז זיי זאָלן פריער אַריינגיין אין וואָקזאַל אַריין. שלמה לייגט זיך אַריין אין שלום, אַז גלייכצייטיק זאָל ניקאָלאַי אָפּפאָרן און זיי — גיין אין וואָקזאַל אַריין. נאָך אַ מאָל זיך געדריקט די הענט, צום לעצטן מאָל זיך אָנגעוווּנטשן, די פערד נעמען אין גאַלאָפּ גלייך פונעם אָרט און מען פאַרלירט זיך פון אויג.

די קופּע האָבן זיי באַקומען אָן קיין שום טענות און ריכטיק דריי פּערטל אויף דריי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן שעפּעטאָווקער וואָקזאַל־פענצטער אויף צוריק. די דעפּאָ האָט נאָך אַ פינקל געטון מיט אירע סמאָלעדיקע שטורקאַצן און שיפּענדיקע לאָקאָמאָטיוון, און די נאַכט האָט זיך אַריינגעריסן אין פענצטער אַריין. די לבנה איז נאָכגעגאַנגען דעם צוג אַ פאַנטאַסטישע, אַ פאַרחלומטע, ווי מיט אַ דורכזיכטיק הייטל איבערגעצויגן. דער שר־הלילה האָט אין די אומקלאָרע ווייטקייטן געוועבט פון דעם פאַרפירערישן לבנה־שיין אַ פאַרפלאָנטערטן מיראַזש און אים אַלע מאָל אַ ווייז געטון דעם צוג. שלמהן איז נישט געפעלן געוואָרן דאָס עלעקטרישע ליכט און ער האָט עס אויסגעשלאָסן. אין קופּע האָט מיט אַ מאָל אַלץ פאַרלוירן דאָס רעאַלע אויסזען. יעדע קליינינקייט האָט אין דער כשופדיקער לבנה־שיין אויסגעזען אומגעלומפּערט און פול מיט סוד. שלמה האָט ווייך אָנגענומען ווינאָגראַדאָוון פאַרן אָרעם:

— סערגעי טימאָפעיעוויטש, עס איז אונדז געבליבן צו זיין צוזאַמען

אַוועלכע פֿינף שעה און נאָך דעם ווייסט איין גאָט, צי מיר וועלן זיך נאָך אַ מאָל באַגעגענען, צי ניין. מען דערציילט אויף נאַפּאָלעאָנען, אַז ער פֿלעגט זייער ווייניק שלאָפֿן, ווייל בעת ער שלאָפֿט — האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין זיינע נאָענטע — איז ער דאַמאָלסט נישט אימפּעראַטאָר, דאַמאָלסט איז ער גלייך מיט אַלע מענטשן... מיר איז דאָס וואָרט שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. פֿאָלגט מיך, סערגעי טימאָפֿיעיעוויטש, און ווילט נישט שלאָפֿן... דאָס האָט אייך מאַרינקע געעצהט מיר אויף צו להכעיס. דערציילט בעסער עפּעס פֿון אייערע סטודענטישע יאָרן: פּעטערבורג, פּעטראָגראַד. דאָס איז דאָך אַלץ נישט פֿאַר מיינע יאָרן. איך ווייס נאָר: לענינגראַד... אָדער דערציילט עפּעס אַ פּיקאַנטס פֿון אייער רייכער פּראַקטיק. דערציילט וואָס ס'איז נישט איז, איך בעט אייך...

נאָר ווינאָגראַדאָוון האָט מען גאָר אַזוי שטאַרק נישט געדאַרפֿט בעטן. ער איז אַליין גערן געווען צו דערציילן, אַבי שלמה זאָל נאָר וועלן הערן. דער שלאָף איז ביי אַלעמען ווי מיט דער האַנט צוגענומען. די נאַכט איז פֿאַר טאָג צו, קענטיק קילער געוואָרן. דער הימל איז געווען אָפּגעשאָטן מיט שטערנדלעך און האָט אויסגעזען ווי אַ רעשעטע. כאָרכלענדיק און זיך פֿאַרכלינענדיק האָט דער שנעלצוג שעפּעטאָווקע־באַקו געשלונגען די ערד, אין געלויף האָט ער אַלע מינוט אַן אַנדער זאַך אַרויסגעריסן פֿון דער פֿאַרטאָגיקער פֿינצטערניש: טאָ אַ גרופּעביימער; טאָ סקירדעס פּייכטן שטרוי; טאָ שפּיציקע סטויגן מיט נאָך נישט אויסגעדראָשענע סנאָפּעס; טאָ פֿעלדער מיט שטייענדיקער תבואה; טאָ אַ שלאָפֿנדיק טייכל; טאָ אַ וועכטער־הייזל מיט אַ שטענדיקן מענטשן, וואָס שטייט אויסגעצויגן ווי אַ זעלנער האַלטנדיק אין איין האַנט אַ גרין פֿענדל און אין דער צווייטער אַ קורצן בלעכענעם האָרן. די ווייכע סאָפֿעס אין קופּע שטייען ליידיק, חידושן זיך, וואָס מען ליגט זיך אויף זיי נישט. די דריי אומרואיקע פֿאַרשוינגען זיצן צונויפֿגעקוועטשט ביים אַראָפּגעלאָזטן פֿענצטער, מען כאַפּט אַ ציטער, מען איז אָבער גליקלעך. שלמה נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון דעם געלערנטן אַלטיטשקן. ער קוקט זיך נייגעריק צו ווי ביים פּראָפֿעסאָר צינדן זיך אָן די אויגן מיט אַ יונג פֿייערל. נישטאָ מער אין שכנות דאָס באַברעמטע פּנים, די איינגעקנייטשטע באַקן, די גראָע סטערניעס אויפֿן קאָפּ. אַקעגן זיצט גאָר אַ יונגער, לעבנסלוסטיקער סטודענט, מיט פֿלאַטערנדיקע פֿייערלעך אין די אויגן. אין דער שוואַכער מילכיקער שיין פֿון דער קופּע לעבן אויף בילדער פֿון אַלטן, צאַרישן רוסלאַנד, פֿון אימפּעראַטאָרישן אוניווערסיטעט. זיין קול ווערט יונגער, קלינגענדיקער, ער דערציילט וועגן זיין ערשטער באַקאַנטשאַפֿט מיט טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען, דאַמאָלסט נאָך — טשערניאַצקאַיאַ. ווען ער ענדיקט אויף דאָקטער, וואַרפֿט זי אַוועק איר צווייטן קורס און האָט חתונה מיט אים. דעם אַלטנס דערציילונג גיסט זיך ריטמיש צונויף מיטן מעטאַדישן געקלאַנג פֿון די רעדער און קיינעם פֿאַלט נישט איין, אַז אין פֿענצטער קוקט שוין אַריין נישט קיין לבנה־שיין, נאָר אַ פֿריש־געבוירענער פֿרימאָרגן. פֿאַרביי די

פענצטער פליען דערפער, איינגעזונקענע אין שלאף. וועלדער, נאך פאר־כשופטע פון דער נאכט.

— ...און אט אזוי, קינדערלעך מיינע, איז מיין וועלט פאריבער ווי אין א חלום. איך האב גארנישט געוווסט, אז דאס לעבן קען א מאל זיין לאנגווייליק. דאס בין איך ערשט געווויר געווארן אין סלאוווטע, אין טור־מע... און איך וואלט דאס ערשט געווויר געווארן גאר־גאר אויף אן אנ־דער אופן — האט מיר סאלאמאן איבערגעשלאגן. איצט, אז איך מיש איבער אין מיין זכרון אלע מיינע יארן און באמי זיך צו געפינען אין זיי נאך אזא אויסערגעוויינלעכן מענטשן ווי סאלאמאן, געפין איך נישט. נישט ווייל איך וויל אים זאגן א קאמפלימענט — ער דארף נייטיק האבן מיי־נע קאמפלימענטן — נאר דער אמת איז אזוי. אזא מענטשן האב איך נאך נישט באגעגנט און גיכער פון אלץ איז טאקע נישט מעגלעך געווען צו באגעגענען, פראסט פשוט דערפאר, ווייל עס זענען אזעלכע נישטא. ווען מיר טרעפט זיך א מאל איך זאל אים קענען מיט עפעס נוצלעך זיין, אפילו דעם קאפ פאר אים אפגעבן, וואלט איך דאס מיט א טאנץ געטון. נאר איך בין שוין אזוי אלט, אז מיין ווונטש האט זייער ווייניק שאנסן מקוים צו ווערן. און וויסן זאלט איר, חברים מיינע, אז עס איז אזא שאד זיך שיידן מיט א וועלט, ווו עס לעבן אזעלכע דימענטענע מענטשן ווי סאלאמאן... זייער א שאד... א מיאוסע זאך, אט די עלטער, זאג איך אייך...

שמואליק נעמט אים אן ביי דער האנט:

— סערגעי טימאפיעיעוויטש, אז איר רעדט אזוי וועגן שלמהן, היינט, וואס זאל איך שוין זאגן? אייער אומגליק איז דאך געווען א וואנץ, א מילב קעגן מיינעם. איך האב געהאט אפשר א צענדליק ארטיקלען. ווען איך האב צען פלייצעס, וואלט מען מיך געווען פארמשפט אויף צען מאל שיסן... און איצט, א דאנק אים, לעב איך און פאר צו מיינע טייבעלעך. זעט נאר, וואס זאל דאס זיין? קאזיאטין, צי שוין פאסטאוו? מיר זענען דאך שוין באלד אין דער היים! בארעכנט נאר, ווי דאס גוטע פליט אי־בער. אבער אין קאמער? יעדע שעה דויערט אפשר א יאר.

שלמה שלאגט אים איבער:

— ע, גוטע ברידער, איר זענט אראפ פון די רעלסן... א לאנגווייליקן שמועס האט איר צוגעטראכט. זאגט מיר, סערגעי טימאפיעיעוויטש, אין סאנקט־פעטערבורג, נאך אלס סטודענט, פלעגט איר א מאל ווערן איינ־געלאדן אויף בעלער?

— וואס פרעגט איר אזוינע זאכן? איך האב געהאט צוויי פאראדנע פראקן, ספעציעל אויף דעם פאל ווען איך פלעג איינגעלאדן ווערן אויף א באל אדער אויף א באנקעט, ווי דען אנדערש?

— וואס זשע פלעגט איר טון, קומענדיק אויף א באל? בלויז עסן?

— פאר וואס עפעס בלויז עסן? פארשטייט זיך, עסן אויך, נאר דער עיקר: טאנצן! וואלס, מאזורקע, מאדנע פראנצויזישע טענץ, איטאליעני־שע... אין יענע יארן טאנצן מיט א בארישניע, האט מען זיך געדארפט גוט

אונטערגאַרטלען... זיי, די לײדיקגייערינס, פלעגן גאַנצע אינסטיטוטן ענ־דיקן אויף טאַנצן... נאָר איך פלעג אַלע מאָל אויסנעמען, געווען אַ מזיק אויף די זאַכן. איך האָב נאָר געדאַרפט איין מאָל באַמערקן ווי אַזוי זיי מאַכן דאָס, און איך האָב דאָס באַלד געקענט נישט ערגער פון זיי. גע־ווען דאַמאָלסט איינע אַן אַרטיסטקע, אַ באַרימטע: לוגינאַ. זי האָט טאַ־קע נאָך דעם חתונה געהאַט פאַר אַ קאַמערהער, איך געדענק שוין נישט, ווי מען האָט אים גערופן. נאָר דאָס איז שוין געווען שפּעטער, ווען איך האָב שוין פאַרטיידיקט מיין דיסערטאַציע און טאַטיאַנאַ איז שוין געווען מיין כלה... יאָ, וואָס זשע האָב איך אייך געוואָלט דערציילן? אַ־האַ! האָט אָט די לוגינאַ נישט געוואָלט פון מיר אָפּטרעטן, נאָר איך זאָל קומען צו איר אין איר סאַלאָן און זי וועט מיך לערנען טאַנצן. איין מאָל פאַר אַלע מאָל, זי וועט פון מיר מאַכן אַן אַרטיסט... נאָר וועמען איז דאָס געקראָכן אין קאָפּ אַריין? דערצו האָב איך באַמערקט, אַז פריילין טשערניאַצקאַיאַ קוקט קרום אויף מיין באַקאַנטשאַפט מיט אָט דער לוגינאַ... זי האָט איר נישט גע־טרויט... און מיר איז טשערניאַצקאַיאַ געווען הונדערט מאָל מער צום האַרצן... עך־עך־עך!... מעשות פון פאַרצייטן... צייטנווייז גלייבט זיך מיר אַליין נישט, אַז יענע לעבן איז ווירקלעך טאַקע אַ מאָל געווען...

דער צוג האָט זיך געטראָגן, ווי שדים וואָלטן זיך נאָך אים געיאָגט. שלמה רופט זיך אָן מיט אַ וואָכעדיקן טאָן, ווי אין אַ מיטן שמועס:

— שמואליק, נעמט אָן, זייט מוחל, פון דער אַנדערער זייט און לאָמיר אויפשטעלן די סאָפּעס גלייך מיט דער וואַנט. שטאַרקער נעמט אָן! אָט אַזוי. העכער אַ ביסעלע! נאָך העכער! נו, וואָס פאַרשטייט איר דאָרט נישט? קוקט, ווי איך טו, און טוט אויך אַזוי. אָט אַזוי! אַצינד בינדט צו פון אויבן, אַז עס זאָל זיך האַלטן. אָט אַזוי, מאָלאָדיעץ!... אַצינד די צווייטע...

— נאָך וואָס טוסטו דאָס, שלמה? וואָס אַרט דיך, אַז זיי זענען אַראָפּ־געלאָזט?

— דאָס וועט איר זען צום גרייטן, דערווייל העלפט מיר!

ווינאָגראַדאָוו איז געשטאַנען און האָט געשטוינט. אויף וואָס צו זיצן איז שוין נישט געווען. דאָס קופּע איז מיט אַ מאָל געוואָרן ליידיק און קוואַדראַטנע. ווען די אָפּעראַציע איז געווען געענדיקט, האָט שלמה, אַרויפ־לייגנדיק די רעכטע האַנט אויפן האַרצן אויפן מזרחדיקן שטייגער, זיך טיף פאַרנויגט פאַר סערגעי טימאָפּיעיעוויטשן און העפלעך געזאָגט:

— מאַעסטראָ, דאָס פּובליקום חלשט פאַר אייך, איר זאָלט ווייזן כאָטש איין קלאַסישן טאַנץ פון יענעם יאָרהונדערט. ביטע שיין.

ווינאָגראַדאָוו האָט געפּינטלט מיט די אויגן, נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויערן. ער האָט געמיינט, אַז שלמה שפּאַסט, נאָר יענער איז ערנסט געשטאַנען אין דער פריערדיקער פּאָזע און האָט געוואַרט. ווינאָגראַדאָוו האָט זיך צעלאַכט:

— איר מיינט עס מיט אַן ערנסט, סאָלאָמאָן?

— ערנסטער קען גאָר נישט זיין.

— ביי מיינע יאָרן זאָל איך ערשט גיין טאַנצן?

— וואָס זשע איז? און אז איר האָט זיך אויסגעקליבן אין אייערע יאָרן ערשט גיין אויף אַן אַרעסטאַנטסקע פּאַקולטעט, האָט עמעצער דען געפּרווווט אייך זאָגן, אַז איר קענט נישט? צי אַז איר זיצט שלעכט?

שלמה האָט מעשה קאַוואַליער גענומען דעם אַלטיטשקן אונטער דעם אָרעם און אים אַרויסגעפירט אויף דער מיט קופּע. שמואליק האָט שוין אויך אונטערגעהאַלטן:

— נו, מילא, טאַנצט שוין עפּעס, אַז ער בעט אייך אַזוי. הלואי קען איך טאַנצן ווי איך וואָלט דאַכט זיך, געטאַנצט פון דאַנען ביז קיעוו, אַזוי פריילעך איז מיר אויפן האַרצן. און אייך דען נישט אַזוי, סערגעי טימאָ־פּיעיעוויטש?

דער אַלטער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, נישט געוווסט, וואָס מען טוט דאָ, נאָר שלמה האָט אים ווייך צוגערעדט:

— דערמאָנט זיך, דערמאָנט זיך, און ווייזט עפּעס אַ שיינס. אַז איר וועט מיד ווערן, וועל איך אייך אויך ווייזן וואָס איך קען... איר מיינט, אַז איך קען שלעכט טאַנצן? אָ־אָ! באַלד וועט איר זען!

און דער אַלטער איז אַוועק אַ טאַנץ...

דאָס איז געווען אַ שווערע פּראָצעדור פון ברעכן די אברים, פון גע־קינצלטער מימיק און שטרענג אויסגערעכנטע באַוועגונגען... דער אַלטער איז אַריין אין זיין נייער ראָל גאָר נישט אויף קאַטאָוועס, און האָט גע־שוועבט ווי אַ שוועלבעלע פון איין עק קופּע אין דער צווייטער. ווען ער האָט געענדיקט טאַנצן, איז שלמה געגאַנגען אַ קאָזאַקל. פון דער שכנותדי־קער קופּע האָט מען אָנגעקלאַפּט, אַז דאָ איז נישט קיין טאַנצזאַל. שלמה האָט געענטפערט, אַז עס איז שוין צייט אויפצושטיין, שוין באַלד קיעוו, מען איז שוין דורכגעפאָרן מאָטאָווילאָווקע. אָפּגעזאָגט, און ווייטער געטון זיך זיינס. נאָך אים האָט שמואליק אויך געמוזט עפּעס טאַנצן, עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. ווען מען האָט זיך שוין גוט אָנגעהעצקעט, האָט שמואליק מיט ווינאָגראַדאָוון גענומען אָראָפּלאָזן די סאָפּעס. באַלד איז שלמה אַריינגעקומען אַן אַרומגעוואַשענער, אַ פאַרקעמטער, און האָט זיך געשטעלט דאַווענען.

ווייט־ווייט, פון יענער זייט צעאַקערטע פעלדער, האָט געקוויקט דאָס אויג די בלויע שאַרף פון אַ טייכל, וואָס האָט אַרויסגעפינקלט פון צווישן דעם הויכן שיטערן אָטשערעט. איבערן גאַנצן מרחב האָט זיך געטראָגן דאָס גרילצן און דאָס פּייפן פון די פאַרבאָרגענע פעלד־חיהלעך. דער רעש איז געגאַנגען פון דער שטייענדיקער תבואה, פון די גראָזן און האָט זיך גע־טראָגן למרחקים. דאָס פעלד, וואָס האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געבאָדן און געוויקט אין פייכטן טומאַן, האָט איצט געפינקלט מיט אַ שלל טוי־ברי־ליאַנטן, וואָס זענען געווען אַרויפגעזעצט אויף די זאַנגען־וואָנסעלעך, אויף די פאַרשידנפאַרביקע פעלד־בלימעלעך און מאַן־קריינדעלעך. אַן אָנגעלאָפּן

יוצא־דופנדיק כמארעלע, האָט אומגערן אַ שפּריץ געטון מיט אַ פּריילעך, בלינד רעגנדל. מיט נישט־דרייסטע וואַסער־פינגערלעך האָט דער הימל אַ כאַפּ געטון די ערד: „ווו איז ביי דיר טרוקן? דאָ? דאָ?" און פּלוצלינג אויפגעהערט. די לופט איז געוואָרן פריש־מחיהדיק, עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט צוגענעצטן הייסן שטויב. עס האָט אָנגעהויבן ציען דאָס האַרץ נאָך די פאַרנאַכטיקע זומער־רעגנדלעך פון דער גליקלעכער קינדהייט.

ווען שלמה האָט גענומען צונויפלייגן די תפילין, איז מען שוין געפאָרן דורך די קיעווער פאָרשטעט... אָט איז דורכגעלאָפן אַ טראַמוויי נומער 6, אָט פאַרמירט זיך אַ דאַטשנער צוג. מען איז שוין אין דער היים.

שמואליק פרעגט ביי שלמהן:

— וווהין אַ שטייגער דאַרף איך צופאָרן?

— איך האָב שוין אויך דערפון געטראַכט און עס קומט ביי מיר אויס, אַז דאָס בעסטע איז צו יאַנין. אין דער היים טרעפט איר נישט דבורהן, ווייל זי איז פריער אויך אַהיים נישט געגאַנגען, ווער שמועסט נאָך, פון זינט איך בין אויך פאַרפאַלן געוואָרן, איז דאָך אָפּגעשמועסט. זי קער זיכער זיין ביי יאַנין, אַזוי קלער איך.

— זאָל זיין אַזוי. איך פאַרלאָז מיך אין גאַנצן אויף דיר.

פאַרביי דעם פענצטער זענען דורכגעלאָפן יעווּבאַזער טאָפּאָלן, די לאַנגע הענגענדיקע בריק, און מען האָט זיך לאַנגזאַם צוגעשאַרט צו דער עד־שטער פּלאַטפאָרמע פון קיעווער וואָקזאַל.

שלמה האָט אויפגעהויבןביידע הענט צום הימל:

— איך דאַנק דיר גאָטעניו, מיר זענען שוין אין דער היים.

קאפיטל XLIII

אַרויסגייענדיק פונעם וואָקזאַל האָט שלמה באַלד אויפגעזוכט אַ טאַקסי, געהייסן סערגעי טימאָפּיעיעוויטשן זאָגן דעם שאָפער זיין אַדרעס און מען איז אַוועקגעפאָרן. קיעוו איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף. אַלץ איז געווען פריש, שיינענדיק און פול מיט גליק. אַלנפאַלס אַזוי האָט זיך די דריי פּאַסאַזשירן דאָס מאָל אויסגעוויזן. מען האָט נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן, ווי דער אויטאָ איז אונטערגעפאָרן צו אַ פּאַראַדנע און מען האָט געהייסן אַרויסגיין. דער ערשטער איז ווי אַ יינגעלע אַרויסגעשפּרונגען סערגעי טימאָפּיעיעוויטש, נאָך אים שלמה און נאָך דעם שמואליק. דער אַלטיטשקער איז געווען גערירט ביז צו טרערן, קוקנדיק אויף זיין הויז, פון וועלכן ער איז נאָך אַוועקגעפאָרן אָנהייב פרילינג, און האָט זיך בנס אומגעקערט ענדע זומער. ער האָט גענומען שלמהס האַנט:

— חבר סאָלאָמאָן, קומט אַריין מיט מיר כאָטש אויף איין מינוט.

— וואָס רעדט איר, סערגעי טימאָפּיעיעוויטש? ווי מעג איך דאָס טון, אַז איך פיר מיט זיך אַזאַ געפערלעך־אַנגעלייגטן גאַסט, ווי דער חבר לאַמאָוואַצקי?

— איז, הייסט עס, בשום אופן נישט?

— היינט נישט... נאָר בכלל וועל איך עס אין זינען האָבן... גיט איבער מיין גרוס און גליקווונטש טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען, מיר זענען מיט איר גרויסע פריינד, און איר זייט געזונט און ווייסט שוין מער נישט פון אַזעלכע גדולות.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען, זיך היים צעקושט. דער אַלטער האָט מיט טרערן צוגעדריקט שלמהס קאָפּ צו זיין ברוסט, נישט געקענט איינהאַלטן דאָס כליפּעריי. דערנאָך האָט ער זיך געזעגנט מיט שמואליקן. ווען דער אַלטער איז פאַרשוווּנדן אויף די טרעפּ, זענען זיי אָפּגעפאָרן אויף קרעשטשאַטיק.

בלייבנדיק מיט שמואליקן אַליין אין אויטאָ האָט שלמה אַרויסגענומען אַ פּעקל געלט און אים געזאָגט:

— איר זענט איצט ווי נייגעבוירן. נאַט אייך פינף טויזנט רובל. אַז איר וועט זיך צעפירן די הענט און צונויפשלאָגן אייגענע עטלעכע רובל, וועט איר זיי מיר דאַמאָלסט אומקערן.

שמואליק האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר מען האָט זיך פונקט געפונען אויפן ראָג פון קרעשטשאַטיק און אוריצקע. שלמה האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן שאָפערס אַקסל:

— סטאָפּ! אָט דאָ גייט אַראָפּ אָט דער פּאַסאַזשיר.

שמואליק האָט נישט געגלייבט זיינע אויערן:

— וואָס, דו גייסט מיט מיר נישט אַריין צו יאַנין?

— ניין, איך גיי נישט אַריין. ערשטנס, איז שוין צייט צו געבן אַ ידיעה

אין דער היים, אז איך לעב נאָך. צוווייטנס, איז דאָרטן זיכער דאָ דבורה און איך האָב נישט ליב קיין רירנדיקע סצענעס. מיין האַרץ פאַרטראָגט דאָס נישט. אַ גוטן טאָג, צום ווידערזען!

שלמה האָט אַ ווונק געטון דעם שאָפער און יענער איז לייכט אָפּגע־שוווּמען פונעם טראָטואַר, איבערלאָזנדיק דאָרטן שמואליקן אַליין.

די שעה איז געווען אַ פריע, קיין פיל אויטאָמאָבילן אויף די גאַסן איז נאָך נישט געווען צו זען. די גאַסן־סעמאַפאָרן זענען געווען פריי און שלמהס אויטאָ האָט זיך געטראָגן פייל אויסן בויגן. צו דער שטוב האָט שלמה באַ־שלאָסן נישט צוצופאָרן מיט דעם אויטאָ, כדי נישט אויפרייסן דער וועלט די אויגן. באַלד אויף יענער זייט בריק האָט שלמה באַצאָלט דעם שאָפער, און זיך אונטערזינגענדיק אַ ניגונדל, זיך געלאָזט גיין אַהיים.

ווען ער האָט געעפנט די טיר און זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט זיך פון אַ סך מיילער אַרויסגעריסן איין און דער זעלבער געשריי:

— אוי, שלמה!...

שלמה איז בלאַס געוואָרן פאַר אומגעריכטקייט. פאַר די הענט האָט אים אָנגעכאַפּט דבורה. אירע אויגן האָבן געשאָסן מיט פייער. שלמה האָט גיכער דערפילט איר פראַגע, איידער דערהערט:

— שלמה, טייערער, זאָג, רעד, וואָס הערט זיך?

— וואָס וואָלט איר געוואָלט זאָל זיך הערן?

— פון שמואליקן ביסטו עפּעס געוווירג געוואָרן? מען וועט אים מיט עפּעס קענען העלפן?

שלמה, אָננעמענדיק לופט אין דער ברוסט, זאָגט מיט אַ געמאַכטן ערנסט:

— דאָס איז אַלץ? קיין גרעסערע השגה האָט איר נישט?

דבורה האָט אַ פּליעסק געטון מיט די הענט:

— אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן... דערשאָסן?

— פאַר וואָס עפּעס דערשאָסן? ער איז שוין אין דער היים...

דבורה האָט אַרויסגעלאָזט אַן אוממענטשלעכן קוויטש:

— שמוא—ליק!... עס איז מיר שלעכט!...

און זי איז אַנידערגעפאַלן אויף דער פאַדלאָגע אין חלשות.

אַלע שטובמענטשן האָבן זיך צו איר אַ וואָרף געטון. עס איז געוואָרן אַ געשריי: עסיק! בראָנפן! צעשפּיליען זי!

שלמהס פאָטער, וועלכער האָט נישט געקענט פאַרליידן אַזעלכע סצע־נעס, איז אין איין אָטעם אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב און האָט פון דער אַקעגנאיבערדיקער קינדער־אַמבולאַטאָריע אַריינגעשיקט אַ פעלדשערין. יענע האָט דבורהן געמאַכט אַן איינשפּריץ און זי איז באַלד געקומען צו זיך. זי האָט מיט ווילדע אויגן באַטראַכט אַלעמען און זיך אָפּגעשטעלט אויף שלמהס דערשראָקענעם פּנים. זי האָט געקוקט, געקוקט ווי זי זאָל זיך באַ־מיען אין עפּעס דערמאָנען און האָט אַ שוואַכן שמייכל געטון:

— שלמה, איך בעט אייך, האָט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט, עס

איז פון שוואכקייט... די לעצטע צייט — איר פארשטייט? פריער פלעגן זיך מיט מיר אזעלכע זאכן נישט טרעפן. עס האט זיך מיר געדאכט, אז איר האט געזאגט וועגן שמואליקן א נארישקייט... איז וואס זשע זאגט איר? וווהין איז אוועקגעגאנגען דער ענין זיינער, טאקע קיין מאסקווע?

— ניין, דערווייל אויף אוריצקע 21, וווינונג 8 — צו יאנין.

— וואס, צו יאנין? איך פרעג: דער ענין זיינער?

— אה, איר רעדט וועגן זיין ענין? דער ענין זיינער איז עליו השלום. איך האב געמיינט, איר פרעגט אויף אים אליין. איך האב אים פריער מיט א האלבער שעה צוגעפירט צו יאנים שטוב. איך האב געמיינט, אז דארט טרעפט ער אייך אויף זיכער.

דבורה, נאך א צעשפיליעטע, א צעפאטלטע, פליט שיר נישט ארויף אויף שלמהן. זי קען נישט פארשטיין:

— וואס? איר שפאסט נישט?

— דבורה, וואס איז מיט אייך? מיט אזעלכע זאכן שפאסט מען?

— ווי אזוי זשע קען דאס זיין? מען האט אים אייך ארויסגעגעבן ביזן געריכט אויף ערבות?

— מען האט אים מיר ארויסגעגעבן ביז הונדערט און צוואנציק יאר, ער זאל זיין אייך א מאן און אייערע קינדער — א פאטער.

דבורה גיט א פאטש מיט די הענט:

— גאט, מיין גאט! איך האב דאך דיר אזוי פיל עצות טובות געגעבן און דו האסט אפילו איינע פון זיי נישט אנגענומען. וואס טראכסטו זיך, רבונו של עולם, הא? מיט וועמען חכמעסטו זיך, פרעג איך דיך, מיט א צעבראכענער מאמען פון א האלבן טוץ קינדער, הא?

זי ברעכט אויף דאס ניי אויס אין א היסטערישן געוויין. שלמהס מוטער לויפט צו, כאפט ארום איר זון, קושט אים:

— שלמה, קינד מיינס, דו ווייסט גארנישט, וואס דו האסט אפגעטון... האסט ממש מחיה מתים געווען.

שלמה גלעט זי איבערן קאפ, איבערן פנים:

— איך האב אייך פיל יסורים פארשאפט, הא? איר האט מיך ארומגעזוכט איבער קיעוו אין אלע מייזנלעכער...

— איי, פרעג שוין גארנישט... אזוינע וואכן זאלן זיך שוין מער נישט אומקערן!... איך האב גארנישט אזא שונא, אז איך זאל אים ווינטשן דאס, וואס מיר האבן שוין וועגן דיר איבערגעקלערט.

עס זענען צוגעגאנגען דער פאטער, דינה, מנשה און די מומע לאה. די שמחה איז געווען אזוי גרויס, אז שלמה האט זיך מיט אלעמען געמוזט צעקושן און איבערחזרן נאך א מאל און נאך א מאל די אומגלויבלעכע בשורה, אז שמואליק, מאיר דעם באנדערס, איז ווידער אין קיעוו און איז אין גאנצן פריי. דבורה האט זיך ווידער צוגעשלעפט צו שלמהן און שוין מונטערער א ביסל געפרעגט:

— זאל שוין זיין אזוי. הייסט עס, אז אין סלאוווטע איז געשען א נס

און איר זענט געווען אונדזער אליהו הנביא, אָבער וואָס זשע וועט זיין מיט דער לעדער? עפּעס אַזוי רעדט מען אויס — פּערצן פּעלן?...

— די לעדער, דער מאַגאַזין, אַלץ, אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן. ער איז איצט לחלוטין באַפרייט, און איז איצט פּונקט אַזאַ קיעווער שטאָט־באַלע־באָס ווי איך מיט אייך...

אפרים־אהרון האָט שטאַרק צוגעדריקט דעם זון צו זיין ברוסט:

— הערסטו, קינד מיינס, מען מעג איצט אויף דיר זאָגן: „מה גדול אדם זה, שנשתנו עליו מעשי־בראשית"... דו ביסט נאָך אַליין נישט משיג, וואָס פאַר אַ שטיקל אַרבעט דער הימל האָט דאָ אָפּגעטון דורך דיר... עס האָט שוין דען עמעצער געגלייבט, אַז שמואליק וועט נאָך אַ מאָל זען די ליכטיקע שיין? מן הסתם געדענקסטו די טייטש: „תשועת ד' כהרף עין", לשון „הרף מאף", כלומר: ווען העלפט גאָט? אַז עס לאָזן זיך שוין אויס אַלע אויסזיכטן... און אויף דעם זעלבן אופן טייטשט מען: „עושה גדו־לות — ווען נעמט זיך השי"ת ווייזן ווונדער? — עד אין חקר!", ווען עס לאָזן זיך שוין אויס אַלע חקירות... דעסט גלייכן איז דאָ אַ וואָרט אויפן קאַפּיטל מ"ד: ווי באַלד נאָר „שחה לעפר נפשנו, דבקה לארץ בטננו — אַזוי גלייך קומט דער — קומה עזרתה לנו"... אין דעם פאַל זענען מיר דאָס באַשיינפּערלעך, טאַקע ווייל מען האָט שוין שמואליקן געהאַלטן לאחר יאוש; ווייל מען האָט שוין וועגן אים גערעדט ווי וועגן אַ בר־מינן רחמנא ליצלן; אף על פי כן —

— טאַטע, איך ווייס אַלץ און פאַרשטיי אַלץ... ס'איז דאָך: בדידי הוא עובדא...

— וואָס ווייסטו, מיין זון, וואָס פאַרשטייסטו? די יידענע נעבעך האָט זיך דאָ געוואָלט דאָס לעבן נעמען... דו האָסט דען אַ השגה, וואָס זי האָט דאָ איבערגעלעבט?

— וואָס פאַר אַ רבותא דערציילסטו מיר? אַז ס'איז ביטער האָבן אַן עסק מיט פּראָקוראָרן און מיט ריכטער? ס'איז עפּעס אַ נייעס? נישט אומ־זיסט האָבן די אנשי־כנסת־הגדולה אַריינגעשטעלט דעם „יגון ואנחה" אין דער ברכה פון „השיבה שופטינו"...

פאַרן פענצטער האָט זיך דערהערט דאָס סאָפּען פון אַ מאָטאָר און פון די טרעפּ האָבן זיך געלאָזט הערן לויפנדיקע טריט. שלמה האָט אינסטינק־טיוו דערפילט אַ שטורעם און האָט געמאַכט די פליטה אין די עלטערנס שלאָפצימער אַריין. און כך הוה: די ערשטע איז אַריינגעפלויגן פאַלי. פון דער טיר נאָך האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין. זי איז אַריין אין שלאָפ־צימער, צוגעפאַלן צו שלמהס קני און האָט היסטעריש געוויינט. אין שכנות־דיקן צימער האָבן זיך אַרומגענומען שמואליק מיט דבורהן און האָבן גע־בליפּעט. יאַני מיט אפרים־אהרונען האָבן זיך פייערלעך געדריקט די הענט. צפורה מיט אסתרן האָבן געוויינט פאַר פרייד און זיך געקושט. אַווראַם מיט דינהן, מנשה מיט דער מומע לאהן האָבן מיט טרערן אין די אויגן צוגעקוקט די רירנדיקע סצענע.

שלמה איז געווען אויסער זיך פון פאַלים שטיין פאַר אים אויף די קני. וויפל ער האָט נישט געפּרווט זי אויפהייבן — האָט ער נישט גע־קענט. זי האָט זיך אַלץ געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיטן קאָפּ אין זיינע פיס און קרעכצן דורך געוויין:

— מיט וואָס האָב איך דאָס פאַרדינט? מיט וואָס האָב איך דאָס פאַר־דינט? אזאַ נישטיקע ווי איך בין, פרעגט זיך: מיט וואָס האָב איך דאָס פאַרדינט?

וויפל שלמה האָט נישט געטענהט צו איר:

— פאַלי, שטיי אויף. ווי שעמסטו זיך נישט פאַר פרעמדע מענטשן? עס איז דאָך מיין בזיון אויך, אז מיין ליבע כלה וואַלגערט זיך אויף דער ערד ווי עפּעס אַ דינסטמיידל...

— איך בין פיל ערגער פון אַ דינסטמיידל! איך בין אַ באַנדיטקע, אַ רוצחטע, אַ וואָס אין דער קאָרט און דו ביסט די סבלנות אַליין, דו ביסט אַ מלאך. איך האָב דיר געטון וואָס נעענטער צום טויט, און דו האָסט מיין פעטער אומגעקערט צום לעבן...

שלמה, זעענדיק, אַז זי קלערט אפילו נישט זיך אויפהייבן, האָט ער זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע, מיט זיין טיכעלע אויסגעווישט אי־רע שיינע אויגן, כלומרשט געזאָגט אַ סוד אויפן אויער און איר געגעבן אַ לייכט קושעלע, ווי זי האָט תמיד ליב געהאַט, עטלעכע מאָל איר איבער־געחזרט, אַז ער האָט זי איצט ליב נאָך פיל מער ווי ביז היינט, און זי האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט. שלמה האָט שוין געוווסט, מיט וואָס זי צו נעמען. אַ דערקלערונג אין ליבע האָט שטענדיק געווירקט. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע, ער האָט זי אַרומגעטרייסלט פונעם שטויב און זי — אים. דאַן האָבן זיך שמואליק מיט דבורהן אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און זענען צוגעגאַנגען צו זיי. אַ לאַנגע ווײַלע זענען זיי אַזוי געשטאַנען איינער אַקעגן דעם אַנדערן, די צוויי פּאָרפּאָלקן און ביי קיינעם האָט זיך נישט געעפנט דאָס מויל צו זאָגן אַ וואָרט. ענדלעך איז צוגעגאַנ־גען דבורה צו שלמהן:

— ליבער שלמה, פלימעניק שלמה... גוואַלד, ווו נעמט מען ווערטער פאַר אייך, אַז איר זאָלט וויסן, וואָס איך פיל יעצט צו אייך... איך האָב מיר דאָ געווונטשן, אַז איר זאָלט אים כאָטש קענען איבערגעבן אַ הונדערטער, אָבער אַז איר זאָלט גאָר זיין ביי אים דאָרטן עטלעכע מאָל, אים איבער־געבן עסן, און צו לעצט אין גאַנצן באַפרייען — גאָט מיינער, גאָט מיי־נער, ווער האָט דאָס געוואָגט צו טראַכטן? דאָס איז דאָך נישט קיין מענטש־לעכע אַרבעט. ווען איך מעג, וואָלט איך אייך אויסגעקושט יעדעס אבר, נאָר איך וואָג מיך נישט צורירן צו אייך אפילו מיט קיין פינגער. אָבער דיך, פאַלי, זיין געליבטע כלה, מעג איך דאָך יאָ צודריקן צו מיין אָנגעווייטיקט האַרץ... קום, קינד מיינס... וואָס שלמהן, וואָס דיר — אַלץ איינס, דו וועסט אים שוין איבערגעבן...

די מומע איז אַרויפגעפאַלן דער פלימעניצע אויפן האַלדז און האָט זיך

ערשט פון דאָס ניי ביטער צעוויינט. שמואליק האָט איינגעשלאָסן שלמהן אין זיינע אָרעמס און געווישט א טרער נאָך א טרער:

— שלמה, טייערער! איך האָב נאָך מיינע קינדער נישט געזען, נאָר דו ביסט ביי מיר איצט פאררעכנט פאר אן אייגן קינד. מיין גאַנץ לעבן וועל איך בעטן גאָט פאַר דיר, טייערער פלימעניק מיינער!...

שלמה האָט זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט א קלאַפּ טוענדיק געזאָגט:

— וואָס טוט זיך עם מיט אייך, חברים? אַנשטאָט טאַנצן, זע איך בלויז טרערן. וואָס איז היינט ביי אונדז, שמחת־תורה צי תשעה־באב? דאכט זיך, אז תשעה־באב איז אָפּגעשאַפט, און איצט דאַרף מען זיך נאָר פרייען און דאַנקען השם יתברך פאַר זיינע ניסים. אויב איר קלערט, דבורה, אז דאָס האָט מיין בריהשקייט אויסגעריסן אייער מאַן ביים מלאך־המות פון די הענט, האָט איר א גרויסן טעות. איר הערט נישט וואָס שמואליק וועט אייך איינרעדן, אז שלמה האָט אים געטון, וואָס איז? ווייל טאָמער האָט ער אים געזען עטלעכע מאָל אין א קאַפּיטאַנישן אוניפאָרם. דאָס זענען אלע שטו־תים. אפשר צען גוטע שליחים האָבן געאַרבעט אויף אייער מאַנס באַפריי־אונג און איך בין נאָר איינער פון זיי. און אויב איר ווילט שוין גאָר, קען איך אייך מגלה־סוד זיין, אז איך בין דער סאַמע קלענסטער צווישן אלע מסיעים צו שמואליקס באַפרייאונג. גאַנץ קיעוו איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס, און אַזוי זשיטאָמיר, און אַזוי סלאַוווטע. נישט גרינג איז אָנגעקו־מען אַרויסשלעפּן שמואליקן פון אַזעלכע צוויי אומגליקן. נאָר די השגחה האָט אָבער געוואָלט, אז דבורה זאָל נישט דאַרפן נאָכפאָרן דעם מאַן אויף סאַכאַלין אָדער גיטעלע זאָל נישט דאַרפן קדיש זאָגן, איז ער אַרויס. איצט דאַרפט איר, טייערע לאָמאַוואַצקעס, אויף אייער גאַנצן לעבנסוועג באַמיען זיך צו טון מענטשן פיל גוטס, דערפאַר ווייל ווילד־פרעמדע האָבן אייך גע־האָלפן גליקלעך זיין. איצט טאָמער מיינט איר, אז איך אַליין בין ווייניקער גליקלעך פון אייך — האָט איר ווידער א טעות. איך בין גליקלעך, וואָס פאָלים פעטער האָט אויסגעמיטן די קויל, וואָס האָט אים דערוואַרט, און וואָס א שטיקל חלק דערינען האָב איך אויך, עס הייסט: איך מיט פאָלין, פאַרשטייט זיך, ווייל ווען נישט זי, בין איך געווען גאַנץ ווייט פון פאָרן קיין סלאַוווטע און נאָר א דאַנק איר אומגליקלעכן פנים, וואָס זי האָט דאַ־מאָלסט געהאַט —

פאָלי הענגט זיך אויף אויף שלמהס אָרעם, באַהאַלט דאָס פנים אויף זיין אַקסל. שלמה זעצט פאָר:

— און א דאַנק מיין טאַטנס הייסן מיר פאָרן העלפן א יידן, גלייך ווי דאָס הארץ האָט אים געזאָגט, אז דאָרט וואַרט אויף מיר דער מלאך מיכאל. א דאַנק זיי ביידן בין איך געפאָרן און עס איז געשען דאָס, וואָס עס איז געשען. איצט דאַרף איך אייך איבערגעבן א שפּאָגלנייעם באַפעל, וועלכער פאָדערט א תיכפדיקע אויספירונג: היינט אויף דער נאַכט איז חמשה־עשר־באב. די גמרא זאָגט אין עטלעכע ערטער, אז ביי יידן זענען נישט

געווען אַזעלכע פֿריילעכע ימים טובים ווי דער דאָזיקער טאָג. איז ווייל איך טאַקע, אַז היינטיקן חמשה־עשר באב זאָל קיעוו לאַנג האָבן צו גערעדנקען. איך גיב היינט אויף דער נאַכט ביי אונדז אין שטוב אַ באַל פֿאַר אַלע חברים, פֿריינט און גוטע באַקאַנטע לכבוד דריי וויכטיקע געשעענישן. די ערשטע געשעעניש: דאָס אויפשטיין תחית־המתים פֿון אַ יידן מיט אפשר צען אַרטיקלען, און דער עיקר: מיט דעם געזעץ פֿון זיבעטן אויגוסט, און ווער שמועסט, אַז דער ייד איז נאָך מיין כלהס אַ פֿעטער, קומט דאָך אודאי קידוש מאַכן; די צווייטע געשעעניש: וואָס מיינע עלטערן האָבן צוריק געפֿונען זייער זון, פֿון וועלכן זיי האָבן זיך שוין ביסלעכווייז אָנגעהויבן מייאש צו זיין, און מיין כלה — איר חתן, וואָס האָט זי שיר נישט געמאַכט פֿאַר קיין שטרויענער אַלמנה... די דריטע געשעעניש: וואָס דער שולדיקער אין אָט דעם גאַנצן טאַראַראַם איז פֿאַר אָט דער וואָך פֿון דעם „אויסבאַהאַלטן זיך" שטילערהייט אַלט געוואָרן דריי און צוואַנציק יאָר!

אַלע אין צימער האָבן הילכיק אַפּלאָדירט. שלמה האָט אוועקגעלייגט אויפֿן טיש אַ פּעקל געלט און איבערטריבן־אָפּיציעל פֿאַרגעזעצט:

— אָט דאָ האָט איר דריי טויזנטער, דאָס איז די גרונטסומע. אויב מען וועט דאַרפֿן נאָך, וועל איך געבן נאָך. דעם באַל עפֿענען מיר צען אַ זייגער ביי נאַכט. צוגרייטן דעם באַל דאַרפֿן: מיין מאַמע, אסתר און דבורה, רבקה מיט סאָנקען. גיטעלע מיט שיינדעלען וועלן זיי צוהעלפֿן. קודם כל דאַרף מען זיך דורכגיין איבער די היימישע הייזער און מקיים זיין דעם פּסוק: „וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב", אַז ס'זאָל זיין געשיר לרוב. דערנאָך, אַז מען וועט מסיים זיין די „מסכת כלים", דאַרף מען אָנהייבן אין זינען האָבן: בשר ודגים וכל מטעמים. עס דאַרפֿן געבוירן ווערן לעבעדיקע פֿיש, קאַטשקעס, אינדיקעס, קאָמפּאָטן און משקה לרוב. דער טאַטע וואַרפֿט באַלד אָן אַ צעטל פֿון אַלע די, וואָס דאַרפֿן איינגעלאַדן ווערן, און אַווראַם מיט דינהן נעמען אַ טאַקסי, פֿאָרן זיך דורך איבער דער שטאָט און רופֿן צונויף דעם עולם. איך דאַרף נאָר צוגעבן צוויי אַדרעסן, וואָס דער טאַטע ווייסט זיי נישט, — שלמה וואַרפֿט אָן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר די אַדרעסן פֿון איסאַק אַבראַמאָוויטש און סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש און דערלאַנגט דינהן — שמואליק לייגט זיך שוין צו שלאָפֿן, ווייל איך מוטשע אים שוין דעם צווייטן מעת־לעת. דער טאַטע העלפֿט צונויפֿקויפֿן די פּורים־סעודה און איך מיט פֿאָלין דאַרפֿן ערגעץ צופֿאָרן. קום, פֿאָלי, דו גייסט?

שלמהס מוטער גיט אַזש אַ שפּרונג אונטער:

— וואָס הייסט גיין? און עסן דאַרף מען נישט?

שלמה גיט זיך אונטער אָן טענות:

— די מאַמע איז גערעכט. איך האָב נאָך טאַקע היינט אין מיין מויל נישט געהאַט. פֿאָלי וועט אויך מיטפֿרישטיקן, איאָ, פֿאָלי?

— מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן. ערשט איצט האָב איך דערפֿילט, אַז איך בין הונגעריק ווי אַ וואָלף. אַז דער פֿעטער שמואליק איז אַריינגעקומען צו

אונדז, בין איך נאָך געלעגן אין בעט. דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר א פּעפּער־קע איך בין...

שלמהן מיט פאַלין האָט מען געגרייט צום טיש אין זיין צימער. שמואַ־ליק מיט דבורהן זענען צוגעפאָרן אהיים, זיך זען מיט די קינדער און ברענגען זיי אויף סאַלאָמינקע. אפרים־אהרון האָט גענומען שרייבן די נע־מען מיט די אַדרעסן פון די געסט, מאַכנדיק דאָס אויף איין פוס, כדי שלמה, ווי לאַנג ער איז נאָך יאָ דאָ אין שטוב, זאָל קענען דורכקאָנטראָ־לירן דאָס צעטל, צי ער האָט עמעצן נישט פאַרפעלט. איין דעלעגאַציע איז תיכף אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף יעוו־באַז איינקויפן, די צווייטע — אויף בעסאַראַבקער רינאָק, די דריטע — אַזש אויף פּאָדאָל. מנשה האָט אַריינגע־שיקט זיינע שוועסטער. די מומע לאה האָט אַריינגעשיקט די מומע ברכה מיט דער מומע טייבלס טעכטער און אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערקערעניש: א וואַשעניש מיט א רייבעניש ווי ערב פּסח פאַרן סדר. שלמה מיט פאַלין זענען שוין גערן געווען אָפּצועסן און מאַכן די פּליטה פון דעם דאָזיקן יאַריד.

קאפיטל XLIV

עס איז געווען פאר האלבן טאג. די זון האט אזוי מילד געלויכטן און געוואַרעמט, מענטשן זענען עפעס אזוי לוסטיק געלאָפן אהין און צוריק, אז שלמה האט אנדערש נישט געטראַכט, נאָר אז דאָס נעמען אַלע אַנטייל אין זייער שמחה, אין זיינער מיט פאלים שמחה. פּאַלי האט נישט אראָפּ־גענומען פון אים קיין אויג, זיך געשפּיגלט אין אים: ווי פריש און מונטער ער זעט אויס און איבערגעטונענער אין זיין ווייסן אַנצוג. זי האט בגנבה פאר די דורכגייער צוגעטראָגן זיינע שפּיץ פינגער צו אירע ליפּן און דערנאָך געפרעגט:

— שלמהלע, די גאַנצע צייט וואַרגט מיך אַ פראַגע און איך קען מיך אַלץ נישט באַשליסן —

— זייער נישט לייטיש פון דיין זייט... מיט וואָס האָב איך דאָס פאַר־דינט ביי דיר אַזאַ אומצוטרוי?

— פאַרקערט, ליבער... איך מיין... איך וויל פרעגן ביי דיר, צי וועט פאר דיר נישט זיין לאַנגווייליק, מיר איבערדערציילן אַלץ, וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט פאר דער לעצטער וואָך... איך ווער ממש פאַרברענט, אַזוי בין איך נייגעריק... דו קענסט דאָך מיין טעמפּעראַמענט...

שלמה האט מיט פאַרשכורטע אויגן צונויפגעפּרעסט אירע פינגער ביז ווייטיק:

— אַזאַ זאַך דאַרפסטו נאָך פרעגן? נאַרעלע, וועמען דען וועל איך דער־ציילן, אויב נישט דיר? דבורהן, צי דער מומע לאהן?

— אַך, שלמהלע...

— דאַכט זיך מיר, אַז ביז היינטיקן טאָג האָב איך נאָך פאַר דיר קיין סודות נישט געהאַט, ווער שמועסט נאָך, ווען עס גייט אין אַזאַ ענין, פון וועלכן דו האָסט זיך גענוג, גענוג אַנגעליטן...

— איך?...

— און דאָס אַרומיאָגן זיך נאָך מיר צו די פייגענבוימס און צו די ביאַ־ליקס?

— שלמה, דו חוזקסט פון מיר ווי פון אַ קליין מיידעלע...

— און דיין משונה בלייכקייט אין דעם טאָג פון מיין פאָרן... איך פאַר־געס גאָרנישט פון דעם, וואָס האט אַ מינדסטע שייכות צו דיר, מיין נשמהלע...

— וווהין גייען מיר איצט? טייערער מיינער, האַרצעניו מיינס...

— אויב דו האָסט נישט דאַקעגן, קום, לאָמיר צופאָרן קיין סוויאַטאָשין.

— אויב איך גאָר האָב נישט דאַקעגן? וואָס האָסטו ערשט געזאָגט? און ווען דו זאָלסט מיר שוין הייסן פאָרן אויפן ים הקרח, נאָר אַבי מיט דיר צוזאַמען... פאָרן מיר, הייסט עס, אין וואַלד אַריין? אַך, ווי גוט!... איך וועל זיך היינט נישט צורירן צו קיין העפט! ברענט עס אויפן פייער,

שוין נמאס ומאוס! ווער שמועסט נאָך אין אַזאַ טאָג! נאָר דו ווייסט וואָס, ליבינקער?

— איך ווייס דווקא נישט, וואָס. אַז דו וועסט זאָגן, וועל איך וויסן.

— לאָמיר פריער צופאָרן אַהיים, וועל איך אויך אָנטון מיין ווייס קלייד. איך וויל, מיר זאָלן היינט זיין אָנגעטון גליַיך, אַז ווער עס וועט אונדז זען, זאָל פאַרשטיין, אַז דו ביסט מיינער און איך בין דיינע. קיי־נעם זאָל נישט איינפאַלן זיך אויף דיר צו פאַרקוקן, אַז נישט בין איך איצט פעאיק דער יעניקער די אויגן אויסצודראַפּען. אָך, ווען דו קענסט אַצינד אַ קוק טון אין מיין האַרצן... זען, וואָס פאַר אַ פייער עס ברענט דאָרט!...

— לעבן מיינס, איך דאַרף נישט זען, איך פיל... דערויף האָב איך אַ האַרץ.

— ווייס איך, וואָס קענסטו פילן? דאָס, וואָס איך פיל איצט צו דיר, איז שווער אַרויסצוזאָגן. ביז איצט האָב איך דיך נאָר ליב געהאַט, פאַר דיר זעלבסט, פאַר דיין אייגענער פּערזאָן, איצט אָבער, ווען דו האָסט מיר געשענקט מיין פעטער, וואָס איך האָב אים אַזוי ליב, אַז דו האָסט אומגע־קערט צום לעבן זיין ווייב און קינדער, פאַר וועלכע איך בין זיך גרייט מקריב זיין, אַקוראַט ווי פאַר מיינע טאַטע־מאַמע — האָט מיין ליבע צו דיר פאַרפלייצט מיין גאַנצן „איך", נישטאָ מער קיין פאָלי טולטשינסקי אַלס אַזעלכע, איצט איז נאָר דאָ נאָך אַן אָרגאַניזם, וואָס לעבט מיט שלמהס נשמה, וואָס שפּייזט זיך נאָר מיט זיינע געדאַנקען און מיט זיין ווילן, פּונקט ווי די לבנה שיינט נאָר פון דעם זון־אָפּשיין...

— פאָלי, דו דאַרפסט שרייבן לידער —

פאָלי לאָזט זיך נישט איבערשלאָגן:

— פאַרקערט, זאָג אַליין, ווער נאָך אויף דער גאַנצער וועלט קען זיין פעאיק אויף אַזאַ זאַך? און ערשט נאָך אַלעמען אים געבן פינף טויזנט רובל, כדי ער זאָל זיך קענען שטעלן אויף די פיס. דו דאַרפסט זיך נישט בייזערן, ער האָט דאָס נאָר מיר דערציילט, איך ווייס ביי אים אַלץ, נאָך גיכער פון דבורהן. שלמהלע!... די האַלבע שעה, וואָס ער איז געוועזן ביי אונדז אין שטוב, איידער מיר זענען צוגעפאָרן צו אייך, האָט זיך ביי אים דאָס מויל נישט צוגעמאַכט. אָך, זאָלסט געוועזן הערן, ווי ער האָט גערעדט פון דיר... זאָלסט געוועזן הערן... זאָגן, אַז ער פאַרגעטערט דיך, איז גאָר־נישט געזאָגט, ווייל דאָס, וואָס ער פילט צו דיר, האָט נאָך אין דער מענטש־לעכער שפראַך קיין נאָמען נישט. איך פיל, אַז נישט נאָר אַלס ווייב, נאָר אַפילו פאַר אַ דינסט ווען איך קום אָן צו דיר, וואָלט דאָס אויך געוועזן פאַר מיר אָן ערע...

— נאָך וואָס רעדסטו אַזוינע רייד, וואָס שניידן מיך ביים האַרצן?

— שווייג! איך זאָג דאָס, וואָס עס איז. אַפילו אַז איך וועל ענדיקן, וועל איך אַלץ פאַרבלייבן אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. אָבער דו מיט דיין קאָפּ,

מיט דיינע געניאַלע פעאיקייטן, וועסט נאָך זיכער אַ מאָל שפּילן אַ גרויסע ראָליע אין דער וועלט.

— ווען איך זאָל וויסן, אַז דאָס וועט טאַקע מקוים ווערן, וואָלט איך שטאַרק־שטאַרק געוואָלט, אַז דאָס זאָל געשען אין ארץ־ישראל.

— זאָל אונדז גאָט העלפן, זאָל אונדז גאָט העלפן... דיין ווילן איז ביי מיר הייליק...

נאָך פון וויטנס האָבן זיי באַמערקט, אַז עמעצער ליגט אויפן גאַניק און האַלט די אויגן פאַרזשמורעט קעגן דער זון. צוקומענדיק נאָענט, האָבןביידע מיט אַ מאָל דערקענט וואָלאַדיען. פּאָלי האָט זיך מאָמענטאַל איבער־געביטן אין פּנים. פון איר ברוסט האָט זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן אַ קורצער:

— אוי!...

וואָלאַדיאַ איז שוין איצט געלעגן אויסגעקערעוועט אויף דער זייט מיטן פּנים צום פּלויט און האָט מיטן פינגער געמאָלט עפּעס אינעם זאַמד. דער־הערנדיק טריט, האָט ער צוערשט מיט איין ווינקל אויג גלייכגילטיק אַ קוק געטון אויף די אָנקומענדיקע, נאָר באַמערקנדיק פּאָלין, האָט ער זיך רירעוודיק אַ הויב־אויף געטון, אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן גענעץ און גלייך אָן אַ שלום־עליכם אָנגעהויבן:

— עס איז פון דיר נישט איבערצוטראָגן, פּאָלקאַ... יאָ עקזאַמענס, נישט עקזאַמענס, אַבי זי ווייסט שפּאַצירן און אָן עק!

פּאָלי איז געשטאַנען ווי איינגעגראָבן. איר לינקע ברעם האָט פיבער־דיק געציטערט, דאָס פּנים האָט נערוועז געצוקט און איז געוואָרן ווייס ווי די וואַנט. וואָלאַדיאַ האָט זיך וויייניק וואָס גענומען צום האַרצן פון איר בלאַסקייט און האָט פאַרגעזעצט מיט דעם זעלבן טאָן:

— אַ שטייגער, ווו שלעפּסטו זיך אַרום אַ גאַנצן פרימאָרגן? איך וואַרט שוין דאָ אפשר צוויי שעה. איך האָב שוין אפשר דריי טוץ שמעטערלינ־גען אָנגעשטאָכן אויף נאָדלען און אָפּגעלאָזט פליען. מיינסט, אַז עס איז מיר נישט קיין רחמנות אויף זיי? — דווקא יאָ! נאָר דאָס ביסט דו שול־דיק!... וואָס דען האָב איך געזאָלט טון, וואַרטנדיק אויף דיר? נו, נו, נאַ דיר אַ שפּאַציר אויפן ניכטערן האַרצן, אויס פליכטן, אויס לעקציעס,

— אַ פריי פייגעלע! עס וואָלט מיר גאָר קיין מאָל נישט איינגעפאַלן...

שלמה איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מן הצד אַ פרישער, אַן עלע־גאַנטער און האָט גוטמוטיק געשמייכלט. ער האָט געזען, ווי אין פּאָלין זידט דאָס גאַנצע בלוט. זיין אַבסאָלוטע רואיקייט, דאָס זיסע שמייכעלע אויף די ליפּן האָבן זי שיר נישט דערפירט ביז משוגעת. זי האָט זיך גע־מוזט אָנשפּאַרן אין דער וואַנט כדי נישט אומצופאַלן און מיט אַ פאַר־שטיקט קול האָט זי אַרויסגעכריפּעט:

— איך וועל זיך היינט נישט לערנען, און מאָרגן — אפשר אויך נישט...

וואָלאַדיאַ איז אַזש אונטערגעשפּרונגען און האָט פרעך אַרויסגעפּלאַצט:

— וואָס? שוין ווידער א יום־טובֿ?! דו האָסט שוין פאַרגעסן דאָ־מאָלסט? געדענק זשע, וועסט מיך ווידער שיקן בעטן, נאָר דאַן וועל איך שוין נישט וועלן. איך וועל א שפּיי טון אויף דער גאַנצער אַרבעט און גייט עס צו אַלדע רוחות מיט אונדז צוזאַמען!...

פּאָלי באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט פּאַר שאַנדע און פאַר ווייטיק.
שלמה פרעגט אים מיט א לוסטיקן טאָן:

— נו, וואָלאָדקאַ, וואָס מאַכסטו עפּעס גוטס? ווי גייען דיינע גע־שעפטן?

— יאָ, שיינע געשעפטן ביי מיר. דיר איז גוט צו לאַכן. קומסט צו גיין, ווען דיר פאַרגלוסט זיך; נעמסט זי צו, אויף וויפל דיר פאַרגלוסט זיך; און איך דאַרף זי נאָך דעם אַרויסשלעפּן...

— און עס איז עפּעס שטאַרק שווער זי צו שלעפּן?

— וואָס דען מיינסטו, ניין? איך וואָלט געוואָלט זען דיך אויף מיין אָרט...

— הלמאַי זאָל איך זאָגן, איך וואָלט נישט געוואָלט זען דיך אויף מיין אָרט...

— מען פאַרשטייט די מעשה... דיך וועט זי נישט איבערלאָזן אויף א גאַנצן פרימאָרגן זיך שמעלצן אויף דער זון און קאַליעטשען שמעטער־לינגען. דאָס האָט זי נאָר מיך געפּאַקט אַזאַ אייזל מיט לאַנגע אויערן און פאָרט אויף אים רייטנדיק.

שלמה באַטראַכט זיין צעפּאַרעט פּנים. די אויגן — ווי טשאַלנט־מילך, אַז זי ווערט געוואָרן, לענג־אויס דעם גאַנצן שטערן — א בלאָער פלאַס־טער, און אויף דער באַק אויך א פלאַסטערל, און אונטער דער באָרד צוויי.
ער פרעגט ביי אים שמייכלענדיק:

— יאָ, אָבער וואָס האָסטו צו מיר? מיט מיר גייט זי דאָך אַזוי זעלטן און מיט דיר זיצט זי אָפּ גאַנצע טעג און האַלבע נעכט.

— וואָס האָב איך דערפון, וואָס זי זיצט מיט מיר?

— און וואָס וואָלסטו געוואָלט האָבן דערפון, וואָלאָדיאַ?

— גאָרנישט וואָלט איך נישט געוואָלט האָבן... וואָס האָסטו זיך אָנ־געטשעפּעט אין מיר ווי א נאַסע שמאַטע? וואָס ביסטו ביי מיר, אַן אויס־פאָרשער? איין זאַך וויים איך, אַז א גאַנץ ווינטער, ווי לאַנג דו ביסט נישט געווען, איז זי געווען א גאָלדן מיידל, און פון זינט דער רוח האָט דיך אָנגעטראָגן, איז אָדער זי שלאָגט זיך, אָדער זי ווערט אין גאַנצן פאַר־פאַלן אויף עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד. דו האָסט פון איר געמאַכט אַש און שטויב, דו, דו! אַזוי איז דאָס...

שלמה קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. וואָלאָדיאַ ווערט אַרויסגעפירט פון זיך. מיט מוטנע אויגן, מעסט ער אָפּ פּאָלין פון אונטן אַרויף און ווי א צערייצטע חיה גיט ער א ריטשע אויף דער גאַנצער גאַס:

— פּאָלקאַ, זאָג צום לעצטן מאָל: דו גייסט זיך לערנען, צי ניין?

פאלי דרייט אוים איר טויט פנים און ענטפערט קוים באוועגנדיק מיט די ליפן:

— כ'האב דאך נאך פריער געזאגט, אז ניין.

— נו געדענק זשע, וועסט חרטה האבן. דו וועסט ביי מיר אויף די קני בעטן. אפילו דער קאמסארג וועט דיר שוין אויך נישט העלפן.

אפגעזאגט, לויפט ער אראפ פון די טרעפ און לאזט זיך אין גאלאפ אראפ, אויף קרעשטשאטיק. שלמה ווארפט א קוק אויף פאלין: יענע שטייט אן איין טראפן בלוט אין פנים. די אויגן — אויסגעלאשן, די ליפן — בלא, ווי ביי א דערטרונקענעם. ער לויפט צו צו איר, גיט זי א כאפ אין די ארעמס און טראגט זי אריין אין קארידאר. דארטן דריקט ער זי פעסט צו צו זיין הארצן, באשיט מיט קושן איר פנים, די האר, דעם האלדז:

— טייערע מיינע, לעבן מיינס, איך האב דאך געווגט צרות, נאר דו, זע איך, ביסט זיי אויך נישט זשעדנע. א גאסט קומט אויף א ווייל און זעט אויף א מייל. ענטפער נישט, ענטפער נישט, בארואיק זיך.

איר געוויין ברעכט אוים ווי א שלאקסרעגן. שלמהס עטלעכע ווערטער האבן איבערגעפילט דעם בעכער איבער די ברעגן, און זי באוואשט זיך מיט בלוטיקע טרערן: טרערן פון שאנד, טרערן פון ווייטיק, פון פארדרוס, פון אנמעכטיקן צארן. דאס הארץ ווארפט זיך אין איר מוראדיק, אט־אט שפרינגט עס ארוים! שלמה דערשרעקט זיך פאר דער שטורמישער ספאזמע, וויל זי נעמען אין שטוב אריין, נאר זי לאזט זיך נישט. דאן זעצט ער זיך אוועק אויפן קארידאר־פענצטער, נעמט זי אן פאר די הענט, זעצט זי בגוואלד אוועק לעבן זיך, גלעט זי, קושט זי, הוידעט זי ווי א קליין קינד, שעפטשעט איר איבערן אויער אן אן אויפהער:

— נו, בארואיק זיך, פאלי, גוואלד, וואס איז מיט דיר? שוין זשע קען דיין ליבע צו מיר נישט גובר זיין אט דעם באקלעפטן בחורס געשרייען? ווי שעמסטו זיך נישט, אפילו פאר מיר אליין, זיך אזוי צו ערגערן פון אזעלכע שטותרייען? אויב מירן אנהייבן יעדן פלוידערזאק אוועקשענקען א שטיק הארץ, וואס קען שוין אונדז בלייבן? נו, בארואיק זיך, לעבן מיינס, נשמה מיינע!...

דאס הארץ האט נאך אין איר האסטיק געפלאטערט. מיט צוגעמאכטע אויגן האט זי אויף זיין ברוסט פארשטיקט געשטאמלט:

— פאר מיר ארט מיך שוין גארנישט. נאר דיר פאר וואס קומט דאס? פאר וואס קומט דאס דיר, געזידלט צו ווערן פון אזא... פון אזא...

— פאליא, דו באליידיקסט מיך, אויב דו רעכנסט גאר, אז איך קען דיך אייפערן אדער בכלל זיך פילן באליידיקט פון אזא חיה. נישט מער, דער טאטע, דער זיידע, מנשה אדער משה פרידמאן, דער אלטער פייגנבוים צי הרב ביאליק, ווען זיי זאלן זען, מיט וועמען שלמהס כלה פארברענגט אירע טעג מיט נעכט, וואלטן זיי מיך זיכער באקלאגט ווי א פארפאלענעם מענטשן. זיי וואלטן, דאכט זיך, קריעה געריסן...

— גוואַלד, וואָס זשע קען איך העלפן? וואָס זשע קען איך העלפן? אָט די ווילדע בריאה מיט זיינע שמעטערלינגען האָט מיר היינט קאַליע געמאַכט אַזאַ גליקלעכן טאָג... אַזאַ גאָלדענעם פרימאָרגן...

— חס וחלילה, פּאָליטשקע, וואָס הייסט קאַליע געמאַכט? לאָז זיך אויס פון זיינע רייד. ביי מיר איז היינט אַזאַ גליקלעכער טאָג, צוויי מענטשן באַפרייט...

— ווער איז דען דער צווייטער?

— אַז מיר וועלן פאָרן, וועל איך דיר דערציילן... און אויף דער נאַכט האָבן מיר אַ באַל. דו וועסט זיין די קעניגין פון באַל! ערשטנס, ווייל קיין שענערע פון דיר איז נישטאָ. צווייטנס, ווייל דו ביסט מיין צוקינפטיקע פרוי, די כלה פון דעם „אימעניניק", די כלה פון דעם גאַנצן בעל־שמחה און די עלטסטע פּלימעניצע פון דעם בר־מינן, וואָס איז לעבעדיק געוואָרן. זאָלסט מיר דערמאָנען, איך זאָל אָנזאָגן ביי אייך אין שטוב, מען זאָל איינלאַדן די וויסבלאַטס אויך. פאָרט שוועסטער־קינדער, און וויפל טובות האָבן זיי געטון שמואליקן... קום! לאָז, וועל איך אויסזופּן דיינע גאָלדענע טרערעלעך און קום אין שטוב אריין. נו־נו, נאַ דיר גאָר אַ געוויין אין מיטן דערינען... באשר אור, שם גם צללים...

— וואָס הייסט עס?

— „ווו ס'איז דאָ ליכט, דאָרט מוזן זיין אויך שאָטנס".

— אַזוי איז דאָס טאַקע... און אַלע מאָל זענען די שאָטנס פיל לענגער ווי די ליכט...

— דאָס איז געווענדט אינעם באַלעבאָס. אַ קלוגער מענטש שטעלט אַוועק דאָס ליכט אויף אַ געהעריקער הייך, דאָן אַנטלויפן די שאָטנס לגמרי.

פּאָלי, מיט אַ לייכטן פאַרדרוס:

— דאַרף מען דאָך דערצו זיין אַ קלוגער מענטש...

— אודאי דאַרף מען... אָן דעם טויג אַלץ אויף כפּרות...

פּאָלי האָט זיך שווער פאַרטראַכט, אָבער שלמה האָט איר איבערגעשלאָגן:

— אָן עק זאָל נעמען צו די פילאָזאָפיעס, פאַרשטער נישט דעם יום־טוב... אַ פערד האָט אַ גרויסן קאָפּ, זאָל ער טראַכטן....

ביי יאַנין אין שטוב האָבן זיי געטראָפן בלויז ניומען. שלמה האָט זיך פאַרנומען מיט אים שמועסן. פּאָלי האָט זיך אָפּגעוואַשן און זיך גענומען איבערטון. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, פרעגט שלמה ביי איר:

— פּאָלי, אפשר ביסטו הונגעריק?

— שלמה —

— נו, אויב ניין, טאָ קום! ניומאַ, פאַרגעס זשע נישט אָנזאָגן אוראַמען וועגן די וויסבלאַטס. פּאָלי — געגאַנגען זאָל ווערן!

זיי האָבן זיך געזעצט אין אַ טראַמוויי, צוגעפאָרן ביז וואָקזאַל, און דאָרט זיך איבערגעזעצט אין אַ צווייטן, וואָס גייט שוין גלייך קיין סוויאַטאָשין.

קאַפּיטל XLV

דער טראַמוויי האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבער דעם ברייטן, אַספּאַלטירטן ברעסט־ליטאָווסקער שאָסיי. שלמה מיט פּאָלין האָבן מיט אַנטציקונג באַטראַכט יעדע קלייניקייט אויף דעם לאַנגן מאַגיסטראַל. קיעוו איז זיי געווען איינגעבאַקן אין האַרצן ווי אַן אייגן הויז. יעדע מינדסטע נייעס אָדער ענדערונג אין אָט דעם ריזיקן אָרגאַניזם פאַרשאַפט זיי אָדער פאַרגעניגן אָדער צער. דער זאַוואָד „באָלשעוויק" בויט צו נאָך אַ נייעם צעך פאַר טויזנט פינף הונדערט אַרבעטער. אויף די אָקטאָבער־יום־טובים דאַרף ער שוין זיין אָפּגעגעבן אין עקספּלאָאַטאַציע. מיט פאַרגעניגן קאָנסטאַטירן זיי, אַז ווירקלעך דער צעך וואַקסט נישט לויט די טעג, נאָר לויט די שעהן. אין דער קינאָ־פאַבריק האָט מען נאָך פרילינג פאַרפּלאַנצט פרישע צוויי הונדערט ביימלעך און עס פרייט זיך דאָס אויג צוצוקוקן, ווי פּראַכטפול זיי זענען זיך צעוואַקסן. נישט ווייט פונעם שאָסיי, פאַרשטעלט מיט אַן אַלייע שלאַנקע טאָפּאָלן, שטייט אַ פאַראַבלטע, האַלב־חרובֿע געביידע. זי זעט אויס ווי אַ פּרוי, וואָס איר מאַן איז אַוועק למדינת־הים און זי איז פאַרבליבן אַ פינצטערע עגונה. דאָס האָט דער „נאַרקאָמזדראַוו" * נאָך אין יאָר 1930 אָנגעהויבן בויען אַ סאַנאַטאָרי פאַר גייסטיק־קראַנקע. ווען דער פערטער שטאָק איז שוין געווען פאַרענדיקט, און הינטער די געדיכטע רעשטאַוואַניעס האָט זיך אָנגעהויבן אַרויפכאַפּן אויף די פיס און קלעטערן צום הימל אַ פינפטער, האָט די פעדערשטע וואַנט געפּלאַצט ווי אַ שמאָלרעקל אויף אַ פאַר געזונטע פּלייצעס. פון דאַמאָלסט אָן שטייט דער בנין עלנט, פאַרוויסט. דער הויפּט־אינזשיניער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין וואָלאָגדאַ אויף צו פאַרענדיקן זיין פּראַקטיק ביים אויסבויען דעם ווייס־ימישן קאַנאַל, און די צעשפּאַלטענע מויער שטייט עד היום ווי אַ מצבה, ווי אַ דענקמאָל נאָך זיין פרי־פאַרלוירענער פרייהייט. שלמה מיט פּאָלין קוקן צו מיט פאַרקלעמטע הערצער, ווי דער גאַנצער בנין איז שוואַרץ געוואָרן פון די רעגנס מיט די שנייען; ווי אין יענעם פאַרשאָלטענעם שפּאַלט, וועלכער האַלט זיך אין איין צעברייטערן, האָבן די פייגל איינגעאָרדנט אַ גאַנץ „שטעטל", פון וואַנען עס טראָגט זיך טאָג ווי נאַכט אַ פּישטשען מיט אַ סווישטשען. אַליין נישט ווייסנדיק פאַר וואָס, פאַרשאַפט זיי אָט די אומגליקלעכע חורבה אַזוי פיל עגמת־נפש, ווי דאָס וואָלט געווען זייער אומגליק און זייער חורבה. עס פאַרשווינדט דער סאַנאַטאָרי און איבערן גאַנצן שטח צעטראָגט זיך דאָס מעכטיקע הודען פון אַ פּראָפּעליער**. פונעם 43טן אָרדענטרעגערישן רעמאָנט־זאַוואָד הייבט זיך אויף אַן אַעראָפּלאַן און פאַרנעמט זיך אין דער ריכטונג פונעם אַקעגנאיבערדיקן אַעראָדראָם. די מאַשין פליט זייער נידעריק, מען זעט דייטלעך דעם פליערס פּנים. שלמה

---

* פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר געזונטהייטס ענינים.

** די פעדערשטע שרויפן, וואָס דרייען זיך בשעת דער אַעראָפּלאַן פליט.

ווייזט אפילו אַן פּאַלין אויף די גרויסע פּירעקיקע ברילן, וואָס דער פּליער טראָגט — פּאַלי באַמערקט זיי נישט. מען האָט פאַרלוירן פון אויג די גרויסע דריישטאָקיקע געביידע פון קאָנוואָינע פּאַלק. פון ווייטנס, אויף לינקס, האָבן זיך אַ ווייז געטון די גרויסע ווינטער־באַזעס פאַר פּרוכטן; פון דער רעכטער זייט — דער לוקיאַנאָווקער וואָקזאַל, אויף וועלכן עס פאָרמירן זיך עטאַפּן. דאָרט שטייען איצט צוויי עלנטע לאַסטוואַגאָנעס און אַ זעלנער מיט אַ ביקס אויף אַ הויכן גאַניקל. מיט אַ פּילדייטיקן וווּנק ווייזט שלמהן אַן פּאַלין אויף דעם אין אומעט דרימלענדיקן וואָקזאַלעכל. זי זאָגט פאַרשטייענדיק:

— וואָס ווייזסטו מיר? ווילסט מיר דערמאָנען, אַז אין אַזאַ וואַגאָן האָט דער פעטער געדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן?

— ניין, אַז מיט אַזאַ ביקס האָט ער געדאַרפט דערשאָסן ווערן...

פּאַלי קלאַמערט זיך איין מיט די נעגל אין זיין האַנט, מאַכט צו די אויגן פאַר שרעק. שלמה בייגט זיך אָן צו איר, רירט אָן מיט די ליפּן דאָס ראָזע לעפּל פון איר קליין אויערל און פרעגט שטיל:

— וואָס, שרעקלעך, האַ?

— שוידערלעך! עס גייט מיר אַזש אַריבער אַ קעלט איבערן לייב פון דעם איינעם וואָרט — שיסן...

— דו געדענקסט, אַז איך האָב דיר דערציילט פון איינעם מעדאָוואַר, וואָס מען האָט אים פון מיין קאַמער גענומען צום שיסן?

— וואָס פאַר אַ פראַגע גאָר, צי איך געדענק?

— איז ביי אים, פּאַליטשקאַ, האָט קיין הונדערט צען טויזנט רובל אין מאַגאַזין נישט געפעלט און קיין מלוכהשע פעל אויפן מאַרק האָט ער אויך נישט פאַרקויפט, און פון דעסט וועגן —

— שלמה, גיי, ביסט אַ שלעכטער מענטש! דו האָסט פאַרגעניגן פון שרעקן מיך מיטן קאָשמאַר פון דערשיסונגען. קעגן וואָס האָסטו איצט דערמאָנט מעדאָוואַרן?

— קעגן דעם, אַז מען דאַרף גוט־גוט געדענקען, אַז שמואליק איז ביי אייך אַ געשענקטער, אַ ניי־געבוירענער...

— אָ, דאָס ווייס איך! דאָס ווייס איך זייער גוט. שלמהלע, דו וועסט מיר טאַקע דערציילן אַליץ, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט, פון זינט מיר האָבן זיך צעשיידט פאַראַכטאָגן זונטיק ביים טראַמוויי?

— אַליץ — אַליץ!... יעדער מענטש מוז דאָך פאַר עמעצן אויסגיסן זיין האַרץ. ביי מיר — ביסט דו דער עמעצער. איך וועל דיר דערציילן מיט אַלע איינצלהייטן, אפילו וועגן דעם, וואָס איך האָב געגעסן, אפילו וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט... אַליץ, אַליץ...

— אַך, ליבער מיינער, אַך, טייערער, ווען איך שעם מיך נישט פאַר לייטן, וואָלט איך דיר דאָ אין טראַמוויי אַזאַ קוש געגעבן, אַז דו וואָלסט ערשט נאָך אַ האַלבער שעה געקענט דעם אָטעם כאַפּן...

— אין גאַנצן איין האַלבע שעה? וואָס איז אַ האַלבע שעה?

פֿאַלי, באַליידיקט:

— דו איראָניזירסט, דאַכט זיך?

— שטראָף מיך גאָט... דאָס פֿאַררעד איך זיך אַליין די ציין... אָבער עס איז שוין נישט לאַנג צו וואַרטן. דער וואַלד איז נישט ווייט.

אין סוויאַטאָשין זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען אויף דער ערשטער סטאַנציע. עס האָט געהייסן: ס'איז בעסער זיך דורכגיין מיטן וואַלד צו פֿוס. שוין נמאס צו פֿאָרן.

זיי זענען אַריין אין וואַלד. ביים וועג איז ער געווען שיטער און אָפּגעסמאַליעט פֿון דער זון. קליינע שאָטנס האָבן זיך געשפּרייט פֿון שטאָם ביז שטאָם. עס איז געווען האַלב צוויי נאָך מיטאָג. אַ היפּשע ווײַלע זענען זיי אַזוי געגאַנגען שטיל, נייגעריק באַטראַכטנדיק איינס דאָס אַנדערע. די צעפֿלאַמטע פּנימער פֿון דער היץ, וואָס איז געווען אין וואַגאָן; די ווייסע מלבושים און דאָס אומבאַגרענעצטע גליק אין די אויגן, דאָס אַלץ האָט זיי ביידן צוגעגעבן דעם זיבעטן חן. שלמה האָט אַרויפֿגעלייט ביידע הענט אויף אירע אַקסלען, און האָט זי ערנסט און לאַנג אָנגעקוקט.

— פֿאַר וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי, שלמה? קענסט מיך נאָך נישט?

— אויף יעדן מענטשנס פּנים, אַז מען האָט אַ גענויט אויג און מען קוקט זיך גוט צו — זעט מען, אַז יעדן טאָג ווערט אויף דעם אָנגעצייכנט עפּעס נייעס. ביי וועמען צו בעסער, ביי וועמען צו ערגער, קוק איך...

— וואָס זשע זעסטו?

— אַז דו ביסט אַ רויבערין...

— פּראָסט פּשוט, אָן קאָמפּלימענטן?

— אָן קאָמפּלימענטן! דו האָסט פֿון דעם אוצר פֿון שיינקייט צוגעראַבעוועט אַזאַ חלק, וואָס וואָלט, דאַכט זיך, געסטייעט פֿאַר הונדערט מיאוסע מיידלעך, אַז זיי זאָלן שיין ווערן.

— אָט דאָס איז גאָר? און איך האָב שוין געמיינט גאָט ווייסט וואָס. איי, גיי דיר... האָסט מיך אַזוי איבערגעשראָקן... לייג אומיסטן צו דיין האַנט צו מיין האַרצן, ועסטו הערן ווי שטאַרק עס קלאַפּט... ניין, אפֿשר?

שלמה פֿילט מיט זיין האַנט איר האַרץ. פֿאַלי דערנעענטערט איר פּנים נאָענט-נאָענט. איר הייסער אָטעם בריט אים, ברענט אים, צינדט אָן אַלע געבליטן. ווי פֿון זיך אַליין פֿאַרפֿלעכטן זיך זיינע הענט אַרום איר טאַליע, און זי פֿאַרלירט איר קאָפּ אויף זיין עלנבויגן. אַ גאַנצע אייביקייט ווייסן זיי נישט אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט זיי געפֿינען זיך. אַ ווייטע סירענע קערט זיי אום צו דער ווירקלעכקייט. פּאַוואָליע, אויף נישט מפֿסיק זיין דעם תענוג, עפֿענען זיי די אויגן, באַטראַכטן זיך איינער דעם צווייטן מיט נייגער און פֿאַרזינקען ווידער אין אַ לאַנגדויערנדיקן קוש.

נישט ווייט פֿון זיי דערהערט זיך פֿלוצלינג אַ קנאה-פֿולער קרעכץ:

— אַך, געבענטשטע יוגנט!

זיי וואַכן מיט אַ מאָל אויף. אויפֿן שליאַך, אָנגעשפּאַרט אין אַן אָפּגעשיילטער בעריאָזע שטייען צוויי אַלטיטשקע פֿויערטעס און טשמאָקען

מיט די ליפּן, ווינקענדיק צו זיי בשעת־מעשה, אַז זיי זאָלן נישט קוקן אויף גאָרנישט און טון זייערס, איי, מען קוקט? — זאָל מען קוקן געזונטער־היית, אַ דאגה זיי אַ גרויסע... ניין, ניין, מען דאַרף זיך נישט שעמען; זיי, אין די יונגע יאָרן, האָבן זיך אויך נישט געשעמט. שלמה מיט פּאַלין קוקן זיך דערשראָקן איבער, און שיסן פּלוצלינג ביידע אויס מיט אַ געלעכטער. אָן אַ פּאַרוואָס, אָן אַ פּאַרוועו, נאָר עס לאַכט זיך אַזוי לייכט, אַזוי געשמאַק, אַז עס גלוסט זיך גאָרנישט אויפצוהערן. די פּויערטעס זע־נען שוין גאַנץ ווייט, זייערע קאָלירטע, פונעם ווינט אויפגעבלאָזענע קלייד־לעך, זעען אויס קעגן דער זון, ווי די באַבוימלטע, פּאַפּירענע לאַמטערנס, וואָס חדר־ייִנגלעך פּלעגן זיך מאַכן אויף די לאַנגע ווינטער־נעכט. נאָר פּאַלי מאַכט אַלע מאָל נאָך, ווי קאָמיש זיי האָבן געטשמאָקעט מיט זייערע אָנ־ציינערדיקע מיילער און ביידע קאַטשען זיך פאַר געלעכטער. אָנגעלאַכט זיך צו דער זעט, כאַפּט זי שלמה ווילד אויף די הענט, דריקט זי צו ביז ווייר־טיק צום האַרצן. פּאָלי פאַרסאַפּעט זיך, קען נישט כאַפּן דעם אָטעם. שלמה נעמט זי דאַן לייכט אַרום דער טאַליע און זיי לאָזן זיך לאַנגזאַם שפּאַצירן אַרויף אין וואַלד אַריין.

שלמה זאָגט איר שטיל:

— דו האָסט מיר דאַמאָלסט איבערגעשלאָגן, פּאָליא, האָב איך נישט געענדיקט. דו ביסט אַ רויבערין נאָך איבער עפּעס...

פּאָלים אויגן זענען פאַרצויגן מיט אַ שיכור הייטל. זי גייט נישט פעסט אויף די פיס, הענגט אין גאַנצן אויף שלמהס אָרעם. זי פרעגט שטיל:

— איבער וואָס זשע נאָך?

— דו האָסט צוגערויבט ביי מיר מיין פרייהייט. איך האָב אויף זיך לחלוטין קיין שליטה נישט. דעם גאַנצן שטאַט אויספאַרשערס פון קיע־ווער געפּעאו האָב איך געשפּיגן אין פּנים אַריין; ערשט היינטיקע וואָך האָב איך איבערגעקערט גאַנץ אוקראַינע און טאַקע באַפרייט אַ מענטשן פון אַ זיכערן טויט; די וועלט האַלט, אַז איך בין אַ העלד, און אפשר איז דאָס טאַקע אַ ביסל אמת, נאָר אַז איך קום אין דיינע ד׳ אמות, אַז עס דערגייט צו מיר דער פאַרשכורנדיקער גערוך פון דיינע גאָלדענע לאָקן, אַז איך באַגעגן זיך מיט דעם פאַרשייטן פייערל פון דיינע אייגעלעך, אַזוי פאַרליר איך אין גאַנצן די ממשלה איבער זיך, אַזוי ווער איך אויס מאַ־נאַרך, און נאָר דו בלייבסט די מעכטיקע מאָנאַרכין. צי איך האָב אין זיך אַ ניצוץ פון שמשונען, איז נאָך אַ גרויסער קלער, נאָר אַז דו האָסט גע־ירשנט דלילהן מיט אַלע חן־גריבעלעך, איז ביי מיר קיין ספק נישט... אַלע זאָגן דאָס... נו, איז גוט אַזוי? ביסטו נישט קיין רויבערין, האַ? זאָג אַליין...

ביי פּאָלין אין די אויגן שטייען טרערן פון פרייד. זי פאַרקוקט אים אין פּנים:

— דו זאָלסט מיר שוין זאָגן, אַז דיין משל איז קיין שום מחותן נישט מיטן נמשל! דו הערסט?

— דאָס איז גוט, אַז מען זאָגט מיט דעם אייגענעם פאַרשטאַנד, נישט אונטער עמעצנס דיקטאַט...

— ביסט דען אויף מיר שטאַרק ברוגז פאַר דער רויבעריי?

— שמשון בשעתו, האָט אויך קיין שכל נישט געהאַט צו זיין ברוגז, אָבער צום סוף —

— הייסט עס, ביסטו יאָ ברוגז...

— אודאי ברוגז... פאַר וואָס דו רויבסט צו די העלדישקייט און דעם העלד אַליין — נישט...

— שלמהלע, טייערער, ליכטיקער באַשיצער מיינער, ווי אַזוי זשע וואָלט איך געדאַרפט טון? אדרבה, זאָג דו! אפשר היינט אויף דער נאַכט — א חופה און אַן עק צו דיינע ליידן! קוים זאָגסטו איצט יאָ, וועט זיין יאָ...

שלמה שטעמפּלט אָפּ אויף אירע פייערדיקע ליפּן א פייערדיקן קוש:

— ע, פּאָליאַ!... פאַר וועמען האַלטסטו מיך? איך גיי דאָך דיך נישט אויסכאַפּן ביי עמעצן אָדער זיך אַנפּרייען א חודש און נאָך דעם דיך פריי לאָזן. מיר גייען דאָך זיך פאַרבינדן אויף אייביק. דיין קאַפּריז איז אויך ביי מיר נישט וואָלוול, בלויז דערפאַר, ווייל ער איז דיינער... דו האָסט געוואָלט פריער אָפּגעבן די עקזאַמענס — גיב זיי אָפּ! היינט איז דער 23טער אויגוסט, זענען אונדז נאָך געבליבן אַוועלכע זיבן, אַכט טעג צו וואַרטן... מילא, אַז עס איז געווען גוט אַזוי לאַנג, וועט זיין גוט נאָך א וואָך.

— פאַר וואָס עפּעס א וואָך? עס איז דווקא מער פון פיר וואָכן...

— האַ, פיר?... פאַר וואָס פיר?

שלמה איז בלייך. ער פילט, אַז די פיס ווילן אים נישט טראָגן אויף זיך, שטעלט ער זיך אָפּ און שפּאַרט זיך אָן אין א בוים. זיינע אויגן לע־בערן פּאָלינס געזיכט אויף דורך און דורך. די פאַרב פון פּאָלינס פּנים איז אויך ערגעץ פאַרשוווּנדן, אירע ליפּן באַוועגן זיך, נאָר קיין ווערטער הערט מען נישט.

— נו, זאָג שוין, צי נישט די אָדערן, פאַר וואָס קומט ביי דיר אויס, אַז פון דעם 23־טן ביז דעם 30טן איז אַריבער פיר וואָכן?

— דו ביסט נישט געווען הי, האָב איך דיר נישט געקענט דערציילן דאָס נייעס.

— זאָג, אָן הקדמות, וואָס איז שוין פאַר א נייעס?

— דער סאָוונאַרקאָם* פון אוקראַינע האָט צוריק מיט פינף טעג אַרויסגעגעבן א באַפעל, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס היי־יאָר האָט א גאַנצן זומער גערעגנט און דער רעמאָנט אין די שולן און אין די אינסטיטוטן האָט נישט געקענט דורכגעפירט ווערן לויט דעם אָנגע־מערקטן טעמפּאָ, ווערן די עקזאַמענס אָפּגעלייגט פון דעם 1טן סעפּטעמ־בער אויפן 25טן סעפּטעמבער.

---

* ראשי תיבות פון „ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן".

שלמה האָט מיט שטאַרע אויגן געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ ריכ־טער, וואָס לייענט דעם באַשולדיקטן אַ שטרענגן אורטייל. ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און איז געבליבן שטיין ווי אָן לעבן. פאַלי האָט אים צערטלעך געגלעט דאָס פנים, געקושט די קאַלטע שפּיץ פינגער פון די הענט:

— שלמהלע, דערבאַרעם זיך... נאָך אַזוי פיל יאָרן וואַרטעניש, איז דיר שוין אַזוי שווער אויסצוהאַלטן די לעצטע פּאָר וואָכן? דאָס זענען דאָך שוין די לעצטע, די לעצטע...

— דאָס זענען נישט קיין פּאָר וואָכן, דאָס זענען עטלעכע חדשים, ריכטיקער — דאָס איז אַ פערטל יאָר!...

דאָס מאָל האָט שוין פאַלי אַזש אַ ציטער געטון. זי האָט ברייט צע־עפנט די אויגן און אָן לשון פרעגנדיק געקוקט אויף שלמהן. ער האָט, נישט שענקענדיק איר אפילו קיין איין בליק, געוואָרפן אין פאַרגעלטן, צוגעוועלקטן גראָז אַריין שווערע, אומבאַרחמנותדיקע ווערטער:

— דער 25טער סעפּטעמבער וועט שוין כאַפּן נאָך האַלב אלול. נאָך האַלב חודש, בעת די לבנה הייבט שוין אָן קלענער צו ווערן, שטעלט מען נישט קיין חופה. תשרי מאַכט מען בכלל נישט קיין חתונה, אין מערבין שמחה בשמחה. וואָס דען? ערשט חשון. הייסט עס, אין צען, צוועלף וואָכן אַרום.

פאַלי איז געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטע ווי געטראָפן פון אַ דונער. די אויגן האָבן געקוקט אַראָפּ, זי איז געווען בלייך און פאַרלוירן. שלמהן האָט אָנגענומען ביים האַרצן דאָס לײַדן פון זיין געליבטער. ער האָט זיך מאָמענטאַל צוריקגעפונען פון דער נייער דערשיטערונג, פאַרפלאָכטן זיי־נע הענט אַרום איר האַלדז, אונטערגעהויבן איר געזיכט און עס דער־נעענטערט צו זיינעם. רואיק און געלאַסן האָט ער זי געפרעגט:

— איז אפשר זאָלן מיר טאַקע טון אַזוי ווי דו האָסט פריער געזאָגט? היינט ביי נאַכט, בשעת חדוה איז חדותי, אַ שרייב טון תנאים, אַ שטעל טון אַ חופה און אַראָפּ פונעם מאַרק?

נישט אויפהייבנדיק די אויגן, האָט פאַלי שטיל געענטפערט:

— גוט, זאָל זיין היינט אויף דער נאַכט.

— און צו די עקזאַמענס וועסטו שבת גיין?

— ווי אַזוי דען? וואָס הייסט נישט גיין?

— און ימים־נוראים אין אינסטיטוט אַריין אויך?

— שלמה, דו פאַרשטייסט אַליין, וואָס יעדע לעקציע אויפן דריטן קורס באַטייט, דאָס איז נישט קיין קינדערשפּילעכל.

— ווי אַזוי זשע ווילסטו ווערן מיין פרוי, אויב דו קלערסט שבת גיין אין אינסטיטוט?

— איך רעכן דאָס מאַכן, אַזוי ווי דיין דינה...

— אַז מיין דינה וועט נעמען אַ שלמהן, וועט זי זיך אויך אַנדערש אָנהייבן פירן... דינה האָט נאָך נישט קיין מאַן —

— האָט זי דאָך אַ פֿאָטער...

— אַ פֿאָטער איז נישט קיין מאַן... היינטיקע יאָרן האָט אַ פֿאָטער אַ קליינע דעה...

— אפילו אין אַזוינע הייזער ווי ביי אייך?

— אפילו אין אַזוינע הייזער ווי ביי אונדז... אַז דער וואָרעם כאַפּט זיך צו צו אַ בוים, איז אַפילו די גוטע פּירות... טויגן שוין אויך אויף כּפּרות...

— איז אָן די ביכער, טאָר מען שוין אויך נישט באַזוכן דעם אינ־סטיטוט?

— אָן די ביכער מוז מען אויך פֿאָרן, ס'איז ווייט. און פֿאָרן —

— ווי אַזוי דען?

— ווי אַזוי דען? שבתדיקן מעת־לעת אַרויספֿאָרן פֿונעם זכרון, אַז ס'איז גאָר דאָ אַ אינסטיטוט אויף דער וועלט...

— גוט, איך וועל דיך אויף יעדער זאַך פֿאָלגן, אָבער די עקזאַמענס מוז איך אָפּגעבן אויפֿן אַלטן שטייגער... פֿאַרשטייסט אַליין אויך...

שלמה קוקט שטאַר פֿאַר זיך און זאָגט נאָך מעכאַניש:

— די עקזאַמענס מוזסטו אָפּגעבן... איך פֿאַרשטיי אַליין אויך...

פֿאַלי נעמט אים נישט דרייסט פֿאַר דער האַנט:

— שלמהלע... און די חופּה, אויב דו פֿאַרשטייסט... אויב דו ווילסט אומבאַדינגט —

— ניין, פֿאַליאַ, זאָל שוין זיין נישט היינט אויף דער נאַכט. אַז עס איז געווען גוט צו וואַרטן אַזוי פֿיל, וועט שוין זיין גוט נאָך אַ ביסל. מיר וועלן איבערוואַרטן דיינע עקזאַמענס. מיר וועלן איבערוואַרטן תּשרי, און דאַן וועלן מיר איינאָרדענען דיין לערנען אַזוי, אַז דו וועסט שבת נישט מוזן באַזוכן דעם אינסטיטוט. איך וועל דאָס שוין מאַכן, ווי עס דאַרף צו זיין. דער לעקטאָר וועט דיר איבערחזרן די לעקציע ביי דיר אָדער ביי זיך אין דער היים. נו, גענוג וועגן דעם צו רעדן... ביי אונדז איז היינט יום־טוב, אַ גרויסער יום־טוב! דער פֿעטער — באַפֿרייט; צוריק מיט פֿיר טעג — מיינע אימעניִנעס; צוריק מיט זעקס טעג — דיינע אימעניִנעס; נישטאָ איצט קיין פּלאַץ פֿאַר טרויעריקע געדאַנקען. דער היינטיקער טאָג איז מיר שווער אָנגעקומען, און איך וויל אין אים גליקלעך זיין. גיב דיין האַנט און זאָל זיין שלום.

— אַך, שלמה, ליבער!...

אַ לאַנגער געשמאַקער קוש האָט צום איבעריקן אָפּגעווישט די אָנגע־לאָפֿענע וואָלקנס פֿון די צוויי יונגע פּנימער. זיי האָבן זיך גענומען פֿאַר די הענט, ווידער אַ מאָל זיך שטייף אַרומגענומען און אָנגעהויבן רעגל־מעסיק צו מעסטן די טריט אַרויף אין וואַלד אַריין, אַהין, אַהין, אין גע־דיכטן סאָסנע־פּלאָנטער, וווּ עס איז שווער דורכצוגיין, וווּהין עס דער־גרייכט נישט קיין הודעה פֿון קיין מאַשין און קיין רעש פֿון מענטשן.

קאפיטל XLVI

פּאַלי פאַרקוקט אים ליבלעך אין די אויגן:

— שלמהלע, דו האָסט דאָך צוגעזאָגט דערציילן אַלץ פון אָנהייב ביזן סוף.

— וואָס פאַר אַ פראַגע? קיין מינדסטן פּרט וועל איך נישט דורכלאָזן. הייב איך אָן, הייסט עס... מיט פינף יאָר צוריק, פרילינגסצייט, אין אַ סוף־חודשדיקער, אויסגעשטערנטער נאַכט, האָב איך זיך פּוסט און פּאַס אַרומגעשלעפּט איבער יעוובאַזער ליידיקן מאַרקפּלאַץ. דו געדענקסט, אַז איך בין פון כּמעלניק געפאָרן קיין קיעוו?

— וואָס דען, איך געדענק נישט? וואָס פרעגסטו?

— אָט דאַמאָלסט טאַקע איז דאָס געווען. די נאַכט איז געווען ווייך און אָנגענעם ווי אַ וואַרעם ביטל. אמת, זי איז נישט געווען זייער קיין ליכטיקע, אַ מאָגער רייפל לבֿנה איז דאַן געהאָנגען, נאָר אויף אַזוי פיל געַנוג ליכטיק, כּדי צו מאַכן די וועלט פאַנטאַסטיש, פאַרכישופט, אַקוראַט צוגעפּאַסט פאַר יונגע פאַרלעך. אַנטשולדיק, פּאַלי, איך שלאָג זיך אַליין איבער, נאָר איידער איך פאַרטיף זיך אין דערציילן, וויל איך דיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער, וואָס דריקן מיין האַרץ מיט אַן אוממענטשלעכער שווערקייט.

שלמה האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פאַרב איז לאַנגזאַם אָפּגעלאָפן פון זיין פּנים. ער איז געווען אויסטערליש רואיק און אויסערגעוויינלעך בלאַס. ער האָט גענומען פּאַלין ביי ביידע הענט, היפּנאָטיזירנדיק געקוקט איר אין די אויגן. זיין פאַרדעכטיקע רואיקייט האָט אָנגעיאָגט אויף איר אַן אומרו. אירע אויגן האָבן פיבערדיק געפינקלט, זי איז אויך בלאַס געַוואָרן פון אַן אומקלאָרן פאַרגעפיל. אָט אַזוי, אַריינגעשטאָכן די בליקן איינער אינעם צווייטן, זענען זיי געשטאַנען לאַנג, לאַנג. די אומרואיקייט איז געוואַקסן... די הענט האָבן זיך ענגער צוזאַמענגעדריקט, זיך איינגעַשניטן מיט די נעגל אין פליש. שלמה האָט שטיל געפרעגט:

— פּאַלי, ענטפער מיר דאָס מאָל אויפריכטיק, דו האָסט מיך ליב?

פּאַלים רעכטע האַנט האָט פאַרבלאָנדזעט אויף איר האַרץ. זי האָט געשוויגן.

— דו קענסט אָן מיר נישט לעבן, אַזוי ווי איך אָן דיר?

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. זי האָט אַלץ געשוויגן.

— איך לייען די ענטפערס אויף דיין פּנים. איך בין ביי דיר טייער, איאָ?

זי האָט שטום אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ. שלמה איז איבערגעגאַנגען אויף אַ שטילן פליסטער. מיט אַ מיסטישן טאָן האָט ער באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט געזאָגט:

— פּאַלי, אויב אונדזער בשותּפותדיק גליק איז דיר כאָטש אַ ביסל טייער, טאָ זיי פאַרזיכטיק מיט מיר. דאָס האַרץ איז מיר שווער, זייער שווער בנוגע אונדזער צוקונפט. עפּעס דרייט זיך אַרום צווישן אונדז אַ

שוואַרצע קאַץ... אָט די אומריינע שמעטערלינגען־אומברענגער... אָט דאָס פרישע אָפּליגעניש פונעם 1טן אויפן 25טן... פון אב אויף אלול, פון אלול אויף תשרי, פון תשרי אויף חשון... אָט די שרעקלעך־וויכטיקע לעקציעס פון דעם טויזנט מאָל פאַרשאָלטענעם דריטן קורס. פּאָלי, שוועסטער מיינע, דו קוקסט אָן אָט די כלומרשט אומשולדיקע מניעות? דאָס זענען בלויז מחבלים, וואָס האָבן זיך פאַרליינגט צו פאַרצוקן אונדזער יונג שעפּעלע... געדענק, דאָס זענען גאָלע קעץ!... זע, היט אָפּ אונדזער ליבע! קעץ זע־נען גנבים, זיי קענען נאָך צוגנבענען דאָס הערצעלע, און אָן אַ הערצל איז אפילו אַן עוף טריפה. אַן עוף — ווער שמועסט אַ מענטש, ווער שמועסט אַ סימפּאָניע פון צוויי ליבנדיקע הערצער. זיי פאַרזיכטיק, נשמה־ניו, אויפשטייענדיק און לייגנדיק זיך. מיין האַרץ איז מיר שווער פאַר אונדזער צוקונפט און ערגער פון אַלץ איז, וואָס מיין האַרץ האָט אַ מאָל אַ טבע, אונטערצוזאָגן דעם אמת... און נישט אַ מאָל, נאָר טאַקע אָפט מאָל... דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, און אַצינד קער איך מיך אום צו מיין איבערגעריסענער דערציילונג. ביי וואָס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט? געדענקסט נישט?

נישט אַזוי גיך האָט זיך שלמה אומגעקערט צו זיין איבערגעריסענער דערציילונג. פּאָלים אויגן זענען איינגעוואַקסן געוואָרן אין זיינע, און זיי־נע — אין אירע. ביז וויטיק האָבן זיך זייערע נשמות געבאָדן איינע אין דער אַנדערער. ענדלעך האָט פּאָלי זיך אָנגערופן:

— דו קענסט זיין זיכער, איך וועל אין דעם טאָג שטאַרבן, ווען אונדזער ליבע וועט צו נישט ווערן. נו, און דאָס אייגענע לעבן היט דאָך אַ מענטש שטענדיק אָפּ, נישט אַזוי?

שלמה שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— איז דאָך דאָס די בעסטע גאַראַנטיע, אַז איך וועל אָפּהיטן אונדזע־רע באַציאונגען ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג...

פּאָלי קוקט שטאַר אין דער ווייטקייט, עס כאַפּט זי אָן אַן אומבאַ־גרייפלעכער עקסטאַז. זי כאַפּט פּלוצלינג אָן שלמהן ביי דער האַנט און שלעפּט אים אין דער טיפעניש פונעם וואַלד. זי שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ גרויסן דעמב, וואָס שטייט אַ פאַרבלאָנדזעטער און אַן עלנטער אין אַ סאָסנאָווע וועלט. דער דעמב איז נישט אַזאַ הויכער ווי אַ דיקער. גאַנצע ביימער הענגען אויף אים, — זיינע צווייגן. זיינע וואָרצלען בערגלען די ערד, אויף אַ היפּשן שטח, און זענען פאַרוואַקסן מיט געדיכטן, שמעקנ־דיקן גראָז. אין דער מיט פון בוים, אויף אַ מאַן די הייך, געפינט זיך אַ שוואַרצער, אויסגעהויטער חלל, אין וועלכן עס וואָלט אַריין אַ קינד פון אַ יאָר. אינעם לאָך איז צו באַמערקן פּליכעוואַטע קוסטעס פאַרשמאַכט גראָז, אַ פאַרוועלקטע בלום און ס׳איז שטאַרק אָנגעמיסטיקט מיט פייגל־קויט.

— שלמה, פון וואָס קען זיין אָט דער לאָך אין בוים?

— איך קען גאָר אויף דעם שכל נישט פאַלן. כ׳האָב שוין אַליין אויך געטראַכט דערפון. פון אַ דונער נישט, ווייל דער אויבערפלאַך איז גאַנץ.

וואָס דען, אפשר האָבן פייגעלעך זיך אויסגעפּיקט אַ קלוב אַזאַ, צי אַ מין קרעטשמע? ניין, גיכער פון אַלץ איז דאָ געווען אַ שוואַך אָרט אין בוים, אַזוי גוט ווי ביי מענטשן טרעפט: שוואַכע לונגען, אָדער אַ שלאַפע לע־בער. די ווינטן מיט די רעגנס האָבן שוין געטון זייערס און דער פעלער איז געוואַקסן... דאָס איבעריקע האָבן שוין פאַרענדיקט די באַפליגלטע איינוווינערס פון וואַלד. דורות לאַנג האָט מען געפּיקט און געפּיקט. פון זיידעס צו פאָטערס, פון פאָטערס צו קינדער און צו אייניקלעך איז שוין געגאַנגען בירושה די טראַדיציע פון פאַרטיפערן דעם לאָך אין דעם אור־אַלטן דעמב. און גאַנץ מעגלעך, אַז אין צען יאָר אַרום וועט אָט דער לאָך שוין זיין טאָפּלט גרויס אָדער נאָך גרעסער. אַזאַ איינדרוק האָב איך...

— און וויפל קען ער אַלט זיין, אָט דער זקן?

שלמה באַטראַכט די גרעב זיינע, די ווילדע בראָדאַוועס אויף זיין לייב, די פאַנטאַסטיש־פאַרדרייטע סעקעס*, די לאַנגע, קרומע וואָרצלען, וואָס טאַרטשען אַרויס ווי קרומע פינגער מיט מאָזאָליעס אויף אַ פּוס פון אַ שרעקלעכער חיה.

— וויפל יאָר ער קען אַלט זיין, פרעגסטו? איך האָב מורא, אַז פיל מער פון אונדזערע טאַטעס מיט די מאַמעס צוזאַמענגענומען.

— שלמה, לאָמיר זיך געבן אַ שבועה ביי אָט דעם שטאָק־אַלטן בוים, אַז מיר וועלן הייליק היטן אונדזער ליבע.

שלמה ציט איר אויס די רעכטע האַנט און די פייערלעכע שטילקייט קלינגט ווי אַ שבועה.

— שלמה, לאָמיר שווערן, אַז קיינער פון אונדז וועט נישט אָננעמען קיינע וויכטיקע באַשלוסן אין זיין לעבן אָן דעם צווייטנס וויסן.

ווידער באַגעגענען זיך צוויי הענט און דער וואַלד איז אַן עדות פון אַ תקיעת־כּף.

— לאָמיר שווערן, אַז אויב מיר וועלן זיין הי, זאָלן מיר אין טאָג פון דער חופּה זיך ווידער באַגעגענען ביי דעם זעלבן בוים.

ווידער קלאַמערן זיך איין צוויי הענט און בלייבן אויף אַ שטיק צייט אומבאַוועגלעך.

פאַלים אויגן פינקלען מיט פאַנאַטישן פייער. זי גיט צו שעפּטשענדיק:

— נאָך איין שבועה לאָמיר אָפּגעבן, אַז אויב ווער פון אונדז וועט אי־בער וועלכער ס'איז סיבה צעברעכן אונדזער בנין, דאַן דאַרף ער, אָדער זי, אין דעם טאָג פון דער חופּה ברענגען דעם צווייטנס פאָטאָגראַפיע און זי אַריינוואַרפן אין אָט דער וויסטער, פינצטערער נישע. דער צעשטערער טאָר זי מער ביי זיך נישט איבערלאָזן...

ביידע בלייבע, מיט פאַרנעפּלטע אויגן דערלאַנגען זיך די הענט און ווערן פאַרשטאַרבן אין דער פּאָזע. שלמה באַפרייט זיך דער ערשטער פון דעם גליוועדר וואָס האָט זיי באַהערשט, ער ציט צו פאַלין צו זיך, נעמט זי פעסט אַריין אין זיינע אָרעמס, און אַליין קוים הערנדיק, פליסטערן זיינע ליפּן:

* סענקעס, גודזעס, בוימקנופּן.

— דאָס דאַרף אָבער קיין מאָל נישט טרעפן, נשמה מיינע...

זי באַהאַלט איר פּנים אויף זיין ברוסט און אירע פינגער בלאָנדזען אַרום איבער זיינע באַקן, איבערן האַלדז, איבער די אויגן...

אַ צעשאָטן טראַמוויי־קלינגען קערט זיי אום צוריק צו דער ווירקלעכקייט. זיי פאַרשטייען נישט, וווהין איז אַהינגעקומען היינטיקער טאָג? ווער האָט עס דעם הימל צוריק בלאָ געמאַכט? אונטער זייערע פּנים ציען זיך לאַנגע, שוואַרצע, פאַרנאַכטיקע שאָטנס... ווי צונויפגערעדט זיך, גיבן זיי מיט שרעק אין די אויגן נאָך אַ מאָל אַ קוק אין דעם וויסטן בוימלאָך און נעמענדיק זיך פאַר די הענט לאָזן זיי זיך האַסטיק גיין טיפער אין וואַלד אַריין. די נאַכט הייבט אָן צופאַלן. די קרוינען פון די סאָסנעס באָדן זיך אינעם גאָלד פון די לעצטע זונשטראַלן. אומגעבעטן און אָן הקדמות קערט זיך שלמה אום צו דער איבערגעריסענער דערציילונג:

— ...איז די נאַכט דאַמאָלסט אויף יעוו־באַז געווען אַ וואַרעמע, אַ ליבלעכע, מיט אַ שמאָל פאַסיקל לבנה אויפן הימל. די לאָמפּן אויף די ראָגן האָבן קוים געלויכטן אַרום זיך, אי דאָס אויך שוואַך... איך, אַ קליינשטעטלדיק, איינזאַם בחורל האָב אַרומגעבלאָנקעט אָן אַ וווהין און אָן אַ פאַרוואָס. וואָס דען? — גלאַט צו באַטראַכטן דאָס נאַכטיקע לעבן פון דער ריזיקער חיה, וואָס מען רופט זי קיעוו...

האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, האָבן זיי אַזוי געשפּאַנט צווישן די סאָסנעס אָן אַ שטעג, אָן אַ וועג. שלמה האָט נישט דערציילט, נאָר געשילדערט, געמאָלט אויפן פאָן פון דעם אָפּשטאַרבנדיקן טאָג און פון דער אָנקומענדיקער נאַכט זיין באַגעגעניש מיט מאַרינקען און דערנאָך זיין סלאַוווטער צווייטע באַגעגעניש; זיינע קיעווער מאַטערנישן; די זשיטאָמירער; ביז עס איז געשאַפן געוואָרן די מעגלעכקייט פון קומען צו ניקאָלאַיען און זאָגן אים: גיב מיר אָפּ מיינע נפשות! ער האָט אפילו נישט פאַרגעסן איר דערציילן וועגן מאַרינקעס טרערן ביים שיידן זיך; וועגן דעם אומגעוויינלעכן גליק פון טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען, דערזעענדיק איר אַלטיטשקען; וועגן הרב ביאַליקס מיינונג, אַז ער, שלמה, איז אַ שלעכטער מענטש; וועגן דעם ווי אים איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות צו גיין זיי אַקעגן שבת־צו־נאַכטס, אַרויסגייענדיק דאַמאָלסט פון די פייגנבוימס, צו באַגעגענען זיין פאָלין, זיין מלאך, זיין טייבעלע, זיין נשמה — זיין נשמה פון דער נשמה... נאָר ער האָט זיך דאָס גליק נישט געקענט פאַרגינען, מורא געהאַט זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ גוט וואָרט איידער עפּעס, און נישט געוואָלט זאָגן קיין שלעכטס, ווען עס ווייזט זיך אויף גוטס. אַלץ, אַלץ האָט ער איר דערציילט. נישט געווען קיין ברעקלע, וועגן וועלכן ער זאָל האָבן פאַרשוויגן. ווען ער האָט געענדיקט, זענען זיי אַ היפּשע ווײַלע געגאַנגען שטיל. יעדן פון זיי איז געווען אַ שאָד צו פאַרטרייבן די בילדער, וועלכע זענען דאָ ערשט אַזוי לעבעדיק אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער אומענדלעכקייט. נאָך היפּשע עטלעכע מינוט שווייגן, צופּרעסנדיק זיך צו שלמהס זייט, האָט פאָלי געזאָגט:

— אויסהערנדיק אָט דאָס שרעקלעך־העראָישע קאַפּיטל, אין וועלכן דו פאַרנעמסט דעם אויבנאָן, האָב איך דיך ערשט געוואָלט פרעגן, וואָס באַטייט איך קען דיר? וואָס געפינסטו אין מיר אַזעלכעס, איך זאָל די ווערט האָבן שטענדיק און אייביק זיך צו געפינען פאַר דיינע אויגן? נאָר ווי איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אונדז פאַרבינדט איצט אַ שבועה — איז שוין אַזאַ פראַגע נאַריש צו פאַרגעבן. נאָר איין זאַך וויל איך דיך פון דעסט וועגן יאָ פרעגן: פון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזאַ גוואַלדיקער טאַלאַנט, אַזאַ געוואַגטקייט, אַזאַ אומדערשראָקנקייט? איך געדענק נאָך גוט ווי דו האָסט דאַמאָלסט אין אַפּטייק פון געפּעאו מיט אַ קאַלטן לונג און לעבער אָפּגעשטופּט די האַנט מיטן רעוואָלווער, וואָס איז געווען גע־צילט אויף דיר. פון וואַנען? גוואַלד, פון וואַנען? מיר זענען דאָך אויפ־געוואַקסן כמעט צוזאַמען, פון דעסט וועגן האָב איך מורא פאַר אַ מויז, אַז זי לויפט דורך, און דו האָסט קיין מורא נישט געהאַט זיך אונטער־נעמען צו דערליידיקן אַזוינע צוויי ענינים! אַזוינע שרעקלעכע, אַזוינע פאַרפּלאָנטערטע צוויי ענינים! און דבורה האָט נאָך געוואָלט, אַז איך, אָדער אַווראַם זאָלן צופאָרן קיין סלאַוווטע... מיר וואָלטן דאָרט אַ שיין ביסל געווען אויפגעטון. ניין, ניין, זאָלסט נישט וואַגן מיר זאָגן, אַז עס איז נישט אַזוי. איך בין זיכער, אַז מיין באַשערטער איז דער גרעסטער העלד אין קיעוו. וואָס זאָג איך, אין קיעוו? אין גאַנץ אוקראַינע, ניין, טאַקע אין גאַנץ רוסלאַנד!...

— כאַ־כאַ־כאַ! נו, ווייטער! וואָס־זשע ביסטו שטיין געבליבן אויף דער מיט וועג? ניין, אין אייראָפּע! ניין, אויף דער גאַנצער וועלט!... אַך, דו נאַריש מיידעלע מיינס! אַ העלד, אַ העלד... דו רעדסט וועגן העלדישקייט אַזוי פראָסט, ווי פון קאַליעטשען שמעטערלינגען און זיי אָפּ־לאָזן פליען מיט אַ נאָדל אין בויך. אַ העלד, אַן אמתער העלד, דאַרף זיך שטענדיק געפינען אויף זיין הויכער מדרגה. און איך, וואָס? אָפּגע־שפּילט אַ וואָך — און איצט בין איך ווידער דער זעלבער וואָס אַלע, אַ פּראָסטער הי־וקים. און דו זאָגסט נאָך אַ העלד... עך דו, פּאַלקאַ קאָ־קעטקאַ...

— ניין, נישט אמת! דו ביסט שטענדיק, שטענדיק אַ העלד. דו שיידסט זיך דערמיט נישט אויף קיין איין מינוט, און אַצינד גיב מיר נאָך אַ העלדישן קוש אַהער! נו, דו האָסט דאָך ליב מיין חן־גריבעלע אויף דער באַק, און איך האָב ליב דיינע גריבעלעך ביי די ליפּן־ווינקלען. בעת דו ווילסט אַ מאָל בייז ווערן, ווינקען זיי, דיינע גריבעלעך, צו יענעם און זאָגן אים פונעם סוד: — „האָט פאַר אים קיין מורא נישט! דאָס מאַכט ער זיך נאָר אַזוי. אין תוך געגומען איז ער אָבער אַ גוטער, אַ גוטער. קיין שום בייז וועט ער אייך נישט טון". גיב אַ קוש, נאָר אַזוי, אַז איך זאָל אים האָבן צו געדענקען! אָט אַזוי! דו ווייסט דווקא, וואָס דער פסוק מיינט. איצט וועלן מיר פאָרן אַהיים אויפן באַל, אויף אונדזער באַל!...

עס איז שוין טאַקע שפּעטער פון ניין, צען מינוט אויף צען, היידאַ!

קאַפּיטל XLVII

באַלד אַראָפּגייענדיק פון טראַמוויי, האָבן זיי באַמערקט, אַז זייער שטוב איז די סאַמע באַלויכטנסטע אויף סאָלאָמינקע. פון די אָפענע פענצטער האָט זיך נאָך פון דערווייטנס דערטראָגן אַ פריילעך זשומען. עמעצנס זינגען, עמעצנס לאַכן. דורכגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק טון, געוואָלט דורכדרינגען מיט די בליקן, דורך די זאַרגעוודיק פאַרצויגענע פאָרהאַנגען: וואָס קומט דאָרט פאָר אַזוינס?

שלמה האָט אַ ווונק געטון פאָלין אויף די בליצנדיקע פענצטער:

— דאָס איז שוין יוספס איינפאַל. דאָס איז זיין שטענדיקער קאַפּריז. ווו עפּעס אַ רעכט פאַרברענגעניש, אַזוי ברענגט ער מיט זיך זיינע 300ער לאָמפּן. אַ ליכטיקע נשמה ביי אָט דעם גאָרדאָנען. אַ ליכטיקע און אַ זיסע.

ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אויף דער שוועל, ביידע אין ווייסן ווי די מלאכים, האָט זיך אויפגעהויבן אַ רעש ווי פון אַן אויפרייס:

— שאַ, זיי גייען, זיי גייען, זאָל זיין שטיל!...

— צפורה!... אסתר!... די קינדער זענען שוין דאָ, די קינדער זענען שוין געקומען...

— ש־ש־שאַ!... איי — שאַ!... שאַ, שטילער!...

יוסף גאָרדאָן האָט אַראָפּגעכאַפּט פונעם טיש אַ פלעשל משקה מיט צוויי קעלישקעס און זיך דורכגעשפּאַרט צו די אָנגעקומענע:

— שלמה, פאָלי, קוקט נישט אין ערגעץ, נאָר אין פלעשל... דאָס ערשטע איז — קידוש מאַכן...

שלמה, אַן איבעראַשטער פון אַזאַ „ברוך־הבא" און פון אַזאַ גרויסן עולם, פרעגט אים איבער צעטראָגן:

— נאָר דאָס ערשטע? אפשר איז נישקשה דאָס צווייטע?

גאָרדאָן, מיט אַ קינדערשער קאַפּריזניקיים:

— ניין, יונגערמאַן, ס'איז נישט נישקשה... נאָר דאָס ערשטע... דער אייבערשטער האָט אויך אין דער ערשטער פרשה פון בראשית קידוש געמאַכט...

מיכאל מיט זעליק פייגנבוים כאַפּן אונטער גאָרדאָנען מיטן פלעשל הינטן אַרומער און טראָגן אים אָפּ אין אַ זייט. דער וועג איז אָבער נאָך נישט פריי. אַלע שטופּן זיך צו די אַריינגעקומענע. עס דערהערן זיך קולות פון אַלע זייטן:

— לאָזט, לאָזט זיי צוקומען נעענטער... וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש?

עטלעכע צענדליק פאָר הענט האָבן שלמהן אונטערגעהויבן און אים געטראָגן איבער דער שטוב.

— הוראַ, הוראַ!... מאַלאַדיעץ שלמה!... הייבן אים!... וואַרפן אים!...

שלמה האָט געכאַפּט גוטע עטלעכע קלעפּ מיטן קאָפּ אין דער סטעליע. ער האָט געבריקעט מיט די פיס, געלאַכט, געשריגן, פּראָטעסטירט, נאָר

קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צו אים. יוסף פון איין זייט און אי־סאַק אַבראַמאָוויטש פון דער צווייטער זענען געשטאַנען אויף בענקלעך און האָבן קאָמאַנדעוועט:

— הערט אים נישט!... העבער!... שטאַרקער!...

שלמה האָט באַמערקט דאָס חלישת־דעת פון פּאָלין, ווי זי איז אַן אומבאַמערקטע געבליבן שטיין אין אַ זייט, פאַרגעסן פון אַלעמען. ער האָט אַראָפּגעשריגן פון אונטער דער סטעליע, אָנווייזנדיק אויף איר:

— אָדער הייבט זי אויך, אָדער לאָזט מיך אויך אַראָפּ...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און אַראָפּגעלאָזט שלמהן אויפן פּאָל. שלמה האָט זיך באַטאַפּט דעם קאָפּ, צי עס איז נישטאָ קיין בייל, געוויזן יוספן אַ קולאַק און זיך געשמאַק צעקושט מיט איסאַק אַבראַמאָוויטשן. ס'איז צוגעגאַנגען קלאַראַ מאָיסיעיעוונאַ, אַ שנאָל געטון שלמהן אין דער נאָז און פריינדלעך, מיט געפיל געדריקט זיין האַנט מיט אירע בײדע הענט:

— מזל טוב אייך, סאָלאָמאָן אַראָנאָוויטש! ערשטנס, מיטן דערפאָלג, וואָס אייער אונטערנעמונג האָט געהאַט. איסאַק האָט מיך טאָג־טעגלעך אינפאָרמירט וועגן דעם גאַנג פון די געשעענישן. איך האָב אייך אַזוי מיטגע־פילט, אַזש גאָט געבעטן פאַר אייך!... דאָס וואָס איך טו קיין מאָל נישט.

— טייערע קלאַראַ מאָיסיעיעוונאַ, איך האָב שטענדיק געוווּסט, אַז איר פאַרמאָגט אַ דימענטענעם כאַראַקטער, נאָר איצט ווייס איך שוין אויף גע־ווים, אַז נאָר אין זכות פון אייערע תפילות האָט מיר גאָט געהאָלפן.

— גייט אייך, גייט, איך רעד ערנסט און איר מאַכט אייך געלעכ־טערלעך.

— קלאַראַ מאָיסיעיעוונאַ, ווי פאַלט אייך גאָר אַזוינס איין? וואָס הייסט גאָר לאַכן? נאָט אייך גאָר אַזוינס... יאָ, איר האָט דאָך געזאָגט ערשטנס, וואָס זשע איז צווייטנס?

— צווייטנס, זענען אייערע „אימענינעס". אייער פאָטער האָט אונדז דאָ דערציילט, אַז ערשט נישט לאַנג זענען געווען אייערע אימענינעס.

— איר קענט שוין מיין פאָטער אויך?

— וואָס דען, מיינט איר? מיר זענען דאָ געשלאָפן? איר האָט גע־רופן אויף צען, און מיר מיט סאָלאָמאָן איסאַיעוויטשן זענען געקומען האַלב צען.

— סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש? ווו זשע איז ער דען? האַ! אַנט־שולדיקט, טייערער סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש, איך האָב אייך גאָרנישט באַמערקט... נו, אַ דאַנק אייך, ליבע חברימלעך!... פריער גאָט און דער־נאָך איר... איך בין אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך... וואָס זאָגט איר, אי־סאַק אַבראַמאָוויטש? סאָלאָמאָן איסאַיעוויטשעס פרוי? וואָס זשע שווייגט איר? עך, דזשענטלמענער וואָס איר זענט...

און צו דער אָנגעווייזענער פרוי:

— דערלויבט זיך באַקענען. מיך רופט מען סאָלאָמאָן...

— ראָזאַליאַ דאַווידאָוונאַ.

— זייער, זייער אָנגענעם. אין פּופּציק פּראָצענט פון דער שמחה

איז אייער מאַן שולדיק און אין די צווייטע פּופּציק פּראָצענט — קלאַ־
רא מאָיסיעיעווגעס מאַן. און וואָס איר זאָגט אימענינעס, זענען ביי מיר
אַצינד בפירוש דאָפּלטע אימענינעס. מיט דריי טעג פריער — איך, און מיט
פינף טעג פריער — מיין כלה... פּאָלי! ווו איז ערגעץ פּאָליאַ?

פּאָלין האָט מען נישט געדאַרפט זוכן. זי איז פונעם אָנהייב שמועס
אָן געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצעס און האָט אַלץ געהערט.

— פּאָלי, באַקען זיך מיט די חברים און מיט זייערע פרויען. זיי
האָסטו דאָס צו פאַרדאַנקען, וואָס דיין פּעטער איז נישט קיין „עליו
השלום”...

ביי פּאָלין האָבן זיך געביטן די פאַרבן אין פּנים. זי איז אין דער
מינוט געווען אַזוי וווּנדערלעך שיין, אַז נישט ווילנדיק האָבן זיך אַלע
פאַרקוקט אויף איר און אין שטוב איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל. אין
אירע שיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן פון דאַנקבאַרקייט. זי האָט
לאַנג און הייס זיי געדריקט די הענט. איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט זיך
אָנגעבויגן צו איר אויער, און געזאָגט אַ סוד, אַז אַלע זאָלן הערן:

— איך מוז אייך זאָגן בסוד, פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ, כאָטש עס איז נישט
ליטויש פון מיין זייט צו מאַכן אַ בייז לעבן צווישן חתן־כלה, נאָר אייער
סאָלאָמאָן איז במחילה שטאַרק געכאַפּט אויף זאָגן אַ ליגן...

— איר שפּאַסט מסתמא...

איסאַק אַבראַמאָוויטש, שוין אויפן קול:

— ווער שפּאַסט? איך שפּאַס? אָט זאָל עמעצער פרווון אומיסטן
זאָגן, אַז ער זעט אויף מיין פּנים אפילו אַ שמייכל. חברים און חברטעס,
זאָגט איר איר. מיר גלייבט זי נישט: איך לאַך, צי ניין?

אַלע לאַכן און פּאָלי אויך.

— מיט וואָס זשע איז מיין סאָלאָמאָן אַ ליגנער?

— און נאָך וואָס פאַר אַ ליגנער, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער
הערנדיק!... אָט האָט ער אייך ערשט איינגערוימט, אַז די שולדיקע אין
אייער פּעטערס באַפרייאונג זענען מיר, איך, הייסט עס, מיט סאָלאָמאָן
איסאַיעוויטשן. קען דען זיין נאָך אַ גרעסערער ליגן דערפון? וואָס
שווייגט איר, סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש? ניין, כ'מיין טאַקע ערנסט, וואָס
שווייגט איר, וואָס?

סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש לאַכט און פּאָלי דריקט זיך צו פּעטער צו
שלמהס אָרעם, ווי זי זאָל מורא האָבן, אַז עמעצער זאָל אים ביי איר נישט
צונעמען. איסאַק אַבראַמאָוויטש קריכט אַרויף אויף אַ שפּיץ טיש. עס
ווערט אין גאַנצן שטיל. ער ווענדעט זיך פּלוצעם צום בעל־הבית:

— ר' אפרים־אהרון, דאָ אין שטוב זענען פאַראַן בלויז פריינד?

— בלויז פריינד און גוטע ברידער, וואָס זענען נישט ערגער פון
פריינד...

— מען מעג אַלץ רעדן אָפן?

— מען מעג, מען מעג, וואָס איר ווילט, מעגט איר רעדן, קיין שפּיאָ־
נען זענען ביי אונדז נישטאָ.

איסאַק אַבראַמאָוויטש ווייזט שלמהן צוויי קולאַקעס: „וואַרט, איך וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען”! שלמה ווייזט אים אַ פינגער ביים מויל, ער זאָל שווייגן. איסאַק אַבראַמאָוויטש, דערזען די אזהרה, צעברענט זיך אין זיינע גרויסע, שיינע אויגן אַ צו־להכעיס פייערל און ער פּאַליעט אַרויס אין איין אָטעם:

— זאָלט איר וויסן זיין, חברים, אַז אָט דער שלמה אפרים־אהרונס, ווי איר קוקט אים אָן, איז אַ געפּערלעכער ליגנער, ווי מיר האָבן שוין דאָ גערעדט, און אַ גאַנעפעץ — פרעגט שוין גאָרנישט!... זיינע פּעקלעך וואַרפט ער אַרויף אויף עמעצן און דו לייד פאַר אים! נאָר וואַרט אויס, מיר וועלן אים דאָ באַלד אַראָפּרייסן די מאַסקע זיינע. נאָר געדולד! איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן...

איסאַק אַבראַמאָוויטש כאַפּט איבער דעם אָטעם. שלמה גיט אים אַ צי ביי די הויזן, ער זאָל שוין בעסער אַראָפּגיין פונעם טיש, ער האָט שוין יוצא געווען, נאָר איסאַק אַבראַמאָוויטש קוקט אפילו נישט אין זיין זייט. ער באַקוקט אַלעמען און זאָגט ערנסט:

— איך בין שוין, רבותי, אַלט פערציק יאָר נאָך מיט אַ שמיץ!... איך האָב שוין אין מיין לעבן פיל, פיל געזען און קענען געלערנט. דעם גאַנצן אימפּעריאַליסטישן און בירגערקריג געווען אין די ערשטע רייען... אויף די קאַרפּאַטן זיך געשלאָגן, הינטער מאַנדזשוריע זיך געשלאָגן, אין צאַריצין געכאַפּט אַ קויל אין פוס, קראַנשטאַדט אויף אַ פּאַנצערשיף מיט דער ברוסט פאַרטיידיקט... נאָר דאָס אַלץ איז נישט וויכטיק, איך וויל אייך נאָר זאָגן, אַז איך האָב אין מיין לעבן דורכגעמאַכט אַ גוטע שול און זיך געקענט מיט טויזנטער און טויזנטער מענטשן, נאָר אַזאַ מענטשן ווי אונדזער שלמהן האָב איך נאָך נישט באַגעגנט. דאָס זאָג איך ווי אַ באָלשעוויק, אָן קאָמפּלימענטן...

אין זאַל ברעכט אויס אַ שטורמישע אָוואַציע. שלמה שטייט ווי אויף הייסע קוילן. ער קען זיך קיין עצה נישט געבן, וואָס צו טון מיט די הענט. פּאָלי נעמט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ. זי קען זיך צו דער זעט נישט אָנקוקן אין זיין פּנים. פון איין זייט איז איר אָנגענעם, וואָס מען לויבט אַזוי איר שלמהן, פון דער צווייטער זייט איפּערט זי אַ ביסל, פאַר וואָס נאָך עמעצער, אַחוץ איר, איז אויף אים אַזאַ גוטער מבין. איסאַק אַבראַמאָוויטש דערוויל זעצט פאָר זיין רעדע:

— איך האָב שוין געזען אויף מיין לעבן, וואָס עס הייסט העלפן אַ חבר. געזען, ווי איין זעלנער טראָגט אַרויס דעם צווייטן פון אונטערן פייער, ריזיקירנדיק בשעת־מעשה מיט זיין אייגן לעבן. געזען, ווי אַ מאַטראָס וואַרפט זיך אין ים אַריין, קעמפט מיט ריזיקע כוואַליעס, כּדי צו ראַטעווען אַ חבר, וואָס טרענקט זיך. דאָס אַלץ איז זייער גרויסמוטיק, נאָר וויפל דויערט עס? מינוטן, שעהן... דאָס מאָל האָב איך געזען, ווי אַ מענטש האָט זיך מפקיר געווען פאַרן צווייטן אַ גאַנצע וואָך צייט... פאַר מיינע אייגענע אויגן איז אַלץ פאָרגעקומען. פון זינט איך האָב אים גע־

פונען דריי ביי נאַכט אין וואַלד איינעם אַליין שלאָפן אויף דער הוילער, נאַסער ערד, ביז דעם היינטיקן זונטיק ביי טאָג, ווען ער איז מיטן לעצטן אָטעם אַרויסגעלאָפן פון דער שטאָטמיליץ צוואַנציק מינוט פאַרן צוג, און איז אַוועקגעפאָרן! קיין איינצלהייטן האָב איך קיין רשות נישט אייך איבערצוגעבן —

שלמה, אויפן קול:

— אויף דעם, וואָס איר האָט שוין דערציילט, האָט איר אויך קיין רשות נישט געהאַט!...

איסאַק אַבראַמאָוויטש, נישט שענקענדיק קיין קוק אין שלמהס זייט:

— אויף דעם, וואָס איך האָב שוין דערציילט, האָב איך קיין רשות נישט געדאַרפט פרעגן... ווייס איך, וואָס הערט איר אים? דאָס איז דאָך אַזאַ טיפּ, וואָס איר קענט אייך אויסלעבן אייערע יאָרן, און ער וועט אייך פון זיך גאָרנישט דערציילן. איר הערט מיך! — די פּיאַטיגאָרסקיס זע־נען געבענטשטע עלטערן, וואָס זיי האָבן אַזאַ זון, און זיין כלה איז אַ גליקלעכע —

שלמה לויפט צו, און טראָגט אַראָפּ איסאַק אַבראַמאָוויטשן אויף די הענט פונעם טיש. עס ווערט אַ געפּליעסקעריי. חברה לויפט צו, זיי ווילן שלמהן נאָך אַ מאָל נעמען וואַרפן אין דער לופט, נאָר שלמה גיט אַ ווונק אויף איסאַק אַבראַמאָוויטשן, און יענער פליט ווי אַ באָל ביז דער סטעליע. שלמה גיט אַ ווונק אויף סאָלאָמאָן איסאַיעוויטשן. צען פּאָר הענט האַלטן אים שוין גרייט צום וואַרפן, נאָר יענער ציטערט מיט אַלע אברים, בעט זיך ביי שלמהן, ער זאָל אים אַמנעסטירן דאָס מאָל...

די שמחה אין שטוב וואַקסט. עס קומען אָן פּאַרשפּעטיקטע געסט. די ווייסבאָרדס פאָרן צו מיט אַן אויטאָ. איסאַק אַבראַמאָוויטש הייסט, נישט אָפּשיקן דעם אויטאָ, ער דאַרף אים האָבן. שלמה פירט צו שמוא־ליקן צו אים מיט סאָלאָמאָן איסאַיעוויטשן און שטעלט אים פאָר:

— אָט מיט דעם יידן בין איך אַזוי שווער און ביטער געגאַנגען צו קינד...

סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש קייכט פאַר געלעכטער פון שלמהס וויץ. איסאַק אַבראַמאָוויטש וויל שלמהן אויף צו־להכעיס נישט לאָזן:

— איר האָט זיך קוים דערמאָנט, און מיר האָבן געבעטן אים אונדז פאָרשטעלן באַלד, ווי נאָר מיר זענען אַריינגעקומען.

שלמה הייסט זיך אַריינשיקן דבורהן פון דער קיך. זי קומט צו, אין אַ ווייסן כאַלאַט, ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, מיט אַ פאַלומיסאַק אין די הענט. שלמה ווייזט אָן אויף איר:

— און אָט דאָס איז זיין קראַסאָוויצע, וואָס האָט אים געזאָלט נאָכ־פאָרן. זי איז שוין געווען אויף סאַכאַלין, און איז שוין דאָ צוריק.

דבורה וואַרפט אַ פאַרגעטערנדיקן קוק אויף שלמהן און אַנטלויפט אין קיך אַריין.

איסאַק אַבראַמאָוויטש נעמט אָן שלמהן ביי די לאַצן:

— זאָג מיר נאָר, מיין טייערער שפּילפויגל, און ווו איז דאָס עפּעס

ווינאָגראַדאָוו? אים האָסטו דען געפּונען הינטער אַ פּלויט, צי וואָס? ער איז, דאַכט זיך, אויך אַ שטיקל מחותן אויף דער חתונה?!

שלמה גיט זיך אַ פּאַטש אין שטערן:

— איי־איי־איי!... עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, באַרעכן נאַר.

— ס'איז איר, פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ, פאַרקלאַפּט אים דאָס אַזוי דעם קאָפּ, אַז ער פאַרגעסט פון דאַנען אַהין?

פּאָלי, רויט ווערנדיק:

— מסתמא געדענקט איר נאָך אָט דאָס „פאַרקלאַפּעניש" פון אייער חתן־צייט, וואָס איר פרעגט אַזוי...

שלמה קוקט אויפן זייגער: דריי פערטל אויף צוועלף. ער רעדט צו זיך אַליין:

— וואָס עס איז שפּעט — מאַכט דווקא נישט אויס. איך קען מיר פאַרגינען אים אָראָפּנעמען פונעם געלעגער אויך, דאָס איז גראָד אַ קלייניקייט. אָבער טאָמער גייט שוין גאָר קיין טראַמוואַי נישט... אַזאַ מהלך רב פאַר אַן עלטער פּאָרפאָלק...

איסאַק אַבראַמאָוויטש קרימט זיך אים איבער:

— טראַמוויי! טראַמוויי! גיי, איך האָב פאַרהאַלטן דעם אויטאָ, מיט וועלכן ס'איז געקומען צו פאָרן אונדזער פאַרוואַלטער פון דער באַזע. ספּעציעל צוליב דעם פאַרהאַלטן. פאָר אין ברענג אים, לעבעדיק אָדער טויט.

שלמה כאַפּט אַרום איסאַק אַבראַמאָוויטשן און גיט אים אַ קלינגענדיקן קוש:

— קלאַראַ מאָיסיעיעוונאַ, איר ווייסט דען ווען איר פאַרמאָגט? איר מעגט בענטשן גומל וואָס — פאַרמאָגנדיק אַזאַ טייערן אוצר — האָט מען אייך אין יאָר 1928 נישט ראַסקולאַטשעוועט...

שלמה שטעלט זיך אויף, זופּט דורך מיט די אויגן אַלע פאַרזאַמלטע, און רופט צו יוספן מיט אַדלערן, דינה כאַדאָראָוו מיט טאַנין:

— חברים, איאָ דער אויטאָ וואָס וואָרט אין דרויסן איז אַ „זים"?* האַ? יאָ? איז גוט! האָט ער ערטער געגוג. זעצט זיך אויף אין פירן. אָט גיב איך אייך אַן אַדרעס מיט אַ צעטעלע. פאָרט און ברענגט מיר אַהערצו דעם פּראָפעסאָר ווינאָגראַדאָוו מיט זיין פרוי. פאָרט אין פירן, כדי עס זאָל זיין בכבודיקער. ער איז זייער אַ חשובער אַלטיטשקער.

ער וואַרפט אָן אויף אַ נאָטיצבלעטל זיין אַדרעס און עטלעכע ווערטער: „געערטער סערגעי טימאָפעיעוויטש! מיר האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט, אייניקע גוטע ברידער, צו פייערן מיין דערפאָלג און אייער באַפרייאונג. איך בעט אייך, אונדז צו באַערן מיט אייער אָנוועזנהייט. נעמט אומבאַדינגט מיט טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען. סאָלאָמאָן".

דורכן פענצטער האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש פון אַן אָפּפאָרנדיקן אויטאָ.

---

* אַן אויטאָ וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער מאַרקע: „זאַוואָד אויפן נאָמען פון סטאַלין".

קאַפּיטל XLVIII

שלמה האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש:

— רבותי! אין צוואַנציק, דרייסיק מינוט אַרום וועט מען אַהער ברענגען אַן אַלט פּאָרפֿאָלק. איר זעט די מענטשן זיכער צום ערשטן מאָל. דאָס איז פּראָפֿעסאָר ווינאָגראַדאָוו, דער דירעקטאָר פֿון קינדער־שפּיטאָל, מיט זיין פֿרוי. כּדי איר זאָלט וויסן, וואָס פֿאַר אַ שייכות ער האָט צו אונדזער היינטיקער שמחה, וועל איך אייך אין קורצן דערציילן, פֿון וואַנען איך קען אים.

שלמה האָט אין אַלגעמיינע שטריכן, נאָר זייער פּלאַסטיש, דערציילט פֿון ווינאָגראַדאָווס אומגליק, וועגן זיין צופֿעליקער באַגעגעניש מיט טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען, און ווי אַזוי אים איז געלונגען אומצוקערן אים די פֿרייהייט.

דער עפֿעקט פֿון זיין דערציילונג איז געווען אַ גרויסער. אַלע האָבן שלמהן פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט דאָ מקדש השם געווען און אים זייער געלויבט פֿאַר זיין שאַרפֿזיניקייט. אַלע זענען געווען נייגעריק אָנצוקוקן דעם זיבעציקיעריקן אַרעסטאַנט. פֿון דער קיך האָט מען אַ ידיעה געגעבן, אַז מען קען זיך שוין גיין וואַשן. מען האָט אָנגעהויבן אָפּרוימען דאָס פֿאַרבייסן פֿון די טישן. פֿאָלי איז אויך צוגעגאַנגען, געוואָלט העלפֿן, נאָר שמואליק מיט מנשהן, וואָס זענען פּונקט דערביי געשטאַנען און האָבן עפּעס שטיל געשמועסט, האָבן זי נישט געלאָזט זיך צורירן צו גאָרנישט. שמואליק זאָגט איר:

— אויף מיין שמחה ווילסטו אויפֿרוימען? דאָס געהער צו דבורהן מיט די קינדער. גיי פֿרעג ביי איר, אויב זי וועט דערלויבן —

מנשה, קוקנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, זאָגט איר:

— הערט אויס, פֿאָלי, וואָס איך וועל אייך זאָגן. די גמרא זאָגט אין אַן אָרט: האי עלמא לבי־הילולא דמיא. די וועלט איז געגליכן צו אַ טאַנצזאַל. מיט וואָס איז זי געגליכן צו אַ טאַנצזאַל? דערמיט וואָס נאָר איין מאָל אין לעבן טאַנצט מען דאָרט אויף אַן אייגענער חתונה, און אַלע איבעריקע יאָרן — נאָר אויף פֿרעמדע. ביי אַ מענטשן אין לעבן טרעפֿט נישט מער ווי איין חתונה... היינט ביי מיר, מאָרגן ביי דיר, אָבער נאָר איין מאָל אין לעבן גייט מען דורך אָט דעם קאָן. איר מיינט, אַז ביי אייך וועט דאָס גאַנצע לעבן זיין פֿון בלויז אַזעלכע אויפֿדערנאַכטן? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! היינט איז אייער טאָג!... אייער שלמה, דאָס הייסט: אונדזער שלמה, אונדזער אַלעמענס שלמה, האָט אָפּגעטון אַזאַ שטיקל אַרבעט, וואָס וויפֿל מען רעדט דערפֿון, איז מען נאָך אַלץ נישט קיין מבינים דערויף. דאָס איז העכער פֿון אונדזער השגה. קיין פּרטים וועט שלמה נישט דערציילן, סיידן אפֿשר אייך יאָ. נאָר מען קען זיך שוין פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ וואָך ער האָט געהאַט, איר הערט דאָך: עטלעכע שעה פֿאַר ליכטבענטשן האָט ער אַלס קאַפּיטאַן אַרויסגערופֿן צו זיך שמואליקן פֿון דער טורמע; שבת איז ער געווען אין זשיטאָמיר; שבת־

צו־נאַכטס האָבן אים אונדזערע קינדער געזען ביי די פייגנבוימס; דאָ געפינט מען אים ליגן אין אַ וואַלד; דאָ פאַלט ער אַריין צו פרידמאַנען אויף אַ נאַכט, דאָ — צו הרב ביאַליק. עס איז אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט, אָבער אַ שיינע מעשה, אוי אַ שיינע!... איר מעגט זיך אײַ־בערנעמען... געדענקט, נאָך אַ מאָל שלמה איז נישטאָ... אַזעלכעס טרעפט איין מאָל אין טויזנט יאָר...

פּאָלי איז געשטאַנען פאַררויטלט און האָט נאָר געשעפּטעשט:

— איך ווייס... איך ווייס... איר מיינט, איך ווייס נישט?

גלייך אין גאַניק אַריין איז מען אַריינגעפאָרן מיט אַ בופאָר, און דער מאָטאָר איז שטיל געוואָרן. אויף דער שוועל איז אויסגעוואַקסן די פולע פיגור פון סערגעי טימאָפיעיעוויטשן און די שטאָלצע פיגור פון טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען.ביידע איז זיי שווער געווען צו דערקענען. אויפן אַלטן איז פאַר דעם איינעם טאָג אַ נייע הויט אַרויפגעצויגן געוואָרן. שלמה איז זיי אַקעגנגעלאָפן:

— ביטע, ביטע, סערגעי טימאָפיעיעוויטש. טוט אַ געפעליקייט, קומט אַריין, טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, איך בין אייך שולדיק אַ מזל־טוב! איך ווינטש אייך, פון היינט אָן, זיך קיין מאָל שוין מער נישט שיידן מיט אייער מאַן! סערגעי טימאָפיעיעוויטש, זייט זיך מודה, איר האָט זיך היינט אויסגעשלאָפן, צי נאָך נישט?

שלמה האָט זיי וואַרעם געדריקט די הענט, נישט געלאָזט טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען זיך קושן די האַנט, און אויסשטרעקנדיק די האַנט אין זאַל אַריין, געזאָגט צום אַלטן פּאַרפּאַלק:

— טאָמער מיינט איר, מיינע ליבע געסט, אַז איר זענט דאָ אַרײַנ־געקומען אין אַ פרעמדער סביבה, האָט איר דווקא אַ טעות. איך האָב ערשט באַקאַנט געמאַכט דעם גאַנצן עולם מיט אייער געשיכטע, אַזוי אַז אַלע קענען אייך. נאָר פון דעסט וועגן וועל איך אַליין צופירן צו אייך יעדן באַזונדער און פאַרשטעלן. קלאַראַ מאַיסיעיעוונאַ, זייט אַזוי פיל גוט, אויף איין מינוטקעלע אַהער צו. איר זעט, טאַטיאַנאַ מיכאַי־לאָוונאַ? אָט דער פרוי מיט איר מאַן האָט איר צו פאַרדאַנקען, וואָס סער־געי טימאָפיעיעוויטש איז איצט ווידער מיט אייך. וויפל איר זאָלט איר נישט דאַנקען, איז נישט צו פיל.

מאַדאַם שטיינבערג פראָטעסטירט, נאָר פרוי ווינאָגראַדאָוו האַלט זי שוין פאַר ביידע הענט, קוקט אויף איר מיט אַזוי פיל דאַנקבאַרקייט, מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט, אַז יענע קען נישט אָפּווענדן פון איר די אויגן.

— איך דאַנק דיר, טאָכטער מיינע, איך רוף אייך אַזוי, ווייל איר זעט אויס נאָך זייער יונג. איך דאַנק אייך אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב גאָר קיין ווערטער נישט... גלייבט מיר!...

— און מען דאַרף טאַקע נישט אויך. ערשטנס, ווייל דער חבר סאָ־לאָמאָן האָט אַ ביסל איבערגעטריבן, קיינער האָט גאָרנישט אויפגעטון,

נאָר ער אַליין. צווייטנס, דאַרף מען גלאַט נישט דאַנקען, דאָס איז געטון געוואָרן נישט צוליב דאַנק, בלויז פון מענטשלעכקייט, מער גאָרנישט.

שלמה באַקענט די פריש אָנגעקומענע געסט מיט אַלעמען. מען נעמט אַרויף סערגעי טימאָפּיעיעוויטש אויבנאָן, און מען שטעלט אים אַ שטול צווישן הרב ביאַליק און דעם זיידן שלומען. טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען זעצט קלאַרא מאַיסיעיעוונאַ אַוועק צווישן זיך און ראַזאַליאַ דאַווידאָוונען. דאָס אַלטע פּאָרפאָלק איז גערירט פון דער וואַרעמער אויפנאַמע, פון דעם אָפּגעבן זיי דעם אויבנאָן. דער עולם גייט זיך וואַשן און זיי אויך. אויף די טישן ווערן דערלאַנגט כלערליי מינים פיש: קאַרפּן, ליעשטשעס, קאַראַסן, און נאָך פאַרשידענע מינים. אָט די בריה׳ש געקאָכטע און געפּרעגלטע פיש, די צענדליקער טעצעלעך און שעלעכלעך מיט פישויך, וואָס זענען אַרומגעלייגט מיט אויסגעקאָכטע לאָרבער־בלעטער, וואָס זענען געדיכט באַווירצט מיט אַ שלל פּראַשקעס און בשמים פון די „זשורנאַלן" — פאַרשמעקן ממש די שטוב. צווישן דער מחנה טעלערלעך און געשליפענעם גלאָזוואַרג זעען זיי אויס ווי בלומען־בייטן. די מעטערדיקע פּאַלומיסקעס זענען אָנגעלאָדן מיט פולע, רויטע, שוואַרץ־קערלדיקע זויערע קאַוועגעס און ניעזשינער אוגערקעס. אויפן טיש זענען אָנגעשטעלט אָן אַ שיעור פלעשער משקה, רויטע, טונקל־ברוינע און ווייסע. נאַסטאַיקעס פון קלובניקע*, פון דערעזן, פון סמאַראָדינע, און עטלעכע מינים וויינען פאַרפּראַוועט מיט מאַראַנץ, מיט וואַניל און מיט נעגעלעך. די אַטמאָספערע אין זאַל ווערט אָנגעגליט. עס רייסן זיך געזאַנגען פון האַלדז, עס בעטן זיך וואַרעמע ווערטער אויף דער צונג, יעדן איינעם גלוסט זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר אַזאַ זעלטן אָפּגעקליבענעם עולם ווי דאָ אין דעם אויפדערנאַכט. שלמה מיט פּאַלין זעצן זיך נישט צו, זיי קאָמאַנדעווען מיטן פּאַראַד. ווען זיי דאַרפן ענדלעך אויך נעמען עסן, איז שוין פאַר זיי קיין ערטער נישטאָ. קלאַדניצקי גיט אַ ווונק מיכאַלן, יענער טראָגט אַריין פון שלאָפצימער אַ טואַלעט־טישעלע, דאָס טישעלע ווערט אַוועקגעשטעלט אין מיטן צימער. עס וואַקסט אויס דערויף אַ שניי־ווייס טישטעכל און צוויי בענקלעך ביי די זייטן. דער עולם איז אַנטציקט פון דעם אויפטו, וואָס חתן־כלה געפינען זיך אין צענטער פון זאַל, ביי אַלעמען פאַר די אויגן.

נאָך די פיש און פאַר דער יויך מאַכט אברהם פיינגבוים אַ פאָרשלאָג:

— אַזוי ווי היינט אויף דער נאַכט איז אָן אַ שיעור גערעדט געוואָרן וועגן אונדזער טייערן, ליבן שלמה פּיאַטיגאָרסקי, וויל איך פאָרלייגן, אַז צום שלום זאָל דער אימענינניק אַליין זאָגן עטלעכע ווערטער.

אין זאַל האָבן זיך אַ שאָט געטון אַפּלאָדיסמענטן ווי אַ האָגל איבערן דאַך. שלמה האָט געזען, אַז עס וועט אים גאָרנישט העלפן, דאָס מאָל וועט ער זיך שוין אַזוי נישט אַרויסדרייען. פּאַלי האָט אונטערן טיש אַרויפגע־

---

* אַ משקה פון קלובניקעס.

ליגט איר האַנט אויף זיינער, מיט אַ וואַרעמען בליק אים אַ גלעט געטון דאָס פּנים:

— זאָג עפּעס, שלמהלע, דו קענסט דאָך, אַז דו ווילסט...

שלמה איז אויפגעשטאַנען, האָט שאַרף באַקוקט דעם שטיל געוואָרענעם עולם, זיך אַ רייב געטון דעם שטערן, און איז אויף אַ ווײַלע פאַרגליווערט געוואָרן. עפּענענדיק צוריק די אויגן האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיין זיידעס שלומס בליקן, אַ שעפּ געטון פון זיינע קוואַלן פולע זשמעניעס מיט התרוממות־הנפש און מיט זיין מעכטיקן טענאָר אָנגעהויבן:

— עס שטייט אין פּסוק: „ואהבת את ד׳ אלהיך" — זאָלסט ליב האָבן גאָט! פרעגט זיך: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? ווי קען אַ בנין פון פלייש און בלוט, וואָס איז אפילו נישט משיג דעם מהות פון „כביכול", וואָס איז אפילו נישט קיין מבין אויף זיינע דרכים און וואָס איז פאַרקערט גאָר אָפט מאָל אַזוי קורצזיכטיק, אַז עס דאַכט זיך אים גאָר, אַז דער באַשעפער טוט אים שלעכטס — פונקט ווי אַ קינד ווען די מוטער צוואָגט דעם דאָס קעפּל, וויינט עס און שרייט; עס מיינט, אַז די מוטער איז זיך נוקם אין אים. ווי זשע קען טאַקע אַזאַ פּראָסטע באַשעפעניש ווי אַ בשר־ודם גאָר ליב האָבן גאָט? דאָס איז דאָך אויסטערליש! נאָר אַן ענטפער אויף אָט דער בייסנדיקער פראַגע גיט אונדז דער „זוהר הקדוש". ער זאָגט: קודשא בריך הוא ואוריתא וישראל חד הוא. אין אָט דעם כלל שטעקט דער גאַנצער סוד. פונקט ווי די ייִדן אָן גאָט קענען קיין קיום נישט האָבן, אַזוי דער „כביכול" אָן די ייִדן האָט אויך קיין שום טעם נישט. ווײַל גאָט און די ייִדן — דאָס איז איינס און דאָס זעלבע. ווילסטו מקיים זיין די מצוה פון ואהבת את ד׳ אלהיך — האָב ליב דיין ברודער ווי זיך, ווײַל גאָט האָט זיך פאַרקערפּערט אין די ייִדן. פאַרקערט, אַנדערע זענען נאָך ווייטער געגאַנגען אין דער סברא. זיי האָבן דערוויזן, אַז אהבת־ישראל שטייט נאָך פיל העכער פון אהבת־הבורא און האָבן מסביר געווען זייערע רייד אויף אַזאַ אופן: אויב אַ מענטש האָט ליב דעם חבר זיינעם, איז נאָך דערפון כלל נישט משמע, אַז ער מוז צוליב אים אויך ליב האָבן זיינע קרובים. באַטש דאָס פאָלק האָט ליב איבערצוחזרן דאָס ווערטל: „אַז מען האָט ליב דאָס ווייב, האָט מען אויך ליב די משפחה", אָבער דאָס ווערטל בלייבט אַ ווערטל און אין לעבן זעען מיר גראָד דאָס פאַרקערטע: דער ערשטער מאָטיוו אויף צו קריגן זיך צווישן אַ פּאָרפאָלק איז די שנאה צו שווער און שוויגער. אַז איינער זאָל ליב האָבן דעם צווייטן אַזוי שטאַרק, אַז אים צוליב זאָל ער שוין אויך ליב האָבן זיינע קרובים — דאָס טרעפט מען זעלטן. איצט אַזוי ווי די ייִדן זענען ביים איבערשטן פאַררעכנט פאַר אייגענע קינדער, בנים אתם למקום, איז דער, וואָס איז מצוין באהבת־ישראל, באַווייזט דערמיט דער וועלט, אַז נישט נאָר זיין באַשעפער האָט ער ליב, נאָר אפילו די יעניקע, וואָס זענען דעם באַשעפער ליב. אַזוי, אַז לויט דער דאָזיקער שיטה קומט אויס, אַז אהבת־ישראל איז נאָך אַ העכערע מדרגה פון אהבת־שמים. היינט, אַז מיר רעדן וועגן ליבע, ווייסן מיר דאָך אַלע, אַז דאָס געפיל ווייסט

נישט פון קיין גרענעצן; אַז דאָס געפיל ברעכט אייזן; אַז דאָס געפיל איז מעכטיק ווי דער טויט. עזה כמות אהבה. אָט האָב איך ברוך השם טאַ־טע־מאַמע, זאָלן מאריך ימים זיין, איז מיר גרינג, ווען עס וואָלט נייטיק זיין, זיך מוסר־נפש זיין פאַר זיי, וואָס איז? ווייל איך האָב זיי ליב! אָט למשל זיצט לעבן מיר מיין כלה: איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין זאַך, וואָס מיר וואָלט שווער געווען צו טון פאַר איר. פאַר וואָס איז? אויך דאָס זעלבע! שפּעטער פאַר אַ ווייב; נאָך שפּעטער — פאַר קינדער; דער כלל איז: דאָרט וווּ מיר נוצן אויס דאָס וואָרט ליבע, דאָרט פאַרשווינדן אַלע גרענעצן פון מעגלעך און נישט מעגלעך. אַז מיר גייען העלפן אַ צווייטן, דאָס הייסט, מקיים זיין די מצוה פון ואהבת את ד׳ אלהיך, דאַרף דאָס אויך זיין אָן אַ גרענעץ, אָן אַ ברעג, אָן חשבון און אָן לאָגיק. אַזוי ווי מיר טוען אַנדערע מצוות; אַזוי ווי מיר לייגן תפילין; אַזוי ווי מיר בענטשן אתרוג. היינט, פאַרשטייט איר שוין, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט געהאַט היינט אויף דער נאַכט איסאַק אַבראַמאָוויטשעס נתפעל ווערן פון מיין אַוועקלייגן זיך פאַר דעם חבר לאַמאָוואַצקי? איך האָב זיך טאַ־קע אַוועקגעלייגט, וואָס דען, ניין? איך לייקן דען? אָבער וואָס זשע איז די רבותא? ווי האָט געקענט אַנדערש זיין? אַ ייד זיצט מיט אַ „קליין" פּעקל אויף זיך: דאָס געזעץ פון זיבעטן אויגוסט; אַרטיקל 127 לויט עט־לעכע פּאַראַגראַפן און, דאַכט זיך, נאָך אַרטיקל 175. בקיצור — קיין תחית־המתים וואָלט מען אים נישט געלאָזט אויפשטיין!... האָט ער אַ ווייב — קלייבט זי זיך אים נאָכפאָרן מיט אַ כאַליאַסטרע קיין עין־הרע פון זעקס טייערע קינדערלעך, וווהין — ווייסט זי אויך נישט, אויף סאַ־כאַלין, צי אויף יענעם עולם... און מיט אַ מאָל ווייזט מען מיר פון הימל אַ טירעלע, אמת, אַ שמאָל טירעלע, נאָר אויף דערויף האָט מען דאָך אונדז געגעבן געהירן אין קאָפּ, מען זאָל מאַכן פון שמאָל ברייט... און גאָט האָט געהאָלפן, עס איז געלונגען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט אין מיין זכות, נאָר אין זכות פון זיינע קליינע עופעלעך און אין זכות פון מיין הייליקן זיידן, דעם בעל־שם־טוב הקדוש, וועלכער האָט געפּועלט פון אויבן, אַז אַזאַ נס זאָל געטון ווערן דורך זיין אייניקל. היינט, פרעג איך אייך: ווי אַזוי האָב איך געקענט טון אַנדערש? און ווער וואָלט דען יאָ געטון אַנדערש? איצט זייט זיך מודה: האָט איר נישט אומזיסט מיך היינט אויף דער נאַכט געוואָרפן? אויף קאַטאָוועס אַלע קישקעס גערירט פון אָרט און צעקלאַפּט דעם קאָפּ, אַז איך קען מיך נאָך אַצינד צו אים נישט צורירן? האַ? פאַר וואָס איז דאָס מיר געקומען? גלאַט אַבי נעמען אַ מענטשן וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק, און זיך נוקם זיין אין אים נקמת־המן?...

אין זאַל ברעכט אויס אַ געלעכטער מיט אַ געפּליעסקעריי. שלמה זעצט פאָר:

— אָט זעט איר, פון וועמען עס איז באמת דאָ וואָס נתפעל צו ווערן, דאָס איז פון אונדזער טייערסטן גאַסט: איסאַק אַבראַמאָוויטש —

אַלע אַפּלאָדירן שטייענדיק. פאַלי מיט שלמהן — לענגער פון אַלע.

— ...פון זיין קאָלעגע סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש —

דער זאָל ציטערט פון לאַנג דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

— ...דער הויפּטהעלד מיט דער פּרימאַדאָנע פון דער דאָזיקער דראַמע, פון דעם אַזוי צו זאָגן: „בלוטיקן שפּאַס", דאָס הייסט, אַ שפּאַס, וואָס האָט זיך געקענט אויסלאָזן בלוטיק, — זענען דאָ נישטאָ, וועלן מיר פון זיי נישט רעדן. נאָר אַ שטייגער נעמען איסאַק אַבראַמאָוויטשן, אַ מענטש וואָס איז דערצויגן געוואָרן נישט אין קיין יידישער סביבה. אַ מענטש, וואָס איז ווייט, שרעקלעך ווייט פון צו וויסן, וואָס עס הייסט אַ מצוה און וואָס עס הייסט אַן עבירה. דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ קראַנשטאַדטסקי מאַטראָס מיט מוסר־נפש זיין זיך פאַר אַ יידן, וואָס ער קען אים נישט און ווייסט אים נישט? איר וואָלט אָבער געוועזן געדאַרפט זען, ווי אַט דער יצחק בן אברהם האָט געשטרעקט דעם האַלדז פאַר אַט דעם שמואליקן, פונקט ווי אונדזער זיידע, דער ערשטער יצחק בן אברהם —

עס ברעכט אויס אַ פרישער שטורעם אַפּלאָדיסמענטן. שמואליק קען נישט איינשטילן דאָס געוויין, וואָס רייסט זיך ביי אים פון האַלדז. איסאַק אַבראַמאָוויטש הייבט נישט אויף די אויגן פון דער פּאַדלאָגע. שלמהס שטים דונערט ווייטער:

— איר וואָלט געוועזן געדאַרפט זען, אויף וואָס פאַר אַן אויפטועץ ער איז געפאַלן. ממש נתפעל צו ווערן, געניאַל! און מיינט איר, אַז זיי זענען זיינע געוועזן? עס הייבט זיך גאַרנישט אָן! מן השמים האָט מען אים געהאָלפן, אַזוי ווי מען האָט מיר געהאָלפן... און וואָס נאָך בין איך געוואויר געוואָרן אַ שיינס? שוין באַלד ווי יענער חסיד האָט געזאָגט. איין חסיד האָט זיך אַ מאָל מתוכח געוועזן מיטן צווייטן וועגן דעם: ווער עס איז דער סאַמע גרעסטער מענטש אויף דער וועלט. רופט זיך אָן איינער פון זיי: „איך האַלט, אַז דער גרעסטער מענטש אויף דער וועלט איז די רביצין. ווייסטו פאַר וואָס? ווייל אַזוי ווי די גאַנצע וועלט האָט מורא פאַרן רבין און דער רבי אַליין ציטערט פאַר דער רביצין"... רבותי, איך בין געוואויר געוואָרן, אַז דער טייערער חתן־דנן, איסאַק אַבראַמאָוויטש שליט"א, טוט גאָרנישט, נישט אָנפרעגנדיק זיך פריער ביי דער „זוגתי תחיה", אַזוי אַז עס קומט אויס, אַז קלאַראַ מאָיסיעיעווגאַ איז גאָר די גאַנצע שולדיקע אין היינטיקן טאַראַראַם...

אַלע אַפּלאָדירן שטייענדיק. קלאַראַ מאָיסיעיעוונאַ, רויט ווי דער ווייַן וואָס שטייט אויפן טיש, מאַכט מיט די הענט, מען זאָל אויפהערן פּליעסקען, נאָר אָנשטאָט דעם דערהערן זיך קולות: „בים", „בים".

ווען עס ווערט שטיל, רעדט שלמה ווייטער:

— נאָך איין וואָרט, און איך לאָז אייך אָפּ. איר קענט דאָך אוועקפאָרן פון סאָלאָמינקע מיט דער מיינונג, אַז שלמה פּיאַטיגאָרסקי האָט מקיים געוועזן דאָס מאָל די מצוה פון „ואהבת" אין גאַנצן לשמה, בין איך מיך מודה ומתודה, אַז הלואי וואָלט דאָס אמת געוועזן, נאָר צום באַדויערן איז דאָס נישט אַזוי. לכתחילה האָט מיך נישט אָנגערירט שמואליקס אומ־

גליק אפילו קיין צענטל, ווי מיין פֿאַלים בעטן מיך, איך זאָל צופֿאָרן קיין סלאַוווטע. ווען נישט זי, וואָלט אָט די גאַנצע פורים־סעודה נישט געווען. אויב שוין יאָ ארויסטרייסלען די קישקעס, האָט איר דאָס איר געדאַרפֿט טון, זי האָט עס כשר פֿאַרדינט. נישקשה, פֿליעסקעט, פֿליעסקעט, קוקט נישט, וואָס זי מאַכט זיך תמעוואַטע, דאָס האָט זי זיך שוין אויסגעלערנט פֿון מיר...

אין זאָל ברעכט אוים אַ מוראדיק קלאַפּעריי. פֿאַלי שטייט אויף פֿאַר־לוירן, בייט זיך אין פנים. דבורה לויפֿט ארוים אויפֿן מיט זאָל, האַלדזט זי, קושט זי, שרייט מיט אַ געוויין:

— דאָס איז אַלץ אמת... אַזוי איז דאָס געווען... אַזוי איז דאָס גע־ווען...

שלמה, מיט אַ שמייכעלע:

— וואָרט, איר מיינט, אַז איר זענט שוין פֿאַרטיק? עס הייבט זיך גאָר נישט אָן! דאָס צעטל פֿון די ש לדיקע איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט. די גמרא מעג זיך דרשענען: „ודלוגו עלי אהבה", אָבער איך האַלט נישט פֿון קיין היפּערן... אין הקב"ה מקפּח שכר כל בריה ובריה, און אַ ייד דאַרף אין זיך האָבן ממדת קונו...

אין זאָל ווערט אַ שטילשווייַגעניש.

— ...איך האָב אייך שוין דאָ טאַקע אויסגערעכנט אַ קהל־רב פֿון גורמים אין אונדזער היינטיקער גדולה, כלם אהובים, כלם ברורים, כלם גבורים, און דאָך... איבעית אימא*, אַז זיין דבורה איז גאָר די גאַנצע שולדיקע. זי האָט איינגעריסן די וועלט ווי אַן אמתע אשת לפּידות**. אין דער חסידישער מסורה ווערט איבערגעגעבן איש מפּי איש, אַז דער בערדיטשעווער רב, זכותו יגן עלינו, פֿלעגט נישט ווען דאַוונען אין אַזאַ שול, וווּ ס'איז נישט געווען קיין עזרת־נשים. ווען מקורבים האָבן אים געפֿרעגט דעם טעם דערפֿון, האָט ער געענטפֿערט: „די גברים, אַז זיי בעטן עפּעס, קען מען נישט זיין בטוח, אַז זיי פּועלן, דערפֿאַר אָבער די נשים, אַז זיי שטייען צו צום כסא הכבוד, איז אַזוי ווי די בעטלערינס, מען מוז זיי שוין צו ליב טון, אַנדערש איז אוממעגלעך פֿון זיי זיך אָפּ־צושעפּען. אָט די דבורה, אַזוי ווי איר קוקט זי אָן, האָט פֿון מיר ממש געשניטן שטיקער, אפילו אין חלום האָט זי מיר קיין מנוחה נישט גע־געבן... ווי באַלד אַזוי קומט דאָך גאָר אויס, אַז זי איז די סיבת־הסיבות...

ווען דאָס פֿליעסקעריי הייבט אָן איינשטילן, הייבט שלמה אויף די האַנט און עס ווערט מאָמענטאַל שטיל:

— נאָך איין וואָרט, רבותי, און איר ווערט מיך פּטור... איר וועט שוין פֿאַרזאָגן קינדס קינדער, אַז מען זאָל שלמהן קיין וואָרט נישט

* „אויב דו ווילסט קען איך דיר זאָגן".

** די ערשטע, תנכישע דבורה הנביאה האָט מען אַזוי גערופֿן, ווייל זי פֿלעגט מאַכן קנויטלעך אין בית־המקדש אַריין. דאָ געמיינט — אַ פֿלאַמפֿייערדיקע פֿרוי.

געבן, איאַ אַזוי? מיט אים איז יאָ, ווי מען זאָגט: אויף אַריין איז די טיר ברייט, און אויף אַרויס, איז זי שמאָל... ווידער אַ גלעכטער? אייך איז גרינג צו לאַכן, אָבער מיר איז שוין טרוקן אין האַלדז. זאָל שוין זיין שטיל, לאָזט מיך שוין ענדיקן...

עס דערהערן זיך קולות:

— שאַ! שטילער!... שאַ, שטילער!...

— איז וואָס זשע האָב איך נאָך געוואָלט צוגעבן, חברים? אַ־האַ, יאָ! עס פאַרשטייט זיך, קיינער מאָנט גאָרנישט ביי דעם ר׳ לאָמאָוואַצקין פאַר זיין באַפרייאונג. און כ׳בעט אייך, וואָס קען מען ביי אים מאָנען? געלט? ווער פאַרמאָגט דען פאַר דער ישועה צו באַצאָלן? אַנו, ווילט נאָך עמעצן מאַכן דעם קונץ פאַר הונדערט טויזנט רובל, וועט איר אים דען מאַכן? לא מיט אַן אלף! פורים איז נאָר איין מאָל אין יאָר! אפילו דאָס, וואָס דער עסק האָט אָפּגעקאָסט במזומנים, פאַרמאָגט ער אויך נישט צו באַצאָלן אפילו מען זאָל אים אויסטרייסלען צוזאַמען מיט זיינע בעבעכעס, דאָס ווייס איך מיט איסאַק אַבראַמאָוויטשן. היינט, וויפל סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש האָט אַוועקגעלייגט כוחות? און איסאַק אַבראַמאָוויטש טאַקע? און נאָך פיל מענטשן, וואָס עס איז נישט נייטיק זיי אָנצורופן. ווייס איך, ער זאָל זיך וועלן אויסצאָלן, וועט אים נישט סטייען דאָס גאַנצע לעבן. נאָר דאָס איז נישט געטון געוואָרן צוליב לוין און קיינער מאָנט ביי אים גאָרנישט. נישט מער, ווען ער זאָל וועלן פרייוויליק אונדז דאָ צוזאָגן, עס הייסט נישט אונדז, נאָר דעם אייבערשטן, וועלכער האָט אים באַפרייט אויף אַזאַ ווונדערלעכן אופן, וואָס דער מח באַנעמט עס גאָרנישט. איז ווען ער זאָל וועלן צוזאָגן, אַז פון היינט אָן נעמט ער אויף זיך: נישט פאַרפעלן קיין תפילין־לייגן, שבת נישט לאָזן מאַכן קיין פייער ביי זיך אין שטוב און נישט אַריינלאָזן אין שטוב אַריין קיין טריפות —

אַ לאַנגע פויזע. אַלע פאַרכאַפּן דעם אָטעם. שלמה זעצט פאָר:

— נישט מער, נאָר אָט די דריי זאַכן. אָ! דאַן וואָלט איך מיך געפילט באַלוינט פאַר דער אַרבעט... איך וואָלט אים געווען זייער דאַנקבאַר...

דבורה לויפט אַרויס אויף דער מיט זאַל:

— איך שווער אייך ביים געזונט פון מיינע קינדער —

שלמה גיט איר מיט דער סאַלפעטקע אַ פאַכע איבערן מויל:

— איך הייס נישט שווערן, נארישע יידענע וואָס איר זענט, מען דאַרף נאָר אַליין נעמען אויף זיך, אָט ווי פאַלי האָט היינט גענומען אויף זיך, פון נאָך דער התונה אָן, שבת נישט צו גיין אין אינסטיטוט אַריין...

יאַני לויפט צו, נעמט אַרום פאַלין, קושט זי. אין זאַל ווערט אַ פּליעסקעריי, אַז מען קען טויב ווערן. שלמה שטילט איין דעם עולם:

— איך האָב אייך פאַרגעסן אָנזאָגן די בשורה־טובה, אַז איך האָב שוין ברוך־השם געענדיקט... איצט זעט איר: מה גדולים דברי־חכמים? איש טוב מבשר טוב!

קאפיטל XLIX

דאס פליעסקעריי ברעכט אויס מיט פרישע כוחות, עס ציטערט ממש די גאנצע שטוב. עס דאכט זיך, אז די לאמפן הוידען זיך פון דעם ווינט. מען זעט, אז דער זיידע שלום וויל עפעס זאגן, עס ווערט א קלאפעריי מיט א שא־קען:

— שא, שטילער!... שא, שטילער!...

מנשה שרייט העכער פון אלע:

— נו, זאל שוין זיין שטיל! דער פעטער שלום וויל עפעס זאגן. זאגט, זאגט, פעטער, איר האט דאך געוואלט עפעס זאגן...

דער אלטער שלום שטעלט זיך אויף פון זיין שטול. אין שטוב ווערט מיט א מאל אלץ ווי אויסגעשטארבן. ער טרייסלט זיך אפ די בארד פון די ברעקלעך, גיט א פינקל מיט די אויגן און הייבט אן ווי פון א מיטן שמועס:

— איך זאג... וואס זאג איך דען? איך זאג נאר, אז ביי פרעמדע מענטשן איז שלמה א חידוש נפלא... אבער ביי אונדז אייגענע, אדער סתם היימישע מענטשן, וואס ער איז פאר אונדזערע אויגן אויסגעוואקסן, איז זיין געראטנקייט קיין עין־הרע קיין שום חידוש נישט. ווער עס האט אים געקענט מיט זיין לערנען זיך, מיט זיין שרייבן, און בכלל מיט זיין בריהשקייט, ביי דעם איז דאס קיין נייעס נישט. און איר מיינט, אז אצינד קענט איר שוין שלמהן מיט אלע פישטשעווקעס? הלמאי זאל איך זאגן, דווקא נישט!... אט וועט גאט העלפן, ער וועט חתונה האבן בשעה טובה ומוצלחת, גאט זאל אים נאר געבן זיין באגער און ער זאל פארן קיין ארץ־ישראל מיט זיין באשערטער אין א גוטער שעה, וועט איר ערשט דאמאלסט זען, וואס דאס שלמהלע קען, אויף וואס אונדזער שלמהלע איז פעאיק. אט דאס זאג איך... וואס זאג איך דען? איך זאג —

סאלאמינקע האט זיך אזש אויפגעכאפט פון שלאף, אזא טראסק האט זיך אויפגעהויבן ביי אפרים־אהרונען אין שטוב פון דעם אלטן שלומס עטלעכע ווערטער. שלמה האט זיך דורכגעשטופט, ארומגענומען זיין זיידן און אים היים געקושט:

— א דאנק, זיידעלע, א דאנק פאר גוטע עטלעכע ווערטער. אייערע א גוטע מיינונג באטרעפט ביי מיר מער ווי דער גאנצער אויפדערנאכט.

אויפן טיש באוויזן זיך גלייכצייטיק אפשר צוואנציק טעלער מיט גאל־דענער יויך, אויף אן אומגעלומפערט־גרויסן פאלומיסאק — אנגעשניטן פלייש, קאטשקעס, הינער און א פעטער אינדיק. נאכן פלייש גיט הרב ביאליק א ווונק, אז ער וויל עפעס זאגן. עס ווערט שטיל.

— איך בעט דעם עולם זיך פאראייניקן מיט מיר און צוזאמען בעטן ביי אונדזער חשובן, געלערנטן גאסט, פראפעסאר סערגעי טימאפייעוויטש, אונדז עפעס זאגן. אזוי ווי ער איז אויך א שטיקל „אימעניניק”, מאכט טאקע נישט אויס.

אלע אפלאדירן. סערגעי טימאפייעוויטש ערגערט זיך, זאגט זיך אפ, נאר אלע בעטן ביי אים, באזונדערס פאלי, און ער גיט זיך אונטער. אין

שטוב געוועלטיקט אַ גערדיכטע שטילקייט, מחמת יראת־הכבוד. נישט גע־כאַפּט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן שטעלט ער זיך אויף, טראַכט אַ ווײַלע און הייבט אָן:

— איך ווייס נישט אויף זיכער, צי איך, צי דער קאָלעגע מיינער, סאָלאָמאָנס זיידע, איז עלטער אין יאָרן, אָבער חוץ אונדז ביידן, זע איך דאָ נישט קיין עלטערע פון זיך. פאַר מיינע עטלעכע און פערציק יאָר פּראַקטיק, איז מיר שוין אויסגעקומען פיל מאָל צו רעדן אין הויכגע־שטעלטע געזעלשאַפטן. נאָך פאַר דער רעוואָלוציע בין איך געווען אין בריסל אויף אַן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון מעדיקער־ספּעציאַליסטן פאַר קינדער־קראַנקייטן און מיר איז אויסגעקומען צו האַלטן אַ רעפע־ראַט וואָס האָט זיך געצויגן זעקס מיט אַ האַלבער שעה... עס איז מיר אַ מאָל אויסגעקומען פאַר אַ קייזערלעכער קאָמיסיע צו רעדן, טאַקע דאָ אין קיעוו, זעלבסטפאַרשטענדלעך — אויך פאַר דער רעוואָלוציע. טאַקע דאַמאָלסט האָב איך באַקומען דעם אָרדען... נאָר דאָס איז נישט וויכ־טיק. וויפל מאָל איז מיר אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן דאָ אין דער אַקאַ־דעמיע פאַר וויסנשאַפטן. אפשר צען מאָל. נאָר דאָך מוז איך אייך זאָגן, אַז אַזאַ ערע... אַזאַ ערע...

דער אַלטער ווערט אַנטשוויגן, הייבט נישט אויף די אויגן פון טיש... ענדלעך גיט ער אַנטשלאָסן אַ מאַך מיט די ברעמען, קוקט זיך אַרום און רעדט ווייטער:

— יאָ, וו זשע האַלט איך? טאַנקע, דערמאָן מיר, — אַ־האַ! יאָ, יאָ, זאָג איך, הייסט עס, אַז אַזאַ גוואַלדיקע ערע, ווי איצט דאָ, האָב איך נאָך נישט געהאַט. אין אַ פאַרזאַמלונג פון אַזוי פיל חשובע יידישע גע־לערנטע, ווי דער געשעצטער ראַבי, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן צום וואָרט, ווי סאָלאָמאָנס פאָטער און זיידע, און ער אַליין, און נאָך אַנדערע מסתמא, וואָס איך קען זיי נישט... ווי קום איך צו רעדן פאַר אַזוינע געהויבענע מענטשן? און וואָס קען איך זיי זאָגן? נאָר אַז מען הייסט, דאַרף מען פאָלגן. ווער שמועסט, אַז אַזאַ חשובע דאַמע ווי אונדזער סאָלאָמאָנס כלה בעט, — איז דאָך שוין אָפּגערעדט. פון וואָס זשע זאָל איך רעדן? איך וועל מיך קורץ אָפּשטעלן אויף צוויי פאַקטאָרן: שלמה, אונדזער שלמה הייסט עס, דער וואָס שטייט לעבן מיר, נישט יענער ערשטער, דער קע־ניג... האָבן מיר איין פאַקטאָר. און דאָס יידישע פאָלק, דאָס וועט זיין דער צווייטער פאַקטאָר. וועלן מיר זיך פאַרנעמען אַ ביסל מיט אַנאַטאָ־מיע. וואָס האָבן מיר לעצטנס געזען פון אונדזער יונגן העלד, פון שלמהן? ער האָט אַ כלה, דאָס איז גאַנץ נאָרמאַל; זיין כלה האָט אַ פעטער, דאָס טרעפט זיך אויך; איר פעטער ווערט אַרעסטירט און באַקומט גרויסע שאַנסן אויף אַ קויל אין פּלייצע, — אפילו דאָס איז אויך היינטיקע צייטן גאַנץ נאָרמאַל... נאָך מער פון נאָרמאַל! נאָר אָט באַגעגנט שלמה, גאַנץ צופעליק, פאָרנדיק אין וואַגאָן צו זיין כלהס פעטער, אַן אַלטע פרוי... טאַ־טיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ, ביסט נישט ברוגז, וואָס איך אַטעסטיר דיך פאַר

אַן אַלטיטשקער? נישקשה, נישקשה, הלמאי איך בין שוין אויך נישט קיין יונגער... איז באַגעגנט ער, זאָג איך, מיין פֿרוי אין וואַגאָן און פֿאַראינטערעסירט זיך מיט איר שווערן גורל... אָט דאָ הייבט זיך אָן די קייט פֿון אויסערגעוויינלעכע וווּנדער, פֿון די דערשיינונגען, וואָס מיר, דיאַגנאָזטיקער פֿון אונדזער דורכגעפֿוילטן דור, זענען געוווינט אָפּצוטראָגן צו דער קאַטעגאָריע: „נישט נאָרמאַל”. שלמה קומט צו זיין אַרעסטאַנט און דער נאַטשאַלניק פֿון דער קאַנצעלאַריע פֿון דער סלאַוווטער טורמע וויל אים אפֿילו נישט ענטפֿערן. נאָר ווי עס באַווייזט זיך אים, לויט זיין אויסדרוק, אַ טירעלע, צי אפֿשר גאָר נאָר אַ שפּעלטעלע, גערעדנקט ער, סטייעט ביי אים ענערגיע אין אַזאַ שווערער צייט צו גערעדנקען, אַז אין קאַמער שמאַכט אַן אַלטער אומשולדיקער מענטש. מיר איז שווער רואיק דערפֿון צו רעדן. איר פֿאַרשטייט מיך מסתמא? און ער נעמט מיר העלפֿן באַגלייך מיט זיין פֿעטער. נישט ווילנדיק, אַז איך זאָל מיך מאַטערן האָפֿענונגסלאָז אַן איבעריקע וואָך, אָרדנט ער איין מיין פֿרוי אַ באַגעגעניש מיט מיר און זאָגט אונדז גלייך אָן די בשורה, אַז מען דאַרף ברענגען מיין קאַבינעט אין אָרדענונג, ווייל אין אַ וואָך אַרום ברענגט ער מיך אַהיים. אייך איז זיכער שווער זיך פֿאָרצושטעלן מיינע געפֿילן דאַמאָלסט. איך פֿרעג אים: ווי רופֿט מען אייך, חבר? ענטפֿערט ער: סאָלאָמאָן. פֿראָסט סאָלאָמאָן. מער דאַרף מען נישט... פֿרייטיק איז ער ווידער אין סלאַוווּטע. מן הסתם האָט ער געהאַט עפּעס וויכטיקס אויפֿן קאָפּ. פֿון דעסט וועגן — דאָס דאַרף מען פֿאַרשטיין, דאָס איז דאָך קלאַסיש! — האָט ער נאָך אין זינען מיר ברענגען אַ ביסל עסן: שאָקאָלאַד, פֿרוכטן, קעז און צוקער, און צו לעצט דאָס באַפֿרייען!... זיין צונעמען מיך גלייך פֿון געריכטזאַל, אָפּפֿירן אין באָד אַריין און אויסוואַשן ווי אַ קליין קינד. ווייס איך... זאָגן, אַז שלמה איז אַ געהויבענער ייִד, וועט זיין צו שמאָל. שלמה איז אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע פֿיגור. יאָ, יאָ, דאָס איז אַן אידעאַלער עקזעמפּלאַר פֿון דער מענטשהייט. נאָר פֿון דעסט וועגן איז אַ גרויסע ערע געהערן צו דעם פֿאָלק, וועלכעס גיט פֿון זיך אַרויס אַזעלכע שלמהס...

רווישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן רייסן איבער דעם רעדנער און לאָזן אים לאַנג נישט קומען צום וואָרט. שלמהס פּנים האָט אין זיך נישט קיין טראָפּן בלוט. זיינע אויגן זענען פֿול מיט טרערן. זיינע ליפּן באַוועגן זיך, קוים מיטן אויג צו כאַפּן:

— טאַטע זיסער, מאתך תהלתי בקהל רב...

דער פּראָפֿעסאָר כאַפּט איבער אַ שטילע מינוט און רעדט ווייטער:

— וועגן שלמהן וואָלט איך געקענט רעדן דריי טעג נאָך אַנאַנד און וואָלט נישט מיד געוואָרן. נאָר עס איז טייער יעדע מינוט, די נאַכט שטייט נישט, דעריבער גיי איך איבער צום צווייטן פֿאַקטאָר: צום ייִדישן פֿאָלק. איך בין דירעקטאָר פֿון דער קינדער־קליניק. אין מיינע אַכט קאָרפּוס געפֿונען זיך שטענדיק נישט ווייניקער פֿון צוועלף, דרייצן הונדערט קראַנ־

קע קינדערלעך. יעדעס פון זיי ליגט מיר אויפן קאָפּ און לאָזט מיך נישט רואיק שלאָפן. מיין קליניק האָט באַקומען דאָס צווייטע אָרט אין ראַטן־פאַרבאַנד, לויטן פאַרקלענערן די שטערבלעכקייט. אָבער אַז מען האָט מיך איינגעשלאָסן אין קאַמער? אָ! דאַמאָלסט בין איך מיט אַ מאָל פריי געוואָרן פון אַלע פליכטן. און דווקא דאָס האָט מיר דערהרגעט דעם קאָפּ, דווקא אָט דאָס פרייקייט האָט מיר פּאַראַליזירט דעם מח. הייִנט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז שוין טויזנטער יאָרן צוגענומען פון זיין באָדן?... שלמהס זיידע האָט דאָ דערמאָנט פּאַלעסטינאַ, ווינטש איך צו ערשט, פאַרשטייט זיך, שלמהן, ווייל ער איז מיר נעענטער, און צוזאַ־מען מיט אים אַלע זיינע ברידער, פאָרן אַהין, אין זייער היסטאָרישער היים, ווערן אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק, און ווייזן דער וועלט, וואָס אַזוינע שלמהלעך קענען...

דער מיליציאָנער פונעם פּאָסטן אונטערן בריק איז אַרויפגעקומען פרעגן, וואָס קומט דאָ פאָר? ווער שלאָגט זיך עס? די אָוואַציע האָט קיין ברעג נישט געוווסט. שלמה האָט געקושט דעם פּראָפעסאָר. ביאַליק האָט אים די האַנט געדריקט. איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט אים באַזעצט אין אַ שטול און פיר געזונטע הענט האָבן אים געהויבן ביז צו דער סטע־ליע און אַראָפּגעלאָזט, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט. טאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונאַ איז געשטאַנען אין איין ציטערניש, טאָמער פאַלט אַראָפּ איר טייערע כלי און צעברעכט זיך.

אויפן טיש זענען אויסגעוואַקסן אַלערליי פאַרבייסעכצן: גרויסע פיל־קאָלירטע וויינטרויבן, נאָך מיט אַ הייטל פרישקייט באַצווייגן, עפּל, באַרן, מאַראַנצן, ניס, פיסטאַשקעס, קאָנפעקטן. טיי מיט ליקער, מיט ראָם, מיט נאַסטאָיקעס. דער עולם האָט זיך לוסטיק גענומען צום אומברענגען די בערג מיט די פאַרבייסעכצן און הרב ביאַליק האָט ווידער אַ ווונק געטון, אַז ער וויל עפּעס זאָגן. אַלע מיילער, פול אָנגעפּאַקטע מיט כל־טוב, זע־נען אַזוי פאַרבליבן צעעפנטע. די ציינער זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן אין מיטן קייען. הרב ביאַליק האָט אַ גלעט געטון זיין שיין בערדל און שמייכלענדיק געזאָגט:

— אַלע האָבן דאָ שלמהן געלויבט אין טאָג אַריין פאַר זיינע מעשים טובים, אָפּגעזאָגט אויף אים דעם גאַנצן „שיר השירים אשר לשלמה", נאָך, דאַכט זיך, מיט אַן עודף. אַלע אנשי־המעשה, וואָס האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו וויסן זיינע געהיימע עובדות בכל פרטיהם ודקדוקיהם האָבן אַזוי מפליא געווען זיין חכמה, אַז מען קען באמת מיינען, אַז משלמה עד שלמה —

ר' אברהם שאַרפשטיין פאַלט אים אַריין אין די רייד:

— ...לא היה כשלמה, ווילט איר זאָגן? אויפן נוסח המאמר: „ממשה עד משה לא היה כמשה"? אַנטשולדיקט מיר, הרב ביאַליק, וואָס איך שלאָג אייך איבער די רייד, נאָר איך קען נאָך כאַפּן אַ שנאָל פונעם מלאך

פורה...* איך האָב געזען פונעם חיד"א** אין „שם הגדולים", אַז דער מכוון פון דעם דאָזיקן מאמר איז לגמרי אַן אַנדערער, דהיינו: פון משה רבינו ביז ר' משה בן מימון, דעם רמב"ם הייסט עס, האָבן יידן נישט געוואַגט זייערע קינדער אַ נאָמען צו געבן „משה"...

— דער מאמר איז מיר באַקענט... מען דאַרף נאָך נאָכקאָנטראָלירן, ווייל רש"י דערמאָנט אָפט זיין רבין ר' משה הדרשן, ווייטער ווערט ערגעץ דערמאָנט איינער פון די „גאונים", אויך רב משה, דאַרף מען מדקדק זיין, צי זענען זיי געווען לפני ימות־הרמב"ם או אחריו. נישט מער, אויב דער חיד"א זאָגט, מן הסתם יש רגלים לדבר. אָבער לעת־עתה נחזור לענינגו. מען האָט דאָ אויף שלמהן אָפּגעזאָגט דעם הלל הגדול צוזאַמען מיט בײדע „על הניסימס", דאָס איז אודאי זייער גוט, לקיים מה שנאמר: לפום צערא — אגרא. מען האָט אים געהייבן העכער פון די כמאַרעס, ער האָט דאָס כשר פאַרדינט, בא יבא ברנה... קיין כפוי־טובה טאָר מען נישט זיין, נאָר איך, ווי אַ מורה־הוראה, זע אויף אים אַ קליינעם קטרוג. אַזוי איז דאָס. יעקב אבינו, פאַר זיין נישט זיין מיט די עלטערן אַ שטיק צייט, האָט געהאַט אַן עונש, אַז יוסף איז אים פאַרלוירן געגאַנגען אויך אויף אַזאַ זמן. אַזעלכע זאַכן ווערן נישט געשענקט. שלמה האָט דאָ אַ וואָך צייט גע־האַלטן זיינע עלטערן אין איינע יסורים. אמת טאַקע, ער איז זייער גע־רעכט. ער האָט נישט געהאַט וואָס זיי צו זאָגן. אָבער — חברותא כלפי שמיא? אַן עונש קומט אים, אַ קליינער עונש, אָבער פטור בלא כלום אי אפשר... כל המלמד סניגוריא עליו, הריהו כאילו נותן יד לפושעים.*** ווער שמועסט נאָך, אַז דעם טאָג פון תשעה־באב איז זיין חשובע כלה גראָד אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר און ער איז אפילו נישט צוגעגאַנגען זי באַגריסן, נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט. איך ווייס דאָס, ווייל ער האָט דאַמאָלסט ביי מיר גענעכטיקט. אָ! דערויף איז שוין גאָר שווער צו געפינען אַ תשובה... נאָר מיר האָבן דאָך אַ גרויסן גאָט, איז אַנשטאָט אים מעניש זיין מיט גלגולי־שלג, מיט סגופים ועינויים קשים, האָט ער מיר אַריינגעשיקט אַזאַ געדאַנק, אַז מיר וועלן אַצינד עסן פּיס־טאַשקעס און פאַרטרינקען מיט ליקער, און שלמה וועט אונדז אַ ביס' שפּילן אויפן פידל. איז בזכות זה, וואָס ער וועט מהנה זיין יידן, — און הנאה וועלן מיר דאָך זיכער האָבן, דערויף האָט ער שוין אַ חזקה, — וועט ער האָבן סליחה, מחילה וכפרה...

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן ענטוזיאַסטיש אונטערגעכאַפּט הרב ביאַליקס פאָרשלאַג, געפּליעסקעט מיט די הענט און מיט די פיס געטופּעט אין פאָל. פון אָפּזאָגן זיך האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין.

---

* פורה שר של שכחה. געמיינט: איך קען נאָך פאַרגעסן.

** ר' חיים יוסף דוד אזולאי. איינער פון די אָנגעזעענסטע מקובלים. געלעבט אין ארץ־ישראל אין ערך מיט אַן אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק.

*** ווער עס פאַרטיידיקט אים, איז עלעהיי ווי ער זאָל אַליין צוהעלפן צו דער עוולה.

שלמה האָט אַרויסגענומען דעם פידל פון שראַנק. עטלעכע ענערגישע פיר מיטן סמיטשיק, און מעכטיקע פליגל האָבן אָפּגעטראָגן דעם גרויסן עולם פון ענגעלסאַ 72. אַלץ וואָס אויפן טיש איז געשטאַנען פאַרשעמט. קיינער האָט זיך צו גאָרנישט נישט צוגערירט. שלמה איז געשטאַנען אין אַ ווייטן ווינקל פון זאַל, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט, אַ פוס אויף אַ פוס, די לינקע באַק אויפן פידל, און האָט געשאָטן מיט בלומען אַרום זיך. די געצערטלטע קולות האָבן אַריבערגעטראָגן דעם מענטשן אין זיין פריסטער יוגנט, דערמאָנט אין דער ערשטער ליבע, אין ערשטן אויגנבליק. ווי אין אַ טומאַן האָבן פאַר אים געשוועבט פּאָלים אויגן. אין זיי האָט געברענט אַ הייליק פייער. זי איז לחלוטין נישט געווען אויף דעם עולם. יאַני האָט געווישט אַ טרער נאָך אַ טרער, פאַר מתיקות, פאַר דביקות, פאַר גליק... פאַר זיין טאָכטערס גליק... מנשה און פרידמאַן זענען געשטאַנען געאָרעמט, און האָבן נישט אַראָפּגענומען פון שלמהן קיין אויג. יוסף מיט טאַניען זענען געשטאַנען עטלעכע טריט פון שלמהן מיט אָפענע מיילער און ווי די פיש געכאַפּט די לופט. שלמה אַליין האָט שוין לאַנג נישט געהערט אַזאַ מין שפּילן. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס שפּילט עמעצער אַנדערש און ער הערט נאָר גלייך מיט אַלעמען. עס איז פאַרשוואונדן די שטוב, פאַרשוואונדן סאַלאָמינקע, ער איז גאָר גע־שטאַנען אין לבנה־נעפּל אויף מאַריער באַרג און האָט זיך איינגעהערט אין דעם געזאַנג פון די מלאכים, אין דער דביקותדיקער „קדושה" פון די „דרי מעלה", אין דער בנעימותדיקער אימה, ברון יחד כוכבי בוקר...*

ווען שלמה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פידל, האָט זיך דער גאַנצער עולם אַ לאָז געטון צו אים, נאָר שלמה, נישט לאָזנדיק דעם עולם קומען צו זיך, איז פלינק אַרויף אויף אַ באַנק און אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— יוסף, אוראַם, צעטראָגן די טישן אין די ווינקלען — מיר גייען טאַנצן! איך מיט איסאַק אַבראַמאָוויטשן — דאָס ערשטע קאַזאַקל.

דאָס פּאָרל האָט מייסטעריש געטאַנצט. זייערע פיס האָבן זיך קוים־קוים צוגערירט צו דער ערד. עס האָט געשווינדלט אין די אויגן פאַר גיכ־קייט. אַלע האָבן געזונגען און געקלאַפּט מיט לעפל־גאָפּל אין די טאַצן...

געענדיקט דעם טאַנץ, האָט שלמה, נישט אָפּגעבנדיק די איניציאַטיוו פון דער האַנט, אויסגערופן:

— מיטן פּאַראַד קאָמאַנדעווע איך. איצט טאַנצט מיין דינה מיט פּאָלין...

דינהס אויגן האָבן פאַרשטייענדיק אַ פינקל געטון:

— ער בעט מיך מיט איר איבער...

נאָך זיי האָבן געטאַנצט צפורה מיט קלאַראַ מאָיסיעיעוונען, דבורה מיט מאַטיאַנאַ מיכאַילאָוונען, אסתר מיט ראַזאַליאַ דאַווידאָוונען. אַדלער מיט דינה כאָדראָוו האָבן זיך אַ שושקע געטון און עס האָבן זיך אָנ־געהויבן גוואַלדן:

---

* ווען עס זינגען צוזאַמען אַלע פרימאָרגן־שטערן.

— שלמה מיט פּאַלין! שלמה מיט פּאַלין!... מיר האָבן אויך א דעה!...

אונטער אַלגעמיינע אַפּלאָדיסמענטן איז פּאַלי צוגעגאַנגען צו שלמהן און אים אַראָפּגעבעטן פון זיין קאָמאַנדירסקע פּאָסטן. זיי האָבן זיך א ווארעמען קוק געטון אין די אויגן און זענען אוועקגעגאַנגען א טאַנץ.

די ווייסע מלבושים, די שיינע פּנימער, די מיט גליק בליצנדיקע אויגן, דאָס פלינקע שוועבן זייערס איבערן ראָד, האָבן פאַרשכורנדיק געווירקט אויף די אַרומיקע. אָן א שיעור הענט האָבן ריטמיש געפּאַטשט אין די דלאָניעס, ווי א הארמאַט זאָל רעגלמעסיק אַקערן די לופט. לאַנג און מיט געשמאַק האָבן זיי געטאַנצט. דער גאַנצער עולם איז פון דעם בילד גע־שטאַנען ווי אין היפּנאָז, עס האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן, אַז אָט די ווייסע צוויי פיגורן קענען גאָר א מאָל אויפהערן. ווען זיי האָבן זיך, מי־דע און גליקלעכע, גענומען פאַר די הענט און זיך געזעצט אָפּרוען, האָט יוסף פאַרנומען דאָס קאָמאַנדירסקע בענקל. ער האָט אויסגערופן דעם זיידן שלומען מיט סערגעי טימאָפּיעיעוויטשן. מנשה האָט געטאַנצט מיט הרב ביאַליק, אפרים־אַהרון מיט אברהם שאַרפּשטיין. די שמחה איז גע־וואַקסן. די פּאָרלעך האָבן זיך געביטן. שלמה האָט צוגעשיקט א באַפעל: אַלע מוזן איבערטאַנצן!

שלמהס פּאָטער האָט צוגעטשאַטשעוועט א מאָמענט, ווען שלמה איז נישט געווען לעבן פּאַלין, און האָט זי אָפּגערופן אין אָפענעם שלאָפצי־מער. נישט געפינענדיק די נייטיקע ווערטער, האָט ער א ווײַלע געשטאַמלט, ביז ער האָט זיך ענדלעך געפונען און איז גלייך צוגעטראָטן צום עצם הענין:

— פּאַלי, וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען א שטייגער מיר זאָלן אַצינד, פאַר טאָג, שרייבן תנאים? הא? וואָס איז? ס'איז עפּעס א גרויסע טרחה דערביי? צי אפשר איז קיין פאַרבייסן נישט צוגעגרייט? דאַכט זיך, זייער אָנגענעמע געסט און ס'איז שוין טאַקע צייט אויך. שוין באַלד א האַלב יאָר נאָך שלמהס באַפרייט ווערן. וויפל נאָך?

פּאַלי האָט מיט א מאָל פאַרלוירן דעם גאַנצן קוראַזש. זי האָט ווייך און אונטערטעניק געענטפערט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן:

— ר' אפרים־אהרון, וואָס שלמה וועט מיר הייסן, דאָס וועל איך טון...

— ס'א משל, שלמה גאָר זאָל דיר הייסן!... מיט אים קען איך נישט רעדן. איך האָב געמיינט פאַרקערט, אַז דו זאָלסט אים זאָגן —

— נו, פרעג איך אייך, ר' אפרים־אהרון, עס פירט זיך יאָ אַזוי ביי לייטן, אַז די כלה זאָל גאָר מונטערן דעם חתן: נעם מיך...

— מילא, מיר וועלן שוין אויסוואַרטן. שלמה זאָגט, אַז ער וויל גלייך א חופּה. וויפל איז שוין געבליבן ביזן ערשטן? א שמעק טאַבאַק? זאָל שוין זיין דאַמאָלסט אין א גוטער שעה! דו זאָג אים נישט, פון וואָס מיר האָבן גערעדט...

— גאָט באַהיט! פאַר אַזאַ נאַר האַלט איר מיך?

אפרים־אהרון, איידער ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט, האָט פאַרזיכטיק אַרויסגעקוקט פון שלאָפצימער — ניין, קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט. דער עולם איז פאַרטון אין די טענץ.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, טאַנצנדיק אַ וואַלס, פרעגט שלמה ביי פאָלין:

— ווען וואָס האָסטו אין אַלקער געשמועסט מיטן טאַטן?

— ווייס איך, עפּעס אַ שידוך פאַר מנשהן... אַ גאַנצע געשיכטע...

קיינער פון זיי האָט אפילו נישט קיין פינטל געטון מיט קיין אויג. מער איז צווישן זיי מכח דעם ענין נישט גערעדט געוואָרן.

באַגינען האָט מען גערדאַוונט בצבור מיט אַ גרויסן עולם. נאָך דעם האָט זיך דער גאַנצער עולם געוואַשן און מען האָט געפּראַוועט זייער אַ רוישיקן פרישטיק. זייגער ניין זענען זיך די געסט צעפאָרן. שלמה האָט זיך אויסגעטון. זיין בעט איז געווען צוגעגרייט. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם איבערבעט, זיך אויסשלאָפן פאַר אַ גאַנצן צענדליק נישט דער־שלאָפענע נעכט.

*

ווידער האָבן זיך אָוועקגעצויגן איינטאָניקע, וואָכעדיקע טעג. עס איז אָנגעקומען אלול. דער זומער האָט געצאַנקט. אין די אינדערפריען פלעגט זיך צעטראָגן אַ שופר־בלאָזן. דער „לדוד אורי" האָט דערמאָנט אין די קומענדיקע ימים נוראים. שלמה האָט אין די טעג געמסחרט, שמואליקן אַ גוטע שטעלע געזוכט און אין די נעכט זיך געלאַנגווייליקט. פאָלי האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעלאָזט אין די לימודים. וואָס אַ טאָג נעענ־טער צו די עקזאַמענס, איז זי אַלץ וויניקער געשלאָפן. אַרום אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טונקעלע רייפלעך, נאָר דאָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער חן. שלמה האָט איר נישט געשטערט, מערסטן טייל מיט אָוונטן געשפּילט אין שאָך, מיט יאַנין שטילערהייט שמועסן געפירט. ער פלעגט איצט אַ ביסל אָפטער באַזוכן דעם שטאַב פון דער רעליגיעזער יוגנט אין קיעוו, דאָס הויז נומער 67 אויף קאַראַוואַיעווסקע, ביי די פייגנבוימס. די מוטער זייערע איז נאָך אַלץ האַלב־פּאַראַליזירט געלעגן אויף איר בעט, אָדער אַן אונטערגעשפּאַרטע מיט קישנס, האַלב געלעגן אויף אַזאַ ספּעציעלער שטול. עס איז שוין נישט געווען קיין פּראָפעסאָר אין קיעוו, מען זאָל אים נישט האָבן געוויזן די פרוי פייגנבוים. אפילו פון לענינגראַד האָט מען ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט אַ גאון אין דעם פאַך, און אַלץ — אומזיסט. עס איז איר נישט בעסער, נישט ערגער געוואָרן. נישט רירן מיט קיין האַנט, נישט מיט קיין פוס, און דער קאָפּ — געזונט ווי פאַר דער קראַנקייט. אַ לעבעדיקער מת — האָבן גוטע פריינט מיט ווייטיק ווען איר געשמועסט צווישן זיך.

אויסנוצנדיק דעם בין־הזמנים וואָס פאָלי האָט אים געגעבן, האָט

שלמה דורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע אין אַלע רעליגיעזע אַנשטאַלטן. פּערזענלעך אינספּעקטירט די תּלמוד תּורה, געגעבן אָנווייזונגען יעדן מלמד באַזונדער וועגן דעם נוסח און דעם סדר פון לערנען איצט מיט די קינדער. אין דער מקוה האָט ער אַריינגעטראָגן עטלעכע טעכנישע, מאָ־דערנע אויסבעסערונגען. דעם „גמילות חסד” מיטן „ביקור חולים” האָט ער איבערגעבויט אויף אַ מער פּראָדוקטיוון אופן. זעענדיק, מיט וואָס פאַר אַ ענערגיע שלמה האָט זיך צוריק גענומען פאַר דער מלאכת־הקודש, האָבן אים אַלע די, וואָס זענען לעצטנס געווען ברוגז, אין גאַנצן מוחל געווען זיין פריערדיקע הנהגה, זיין דערווייטערן זיך פון די חברים.

אלול איז דערווייל געפלויגן. דער האַרבסט האָט זיך דערנעענטערט מיט ריזיקע שפּאַן. ביי נאַכט פלעגן בייזע ווינטן דערמאָנען אין האָלץ אויף ווינטער, אין קאַלאָשן אויף די שיך און אין וואַרעם וועש. דער קער־פּער האָט זיך גענויערט אונטער דער קאָלדרע, געקלאָגט זיך, אַז היינטיקן זומער האָט ער זיך אפילו רעכט נישט אָנגעוואַרעמט.

דער 25טער סעפּטעמבער איז גראָד אויסגעפאַלן אַכצן טעג אין אלול. ביי אפרים־אהרונען אין שטוב איז געזעסן אַ גאַנץ שיינער עולם. מען האָט פאַרבראַכט אין אָנדענק פון געבורטסטאָג פון דעם בעל־שם־טוב הקדוש און דעם בעל ה„תניא”, דעם הייליקן „רב”. עס זענען געווען פיל פון שלמהס חברים און ער האָט מיט זיי פריילעך פאַרבראַכט. ווען מען האָט שוין ליכט געמאַכט, איז געקומען צו גיין סאָנקע טולטשינסקי צו רבקהן, שלמהס שוועסטער, און האָט דערציילט, אַז פּאַלי איז ערשט נישט לאַנג אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין מיט אַ גרויס געוויין —

נישט זי, נישט וואָלאָדיאַ זענען נישט אַריבער אויפן דריטן קורס.

ביי שלמהן האָט זיך פון די עטלעכע ווערטער עפּעס אָפּגעריסן אי־נעווייניק. אַ בלייכער ווי די וואַנט האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם טיש, איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער אַריין און האָט פאַרוואָרפן דאָס קייטל. אַ לאַנגע ווײלע איז ער אַ פאַרשטאַרטער געשטאַנען אויף דער שוועל, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, די אויגן — צו. די פיס האָבן זיך אים ממש אונטערגעהאַקט, נאָר ער האָט נישט געפונען אין זיך קיין קרעפטן צוצוגיין צו דער סאָפע. ענדלעך האָט ער זיך צוגע־שלעפּט אין ווינקל, זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף איר, און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט — די שלייפן האָבן האַסטיק געקלאַפּט. אַן אומ־דערטרעגלעכע משא האָט געדריקט זיין האַרץ. אַ שווערער פאַרגעפיל האָט אים געפייניקט, געצאַפּט פון אים דאָס לעצטע ביסל חיות טראָפּנווייז.

דריי טעג און דריי נעכט האָט שלמה געוואַרט. ער איז נישט געגאַנ־גען צו די טולטשינסקיס, געוואָלט זיך דערוואַרטן, אַז פּאַליס ווייטיק זאָל טעמפּער ווערן, איר ווונד זאָל אַ ביסל פאַרצויגן ווערן. אויפן פערטן טאָג פאַר נאַכט, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און איז צוגעגאַנגען. עס האָט אים שרעקלעך געצויגן אַ קוק צו טון ווי אַזוי זעט אויס זיין גע־ליבטע נאָך דעם דורכפאַל. אַריינגעקומען, האָט ער געטראָפן אַלע שטוב־

מענטשן זיצן ארום טיש און עסן וועטשערע. דערזען שלמהן, האָבן זיך אַלע פּאַר אומגעריכטקייט אַזש אַ הייב געטון פון די ערטער. יאַני איז אָן אויפגערוימטער ארוים פון הינטערן טיש, געשטעלט שלמהן אַ בענקל לעבן זיך:

— שוין אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, אַז איך האָב דיך נישט געזען ביי אונדז אין שטוב.

— איר האָט אַ קליינעם טעות יאַני, דערווייל איז ערשט נאָר אַ מיטוואָך אָן אַ יאָר.

— וואָס זשע איז טאַקע די מעשה, וואָס מען האָט דיך נישט געזען?

— אַזוי, פּשוט, אָן אַ מעשה. איר ווייסט נישט, ווי אַזוי די טעג גייען אַוועק? אַהער, אַהין, אָט אַזוי־אַ...

— פּאָרט וואָס זשע האָסטו געטון פאַר די טעג?

— כ'ווייס, וואָס איך האָב געטון? איך האָב איבערגעלייגט די אַלטע טשעמאָדאַנעס.

שלמהס אומפאַרשטענדלעכע רייד יאָגן אָן אַ שרעק אויף די בני־בית. מען מיידט אויס זיך צו באַגעגענען מיט די בליקן. יאַני, אַ פּלוצלינג בלייך געוואָרענער, באַנעצט מיט דער צונג די ליפּן און פרעגט מיט אַ נויט־שמייכעלע:

— וועלכע אַלטע טשעמאָדאַנעס?

— וואָס הייסט, וועלכע? עס איז דאָך אין גאַנצן פאַרבליבן אַ וואָך ביזן יאָרבילאַנס! ווען מען איז דאָס נישט אינטערעסאַנט זיך אומצוקוקן אויפן איבערגעלאָפענעם יאָר? אונטערצופירן אַ לעצטע שורה פון זיין „דעבעט און קרעדיט"?

יאַני אָטעמט אָפּ פרייער, וואַרפט אַ שפּאָטישן בליק אויף די דער־שראָקענע בני־בית און פרעגט מיט אַ לייכט חוזקל:

— נו, וואָס זשע האָסטו עפּעס געפונען גוטס אין דיינע אַלטע טשע־מאָדאַנעס?

— ברוך השם, בלויז גוטס. איך קען מיך נישט באַקלאָגן אויף דעם פאַרגאַנגענעם יאָר. נישט קיין בטלניש יאָר געווען. פאַר אַ יאָרן ערב ראש השנה בין איך געזעסן פאַרשפּאַרט ביי נחמן דער מומע טייבלס פון אַנאַ־ניעוו, נישט געטאָרט אַרויסשטעקן די נאָז. אַ שפּילעכל? מיך האָט דאָך דערוואַרט טויטשטראָף, אַלס קאָנטר־רעוואָלוציאָנער אָרגאַניזאַטאָר. אין בעסטן פאַל אַרויסגעשיקט צו ווערן אויף אייביק. און ווען אפילו עס זאָל געווען געשען אַ נס און די גפּעאו זאָל מיך נישט געוועזן כאַפּן אין דער מיליטער־קאָמיסיע, האָט מיך דערוואַרט גלות. קיעוו איז פאַר מיר געווען פאַרבאָטן און אומזיכער, ווי אַ פאַס דינאַמיט. איך פלעג אין יענעם הייזל דאָרטן גאַנצע טעג זיך וואַלגערן אין בעט, פון זינען אַראָפּגיין אין מיין פאַרוואָגלטער קאָנספּיראַציע. דורך די טעג פלעגט זעלטן ווער קומען. ביי טאָג איז יעדער פאַרנומען. לייענען האָט זיך נישט געגלוסט, שרייבן אויך נישט, גענוג זיך שוין אָנגעשריבן! פון

פאָלין קיין טראַכט טון, האָב איך זיך אויך נישט דערלויבט. זי האָט דאַמאָלסט פאַר מיר געלעבט ווי אויף אַ צווייטער פּלאַנעטע. אָט אַזוי בין איך מיר געזעסן אַ פאַרשטויסענער אין מיין קעמערל, אָן אָפּגעבראָכענער פון מיין שטאַם, פאַרטריבן פון מיינע חברים, פון מיין היים, פון אייער שטוב. געזעסן און געוואַרט אויפן וויסטן סוף. און דאָס וואַרטן איז געווען פיל שווערער פונעם סוף אַליין. דאָס איז געווען פאַר אַ יאָרן. דאַקעגן, וואָס האָבן מיר היינטיקס יאָר? דעם אַרעסט — איבערגעלעבט. געפּאַקט און געמאַזלט. אמת, שווערע פּאָקן געווען, אָבער ווער איז דאָס מחויב צו געדענקען אַזעלכע נאַרישקייטן? דער עיקר, אַבי אַרויס אַ גאַנצער. דער אַלטער ווינאָגראַדאָוו האָט מיר אין סלאַוווטע גזאָגט, אַז עס איז כדאי געווען אָפּצומוטשען זיך אין טורמע אַ האַלב יאָר, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט מיר... נאָר מילא, דאָס איז דאָך נאַריש גערעדט. אָבער איך וויל זאָגן, אַז די זעקס חדשים טורמע האָבן מיר אויף פיל זאַכן געעפנט די אויגן. אמת, זיי האָבן מיר אויך פיל גיפט אַריינגעשפּריצט אין מיין נשמה, נאָר אָן אָט דעם גיפט קען אַ מענטש נישט דורכגיין די וועלט. אין אַ פאַרגיפטעטער וועלט מוז מען אויך האָבן אָן אייגן ביסעלע גיפט, אַנדערש טויג נישט. האָב איך, הייסט עס, די טורמע אַראָפּגעפּטערט, געוואָרן צוריק אַ קיעווער איינוווינער מיט אַלעמען צוגלייך. פאָלין צוריק געפונען. און דאָס מאָל, דאַכט זיך, שוין אויף אָן אמת. אירן אַ פעטער געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט און איינגעאָרדנט אויף אַ כמעט כשרער שטעלע. נו, וואָס נאָך? ניין, איך קען צום פאַרגאַנגענעם יאָר קיין טענות נישט האָבן. מיינע אַלטע טשעמאַדאַנעס זענען ביי מיר זייער טייער, איך האָב זיך מיט זיי נישט וואָס צו שעמען.

פאָלי איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ קאָנצענטרירטע, געהאַלטן דעם לעפל אין דער האַנט און מיט אַלע חושים זיך צוגעהערט. איר פּנים איז געווען עטוואָס בלייכער ווי געוויינלעך, נאָר גאַנץ רואיק. שלמה האָט באַמערקט אין אירע מוילווינקלען אַ פרישן פאַלד. ביז אַהער איז ער דאָרט נישט געווען. אָט דער נייער שטריך האָט וועגן זיך געמאָלדן:

— מיך רופט מען: אַנטשלאָסנקייט, דרייסטקייט און מאַקסימאַלע קאַלטבלוטיקייט.

שלמה האָט מיט אינטערעס באַטראַכט איר פּנים אין שיין פון דעם נייגעבוירענעם אויסדרוק און געוואָלט טרעפן: מיט וואָס פאַר אַ שפּראַך וועט אָט דאָס נייע געפיל רעדן צו אים? נאָר דאָס איז שווער געווען פאָרויסצוזאָגן, זי האָט ווי אַלע מאָל געקוקט אויף אים ליבלעך. מיט אַ צערטלעכן בליק אים באַדאַנקט פאַר די וואַרעמע רייד וועגן איר. ניין, שלמה איז גאָרנישט געוויר געוואָרן קיין נייעס דעם אויפדערנאַכט. דער כאַראַקטער פון דעם נייעם שטריך בנוגע צו אים איז געבליבן אַ געהיימניס.

פאָלי ווענדעט זיך צו אים:

— שלמה, אפשר עסטו מיט אונדז אָנבייסן?

— ניין, א דאנק. דו ווייסט דאָך, אז איך קום שטענדיק אָן אָפּגעגעסענער.

פּאָלי בלייבט זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסענע. שלמה באַמערקט אויפן קאָמאָד פּרוכטן, הייבט ער זיך אויף און נעמט אַן עפּל.

— אָט, עפּל וועל איך עסן מיט פאַרגעניגן, עפּל האָב איך ליב.

דאָס עסן האָט זיך געצויגן לאַנג. שלמה איז געווען זייער לוסטיק, האָט דערציילט פאַרשידענע נייעס און האָט א ביסל צעטריבן די אָנגעצויגענע אַטמאָספערע.

אַרום אַכט אַ זייגער ווענדעט ער זיך צו פּאָלין:

— דו האָסט גאָר קיין חשק נישט צו זען די פּרעמיערע וואָס מען שפּילט אין דער אוקראַינישער דראַמע?

— און אז איך האָב יאָ, וואָס קומט אַרויס דערפון?

— וואָס דאַרף דען אַרויסקומען? מען דאַרף גיין, זען און הנאה האָבן.

— גיין און זען... עס איז גרינג צו רעדן. מען קריגט דען בילעטן? איך האָב געהערט, ווי מען האָט דערציילט, אַז אויף דריי וואָכן צייט זענען שוין אַלע ערטער אויספאַרקויפט.

— פאַר ווּעמען אפשר — יאָ, אָבער פאַר מיר — נישט. איך האָב געקריגן אַ לאָזשע פון זעקס ערטער. די בעסטע לאָזשע. גיי איך מיט דיר, איסאַק אַבראַמאָוויטש מיט קלאַראַ מאָיסיעיעווונען און סאָלאָמאָן איסאַיעוויטש מיט ראַזאַליאַ דאַווידאָוונען. מאַך זיך גרייט, אין פופצן מינוט אַרום וועלן זיי דאָ זיין מיט דעם אויטאָ נאָך אונדז.

— אָך, שלמה, דו ביסט טאַקע אַזאַ געטרייער —

— מאַלאָדיעץ! דאָס האָסטו ערשט אַנטדעקט?

— איך ווייס דאָס שוין פון לאַנג, נאָר וואָס ווייטער מיט אַ טאָג, אַלץ מערער דערפיל איך עס. דו ווייסט גאָרנישט, ווי מיר איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות זיך אַ ביסל צו צעשטרייען נאָך אַזוי פיל פאַרשימלטע חדשים. אָך, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איך וועל ווידער קוקן אויף דער סצענע! מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל שוין מער קיין מאָל נישט זען קיין טעאַטער, קיין קינאָ, בכלל, אַז פיל־פיל טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן פאַר מיר. אַז מיין גאַנצער לעבנסשטייגער וועט זיך מוזן איבערבייטן... אָך, ווי אומגליקלעך איך בין דאַן געווען. איך האָב געמיינט, אַז די וועלט קערט זיך איבער, און דאָ ביסטו נאָך אויך אַזוי לאַנג נישט געקומען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז קיינער דאַרף מיך שוין נישט...

— איין נאַרישקייט דאַכט זיך אַ מענטשן אין זיין לעבן? און געקומען בין איך נישט, ווידער טאַקע צוליב דיר. עס זאָל דיר אַ ביסל אָפּגיין דער פראָסט... נעם אָט דעם בינאָקל, לייג אַריין אין דיין טעשעלע. אונדזערע באַגלייטער מוזן נישט זען, אַז ביז איצט האָסטו דאָס נישט געהאַט.

פֿאַלי וואַרפֿט אויף שלמהן אַ בליק פֿון יענע בליקן, וואָס לאָזן דער־נאָך נישט שלאָפֿן די נאַכט פֿאַר זיסקייט. זי איז אַנטציקט, נישט אַזוי פֿונעם פּראַכטפֿולן בינאָקל ווי פֿון זיין באַזאָרגן אַלץ. אַז קיין שום זאַך דאַרף מען אים נישט דערמאָנען. אירע אויגן צינדן זיך אָן מיט דעם אַמאָליקן גליקלעכן פֿייערל און זי גיט אַ געשריי:

— אין פֿופֿצן מינוט אַרום זאָגסטו? טאָ קער זיך אָפּ אַ ביסל, נו, לע־בעדיקער!

שלמה זעצט זיך ביים טיש, מאַכט זיס זיין גלאָז טיי. יאַני, אַבי עפּעס צו זאָגן, פֿרעגט מיט אַ קלוגיטשקן שמייכל:

— ווי קומט דאָס צו דיר, שלמה? אַ ייד מיט גאַנצע טשעמאָדאַנעס חשבון־הנפש זאָל גאָר אין זינען האָבן טעאַטער אַ טאָג פֿאַר סליחות?

— נישט אַלע צייטן זענען גלייך... פּיקוח נפש איז דוחה אַ סך זאַכן...

זייערע בליקן באַגעגענען זיך. לאַנג און פֿאַרשטייענדיק באַטראַכטן זיי זיך און מען רעדט נישט אויס מער קיין איין וואָרט.

פֿאַלי פֿרעגט פֿון צווייטן עק צימער:

— פֿאַר וואָס איז דאָרטן אַזוי שטיל ביי אייך? שלמה, איך בין גרייט. נאָר אין שפּיגל אַ קוק טון און מיר קענען גיין.

— אין ערגעץ דאַרפֿן מיר נישט גיין, מען וועט אונדז רופֿן.

און כך הוה: אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיי סיאָמקע, דער שאָ־פֿער פֿון שטיינבערגס אויטאָ אַ רוף געטון און זיי זענען אַוועקגעפֿאָרן.

נישט אַהין פֿאָרנדיק, נישט אויף צוריק, נישט בשעת די אַנטראַקטן, האָט זיך שלמה מיט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעכאַפּט וועגן אירע עקזאַ־מענס. פֿאַלי האָט דאָס געהעריק אָפּגעשאַצט. זי האָט גוט געפֿילט, ווי שווער עס קומט אים אָן דאָס נישט באַרירן אָט די וויכטיקע, אָנגעווייטיקטע פֿראַגע, און געוווּסט האָט זי, אַז דאָס טוט ער נאָר אויס איידל־קייט, כדי נישט אויפֿצורודערן אירע שמערצן.

ביים געזעגענען זיך זאָגט זי אים:

— אַ גוטע נאַכט, אַ דאַנק פֿאַר אַלץ... פֿאַרן בינאָקל, פֿאַרן טעאַטער און נאָך מער פֿאַר דיין איידלקייט... דו ווייסט אַליין, וואָס איך מיין...

— זאָג מיר נאָר, פֿאַלי, פֿון ווען אָן האָב איך דאָס געדאַרפֿט אויפֿהערן צו זיין אַן איידלמאַן?

— ניין, ווער זאָגט דען? אָבער... איי, דו ווייסט דאָך, אַז איך קען קיין מאָל נישט צוזוכן קיין פּאַסיקע ווערטער פֿאַר מיינע געדאַנקען...

צעגאַנגען זענען זיי זיך אָן אַ קוש. שלמה האָט איר אים נישט גע־געבן און פֿאַלי האָט נישט געוואַגט צו בעטן. זי האָט זיך עפּעס געפֿילט זינדיק קעגן אים.

קאפיטל L

עס זענען פאַריבער נאָך עטלעכע טעג און נאָך עטלעכע טעג. עס האָט זיך גאָר נאָענט צוגערוקט ראש השנה. שלמה פלעגט כמעט אַלע טאָג זען פאַלין, נאָר קיין איין וואָרט, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם איני־סטימוס, צו חתונה, איז צווישן זיי נישט אויסגערעדט געוואָרן. ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט, האָבן ביידע געשוויגן.

דעם אויפדערנאַכט פאַר „זכות ברית"* פרעגט שלמה ביי פאַלין:

— וועסט קומען צו אונדז מאָרגן אויף דער נאַכט?

— ניין, שלמה, איך קען נישט.

— פאַר וואָס קענסטו נישט?

— איך קען נישט... דו ווייסט נישט, וואָס עס הייסט, איך קען נישט?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? אַז דו וועסט זאָגן, וועל איך הערן.

— נו, וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? יעדער טאָג פון נאָכן ערשטן סעפּטעמבער ליגט ווי אַן אָפּגרונט צווישן מיר און אייער שטוב. איך וואָלט, דאַכט זיך, געשטאָרבן פאַר פּחד ווען דיין טאַטע פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס.

— פון וואָס אַ שמועס? אפילו פון אַ שידוך פאַר מנשהן?

פאַלי לאָזט אַראָפּ די אויגן:

— אפילו וועגן מנשהן... פון וואָס עס זאָל נישט זיין, וואָלט איך דאָס נישט איבערגעטראָגן.

— יאָ, אָבער עס איז דאָך שוין פאַרפאַלן. נאָך אַ חודש איז געשטאָרבן פון אונדזער לעבן. וואָס קען מען מאַכן? עס איז דען דער ערשטער חודש, אַה?

— דערפון, וואָס דאָס איז נישט דער ערשטער, איז מיר נישט גרינגער.

— צו וואָס דאַרפן מיר דערמאָנען דאָס פאַרגאַנגענע? אָבער איצט האַלט דאָך דאָס שוין ביי אַ ברעג? תשרי איז אַ יום־טובדיקער חודש, ער וועט פאַריבער געשווינד.

— אַט דאָס איז דאָך די זאַך... וואָלט דאָס שוין געהאַלטן ביי אַ ברעג, וואָלט איך נישט נאָר געגאַנגען צו אייך, נאָר איך וואָלט, דאַכט זיך, נישט אַרויסגעטרעטן פון אייער שטוב, מעגסט מיר גלייבן...

שלמה גיט זיך אַזש אַ וואַקל אויף די פיס, כאַפּט אָן איר האַנט מיט ציטערנדיקע פינגער:

— וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ נייעס?

— גאָרנישט, גאָרנישט... וועלכע נייעסן קענען זיין? וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? גאָט מיינער, ווי נערוועז דו ביסט!

— פאַליאַ! וואָס ענטפערסטו מיר עפּעס אַזוי פאַרנעפּלט? וואָס בין

---

* אַזוי רופט מען אין יענע קאַנטן די ערב ראש־השנהדיקע סליחות.

איך, אַ קליין קינד? האָסט דאָך ערשט אַליין געזאָגט, אַז עס האַלט נאָך נישט ביי קיין ברעג, טאָ זאָג שוין אַליין, וואָס עס ליגט דיר אויפן האַרצן. לאָמיך שוין וויסן, ווו בין איך אין דער וועלט?

— דיין פראַגע קלינגט אַזוי, פּונקט ווי אין צווייטן עק שטאָט וואַרט אויף דיר אַ צווייטע, און דו דאַרפסט גיך־נייטיק וויסן, ווייל אַניב נישט די — נעמסטו יענע...

— פאַליאַ, פאַר די צען, צוועלף יאָר, וואָס איך קען דיך, האָב איך נאָך נישט געהערט פון דיר אַזעלכע שרעקלעך נאַרישע רייד, ווי ערשט נאָר וואָס.

— זע דעם חילוק פון מיר ביז דיר. דו האָסט מיך ערשט אומזיסט באַליידיקט און איך ווער אפילו נישט ברוגז. נאָר זאָגן וועל איך דיר אויך גאָרנישט, ביז נאָך ראש השנה. עס איז נישט אַזאַ וויכטיקע נייעס, ווי דו מיינסט, און דו מעגסט וועגן דעם געוויר ווערן נאָך יום־טוב. וועסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן...

*

לאַנג און ביטער האָט שלמה געקלאָגט אויפן צווייטן פאַרנאַכט, ביי דער לעצטער שמונה־עשרה פון דעם יאָר. אין מנין אויף סאָלאָמינקע, ווו ער מיט זיין פּאָטער האָבן געדאַוונט, האָט ער זיך פאַררוקט אין עק צי־מער, הינטער דער שאַפעוואַנט און דאָרט מיט ביטערע טרערן אויסגע־גאָסן זיין שווער האַרץ פאַרן רבונו־של־עולם. ער האָט נישט געהערט, ווי מען האָט מנחה געענדיקט, נישט געהערט, ווי דער עולם האָט געזונגען „ברכו" פון דעם ראש־השנהדיקן מעריב. ער וואָלט נאָך לאַנג אַזוי גע־קענט געוועזן שטיין אין דעם פאַרצווייפלט־אומבאַוווסטזיניקן צושטאַנד, ווען נישט זיין פּאָטער גייט צו צו אים, גיט אים אַ ריר ביי דער פּלייצע:

— קום, דער עולם איז זיך שוין צעגאַנגען. וועסט שוין מאָרגן דערזאָגן.

שלמה גיט זיך אַזש אַ וואָרף פאַר אומגעריכטקייט:

— יאָ־יאָ, קום! אָט גיי איך שוין.

בגנבה פאַרן פּאָטער ווישט ער פלינק אָפּ די טרערן פונעם פּנים און גייט אַרויס פון הינטער דער שאַפע. זאָגנדיק דעם פּאָטער דעם פייערלעכן: לשנה טובה תכתב ותחתם, האַלט ער פלוצלינג נישט אויס און צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד. דער פּאָטער קערט זיך נאָר אָפּ און פרעגט ביי אים גאָרנישט. זיין פּאָטערלעך האַרץ דאַרף נישט קיין פירושים אויף זיין זונס טרערן. ער אַליין איז נישט ווייט פון צעוויינען זיך. ער פילט גוט, ווו דעם קינד זיינעם טוט וויי, ווער עס איז דער שטיין, וואָס הענגט אים אויפן האַלדז.

אויף דער גאַס איז ימים־נוראיםדיק, אימהדיק. דער הימל איז געווען טיף און שוואַרץ — ווי מיט שוואַרצן לאַק אָפּגעשמירט. די פּיצעלעך שטערנדלעך זענען געהאַנגען ווייט און געהיימניספול. זיי האָבן פייער־

לעך געלויכטן ווי די וואַקסענע נשמה־ליכט, יום־כפור ביי נאַכט, ווען דער עולם צעגייט זיך פון דער שול. אין חלל־העולם האָט זיך געטראָגן אַ דינינקער געוויין, ווי פאַר כל־נדרי, ווען דער עולם זאָגט „תפילה־זכה". דאָס וויינען די „נשמות דאזלין ערטילאין"* פאַרן בורא־עולם ער זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין און אַראָפּנעמען פון זיי דעם גזר־דין. שלמה האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן אין סמאָלע־שוואַרצן הימל. מיט אַ פּלאַטערנ־דיק האַרץ האָט ער באַטראַכט די אלפי־אלפים פּיקעטן, וועלכע האָבן פּי־בערדיק געהיט די טויערן פונעם „אחורי־הפרגוד"**, און פון די אויגן האָט אים נישט אויפגעהערט צו קאַפּען. אפרים־אהרון, זעענדיק, אַז שלמה קען זיך נישט באַרואיקן, ווערט ער שוין דער שטאַרקער:

— דו זינדיקסט, שלמה, דו ביסט אַ כפוי טובה קעגן דעם וואָס לעבט אייביק. דו האָסט שוין פאַרגעסן ווי פאַר אַ יאָרן, נישט היינט געדאַכט, ביסטו בגנבה, מיט דער נשמה אין דער זשמעניע, געקומען אין שטוב אַריין אָפּגעבן אונדז אַ „לשנה־טובה". דו גדעדענקסט דעם קידוש אין דעם מאַנטל? איך האָב דיך נישט געלאָזט אים אויסטון. איי־איי־איי!... ווי מעג דען אַ מענטש אַזוי פאַרגעסן? היינט, ברוך השם, ביסטו מיט דיין טאַטע־מאַמע צוזאַמען, מיט דיינע ברידער און שוועסטער. איי־וואָס? נו — מאתו לא יצאו הרעות... מער וויפל מען טוט אַ מענטשן, טוט ער זיך אַליין...

אַ ווײַלע גייען זיי שווייגנדיק. אפרים־אהרון גיט צו נישט דרייסט:

— איך וויל דיר דאָ נישט זאָגן קיין מוסר... קיין ליגנדיקן, זאָגט מען, שלאָגט מען נישט... און בכלל האָב איך שוין פון אַ לאַנגער צייט זיך געגעבן דאָס וואָרט: כשם שמצוה לומר... דער ווייטיק איז אודאי גרויס... אם יש מכאוב כמכאובי... אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן על אוזן לא שומעת?... נישט מער... כ'מיין ראש־השנה... דרשו ד' בהמצאו... וואָס איז דען דער ענין פון תקיעות? — „אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו"?... אין גאַנצן וואָס מען איז מיט זיי אויסן איז — שבירת הלב, פשפוש במעשים, חרטה על העבר וקבלה בלב על העתיד... וואָס איז דען דער ענין פון ראש־השנה אין גאַנצן גענומען? — „עורו ישנים, הקיצו מתר־דמתכם"... אויפוועקן דעם מענטשן פון זיין שרעקלעכן שלאָף, פון אישן המות... איז דער, וואָס האָט שכל, גיט זיך אַ כאַפּ אויף און גיסט זיך אויף־גיך אָפּ נעגלוואַסער. און ווער נישט, רחמנא ליצלן... „מאן דדמיך בריש שתא, דמיך מזליה"...***

שלמה גייט נאָך אַ דערשלאָגענער און ציטערט עפּעס דאָס מויל, ער

---

* נשמות וואָס בלאָנקען אַרום פאַר זייערע זינד אין עולם־התוהו.

** פון יענער זייט באַריער. געמיינט — דער בית־דין של מעלה.

*** געמיינט: ווער עס פאַרשלאָפט דעם ראש־השנה, פאַרשלאָפט זיין מזל. ירושלמי, מסכת ראש־השנה.

זאָל זיך אויף דאָס ניי נישט צעוויינען. דער פּאַטער רופט זיך ווידער אָן מיט אַ כלומרשט געלעכטערל:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַ זייטיקער, וואָס קוקט צו אָט די גאַנצע „טראַגעדיע" מיט ניכטערע אויגן, קען סתם נישט משיג זיין: וואָס קומט דאָ פאָר? און וואָס מיינסטו? ס'איז נישט קיין חוכא וטלולא? ווען נישט דאָס, וואָס איך וויל דיך נישט קיין איבעריקס מצער זיין, בעטן זיך אויף דער צונג די זעלבע ווערטער, וואָס דער פעטער מוזי האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ שטעטלשן חזן, ווען יענער, האָבנדיק שוין לאַנג פאַרלוירן די שטימע, האָט ביי „לכו נרננה", אָנשטאָט צו זינגען — זיך צעוויינט... דערזעענדיק, אַז עס באַקומט זיך ביי דעם אָמאָליקן חזן נישט קיין קבלת־שבת, נאָר אַ הספד, רחמנא ליצלן, איז דער פעטער צוגעגאַנגען צום „בעל־בכיה", אונטערגעהויבן דעם טלית, וועלכן יענער האָט פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ ווי צו „תפילה זכה" און זאָגט אים מיט אַ חנעווערדיקער „בתמיה": „הערש־מענדל סערדצע, דו וויינסט נאָך? דו ביסט נאָך גערעכט"?...

דער פּאַטער דערשרעקט זיך, צי האָט ער אַ ביסל נישט איבערגעכאַפּט די מאָס און פאַרבייסט די ליפּן. שלמה, אָנשטאָט צו ענטפערן גיט טרויעריק אַ מאַך מיט דער האַנט. אויף זיין פּנים ליגט אי יאוש, אי פאַרצווייפלונג, אי אומגליק. דער פּאַטער פאַרכאַפּט זיך:

— דאָס ביסטו גערעכט. עס איז נישט קיין יום־טובדיקער שמועס. מאָרגן שרייבט מען יעדן יידן אויס אַ ניי קוויטל, דאַרף מען האָפן, אַז מן הסתם ביסטו אויך אין כלל. ביסט דאָך נישט ערגער פון אַלע. נו, זיי נישט אַזוי... ראש השנה מעג מען אפילו וויינען, אָבער נאָר ביים מחזור, און אַזוי איז יום־טוב גלייך מיט אַלע ימים־טובים. דו געדענקסט די משנה? „יום־טוב של ראש־השנה שחל להיות בשבת"...

שלמה ווייסט נישט, וואָס מיט אים טוט זיך. עס האָט נאָך מיט אים קיין מאָל אַזעלכעס נישט פּאַסירט. הונדערט קוואַלן שפּאַרן דורך זיינע אויגן. ער קען גאָר אויף אַ מינוט נישט אויפהערן צו וויינען. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט דאָס ערגעץ געזען אָדער ער האָט דאָס געמוזט הערן פון עמעצן, אַז ווען אַ מענטשן וויינט זיך שטאַרק, איז אַ באַוויז, אַז מען רעדט פון אים „אויבן". אָבער אַזאַ וויינען... אַז דאָס האַרץ פלאַטערט אים אַזש! וואָס שמועסט מען דאָרטן פון אים אַזוי לאַנג? נישטאָ דאָרט עפּעס אַנדערש וואָס צו טון, נאָר מיט אים אַליין זיך אָפּגעבן? פון אָט די געדאַנקען גיט אַ פלייץ ווי דורך אַ רינווע אַ פרישער שטראָם טרערן. פאַר זיינע אויגן הענגט אַ וואַרעמער נעפּל. איבער די באַקן רינען צוויי ריטשקעלעך און מאַכן פייכט דעם וועג פונעם מנין ביז אַהיים.

אין זאַל איז יום־טובדיק געגרייט צום טיש. עס ברענען העל די גראָבע סטעאַרין־ליכט. דער סקווירער רבי ווינטשט זיי ליבלעך פון פּאָרטרעט אַראָפּ אַ „שנה־טובה". שלמהס פּנים פון פּאָרטרעט אַראָפּ רייצט זיך מיטן אַריינגעקומענעם שלמהן:

— אָבער דו ווייסט, און איך נישט!... דו ווייסט — און איך נישט!... עך, דו גרויסער נאַר, דו. דו ווערסט פון יאָר צו יאָר אַלץ נאַרישער און נאַרישער...

אין זאַל איז לײדיק. מען הערט נאָר שטימען פון שלאָפצימער. אַלע זענען דאָרטן. שלמה מיטן פאָטער לאָזן זיך גיין אהין צו זאָגן „גוט יום־טוב" און ווינטשן א „לשנה־טובה", נאָר פלוצעם גיט שלמה א כאַפּ דעם פאָטער ביים אָרבל:

— שטיי נאָר!...

נאָך א סעקונדע הערט ער זיך איין און פליט אַרויס ווי א קויל צוריק אויף דער גאַס.

צווישן אַנדערע האָט ער פון שלאָפצימער דערהערט פאַלים קול.

קעגנאיבער זייער שטוב געפינט זיך דאָס מערקל. ביים אָנהייב פון מערקל שטייט א קיאָסק פון צייטונגען, מיט א ברייטער טרעפּ פון פאָרנט. שלמה זעצט זיך צו אויף דער טרעפּ, באַלד אָבער שטייט ער אויף און שטעלט זיך ביי דער זייט אין שאָטן. פון די פאָרנדיקע פענצטער זעט מען דעם קיאָסק, ווי אויף דער דלאָניע. מען קען אים לייכט באַמערקן. די נאַכט איז א טונקעלע און א וואַרעמע. א ראש השנהדיקע נאַכט. אויפן הימל איז איצט א יאַריד, עס אַמפּערן זיך סניגורים און מקטרגים און דאָ איז שטיל און פוסט ווי אויף א כוטאָר. די מינוטן קריכן לאַנגזאַם. אָט זעט ער דורכן פאָרהאַנג, ווי עפּעס א פיגור שטייט מיטן פנים צום פענצטער און קוקט אַרויס אין חושך אַריין. ווער קען דאָס זיין? פּאַוואָליע נאָר: ווער האָט דאָרט אַזאַ הויכן ווּקס, א קאָפּ מיט געפלעשלטע לאָקן?... אַ־האַ! עס איז דאָך זיין דינה! ווי אַזוי האָט ער גאָר פון אָנהייב נישט דערקענט? וואָס זשע שטייט זי גאָר מיטן רוקן צו די מחותנים?... א פנים, אַז אין שטוב איז א סצענע... אָך, אָט די שרעקלעכע דינה... די שרעקלעכע, מיט איר אויפריכטיקייט, מיט איר נאַקעטן אמת, מיט איר שלעכט אויסלייגן. נאָר וואָס עפּעס נאָר זי? און רייזל וואָס האָט דען געזאָגט, נישט אַזוי? און מנשה וואָס האָט געזאָגט, נישט אַזוי? און דער טאַטע? און דער זיידע? באַרעכן נאָר, וויפל שטייט מען דאָס אין פענצטער? אפשר איז זי גאָר אַנטשלאָפן געוואָרן שטייענדיק? עס ווייזט אויס, אַז אין שטוב איז טאַקע נישט מיט קיין פּור, נישט מיט קיין שליטן... אַז נישט, וואָלט זי נישט געשטאַנען אַזוי...

אָבער אין דער אמתן זענען גאָר אין שטוב קיין שום סצענעס נישט פאָרגעקומען. צוזאַמען מיט אַלע איז אויך פאַלי אַרויסגעגאַנגען פון שלאָפצימער, זי האָט גלייך מיט יעדן געווונטשן אפרים־אהרונען א „שנה־טובה" און באַקומען אַן ענטפער: „גם את". אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, פרעגט זי ביי אים:

— און ווו איז שלמה?

— ער וועט באַלד אַריינקומען.

— ער איז דען פונעם דאַווענען נישט געגאַנגען מיט אייך צוזאַמען?

— וואָס הייסט גאָר נײַן? מיט וועמען דען וועט ער גיין? אודאי איז ער געגאַנגען, נאָר פאַר די טרעפ איז ער ערגעץ פאַרשווונדן געוואָרן, מסתמא אַרײַנגעלאָפן צו מנשהן, א „לשנה־טובה" זאָגן.

— נאָך איידער ער זאָגט דער מוטער? און ווידער, מנשה דאַוונט דען נישט מיט אייך צוזאַמען?

אפרים־אהרון איז געוועז צוגעדריקט צו דער וואַנט און האָט גאָר נישט געענטפערט. אין שטוב איז געבליבן הענגען א שווערע שטילקייט. פאַלי האָט שוין פון דעם פאָטערס אַראָפּגעלאָזטע אויגן און פון דינהס שטומער פּלייצע דערפילט די אמתע סיבה פון שלמהס פאַרשווונדן ווערן. זי איז מיט א מאָל געוואָרן ווייס ווי קרייד. זי האָט שטאַר געקוקט אויף די ברענענדיקע ליכט, נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון די ווייסע פלעמעלעך מיט די ראָזע פּיסקעלעך, גלייך ווי גראַד פון זיי דאַרף קומען דער ריכטיקער ענטפער אויף אַלע ספקות, וואָס מאַטערן זי. אַט די יום־טובדיקע פייערלעך דאַרפן נאָר וועלן, קען גלייך אויסגעלאָדן ווערן די גאַנצע פאַרגיפטעטע אַטמאָספערע, קען אין איין הרף־עין פאַרשווינדן דער קאָשמאַר פון די פאַרשפּילטע עקזאַמענס, פון דעם אומדערטרעגלעכן שוטה — וואָלאָדקן, די ווייטיקלעכע נאָדלען, וואָס זי באַקומט אין דער היים פון יעדן איינעם באַזונדער, פון שלמהס נישט וועלן איר ווינטשן קיין „גוט יאָר"... ביים דערמאָנען זיך אין שלמהס נעלם ווערן, האָט זי פּלוצלינג א ציטער געטון מיט אַלע אברים. זי האָט א פינקל געטון מיט די אויגן אויף זיין פּאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען אַקוראַט אַקעגן איר און איז צוגעגאַנגען צום הענגער נאָך איר פּאַלטאָ.

די מוטער איז צוגעגאַנגען:

— וווהין זשע גייסטו, פאַלי? שלמה וועט דאָך אודאי באַלד אַרײַנקומען.

— ניין, איך דאַרף גיין. די מאַמע איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, מוז איך זיין אין שטוב, און דער טאַטע וועט אויף מיר וואַרטן מיט קידוש. איך האָב מיך טאַקע נאָר צוגעכאַפּט אייך ווינטשן א „לשנה־טובה". א גוטן יום־טוב!

— א גוטן יום־טוב, א גוט יאָר! קום צו גיין.

— ווי דען אַנדערש? אודאי וועל איך קומען.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אז עס איז אַלץ ליגן: נישט זי יאָגט זיך אַזוי שטאַרק צום פאָטערס קידוש, נישט אסתר איז קראַנק, נישט זי וועט נאָך ווען עס איז קומען אַהער נאָך שלמהס היינטיקן קבלת־פּנים, און זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אז זיי פאַרשטייען דאָס.

שלמה האָט זי באַמערקט אַראָפּגיין פון די טרעפ און האָט זיך אין דער פינצטער געלאָזט גיין אַקעגן, איבערשניידנדיק איר דעם וועג. פאַלי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, ווי פון א לויה. דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגן זינלאָז אַרײַנגעשטעקט אין דעם אומהיימלעכן פינצטערניש. ווען אין דער פינצטער איז פאַר איר אומגעריכט אויסגעוואַקסן שלמהס פיגור, האָט זי

זיך אַ דערשראָקענע אַ וואָרף געטון אויף צוריק, און איז מיט דער האַנט אויפן האַרצן געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע. אַ לאַנגע ווײַלע זענען זיי אַזוי געשטאַנען פאַרשלייערטע אין שאָטן פון דער פּאַרכטיקער נאַכט, שלאַנקע, שווייגנדיקע, פאַרשלאָסענע, מיט אָנגעצילטע אויגן איינער אויפן אַנדערן. ערגלעך האָט שלמה שטיל געפרעגט:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? אַזאַ שרעקלעכער בין איך דען?

— יאָ דערשראָקן, צי נישט דערשראָקן, דו זאָג מיר בעסער, וואָס באַטייט אָט די שפּיל אין באַהעלטעניש?

שלמה האָט מיט אַ פאַרשטיקט קול געענטפערט:

— עס איז נישט קיין שפּיל, פּאָלי. מיר איז גאָרנישט אַזוי פריילעך אויפן האַרצן, איך זאָל מיך גאָר נעמען שפּילן. איך בין אַריינגעקומען פונעם דאַווענען אַ פאַרוויינטער און דערהערנדיק דיין קול — אַנטלאָפן. איך האָב נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיך זען אַ פאַרוויינטן, פאַר מיינע עלטערן אין די אויגן.

די ערשט־איבערגעלאָזטע אומגליקלעכע שטוב, שלמהס שטיין אויף דער גאַס, זיין האַרציקער טאָן, אַלץ צוזאַמען האָט זי אויפגעטרייסלט. מיט אַ יאָמערלעכן געוויין האָט זי אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט:

— וואָס זשע האָב איך דיר דען אַזוינס געזאָגט, וואָס דו האָסט געדאַרפט וויינען?

— מיין אויסגעמוטשעטע נשמה דאַרף דען אַ סך? דו האָסט נאָר געדאַרפט אָנהייבן און דאָס האַרץ האָט שוין אַליין דערזאָגט דאָס איבעריקע. מען וויל דען וויינען? אַז עס וויינט זיך — וויינט מען.

— שלמה, איך שווער דיר ביי אונדזער גליק, אַז דאָס מאָל האָט דיך דיין האַרץ אָפּגענאַרט. כ'האָב גאָרנישט אַזוינס געמיינט...

— לאָמיר דאָס אָפּלאָזן, פּאָלי. עס איז נישט אויף איצט קיין שמועס. זע נאָר, מיר רעדן שוין אַזוי לאַנג, און זיך אפילו קיין „שנה־טובה" נישט געווונטשן... לשנה טובה תכתבי ותחתמי —

שלמה האָט דערפילט די פריערדיקע ספּאַזמע אין האַלדז און נישט דערענדיקנדיק — אַנטשוויגן געוואָרן. פּאָלי האָט אויך געשוויגן. זייערע הענט זענען געווען שטייף צונויפגעדריקט איינע אין דער אַנדערער, נאָרביידע זענען געווען קאַלט ווי אייז.

פּאָלי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט:

— ביי לייטן, אַז מען באַגריסט אַ כלה מיט אַ נייר־יאָר, גיט מען איר אַ קוש אויך. צי ראש־השנה טאָר מען נישט?

— ראש־השנה ווייס איך נישט, צי מען מעג, צי מען טאָר נישט, נאָר אַ פרעמד מיידל — איז זיכער נישט כדאי.

— בין איך דיר הייסט עס, אַ פרעמדע?

— קוים קענסטו מיך אַזוי אומברחמנותדיק פירן ביי דער נאָז: יאָ אַ ברעג, נישט אַ ברעג, — ביסטו מיר נאָך אַ פּנים אַ פרעמדע...

— שלמה, דו גיסט זיך יאָ אָפּ אַ חשבון, וואָס דו רעדסט?

— זייער און זייער געניי גיב איך מיר אָפּ אַ חשבון. הלואי וואָלסט דו זיך אַזוי אָפּגעגעבן חשבון אין דיינע רייד און אין דיינע מעשים. נאָר מיר האָבן ווידער פאַרבלאָנדזשעט פון גלייכן וועג... עס איז יום־טוב, ראש־השנה, איצט שרייבט מען אָן דאָרט פון אויבן, וואָס מיט וועמען עס זאָל געשען; ווער מיט וועמען עס זאָל זיך פאַראייניקן, ווער מיט וועמען זיך צעשיידן. מעגלעך, אַז אין דער זעלבער רגע, וואָס מיר שטייען דאָ און רעדן, באַשליסט מען פון אויבן אונדזער ביידנס גורל: צוזאַמען זיין, אָדער באַזונדער, גליקלעך, צי אומגליקלעך...

אַ מינוט איז שטיל געווען, דערנאָך פרעגט שלמה:

— דו ביסט אַוועקגעגאַנגען פון אונדזער שטוב, ווייל דו האָסט מיך נישט געטראָפן, צי דו האָסט אַלץ איינס נישט געקלערט בלייבן צום עסן?

פאַלי איז אַזוי צעטראָגן, אַז זי האָט נישט דערהערט זיין פראַגע און געבעטן איבערחזרן.

— אַך, ניין. איך האָב נישט געטראַכט בלייבן צום עסן, נאָר אַ „שנה־טובה" ווינטשן און פאָרן צוריק.

— דו וועסט מיר אַנטשולדיקן, פאַלי, וואָס איך וועל מיך אומקערן אין שטוב אַריין און נישט וואַרטן אויף דיין אָפּפאָר. מיר איז נישט אָנגענעם צו זען, ווי דו פאָרסט אוועק. פאַרשטייסט אַליין...

— אודאי, ווי דען? ווער פאַרשטייט דאָס נישט? גיי, גיי...

— אַ גוטן יום־טוב!

— אַ גוטן יום־טוב, אַ גוט־יאָר!

נישט דערלאַנגענדיק איר די האַנט, איז שלמה אַוועקגעגאַנגען אַהיים. זי איז געשטאַנען אויף איר אָרט ווי איינגעגראָבן, מיט ברענענדיקע אויגן האָט זי נאָכגעקוקט דער זיך דערווייטערנדיקער פיגור. שלמה האָט זיך אפילו קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט. דאָס האַרץ האָט זיך אין איר צעריסן אויף שטיקער. אַ מעכטיקער, פאַרבאָרגענער כח האָט זי געשטופּט, געטריבן:

— וואָס שטייסטו, דו אומגליקלעכע? דיין גליק רינט אוים מיט יעדער מינוט אַלץ מער. דעריאָג אים! לאָז אים נישט אָפּ! נאָך אַ מאָל שלמה איז נישטאָ אין ערגעץ. קער דיך אום אין יענער שטוב, וווּ דו האָסט פאַרשטערט דעם יום־טוב, פאַל זיי צו די פיס, ווייז פאַר זיי, זיי זאָלן דיר מוחל זיין דאָס בלוטצאַפּעניש, וואָס זיי האָבן פון דיר ביז איצט געהאַט, די רציחהדיקע יסורים, וואָס דו פאַרשאַפסט זייער שלמהן. דו, אַ פרעמד מיידל! לויף, שטיי נישט! איצט קענסטו נאָך אַלץ פאַרריכטן.

נאָר פאַלי האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. זי האָט בלויז נאָכגעשפּירט מיט די אויגן. גלייך ווי אַ סטרונע איז שלמה געגאַנגען. אָט גייט ער אַרויף אויפן גאַניק. זי וואָלט אים נאָך געקענט צוריקקערן. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט וואָלט ער נאָך זיכער דערהערט איר געשריי. נאָר זי שטייט ווי פאַרגליווערט. אָט מאַכט זיך צו די טיר הינטער אים, שוין, — אוים!

זי זאָל שוין אפילו ווענן, קען זי שוין איצט נישט אריינקומען אין יענער שטוב אריין. איר איז פאַרבאָטן דער אריינגאַנג אין יענעם היליקטום! שטרענג פאַרבאָטן. פאַר אפרים־אהרונען קענען נישט אָנגיין די תירוצים וואָס פאַר שלמהן. נאָר אַן עק! זיי גייען שוין פאַר שלמהן אויך נישט אָן. ווי האָט ער געזאָגט, „אַ פרעמד מיידל״? אָט דאָס איז דאָס! זיך דער־דינט!... לאַנג געוואַרט, אָבער גוט געמאַכט. ווען דער פעטער שמואליק איז איצט דאָ, און הערט, ביי וואָס עס האַלט צווישן זיי, וואָלט ער זי זיכער געהרגעט. מיט זיינע אייגענע הענט וואָלט ער זי דערוואָרגן און וואָלט אפשר געווען געטערכט אויך...

זי קוקט אויף די באַלויכטענע פענצטער פון זייער הויז און רעדט צו זיך אַליין:

— איך טאָר מער יענע שוועל נישט אַריבערטרעטן, סיידן אין דעם חופה־קלייד. דאָרטן איז נאָס דער טישטעך פון טרערן. דאָרטן שטייט דאָס בלוט איבער די קניען. און איך בין די איינציקע שולדיקע.

אויפן ראָג פון דער ווייטנס באַווייזט זיך אַ טראַמוויי. אַ שאַרפער, טרוקענער קלונג מינטערט זי אויף פון איר צושטאַנד. זי דערמאָנט זיך אין שלמהס רייד, אַז דאָרטן פון אויבן שרייבט מען אַצינד עפּעס. זי פאַרדרייסט דעם קאָפּ אין הימל אריין: פרעמד, פינצטער. ער איז בייז אויף איר, דער הימל. עס נעמט זי דורך אַ שוידער. אַן אומפאַרשטענד־לעכע שרעק דריקט איר האַרץ, און זי גייט אַוועק צו פוס אַהיים.

פאָלי איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און האָט זיך ווידער אָפּגע־שטעלט. נישט ווילנדיק האָט זי אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און כ'איז אויף איר געפאַלן אַן אימה ופחד. די שפּיציקע אייגעלעך האָבן עפּעס געווינקען צו איר, וועגן עפּעס זי געוואָרנט. זי האָט גוט געפילט, וואָס זיי ווילן איר זאָגן, זי האָט גוט געוווסט, ווי נייטיק זי דאַרף זיי פאָלגן, נאָר זי האָט נישט געקענט רירן מיט קיין אבר. זי האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט איבעררייסן דעם אומדערטרעגלעכן קאָשמאַר, נאָר די בלוטן אין איר זענען געווען ווי פאַרגליווערט און אין גאַנצן איז זי גע־ווען ווי פּאַראַליזירט.

אויפן וועג באַשליסט זי, אַז אין דער היים וועט זי זאָגן, אַז זי האָט שוין די יום־טובדיקע סעודה געגעסן ביי אפרים־אהרונען, ביי איר חתן.

קאפיטל LI

נאָך ראש השנה האָט שלמה זיך נישט שטאַרק געאײַלט אויסצוהערן, וואָס פֿאָלי האָט אים דאַרט צו זאָגן. אַ פּאָר מאָל איז ער דווקא געווען ביי זיי אין שטוב, געזעסן, געשמועסט, נאָר שטענדיק אָוועקגעגאַנגען, נישט האָבנדיק געפֿרעגט ביי איר קיין זאַך. שלמהס קאַלטבלוטיקייט האָט פֿאָ־לין אַרויסגעפֿירט פֿון געדולד. אין איינעם אַ טאָג האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט, און באַגלייטנדיק שלמהן, אים פאַרשלעפּט אין „קייזערלעכן גאָרטן" און דאָרט האָט זי אים אָן הקדמות, סאַרקאַסטיש געפֿרעגט:

— און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיר האָבן ערב ראש השנה נישט דערערדט אַליץ. האָט זיך עס מיר אַ פּנים נאָר אויסגעוויזן?

שלמה האָט געשוויגן.

— וואָס זשע שווייגסטו? אפשר אינטערעסירט דאָס דיך שוין נישט? זאָג...

— פאַר וואָס אינטערעסירט דאָס מיך נישט?

— פאַר וואָס זשע פרעגסטו נישט?

— ווייל כ'ווייס, אַז דו האָסט אַ גוטן זכרון, און קוים שווייגסטו, מן־הסתם דאַרפסטו שווייגן.

— ווילסטו, הייסט עס, יאָ הערן?

— פאַר וואָס זאָל איך נישט וועלן?

פֿאָלי פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ ביז בלוט. אַ היפּשע ווײַלע גייען זיי שטיל, נישט רעדנדיק אַ וואָרט צווישן זיך. מיט אַ מאָל, באַהערשט פון אַ צופלוס וואַרעמע געפילן, כאַפּט אָן פֿאָלי זיין האַנט:

— שלמהלע, טייערער, ליבער מיינער, מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט קעגן דיר, וואָס עס ווייעט פון דיר מיט אַזאַ קעלט?

— וואָס ווילסטו? עס גייט דאָך עפּעס צו ווינטער. עס איז פּאַוואָ־לינקע שוין אָקטאָבער. מען דאַרף שוין באַלד הייצן די הרובעס...

— שלמה, פאַר וואָס רעדסטו עפּעס מיט מיר אַזוי ווי מיט אַ קינד?

שלמה האָט מיט אַ טאָן, אַ קאַלטן ווי שטאָל, אָפּגעשניטן:

— דו האָסט אַ טעות, פֿאָלי! נישט איך, נאָר דו אַליין רעדסט ווי אַ קינד... וואָס פרעגסטו מיך אויף טעמפּעראַטור? זאָג, וואָס דו האָסט צו זאָגן, און דערנאָך וועלן מיר רעדן.

ביי פֿאָלין אין די אויגן שטייען טרערן פון אומבאַהאָלפנקייט און ווייטיק... מיט איר זאָל מען אַזוי רעדן... און נאָך ווער? עס איז איר שווער זיך צו באַשליסן: רעדן ווייטער, צי אַוועקגיין אָן אַ „זיי געזונט". ענדלעך הייבט זי אָן מיט אַ פאַרדומפּן קול:

— ווען אַ צווייטער וואָלט מיט מיר גערעדט מיט אַזאַ טאָן, וואָלט איך שוין אייביק אויף זיין פּנים נישט געקוקט, נאָר דו — ביסט עפּעס אַנדערש. קיין נעענטערס פון דיר האָב איך נישט. אפילו דעם טאַטן האָב איך נישט געזאָגט דערפון. אפילו אַווראַמען נישט. אָבער דיר מוז איך זאָגן. אַז נישט, וועמען דען שוין? די זאַך באַשטייט אָט אין וואָס:

מיר... דאָס הייסט... איך, בין געוואָרן, אַז אין אונדזער דורכפאַל איז עמעצער שולדיק. עס איז נישט אַזוי גלאַט... איך ווייס דאָך ביי זיך, אַז איך האָב אַלץ געקענט, אַז בעסער קען גאָרנישט זיין. נאָר אייניקע חברה־לייט, פאַר קנאה, פאַר וואָס אַנדערע זאָלן זיך איינשפּאָרן אַ יאָר און זיי — נישט, האָבן זיי געבלאַטעוועט* די פּראָפעסאָרן, און... און מיר זענען איבערגעבליבן אויפן צווייטן. און ווילסן דאַרפסטו, אַז מיר... עס הייסט — איך, בין די בעסטע שילערין אין קלאַס. וואָס מען זאָל נישט לערנען, איז ביי מיר אַזוי ווי ערשט אָוועקגעלייגט פון דער האַנט. אַלצדינג ליגט מיר ממש אויף דער צונג... און אפילו דער קאָמסאָרג איז אויך אויף אונדזער זייט. נאָר וואָס האָב איך פון דעם אַלעמען?... האָב איך אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז צו די ווינטערדיקע קאַניקולעס, — יאַנואַר צי פעברואַר, איך ווייס נישט ווען זיי קענען היינטיקן ווינטער אויסקומען, — האָב איך, הייסט עס, באַשלאָסן דאַמאָלסט צו פאָדערן צווייטע עקזאַמענס, מיט אַנדערע פּראָפעסאָרן. און אָט ווען דו אומיסטן זען, מיין טייערער, מיין געטרייער, מיין איינציקער, אַז איך וועל זיך מיינס דערשלאָגן. עס מעג זיך איבערקערן די גאַנצע וועלט, מוז איך אין מיטן ווינטער אַריבער אין דריטן, און פרילינג — אין פערטן! איך פיל, אַז עס קומט מיר, און דאַן —

דער ענטפער אויף איר לאַנגן מאָנאָלאָג איז געווען אַ שטילשווייגן. עטלעכע מינוט איז געווען שטיל. פאַלי האָט אַ מורמל געטון:

— וואָס זשע שווייגסטו?

די אַליע האָט זיך לאַנגזאַם אָפּגערוקט אויף צוריק. דער שליאַך פון אָנגעשטויסענער ערד, האָט זיך שלוהדיק געוויקלט פון אונטער זייערע פיס און האָט זיך אין דעם חושך צוריק צונויפגעוויקלט. דער בלאַסער לבנה־סערפּ האָט מיט איין אייגל געכאַפּט אַ קוק אויף זיי: שווייגן נאָך אַלץ... און ווירקלעך, פוס טריט איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ שווערע שטילקייט. מיט אַ מאָל האָט פאַלי געמאַכט אַ שריט פאָרויס, אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע אַקסלען און אים צוגעצויגן צו זיך:

— שלמהלע, לעבן מיינס, פאַר וואָס דערגייען צו דיר נישט מיינע רייד? דו האָסט זיך לעצטנס פאַרפאַנצערט קעגן מיר מיט שטאָל און אייזן און מיינע אויפריכטיקע רייד קענען נישט דורכדרינגען צו דיין האַרצן. פאַר וואָס ווילסטו נישט באַנעמען דעם ענין אַזוי ווי ער איז? איך בין דאָך נישט קיין פּופּצניערקע גימנאַזיסטקע, וואָס: אַ יאָר פריער, צי אַ יאָר שפּעטער — זי וועט נאָך איינפאָרן. ביי מיינע יאָרן מוותר זיין אויף אַן אַטעסטאַט פונעם דריטן קורס צוליב אַ קאַפּריז: חתונה האָבן פריער מיט עטלעכע חדשים, צי שפּעטער מיט עטלעכע — קען איך נישט! איך טאָר דאָס נישט טון! גיי אַריין אין מיין לאַגע...

שלמה האָט אַ קרומען שמייכל געטון:

---

* אונטערגעקויפט.

— דיינע רייד דערמאָנען מיך אין אַ פיקאַנטן אַנעקדאָט. מען דערציילט —

ער האָט זיך דערוואָרגן אין מיטן וואָרט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. פאָלי האָט געוואַרט. די שטומע נאַכט האָט געוואַרט. דער גאַנצער חלל האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און געוואַרט. ענדלעך האָט פאָלי אים אַ טאָרקע געטון מיטן עלנבויגן:

— נו, וואָס זשע ביסטו אַנטשוויגן געוואָרן? האָסט דאָך, דאַכט זיך, עפּעס געוואָלט דערציילן...

— ווייס איך, זאָל שוין זיין... מאַלע וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן עס קענען איינפאַלן...

— ניין, ניין, דערצייל... זאָל זיין נאַרישקייטן... איך האָב אָפט מאָל ליב דיינע נאַרישקייטן מער ווי דיינע חכמות...

— נו, מילא, אַז דו ווילסט אַזוי שטאַרק, וועל איך דיר צוליב טון. מען דערציילט: אַ מאָל איז געווען אַ ייד אַ גביר, אַ גרויסער סוחר. אין שטעטל האָט מען אים אין געגלייבט ווי אין אורים־ותומים. ווו אַ פקדון, ווו אַ השלשה, ווו אַ נדן פון אַן אָרעמער כלה, האָט מען געוווסט איין אָרט — צום שטאָט־נגיד. און דאָ, בסך הכל, האָט גאָר דער גביר געהאַלטן ביי מעלדן באַנקראָט. אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט: די נחלות איבערגעשריבן אויף אַ פרעמדן נאָמען, די ווערטבאַרע מטלטלין — ערגעץ פאַרשטעקט, די מזומנים — מקבר געווען. בקיצור דאָס „אָפּשטעלן" זיך, איז שוין געווען אַ פראַגע פון געציילטע טעג. דאַרף זיך מאַכן אַזאַ געשיכטע: אין דעם זעלבן שטעטל, האָט ביי אַן אָרעמער פרוי זיך אויפגעצויגן אַ יתומהלע. פון קינדווייז אָן האָט מען שוין פאַר דעם יתומהלע געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן אויף נדן. גראָד צו יענער צייט, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ חתן פאַר דעם מיידל און מען איז מושווה געוואָרן, אַז די צוויי הונדערט רובל נדן וואָס די כלה פאַרמאָגט, זאָל מען איינלייגן אין זיכערע הענט ביז נאָך דער חופה. היינט, ווו איז נאָך דאָ מער זיכערע הענט, ווי ביים שטאָט־גביר? טראָגט די אפּוטרופּוסניצע מיט דער כלה איר נדן צום גביר. עס איז געווען שפּעט אין אָוונט, — ביי טאָג גייט מען נישט יענעם דולן דעם קאָפּ מיט קיין מצוהלעך — האָבן זיי געמוזט עטלעכע מאָל קלאַפּן, ביז מען האָט זיי געעפנט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען די גבירנטע אַליין: — „וואָס דאַרפט איר"? דערציילן זיי איר: באשר בכן, עס איז געוואָרן אַ שידוך בשעה טובה ומוצלחת, האָבן זיי געבראַכט דעם נדן איינלייגן, כנהוג... די גבירנטע האָט גראָד געהאַט אַ יידישע נשמה. דער גאַנצער אויפטו מיטן „אַרויסשטעלן דער וועלט אַ פייג", איז געווען על אפה ועל חמתה. עס האָט זי געקרענקט, נאָר זי האָט געמוזט שווייגן. גאָט האָט זי געבענטשט נישט מיט קיין מאַן, נאָר מיט אַ „המן". אָבער דאָ האָט עס זי שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצן אויף דער וויסטער יתומה, וואָס קען איצט אומגליקלעך ווערן אויפן גאַנצן לעבן און זי האָט זיי אונטער פאַרשידענע אויסרעדן משלח געווען, נישט אַריינגע־

לאָזט אין שטוב אריין. ווען זי האָט זיך אומגעקערט אין זאַל אריין, פרעגט זי דער מאַן:

— ווער איז דאָרט געווען?

— פעסיע די יתומה איז אַ כלה געוואָרן, האָט זי געבראַכט אירע בידנע צוויי הונדערט רובל איינצולייגן.

— נו?

— האָב איך זיי אָפּגעשיקט צו אַלדע גוטע יאָר. נאָך יתומהשע טרערן פעלן מיר...

דער גביר האָט פאַרקרימט די נאָז ווי פון אַ שטאַרקן שמעק־טאַבאַק:

— פון דעסט וועגן, חנצי, האָסטו נישט גלייך געטון. פעסיע איז טאַקע נעבעך אַן אָרעמע יתומה, אָבער קיין צוויי הונדערט רובל במזומנים איר צו שענקען — פאַרמאָג איך נישט... וואָס בין איך, ראָטשילד?

ביים דניעפּר, וועלכער איז מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געלעגן אין דער נידער און האָט זיך צוגעהערט, איז דורכגעלאָפן אַ שוידער איבערן לייב, דערהערנדיק די חוצפה פון דעם דאַזיקן אָנזעצער. דער הימל האָט זיך צעלאַכט אין דער גאַנצער ברייט פונעם האָריזאָנט, באַוויזן דער וועלט זיינע בלענדנדיק־ווייסע ציין. מענטשן, וואָס האָבן נישט געוווּסט די אמתע סיבה פון זיין לאַכן, האָבן גאָר געקענט מיינען, אַז דאָס בליצט פון דער בייטאָגיקער היץ. אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט. דאַן האָט זיך פּאַלי, מיט אַ כריפּלע ביי־קול אָנגערופן:

— שוין?

— דיר איז נאָך קאַרג?

— אָבער איך פאַרשטיי נישט —

— קוים פרעגסטו: „שוין", פאַרשטיי איך שוין אַליין, אַז דו פאַר־שטייסט נישט.

— ניין, איך זאָג, איך פאַרשטיי נישט: וואָס אַזוינס אין מיינע רייד האָט דיך דערמאָנט אין אָט דעם בייסיקן אָנעקדאָט?

— טאַקע דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז דו האָסט נישט צעקייט דעם יאָדער... דו רעדסט פון „מותר" זיין אויפן דריטן קורס, אין דער צייט, וואָס דו ביסט נאָך גאַ—נץ ווייט פונעם צווייטן...

— דאָס לייגסטו מיר אַזוי אויס צו גוטן, ווי אַן אמתער גוטער פריינד?

— איך בין נישט קיין קאָרטנוואַרפער און לייג נישט אויס, איך זאָג דאָס, וואָס איך פאַרשטיי און פיל...

יאָ—אָ... איך פאַרשטיי אויך און פיל גוט, וואָס פאַר אַ לאָך ס'איז געוואָרן אין דיינע געפילן צו מיר...

— אַזוי איז דאָס נשמה מיינע, אויף צו מאַכן אַ לאָך אין קאַלטן אייזן, מוז מען לאַנג האַרעווען. דאַקעגן, אין צעגליטן אייזן — איז גענוג אַ שפּריץ טון מיט קאַלט וואַסער... און וואָס מער דאָס אייזן איז צעגליט — אַלץ שנעלער און טיפער ווערט דער לאָך. אַזוי, טייבעלע מיינס, האָט גאָט באַשאַפן די וועלט, ס'איז פאַר—פאַלן!

פֿאַלי האָט פֿאַרביסן אַ ליפּ און גאָרנישט געענטפֿערט. נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט שלמה, ווי צו זיך אַליין רעדנדיק, נישט דײַטלעך געזאָגט:

— און ווען דײַן אָנגענומענעם באַשלוס —

פֿאַלי האָט מיט אָנגעצונדענע אויגן געשפּירט נאָך זײַנע ליפּן, אָבער זיי זענען עקשנותדיק געווען פֿאַרשלאָסן. זי האָט מיט אַ פֿאַרדומפּן קול שטיל געפֿרעגט:

— וואָס זשע שווײַגסטו?

— יאָ, זאָג נאָר, געערטע פֿרײַלין, און דאָס, וואָס דו האָסט געשווירן זעלבסטשטענדיק נישט אָנצונעמען קיין וויכטיקע באַשלוסן, איז געבילט?

פֿאַלי האָט פּונקט לעצטן וואָרט אַ ציטער געטון, ווי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ ביס געטון. זי האָט אַראָפּגעשלונגען אַ פֿאַרדריסלעכע כוואַליע און קוים מיטן אויער צו כאַפּן אַרויסגעבראַכט:

— איך האָב דאָס גאָר נישט גערעכנט פֿאַר אַזאַ וויכטיקן באַשלוס... אונדזער —

זי האָט נישט געוואָגט אַרויסצוברענגען דאָס וואָרט „חתונה”.

— אונדזער... האָט געזאָלט פֿאָרקומען אין נאָוועמבער און אַצינד וועט זי שוין מוזן זײַן אין יאַנואַר אָדער פֿעברואַר. איך ווייס נישט אויף אַקוראַט... איז דאָס בסך־הכּל אַוועלכע צוויי אָדער דרײַ חדשים שפּעטער. וואָס זשע איז דאָ אַזוי שרעקלעך? חדשים, זענען דאָך נישט קיין יאָרן. וואָס, ניין?

שלמה האָט זיך פּלוצלינג צעשאָטן אין אַ ביטערן געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ!... דו געדענקסט, איך האָב דיר אין וואַלד געזאָגט וועגן קעץ? דו באַמערקסט אַליין נישט, אַז זיי האָבן דיך שוין באַלד אויפֿגעגריזשעט. עס פֿעלט שוין זייער ווייניק, אַז זיי זאָלן דערגרייכן צום סאַמע האַרץ, זיי דערקלייבן זיך שוין אַהין. און בנוגע דעם וואָס דו פֿרעגסט מײַן מיינונג וועגן דײַן באַשלוס, זאָג איך גאָרנישט! וואָס איז דען דאָ צו זאָגן? ווער שמועסט, אויב דער קאָמסאָרג האַלט אויך מיט דיר און וואָלאָדיאַ איז נאָך אויך נישט מיד צו קעמפֿן. מהיכי תּיתי, טו, און גאָט זאָל דיר העלפֿן! וואָס־וואָס, נאָר קיין שונא בין איך דיר נישט.

*

עס איז איבערגעלאָפֿן יום־כּפּור, עס זענען איבערגעלאָפֿן די ערשטע טעג סוכּות און די צווייטע, מען האָט אָפּגעהוליעט שבת־בראשית, און דער האַרבסט האָט אַרײַנגעשטעקט די נאָז שוין אויף אַן אמת. קאַלטע ווינטן האָבן געהייסן אויסטרייסלען דעם נאָפּטאַלין פֿון דעם פּאַלטאָ און אים אָנטון. אָפּטע, שיטערע, אײַנגעגעסענע רעגנדלעך האָבן אַרויסבאַקומען די קאַלאָשן און צוגעגרייט זיי בײַ דער טיר. אויף די מערקלעך האָבן זיך באַוויזן פּויערן מיט זעקלעך שפּענער, מיט פֿורן שטרוי. די מלוכה האָט באַפֿוילן אַראָפּצורוקן די אַרבעטסצײַט. אויף אַ שעה שפּעטער אָנהייבן און אַ שעה שפּעטער ענדיקן, ווײַל דער טאָג איז קענטיק קורצער געוואָרן.

צייטנווייז פֿלעגט זיך נאָך דווקא טרעפֿן אַ שיינער, אַ וואַרעמער טאָג. דאַן האָבן אַלע געקוקט מיט בענקעניש אין הימל אַריין. דאָס האַרץ האָט גענאָגט, אַ וואַרעמל האָט דאָרט געזויגן:

— עס פֿאַרלאָזט אונדז דער זומער, דאָס זענען די לעצטע פֿונקען.

זעענדיק, ווי איבערן טשוגונענעם הימלפֿלאַך טראָגן זיך פֿאַרביי די לעצטע רעשטלעך פֿון די שוין לאַנג־פֿאַרשווּנדענע שיירות וואַנדערפֿייגל, פֿלעגן די אַלטע לייט מיט יאוש זיי נאָכקוקן און שעפּטשען פֿאַר זיך:

— אפֿילו די מחלל־שבתניקעס* טראָגן זיך שוין אויך אָפּ מיט זייער פּעקל ביינער... ס'איז שוין דער גוטער סימן...

דער סדר העולם איז: עולם כמנהגו נוהג. אין יענעם נאָך ימים־טובים איז געווען אַ גערעטעניש אויף חתונות. עס האָט חתונה געהאַט גאָלדע, מנשה כאַראַאָוס שוועסטער. עס האָט חתונה געהאַט מיכאל, אפֿרים־אהרונס ברודער. עס האָט חתונה געהאַט איינער פֿון שלמהס חברים אַ „פֿאַנטאָפּעלעץ" — ראַפּאָפּאָרט, פֿון פֿאָדאָל. אַלע חתונות זענען געווען רוישיקע. אויף אַלע חתונות איז שלמה געווען אַ הויפּט־מחותן און אויף אַלע חתונות האָט ער נישט ווילנדיק געזייט אַרום זיך אומעט און טרויער. ווען אַלע האָבן געטאַנצט, האָט ער אויך געטאַנצט. האָט מען געזונגען, האָט ער אויך מיטגעזונגען. בכלל, אויסערלעך איז ביי אים געווען אַלץ אין אָרדענונג, אָבער די, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן געפֿילט, אַז זיין נשמה איז דאָ נישטאָ אויף דער שמחה, בלויז זיין גוף זיצט מיט זיי. וויפֿל שלמה אַליין האָט נישט געמאַכט קיין אָנשטרענגונגען איבער זיך עטוואָס צו פֿאַרגעסן זיינע אַנגסטן, האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן. קיין פֿרייד קויפֿט מען נישט אין ערגעץ. פֿרייד גייט פֿון דער נשמה, און זיין נשמה איז געווען פֿאַרוואָלקנט ביז גאָר. דאָס האַרץ איז געווען פֿאַרגליווערט, פֿאַרשטיינערט, קיין איינציקער שטראַל ליכט האָט זיך אַהין נישט גע־קענט דורכרייסן. מעכאַניש איז ער אַרומגעגאַנגען; מעכאַניש גערעדט מיט מענטשן; מעכאַניש געפֿירט זיינע געשעפֿטן. אַזוי, אַ קוק טון, האָט מען בפֿירוש געקענט מיינען, אַז עס איז דער זעלבער שלמה וואָס שטענדיק, אין דער אמתן איז עס אָבער געווען נישט אַזוי.

דער רוח הקודש האָט זיך פֿון אים אָפּגעטון.

---

* אין דער פֿאָלקס שפּראַך געמיינט — פֿאַרשפּעטיקטע.

ע נ ד ע פֿ ו ן ז ע ק ס ט ן ב אַ נ ד.

דער קומענדיקער באַנד:

די לעצטע פּרוּוו